STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00549

# UMKUM FUN DER YIDISHER KOVNE

Joseph Gar

*Permanent preservation of this book was made possible by Mr. & Mrs. B. Grandis, Dr. & Mrs. E. Weinstein, Dr. & Mrs. N. Nissel, and Mr. & Mrs. S. Weinstein in memory of Sally & Charles Weinstein*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף גאַר

# אומקום

פון דער

# יידישער קאָוונע

אַרויסגעגעבן דורכן פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן
אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד, מינכען.
1948

*THE EXTERMINATION of the JEWS of KOWNO (KAUNAS)*

ALL RIGHTS RESERVED

Special issue to „Unser Weg" (Our Way) published under Eucom Civil Affairs Division, Authorization Numer UNDP 244 by the Central Committee of the Liberated Jews of US Zone. Responsible Publisher: Ruben Rubinstein. Printed by Buchdruckerei Joh. Wagner & Söhne, Ffm.-Höchst, Kasinostr. 22

פֿיר, אומפֿאַרגעסלעכן טעכטערל

שעטערלע! —

אין טרויער און בענקשאַפֿט

# אינהאַלט־פאַרצייכעניש

זייט


☆☆☆ ראובן רובינשטיין 7

☆☆☆ דר. פיליפּ פרידמאַן 9

פאָרוואָרט י. ג. 12

I. באַמערקונגען צום מצב פונעם ליטווישן יידנטום אין די יאָרן 1918־1940 . . . . . . . . . . . 17

איינציקע שטריכן צום פּאָליטישן, סאָציאַל־עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב פון ליטוויש־יידישן קיבוץ אין פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. — אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג. — וויכטיקסטע געשע־ענישן אין לאַנד ביז צום אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין ליטע.

II. איין יאָר סאָוועטישע תקופה אין ליטע (יוני 1940־יוני 1941) . . . . . . . . . . 26

ראַדיקאַלע שינויים אין לעבן פון דער ייד. באַפעלקערונג אין ליטע בשייכות מיטן איינפירן אין לאַנד דעם סאָוועטישן רעזשים. — אייליקע דעפּאָרטאַציע פון די פּאָליטיש־אומלאָיאַלע עלעמענטן האַרט פאַרן מלחמה־אויסברוך צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. — פאַר־שטאַרקטע אַנטיסאָוועטישע ווי אויך אַנטיסעמיטישע שטימונג ביי די ליטווינער.

III. אויסברוך פונעם דייטש־סאָוועטישן קריג און די בהלה־דיקע עוואַקואַציע . . . . . . . . . . 30

באַוואָפנטע קאַמפן מצד דער ליטווישער „5־טער קאָלאָנע" קעגן דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי. — טיילווייזע עוואַקואַציע פון די יידן אין די טיפערע געביטן פון ראַטן־פאַרבאַנד. — ערשטע ייד. מלחמה־קרבנות.

IV. ערשטע מאַסן־עקסצעסן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין קאָוונע . . . . . . . . . . . 33

מצב אין קאָוונע ערב דער דייטשער אָקופּאַציע. — אַנטי־יידישע העצע דורכן ליטווישן ראַדיאָפאָן. — איבערפאַלן אויף יידן אין קאָוונע. —

גרויזאַמער פּאָגראָם אין סלאָבאָדקע. — בעסטיאַלישע רציחות אין די גאַראַזשן.

V. שוידערלעכע הריגה אויפן 7—טן פאָרט . . . . . . . . 40

גזלנישע פאַרברעכנס מצד ליטווישע פּאַרטיזאַנער איבער די צונויפ־כאַפּטע 10—12 טויזנט יידן. — שענדונגען און דערשיסונגען פון יידישע פרויען. — דערמאָרדונג פון 7־8 טויזנט יידן.

VI. גרינדונג פון סלאָבאָדקער געטאָ . . . . . . . . 44

שאַפונג פון אַ יידישן קאָמיטעט. — יידישע באַפעלקערונג פון קאָוונע און די פאָרשטעט מוז אַריבערגיין אינעם ניי־געגרינדעטן געטאָ. — מבול פון אַנטי־יידישע באַפעלן. — ערשטע טעטיקייט פון יידישן קאָמיטעט — איבערזידלונג אין געטאָ.

VII. יידישע קרבנות ערב אָפּשליסונג פון געטאָ. . . . . 50

אַקציע פונעם „באַרימטן דאָנערשטיק“. — אומקום פון איבער טויזנט יידישע מענער. — דערשיסונגען פון יידן ביים איינקויפן שפּייז־פּראָ־דוקטן.

VIII. אַקציע אויף דער אינטעליגענץ גלייך נאָכן אָפּשליסן דאָס געטאָ . . . . . . . . . . . . . . 53

אָפּשליסונג פון געטאָ. — פאָדערונג מצד דער מאַכט צוצושטעלן 500 יידן אויף „אינטעליגענטער“ אַרבעט אין שטאָט. — אָנמעלדונג פון עטלעכע הונדערט יידן פון פרייע באַרופן צו גיין אַרבעטן. — דאָס צונויפכאַפּן אין געטאָ די פעלנדיקע צאָל יידן. — טראַגישער גורל פון די צונויפגעכאַפּטע 534 יידישע וונגעלייט.

IX. באַרויבונג פון יידישן האָב־און גוטס . . . . . . . . 57

סיסטעמאַטישע הויז־זוכונגען אין אַלע געטאָ־הייזער מיטן ציל צו באַרויבן דאָס יידישע אייגנטום. — טעראָר און קרבנות בעת די הויז־זוכונגען. — „פרייוויליקע“ אָפּליפערונג פון געלט און אַלע אַנדערע ווערטפולע חפצים.

X. „פּראָבע־אַקציע“ . . . . . . . . . . . . 61

פאַרטיילונג פון 5000 „יאַרדאַן־שיינען“. — מאַסן־אַקציע אין קליין־געטאָ, וואָס איז צוליב אומאויפגעקלערטע סיבות אָפּגעשטעלט גע־וואָרן שוין נאָך דער פאָרגעקומענער סעלעקציע.

XI. ערשטע „אָרדנטלעכע“ מאַסן־אַקציע אין געטאָ . . . . 64

פּראָוואָקאַציע וועגן אַ ייד. „אַטענטאַט“ אויפן שעף פון דער געטאָ־וואַך. — דאָס אָפּשפּאַרן אַ גאַנצן געטאָ־קוואַרטאַל און די דורכפירונג פון דער ערשטער מאַסן־אַקציע אין געטאָ.

XII. אַקציע און ליקווידאַציע פון קליין־געטאָ . . . . . . 67

אומגעריכטע אַקציע אין קליין=געטאָ. — פאַרלויף פון דער אַקציע. — דאָס פאַרברענען לעבעדיקערהייט די קראַנקע און דעם מעדיצינישן פערסאָנאַל פון יידישן שפּיטאָל. — ליקווידאַציע פון קליין=געטאָ און די אַריבערפירונג פון די ניצול=געוואָרענע יידן אינעם איבעריקן טייל געטאָ.

XIII. גרויסע אַקציע . . . . . . . . . . 72

באַאומרואיקנדיקע קלאַנגען ערב דער גרויסער אַקציע. — באַפעל צו דער געטאָ=באַפעלקערונג וועגן דערשיינען אויפן דעמאָקראַטו=פּלאַץ, ניט אָנווייזנדיק דעם צוועק פון צונויפקום. — שטייגנדיקע פּאַניק אין געטאָ. — דאָס דערשיינען פון איבער 26 טויזנט יידן אויפן דעמאָקראַטו=פּלאַץ. — פאַרלויף פון דער סעלעקציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פון אינדערפרי ביז אינאָוונט — אָפּגעסאָרטירטע יידן ווערן געטריבן צום 9=טן פאָרט. — אויפרודערונג אין געטאָ. — שוידערלעכער גורל פון איבער 10 טויזנט יידן.

XIV. מצב אין געטאָ במשך די ערשטע פּאָר חדשים נאָך דער גרויסער אַקציע (נאָוועמבער 1941 — יאַנואַר 1942) . . . . 83.

פאַרצווייפלטע שטימונג ביי די געטאָ=יידן. — „באַרואיקנדיקע" דערקלערונג פאַרן געטאָ מצד דעם געטאָ=קאָמענדאַנט און געשטאַפּאָ. — דאָס ברענגען אויפן 9=טן פאָרט אויסלענדישע יידן אויף פאַרניכטונג. — הונגער, קעלט און שווערע קאַטאָרזשנע אַרבעט. — אויפמונטערנדיקע ידיעות פונעם סאָוועטישן פראָנט. — „פעלץ=אַקציע".— באַוואַכונג פון געטאָ אין די הענט פון אַ נ.ס.ק.ק.=אָפּטיילונג.

XV. ערשטע איבערזידלונגס־אַקציע קיין ריגע . . . . . . 91

ערב דער איבערזידלונגס= אַקציע. — פאַרלויף פונעם לכתחילה'דיקן רעקרוטירן די מענטשן פאַר דער איבערזידלונג. — דורכפאַל פון דער רעקרוטירונג מצד די יידישע אינסטאַנצן. — מאַסמיטלען מצד דער מאַכט אַליין אַדורכצופירן די רעקרוטירונג.—ענדע פון דער איבערזידלונגס=אַקציע. — גורל פון די איבערגעזידלטע יידן.

XVI. ס'לעבן אין געטאָ אין דער תקופה צווישן די צוויי איבערזידלונגס־אַקציעס קיין ריגע (פעברואַר־אָקטאָבער 1942) . . 98

„אַקציע" אויף ביכער און ספרים. — טיילווייזע סטאַביליזירונג פון דער לאַגע אין געטאָ. — פּראָבלעם פון פאַרווענדן די יידישע אַרבעטסקרעפטן. — גרויסע געטאָ=וואַרשטאַטן. — סימנים פון אויפשטייג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. — קאַמף צווישן כספּי=סערעבראָוויטשן און

ליפּצערן צוליב דער השפּעה איבער דער אָנפירונג פון געטאָ־לעבן. — באַמערקונגען וועגן ליפּצערס ראָלע אין לעבן פון געטאָ־ישוב. — פּראָבלעם פון דערנערונג אין געטאָ. — שמוגל פון שפּייז־פּראָדוקטן. — אַ פּאָר ווערטער וועגן געטאָ־פּרנסות. — ווידער גזירות און גזירה'לעך: א) רוימונגען פון געטאָ־קוואַרטאַלן. — ב) פאַרבאָט פון שוואַנגער־שאַפט. — ג) שליסונג פון בתי־מדרשים און קינדער־שולן. — ד) דאָס איינפירן אַ „געלטלאָזע" ווירטשאַפט. — ה) פאַרבאָט אַריינצוטראָגן שפּייז־פּראָדוקטן. — ו) רעקרוטירונג פון אַרבעטס־לאַגער אין פּאָ־לעמאָן.

XVII. צווייטע איבערזידלונגס־אַקציע קיין ריגע . . . . . 126

מאַסמיטלען מצד דער יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע צו רעקרוטירן די נויטיקע צאָל מענטשן. — געשפּאַנטער פאַרלויף פונעם סוף פון דער רעקרוטירונג פון די מענטשן קיין ריגע.

XVIII. א תליה אין געטאָ . . . . . . . . . . 130

פּאַרפּאַל מיטן יידישן יונגנמאַן מעק, וואָס האָט געשאָסן אויף אַ דייטשן פון דער געטאָ־קאָמענדאַנטור. — תיכף'דיקע געשטאַפּאָ־אויספאָר־שונג. — אַרעסט פונעם עלטעסטן־ראָט און זיין באַפרייאונג. — דאָס עפנטלעכע אויפהענגען מעקן אין געטאָ.

XIX. סטאַלינגראַדער־אַקציע . . . . . . . . . 134

נאַצישע מאַסמיטלען צו פאַרשטערן די יידן זייער שמחה צוליב דער דייטשער מפּלה ביי סטאַלינגראַד. — פאַרלויף פון דער אַקציע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דעם געטאָ געניוע 50 קרבנות.

XX. וויכטיקסטע געטאָ־פּאַסירונגען אין פרילינג און אָנהויב־זומער 1943 . . . . . . . . . . . . 138

פּראָיעקט אַריבערצופירן אין קאָוונער געטאָ אַ 4—5 טויזנט יידן פון ווילנער אומגעגנט. — דאָס ברענגען אין קאָוונער געטאָ אַן 8 הונדערט יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אַרום זשעזשמער. — געשטאַפּאָ־באַשולדי־קונג, אַז געטאָ־יידן „סיגנאַליזירן" די סאָוועטישע לופט־פליער. — נעפּלדיקע ידיעות וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — ערשטע פרוון אַוועקצוגיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער.

XXI. הכנות צו פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ קאַצעט פון סעפּאַראַטע אַרבעטס־לאַגערן . . . . . . . . 148

קאַמף צווישן ס. אַ. און ס. ס. פאַר אָנפירערשאַפט מיטן געטאָ. — ס.ס. — די נייע געטאָ־באַלעבאַטים. — ערשטע שריט ביים פונאַנדערפירן

דאָס געטאָ אין סעפּאַראַטע אַרבעטס=לאַגערן. — ווי אַזוי ס'פלעגן פריער רעקרוטירט ווערן די ערשטע קליינע אַרבעטס=לאַגערן אין פּראָווינץ. — גרינדונג פון אַ ייד. אינסטאַנץ צו באַשטימען די מענטשן פאַר די לאַגערן (די „קאַזערנירונגס=קאָמיסיע“).

XXII. איבערזידלונגס־אַקציע קיין עסטלאַנד . . . . . . 157

צוגרייטונגען צו רעקרוטירן 3000 יידן פאַרן אַרבעטס=לאַגער אין עזשערעטשאַי. — שטימונג אין געטאָ ערב דער איבערזידלונג. — אַרעסט פון דער יידישער „האָלץ=בריגאַדע“. — פאַרלויף פונעם ערשטן טאָג פון דער איבערזידלונגס=אַקציע. — וואַקכאַנאַליע אין געטאָ, ווען ווּלאַסאָווצעס האָבן נאָכמיטאָג גענומען כאַפּן יידן. — גורל פון די אַרויסגעפירטע מענטשן. — אויף מאָרגן נאָך די געשעענישן פון 26=טן אָקטאָבער.

XXIII. פון נאָך דער איבערזידלונגס־אַקציע קיין עסטלאַנד ביז ערב דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און כראַנקע (נאָוועמבער 1943 — מערץ 1944) . . . . . . . 168

באַוועגונג אין געטאָ אָפּצוגעבן די קינדער ביי קריסטן. — שאַפונג פונעם ערשטן גרויסן יידישן אַרבעטס=לאַגער אין אַלעקסאָט. ס'יידישע „לעבן“ אין אַרבעטס=לאַגער. — גרינדונג פונעם צווייטן אַרבעטס=לאַגער אין שאַנץ. — רוימונג פון אַלט=געטאָ=ראַיאָן. — ווייטערדיקע רעקרוטירונג פון די ייד. אַרבעטס=לאַגערן. — לעגענדאַרער אַנטלויפן פון דער ייד. אַרבעטס=בריגאַדע, וואָס האָט געאַרבעט אויפן 9=טן פאָרט ביים פאַרברענען די אויסגעגראָבענע הרוגים. — מצב אין געטאָ במשך די ערשטע פּאָר חדשים פון יאָר 1944: א) דערפרייענדיקע ידיעות פון די פראָנטן. — ב) גינסטיקע עקאָנאָמישע לאַגע. — ג) נייע פליכט=רעגיסטראַציע. — ד) קלענערע הוספה=קאַזערנירונגען. — ה) דאָס אַוועקגיין פון געטאָ צו די פאַרטיזאַנער. — פערזאָנען, וואָס האָבן זיך מתעסק=געווען מיט דער פאַרטיזאַנער=באַוועגונג. — אינדיווידועלער און קאָלעקטיווער אַוועקגיין צו פריוואַטע קריסטן. ו) יידישער קאַמף קעגן מוסרים און אויסוואורפן. — ז) אונטערערדישער בוי פון „מאַלינעס“. — ח) דאָס אַריינשיקן אין געטאָ דייטשע קאַפּאָס. — ט' קלאַנגען, הכחשות א.א.וו.

XXIV. אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע . . . . . 203

רואיקע שטימונג אין געטאָ ערב דער אַקציע. — „אומשולדיקע“ פאַראָרדנונג צו דער ייד. פּאָליציי וועגן קומען אויסהערן תקנות פון לופט=שוץ. אומגעריכטער אַוועקפירן די ייד. פּאָליציי אויפן 9=טן פאָרט. — פאַרלויף פון דער אקציע אין געטאָ און אין די ייד. אַרבעטס=לאַגערן. — לאַגע אין געטאָ נאָך דער אַקציע.

XXV. פאַרשאַרפטער מצב אין געטאָ במשך די חדשים
אַפּריל — יוני 1944 . . . . . . . . . 216

ליקווידאַציע פון דער יידישער געטאָ-פּאָליציי. — גרינדונג פון „אָרד=
נונג-דינסט". — אַרעסט פון עלטעסטן-ראַט. — ענדגילטיקע ליקווי=
דאַציע פון דער געטאָ-„אויטאָנאָמיע". — נייע און שווערע חומרות
אין געטאָ-רעזשים: א) פאַרשטאַרקטע באַוואַכונג איבער די יידן. —
ב) סיסטעמאַטישע ציילונגען פון דער געטאָ-באַפעלקערונג. ג) דאָס
אָנטאָן די יידן אין געשטרייפטע קאַצעט-בגדים. — ד) אייליקע מאָס=
מיטלען צו קאַזערנירן דעם רעשט געטאָ-יידן. — אַרעסט פונעם פּאַר=
טיזאַנער-פירער חיים יעלין. — געשטאַפּאָ-איבערפאַל אויף אַ ייד.
פּאַרטיזאַנער-גרופּע.

XXVI. דעפּאָרטאַציע און ליקווידאַציע פון געטאָ . . . . . 230

קאָוונע פאַלט אַריין אין דער פראָנט-זאָנע. — געשפּאַנטע לאַגע אין
געטאָ ערב דער דעפּאָרטאַציע. — פאַרלויף פון די ערשטע דעפּאָר-
טאַציע-טעג. — רוצחישע מאַסמיטלען מצד געשטאַפּאָ אין די לעצ-
טע טעג פון דער דעפּאָרטאַציע. — שווידערלעכער חורבן פון
געטאָ. — גרויזאַמער אומקום פון אַן אַנדערהאַלבן טויזנט באַהאַל-
טענע יידן.

XXVII. גורל פון די דעפּאָרטירטע יידן . . . . . . . 244

וואָס איז געשען מיט די דעפּאָרטירטע יידן, ווען זיי זיינען אָנגעקומען
קיין דייטשלאַנד? — לייַדנספולער וועג פון די מענער אינעם דאַכאַוער
קאַצעט-גיהנום. — גורל פון די פאַרשלעפּטע פרויען אין די מזרח=
פּרייסישע אַרבעטס-לאַגערן.

XXVIII נאָך דער באַפרייאונג . . . . . . . . . . 264

נייע פּראָבלעמען און זאָרגן פון די באַפרייטע מענער און פרויען. —
ס'לעבן פונעם הייפל ניצול-געוואָרענע ליטווישע יידן אין די ערשטע
שארית-הפליטה-יאָרן.

XXIX. גרויזאַמער בלוט-באַלאַנס . . . . . . . . . 270

העכער 90% קאָוונער יידן, וואָס האָבן געשמאַכט אינעם היטלערישן
גיהנום, זיינען אומגעקומען על קידוש-השם.

* *
*

אין פייער און פלאַם, אין יסורים און גסיסה־צאַפּלעניש איז אומגעקומען אַ גרויסע, שיינע, שטאַרקע, זאַפטיקע יידישע וועלט. אונטערן שטיוול פון דער בלוטיקער נאַציש־דייטשער אוניפאָרמירטער בעסטיע איז צעטראָטן געוואָרן דאָס אייראָפּעאישע יידנטום.

צענדליקער און הונדערטער יידישע קהלות, מיט יידישן לעבן און יידישן יצירה־גייסט אָנגעלאָדענע שטעט און שטעטלעך זיינען פאַרחרובט געוואָרן, זיינען פאַרטיליקט געוואָרן פון אונטער גאָטס הימלען.

צווישן זיי אויך די יידישע ליטע. צווישן זיי אויך קאָוונע.

אַ שטאָט, וואָס איז אויפגעקומען אין איר גאַנצער נאַציאָנאַל־יידישער פּראַכט ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַר די יאָרן 1917—1941 פון אַ קליינער פּראָווינץ־שטאָט איז זי אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון אַן עיר ואם בישראל, איז געוואָרן די יורשטע פון די בעסטע טראַדיציעס פון היסטאָריש־באַרימטן ליטווישן יידנטום — טראַדיציעס פון קערנדיקער יידישקייט, קולטור, למדנות, מאָדערנע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע באַוועגונגען.

קאָוונע איז געוואָרן די רעפּרעזענטאַנטין פון ליטוויש־יידישן ציבור, וואָס האָט געשעפ'ט אין דער גאָרער יידישער וועלט מיט זיין פעסטער יידישער וואָרצל־דיקייט, מיט זיינע שעפערישע נאַציאָנאַלע פּאָטענצן.

אין משך פון די גרויליקע דריי יאָר 1941—1944 איז די דאָזיקע יידישע קאָוונע דורך די געמיינע רציחות פון מערדערישן דייטשן אָקופּאַנט און פון זיינע אכזריותדיקע ליטווישע מיטהעלפער פולקאָם פאַרשניטן געוואָרן. קאָוונע האָט געטיילט דעם גורל פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק.

די געשיכטע פון דאָזיקן פאַמעלכדיקן, פאַטאַלן אומקום שילדערט אין זיין בוך ה' י ו ס ף ג אַ ר. דאָס איז דאָס ע ר ש ט ע בוך וועגן דעם לעבן און אומקום פון קאָוונער געטאָ. געשריבן האָט עס אַ מענטש, וואָס האָט אליין מיטגעמאַכט די שוידערלעכע גילגולים פון קאָוונער געטאָ־לעבן, וואָס איז אליין געגאַנגען דעם דערנער־וועג פון טויט און חורבן.

אַ פּעדאַגאָג, אַ שריפטשטעלער, אַ רעדאַקטאָר, איינער פון די ווירדיקסטע איבערגעבליבענע פאָרשטייער פון דער ליטוויש־יידישער אינטעליגענץ, אַ מענטש מיט אַ הויכן אחריות־געפיל און חוש פאַר וויסנשאַפטלעכער סיסטעמאַטישקייט,

באַמיט זיך ה׳ יוסף גאַר אין זיין דאָזיקער מאָנאָגראַפּיע פונאנדערצוּוויקלען די שרעקלעכע מגילה פון חורבן קאָוונע.

ער אונטערדריקט אין זיך ווי ווייט מעגלעך די שפּורן פון זיינע פּערזענ־לעכע דערשיטערנדיקע איבערלעבונגען. ער שילדערט די טראַגישע געשעענישן אָביעקטיוו, פּינקטלעך, געוויסנהאַפט. ער שטרעבט צו בלייבן טריי דעם היסטאָ־רישן אמת: ניט צו איבערטרייבן און ניט צו פאַרמינערן די אַזוי אויך גענוג ריידעוודיקע נאַקעטע ווירקלעכקייט. ער באַמיט זיך צו זיין גערעכט לגבי מיינונ־גען און פּערזאָנען.

יוסף גאַר איז דעריבער דער ערלעכסטער און איבערצייגנדיקסטער עדות און היסטאָריקער פונעם שרעקלעכן פינאַל פון ליטווישן יידנטום. דערין ליגט דער היסטאָרישער ווערט פון זיין אַרבעט, אין וועלכער ער האָט אריינגעטאָן אַ מאַסע ענערגיע און פּראַצע און אויך פיל שריפטשטעלערישן געשמאַק.

מיר די שרידים פון דער יידישער ליטע און אלע יידן בכלל וועלן אויפנעמען דעם דאָזיקן ווערטפולן ספר מיט טיפער אַנערקענונג.

דער פאַרבאַנד פון די ליטווישע יידן אין דער אמעריקאַנער זאָנע אין דייטש־לאַנד האַלט פאַר אַ חוב און פאַר אַ כבוד צו העלפן אונדזער פריינט יוסף גאַר ארויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

זאָל דורך אָט דעם ספר — די מגילה פון פּיין, טרערן און אומקום — פאַראייביקט ווערן לדורות דער אימה׳דיקער לעצטער לעבנס־גאַנג פון איינעם פון די שטאַרקסטע קיבוצים פון אונדזער מאַרטירער־און קדושים־פאָלק.

ר א ו ב ן   ר ו ב י נ ש ט י י ן

פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון די ליטווישע יידן
אין דער אמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד.

מינכען, דעם 9־טן מאַי 1948.

* *
*

אונדזער גרויסער דיכטער דוד שמעונאָוויטש האָט אין אַ רעדע אויפן כינוס פון די יידישע שרייבער אין ארץ־ישראל אַרויסגעזאָגט די פאָלגנדיקע טרויעריקע און ביטערע ווערטער:

„... מיר ווייסן זייער גוט, וואָס ס'איז געשען די יידן אין אַלע לענדער, וועלכע זיינען פאַרנומען געוואָרן דורך די נאַצים. מיר ווייסן אויך צו אונדזער גרויסער שרעק און צו דער שרעק פון דער גאַנצער מענטשהייט, ווי קליין און שוואַך ס'איז געווען די רעאַקציע מצד די בירגער פון די אָקופּירטע לענדער קעגן די שוידערלעכע מעשים, וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן מיט זייערע שכנים. מיר ווייסן נאָך מער: מיר ווייסן, אַז די פּאָליאַקן און די אוקראַאינער און די ליטווינער האָבן מיט אַלע זייערע מעגלעכקייטן געהאָלפן די דייטשן אין דער אויסראָטונג פון די יידן".

אין קיין שום לאַנד אין אייראָפּע האָט די פאַרברעכערישע נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע ניט אָנגעטראָפן אויף אַזאַ פרוכטבאַרן באָדן און געפונען אַזוי פיל ענטוזיאַסטישע מיטהעלפערס לשמה אין איר בלוטיקן ווערק, ווי אין אָט די פאַרשאָלטענע גרענעץ־געביטן צווישן מזרח און מערב. די דאָזיקע לענדער, וווּ נאַציאָנאַלער האַס און שאָוויניסטישע אומטאָלעראַנץ האָט געבושעוועט זינט לאַנגע צענדליקער יאָרן און וווּ ס'איז געווען אַ חזקה פון דורות־לאַנג אָפּצווענדן די פּאָליטישע און סאָציאַלע שפּאַנונגען און קאָנפליקטן אויף יידישע קעפּ — זיינען אויסגעוויילט געוואָרן פון די נאַצים צו ווערן אַ מאַסן־קבר פאַר מיליאָנען יידן פון גאַנץ אייראָפּע. די ראָלע, וועלכע די באַוווינער פון די דאָזיקע ראַנד־געביטן האָבן געשפּילט, די שטעלונג, וואָס זיי האָבן אָנגענומען לגבי די שוידערלעכע פאַרברעכנס כלפּי יידן — איז שוין באַלויכטן געוואָרן אין אַ ריי ווערק און אַרטיקלען. אַמווייניקסטן איז אָבער דערביי באַרירט געוואָרן דער חלק פון די ליטווינער, הגם דווקא זיי האָבן געשפּילט אַזאַ פאַטאַלע ראָלע אין דעם מאַקאַברישן שפּיל און זייער פינצטערע יידן־שנאה האָט זיי באַווירקט צו פאַרגיסן יידיש בלוט ווייט איבער די גרענעצן פון זייער לאַנד, געמאַכט פון זיי קאָנדאָטיערן פון מאַסן־מאָרד אין פרעמדע לענדער און מדינות.

לויט מיין וויסן איז י. גאַרם בוך די ערשטע אַרבעט, וואָס גיט אונדז אַ פּילזייטיקן און זאַכלעך־צוזאַמענגעשטעלטן מאַטעריאַל וועגן דער ראָלע פון

די ליטווינער אין דער טראַגישער תקופה. אמת, יוסף גאַרם אַרבעט נעמט ניט אַרום גאַנץ ליטע און זי פאַרמעסט זיך ניט צו געבן אַ בילד פון דער ליטווישער פּאָליטיק און פון ליטווישע רציחה לגבי יידן אויף דעם גאַר־בריימן שטח פון „באשר הם שם".

ס'זיינען אָבער פאַראַן פאַרשיידענע מעטאָדן צו דערגרונטעווען דעם וויסנ־שאַפטלעכן אמת. דער נאַטור־פאָרשער, וועלכער איז אויסן צו דערקענען דעם טעם פון ים־וואַסער, מוז ניט חוקר ודורש זיין דעם גאַנצן סכום וואַסער, וואָס איז פאַראַן אין ים. ער נעמט איין טראָפּן און שטעלט אים אונטער אַ מיקראָסקאָפּ. פון דעם מיקראָקאָסמאָס כביכול טוט ער לערנען דעם מהות פון מאַקראָקאָסמאָס. יוסף גאַר האָט זיך גענומען פאַר זיין ציל צו באַטראַכטן איין שטאָט, די הויפּט־שטאָט פון ליטע. ער באַטראַכט זי גענוי און גרינטלעך, ער אַנאַליזירט דעם קאַמף און געראַנגל, די פאַרצווייפלונג און דעם יאָמער פון די קרבנות, דעם תהום פון רשעות, רציחה און נידערטרעכטיקייט פון די פאַרפאָלגער; און פון דעם בילד, וואָס מיר באַקומען וועגן דער ראָלע פון די „אַרישע" שכנים אין דער הויפּטשטאָט, קענען מיר זיך משער־זיין, ווי אַזוי ס'איז צוגעגאַנגען אין דעם „מאַקראָקאָסמאָס", אומעטום, ווו די ליטווינער האָבן „קאָלאַבאָרירט" מיט די דייטשן אין דער „ענדלעזונג פון דער יידן־פראַגע".

נאָך פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט שטעלט פאָר מיט זיך די געשיכטע פון דער יידישער קאָוונע מער ווי אַ בלויז־לאָקאַלן אינטערעס. קאָוונע איז — ענלעך ווי לאָדזש אין פּוילן — געווען דער איינציקער יידישער ישוב אויף די מזרח־קרעסן, וואָס איז דורך די דייטשן ביזן סוף־זומער 1944 געוואָרן פאַרשוינט פון אַ פולשטענדיקן אומקום. דאָס יידישע לאָדזש און דאָס יידישע קאָוונע האָבן דורכגעמאַכט די יסורים פון אומקום און אַגאָניע אין אַ לענגערן, פאַמעלכערן טעמפּאָ, ווי די אַנדערע קהילות. די עטאַפּן פון אונטערגאַנג און קאַמף פאַרן לעבן זיינען דאָ געווען צעצויגענער, לענגער. געוויסע כאַראַקטעריסטישע פּראָצעסן פון דער טראַגעדיע זיינען דאָ געקומען פולער צום אויסדרוק, ווי ערגעץ־ווו אַנדערש. דער היסטאָריקער פון די אומקום־יאָרן באַקומט דאָ אַ טיפערן איינ־בליק אין די שמערצלעכע און גרויזאַמע פּרטים פון דער אַנטוויקלונג, וואָס האָט אין אַנדערע ישובים זיך פונאַנדערגעוויקלט אין אַ בליץ־טעמפּאָ.

יוסף גאַר באַמיט זיך טריט ביי טריט צו אַנטפּלעקן פאַר אונדז דעם פאַר־וויקלטן פּלאָנטער פון די דאָזיקע קאָמפּליצירטע פּראָצעסן אין זיין היימאַט־שטאָט קאָוונע.

כדי צו באַהערשן די געוואַלטיקע שפע פון פּראָבלעמען און מאַטעריאַלן און געשטאַלטן זי דורכזיכטיק און קלאָר פאַר דעם לייענער, האָט ער איינגעטיילט זיין אַרבעט אין צוויי טיילן:

דער ערשטער, דער דינאַמישער טייל, שילדערט אין כראָנאָלאָגישן סדר די אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע געשעענישן אין געטאָ, דעם געראַנגל מיטן שונא, דאָס צאַפּלען צווישן לעבן און טויט, די פאַרצווייפלונג, די אכזריותן פון די רוצחים, דעם ווידערשטאַנד, דעם אומקום, דעם טרויעריקן באַלאַנס פון די צו־שפּעט באַפרייטע;

דער צווייטער טייל איז אַ סטאַטישער. ער איז מער אַנאַליטיש און רעפלעק־טיוו. ער גיט אַ סיסטעמאַטיזירטן איבערבליק איבער דעם גרויזעלשאַפטלעכן געבוי פונעם געטאָ. ער אַנאַליזירט די קאָמפּליצירטע דערשיינונגען פון דעם געטאָ־אַפּאַראַט סיי סאָציאָלאָגיש און סיי פּסיכאָלאָגיש (בפרט אלע „פּראָ“ און „קאָנטראַס“ וועגן יידן־ראַט און געטאָ־פּאָליציי).

אַזוי אַרום ווערן דורך דעם מחבר אריינגענומען אין זיין געשיכטלעכער באַטראַכטונג אַלע אַספּעקטן פון יידישן לעבן אין דער טראַגישער צייט. צום סוף ווערן אויך ניט אויסגעמיטן דאָס פּאַרטיי־לעבן און דער קאָוונער געטאָ־פאָלקלאָר.

מיר לייגן אַוועק דאָס בוך מיטן געפיל, אַז דער מחבר האָט אונדז געגעבן אַ סך מאַטעריאַל צו בויען אַן אַלגעמיין בילד פון יידישן לעבן און אונטערגאַנג אין דער נאַצי־תקופה און אַ סך שטאָף נאָכצודענקען.

יוסף גאַרס אַרבעט איז ניט בלויז אַ גרינטלעך־צוזאַמענגעשטעלטע כראָניק פון פאַקטן און געשעענישן. ס'איז אַן ערנסטער פּרווו טיפער אריינצודרינגען אין די פּראָבלעמען פון דער צייט, זיי צו אנאַליזירן און סיסטעמאַטיזירן. גאַרס אַרבעט איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון די אומקום־יאָרן און קאָן דינען — אין איר ערנסטן, וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג — ווי אַ מוסטער פאַר אַ סך מחברים, וואָס האָבן, אַרבעטנדיק לויטן רעצעפּט פון „עט סופר מהיר“ — פאַרפלאַכט און וווּלגאַריזירט די געשיכטע פון די אומקום־יאָרן און געבראַכט ווייניק נוצן דער יידישער געשיכטע־פאָרשונג און ווייניק כבוד דעם טייערן אָנ־דענק פון אונדזערע קדושים. גאַרס אַרבעט איז צו באַגריסן ווי אַ זעלטענעם אויסנאַם אין דעם ים פון גראַפאָמאַניע און ווי אַ גוטן ביישפּיל פון אחריות'פולער, געוויסנהאַפטער פאָרשונגס־אַרבעט.

דר. פיליפ פרידמאַן

מינכען, דעם 11־טן מאַי 1948.

# פֿאָרוואָרט

אינעם ספֿר „אומקום פֿון דער ייִדישער קאָוונע״ באַמיט זיך דער מחבר אויפֿצושטעלן אַ בילד פֿונעם גרויזאַמען חורבן פֿון דער גרעסטער ייִדישער קהילה אין ליטע — פֿון דער עיר ואם בישׂראל קאָוונע.

די ייִדישע קאָוונע, וואָס האָט געהאַט דאָס אומגליק צו ווערן פֿאַרכאַפּט פֿון די נאַציס שוין אין די ערשטע טעג פֿונעם דײַטש־סאָוועטישן קריג סוף־יוני 1941, האָט במשך די שווידערלעכע נאַצי־יאָרן אַדורכגעמאַכט אַן ענויִים׳פֿולן וועג, וואָס האָט אין לעצטן סך־הכל זי דערפֿירט, ווי ס׳רובֿ ייִדישע ישובֿים אין די אָקופּירטע געביטן, צו אַ פֿולשטענדיקער פֿאַרניכטונג.

איטלעכער ייִד, וואָס האָט געשמאַכט אינעם נאַצישן גיהנום, האָט, ווי באַוווּסט, זײַן דראַנג צו דערלעבן די באַפֿרײַאונג פֿאַרבונדן אויך מיטן טיפֿן באַגער צו קענען דערצײלן פֿאַר דער וועלט וועגן די גרויליקע ייִדישע איבערלעבונגען אונטער דער היטלערישער הערשאַפֿט. בפֿרט איז עס געווען דער טרוים פֿון די יעניקע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל שײַכות צו דער פֿעדער.

אין די אײַנגאַרטיקע געטאָ־און קאַצעט־באַדינגונגען איז אָבער דאָס פֿירן אַזעלכע פֿאַרצײכענונגען געווען גאָר ניט פֿון די פּשוטע און לײַכטע זאַכן. צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים איז אַזאַ אַרבעט בפּועל־ממש געווען פֿאַרבונדן מיט טויט־געפֿאַר. ס׳רובֿ פֿון די כּתבֿים, וואָס זײַנען יאָ געשריבן געוואָרן אין יענער תּקופֿה, זײַנען, לײַדער, צו אונדז ניט דערגאַנגען. צוזאַמען מיטן אומקום פֿון די מחברים, זײַנען אויך ניט געבליבן קיין שפּורן פֿון זייערע שריפֿטן. אָט פֿאַרוואָס ס׳רובֿ פּובליקירטע שילדערונגען פֿון יענע יאָרן זײַנען טאַקע געשריבן נאָך דער באַפֿרײַאונג.

אויך דער דאָזיקער חיבור איז געשאַפֿן געוואָרן אין די נאָך־מלחמה־יאָרן. נאָך אַ לאַנג־דויערנדיקער, אָנגעשטרענגטער אַרבעט איז ענדלעך פֿאַרטיק געוואָרן

ס'דאָזיקע בוך, וואָס ווערט צוגעטראָגן דעם יידישן לייענער. ביי דער געלעגנהייט דערלויבט זיך דער מחבר צו מאכן פאָלגנדיקע באַמערקונגען:

א) דער ספר פארמאָגט צוויי גרונט־טיילן: 1) אַ כ ר אָ נ אָ ל אָ ג י ש ע שילדערונג פון דעם, וואָס קאָוונער געטאָ־ישוב איז אויסגעשטאַנען אין דער אָקופּאַציע־תקופה און 2) אַ מ אָ נ אָ ג ר א פּ י ע וועגן די ייד. מוסדות אין געטאָ. אינדערצייט ווען אינעם ערשטן טייל קומען בעיקר צום אויסדרוק די מעשים־תעתועים מצד די נאצי־רוצחים און זייערע כלערליי מיטהעלפער לגבי דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג, ווערט אינעם צווייטן טייל געשילדערט די טעטיקייט פון די ייד. געטאָ־אינסטיטוציעס און זייער אויסווירקונג אויף דער געשטאַלטונג פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען בין ייד לייד אינעם אינערלעכן געטאָ־לעבן. צום סוף פון בוך ווערן געבראכט אייניקע הוספה־נאָטיצן;

ב) די ערשטע פּאָר אריינפיר־קאַפּיטלען, ווי „באַמערקונגען צום מצב פונעם ליטווישן יידנטום אין די יאָרן 1918—1940" און „איין יאָר סאָוועטישע תקופה אין ליטע" זיינען אויסן אָנצוווארפן די וויכטיקסטע שטריכן פונעם ליטוויש־יידישן פאָלקס־לעבן אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות און פאר־איינס אויפצוקלערן, ווי אַזוי ס'זיינען בהדרגה'דיק רייף געוואָרן די פּאַרבאַדינ־גונגען פאר דעם, די קאַטאַסטראָפע זאָל שוין אין די ערשטע אָקופּאַציע־טעג אָננעמען אַזאַ אויסערסט־בלוטיקן פאַרלויף. די כונה פון די לעצטע קאַפּיטלעך „נאָך דער באַפרייאונג" און „גרויזאמער בלוט־באַלאַנס" איז צו פאַררונדן דאס בילד פון אומקום און גלייכצייטיק ארויסצוהייבן די גרונט־פּראָבלעמאטיק פונעם הייפל ניצול־געוואָרענע יידן אין די ערשטע יאָרן פון שארית־החורבן.

ג) אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון קאָוונער געטאָ זיינען פאראן פיל מערקווירדיקע פרטים, וואָס זיינען געווען באַוווסט נאָר די יעניקע מענטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו דער אָנפירונג פון דער ייד. אדמיניסטראַציע. בפרט האָט אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכן אינטערעס די שקלא וטריא אין די ד' אמות פון עלטעסטן־ראַט — די העכסטע רעפּרעזענטאַנץ פון קאָוונער געטאָ־קיבוץ — אינדערצייט פון פארשיידענע גזירות, ווי אַ שטייגער, אַקציעס, איבער־זידלונגען א. א. פורעניות. הגם דער מחבר האָט נים געהערט צו די בעסט־אינפאָרמירטע פערזאָנען אין געטאָ, האָט ער דאָך, ווי אַן אָנגעשטעלטער פון יידישן אַפּאַראַט, געהאט אַ מעגלעכקייט צו זיין אין בילד פון די געטאָ־געשעענישן, מער ווי סתם אַ ייד. צווייטנס, האָט ער וועגן אַט די ענינים אַ לענגערע צייט געזאַמלט ידיעות ביי קאָמפּעטענטע פערזאָנען, כדי אַזוי ארום אויפצושטעלן

אַ וואָס=פולקאָמערע שילדערונג. נאָך אַלעמען איז ער מער ווי זיכער, אַז אין דעם פרט זיינען אינעם בוך פאראן ניט ווייניק בלויזן;

ד) אַחוץ דער שילדערונג פונעם פארלויף פון די פארניכטונגס=אקציעס, ווערן אינעם ספר דאָ=און דאָרט געבראכט גרעסערע איבערזיכטן פונעם „נאָר=מאַלן" געטאָ=לעבן בין שחיטה לשחיטה. קאָוונער געטאָ, וואָס האָט צוליב גע=וויסע סיבות, וועגן וועלכע ס'ווערט אינעם בוך טיילווייז גערעדט, עקזיסטירט לענגער, ווי די אנדערע געטאָס אין א. ג. אָסטלאַנד, איז אין אַ געוויסן זין אַ טיפישע געטאָ, פון וועמענס געשיכטע מ'קען פיל לערנען וועגן פיינפולן מצב פון די יידן אין די אָקופאַציע=יאָרן. אמת, קאָוונער געטאָ קען ניט אָנווייזן אויף קיין באַוואָפנטע ווידערשטאנדן קעגן די נאַצים, ווי למשל, די געטאָס אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, ווילנע א. א. ניט ווייניק גבורה, אויסדויער און בטחון איז אָבער אויך געווען אינעם אויבנאויפיק=פאַסיוון אָבער אין תוך אַקטיוון אַלטעגלעכן קאַמף פונעם קאָוונער געטאָ=ייד גובר צו זיין אַלע שווערע קלעפ פון דער מיאומדיקער געטאָ=ווירקלעכקייט, ווי עבודת=פרך, הונגער, קעלט, ענגשאפט, שמוץ א. א. שלעק, כדי סוף=כל=סוף צו דערלעבן היטלערס מפלה. גיט מען נאָך צו די פאַרטיזאנער=באַוועגונג אין געטאָ, דעם בוי פון בונקערס אד'גל., ווערט קלאָר, אַז אויך קאָוונער געטאָ האָט געפירט אַ העראָאישן געראנגל ניט צו ווערן צעריבן צווישן די שטיינער פון די נאַצישע טויט=מילן;

ה) היות אין דער ארבעט ווערן געבראכט ניט נאָר טרוקענע פאַקטן, נאָר די געשעענישן און דערשיינונגען אינעם געטאָ=לעבן ווערן אויך מער=ווייניקער קאָמענטירט, איז זיך צו ריכטן אויף געוויסע חלוקי=דעות, בפרט מצד דעם אָדער יענעם ניצול=געוואָרענעם קאָוונער געטאָ=ייד, בנוגע דער אָפשאצונג פון געוויסע פאַקטן. דאָס איז אָבער ניט מער ווי נאַטירלעך, ווייל בנוגע נאָך אַזאַ צאַפלדיקן און עמפינדלעכן מאַטעריאל קענען זיין פארשיידנאַרטיקע קאָנצעפ=ציעס. חוצדעם זעט דאָך איטלעכער מענטש ס'ארומיקע לעבן מיט ז יי נ ע אויגן און דורך דער פריזמע פון ז יי ן וועלט=באַנעם. אויך וועט עמיצער זיין ניט צו שטארק צופרידן פון דעם, וואָס אינעם בוך ווערן געלעגנהייטלעך דערמאָנט נעמען פון געטאָ=יידן, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין דער ייד. אַדמיניסטראציע, און וואָס אין אייניקע פאַלן ווערן אויך געבראכט קורצע כאַראַקטעריסטיקעס וועגן דער ראָלע פון געוויסע פערזאָנען אינעם געטאָ=לעבן. דאס איז אָבער דאָך געטאָן געוואָרן, ווייל דער מחבר איז געווען טיף איבערצייגט, אַז דאָס איגנאָרירן דעם פערזענלעכן מאָמענט וואָלט אָן ספק נעגאַטיוו זיך אויסגעווירקט אויף דער גאַנצקייט און עכטקייט פון דער שילדערונג;

ו) ביים שרייבן דעם ספר איז דער מחבר געווען באַזעלט פון איין־און איינ־ציקער שטרעבונג: געבן אַ וואָס־פּינקטלעכערן און אָביעקטיווערן בילד פון דעם, וואָס ס'איז געשען. ארבעטנדיק איינער אליין איבער אַזאַ רייכן און קאָמפּלי־צירטן מאַטעריאַל, בפרט אחר־המעשה און כמעט אָן דאָקומענטן אונטער דער האַנט, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין דער ארבעט האָבן געמוזט זיך אריינ־גנבענען אומפּינקטלעכקייטן. אויף יעדן פאַל זיינען די אומגענויאיקייטן געמאכט געוואָרן ניט במזיד, נאָר בשוגג. ווו און וויפיל ס'האָט זיך נאָר געלאָזן, האָט דער מחבר געזען אויסצומיידן דעפעקטן, אָדער לכל־הפחות זיי צו דערפירן צו אַ מינימום. אויב דער חיבור וועט ווען־ניט־איז זוכה־זיין צו אַ נייער אויפלאַגע, וועלן די אויסבעסערונגען, וואָס וועלן געמאכט ווערן מצד יודעי־דבר, מיט דאַנק גענומען ווערן אין אכט און די טעותים וועלן ווערן אויסגעפאַרריכט.

דער מחבר ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס, וואָס ווערט געבראַכט אינעם בוך, בפרט אין ערשטן טייל, איז ניט מער ווי אַ גאָר־שוואַכער ווידערקלאַנג פון דעם, וואָס ס'איז געשען אויף דער וואָר. צו ריזיק איז אין יענער שוידערלעכער צייט געווען דער פאַרנעם פון דער אומדערהערטער יידישער קאַטאַסטראָפע, אַז אַ מענטשלעכע פעדער זאָל זיין ביכולת שריפטשטעלעריש זי צו רעקאָנסטרואירן.

דער אייגנטלעכער מיין פון דער דאָזיקער ארבעט איז אַ דאָפּלטער: 1) אויפ־שטעלן אַ שטיקל מצבה נאָך דער חרוב ומוחרב געוואָרענער יידישער קאָונע און 2) צוטראָגן אַ ביסל רוי־מאַטעריאַל פאַר אונדזערע היסטאָריקערס און קינסטלערס, וועלכע האָבן בדעה זיך צו נעמען צו דער בלוטיקער טעמע: „גזירות ת'ש — תש'ה".

י. ג.

פּ. ס.

צום סוף זאָל דעם מחבר דערלויבט זיין אויסצודריקן זיין יישר־כוח די יעניקע אינסטיטוציעס און פּערזאָנען, וועלכע האָבן אים דערמעגלעכט דאָס בוך ארויסצוגעבן. קודם־כל דאַרפן אין דעם פּרט דערמאָנט ווערן: דער פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן אין דער אַמעריק. זאָגע און דייטשלאַנד בראש מיטן פאָרזיצער, דעם נעסטאָר און מנהיג פונעם ליטווישן יידנטום, רעדאַקטאָר ראובן רובינשטיין; דער גענ.־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד ה' אינזש. אברהם שום־טער; פאַרוואַלטונגס־מיטגליד ה' אינזש. פּייווש גאָלדשמידט;

ח' י. ד. ש יי נ ז אָ ן פאַר זיינע געצייכנטע שער־בלעטער ווי אויך אלע אנדערע גוטע פריינט, וועלכע האָבן אויף דעם אָדער יענעם אופן צוגעלייגט אַ האנט צום דערשיינען פון בוך.

פאַר די פאַר צענדליק בילדער, וואָס קומען אריין אין בוך, קומט אַ דאנק דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין מינכען און אַ ריי יחידים.

ד. ז.

# בילדער פון דער פאַרמלחמה׳דיקער קאָוונע







לייסוועס־
אַלעע — איינע
פון די הויפּט־
גאַסן.
אין פֿאָדער־
גרונט — גע־
בּיידע פון
ייד. צענטראַל־
באַנק.
געזונטהייטס־
הויז פון דער
געזעלשאַפט
„אָזע“



אַלטער קאָוונער בית־המדרש אויף יאַקשטאָ גאַס
(געבויט אינמיטן 19־טן יאָרהונדערט)

## קאַפּיטל I

# באַמערקונגען צום מצב פונעם ליטווישן יידנטום אין די יאָרן 1918־1940

אייניקע שטריכן צום פּאָליטישן, סאָציאַל־עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב פון ליטוויש־יידישן קיבוץ אין פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. — אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג. — וויכטיקסטע געשעענישן אין לאַנד ביז צום אריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין ליטע.

אַ 6—7 הונדערט יאר איז אַלט דער יידישער ישוב אין ליטע-לאַנד — אינעם ניט-גרויסן אַגראַר-לאַנד ביי די ברעגעם פון ניעמאַן און ווילִיע. פאַרשיידענע געשיכטלעכע תקופות, ערגערע און לפי-ערך בעסערע, האָט דער ליטוויש-יידישער קיבוץ אדורכגעמאַכט אין פאַרלויף פון זיין דורות-אַלטן קיום. דער ליטווישער ייד, דער „ל י ט װ א ק”, האָט במשך לאַנגע יאָרהונדערטער זיך דערוואָרבן כאַראַקטער-שטריכן פון אַ ספּעציפישן יידישן פאָלקס-טיפּ און איז מיטדערצייט געוואָרן אַ שם-דבר אין דער אַלוועלטלעכער יידישער משפּחה.

גאָר גרויס איז דער צושטייער פונעם ליטווישן יידנטום צו אונדזערע קולטור-געזעלשאַפטלעכע התגלותן אין דער נייער תקופה פון אונדזער אַלטער און פילגעפּרוּווטער פאָלקס-געשיכטע. אַלע דערגרייכונגען פונעם שעפערישן יידישן געדאַנק, ווי אַ שטייגער, רעליגיעזע יידישקייט, השכלה, פּאָליטישער ציוניזם, יידישער סאָציאַליזם, וועלטלעכע קולטור אין יידיש און העברעאיש א. א. וו. האָבן, ווי באַקאַנט, תמיד געפונען אַ הילכיקן און וואַרעמען אָפּקלאַנג אינעם לעבן פון ליטוויש-יידישן ציבור.

אָבער ניט נאָר אין פרט פון אַלגעמיין-יידישע קולטור-שאַפונגען האָט דאָס יידנטום אין ליטע געהאַט צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע אויפטוען און פאַרדינסטן. ס'איז אויך אַלגעמיין-באַוווּסט, אַז מיט זייערע קענטענישן און דערפאַרונגען, מיט זייער איניציאַטיוו און אונטערנעמערישן גייסט אויפן עקאָנאָמישן געביט האָבן די יידן אין ליטע ביי געטראָגן אַ גאָר-היפּשן חלק צו דער אַנטוויקלונג און געדייאונג פונעם אָרטיקן סאָציאַל-עקאָנאָמישן לעבן.

זייענדיק ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה קאָנצענטרירט בעיקר אין די קלענערע פּראָווינץ־ישובים, ווו זיי האָבן אין ס'רוב ערטער געבילדעט די מערהייט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, זיינען די ליטווישע יידן טאָג־איין, טאָג־אויס געקומען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט זייערע ליטווישע שכנים. ניט ווייניקער ווי דער שטעטלשער ייד איז געווען אָפּהענגיק מיט זיין חיונה פונעם ליטווישן פּויער, האָט אויך דער ליטווישער דאָרפס־מענטש ניט געקענט אויסקומען אָן דעם יידישן הענדלער, קרעמער און בעל־מלאכה, וועלכע האָבן ווירטשאַפטלעך פּאַרמיטלט צווישן דאָרף און שטאָט.

האָט טאַקע אין יענע צייטן געהערשט אַ גאַטירלעכער שלום־בית צווישן ליטווינער און יידן, וועלכע האָבן, בכלל גענומען, געהאַט ניט שלעכט זיך צוגעפּאַסט. ניט רעכענענדיק פאַרשיידענע צופעליקע מיספאַרשטייעניש, האָבן יידן אין ליטע דאָן ניט געהאַט קיין יסוד זיך צו באַקלאָגן אויף אַ באַדראָענדיקן יידן־האַס מצד דעם ליטווישן פאָלק. נאָכמער, ווען ליטע איז געווען אונטערן צאַרישן יאָך, האָבן באַדייטנדיקע שיכטן פון דער דעמאָקראַטישער און פּראָגרעסיווער ליטווישער געזעלשאַפטלעכקייט געפונען אַ געמיינזאַמען לשון מיט די אַנטשפּרעכנדיקע יידישע קרייזן ווען פירן אַ בשותפות'דיקן קאַמף קעגן צאַריזם א. א. וו.

אַ קענטיקער שנוי לרעה איז אין דעם פּרט געקומען בשייכות מיט דער אַנטשטייאונג פון אַן אומאָפּהענגיקער ליטווישער מלוכה צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאר 1918.

די גרינדונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער ליטווישער נאַציאָנאַלער מלוכה האָט צוו. אנד. אויך גורם־געווען אַ בולטע ענדערונג אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פונעם ליטווישן פאָלק. ס'זיינען מיטאמאָל געשאַפן געוואָרן אויסערסטגינסטיקע פּערספּעקטיוון פאַר דער יונגער ליטווישער בורזשואזיע און אינטעליגענץ, וועלכע האָבן פּלוצלונג פאַר זיך דערזען נייע און גרויסע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן.

אין זייער דראַנג צו עקספּאַנסיע און העגעמאָניע, האָבן אָבער אָט די ליטווישע שטאַטישע עלעמענטן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נאַטירלעכער רעאַקציע מצד די יידישע מיטלשטאַנד־שיכטן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אויף די געביטן פון אינדוסטריע, האַנדל, האַנטווערקעריי און פרייע באַרופן אַ גרויסע דערפאַרונג, וואָס האָט זיי מיטגעהאָלפן איינצוהאַלטן זייערע ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען.

אינעם אָפענעם און מאַסקירטן קאַמף אַריינצובאַקומען אין זייערע הענט די שליסל־פּאָזיציעס פון ליטווישן ווירטשאַפטלעכן לעבן, האָבן די אַגרעסיוו־קעמפערישע ליטווישע עקאָנאָמישע שיכטן גענאָסן די פולע אונטערשטיצונג און בלערליי פּריווילעגיעס מצד דעם מלוכה־אַפּאַראַט. די דאָזיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע ווידעראַנאַנדן צווישן ליטווינער און יידן האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט גע־

קענט בלייבן אָן קענטיקע שפּורן אויף דער געשטאַלטונג פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן יידן און ניט־יידן אין ליטווישן עפנטלעכן לעבן.

פּאַראַלעל מיטן וווּקס פון די עקאָנאָמישע אַפּעטיטן מצד די ליטווישע נאַציאָנאַליסטישע קרייזן, איז וואָס־ווייטער אַלץ העפטיקער אָנגעגאַנגען די פאַרשטאַרקונג פון די אַנטי־יידישע שטימונגען צווישן דער ליטווישער באַפעלקערונג. אויף דער אויסברייטערונג און פאַרטיפונג פונעם אַנטיסעמיטיזם אין ליטע אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט חוצדעם אויך געהאַט אַ קענטיקע השפעה דער שנעלער פאָרויסמאַרש פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין שכנישן דייטשלאַנד, ווי אויך די אַנטי־יידישע איינשטעלונגען אין דער שכנישער פּריציש'ער פּוילן און אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע.

שוין אין דער ערשטער העלפט פון די 20־ער יאָרן האָבן די ליטווישע קלעריקאַל־רעאַקציאָנערע שיכטן, וועלכע זיינען דאַן געשטאַנען ביים מלוכה־רודער, חרוב־געמאַכט די מוסדות פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס די ליטווישע יידן האָבן מיט אַזוי פיל מי געהאַט אויפגעבויט. קורץ, גאָר קורץ, איז דעריבער געווען דער קיום פון די רעכטלעך־אָנערקענטע וועדי־הקהילות בראש מיטן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און ספּעציעלן מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים. פון אָט די אַלע שווער־אויסגעקעמפטע אויטאָנאָמיע־דערגרייכונגען איז דעם ליטווישן יידנטום אין לעצטן סך־הכל געבליבן איינצוהאַלטן געוויסע פּאָזיציעס נאָר אויפן געביט פון שול־וועזן.

דער טאָטאַליטאַרער רעזשים, אונטער דער אָנפירונג פון מלוכה־פּרעזידענט אַנטאַנאַס סמעטאָנאַ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין לאַנד איבער 13 יאָר (פון 17־טן דעצעמבער 1926 ביזן 15־טן יוני 1940), האָט, אמת, צו קיין אָפענע אַנטי־יידישע עקסצעסן ניט דערלאָזן מחמת מורא פאַר דער רעאַגירונג מצד אויסלאַנד, פון וועמען די קליינע ליטע איז געווען שטאַרק אָפּהענגיק. אָבער דער פּראָצעס פון אַרויסשטויסן די יידן פון זייערע איינגעפונדעוועטע פּאָזיציעס אין האַנדל, אינדוסטריע, מלאכה און פרייע פּראָפעסיעס איז אָנגעגאַנגען מיט אַ פיבערהאַפטיקן טעמפּאָ.

טויזנטער יידישע משפחות זיינען דורך דעם דאָזיקן קאַמף קעגן יידישע פּרנסות געבליבן אָן אַן עקאָנאָמישער אחיזה און זיינען געווען געצוווּנגען צו פירן אַ געמאַטערטן לעבן, זייענדיק אָנגעוויזן אויף מאַטעריעלער שטיצע מצד די קרובים אין אויסלאַנד.

פאַר דער אונטערוואַקסנדיקער יידישער יוגנט איז אין יענע יאָרן געווען די איינציק־פּראַקטישע פּערספּעקטיוו זיך איינצואָרדנען אין לעבן — דאָס עולה־זיין קיין ארץ־ישראל און, אין אַ פיל־קלענערער מאָס, אויך די אויסוואַנדערונג אין די לענדער פון צענטראַל־און דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע א. א. וו.

באַזונדערס־שווער איז די יידישע עקאָנאָמישע לאגע אין ליטע געווען צום סוף פון די 20־ער און אָנהויב די 30־ער יארן, ווען דער יעמאלטיקער אלגעמיי־נער עקאָנאָמישער קריזיס אין דער וועלט האָט אויך אין ליטווישן ווירטשאַפט־לעבן לעבן געלאָזן טיפע שפורן.

אָן אינטערעסאנטן קאַפּיטל שטעלט פאר מיט זיך דאס יידישע געזעלשאַפט־לעכע און קולטורעלע לעבן אין ליטע. אמת, די 160 טויזנט ליטווישע יידן (אָן ווילנע אָנן אומגעגנט) האָבן קוואַנטיטאטיוו מיט זיך פארגעשטעלט איינעם פון די ניט־גרויסע יידישע קיבוצים אויף דער וועלט, אָבער דערפאר האָבן זיי גע־לעבט אָן עכטן נאציאָנאַל־יידישן פאָלקס־לעבן.

די פּלאָג פון אסימילאציע, וואָס האָט אַזוי צעשטערעריש געווירקט אין לעבן פון פיל יידישע מאסן־ישובים, איז אין ליטוויש־יידישן לעבן בכלל קיין פּראָבלעם ניט געווען. צי דאס איז געווען צו דערקלערן מיטן פאַקט, וואָס די יונגע ליטווישע קולטור איז ניט געווען ביכולת אָנצוגרייפן די יידישע קולטור־פּאָזיציעס, וואָס זיינען געשטאנען אויף אַ פיל־העכערער מדרגה, ווי די ליטווישע, אָדער וואָס די ליטווישע יידן האָבן פארמאָגט אין זיך אַ ווידקזאמערע נאציאנאלע אימוניטעט לגבי אסימילאציע, ווי די יידן אין די אנדערע לענדער, אָדער אפשר האָבן דאָ געשפּילט אַ ראָלע ביידע פאַקטאָרן צוזאמען — אויף יעדן פאל האָט דאס ליט־ווישע יידנטום פון דער אסימילאציע־מחלה ניט געליטן. מחמת דעם איז אפילו די ליטוויש־יידישע אינטעליגענץ אין תוך געווען יידיש־פּאָלקסטימלעך און האָט זיך געפילט ענג געבונדן מיט אלע יידן און פריידן פונעם גאנצן יידישן ציבור.

חדרים און ישיבות, צווישן זיי די וועלט־באַרימטע ישיבות פון סלאבאדקע, טעלז און פאנעוועזש; קינדער־גערטנער, פאָלקס־שולן, גימנאזיעס, לערער־סע־מינארן, ווי אויך פיל אנדערע בילדונגס־און דערציאונגס־אנשטאלטן פון פאר־שיידענע שיטות, ווי רעליגיעז־טראדיציאָנעלע, ציוניסטיש־העברעאיסטישע און יידישיסטיש־פּראָגרעסיווע; יידישע און העברעאישע ביבליאָטעקן; 3 יידישע טאָג־צייטונגען פון פארשיידענע געז. ריכטונגען, ווי „יידישע שטימע" (אַלגע־מיין־ציוניסטישע), „פאָלקסבלאַט" (פאָלקיסטיש־דעמאָקראטישע), „דאָס וואָרט" (ציוניסטיש־סאָציאליסטישע); פארשיידענע צייטשריפטן אין יידיש און העברעאיש; באשטענדיקע טעאטערס ווי אויך יידישע און העברעאישע טע־אַטער־סטודיעס; מערערע ספּאָרט־פאראיינען, ווי „מכבי", „הפועל", „יאַק" (יידי־שער אַטלעטיק־קלוב); אַ ברייט־פארצווייגטע נעץ פון יידישע פאָלקס־בענק בראש מיט אַ ייד. צענטראַל־באַנק; ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאציעס פון יידישע אינ־דוסטריעלער, סוחרים, האנטווערקער, קרעמער, מענטשן פון פרייע באַרופן א. א. וו; צדקה־מוסדות און כלערליי ווילטעטיקע חברות; לעגאַלע און אויך אומלעגאַלע פּאַרטייען, אָנהויבנדיק פון דער עקסטרעם־רעכטער „אגודת־ישראל" און ענדיקנ־

דיק מיט די עקסטרעם־לינקע יידישע קאָמוניסטן; יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון פאַר־שיידענע געזעלשאַפטלעכע שאַטירונגען א. א. וו. — דאָס אַלץ זיינען געווען אויסדרוקס־פאָרמען פון נאַציאָנאַל־פּאָלבּלוטיקן און זאַפטיקן יידישן פאָלקס־לעבן אין ליטע אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

* *

*

אין צענטער פונעם ליטוויש־יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן איז געשטאַנען קאָוונע — די גרעסטע יידישע קהילה אין דער אומאָפּהענגיקער ליטווישער רעפּובליק, די שטאָט פון די וועלט־באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן הרב הגאון ר' יצחק־אלחנן זצ"ל, אברהם מאַפּו, בעל־מחשבות א. א. גדולי־ישראל, וועלכע האָבן גרויס־געמאַכט דעם נאָמען פון דער יידישער ליטע אין דער גאַרער וועלט.

נאָכדעם, ווי ווילנע איז אָקופּירט געוואָרן מצד די פּאָליאַקן, איז קאָוונע באַשערט געווען צו ווערן די ליטווישע הויפּשטאָט *). דער דאָזיקער פאַקט האָט שטאַרק משפּיע־געווען אויפן וווּקס און אַנטוויקלונג פון קאָוונע, וואָס האָט במשך געציילטע יאָרן אָנגענומען דעם פּרצוף־פּנים פון אַ רעזידענץ־שטאָט.

פון אַ באַפעלקערונג פון לערך 50—60 טויזנט נפשות צום סוף פון ערשטן וועלט־קריג, איז קאָוונע ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אויסגעוואַקסן צו אַ שטאָט פון 130—140 טויזנט מענטשן. דער דאָזיקער רעשיקער וווּקס פון דער אַלגעמיינער קאָוונער באַפעלקערונג האָט שטאַרק ארונטערגעזעצט דעם פּראָצענט־זאַץ פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. אינדערצייט, ווען אמאָליקע יאָרן האָבן יידן אין קאָוונע געבילדעט לערך אַ העלפט פון דער אַלגעמיינער צאָל מענטשן אין שטאָט, זיינען זיי אויף דער שוועל פון פאָלקס־חורבן דאָרטן געווען נישט מער ווי אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

מחמת דעם סכסוך צוליב ווילנע זיינען, ווי באַקאַנט, צווישן ליטע און פּוילן במשך 18 יאָר **) נישט געווען איינגעשטעלט קיין נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען, און איין לאַנד איז פון צווייטן געווען אָפּגעצוימט ווי מיט אַ כינעזי־שער וואַנט. דאָס פעלן פון אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן שכנישן פּוילישן יידנטום, האָט סטימולירט דעם יידישן ישוב אין ליטע צו ווערן — אין נאַציאָנאַלן זין — אַ חי נושא את עצמו. אַלע קולטור־געזעלשאַפטלעכע נויטן פון ליטווישן יידנטום האָט די יידישע אינטעליגענץ אין ליטע געמוזט אַליין אויסטראָגן אויף אירע אייגענע

*) פאַרמעל: די צייטווייליקע הויפּשטאָט.

**) פון 1920 ביז 1938.

פּלייצעס. דאס האָט זי געצוואונגען צו זיין אקטיוו אויף אלע געביטן פון יידיש־נאציאנאלן שאַפן.

דעם טאָן אינעם ליטוויש־יידישן לעבן האָט, ווי געזאגט, געגעבן די יידישע קאָוונע, הגם ס'זיינען אין ליטע אויך געווען באַדייטנדיקע יידישע קהילות אין שאוול, פּאנעוועזש, מעמעל *) א. א. וו. די איניציאַטיוו פאר כלערליי יידיש־געזעלשאפטלעכע אַקטיוויטעטן איז תמיד ארויס פון קאָוונע, ווו ס'האָבן זיך גע־פונען די וויכטיקסטע יידישע צענטראלע אינסטיטוציעס.

גרויס איז געווען דער צושטראם פון דער יידישער יוגנט פון פּראָווינץ קיין קאָוונע. פון צענדליקער קלענערע און גרעסערע יידישע שטעטלעך פלעגן אהין אומאויפהערלעך זיך ציען מחנות יידישע בחורים און מיידלעך צו לערנען אין די העכערע און מיטעלע לערן־אנשטאלטן, אין די ישיבות א. א. וו. זייער פיל פּראָווינצער יידישע יוגנטלעכע פלעגן אין קאָוונע זיך איינאָרדנען ביי פארשיידענע האנטווערקער־פעכער אָדער אלס אנגעשטעלטע אין די האנדלס־און אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. באַזונדערס־שטארק איז דער דאזיקער וואַנדער־שטראם פון שטעטל אין שטאט אַנגעגאַנגען בעת דער סאָוועטישער תקופה אין ליטע.

דאס אלץ האָט איבערגעלאזן אן אייגנארטיקן יידישן שטעמפּל אויף קאָוונע — אויף דער מעטראָפּאָליע פונעם ליטווישן יידנטום. ניט נור אין אַזעלכע ריין־יידישע שטאט־פערטלען, ווי למשל, סלאָבאָדקע, אַלטשטאָט א. א. וו. האָט אויף שריט און טריט געווימלט מיט יידן און יידישקייט, נאר אין אלע ווינקעלעך פון שטאט האָט פולסירט אן אינטענסיוו און ברויזנדיק יידיש לעבן און שאפן — —.

*  *

*

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט דעם 1־טן סעפּ־טעמבער 1939 זיך אָנגעהויבן מיט אַ באַוואָפנטן קאָנפליקט צווישן די צוויי ליטווישע שכנים דייטשלאנד או פוילן, האָט ליטע, ווי באַוווסט, פּראָקלאמירט איר ניי־טראליטעט.

צוליבן רעשיקן צוזאמענברוך פון דער פוילישער מלוכה, איז ליטע שוין אין די ערשטע מלחמה־וואָכן פארפלייצט געוואָרן פון אַ גרויסן שטראם פוילישע פּליטים, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען אַ גרעסערע צאָל יידן. די ליטווישע יידן האָבן, לויט מעגלעכקייטן, זיך געמיט מקרב־צו־זיין זייערע אומגליקלעכע ברידער פון פוילן און זיי געהאָלפן געפינען אַ ציטווייליקן אָפּדאך אין ליטע. דער ספּעציעל־געשאפענער יידישער פּליטים־קאָמיטעט האָט צוו. אנד. זיך אויך פאר־

---

*) פון 1923 ביז 1939 האָט דאָס מעמעל־ געביט געהערט צו ליטע.

נומען מיט עמיגראַציע־הילף פאַר די יעניקע יידישע מלחמה־פּליטים, וועלכע האָבן געהאַט אַ שטיקל מעגלעכקייט אויסצוּוואַנדערן קיין אויסלאַנד.

הגם מחמת אַ גאַנצער ריי מלחמה־פאַקטאָרן איז דאַן אין ליטווישן עקאָנאָמישן לעבן אָנגעקומען אַ תקופה פון א. ג. מלחמה־פּראָספּעריטי, פון וואָס ס'האָט אויך געגאָסן די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג, האָט דאָך דער מלחמה־אויסברוך שטאַרק אויפגערודערט די ליטווישע יידן. ווער־ניט־ווער, נאָר יידן האָבן באַשיינפּערלעך געזען, אַז פון דער דאָזיקער נייער וועלט־שחיטה וועט, ליידער, פאַר יידן קיין גוטס ניט אַרויסקומען, און די גינסטיקע עקאָנאָמישע קאָניונקטור איז די יידן ניט איינגעגאַנגען.

שפּעטער־צו, ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט, ווי אַ פּועל־יוצא פון זיין יעמאָלטיקן הסכם מיטן נאַציִשן דייטשלאַנד, גענומען אויסשפּרייטן זיין ווירקונגס־ספערע אין די באַלטישע לענדער, איינאָרדנענדיק אין זיי סאָוועטישע קריגס־באַזעס א. א. וו. זיינען אין אַ גאַנצער ריי פונקטן פון ליטע איינגעקוואַרטירט געוואָרן סאָוועטישע גאַרניזאָנען.

די איינאָרדנונג פון סאָוועטישע קריגס־באַזעס אין ליטע האָט אין ליטווישן עפנטלעכן לעבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. ס'איז געווען אָנצוטאַפּן מיט דער האַנט, אַז די קליינע בופער־מלוכהלעך, ווי דאָס זיינען געווען אויך די באַלטישע לענדער, זיינען אין קריגס־צייט, נאָך־מער ווי אין פרידנס־צייט, ניט מער ווי אַן אָביעקט פון דיפּלאָמאַטישן „קו־האַנדל" צווישן די גרויסמאַכטן.

ווי ס'איז געווען צו דערוואַרטן, האָט די ניי־געשאַפענע סיטואַציע אין לאַנד שטאַרק צעטרייסלט די יסודות פונעם דיקטאַטור־רעזשים, וואָס האָט דייטלעך דערשפּירט, אַז מחמת דער אַנטוויקלונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע געשעענישן איז זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ זייער פּראָבלעמאַטיש. די הערשנדיקע ליטווישע נאַציאָנאַליסטישע קרייזן זיינען אפילו גרייט־געווען מוחל צו זיין סאָוועט־רוסלאַנד די „מתנה" פאַר ליטע — דאָס אינקאָרפּאָרירן אין די גרענעצן פון דער ליטווישער מלוכה די אַמאָליקע ליטווישע הויפּטשטאָט ווילנע, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן מצד פּוילן—,אַבי ס'זאָל נאָר בלייבן, ווי ס'איז געווען פריער...

למען האמת מוז מען זאָגן, אַז אויך די ליטווישע אָפּאָזיציאָנעלע און פּראָגרעסיווע עלעמענטן — מיטן אויסנאַם פון די קאָמוניסטן, פאַרשטייט זיך — זיינען ניט געווען צו שטאַרק באַגייסטערט פון דער אויסגעוואַקסענער סאָוועטישער השפּעה אין ליטע. דאָך האָבן זיי געהאָפט, אַז איצט וועט זיי ענדלעך געלינגען צו דערגרייכן זייער לאַנג־יאָריקן טרוים: אַראָפּצוּוואַרפן דעם סמעטאָנאַ־רעזשים, וואָס האָט שוין אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין לאַנד גענוג דערגעסן, און איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינפירן אין ליטע אַ דעמאָקראַטישע מלוכה־אָרדנונג.

די סימפּאַטיעס פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע זיינען געווען אויף דער זייט פון די דעמאָקראַטישע כּוחות, ווייל די מערהייט יידן האָט צוזאַמען מיט די אָפּאָזיציאָנעלע שיכטן אין לאַנד מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער מפּלה פון דער סמעטאָנאַ־קליקע.

די איינגלידערונג פון ווילנע און אומגעגנט אין די גרענעצן פון דער ליטווישער רעפּובליק, האָט פאַרגרעסערט דעם יידישן קיבוץ אין ליטע מיט נאָך אַ 100 טויזנט נפשות. אינדערצייט, ווען די 160 טויזנט ליטווישע יידן האָבן געבילדעט 7% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין לאַנד, האָט דאָס פערטל מיליאָן יידן באַטראָפן לערך 10% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. לכתחילה האָבן די יידן זיך גערעכנט, אַז צוליב דער שטרעבונג צו ליטוויניזירן די ניי־צוגעקומענע געגנט, וועלן די ליטווישע רעגירונגס־קרייזן מוזן זיך שטאַרק רעכענען מיטן דאַרטיקן יידישן פאַקטאָר, בפרט אין ווילנע גופא, וווּ ס'האָבן געלעבט אַ 75 טויזנט יידן, און דאָס וועט זיך אויסווירקן לטובת דער אַלגעמיינער לאַגע פונעם ליטווישן יידנטום.

די דאָזיקע יידישע דערוואַרטונגען האָבן זיך ניט באַרעכטיקט, ווייל די ליטווישע שאָוויניסטישע עלעמענטן האָבן אָנשטאָט דעם געפּרוווט גאָר אויסשפּילן די ווילנער פּאָליאַקן קעגן די דאַרטיקע יידן. אַזוי, למשל, זיינען גלייך נאָכן אַריינמאַרש פון די ליטווינער אין ווילנע דאָרטן פאָרגעקומען אַנטי־יידישע עקסצעסן, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט ליטווישע פּאָליציסטן און אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן, און פון די יידישע האָפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך...

* *

*

די צווייטע וועלט־מלחמה איז זיך דערווייל געגאַנגען איר ווייטערדיקן וועג. דאָס היטלערישע דייטשלאַנד איז דאַן געגאַנגען פון נצחון צו נצחון. נאָכן צעשמעטערן פּוילן אין סעפּטעמבער 1939, זיינען, ווי באַקאַנט, אין פרילינג 1940 אָקופּירט געוואָרן דענעמאַרק, נאָרוועגיע, שפּעטער־צו — האָלאַנד, בעלגיע און ס'איז אָנגעהויבן געוואָרן אַ דייטשער גענעראַל־אָנגריף קעגן פראַנקרייך. דעם 14־טן יוני 1940 איז געפאַלן פּאַריז.

דעם 15־טן יוני 1940, אַלזאָ, איין טאָג נאָכן פאַלן פון דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט, האָט קיין ליטע אַריינגעמאַרשירט די רויטע אַרמיי. פּרעזידענט סמעטאָנאַ, וואָס האָט אויף דעם, ווייזט אויס, זיך ניט גערעכנט, האָט קוים באַוויזן צו אַנטלויפן קיין דייטשלאַנד. דער דיקטאַטור־רעזשים איז זיך צעפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ „פאָלקס־רעגירונג" בראָש מיטן באַקאַנטן ליטווישן שריפטשטעלער פּראָפ. ק ר ע וו ע־מ י צ ק ע וו י ט ש י ו ס (אגב, איז ער נאָכן

מלחמה=אויסברוך צווישן דייטשלאנד און רוסלאנד פארבליבן אונטער דער נאצישער אָקופּאַציע אין ליטע און האָט דערנאָך — קען זיין, אונטערן דרוק פון די אָקופּאַנטן — עפנטלעך געטאדלט ראטן=פארבאנד). אלס ממלא=מקום פון פּרעזידענט איז באַשטימט געוואָרן דער ליטווישער זשורנאליסט י ו ס ט א ס פּ אַ ל ע צ ק י ס, וואָס איז די לעצטע יארן געווען באַקאַנט מיט זיינע פּראָ=סאָוועטישע ארויסטרעטונגען.

די דאָזיקע איבערראשנדיקע פּאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן מיט זיך פארגעשטעלט אַ שטורמישןווענדפּונקט אין דער גייסטער געשיכטע פון ליטע, האָבן גאר בקרוב אויך גורם געווען ווייט=גייענדיקע שינויים אינעם לעבן פון ליטוויש=יידישן קיבוץ.

# קאַפּיטל II

# איין יאָר סאָוועטישע תקופה אין ליטע

[יוני 1940 — יוני 1941

---

**ראַדיקאַלע שינויים אין לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע בשייכות מיטן איינפירן אין לאַנד דעם סאָוו. רעזשים. — אייליקע דעפּאָרטאַציע פון די פּאָליטיש־אומלאָיאַלע עלעמענטן האַרט פאַרן מלחמה־אויסברוך צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. — פאַרשטאַרקטע אַנטיסאָוועטישע ווי אויך אַנטיסעמיטישע שטימונג ביי די ליטווינער.**

נאָך אַ 5=וואָכיקן אינערלעך=פּאָליטישן יווירונגס=פּראָצעס, האָט, ווי באַקאַנט, דער ניי=אויסגעוויילטער ליטווישער „פאָלקס=סיים" דעם 23=טן יולי 1940 פּראָקלאמירט ליטע אלס ראטן=רעפּובליק, וואָס איז שפּעטער=צו איינגעגלידערט געוואָרן אינעם באשטאנד=טייל פונעם סאָוועטן=פארבאנד.

די איינפירונג פון דער סאָוועטישער מלוכה=אָרדנונג אין ליטע האָט, זעלבסטפארשטענדלעך, געמוזט ברענגען און האָט טאקע אויך געבראכט צו ווייטגייענדיקע ענדערונגען אויף אלע געביטן פון עפנטלעכן און פּריוואטן לעבן פון לאנד. די דאָזיקע ענדערונגען האָבן אויך שטארק געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג אין ליטע.

אין רעכטלעך=פּאָליטישן זין, האָבן די יידן אין ליטע — צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון דאָזיקן לאנד — באַקומען פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג צוגלייך מיט אלע אַנדערע בירגער פון לאנד. דאס זיין אַ ייד — האָט פלוצלונג אויפגעהערט צו זיין אַ סיבה פון כלערליי נאציאָנאל=פּאָליטישע דיסקרימינאציעס און פארפאָלגונגען, ווי ס'איז געווען דער פאל ביז צו יענער צייט.

דער נייער סאָוועטישער מלוכה=אַפּאַראַט האָט ברייט צעעפנט זיינע טירן פאר די יידן, אַזוי גוט ווי פאר ניט=יידן. די דאָזיקע נייע און אומגעוויינלעכע סיטואציע האָט דערמעגלעכט די יידן אין ליטע איין מאל פאר אלע מאל פריי אויפצוהויבן דעם קאָפּ און ניט באַטראכטן זיך פאר בירגער פון אַ נידעריקערער מדרגה.

די רעאָרגאַניזאציע פון געוועזענעם קאַפּיטאליסטישן מלוכה=סדר אויף נייע, סאָציאַליסטישע ידוסות האָט שטאַרק זיך געגוויטיקט אין די קענטעניש און דער=

פאַרוּנגען פון דער יידישער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ, וואָס האָט טאַקע מיט אימפעט און התמדה זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און האָט פיל ביינע־טראַגן צו אָט דעם איבערבוי־פּראָצעס. ניט נאָר אין אַדמיניסטראַציע און אין ווירטשאַפטלעכן אַפּאַראַט, נאָר אויך אין די פאַרשיידענע אינסטאַנצן פון דער הערשנדיקער קאָמפּאַרטיי האָבן ־פיל יידן געשפּילט אַן אַנגעזעענע ראָלע.

דער פאַקט פון יידישער בירגערלעכער און מענטשלעכער גלייכבאַרעכ־טיקונג און בעיקר דאָס, וואָס יידן האָבן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין מלוכה׳שן און פּאַרטייאישן אַפּאַראַט, האָבן די ליטווישע אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן געמיט זיך שטאַרק אויסצונוצן פאַר זייער ־אומלעגאַלער אַגיטאַציע קעגן ניי־איינגעפירטן סאָוועטישן רעזשים אין ליטע. אין דעם פּרט איז דער אַנטיסעמיטיזם פאַר זיי געווען אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל, און די ליט־ווישע פּראָ־פאַשיסטישע קרייזן האָבן געפּרווט פון אים שלאָגן וואָס־מער קאַפּיטאַל.

מען מוז אָבער זאָגן, אַז די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געוווּסט, ווי אַזוי צו האַלטן אין צוים די דאָזיקע פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע נפשות און צו קיין אַנטי־יידישע מעשים איז עס ניט דאַן דערגאַנגען.

אויב די פולשטענדיקע פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין ליטע איז מצד ס׳רוב יידן אין לאַנד אויפגענומען געוואָרן מיט פרײדיקע געפילן, האָט אָבער דער פּראָצעס פון נאַציאָנאַליזאַציע פון די גרעסערע און מיטעלערע האַנדלס־און אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, פון די גרעסערע וווין־הייזער א. א. וו., וואָס איז גאָר גיך געקומען ווי אַ פּועל־יוצא פונעם ניי־איינגעפירטן סאָוועטישן רע־זשים אין לאַנד, גורם געווען די דעקלאַסירונג פון גרויסע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די דעקלאַסירטע יידישע באַפעלקערונג איז, פאַרשטייט זיך, געווען שטאַרק אומצופרידן מיט די אַלע ווירטשאַפטלעכע שינויים, וואָס דער סאָוועטישער רעזשים האָט איינגעפירט אין לאַנד. בפרט זיינען געווען שטאַרק אויפגערודערט די יעניקע געוו. פאַרמעגלעכע משפחות, וואָס האָבן באַקומען א באַפעל פון דער מאַכט צו פאַרלאָזן זייערע דירות אין שטאָט און זיך אַריבערצוקלייבן ערגעץ־ווו אין די קלענערע ישובים בשכנות פון קאָוונע. אָבער אויך די אומצופרידענע עלעמענטן האָבן בלית־ברירה געמוזט שלום־מאַכן מיט דער ניי־געשאַפענער סיטואַציע, און זיי האָבן געזוכט צו געפינען אַ וועלכע ס׳איז אחיזה אין די ראַמען פון נייעם מלוכה־סדר.

די רעשיקע ליקווידאַציע פונעם גאַנצן פריערדיקן, לפי־ערך, אַזוי אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, האָט אויף דער יידישער באַפעלקערונג, מיטן אויסנאַם פון די יידישע קאָמוניסטן און זייער פעריפעריע, געמאַכט אַ זייער־פיינלעכן רושם. דער איבערברוך אין דעם פּרט איז געווען אַזאַ שנעלער און,

אגב, אויך אַזאַ הארבער, אַז ס'איז פּשוט ניט געווען קיין מעגלעכקייט בהדרגה'דיק זיך צוצופּאַסן צו די אלע קארדינאַלע ענדערונגען.

ביי דער געלעגנהייט דארף מען אויך צוגעבן, אַז גלייך נאכדעם, ווי די סאָוועטן האָבן ארייננעמארשירט קיין ליטע, האָבן פיל יידן, בעיקר פון די פריער־דיקע גוט־סיטואירטע שיכטן, ווי אויך אַקטיווערע טוער פון די ליקווידירטע געז. פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, געמאכט פארצווייפלטע אָנשטרענגונגען פאר יעדן פּרייז זיך ארויסצורייסן פון ליטע און אָפּפארן קיין ארץ־ישראל, אין די סקאַנדי־נאווישע לענדער אָדער קיין יאַפּאַן, פון וואַנען מ'האָט געהאָפט אנצוקומען קיין אמעריקע א. א. מקומות.

גאָר גרויס איז אויך געווען די עמיגראַציע־בהלה ביי אַ גרויסן טייל פּויליש־יידישע פּליטים, וועלכע האָבן מחמת פּאָליטישע טעמים געהאַט אַ יסוד ניט צו פארבלייבן אונטער איין דאַך מיטן סאָוועטישן רעזשים.

פיל פון די דאָזיקע מענטשן פלעגן צו יענער צייט טאָג־טעגלעך באַלאַגערן די מוסדות פון „היאס", „פּאַלעסטינע־אַמט", „אינטוריסט" (סאָוועטישע טו־ריסטן־געזעלשאַפט פאר אויסלענדער), כדי צו באַקומען ערגעץ־ווו אַן ארייןפאר־מעגלעכקייט. מיט ניט ווייניקער שווערקייטן איז אויך געווען פארבונדן דאס באַקומען אַ דערלויבעניש ארויסצופארן פון לאַנד.

די אַדורכגעפירטע אַרעסטן צווישן יידישע (ווי אויך ניט־יידישע) אָנפירנ־דיקע פּערזאָנען פונעם פריערדיקן געז. לעבן האָבן ביי פיל מענטשן דעם דראַנג נאָך אויסוואַנדערונג נאָך מער פארגרעסערט. פון דער אנדער זייט, איז אָבער דאָז געוואָרן גרעסער די סכנה פון גיין אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס זיך משתדל־צו־זיין וועגן עמיגראַציע, כדי דערמיט ניט צו דערוועקן קיין חשד פון אנטי־סאָוועטישע איינשטעלונגען. פאר די דאָזיקע מענטשן, וועמענס צאָל ס'איז געווען אַ גאַנץ גרויסע, זיינען עס געווען טעג פון זייער שווערע איבערלעבונגען.

* *
*

און די צווייטע וועלט־מלחמה איז זיך ווייטער געגאַנגען איר וועג.

נאָכן דערגרייכטן מיליטערישן נצחון איבער פראַנקרייך אין יוני 1940, זיינען די דעראָבערישע אַפּעטיטן פון נאַצישן דייטשלאַנד געוואָרן נאָך מער חוצפה'־דיקער און אַגרעסיווער. דער היטלעריזם האָט געהאַט פארשלונגען נייע מלוכות — יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד (אַפּריל 1941), דעם אינדזל קרעטע (מאַי 1941) — און איז ענדלעך אין יוני 1941 געקומען צום וויכטיקסטן פּונקט פון זיינע אַגרעסיווע פּלענער: מלחמה קעגן ראַטן־פארבאַנד.

די דייטלעכע צוגרייטונגען מצד דעם היטלערישן דייטשלאנד צו אַ קריג קעגן ראטן=פארבאנד (וואָס איז, פארשטייט זיך, פאר סאָוועט=רוסלאנד ניט געבליבן קיין סוד), האָט פאר דער סאָוועטן=מאכט אַקטואליזירט די פראגע וועגן דעפּאָרטירן פון ליטע, ווי איינעם פון די עווענטועלע פלאצדארמען פון די ערשטע קריגס=אָפּעראציעס צווישן דייטשלאנד און ראטן=רוסלאנד, די פּאָליטיש=אומלאָיאַלע עלעמענטן.

אינמיטן יוני 1941, לערך אַ וואָך צייט פארן איבערפאל פון דייטשלאנד אויפן ראטן=פארבאנד, האָט אין ליטע זיך אָנגעהויבן אַ אייליקע דעפּאָרטאציע פון די פּאָליטיש=אומכשרע פּערזאָנען.

גאַנץ אומגעריכט האָבן די סאָוועטישע מאַכט=אָרגאנען אָנגעהויבן צו דעפּאָרטירן אין די טיפערע געביטן פון רוסלאנד די מער=ווייניקער אָנגעזעענע פּערזאָנען פונעם געוועזענעם ליטווישן מלוכה=אַפּאַראַט, פון די אָפיצערן=קרייזן פון דער פריערדיקער ליטווישער ארמיי, פון די אקטיווערע אָנפירער פון די געשלאָסענע פּאָליטישע און געזעלשאפטלעכע אָרגאַניזאציעס און פארבאנדן, פון די געוו. אייגנטימער פון די נאציאָנאַליזירטע גרעסערע אונטערנעמונגען א. א. וו.

הגם די דאָזיקע שריט מצד דער ראטן=מאכט האָבן בשעתם אויך שטארק געטראָפן פיל ליטווישע יידן, וועלכע זיינען געוואָרן דעפּאָרטירט צוגלייך מיט ניט=יידן, האָבן אָבער די ליטוויש=אנטיסעמיטישע עלעמענטן די גאנצע זאַך באַוווסטזיניק זיך געמיט פארצושטעלן ווי אַ דורכאויס „יידישע שטיקל אַרבעט" לגבי דעם ליטווישן פאלק . . .

די העצע קעגן יידן האָט ביי דער געלעגנהייט זיך שטארק פונאנדערגעפלאקערט, און דער קריגערישער אנטיסעמיטיזם האָט גענומען לאזן אין גאַנג זיין גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן די „יידישע" ג. ק. וו. ד.=אינסטאנצן, וואָס האָבן אדורכגעפירט די דאָזיקע מאססימיטלען. פון טאג=צו=טאג האָבן אלץ נייע כוואַליעס פון יידן=פרעסערישן גיפט פארפלייצט די סאמע אָפּגעלעגנסטע ווינקעלעך פון דער ליטווישער פּראָווינץ.

ביי אַזאַ אלגעמיין=געשפּאַנטער אַטמאָספער אין לאנד און, חוצדעם, אויסערגעוויינלעך=פונאנדערגעפלאמטער שנאה קעגן יידן, וועמען, ווי געזאָגט, דער ליטווישער אנטיסעמיטיזם האָט זיך געמיט צו מאכן פאראנטוואָרטלעך פאר די שארפע מאָססימיטלען מצד דער ראטן=מאכט, איז אָנגעקומען די דאטע פון 22=טן יוני 1941 — דער טאָג, ווען דאס בשעתו אַזוי האָפערדיקע נאצי=דייטשלאנד איז אָנגעפאלן אויפן ראטן=פארבאנד.

## קאַפּיטל III

# אויסברוך פונעם דייטש־סאָוועטישן קריג און די בהלה׳דיקע עוואַקואַציע

---

באַוואָפנטע קאַמפן מצד דער ליטווישער „5־טער קאָלאָנע" קעגן דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי. — טיילווייזע עוואַקואַציע פון די יידן אין די טיפערע געביטן פון ראַטן־פאַרבאַנד. — ערשטע יידישע מלחמה־קרבנות.

דער אומגעריכטער דייטשער איבערפאַל אויף ראַטן־רוסלאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין די באַגינען־שעהן פון זונטיק, דעם 22־טן יוני 1941, האָט סיי אויף די סאָוועטישע, סיי אויף די יידישע קרייזן אין ליטע געמאַכט אַן אויסער־געוויינלעך־שטאַרקן רושם.

אין דער זעלבער צייט האָבן גאָר גרויסע טיילן פון דער ליטווישער באַפעל־קערונג, בפרט די נאַציאָנאַליסטישע און פּראָ־פאַשיסטישע עלעמענטן, וועלכע זיינען געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט און צעשראָקן צוליב דער דעפּאָרטאַציע קיין רוסלאַנד, די ידיעה פון מלחמה־אויסברוך אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם און שמחה. די דאָזיקע ליטווישע קרייזן האָבן איצט דערזען די פאַרווירקלעכונג פון זייער טרוים: אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, וואָס וועט, ווי זיי האָבן דאַן באמונה שלמה געגלויבט, דערפירן צו דער אומפאַרמיידלעכער מפּלה פון ראַטן־פאַרבאַנד און צו דער ווידעראויפשטעלונג פון דער ליטווישער נאַציאָנאַ־לער אומאָפּהענגיקייט.

צי מחמת סטראַטעגישע טעמים, צי מחמת אַנדערע סיבות, האָט, ווי באַ־קאַנט, די רויטע אַרמיי בשעתה זיך ניט אַריינגעלאָזן אין קיין גרעסערע שלאַכטן אויפן שטח פון דער ליטווישער טעריטאָריע און האָט געהאַלטן אין צוריקציען זיך צו די עכט־רוסישע געביטן. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דער דייטשער אַרמיי שנעל זיך צו באַוועגן אויף דער ליטווישער טעריטאָריע. זיינען טאַקע שוין במשך די ערשטע מלחמה־טעג גאַר גרויסע שטחים פון ליטע געוואָרן אָקו־פּירט פון די שנעל־פאָרויסמאַרשירנדיקע דייטשע אַרמיי־טיילן.

צוגלייך מיטן צוריקטריט פון דער רויטער ארמיי און אייליקער עוואַקואַציע פון די מלוכהשע אינסטיטוציעס, האָבן אין לאנד אָנגעהויבן צו בושעווען די ליט־ווישע פראָ־היטלערישע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך גלייך אָרגאַניזירט אין „ליטווישע פּאַרטיזאַנער־מחנות“.

צו די דאָזיקע פראָ־דייטשע עלעמענטן אויף דער ליטווישער גאַס זיינען אין אייניקע טעג ארום נאָכן מלחמה־אויסברוך אויך צוגעשטאַנען פּאָליטישע און הויפּטזעכלעך קרימינעלע פאַרברעכער פון די ליטווישע תפיסות, וועלכע די רוסן האָבן שוין גיט באַוויזן צו עוואַקואירן פון ליטע. מחמת די תפיסות זיינען געבליבן אָן אויפזיכט, האָבן די ארעסטירטע זיך אליין באַפרייט.

די דאָזיקע ליטווישע „5־טע קאָלאָנע“, וואָס איז אָן ספק שוין פון פריער געשטאַנען אין אַ קאָנטאַקט מיטן נאַצי־דייטשלאַנד און האָט פאַרמאָגט געהיימע געווער־רעזערוון, האָט תיכף זיך גענומען באַוואָפענען און מיט געווער אין די הענט אָנגעהויבן אַ קאַמף אין רוקן פון דער אָפּטרעטנדיקער רויטער ארמיי.

גלייכצייטיק מיטן קאַמף קעגן די סאָוועטישע ארמיי־טיילן, האָבן די דאָזי־קע ליטווישע באַוואָפנטע כוחות אָנגעהויבן זייער לאַנג־געטרוימטן בלוטיקן טע־ראָר קעגן דער שוצלאָזער און שטאַרק־צערודערטער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע.

* *

*

זייער פיל יידן, קודם־כל אָבער די געוו. יידישע באַאַמטע און העכערע אָנ־געשטעלטע פון די סאָוועטישע אינסטיטוציעס, דערוואַרטנדיק גרויסע רעפּרע־סיעס אין פאַל פון אַ דייטשער אָקופּאַציע (אַז די היטלערישע רוצחים וועלן טאָמער פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג, איז קיינעם נאָך דאַן ניט איינגעפאַלן), האָבן אייליק אנגעהויבן מאסנוויז זיך צו עוואַקואירן אין די טיפערע געביטן פון רוסלאַנד.

צוליבן בהלה'דיקן טעמפּאָ פון דער עוואַקואַציע פון די מיליטערישע א. א. מלוכהשע אנשטאַלטן, האָט זיך געפילט אַ גרויסער מאנגל אין טראַנספּאָרט־מיטלען פאַר ציווילע פערזאָנען. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, צוליב וואָס נאָר קלענערע גרופּעס ליטווישע יידן האָבן באַוויזן רעכטצייטיק זיך צו עוואַקואירן.

אגב, מוז מען אויך צוגעבן, אַז לכתחילה האָט די סאָוועטישע גרענעץ־וואַך ניט אַריינגעלאָזן אין די געביטן פון אייגנטלעכן רוסלאַנד די יעניקע פּליטים, וועלכע זיינען געקומען פון די באַלטישע לענדער א.א. געגנטן, וואָס זיינען אַריבער צום ראַטן־פאַרבאַנד זינט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מחמת דעם האָבן פיל פּליטים געמוזט צוריקקערן אין זייערע פריערדיקע היימען, פונוואַנען זיי

זיינען געווען אַנטלאָפן, כאָטש די דאָזיקע ערטער זיינען שוין געווען אָקופּירט דורך דייטשן. שפּעטער־צו, אין אַ פּאָר טעג ארום, האָט די סאָוועטן־מאכט געעפנט די גרענעץ, און אַלע פּליטים זיינען פריי אַריינגעלאָזן געוואָרן אין לאַנד. צוליבן לכתחילה'דיקן פארבאָט אריבערצוטרעטן די סאָוועטישע גרענעץ, זיינען אָבער פיל יידישע פּליטים, בתוכם אויך פון ליטע, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די נאַציס.

די יעניקע יידן, וועלכע זיינען אריינגעלאָזן געוואָרן קיין רוסלאנד, זיינען געווען פון די גליקלעכע, ווייל ס'האָט טאקע זיך איינגעגעבן אויסצומיידן די גרויזאַמע יידן־שחיטות, וואָס דער בלוטדורשטיקער היטלעריזם האָט מיט אַ גזלנישער קאַלטבלוטיקייט אַדורכגעפירט.

גרויסע מחנות יידן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פאַרקער־מיטלען, האָבן זיך געלאָזן גיין צופוס, טראָגנדיק אויף די הענט די קינדערלעך אָדער זיי פירנדיק אין קינדער־וועגעלעך, איבערלאָזנדיק אין די הייזער אויף הפקר זייער גאנצן האָב־און גוטס. זיי זיינען אָבער כמעט אלע אונטערוועגס פארכאַפּט געוואָרן מצד די ליטווישע פּאַרטיזאנער־גרופּעס, וועלכע האָבן פיל יידן אומגעבראכט אויפן אָרט, אַ גרויסן טייל פון זיי אַרעסטירט און די איבעריקע, נאָך אַ לענגערן פייניקן זיי אין די „פּאַרטיזאנער־שטאבן“, געצוווּנגען אדורכצומאכן דעם סכנותפולן וועג פון צוריקקערן זיך אין זייערע אלטע וווינערטער, וועלכע זיינען שוין דאַן געווען אָקופּירט מצד די דייטשן.

גיט מען נאָך צו דעם אַלעמען צו דעם שוידער און גרויל פון די יעמאָלטיקע קריגס־אָפּעראציעס, בעיקר די אומאויפהערלעכע דייטשע באָמבארדירונגען פון די וועגן, איבער וועלכע ס'האָבן זיך געצויגן אָפּטרעטנדיקע סאָוועטישע מיליטער־טיילן און גרויסע מחנות עוואַקואירנדיקע—ווערט קלאָר, וואָס יידן האָבן געהאַט איבערצולעבן אין אָט יענע גרוילפולע מלחמה־טעג.

זיינען טאַקע די וועגן, וועלכע פירן אין דער ריכטונג צו ווילנע און דווינסק — די צוויי הויפּט־ריכטונגען פון די עוואַקואירנדיקע — במשך דער ערשטער מלחמה־וואָך, ווען ס'איז פאָרגעקומען די ענדגילטיקע אָקופּאַציע פון דער ליטווישער טעריטאָריע, באַדעקט געווען מיט זייער פיל יידישע הרוגים.

## קאַפּיטל IV

# ערשטע מאַסן־עקסצעסן קעגן דער יידישער באַפעל־קערונג אין קאָוונע

מצב אין קאָוונע ערב דער דייטשער אָקופּאַציע. — אַנטי־יידישע העצע דורכן ליטווישן ראַדיאָפאָן. — איבערפאַלן מצד ליטווינער אויף יידן אין קאָוונע. — גרויזאַמער פּאָגראָם אין סלאָבאָדקע. — בעסטיאַלישע רציחות אין די גאַראַזשן.

שוין אין די ערשטע מלחמה־שעהן האָט קאָוונע געגומען שפּירן די פּאָלגן פון אויסגעבראָכענעם דייטש־סאָוועטישן קריג. אין די פריע פרימאָרגן־שעה׳ן פון זונ־טיק, דעם 22־טן יוני 1941, איז די שטאָט באָמבאַרדירט געוואָרן פון דער דייט־שער קריגס־אַוויאַציע. במשך דעם זונטיקדיקן טאָג זיינען די דייטשע באָמבאַרדי־רונגען מערערע מאָל איבערגעחזרט געוואָרן. פון די באָמבאַרדירונגען האָבן אין שטאָט אויסגעבראָכן מערערע שריפות. דעם זעלבן טאָג נאָכמיטאָג האָט זיך אויך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון די סאָוועטישע מלוכה־אַנשטאַלטן.

ווי מ׳קען זיך משער זיין, איז די פּאַניק ביי די יידן געווען זייער גרויס. מען איז געלאָפן צו באַקאַנטע זיך מישב־זיין, וואָס צו טאָן. יעדער ייד האָט מיטאמאָל דערפילט, אַז ס׳ברענט דער באָדן אונטער זיינע פיס... די עוואַקואַציע פון די סאָ־וועטישע אינסטיטוציעס האָט די צערודערונג ביי די יידן נאָך מער פאַרשטאַרקט. פאַר דער מערהייט יידן איז קלאָר געווען, אַז אויב די רוסן עוואַקואירן זיך פון שטאָט, טאָרן דאָרט די יידן אויך ניט בלייבן.

די בהלה און די דעזאָריענטירונג ביי די יידן איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין דער זעלבער צייט האָט מען געקענט מערקן, ווי קאָוונער יידן לויפן אין דער פּראָ־ווינץ, האָפנדיק, אַז דאָרטן וועט אפשר דער דערוואַרטער שטורעם אַדורכגיין פיל לייכטער, און יידן פון די קלענערע ישובים בשכנות פון קאָוונע לויפן אין שטאָט, מיט דער אויסרעכענונג דאָרט צו געפינען אַ זיכערערן שוץ, ווי אין די שטעטלעך, וווּ ס׳זיינען פאַראַן גאָר ווייניק יידן.

מאנטיק, דעם 23־טן יוני, ווען אין קאָוונע איז שוין פּאַקטיש ניט געווען קיין סאָוועטישע מאכט און די דייטשן האָבן נאָך די שטאָט ניט געהאַט אָקופּירט, זיינען די פּאַקטישע באַלעבאַטים פון שטאָט געווען די זיך־פאָרמירנדיקע ליטווישע אַנטי־סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־מחנות.

דעם זעלבן טאָג איז מצד די אָנפירנדיקע ליטווישע נאַציאָנאַליסטישע קרייזן דורכן קאָוונער ראַדיאָפאָן אָנגעמאָלדן געוואָרן דעם ליטווישן פאָלק, אַז ס'איז ענדלעך ווידעראויפגעשטעלט געוואָרן די ליטווישע נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט און ס'איז אויך געבילדעט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע ליטווישע רעגירונג בראש מיט פּאָלקאָווניק ש ק י ר פּ א, דעם געוו. ליטווישן געזאַנדטן אין דייטשלאַנד.

מ'דארף אָבער באַמערקן, אַז ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט קאָוונע, האָבן זיי ניט אנערקענט די פּראָקלאַמירטע ליטווישע אומאָפּהענגיקייט און במילא אויך ניט די געשאַפענע ליטווישע רעגירונג. נאָכמער, זיי האָבן אפילו ניט דערלויבט אייניקע ליטווישע „מיניסטאָרן“, וועלכע האָבן זיך געפונען אין בערלין, צו קומען קיין ליטע. די דייטשן האָבן לכתחילה מסכים געווען צו אנערקענען נאָר די עקזיסטענץ פון אַ ליטווישער מיליטערישער קאָמענדאנטור און פון אַ ליטווישן מאַגיסטראַט. שפּעטער־צו האָט, ווי באַקאַנט, דער „ליטווישער קוויסלינג“, גענ. ק ו ב י ל י ו נ אַ ס, געבילדעט אַ ליטווישע רעגירונג פון „גענעראל־ראַטגעבער“, וועלכע זיינען פּאַקטיש געווען ניט מער ווי יוצר־משרתים ביי דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט.

כדי וואָס מער גושא־חן צו זיין ביי די דייטשן, האָבן דאַן די ליטווישע פּראָהיטלערישע עלעמענטן אָנגעהויבן זייערע אַנטי־יידישע מערדערייען, האָפנדיק דורך אַזעלכע מעשים צו איבערצייגן די נאַציס, אַז אין פּרט פון יידן־רציחות קען מען זיך אויף די ליטווינער פאַרלאָזן און מ'קען האָבן צו זיי דעם פולן צוטרוי...

*   *

*

פון מינוט־צו־מינוט איז אין יענע שוידערלעכע טעג די יידישע לאַגע אין קאָוונע געוואָרן אַלץ מער באַדראָענדיקער. די פּראָוואָקאַטאָרישע ראַדיאָ־דערקלערונג מצד דעם ליטווישן מיליטערישן קאָמענדאנט פּאָלקאָווניק ב אָ ב י אַ ל י ס, אַז מחמת דעם, וואָס יידן שיסן אויף די אָנקומענדיקע דייטשע מיליטער־לייט, וועלן פאַר יעדן דערהרגעטן דייטשן סאָלדאַט דערשאָסן ווערן 100 יידן — האָט די פּאָגראָם־שטימונג קעגן יידן פולשטענדיק עלעקטריזירט.

לויט אַ פאַרויס־צוגעגרייטן פּלאַן, האָבן דאַן די ליטווישע פּאַרטיזאַנער אנגעהויבן אין קאָוונע זייערע ערשטע מאַסן־עקסצעסן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.

אנגעפירט פונעם „העכסטן פּאַרטיזאַנער־שטאב“, האָבן זיך גרופּעס באַוואפנטע ליטווישע פּאַרטיזאַנער צעוואָרפן איבער די פאַרשיידענע טיילן פון שטאט און גענומען איבערפאַלן די יידן אין זייערע וווינונגען. בעת די דאָזיקע איבערפאַלן, האָבן די פּאַרטיזאַנער אַ היפּש ביסל יידן דערשאָסן אויף אַן ארט און זייער פיל יידן האָבן זיי אַרעסטירט. די אַרעסטירטע יידן פלעגן אפּגעפירט ווערן אין די „פּאַרטיזאַנער־שטאבן“, אין דער נאר־וואָס געשאַפענער ליטווישער זיכערהייטס־פּאָליציי און אין די תפיסות. אַלס זאַמל־פונקט פאַר די פאַרהאַלטענע יידן אין אלטשטאט איז געווען באַשטימט דער פּלאַץ בשכנות פון ראטהויז. ס׳רוב אַרעס־טירטע יידן, בעיקר די מענער, האָט מען שפּעטער־צו פון די איינצלנע זאַמל־פונקטן איבערגעשיקט אויפן 7־טן פאָרט (איינער פון די פאָרטן פון דער אמאַ־ליקער קאוונער פעסטונג) — דעם ערשטן גרויסן מאַסן־פאַרניכטונגס־אָרט פאַר יידן אין קאָוונע.

אינדערצייט, ווען די בלוט־דורשטיקע ליטווישע פּאַרטיזאַנער האָבן אַדורכ־געפירט זייערע גזלנישע מעשים איבער דער הילפלאָזער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זיך אָפּגעשפּילט גרוילפולע סצענעס. דא און דאָרט איז געווען צו הערן דאָס יאמערלעכע געוויין פון די אויף־טויט־דערשראָקענע יידישע מענער און פרויען, קינדער און זקנים, וועלכע מ׳האָט מיט ווילדער רציחה געיאָגט און געטריבן פון די הייזער. די יעניקע איבערפאַלענע יידן, וועלכע פלעגן נאָך פּרוּוון זיך דינגען מיט די פּאַרטיזאַנער, מ׳זאָל זיי ניט אַרעסטירן, פלעגט מען מערדערלעך שלאָגן און זידלען מיט די ערגסטע זידל־ווערטער.

וועגן די יעמאָלטיקע פיינפולע טעג פאַר קאָוונער יידן זאָגן עדות די פאלגנ־דיקע גאַסן־בילדלעך, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן מצד לעבן־געבליבענע יידישע עדי־ראיה.

אויף דער צענטראַלער גאַס אין קאָוונע, אויף לייסוועס אלעע, זיינען דעמאָנ־סטראַטיוו אַדורכגעפירט געוואָרן גרופּעס יידן, וועלכע זיינען צונויפגעכאַפּט גע־וואָרן אין סלאָבאדקע. צווישן די געפירטע האָט מען געזען פיל יידן, אנגעטאָענע אין טלית און תפילין, זאָגנדיק בקול־רם תהילים. די דאָזיקע שחיטה־פּראָצעסיעס זיינען באַגלייט געוואָרן מיט קלעפּ פון נאַגייקעס, ביקסן־פּריקלאַדן און שרעק־שאסן מצד די באַגלייטנדיקע ליטווישע פּאַרטיזאַנער.

ניט ווייט פון סלאָבאדקער בריק, אויף יאנעווער גאַס, האָבן די ליטווישע רוצחים צונויפגעכאַפּט אַ גרופּע פון לערך 25 יידן, וועמען זיי האָבן געצוווּנגען צו טאַנצן, מאַכן פאַרשיידענע „ספּאָרט־איבונגען“, זינגען אינדערהויך יידישע רעליגיעזע תפילות און... סאָוועטישע לידער. די באַנדיטן האָבן די פאַרבייגייער איינגעלאַדן זיך משמח־צו־זיין איבער די געפייניקטע יידן.

ווען די אויסוואורפן איז נמאס געוואָרן דאָס בלוטיקע שפּיל, האָבן זיי באַ־פוילן די יידן זיך שטעלן אויף די קני, און זיי האָבן אַלעמען דערשאָסן פון הינטערוויילעך. צווישן די דערשאָסענע איז אויך געווען דער געוו. רעדאַקציע־מיט־אַרבעטער פון קאָוונער „פאָלקסבלאַט“, דר. שמואל מאַץ (באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים „שמואליק“).

איינער אַ יידישער יונגערמאַן, וועמען ס׳איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון דער עקזעקוציע און אַריינצושפּרינגען אין דער וויליע, איז דערשאָסן געוואָרן, שווימענדיק אין טייך.

אַ פאָטאָ־אויפנאַמע פון דער דאָזיקער עקזעקוציע איז שפּעטער־צו געווען פאַרעפנטלעכט אין אַ דייטשן אילוסטרירטן זשורנאַל מיט אַ צושריפט: „ווי אַזוי די איינגעבוירענע מזרח־פעלקער זיינען זיך נוקם אָן זייערע שונאים...“

גלייכצייטיק מיט די מערדערייען, זיינען דאָן אין זייער פיל יידישע הייזער אויך פאַרגעקומען בארויבונגען פון די ווערטפולערע חפצים.

און זאָל ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אין אָט יענע ערשטע פאַטאַלע טעג פאַר דער קאָוונער יידישער באַפעלקערונג, ווען די אויבנ־דערמאַנטע מערדערייען זיינען פאָרגעקומען בפני כל עם־ועדה, איז — צו דער חרפּה פון ליטווישן פאָלק! — ניט געווען צו הערן קיין איין ליטווישע שטים, וואָס זאָל וואָגן צו פאַרדאַמען די אויפּציטערנדיקע מאַסן־רציחות איבער די יידן מצד די ליטווישע היטלעריסטן. דער דאָזיקער שענדלעכער און טרויעריקער פאַקט האָט בשעתו אויף די נידערגעשלאָגענע יידן געמאַכט אַ זייער פיינלעכן רושם, און האָט פאַר זיי שוין דאַן בולט געמאַכט זייער האָפענונגסלאָזן מצב אונטער דער ממשלה פון די נאַציס און זייערע ליטווישע מיטשותפים.

* *

*

דינסטיק דעם 24 יוני, פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי אין קאָוונע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע דייטשע מיליטער־טיילן, איז די רציחה מצד די ליטווינער זייער שטאַרק געשטיגן. די יעניקע יידן, וועלכע האָבן ניט באַוויזן רעכטצייטיק זיך צו עוואַקואירן — און זיי זיינען געווען די מערהייט פון דער קאָוונער יידישער באַפעלקערונג — האָבן זיך געקומען פאַרשפּאַרן אין די וווינונגען און מיט גרויס שרעק דערוואַרטן, מה יולד יום...

אין אָט יענע פינצטערע טעג, ווען ס׳איז אנגעגאַנגען דער פּלאַנמעסיק־אָרגאַ־ניזירטער איבערפאַל מצד די ליטווישע פּאַרטיזאַנער־מחנות אויף די הילפלאָזע קאָוונער יידן, האָבן זייער אַ גרויסע ראָלע געשפּילט די הויז־וועכטער. ס׳רוב פון זיי האָבן געוואָלט מיטאַמאָל נתעשר ווערן אויפן חשבון פון זייערע יידישע שכנים

און האָבן אַלץ געטאָן, אַז די צעיושעטע פּאַרטיזאַנער זאָלן פאַרכאַפּן וואָס־מער יידן פון זייער הויף, כדי ס'זאָל דורכדעם צו זיי אין די הענט אַריינפאַלן דאָס יידישע האב־און גוטס. נאָר געציילטע הויז־וועכטער האָבן דאָן זיך ניט געלאָזן באַהערשן פון דער גיריקייט צו פאַרכאַפּן יידישן אייגנטום, און זיי האָבן טיילווייז געהאָלפן שיצן זייערע יידישע שכנים, זאגנדיק די אנגעקומענע פּאַרטיזאַנער, אַז מ'האָט שוין די די יידן אַרויסגעפירט, אָדער אַז ביי זיי אין הויף זיינען בכלל ניטאָ קיין יידן א.א.וו. אַזעלכע ערלעכע און גוטע מענטשן זיינען אָבער צווישן די הויז־וועכטער געווען זייער ווייניק.

אויב במשך די פריערדיקע פּאָר טעג זיינען נאָך געווען צו זען אויף די קאָוונער גאַסן יידישע פאַרבייגייער, זיינען וואָס וויימער די גאַסן געוואָרן כמעט ווי „יידן־ריין". אַזוי, למשל, האָט מען שוין מיטוואָך, דעם 25 יוני, נאָר וו־ניט־וו געקענט באַמערקן ווי איינצלנע דערשראָקענע יידן לויפן אַדורך די גאַס מיט גרויס נערוועזיטעט, ווי חיות, וואָס ווערן פאַרפאָלגט פון זייערע יעגער. איטלעכער ייד האָט דאַן גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס פאַראַ טויט־סכנה ס'לויערט אויף אים מצד די ליטווישע פּאַרטיזאַנער ביים באַווייזן זיך אויף דער גאַס. יידן האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן און אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס מיט איין ציל: זיך פאַרבינדן מיט קרובים אָדער גוטע באַקאַנטע, וואָס וווינען אויף אַנדערע גאַסן, כדי זיך ניט צו פילן אַזוי עלנט און פאַראיינזאַמט אין די דאָזיקע שווידערלעכע טעג און נעכט.

דעם הויך־פּונקט פון די יעמאָלטיקע ערשטע מאַסן־עקסצעסן קעגן יידן האָט אָבער דערגרייכט דער גרויזאַמער פּאָגראָם אין סלאָבאדקע. די דאָזיקע גרויליקע מאַסן־שחיטה איז פאָרגעקומען אין דער נאַכט פון מיטוואָך, דעם 25־טן אויף דאנערשטיק, דעם 26־טן יוני 1941.

רוצחישע באַנדעס — צווישן וועלכע ס'זיינען געווען זייער פיל אוניפאָרמירטע ליטווישע סטודענטן און פּאַרטיזאַנער —, באַוואָפנטע מיט ביקסן, רעוואָלווערן, העק און מעסערס, האָבן אין דער נאַכט־פינצטערניש אויפגעבראָכן די טירן פון די יידישע הייזער אויף די געסלעך פון סלאָבאָדקע און מיט אַן אומדערהערטער רציחה האָבן זיי געשאָסן, געשטאָכן, אָפּגעהאַקט קעפּ א. וו. די דאָזיקע פּאָגראָם־שחיטה האָט אנגעהאַלטן די גאַנצע נאַכט.

היות אַ טייל רוצחים האָט אויך באַנוצט אויפּרייס־קוילן, זיינען נאכן פּאָגראָם אין פיל איבערגעפאַלענע הייזער, ווי אויך אויף די הויפן אַרום די הייזער, געפונען געוואָרן מענטשלעכע קערפּער־טיילן, אָפּגעריסענע דורך די „דום־דום קוילן". אַזוי, למשל, איז אויף יורבורקער גאַס, וווּ ס'האָט געוואוינט דער קאָוונער ציוניסטישער כלל־טוער מרדכי יאטקונסקי, געפונען געוואָרן דער קאָפּ פון יאַטקונסקין אין איין ברעג צימער, און דער איבעריקער קערפּער־טייל — אין אַ צווייטן

עק צימער. דער גוף פֿון זיין פרוי (אַ צאָן־דאָקטאָרין) איז געפֿונען געוואָרן מיט אָפּגעשניטענע בריסט.

אין דער דירה פֿון סלאָבאָדקער רב הרב אָסאָווסקי איז געפֿונען געוואָרן דעם רב׳ס מורא׳דיק־צעקאַלעטשעטער גוף, ליגנדיק אויף אַ פֿאַרבלוטיקטער גמרה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לערנען בײַנאַכט, ווען די רוצחים זיינען געקומען אים דער־מאָרדן.

מ׳האָט אפילו געשמועסט, אַז אין אייניקע שוי־פֿענצטער פֿון סלאָבאָדקע זיינען געווען אויסגעשטעלט אָפּגעשניטענע קעפּ פֿון יידן.

אויף קריקשטשוקאַיטשיאָ גאַס, אַנטקעגן דער געביידע פֿון סלאָבאָדקער פּאָסט, איז אונטערגעצונדן געוואָרן אַ יידיש הויז, און אין די פֿלאַמען זיינען פֿאַרבּרענט געוואָרן אייניקע דערשאָסענע יידישע משפּחות.

דאָס זיינען נאָר אייניקע פּרטים פֿון דעם שוידערלעכן סלאָבאָדקער פּאָגראָם בעת וועלכן ס׳זיינען אויף אַ בעסטיאַלישן אופֿן אומגעבראַכט געוואָרן קרוב טויזנט יידן.

פֿרייטיק, דעם 27־טן יוני, האָט מען אויף מיסט־וועגענער צונויפגענומען די הרוגים און אַ טייל פֿון זיי באַגראָבן אויפֿן אַלטן סלאָבאָדקער יידישן בית־עולם, און די איבעריקע — אין מאַסן־גריבער ביים ברעג פֿון וויליע לעבן סלאָבאָדקע.

* *

*

דער סלאָבאָדקער פּאָגראָם האָט, ווייזט אויס, נאָך אַלץ ניט געשטילט די בלוטדורשטיקייט פֿון די ליטווישע רוצחים. זייער חיהשע גיריקייט נאָך יידיש בלוט האָט געפֿאָדערט אַלץ מער נייע יידישע קרבנות. אין אט יענע גרויזאַמע טעג פֿאַר יידן אין ליטע האָבן די ליטווישע פּאָגראָמשטשיקעס זיך געקענט דער־לויבן צו באַפֿרידיקן זייערע סאַדיסטישע נטיות אין אַזאַ מאָס און אין אַזאַ פֿאָר־נעם, ווי זיי האָבן קיינמאָל גאָר ניט געקענט חלומען... אַ באַשטעטיקונג אויף דעם קען מען געפֿינען אין די פֿאָלגנדיקע גרויליקע פֿאַקטן:

פֿרייטיק, דעם 27 יוני, זיינען לערך 60 יידן, וועלכע זיינען צוזאַמענגעכאַפּט געוואָרן אין ראַיאָן פֿון וויטאָווט־פּראָספּעקט און געדימין־גאַס, אַרויפגעפֿירט גע־וואָרן אין הויף פֿון „ליעטוקיס“־גאַראַזש אויף וויטאָווט־פּראָספּעקט, און זיי זיינען דאָרט אויף אַן אויסערסט־גרויזאַמען אופֿן פֿאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט.

ווי עדי־ראיה פֿון די שכנישע הייזער האָבן איבערגעגעבן, זיינען עטלעכע צענדליק פֿון די דאָזיקע יידן מצד ליטווישע מאַסן־מערדער דערהרגעט געוואָרן דורך קלעפּ מיט אויטאָ־אינסטרומענטן, לאָפּעטעס און העק. ביי אַ טייל געפּיי־ניקטע האָט מען אין די מיילער אַריינגעשטופּט די שלויכן צו וואַשן די אויטאָס

און, לאָזנדיק דורך די שלויכן לויפן וואַסער, זיינען די גופים פון די יידן צעפּלאַצט געוואָרן.

נאָך דער דאָזיקער בלוטיקער עקזעקוציע איז אויפן הויף פון גאַראַזש געבליבן ליגן אַ פאָרמלאָזע פאַרבלוטיקטע מאַסע פון אָפּגעריסענע און אָפּגעהאַקטע מענטשלעכע גלידער.

ענלעכע שוידערלעכע מעשים זיינען אין דער זעלבער צייט אויך פאָרגעקומען אויפן הויף פון אַ צווייטן גאַראַזש בשכנות פון וויטאַוווט־פּראָספּעקט. אויך אין דעם גאַראַזש האָבן די מערדער אַזוי לאַנג געפּייניקט זייערע קרבנות, ביז די יידן זיינען געפאַלן אין אָנמאַכט. דאַן האָט מען אויף די אנמאַכט־ליגנדיקע יידן געגאָסן קאַלטע וואַסער, כדי זיי זאָלן זיך אָפּטשוכענען, און דאַן זיי ווידער געפּייניקט. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אַזוי לאַנג, ביז די אומגליקלעכע יידן זיינען אינגאַנצן פאַרפּייניקט געוואָרן.

אין אַן אַנדער טייל שטאָט האָט מען דעם זעלבן טאָג געצווונגען אַ גרופּע צונויפגעכאַפּטע יידן ארויסצושלעפּן פון ניעמאַן מיט שטריק אַ סאָוועטישן טאַנק, וואָס איז בעת די שלאַכטן ביי די בריקן פון טייך אריינגעפאַלן אין וואַסער. היות די יידן האָבן בשום־אופן ניט געקענט לייסטן אַזאַ שווערע ארבעט, זיינען זיי מערדערלעך צעממיתט געוואָרן מצד די ליטווישע פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין שרייען, אַז די יידן „פוילן זיך צו אַרבעטן" . . .

דער שרעקלעכער סלאָבאָדקער פּאָגראָם, די בלוטיקע עקסצעסן אין די גאַראַזשן א. א. וו. זיינען אָבער, ליידער, געווען ניט מער ווי אַן אריינפיר צו ווייטערדיקע אומדערהערטע רציחות לגבי דער שוצלאָזער און פאַרצווייפלטער יידישער באַפעלקערונג סיי אין קאָוונע און סיי אין דער פּראָווינץ. אין די דאָזיקע מאַסןשחיטות האָבן מיט אַן עכט־גזלנישער קאַלטבלוטיקייט זיך אַקטיוו מיטבאַטייליקט פאַרשטייער פון אַלע שיכטן פון ליטווישן פאָלק, ווי פּויערים, אַרבעטער, אינטעליגענץ, באַאַמטע א. א., וואָס האָבן מיט אַ סאַדיסטישער הנאה זיך געבאָדן אין ימים יידיש בלוט.

אַזוי טראַגיש־האָפענונגסלאָז האָט אויסגעזען די יידישע לאַגע אין ליטע שוין אין די ערשטע טעג פון דער היטלערישער אָקופּאַציע.

# קאַפּיטל V

# שווידערלעכע הריגה אויפֿן 7־טן פֿאָרט

גזלנישע פֿאַרברעכנס מצד ליטווישע פּאַרטיזאַנער איבער די צונויפגעזאַמלטע 10־12 טויזנט יידן. — שענדונגען און דערשיסונ־גען פון יידישע פרויען. — דערמאָרדונג פון 7־8 טויזנט יידן.

בעת די מאסן־אַרעסטן צווישן דער קאָוונער יידישער באַפעלקערונג איז די ליטווישע פּאַרטיזאנער געלונגען צו פארכאַפּן אַ 10—12 טויזנט יידן. די פאַר־האַלטענע יידן האָט מען פון די באַזונדערע זאמל־שטעלעס, ווי געזאגט, איבער־געשיקט אויפן 7־טן פארט, וואָס געפינט זיך לעבן דער קאָוונער פאָרשטאָט „דער גרינער באַרג״.

נאר איינצלנע יידן איז דורך אויסקויף־געלט און כלערליי קאָמבינאציעס גע־לונגען זיך ארויסצורייסן פון דאָזיקן גיהנום. אלע איבעריקע, צווישן זיי דער גרעסטער טייל מענער און אַ קלענערע צאָל פרויען און קינדער, זיינען געבליבן אַרעסטירט אויפן פארט. די פרויען און די קינדער זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין די קאזעמאטן פון פארט, און די מענער האָט מען געהאלטן אונטערן פרייען הימל.

דער טעראָר אויפן פארט, ביז ס'איז אדורכגעפירט געוואָרן די מאסן־עקזע־קוציע, איז געווען אַ גרויזאמער. פארן קלענסטן „חטא״ פלעגט מען אָן וואָרנונג דערשאסן ווערן אויף אן ארט מצד די ליטווישע פּאַרטיזאנער, וואָס האָבן באַוואַכט די ארעסטירטע יידן.

די מענער, וועלכע זיינען אין די יעמאלטיקע גרויסע היצן במשך פיל טעג נאָכאַנאַנד געהאלטן געוואָרן אונטער די ברענענדיקע שטראלן פון דער זון, האָבן געדארפט ליגן אומבאַוועגט און ניט אויסריידן צווישן זיך קיין וואָרט. פלעגט עמיצער פון די מענער אויפהויבן דעם קאָפּ, אָדער ער פלעגט וועלן זיך אַוועק־לייגן אַ ביסל באַקוועמער, פלעגן די פּאַטרולירנדיקע פּאַרטיזאנער אויף יענעם ארט תיכף נעמען האָלען פון די קוילן־ווארפער. וועגן עסן איז די ערשטע טעג גאר קיין רייד ניט געווען. פלעגט די ארעסטירטע, וועלכע האָבן געלעכצט נאָך אַ

טראָפּן וואסער, געלונגען אויסצופּועלן ביי דער וואַך אַ דערלויבעניש, מ'זאל עס־לעבע פון זיי פירן זיך אנטרינקען פון אַ דערבייאיקער סאזשעלקע, פלעגן די פּאַר־טיזאנער אויפן צוריקוועג עטלעכע יידן דערשיסן, כלומרשט, „פארן וועלן אנט־לויפן"...

כדי די וואַך זאל זיין וואס־מער ברוטאלער און סאדיסטישער לגבי די אָרעמ־טירטע יידן, פלעגט זי סיסטעמאטיש אַנגעשיכורט ווערן. פיל פּאָסטנס פלעגן דעריבער כמעט שטענדיק זיין אין אַ שכורן צושטאנד.

באַזונדערס־שוידערלעך איז געווען די לאַגע פון די יונגע פרויען. ווען ס'פלעגט אָנקומען די נאכט, פלעגן די שכורע ליטווישע פּאַרטיזאנער זיך נעמען רייסן אין די פרויען־קאזארמעס, פונוואנען זיי פלעגן נעמען שלעפּן יונגע יידישע פרויען און מיידלעך, זיי שענדן און דערנאך דערשיסן. די פּאַניק ביי די פרויען פלעגט דאן ווערן אומגעהויער. פיל פון די איבערגעפאלענע פרויען זיינען פון שרעק אַראָפּ פון זינען. אַזעלכע גרויליקע סצענעס האָבן אַנגעהאלטן במשך פיל נעכט. צענדליקער יידישע מיידלעך און יונגע פרויען זיינען געשענדעט און דערשאָסן געוואָרן, בעת די דאָזיקע ווילדע נאכט־אָרגיעס פון די צעיושעטע ליטווישע אויס־וואורפן.

כדי ניט געפעלן צו ווערן דער פּאַרטיזאנער־וואַך, פלעגן די שענערע און יינגערע פרויען און מיידלעך בכיון זיך איינשמירן דעם פּנים אין בלאָטע א. א. וו. דאָס האָט אָבער די פארחיה'שטע סאַדיסטן ניט אָפּגעהאלטן פון זייערע פּאַר־ברעכערישע מעשים, און די צאָל געשענדעטע יידישע פרויען איז געוואָרן אלץ גרעסער. ס'זיינען אפילו געווען פאלן, ווען צווישן די געשענדעטע און פארפייניק־טע פרויען זיינען געווען יינגערע מיידלעך צוזאַמען מיט זייערע מוטערס.

דער יעמאלטיקער קאָוונער ליטווישער קאָמענדאנט, פּאָלקאָווניק באַביאַליס, פלעגט אָפט קומען וויזיטירן דעם 7־טן פאָרט און אליין געבן די נויטיקע דירעק־טיוון פאר דער באַוואַכונג.

אין איינעם אַ טאג האָט ער פאראָרדנט אויסצוטיילן פון די יידישע מענער די יעניקע, וועלכע האָבן געדינט אלס פרייוויליקע אין דער ליטווישער ארמיי. לערך 70 יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן פרייוויליק געדינט אין ליטווישן מילי־טער, זיינען געוואָרן אָפּגעטיילט פון די איבעריקע מענער און איינגעשפּאַרט אין אַ באַזונדערן קאַזעמאט. די דאָזיקע יידן זיינען געצוואונגען געוואָרן צו זינגען און צו טאנצן פאר דער שכורער וואַך, וואָס האָט אויף פאַר־שיידענע אופנים זיך איזדעקעוועט איבער זיי. שפּעטער־צו זיינען זיי איבערגע־שיקט געוואָרן אין דער קאָוונער צענטראלער תפיסה און זיינען מיטדערצייט

דערמאָרדעט געוואָרן. נאָר איינציקע פון זיי איז געלונגען אויף פּאַרשיידענע אופנים ניצול צו ווערן פון תּפיסה און אָנקומען צו זייערע משפּחות.

וועגן די שווידערלעכע רציחות אויפן 7⸗טן פאָרט זאָגט עדות פאַלגנדיקער הימל⸗שרייאיקער פאַקט: צו יענער צייט, ווען אויפן פאָרט זיינען געהאַלטן געוואָרן אַרעסטירטע די צוגויפגעכאַפּטע יידן, איז אין קאָוונע פאָרגעקומען אַ באַסקעט⸗באַל⸗מאַטש צווישן אַ דייטשער מיליטערישער מאַנשאַפט און אַ ליטווישער. היות די ליטווינער זיינען געווען גרויסע מומחים אין אָט דעם ספּאָרט⸗צווייג און אַ געוויסע צייט געווען דער מייסטער פון באַסקעט⸗באַל אין אייראָפּע, זיינען זיי אַרויס אַלס זיגער פונעם מאַטש. אַלס „פּרעמיע" האָט יעדער פון דער זיגערישער ליטווישער מאַנשאַפט באַקומען דאָס רעכט צו ... דערשיסן אויפן 7⸗טן פאָרט אַ צענדליק יידן. אַ ליטווישער אָפיציר, ק י ר ק י ל אַ, איז דערביי געווען אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט פון זיין חיה'שער בלוטדורשטיקייט, אַז ער האָט אייגנהענטיק דערשאָסן הונדערטער יידן. געפּייניקט פון זיין „געוויסן", איז ער אין אַ פּאָר טעג אַרום באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

נאָכדעם, ווי ס'זיינען דורך סאָוועטישע קריגס⸗געפאַנגענע צוגעגרייט געוואָרן מאַסן⸗גריבער, זיינען די אַרעסטירטע יידישע מענער, אין אַ צאָל פון 7—8 טויזנט פּערזאָן, אָנהויב⸗יולי 1941 דורך קוילן⸗וואָרפער דערשאָסן געוואָרן.

די יידישע פרויען און קינדער האָט מען פאַרן דערמאָרדן די מענער אַריבערגעפירט פון 7⸗טן אויפן 9⸗טן פאָרט, וואָס געפינט זיך אַ 4—5 קמ. הינטער דער קאָוונער פאָרשטאָט סלאָבאָדקע. פון 9⸗טן פאָרט האָט מען ס'רוב פרויען און קינדער אין אַ קורצער צייט אַרום אָפּגעלאָזן אַהיים, ווו ס'האָט זיי דערוואַרט אַ נייער מבול פון גזירות און נגישות.

און ווידעראַמאָל זאָל דאָ באַטאָנט ווערן, אַז בעת אָט דער ריזיקער בלוטבאָד אויפן 7⸗טן פאָרט זיינען די ליטווינער געווען ניט נאָר די אויספירער פון די שחיטות, נאָר צוזאַמען מיט געשטאַפּאָ זיינען זיי אויך געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון די מאַסן⸗רציחות. דער דאָזיקער גרויליקער פאַקט, וואָס איז געשען ניט נאָר אין קאָוונע, נאָר אין אַ פיל גרעסערער מאָס אויך אין דער ליטווישער פּראָווינץ, ווו די ליטווישע היטלעריסטן האָבן אין פיל ערטער אויסגעמאָרדעט די אָרטיקע יידן, נאָך גאָר ניט האָבנדיק אויף דעם קיין באַפעל מצד געשטאַפּאָ — וועט לדור⸗דורות בלייבן ווי דער גרעסטער שאַנד⸗פלעק אין דער געשיכטע פון ליטווישן פאָלק, וועמענס זין און טעכטער ס'זיינען געווען מסוגל אויסצופירן אַזעלכע גרויזאַמע און שענדלעכע פאַרברעכנס.

די יידן אין דער גאָרער וועלט, און בפרט די ליטווישע יידן, וועלן אויף איי־ביק איינקריצן אין זייער זכרון די דאָזיקע שאנד־און גרויל־טאטן מצד די ליטווי־נער, וועלכע האָבן אין קריטישסטן מאָמענט פון אונדזער מארטירער־געשיכטע צונעלייגט זייערע הענט ביים פארגיסן דאס אומשולדיקע בלוט פון אונדזערע קדושים.

# קאַפּיטל VI

# גרינדונג פון סלאָבאָדקער געטאָ

שאַפונג פון א יידישן קאָמיטעט. — יידישע באַפעלקערונג פון קאָוונע און די פאָרשטעט מוז אַריבערגיין אינעם ניי־געגרינדעטן געטאָ. — מבול פון אַנטי־יידישע באַפעלן. — ערשטע טעטיקייט פון יידישן קאָמיטעט. — איבערזידלונג אין געטאָ.

אין אייניקע וואָכן ארום נאכן מלחמה־אויסברוך, ווען די קריגס־אָפּעראציעס האָבן זיך אָפּגערוקט ווייט הינטער די גרענעצן פון ליטע, האָט די אָקופּאַציע־מאכט זיך גענומען צו „סטאַביליזירן" די לאגע אין לאנד בכלל און אין קאָוונע בפרט.

אָנהויב־יולי 1941 האָט קאָוונער געשטאַפּאָ געלאָזט רופן צו זיך אייניקע יידישע כלל־טוער, וועמען ס'איז געמאָלדן געוואָרן, אַז היות די ליטווינער קענען בשום אופן ניט וווינען צוזאמען מיט די יידן אין שטאט, ווייל „אַלע יידן זיינען קאָמוניסטן"..., וועט פון 15־טן אויגוסט ד. י. אין קאָוונע געגרינדעט ווערן פאר יידן אַ געטאָ. אלס ראיאָן פון געטא איז פאַרויסגעזען די פארשטאט סלאָבאָדקע. די ארויסגערופענע יידן איז פאַראָרדנט געוואָרן צו שאַפן אַ יידישן קאָמיטעט *), וואָס זאל זיך באַשעפטיקן מיט דער יידישער איבערזידלונג פון שטאט אין געטאָ.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט געשטאַפּאָ געהאט „פארזיכערט" די יידישע כלל־טוער, אַז מער וועלן קיין עקסצעסן קעגן יידן ניט פארקומען.

דעם 10־טן יולי איז אין קאָוונע פארעפנטלעכט געוואָרן אַ באַפעל, לויט וועלכן אלע אָנגעהעריקע צו דער יידישער אָפּשטאמונג אין קאָוונער שטאט ווי אויך אין די פאָרשטעט מוזן צום 15־טן אויגוסט 1941 פארלאָזן זייערע וווינונגען און זיך באַזעצן אין וויליאַמפּאָלער (סלאָבאָדקער) פאָרשטאָט, ווו ס'וועט פאר יידן געשאפן ווערן אַ געטאָ.

---

*) גענויער וועגן דער גרינדונג פון יידישן קאָמיטעט — ז. „עלטעסטן־ראַט" אין מאָנאָגראַפיע „יידישע מוסדות אין קאָוונער געטאָ."

צו יענער צייט, ד. ה. לערך אינמיטן יולי, ווען די ערשטע כוואליע פון אומ־אויפהערלעכע מאסן־עקסצעסן קעגן יידן אין קאָוונע איז געווען פארביי און ס'איז אָנגעקומען אַ קליינע „רואיקע" הפסקה, האָבן אין שטאט אויף פארשיידענע אופנים מיט סכנות־נפשות זיך געהאט ארייגעגנבעט פיל יידן, וועלכע זיינען פארכאַפּט געוואָרן אויפן וועג פון זייער עוואַקואציע דורך דעם שנעלן פארויס־מארש פון די דייטשע ארמיי־טיילן. דאס זיינען געווען מענטשן, וועלכע זיינען צוליב געוויסע סיבות אונטערוועגס ניט געווען ארייגעפאלן אין די הענט פון ליט־ווישע פארטיזאנער, אָדער זיינען פון זיי ניצול־געוואָרן נאך אַ ריי ענויים און גגישות.

צוזאמען מיט די יידן, וועלכע האָבן גאר ניט באַוויזן זיך צו עוואַקואירן, און די יעניקע פרויען און קינדער, וואָס זיינען געווען ארעסטירט אין די ערשטע מלחמה־טעג און זיינען נאָכדעם באַפרייט געוואָרן, איז אין קאָוונע דאן געווען אַ יידישע באַפעלקערונג פון לערך 30 טויזנט נפשות.

אמת, אין די יידישע הייזער זיינען שוין מער ניט פאָרגעקומען קיין סיסטע־מאטישע איבערפאלן מצד די ליטווישע פארטיזאנער, ווי דאס איז געשען ביז דאן, אָבער דאָך איז דאס באַווייזן זיך פאר יידן אין גאס — בפרט פאר יידישע מענער — נאך אלץ געווען פארבונדן מיט גרויסע סכנות. יידן האָבן אין יענע טעג מורא געהאט ניט נאר צו ווערן ארעסטירט, נאר אויך ניט צו ווערן פארכאַפּט אויף ארבעט ביי די דייטשן אָדער ליטווישע פארטיזאנער, ווייל ביי דער ארבעט פלעגט מען יידן מערדערלעך שלאָגן און זיך איזדעקעווען איבער זיי. יידן זיינען דעריבער מיט ציטער און הארצקלעמעניש געזעסן פארשטעקט בחדרי־חדרים און געוואַרט מיט באַאומרואיקונג אויף דער אנטוויקלונג פון די ווייטער־דיקע געשעענישן.

* *

*

דעם 17־טן יולי 1941 איז אין קאָוונע ענדלעך איינגעשטעלט געוואָרן אַ ציווילע מאכט, ד. ה. אין שטאט איז געשאפן געוואָרן אַ דייטשער שטאט־קאָמי־סאריאט, וואָס האָט געגומען אָרדענען אלע ענינים פון דער ציווילער באַפעלקערונג. אלס קאָוונער שטאָט־קאָמיסאר איז געוואָרן באַשטימט דער ס. אַ־בריגאדנפירער ק ר אַ מ ע ר, ווי ס'האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, דער געוו. בירגערמייסטער פון דאכאַו, אַ גרויסער צורר־ישראל.

אלס ראטגעבער פאר יידישע ענינים ביים שטאט־קאָמיסאריאט איז לכתחילה געווען באַשטימט דער ליטווינער ק אַ מ י נ ס ק א ס, אַ געוו. העכערער באַאַמטער פון קאָוונער מאגיסטראט און אַ קורצע צייט אויך בירגערמייסטער פון ווילנע אין

די צייטן פון סמעטאָנאַ. שפּעטער־צו איז אַלס רעפערענט פאַר יידישע ענינים ביים שטאַט־קאָמיסאַריאַט באַשטימט געוואָרן דער ס. א.־שטורמפירער י אָ ר ד א ן, אַ יונגער נאַצי פון דייטשן גרענעץ־שטעטל איידקונען, אַ יידן־מערדער פון גרויסן מאַסשטאַב, וואָס האָט אויף זיין „געוויסן" טויזנטער יידישע קרבנות.

צו יענער צייט האָבן די אינסטאַנצן פון שטאַט־קאָמיסאַריאַט באַוויזן אַרויס־צוגעבן די ערשטע אַנטי־יידישע באַפעלן, ווי אַ שטייגער, אַ באַפעל פאַר יידן צו טראָגן אַ געלן מגן־דוד אויף דער ברוסט און אין אייניקע טעג אַרום אַ נייעם באַפעל צו טראָגן אַ צווייטן מגן־דוד אויך אויפן רוקן; אַ באַפעל, אַז יידן טאָרן ניט גיין אויפן טראָטואַר, ווי אַלע מענטשן, נאָר זיי מוזן גיין ביי די ברעגעס פון גאַס, נאָענט צו די רינשטאָקן ביים טראָטואַר; באַפעלן, לויט וועלכע ס'איז פאַר יידן שטרענג פאַרבאָטן זיך צו באַווייזן אין עפנטלעכע ערטער, זיך באַנוצן מיט עפנטלעכע פאַרקער־מיטלען (ווי אויטאָס, דראָשקעס, א. א. וו.), האָבן טעלעפאָ־נען, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, האַלטן קריסטלעכע דינסטן, גיין אויף די מאַרק איינקויפן שפּייז־פּראָדוקטן א. א. וו.

אַ ספּעציעלער באַפעל האָט אויך פאַרווערט די יידן צו פאַרקויפן קריסטן אָדער איבערגעבן אַפילו אין זייער צייטווייליקן באַזיץ וואָס־ניט־איז פונעם יידישן פאַרמעגן, איינשליסלעך מעבל און שטובּיקע חפצים. ווי ס'האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן, איז דער זין פונעם לעצטן באַפעל געווען, אַז יידן זאָלן זייער גאַנצן האָב־און גוטס אַריבערפירן אין געטאָ, כדי די דייטשן זאָלן קענען דאָרט פון די יידן אַלץ צורויבן.

די דאָזיקע אַנטי־יידישע באַפעלן זיינען געווען פּובליקירט אין נאָמען פון דייטשן שטאַט־קאָמיסאַר, אָדער פון ליטווישן מיליטערישן קאָמענדאַנט. פאַרן עובר־זיין אויף אָט די באַפעלן איז געווען פאַרויסגעזען טויט־שטראָף.

נאָך די בלוטיקע עקסצעסן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג במשך די ערש־טע פּאָר וואָכן פון דער נאַצי־הערשאַפט, ווען ס'זיינען אומגעבראַכט געוואָרן טויזנטער יידן, האָט די כוואַליע פון די אַנטי־יידישע באַפעלן אומצווייפלהאַפטיק עדות געזאָגט אויף דעם, ווו יידן האַלטן אין דער וועלט...

די טראַגישע איבערלעבונגען ביז דאַן און די באַאומרואיקנדיקע דערוואַרטונג פון דער נאָענטער צוקונפט האָבן גורם געווען, אַז די מרה־שחורה און דער יאוש פון דער יידישער באַפעלקערונג זאָלן פון טאָג־צו־טאָג ווערן אַלץ גרעסער. אויף די יידישע פּנימער איז געלעגן אויסגעגאָסן ענדלאָזער צער, און אין די שטומע בליקן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט זייערע גרענעצלאָזע עינויים און צרות.

שפּעטער־צו, ווען די אומאויפהערלעכע בלוטיקע געשעענישן האָבן די יידן טיילווייז פאַרהאַרטעוועט, זיינען די יידן געוואָרן ווייניקער עמפּינדלעך צו די

כלערליי נאַציִשע גזירות. אין די ערשטע אָקופּאַציע-וואָכן זיינען אָבער די יידן געווען פולשטענדיק צוזאַמענגעבראָכן און דעפּרימירט.

* * *

דער נאָר-וואָס געגרינדעטער יידישער קאָמיטעט, אין וועלכן ס'זיינען צוו. אנד. געווען פאַרטראָטן דר. גריגאָרי וואָלף, דר. אלחנן עלקעס, דר. יעפים ראַבי-נאָוויטש, אַדוו. לייב גאַרפונקעל, אַדוו. יעקב גאָלדבערג, הרב שמוקלער, הרב סניעג א. א., איז גלייך פון אנהויב-אָן פאַרוואָרפן געוואָרן מיט אַ סך ארבעט.

הגם די „מאַכט" פונעם יידישן קאָמיטעט איז געווען, ווי מ'קען זיך פאָר-שטעלן, זייער אַ מיזערנע, פלעגט דאָך די שוצלאָזע און רעכטלאָזע יידישע באַ-פעלקערונג טאָג-טעגלעך באַלאַגערן דעם קאָמיטעט מיט פאַרשיידענע ענינים, זוכנ-דיק ביי אים הילף און אַן עצה.

כדי צו קענען לייסטן אַ פּראָדוקטיווע ארבעט, האָט דער יידישער קאָמיטעט שוין דאַן געהאַט געשאַפן פאַרשיידענע קאָמיסיעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט ענינים פון יורידישער הילף, וווינונגען, ארבעטס-פאַרטיילונג, איבערזידלונג אין געטאָ א. א. וו.

קודם-כל האָט דאַן דער קאָמיטעט געהאַט פיל צו טאָן מיט די יעניקע יידן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטאָט נאָכן אומגעלונגענעם פּרוּוו פון עוואַ-קואַציע, און האָבן געפונען פאַרנומען דורך קריסטן זייערע דירות צוזאַמען מיטן האָב-און-גוטס, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן ביים אַנטלויפן פון קאָוונע. די דאָזי-קע יידן האָט מען געדראָפּט באַזאָרגן מיט אַן אָפּדאַך ערגעץ-ווו און זען אָפּצו-קריגן — כאָטש אַ טייל — פון זייער פאַרמעגן. כדי צו רעגולירן די וווינונגס-ענינים פאַר יידן, איז אין יידישן קאָמיטעט געווען דעלעגירט אַ ליטווישער באַאַמ-טער פון וווינונגס-אַמט ביים מאַגיסטראַט. דאָס אָפּקריגן די זאַכן איז געווען בעיקר אָפּהענגיק פון די הויז-פאַרוואַלטערס — אַן אינסטיטוציע, וואָס איז נאָך געבליבן טעטיק פון די סאָוועטישע צייטן, ווען די גרויסע הייזער זיינען געווען נאַציאָנאַליזירט.

דער יידישער קאָמיטעט, האָט אָבער, ווי געזאָגט, אַלס זיין גרונט-אויפגאַבע געהאַט צו אָרגאַניזירן און אָרדנען די איבערזידלונג אין געטאָ.

זייער פיל איז דאַן אויסגעקומען זיך צו דינגען מיטן קאָוונער ליטווישן מאַ-גיסטראַט ביים פעסטשטעלן דעם תחום פון געטאָ. די ליטווישע טאָנגעבער פון מאַגיסטראַט זיינען געווען איינגעשטעלט צו באַשטימען פאַרן געטאָ אַ וואָס-קלע-נערן שטח, כדי, חלילה, ניט „צו עוולה'ן" די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין סלאָ-

באַדקע ...די יידישע פאָרשטייער האָבן געמוזט דעריבער קעמפן מיטן מאַגיסטראַט, מ'זאָל אַריינציען אין תחום פון געטאָ נאָך אַ געסל, נאָך אַ פּאָר צענדליק הילצערנע באַטקעס.

אונטערן אויפזיכט פון ליטווישע מאגיסטראט=באַאַמטע, האָבן די יידן אליין געמוזט ארומצוימען דעם געטאָ=קווארטאל מיט אַ הויבן צוים פון שטעכיקן דראט.

אַזוי ווי לכתחילה איז געווען פארויסגעזען, אַז אויך אין די הייזער פון ביידע זייטן יורבורקער גאַס זאָלן וווינען יידן, אָבער די עצם=גאַס זאָל בלייבן אָפן פארן ניט=יידישן פארקער, איז מען צוגעטראָטן צו בויען אויף יורבורקער גאַס (ניט ווייט פון סלאָבאָדקער בריק) אַן אונטערערדישן טונעל, וואָס האָט געזאָלט זיין באַשטימט נאָר פארן יידישן פארקער. אָבער אינמיטן בויען פון טונעל איז קלאָר געוואָרן, אַז אויף יורבורקער גאַס וועלן יידן ניט טאָרן וווינען, און די ארבעט ביים גראָבן דעם טונעל איז געוואָרן איבערגעריסן.

אויך איז פון אָנהויב אָן אין תחום פון געטאָ געווען אריינגערעכנט דער טייל פון פּאַנעריו גאַס, וואָס פארמאָגט די אומגראָדע נומערן, און חוצדעם איינציקע שכנישע געסלעך, ווי למשל, נאַוויאַלאָ, לאַמפּעדזשיו, טיילן פון דוואַראָ, גאָשטאַוטאָ א. א. דער דאָזיקער טייל געטאָ האָט געהייסן „קליין=געטאָ“.

היות אויך פּאַנעריו גאַס איז איינע פון די צענטראַלע גאַסן פון סלאָבאָדקע און פירט צו וויכטיקע וועגן אויסן שטאָט, איז די גאַס גופא באַשטימט געוואָרן פארן ניט=יידישן פארקער, ד. ה. אין די הייזער פון ביידע זייטן גאַס האָבן געוווינט יידן און די עצם=גאַס איז געוואָרן אָפּגעטיילט פון די הייזער דורך הויכע צוימען פון שטעכיקן דראט. מ'זאָל קענען פארקערן פון קליין=געטאָ אין איבעריקן טייל געטאָ, איז קווער איבער פּאַנעריו גאַס (ביים קרייץ=פּונקט מיט דוואַראָ גאַס) אויפגעבויט געוואָרן דורך יידן אַ ספּעציעלער הילצערנער ענג=בריקל (אַ וויאַדוק).

כדי צו שאַפן פּלאַץ פאר די יידן אין פאָרויסגעזעענעם געטאָ=ראַיאָן, האָט די אָרטיקע ניט=יידישע באַפעלקערונג געמוזט פארלאָזן אירע וווינונגען און אריבערגיין אין די געוועזענע יידישע דירות אין שטאָט אָדער אין דעם טייל סלאָבאָדקע, וווּ קיין יידן האָבן ניט געטאָרט זיין.

במשך איניקע וואָכן האָבן לאַנגע רייען פון הונדערטער פורן, אָנגעפּאַקטע מיט בעבעכעס, און טויזנטער פוסגייער מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס זיך געצויגן אויפן וועג פון שטאָט קיין סלאָבאָדקע און — פון סלאָבאָדקע אין שטאָט. די ערשטע זיינען געווען יידן, די אנדערע — קריסטן. ס'האָט אויסגעזען ווי, להבדיל, אַ „פעלקער=וואַנדערונג“ — אַ וואַנדערונג, אויפגעצוווּנגען פון געשטאַפּאָ, וואָס האָט שוין דאַן געהאַט פארטראַכט אירע גרויזאַמע פּלענער בנוגע דעם גורל פון געטאָ.




פלאַן פון קאָוונע און די פאָרשטעט אין יאָר 1922



אופן 7=טן פאָרט. טויזנטער צונויפגעכאַפּטע יידישע מענער, וועלכע זיינען אָנהויב=יולי 1941 געוואָרן דערמאָרדעט

(דער קאָוונער ייד ס. בורשטיין האָט דאָס דאָזיקע בילד באַקומען ביי אַ דייטשן אין מינכען)

ווִיסנדיק, אַז די גזירה פון אריבערגיין אין געטאָ וועלן יידן מוזן פינקטלעך אויספירן צום אנגעוויזענעם טערמין, האָט זיך אנגעהויבן ביי יידן אַ געיעג צו געפינען אַ וווינונג אין געטאָ. ווער ס'האָט געקענט מאטעריעל זיך דערלויבן, פלעגט געבן אַ גרעסערע סומע אָפּטרעט־געלט די סלאָבאָדקער קריסטלעכע באַלעבאַטים פון די הייזער און וווינונגען, וועלכע זיי האָבן געמוזט פארלאָזן, און פלעגט פארנעמען זייערע דירות. ניט ווייניק אָפּנארערייען און שיקאַנעם מצד אומערלעכע קריסטן זיינען ביי דער געלעגנהייט פאָרגעקומען.

אויך איז בשעתו געווען ביי יידן אַ גערייד, אַז אינעם יידישן וווינונגס־אמט, וואָס האָט געדארפט רעגולירן די וווינונג־ענינים אין געטאָ־ראיאָן, קומען פאר אומדערלאזבארע האנדלונגען מצד אומערלעכע יידישע באַאַמטע, וועלכע האָבן פון די יידישע צרות געוואָלט מאכן אַ מקור פון „לייכטע פארדינסטן“...

גאר אַ גרויסער טייל פון דער אומבאַמיטלטער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט בשום אופן ניט געפונען אין געטאָ־ראיאָן קיין וווינונג, האָט נאר געזען אריבערצופירן אין געטאָ די זאכן און זיי אָפּלייגן ערגעץ־ווו ביי אַ באַקאַנטן אין אַ שטעלכל, אויף אַ בוידעם א. א. וו. לעבן פיל הייזער אין געטא־ראיאן זיינען געווען אָנגעוואלגערט פעק מיט יידישע זאכן, פונאנדערגענומענע מעבל און פארשיידענע שטובּיקע חפצים, וועלכע יידן האָבן מיטגעבראכט מיט זיך אין געטאָ און האָבן נאך ניט געהאט קיין אייגענעם ווינקל, ווו דאס אלץ אוועקצולייגן.

פון טאג־צו־טאָג האָבן אלץ נייע מחנות יידן פארלאָזן זייערע דירות אין שטאָט און זיך באַזעצט אין געטאָ. שוין אין דער ערשטער וואָך פון אויגוסט 1941 איז דער גרעסטער טייל פון דער קאָוונער יידישער באַפעלקערונג געזעסן אין געטאָ, דאן נאך לחלוטין ניט־פאָרויסזעענדיק, וואָס פארא אויסערסט־טראגישן גורל ס'דערוואַרט די געטאָ־יידן גאָר בקרוב...

## קאַפּיטל VII

# יידישע קרבנות ערב אָפּשליסונג פון געטאָ

אַקציע פונעם „בּאַרימטן דאָנערשטיק". — אומקום פון טויזנט יידישע מענער. — דערשיסונג פון יידן ביים איינקויפן שפּייז־פּראָדוקטן.

צו יענער צייט, ד. ה. אָנהויב־אויגוסט 1941, האָבּן אין שטאָט נאָך געלעבּט ניט ווייניק יידן, וועלכע האָבּן אָדער נאָך ניט בּאַוויזן אריבּערצוגיין אין געטאָ, אָדער האָבּן נאָך ניט געהאט אין געטאָ קיין דירה, וווהין אריבּערצוגיין. חוצדעם האָבּן פיל יידן, וועלכע זיינען שוין געזעסן אין געטאָ, געהאט איבּערגעלאזן אין שטאט אַ טייל פון זייערע זאכן, וואָס זיי פלעגן — צוליבּן יעמאָלטיקן מאנגל אין טראנספּאָרט־מיטלען — בּיסלעכווייז אריבּערטראגן אויף זיך פון שטאט אין געטאָ. צוליבּ דעם איז דאן אנגעגאַנגען אַ גרויסער פארקער צווישן געטאָ און שטאָט, און אויף די גאַסן פון שטאָט האָט זיך ארומגעדרייט אַ גרעסערע צאָל יידן.

דאָס איז געווען דאָנערשטיק, דעם 7־טן אויגוסט 1941־טן יאָר, אינדערפרי, ווען ס'איז אָנגעגאנגען מיטן פולן טעמפּאָ דאָס אריבּערהויבּן זיך אין געטאָ, און פיל יידן זיינען געווען אונטערוועגס פון שטאָט אין געטאָ און צוריק.

גאנץ אומגעריכט פאר די יידן, וועלכע זיינען געווען פארטאָן מיט דער איבּערזידלונג אין געטאָ, האָבּן ליטווישע פּארטיזאנער גענומען אַרעסטירן יידישע מענער, וואָס האָבּן זיך געפונען אין די הייזער און אויף די גאסן פון שטאָט. צוליבּ וואָס זיי ווערן אַרעסטירט און וווהין זיי ווערן אָפּגעפירט, האָט קיינער פון די געכאפּטע יידן בּשעתו קיין אנונג ניט געהאט.

לכתחילה האָבּן די יידן געמיינט, אז מען כאפּט זיי געווים אויף ארבּעט — אַ זאך, וואָס פלעגט אין יענע טעג זייער אָפט פּאסירן. די ליטווישע פּארטיזאנער האָבּן אָבּער אומאויפהערלעך געכאפּט יידישע מענער, אומאָפּהענגיק פון זייער עלטער און פיזישן געזונט־צושטאנד, און בּאַנוצנדיק קעגן זיי געוואלט־מיטלען, זיי געפּאקט אין ספּעציעלע לאסט־אויטאָס, וואָס זיי האָבּן פאר דעם צוועק געהאט אין

זייער רשות. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז די יידישע מענער ווערן אָפּגעטראַנספּאָר־טירט אויפן הויף פון קאָוונער צענטראַל־תפיסה (די א.ג. געלע טורמע).

במשך אייניקע שעה איז די ליטווישע רוצחים געלונגען צונויפצוכאַפּן אַן ערך 1200 יידישע מענער און זיי צונויפברענגען אין תפיסה.

זיך דערוויסנדיק וועגן געיעג אויף יידישע מענער אין שטאָט, האָבן, ערשטנס, ס'רוב מענער אין געטאָ און אין שטאָט זיך גענומען אויסבאַהאַלטן און, צווייטנס, האָבן די נאָענטע משפחה־מיטגלידער פון די פאַרכאַפּטע מענער גענומען זוכן מיטלען, ווי אַזוי זיי צו באַפרייען פון תפיסה.

נאָך גרויסע באַמיאונגען מצד די קרובים פון די אַרעסטירטע, האָט זיך איינ־געגעבן אין אַנדערהאַלבן הונדערט עלטערע און שוואַכערע מענער צו באַפרייען, און די איבעריקע זיינען געבליבן אין תפיסה.

וועגן גורל פון די דאָזיקע העכער טויזנט יידישע מענער איז לכתחילה די יידן ניט געלונגען עפּעס צו דערגיין. שפּעטער־צו איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז אין אייניקע טעג אַרום נאָך זייער אַרעסט האָט מען די יידישע מענער ארויסגע־פירט פון תפיסה און זיי אַלעמען דערשאָסן. ווו מ'האָט זיי אומגעבראַכט, איז אָבער געבליבן פאַר יידן אומבאַוווּסט.

אין דער געשיכטע פון קאָוונער געטאָ איז די דאָזיקע אַקציע אַריין אונטערן נאָמען: „די אַקציע פון באַרימטן דאָנערשטיק".

* *

*

שוין פון די ערשטע טעג פון דער היטלערישער אָקופּאַציע האָבן יידן—אחוץ אַלע אַנדערע שלעק און פּורעניות — פון טאָג־צו־טאָג אַלץ מער גענומען שפּירן אַ מאַנגל אין שפּייז־פּראָדוקטן. קיין רעזערוו פון לעבנסמיטל איז דאַן ביי קיינעם פון די יידן ניט געווען, און דאָס ביסל שפּייז, וואָס איז פון פריער יאָ געווען, האָט מען שוין אויך געהאַלטן ביים ענדיקן.

אמת, אין ערשטן חודש פון דער אָקופּאַציע האָבן יידן באַקומען שפּייז־קאַרטן, ווי ניט־יידן, אָבער צוליב די אַנטי־יידישע עקסצעסן און אַרעסטן פלעגן פיל יידן מורא האָבן אפילו ארויסצוגיין אין גאַס אָפּנעמען די שפּייז־פּראָדוקטן אויף די קאַרטן. דער טעראָר מצד די ליטווישע פּאַרטיזאַנער האָט פאַר פיל יידן אוממעג־לעך געמאַכט דעם צוטריט צו די שפּייז געשעפטן. צוליב אָט די־אַלע סיבות איז די דערנערונגס־פראַגע ביי יידן צו יענער צייט געווען באַזונדערס פאַרשאַרפט.

געטריבן פון הונגער, פלעגן יידן ריזיקירן און ארויסגנבענען זיך אויף די וועגן הינטער דער שטאָט, כדי דאָרטן עפּעס איינצוקויפן ביי די פּויערים, וועלכע

פלעגן פירן אין שטאָט פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן. בעיקר זיינען עס געווען געצוווּנגען צו טאָן די יעניקע יידן, וועלכע זיינען שוין געזעסן אין געטאָ, וואָס איז נאָך דאַן ניט געווען אָפּגעשלאָסן, אָבער זיי האָבן בפועל־ממש ניט געהאַט, וואָס צו עסן.

די אָקופּאַציע־מאַכט האָט אָבער באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דעם דאָזיקן יידישן „פאַרברעכן", און טאַקע אויף אַן עכט־נאַציש שטייגער.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, אָנהויב־אויגוסט 1941, ווען די איבערזידלונג אין געטאָ איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט און ס'איז געווען מעגלעך פריי אַרויסצוגיין און אַריינצוגיין אין געטאָ־תּחום, איז געמאַכט געוואָרן מצד געשטאַפּאָ אַ פּלוצלונגער איבערפאַל אויף די יעניקע יידן, וועלכע זיינען געווען אַרום אויף די וועגן הינטער סלאָבאָדקע איינצוקויפן אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן ביי די פאַרבייפאָרנדיקע פּויערים.

אייניקע צענדליק יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די וועגן, איז געלונגען רעכטצייטיק נעלם צו ווערן, אָבער 26 יידן זיינען בעתן איבערפאַל יאָ אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געשטאַפּאָ.

די אַריינגעפאַלענע יידן האָט געשטאַפּאָ אַוועקגעפירט ניט ווייט פון נייגטן פאָרט, דאָרט זיי געצוווּנגען אויסצוגראָבן פאַר זיך אַ גרוב, טאַנצן אַרום אייגענעם קבר, זינגען סאָוועטישע לידער און דערנאָך — זיי אַלעמען דערשאָסן.

נאָכן דערשיסן די געכאַפּטע יידן, האָבן די געשטאַפּאָ־רוצחים אויפן אָרט פון דער עקזעקוציע געבראַכט עטלעכע צענדליק יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים אַדורכפירן דעם צוים אַרום געטאָ, און זיי געצוווּנגען צו פאַרשיטן די גרוב מיט די יידישע הרוגים.

פאַרן אָפּפירן די דאָזיקע יידן אין געטאָ איז זיי מצד געשטאַפּאָ אָנגעזאָגט געוואָרן, זיי זאָלן די געטאָ־יידן דערציילן, וואָס פאַר אַ סוף ס'דערוואַרט יעדן ייִדן, וועלכער וועט וואַגן אַרויסצוגיין אויף די וועגן איינקויפן שפּייז־פּראָדוקטן ביי די פאַרבייפאָרנדיקע פּויערים.

נאָך אין זעלבן טאָג איז וועגן דער עקזעקוציע איבער די 26 יידן פּובליקירט געוואָרן אַ ספּעציעלע באַקאַנטמאַכונג פון געשטאַפּאָ.

אַז נאָכן דאָזיקן טראַגישן פאָרפאַל האָבן יידן אויפגעהערט אַרויסצוגיין אויף די וועגן איינקויפן שפּייז, איז געווים איבעריק צו זאָגן. די דערנערונגס־פּראָגע האָט דעריבער גאָר אינגיכן ביי יידן אָנגענומען אַ קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער.*)

---

*) מערערע פּרטים וועגן ענין דערנערונג — אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

## קאַפּיטל VIII

# אקציע אויף דער אינטעליגענץ גלייך נאָכן אָפּשליסן דאָס געטאָ

אָפּשליסונג פון געטאָ. —פּאָדערונג מצד דער מאַכט צוצושטעלן 500 יידן אויף „אינטעליגענטער„ אַרבעט אין שטאָט. — אָנמעלדונג פון עטלעכע הונדערט יידן פון פרייע בּאַרופן צו גיין אַרבעטן. — דאָס צונויפכאַפּן אין געטאָ די פעלנדיקע צאָל יידן. — טראַגישער גורל פון די צונויפגעכאַפּטע 534 יידישע יונגעלייט.

דעם 15־טן אויגוסט 1941 איז דאָס געטאָ ענדלעך געוואָרן אָפּגעשלאָסן. הגם ס'איז שווער אָנצוגעבּן גענויע ידיעות, וויפיל יידן ס'זיינען אריבער פון שטאָט אין געטאָ, איז דאָך אָנצונעמען, אז אין געטאָ זיינען אריין אַן ערך 28־29 טויזנט יידישע נפשות. גלייך ווי דאָס געטאָ איז געוואָרן פארמאכט, איז די באוואכונג פון געטאָ אריבער אין רשות פון א ספּעציעלער דייטשער פּאָליציי־אָפּטיילונג, וואָס האָט געהאט צו איר דיספּאָזיציע א גרעסערע צאָל ליטווישע פּארטיזאנער.

אויף אויסצופירן די פאראָרדנונגען פון דער מאכט לגבי דעם געטאָ און אויף אָנצופירן מיט די אינערלעכע ענינים פון געטאָ־לעבן, איז פון דעם פריערדיקן יידישן קאָמיטעט נאָך א גאנצער ריי גלגולים געשאפן געוואָרן דער יידישער „עלטעסטן־ראט“*), בראש מיט דר. אלחנן עלקעס.

אַחוץ דער דאָזיקער יידישער רעפּרעזענטאנץ, וואָס איז, אגב, אָנערקענט געוואָרן מצד דער מאכט ווי די פאָרשטייערשאפט פון געטאָ־ישוב, זיינען דאן אויך ביים עלטעסטן־ראט געגרינדעט געוואָרן א גאנצע ריי יידישע געטאָ־מוסדות, ווי אַ שטייגער, ייד. געטאָ־פּאָליציי, ייד. ארבעטס־אמט, ייד. וווינונגס־אמט, ייד. פארפלעגונגס־אמט א. א. וו.

---

*) אָפיציעל געהייסן: Ältestenrat d, Jüdischen Ghetto-Gemeinde, Vilijampole היות דער נאָמען „עלטעסטן־ראט“ איז געווען איינגעבּירגערט בּיי די קאָוונער געטאָ־יידן, ווערט ער איבערגעלאָזן אין ספר ניט פאריידישט.

לויט דער כונה פון עלטעסטן־ראַט, האָבן די דאָזיקע אַלע געטאָ־אינסטיטו־ציעס *) געדאַרפט מיטהעלפן איינצושטעלן אַ שטיקל אָרדנונג אינעם אינערלעכן געטאָ־לעבן.

שבת, דעם 16־טן אויגוסט, בסך־הכל איין טאָג נאָכן אָפּשליסן דאָס געטאָ, האָבן אויפן סמך פון אַ באַפעל מצד דער מאַכט די יידן געמוזט פאַרלאָזן אייניקע גאַסן, ווי למשל, ראַודאָנדוואַריאַ, דעגעטוקו א. א., וווּ זיי האָבן נאָר־וואָס מיט אַזוי פיל שוועריקייטן געהאַט זיך איינגעאָרדנט, און אַריבערגיין אינעם איבעריקן געטאָ־תחום. די ענגשאַפט אין געטאָ איז דורכדעם געוואָרן נאָך גרעסער.

די יידישע באַפעלקערונג האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אָפּצוכאַפּן פונעם שוידערלעכן קלאַפּ צוליב די איבער 1000 יידישע קרבנות, וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן בעתן טרויעריק־באַרימטן דאָנערשטיק, דעם 7־טן אויגוסט, ווי דער רוצחישער היטלעריזם האָט שוין געפאָדערט נייע הונדערטער יידישע קרבנות, כדי צו שטילן זיין אומגעזעטיקטן דורשט נאָך יידישן בלוט. דאָס מאָל איז די געשטאַפּאָ־פאָדערונג אויף יידיש בלוט געווען מאַסקירט אויף פאָלגנדיקן אופן:

דאָנערשטיק, דעם 14־טן אויגוסט 1941, האָט דער יעמאַלטיקער ראַטגעבער פאַר יידישע ענינים ביים שטאָט־קאָמיסאַר, דער ליטווינער קאַמינסקאַס, איבערגעגעבן דעם יידישן עלטעסטן־ראַט אַ פאַראָרדנונג צוצושטעלן אויף מאָנטיק, דעם 18־טן אויגוסט, 500 יידן, וועלכע זיינען נויטיק, כלומרשט, אויף צו ברענגען אין אָרדנונג אייניקע שטאָטישע אַרכיוון. דערביי האָט קאַמינסקאַס אויסדריקלעך באַטאָנט, אַז פאַר דער דאָזיקער אַרבעט זיינען נויטיק בעיקר אינטעליגענטע מענטשן.

ניט זייענדיק חושד, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ נידערטרעכטיקן און פּראָוואָקאַטאָרישן שפּיצל מצד די ברוינע הענקער און זייערע ליטווישע מיטשותפים אומצוברענגען אַ גרויסן טייל פון דער קאָוונער יידישער אינטעליגענץ, האָט דאָס יידישע אַרבעטס־אַמט ביים עלטעסטן־ראַט פונאַנדערגעשיקט מיטטיילונגען בעיקר צו די יידן פון פרייע באַרופן, ווי למשל, צו אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אינזשינערן, לערער, בוכהאַלטאָרן, סטודענטן א.א., זיי זאָלן צום באַשטימטן טערמין זיך מעלדן ביים געטאָ־טויער, כדי צו גיין אַרבעטן אין שטאָט.

* *

*

הגם דער מנול קאַמינסקאַס האָט „פאַרזיכערט" דעם עלטעסטן־ראַט, אַז די יידן וועט קיין שלעכטס ניט געשען און אַז אינטערעצייט פון דער אַרבעט וועט

*) וועגן דער טעטיקייט און ראָלע פון די יידישע געטאָ־אינסטיטוציעס — ז. מאָנאָגראַפיע: „יידישע מוסדות אין קאָוונער געטאָ".

מען זיי געבן דריי מאָל אַ טאָג עסן א. א. וו., האָבן דאָך אויף די מעלדונגען פון יידישן ארבעטס=אמט צום באַשטימטן טערמין זיך אָפּגערופן ניט מער ווי א פּאָר הונדערט מאַן, צווישן וועלכע ס'זיינען געווען, ווי געזאָגט, פיל פון דער קאָוונער יידישער אינטעליגענץ.

מאָנטיק, דעם 18=טן אויגוסט, איז צום געטאָ=טויער אָנגעקומען א גרויסע באַוואַכונג פון ליטווישע פּאַרטיזאַנער, אונטער דער אָנפירונג פון געשטאַפּאָ=רוצח ראַוקאַ, וואָס איז שפּעטער=צו טרויעריק=באַרימט געוואָרן ווי דער גרעסטער תלין פון געטאָ, כדי אָפּצופירן די יידישע מענער צו דער „ארבעט“. די יעניקע יידן, וועלכע זיינען אליין געקומען אויפן זאַמל=פּלאַץ ביים געטאָ=טויער, זיינען תיכף ארומגערינגלט געוואָרן פון דער גרויסער און שטרענגער פּאַרטיזאַנער=באַוואַכונג.

היות צו דער נויטיקער צאָל קרבנות האָבן געפעלט אַ צוויי הונדערט מאַן, האָט דער געשטאַפּאָ=הענקער ראַוקאַ באַפוילן די פּאַרטיזאַנער אריינצוגיין אין געטאָ און צונויפכאַפּן די פעלנדיקע צאָל יידן.

מיט גרויס רציחה האָבן די ליטווישע פּאַרטיזאַנער זיך פונאַנדערגעשאָטן איבער די געסלעך פון געטאָ און אויף א ברוטאַלן אופן האָבן זיי צונויפגעטריבן א גרעסערע גרופּע געכאַפּטע יידן.

צוזאַמען מיט די אליין=געקומענע, זיינען אויפן פּלאַץ ביים געטאָ=טויער צוזאַמענגעבראַכט געוואָרן 534 יידן, וועלכע זיינען אונטער אַ שטרענגער שמירה אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן פון געטאָ אין שטאָט, פונוואַנען זיי האָבן שוין קיינמאָל מער ניט צוריקגעקערט.

לכתחילה האָבן די געטאָ=יידן נאָך ניט געוווסט, אז דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ מאַסקירטע אקציע, און די משפּחה=אָנגעהעריקע פון די אוועקגעפירטע פלעגן טאָג=טעגלעך לויפן צום געטאָ=טויער, כדי אָפּצוווארטן זייערע אייגענע, וועלכע דאַרפן צוריקקערן פון דער ארבעט...

אומזיסט זיינען געווען די יידישע באַמיאונגען עפּעס צו דערגיין וועגן גורל פון די פאַרשלעפּטע קרבנות. ניט געקוקט אויף די כלערליי „פאַרזיכערונגען“ מצד פאַרשיידענע נאַצי=גדולים, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיטן געטאָ, אז די „אוועקגעפירטע 534 יידן לעבן און ארבעטן“..., איז גאָר גיך אויפגעקלערט געוואָרן, אַז זיי זיינען נאָך דעם זעלבן טאָג, ווען מ'האָט זיי ארויסגעפירט פון געטאָ, דערשאָסן געוואָרן אויפן 4=טן פאָרט, וואָס געפינט זיך לעבן דער קאָוונער פאָרשטאָט פאַנעמון.

ווידעראַמאָל איז דאָס געטאָ שווער געטראָפֿן געוואָרן מצד דער רוצחישער געשטאַפּאָ, וועמען ס'האָבן, ווי געזען, שטאַרק מיטגעהאָלפֿן די ליטווישע היט־לעריסטן.

אין א געוויסער צייט ארום נאָך דער דאָזיקער אקציע האָט דער יעמאָל־טיקער געטאָ־קאָמענדאַנט, ס.א.־שטורמפירער יאָרדאַן, איינער פון די גרוילוקסטע תלינים פון קאָוונער געטאָ, ביי א געלעגנהייט דערקלערט אין עלטעסטן־ראַט, אז די 534 יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן ווי א שטראָף־מיטל פאר דעם, וואָס יידן זאָלן האָבן, מחמת סאַבאָטאַזש־טעמים, בעת דער ארבעט פארנעצט און אי־בערגעפירט א וואַגאָן צוקער, וואָס האָט געהערט צו דער ווערמאַכט — א זאך, וואָס איז, פארשטייט זיך, לא היה ולא נברא.

אויף יעדן פאל איז עס פאר געשטאַפּאָ געווען א „גרונט“ אומצוברענגען אי־בער 500 יידן, צווישן זיי א גרויסע צאָל פון דער קאָוונער יידישער אינטעליגענץ.

# קאַפּיטל IX

# באַרויבונג פון יידישן האָב־ און גוטס

סיסטעמאַטישע הויז־זוכונגען אין אַלע געטאָ־הייזער מיטן ציל צו באַרויבן דאָס יידישע אייגנטום. — טעראָר און קרבנות בעת די הויז־זוכונגען. — „פּריווילעגיע" אָפּליפערונג פון געלט און אַלע אנדערע ווערטפולע חפצים.

אין א פּאָר טעג ארום, נאָכדעם ווי די גאַנצע קאָוונער יידישע באַפעלקערונג איז שוין געווען פארשפּארט הינטער א הויכן צוים פון שטעכיקן דראָט און שטרענג באוואכט פון א ספּעציעלער געטאָ־וואך, זיינען אין פארלויף פון איבער צוויי וואָכן צייט, אָנהויבנדיק פון 19־טן אויגוסט און ענדיקנדיק מיטן 4־טן סעפּ־טעמבער 1941, טאָג־איין, טאָג־אויס פאָרגעקומען אין די יידישע הייזער הויז־זוכונגען, כדי אָפּצונעמען ביי די יידן זייער געלט און אנדערע ווערטפולע חפצים.

אונטער דער אָנפירונג פון פּאָליציי־הויפּטמאַן טאָרנבוים, פלעגן דייטשע פּאָ־ליציי־אָפּטיילונגען גיין פון הויז־צו־הויז און, אַדורכפירנדיק גרינדלעכע רעוויזיעס, פלעגן זיי צונעמען געלט, גאָלדענע און זילבערנע חפצים, בעסערע בגדים, וועש און שיך, עלעקטרישע מכשירים, מעדיצינישע א.א. אינסטרומענטן, שענערע מעבל און אַלע אנדערע קעגנשטאַנדן און זאַכן, וואָס פלעגן זיי געפעלן ווערן אין די יידישע הייזער.

לכתחילה זיינען די געטאָ־יידן געווען איינגעשטעלט אויסצובאַהאַלטן פון די דייטשע רויבער זייערע בעסערע און ווערטפולערע זאַכן. צו דעם צוועק האָט יעדער איינער זיך געמיט ערגעץ־ווו צו פארשטעקן זיין געלט און בעסערע קעגנ־שטאַנדן, אז די דייטשן זאָלן בשום אופן עס ניט געפינען. געלט, גאָלד, זילבער א. א. ווערטפולע חפצים פלעגט מען באַגראָבן אין דער ערד, אָדער באַהאַלטן אין אַזא אָרט, וואָס איז פאר אַ פרעמדן אויג ניט אויפפאַלנדיק. כדי ניט מקבל־פּנים צו זיין די „געסט" מיט ליידיקן, פלעגן די יידן בכיון אַליין אָנגרייטן א ביסל געלט און וואָס־ניט־איז פון זייערע בעסערע זאַכן, די דייטשן זאָלן ניט ווערן חושדיק, אז מען האָט פון זיי עפּעס אויסבאַהאַלטן.

נאָכדעם, ווי די יידישע הייזער זיינען שוין איינמאָל געווען דורכגעזוכט, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן נאָכאמאָל דורכצונישטערן יעדן יידישן הויז. מיטן ציל צו דעזאָריענטירן די געטאָ־יידן, זיי זאָלן ניט קענען באַוויזן רעכטצייטיק זיך צו־צוגרייטן צו די הויז־זוכונגען און באַהאַלטן זייערע בעסערע קעגנשטאַנדן, פלעגט די דייטשע פּאָליציי אָנווענדן פאַרשיידענע טריוקן: אַ טאָג־צוויי פלעגט זי אַדורכפירן די רעוויזיעס סיסטעמאַטיש פון גאַס צו גאַס, מיטאמאָל פלעגט זי זיך איבערוואַרפן פון איין געטאָ־קוואַרטאַל אין אַ צווייטן א.א.וו.

די איבערפּאַלער האָבן געהאַט מיט זיך לאַסט־אויטאָס, און אַ ספּעציעלע אַר־בעטס־קאָמאַנדע פלעגט די אָנגערויבטע זאַכן תיכף אָפּטראַנספּאָרטירן אין שטאָט. אַלס לאַגערן פאַר די צוגערויבטע יידישע זאַכן און מעבל זיינען באַנוצט געוואָרן די געוועזענע יידישע בתי־מדרשים אין אַלט־שטאָט.

וועלנדיק אָנשרעקן די געטאָ־באַפעלקערונג, זי זאָל ניט וואַגן אויסצובאַהאַלטן עפּעס פון די ווערטפולע זאַכן און אַלץ אָפּגעבן בעת די רעוויזיעס, האָבן די נאַציס אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן אָנהויבן אַדורכצופירן די הויז־זוכונגען, גענומען אָנ־ווענדן אַ בלוטיקן טעראָר. אָן דער מינדסטער סיבה האָט די פּאָליציי טאָג־איין, טאָג־אויס אין דער צייט פון די רעוויזיעס גענומען דערשיסן יידן, בעיקר מענער. צענדליקער יידן זיינען אויף אַזאַ אופן דאַן דערשאָסן געוואָרן. די שרעק פאַרן טע־ראָר בעת די הויז־זוכונגען איז געווען אַזוי גרויס, אַז יעדן מאָל, ווען ס'פלעגט באַוווסט ווערן, אַז די איבערפּאַלער זיינען שוין דאָ אין געטאָ, פלעגט ביי די גע־טאָ־יידן ווערן די אמתע בהלה. יידן האָבן צו יענער צייט ניט אַזוי מורא געהאַט, טאָמער וועלן די דייטשן פון זיי צונעמען ווערטפולע זאַכן, ווי מ'איז געווען אין שרעק, ס'זאָל, חלילה, ניט קומען צו קיין מענטשלעכע קרבנות.

באַזונדערס־געפערלעך איז געווען פאַר מענער זיך צו געפינען אין שטוב אינ־דערצייט פון די הויז־זוכונגען, ווייל די דייטשן פלעגן די מענער מערדערלעך שלאָגן און ניט ווייניק, ווי געזאָגט, אויך דערשאָסן. די מענער פלעגן זיך מיען תיכף צו פאַרשווינדן פון די יעניקע קוואַרטאַלן, וווּ די הויז־זוכונגען פלעגן פאָר־קומען.

אין די הייזער פלעגן דעריבער בעת די רעוויזיעס פאַרבלייבן נאָר פרויען און קינדער. זוכנדיק ביי די פרויען, כלומרשט, פאַרשטעקטן גאָלד, בריליאַנטן א.א.וו., פלעגן די פרויען אויסגעטאָן ווערן מוטער־נאַקעט און זיי פלעגן אונטערזוכט ווערן מצד דער דייטשער פּאָליציי.

דער דאָזיקער טעראָר מצד די נאַצישע רויבער האָט אויף די געטאָ־יידן אָנ־געיאָגט אַזאַ פּאַניק און טויט־שרעק, אַז פיל יידן האָבן שוין געוואָלט פּטור ווערן פון זייער אייגנטום, אַבי נאָר צו זיין זיכער מיטן לעבן.

במשך די איבער צוויי וואָכן, וואָס די גרינדלעכע אונטערזוכונגען האָבן אָנגעהאלטן, איז א גרויסער טייל פון יידישן פארמעגן געוואָרן צוגערויבט. דער מערהייט געטאָ=יידן איז דאָך געלונגען מיט גרויסע שוועריקייטן א טייל פון זייער אייגנס אויסצובאהאלטן פון די נאצים בעת די רעוויזיעס.

*   *
*

נאָך די אלע הויז=זוכונגען האָבן די נאצים באשלאָסן פולשטענדיק ארויסצופרעסן פון די יידן דעם רעשט פון זייער אייגנטום, וואָס זיי איז געלונגען מיט סכנות=נפשות בעת די רעוויזיעס אויסצובאהאלטן. צו דעם צוועק האָט דער יעמאָלטיקער געטאָ=קאָמענדאנט יאָרדאַן פאראָרדנט דעם יידישן עלטעסטן=ראט, אז די יידן אליין זאָלן „פרייוויליק" אָפּליפערן אלץ, וואָס זיי האָבן אויסבאהאלטן אין דער צייט פון די הויז=זוכונגען. כדי צו באוועגן די יידן, אז דאָס מאָל זאָלן זיי באמת אָפּליפערן אלץ, וואָס זיי פארמאָגן, איז מצד דעם געטאָ=קאָמענדאנט געווען אָנגעמאָלדן, אז פארן עובר זיין אויפן באפעל פון דער מאכט וועט מען דערשיסן ניט נאָר דעם שולדיקן, נאָר אויך זיינע שכנים.

זיך שטיצנדיק אויפן באַפעל פון געטאָ=קאָמענדאנט, האָט דער עלטעסטן=ראט אָנהויב=סעפּטעמבער אָנגעמאָלדן דער געטאָ=באַפעלקערונג, אַז ביז דאָנערשטיק, דעם 4=טן סעפּטעמבער 1941, מוזן אלע יידן „פרייוויליק" אָפּליפערן גאר דאס געלט (איבערלאזנדיק פאר א גאנצער משפחה ניט מער ווי 100 רובל, וואָס זיינען דאן געווען גלייך צו 10 רייכס=מארק), פרעמדע וואַליוטע, ווערט=פּאַפּירן, גאלדענע חפצים, איינשליסלעך טבעת=קדושינ'ס, זילבער=אויסארבעטונגען, טעפּיכער, פּעלצן, טעקסטיל=שטאָף, עלעקטרישע און מעדיצינישע מכשירים, קאָלעקציעס א. א. מער=ווייניקער ווערטפולע חפצים. דער דאָזיקער באַפעל איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ דראָונג צו דערשיסן ניט נאר דעם יעניקן, ביי וועמען מען וועט דערנאָך געפינען עפּעס פון דעם, וואָס דארף אָפּגעליפערט ווערן, נאָר גלייכצייטיק צו דערשיסן אויך די ארומיקע מיטוווינער.

היות די געטאָ=יידן האָבן שוין דאן גאנץ גוט געוווסט, אַז די נאַצישע רוצחים זיינען פעאיק ענלעכע דראָונגען אויך אויסצופירן, איז ניט געווען קיין אנדער ברירה, ווי אויסצופירן דעם באַפעל. נאָכמער, די דראָונג צו דערשיסן זייטיקע מענטשן, האָט די מער ערלעכערע און פאראנטוואָרטלעכע מענטשן באַוועגט אויסצופירן פּינקטלעך די פאָדערונגען פון דער מאכט, כדי ס'זאלן דערנאָך צוליב אַ ניט=אָפּגעליפערטן קעגנשטאנד ניט דארפן ליידן קיין אומשולדיקע מענטשן.

אויב אין דער ערשטער צייט פון די הויז=זוכונגען איז ביי די יידן געווען צו מערקן אַ איינשטעלונג אויסצובאהאלטן פון די רויבער אלץ, וואָס ס'לאָזט זיך, איז דאָסמאָל געשאפן געוואָרן שעור=ניט אַ פּסיכאָז אלץ אָפּליפערן

די נאַצים, כדי זיי זאָלן ניט האָבן קיין אויסרייד פאַר נייע קרבנות. יידן האָבן דע־ריבער גענומען אויסגראָבן פון דער ערד, אָדער ארויסנעמען פון די אנדערע באַהעלטענישן די אַלע קאָסטבאַרקייטן, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַרבאַהאַלטן, און זיינען געווען גרייט זיי אָפּצוגליפערן דער מאַכט. יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער ייד האָט אַליין אַזוי געטאָן און האָט צוגערעדט זיינע באַקאַנטע, זיי זאָלן אויך אַזוי טאָן.

נאָר די אַסאָציאַלע און אַמאָראַלישע עלעמענטן אין געטאָ זיינען געווען איינ־געשטעלט ניט אויסצופירן דעם דאָזיקן באַפעל און דערמיט וועגנטועל שטעלן אין סכנה זייטיקע מענטשן. די מערהייט געטאָ־יידן האָט געשטעלט הן דאָס איינגענע לעבן ווי אויך דאָס לעבן פון די מיטוווינער העכער פאַר די ווערטפולסטע חפצים, און דערמיט האָבן זיי ארויסגעוויזן אַ העכערן געזעלשאַפטלעכן און מאָ־ראַלישן באַוווסטזיין.

האָט טאַקע כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון פרימאָרגן ביז אין אָוונט אריין געטראָגן מיט די אייגענע הענט אָפּצוגעבן אין די זאַמל־פונקטן די במשך פון דורות אָפּגעשפּאָרטע יידישע פּראַצע. גאָלדענע און זילבערנע בעכערס, לייכטער, כלים א. א. קעגנשטאַנדן, וואָס זיינען אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן איבערגעגאַנגען פון דור־צו־דור און זיינען געווען שטומע עדות פונעם אייגנאַר־טיקן יידישן לעבנסשטייגער אין מזרח־אייראָפּע, זיינען צוזאַמען מיט אנדערע ווערטפולע זאַכן „פרייוויליק" איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון די אומבאַרעכנגער פון יידישן פאָלק.

אין פאַרלויף פון אַ פּאָר טעג זיינען די גענויע 30 טויזנט קאָוונער געטאָ־יידן געבליבן פולשטענדיק באַרויבט און פאַראָרעמט. די יידישע אָפּליפערונגען זיינען מצד זאַכקענער געשאַצט געוואָרן אין אַ ווערט פון צענדליקער מיליאָנען רייכס־מאַרק.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די נאַצים האָבן יעמאָלט זיך געבאָדן אינעם צו־גערויבטן יידישן האָב־און גוטס און זיינען געווען זיכער, אַז די יידן האָבן דאָס־מאָל אַלץ אָפּגעליפערט, זיינען דאָך נאָכדעם אין געטאָ נאָך געמאַכט געוואָרן אַ גאַנצע ריי שטיך־פּראָבעס, כדי צו דערגיין, צי עמיצער פון די יידן האָט, חלילה, ניט איבערגעלאָזן ביי זיך עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט גענדאַרפט אָפּגעבן. אַזוי ווייט האָבן דערגרייכט די רויבערישע אַפּעטיטן פון די נאַצים... ערשט דאַן, ווען זיי האָבן זיך ענדגילטיק איבערצייגט אין דעם, אַז די יידן זיינען באמת געבליבן נאַקעט און באָרוועס, זיינען מער קיין הויז־זוכונגען אין געטאָ ניט פאַר־געקומען.

# קאַפּיטל X

# „פּראָבע־אַקציע"

פאַרטיילונג פון 5000 „יאָרדאַן־שיינען". — מאַסן־אַקציע אין קליין־געטאָ, וואָס איז צוליב אומאויפגעקלערטע סיבות אָפּגע־שטעלט געוואָרן שוין נאָך דער פאָרגעקומענער סעלעקציע.

דעם 15־טן סעפּטעמבער 1941 האָט דער שטאָט־קאָמיסאַר, אין וועמענס רשות דאָס געטאָ האָט זיך געפונען, איבערגעגעבן — דורכן ליטווישן באַאַמטן קאַמינסקאַס — דעם עלטעסטן־ראַט 5000 שיינען, וועלכע מ'האָט געדאַרפט פאַרטיילן די יידישע האַנטווערקער און זייערע משפחה־מיטגלידער. אַזוי ווי די דאָזיקע געדרוקטע האַנטווערקער־שיינען זיינען געווען געצייכנט מצד דעם יע־מאַלטיקן געטאָ־קאָמענדאַנט יאָרדאַן, האָט מען אָט די באַשייניקונגען אָנגערופן „יאָרדאַן־שיינען".

הגם ס'איז לכתחילה אין געטאָ ניט געווען באַוווּסט, צוליב וואָס, אייגנטלעך, ס'ווערן אַזעלכע שיינען פאַרטיילט, איז דאָך געווען אַ גרונט אָנצונעמען, אַז די יעניקע יידן, וועלכע וועלן יאָ האָבן די „יאָרדאַן־שיינען", וועלן עווענטועל געווים טראַקטירט ווערן בעסער, ווי די יידן, וועלכע פאַרמאָגן זיי ניט. איטלעכער ייד אין געטאָ האָט דעריבער זיך געמיט צו באַקומען אַ „לעבנס־שיין", ווי די געטאָ־יידן האָבן שפּעטער־צו אָנגערופן די א. ג. יאָרדאַן־שיינען.

זיך דערוויסנדיק וועגן דער פאַרטיילונג פון די שיינען, האָבן טויזנטער, טויזנטער יידן באַלאַגערט די געביידע פון עלטעסטן־ראַט און זיינע אינסטיטו־ציעס אויף וואַרניו גאַס 49, וועלנדיק באַקומען אַ „יאָרדאַן־שיין". אַלעמענס בקשות צו דערפילן איז דער עלטעסטן־ראַט, פאַרשטייט זיך, ניט געווען ביכולת. חוצדעם איז ביי די געטאָ־יידן געווען אַ רייד, אַז די יעניקע, וועלכע זיינען ממונה צו פאַר־טיילן די שיינען, מאַכן דערמיט פאַרשיידענע אומדערלאָזבאַרע קאָמבינאַציעס. ס'איז דעריבער אַרום דעם ענין שיינען אָנגעגאַנגען אַ העפטיקער געראַנגל. אויסער דורכן עלטעסטן־ראַט, האָבן יידן אַ ביסל „יאָרדאַן־שיינען" געהאַט באַקומען די־רעקט אויף די דייטשע אַרבעטס־שטעלעס, ווו זיי האָבן געאַרבעט.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי אָנצווייזן, אַז די דאָזיקע שיינען האָבן טאַקע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין איניקע קומענדיקע אַקציעס. ערשט בעת דער גרויסער אַקציע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 28־טן אָקטאָבער 1941, איז מצד די נאַציס ניט געלייגט געוואָרן קיין אַכט אויף קיינע שיינען, אפילו ניט אויף „יאָרדאַן־שיינען". ביז דאַן איז אָבער דער א. ג. יאָרדאַן־שיין טאַקע געווען אין אַ געוויסן זין אַ לעבנס־שיין, ווייל דורכדעם האָבן מענטשן זיך געראַטעוועט בעת די סעלעקציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען בשייכות מיט די פאַרניכטונגס־אַקציעס.

מאָנטיק, דעם 15־טן סעפּטעמבער, פאַרנאַכט, איז אין געטאָ געקומען דער געטאָ־קאָמענדאַנט יאָרדאַן און האָט קאָנפיסקירט די קאַסע פון עלטעסטן־ראַט. הגם יאָרדאַן האָט ניט אָנגעגעבן די סיבה פון זיין האַנדלונג, איז דאָך געווען אַ יסוד צו זיין שטאַרק באַאומרואיקט וועגן די נאָענטע פּלענער מצד דער מאַכט בנוגע דעם געטאָ.

אַז דער דאָזיקער יידישער חשד איז ניט געווען אָן אַ גרונט, האָבן דערוויזן די וויטערדיקע געטאָ־געשעענישן.

* *

*

מיטוואָך, דעם 17־טן סעפּטעמבער 1941, אַזייגער 7—8 אינדערפרי, איז גאַנץ אומגעריכט אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ פאַרשטאַרקטער וואַך דאָס קליין־געטאָ, ווו ס'האָבן געלעבט לערך דריי טויזנט יידן. דער פאַרקער צווישן קליין־געטאָ און איבעריקן טייל געטאָ איז תיכף אָפּגעשפּאַרט געוואָרן.

אין דער זעלביקער צייט זיינען אַריין אין קליין־געטאָ דייטשע פּאָליציי־אָפּטיילונגען צוזאַמען מיט ליטווישע פּאַרטיזאַנער, און זיי האָבן גענומען אַרויס־טרייבן די יידן פון זייערע הייזער. די אַרויסגעטריבענע יידן האָט מען גענומען פירן אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות פון קליין־געטאָ. ווען אַלע יידן זיינען שוין געווען צוזאַמענגעבראַכט אויפן פּלאַץ, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעלעקציע: די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט די „יאָרדאַן־שיינען", האָט מען אָפּגעשטעלט אויף דער „גוטער זייט", די אַלע אַנדערע — אויף דער „שלעכטער זייט".

פאַר דער צייט, וואָס ס'איז אין קליין־געטאָ פאָרגעקומען דאָס אַרויסטרייבן די יידן אויפן פּלאַץ און די סעלעקציע, איז אויך אין איבעריקן טייל געטאָ געווען אַן אויסערגעוויינלעכע פּאַניק. יידן האָבן געמיינט, אַז נאָכדעם, ווי מען וועט ענדיקן מיטן קליין־געטאָ, וועט מען זיך נעמען צו די אַנדערע געטאָ־קוואַרטאַלן. מען איז דעריבער געלאָפן פון איין געטאָ־ווינקל אין צווייטן, ניט וויסנדיק, פאַר־שטייט זיך, ווו און וואָס ס'איז בעסער...

די יידן אינעם איבעריקן טייל געטאָ האָבן פונדערווייטנס געהאלטן אין נאכפאלגן דאס אלץ, וואָס קומט פאר אין קליין-געטאָ. פון מינוט-צו-מינוט איז די שפּאַנונג געוואָרן אלץ גרעסער. וואָס דארט קומט באמת פאר, האָט קיינער אין „גליקלעכערן" טייל געטאָ דאך ניט געוווּסט. טייל האָבן משער געווען, אַז מען וועט די אָפּגעסאַרטירטע אוועקפירן צו דערשיסן; אנדערע האָבן ארויסגעזאָגט דעם חשד, אַז מען פירט, מסתמא, אריבער קאָוונער געטאָ קיין לובלין, ווו ס'איז דאן געווען דער רעזערוואַט פאר יידן א. א. וו.

נאכן פארענדיקן די סעלעקציע, האָט מען גענומען די אָפּגעסאָרטירטע אויף דער „שלעכטער זייט" לאָדן אין לאַסט-אויטאָס און אָפּטראַנספּאָרטירן אין דער ריכטונג צום 9-טן פאָרט. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'קומט פאר אַן אקציע.

פּלוצלונג איז צוליב אומאויפגעקלערטע סיבות די אקציע איבערגעריסן געוואָרן. די אנפירער פון דער סעלעקציע האָבן גענומען פארלאָזן דעם פּלאַץ, און די באַוואַכונג האָט גענומען די יידן צוריקטרייבן אַהיים. פון 9-טן פאָרט האָט מען גענומען צוריקברענגען די יעניקע יידן, וועלכע מ'האָט שוין באַוויזן אהין אַוועקצופירן.

צי ס'האָט דאסמאָל זיך געהאנדלט וועגן אַן אקציע, וואָס איז צוליב וועלכע ס'איז סיבות איבערגעריסן געוואָרן, אָדער דאס איז געווען אַ מין „נערוון-קריג" קעגן די געטאָ-יידן, אָדער גאָר אַ מין „גענעראַל-פּראָבע" צו די באַפאָרשטייענדיקע מאַסן-אקציעס — איז פאר די געטאָ-יידן געבליבן אומבאַוווּסט.

ס'איז אויך בשעתו געווען אַ רייד, אַז דער אייגנטלעכער ציל פון אָט דער „פּראָבע-אקציע" איז געווען צו שאַפן אַ פילם, וואָס זאָל באַווייזן, אַז די פארניכטונגס-אקציעס אויף יידן ווערן אדורכגעפירט מצד דער אָרטיקער באַפעלקערונג, ד. ה. ליטווינער, און ניט מצד דייטשן. צו דעם צוועק זאָלן די נאַצים האָבן אוועקגעשטעלט ביי דער סעלעקציע-ארבעט בעיקר ליטווישע פּאַרטיזאַנער און דאן פילמירט דעם פארלויף פון דער סאָרטירונג. אויך די דאָזיקע ווערסיע איז געבליבן ניט מער ווי אַ השערה.

לויט שפּעטערדיקע אומקאָנטראָלירטע ידיעות, זאָל דאן זיך גאר האָבן געהאנדלט וועגן אַ פּלאַן מצד דער מאכט איבערצולאָזן אין געטאָ נאר די 5000 באַזיצער פון די „יאָרדאַן-שיינען", און די אלע אנדערע געטאָ-יידן אומצוברענגען. אין לעצטן מאָמענט זאָל האָבן די אָקופּאַציע-מאכט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן פּלאַן. קיין אויטענטישע ידיעות וועגן דעם איז אָבער אויך ניט געלונגען צו דערגיין.

אין דער געשיכטע פון קאָוונער געטאָ איז די דאָזיקע פּאַסירונג פארבליבן אונטערן נאָמען: „די פּראָבע-אַקציע".

## קאַפּיטל XI

# ערשטע „אָרדנטלעכע“ מאַסן־אַקציע אין געטאָ

פּראָוואָקאַציע װעגן יידישן „אַטענטאַט“ אויפן שעף פון דער געטאָ־וואַך. — דאָס אָפּשפּאַרן אַ גאַנצן געטאָ־קוואַרטאַל און די דורכפירונג פון דער ערשטער מאַסן־אַקציע אין געטאָ.

אין 9 טעג ארום נאך דער „פּראָבע=אקציע“, דעם 26=טן סעפּטעמבער 1941, איז אין געטאָ פאָרגעקומען די ערשטע, אַזוי צו זאָגן, „אָרדנטלעכע“ מאסן=אקציע.

ביז דאן איז די אויסראטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פארגעקומען מער סטיכיש, אָן אַ „סיסטעם“. מיט דער דאָזיקער אקציע איז דאס געטאָ אריינגעטראטן אין אַ סטאדיע פון ארדנטלעכע מאסן=אקציעס. די דאָזיקע מאסן=שחיטות האָבן נאר במשך איין חודש צייט, ד. ה. פון 26=טן סעפּטעמבער ביזן 28=טן אָקטאבער 1941, אָפּגעקאָסט דעם געטאָ אן ערך 13 טויזנט קרבנות. אין דעם פּרט פארנעמט די דאָזיקע אקציע אין דער מארטירער=געשיכטע פון קאָוונער געטאָ אַ באַזונדערן אָרט.

די „סיבה“ פון דער דאָזיקער אקציע, בעת וועלכער ס'זיינען אומגעבראכט געוואָרן איבער טויזנט יידן, איז געווען פאלגנדיקע:

מיט אַ טאג=צוויי פאר אָט דער מאסן=אקציע איז מצד דער געטאָ=וואַך איבערגעגעבן געוואָרן דעם עלטעסטן=ראט, אַז פון אַ חורבה, וואָס האָט זיך געפונען אויף קריקשטשוקאַיטשיאָ גאַס, לעבן געטאָ=טויער, זאל מען מצד יידן האָבן געשאָסן אויפן יעמאלטיקן שעף פון דער געטאָ=וואַד, קאָזלאָווסקי.

דעם עלטעסטן=ראט איז געשטעלט געוואָרן אַ פאדערונג אויסצוליפערן דער געטאָ=וואך די שולדיקע אינעם „אַטענטאט“. אין קעגנפאל זיינען אנגעמאלדן געוואָרן אנטשפּרעכנדיקע סאנקציעס לגבי דער געטאָ=באַפעלקערונג.

אַזוי ווי די גאנצע מעשה מיטן „אטענטאט“ אויפן שעף פון געטאָ=וואַד איז געווען ניט מער ווי אַ געוויינלעכע געשטאפּאָ=פּראָוואָקאַציע, וואָס איז געווען אויסן

צו האָבן אַ „גרונט” אדורכצופירן אין געטאָ אַן אקציע, זיינען אַלע דערקלערונגען און פארענטפערונגען מצד די יידן לכתחילה געווען פארמשפּט צו בלייבן אַן דערפאָלג.

די אמתע כוונות מצד די נאַצים לגבי דעם געטאָ האָבן אויף זיך ניט געלאָזן לאנג וואַרטן.

* *

*

פרייטיק, דעם 26־טן סעפּטעמבער, אַזייגער 3 בייטאג, האָבן אין געטאָ אריינגערמארשירט אייניקע דייטשע פּאָליציי־אָפּטיילונגען און ליטווישע פּאַרטיזאַנער, און זיי האָבן ארומגערינגלט דעם גאַנצן קווארטאַל, ווו דער „אַטענטאַט” איז, כלומרשט, פארגעקומען (דאס האָט פארכאַפּט די גאַסן: וועליאנער, מעסיניגקו, טיילן פון לינקעווער, איירענאָלער, קריקשטשוקאַיטשיאַ א. א.)

נאכדעם, ווי די גאנצע יידישע באַפעלקערונג פון דעם דאזיקן ארומגערינגלטן ראַיאָן איז מיט ווילדער רציחה ארויסגעטריבן געוואָרן פון די הייזער און איז צונויפגעבראכט געוואָרן אויף אַ שכנישן פּלאַץ, האָט זיך אנגעהויבן די סעלעקציע. ווער ס'האָט געהאַט צו דערווייזן, אַז ער ארבעט ערגעץ אין שטאַט, איז אָפּגעסאָרטירט געוואָרן אויף איין זייט, די אַלע אנדערע — צווישן זיי פיל עלטערע און שוואַכערע מענטשן, פרויען אַן מענער דערצו נאָך מיט קליינע קינדער — אויף דער אנדער זייט.

אַז די סעלעקציע אויף „רעכטס” און אויף „לינקס” באַדייט אַ סאָרטירונג פון מי לחיים ומי למות, האָבן דאַן נאָך ניט אַלע יידן תופס־געווען. פיל געטאָ־יידן האָבן נאָך אַלץ ניט געקענט זיך פארשטעלן, אַז די נאַצים זיינען מסוגל צו אַזעלכע קאַלטבלוטיקע מאַסן־מערדערייען.

איבער טויזנט מענער, פרויען און קינדער זיינען אין יענעם נאָכמיטאָג אָפּגעסאָרטירט געוואָרן צום טויט און זיינען תיכף אָפּגעפירט געוואָרן אין דער ריכטונג צום 9־טן פאָרט. די אָפּגעסאָרטירטע „צום לעבן” האָט מען אין זייערע וווינונגען דערלויבט זיך צוריקצוקערן ערשט אין אַ טאָג־צוויי ארום, ווען ס'זיינען פארענדיקט געוואָרן די גרינטלעכע הויז־זוכונגען אין זייערע דירות, כדי אויסצוגעפינען „דאס באהאלטענע יידישע געווער”...

קיין גענויע ידיעות, וואָס מיט די אוועקגעפירטע יידן איז געשען, זיינען צו יענער צייט אין געטאָ ניט באַוווּסט געווען. ס'האָבן צירקולירט די פארשיידנסטע קלאַנגען. אַזוי, למשל, איז אין עטלעכע טעג ארום נאָך דער סעלעקציע פארשפּרייט געוואָרן אַ ווערסיע, אַז די אוועקגעפירטע יידן געפינען זיך, כלומרשט, אין ראַמיין, אַ דאָרפישער ישוב ביי קאָוונע, ווו זיי זיינען באשעפטיקט ביי פעלד־ארבעט. מ'האָט אפילו בשעתו גערעדט וועגן אַ באַקומענעם בריוו פון אַן ארויסגע־

פירטן יידן צו זיינע באַקאַנטע אין געטאָ, פון וועלכן ס'איז צו זען, אַז די מעשה ראַמיין איז אמת.

הגם פיל געטאָ־יידן האָבן גערעדט וועגן בריוו, האָט דאָך קיינער דעם „בריוו" אין די אויגן ניט געזען. ערשט אין אַ געוויסער צייט ארום האָט מען זיך גע־כאַפּט, אַז די דאָזיקע קלאַנגען שטאַמען מצד געשטאַפּאָ, וואָס האָט באַוווסטזיניק זיי פאַרשפּרייט, מיטן ציל צו דעזאָריענטירן און פאַרפירן די עפנטלעכע מיינונג פון די געטאָ־יידן.

פון טאָג־צו־טאָג איז דעריבער אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז די אַלע קלאַנגען וועגן ראַמיין א. א. וו. האָבן קיין יסוד ניט, און אַז די אַוועקגעפירטע יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט. די שטימונג אין געטאָ האָט מחמת דעם געגנומען ווערן אַלץ אומרואיקער. ס'איז געווען באַשיינפּערלעך צו זען, אַז דאָס אַלץ, וואָס ס'איז געשען אין געטאָ ביז דאַן, איז ניט מער ווי אַן אנהויב. דער עיקר — שטייט נאָך פאָר... און די דאָזיקע פּיינלעכע פאָרויסזעאונגען זיינען, ליידער, גאָר בקרוב מקוים געוואָרן.

## קאַפּיטל XII

# אַקציע און ליקווידאַציע פון קליין־געטאָ

אומגעריכטע אַקציע אין קליין־געטאָ. — פאַרלויף פון דער אַקציע. — דאָס פאַרברענען לעבעדיקערהייט די קראַנקע און דעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל פון יידישן שפּיטאָל. — ליקווידאַציע פון קליין־געטאָ און די אריבערפירונג פון די ניצול־געוואָרענע יידן אינעם איבעריקן טייל געטאָ.

ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן אינעם קאַפּיטל „גרינדונג פון סלאָבאָדקער געטאָ“, איז לכתחילה אין תחום פון געטאָ אויך געווען אריינגערעכנט דער טייל פּאַנעריו גאַס, וואָס פאַרמאַגט די אומגראַדע נומערן, און חוצדעם אייניקע שכנישע געסלעך. דער דאָזיקער געטאָ=ראיאָן האָט געהייסן „קליין=געטאָ“, און איז דורך אַ ספּעציעלן הילצערנעם העננ=בריקל געווען פאַרבונדן מיטן איבעריקן טייל געטאָ.

ניט האָבנדיק די מינדסטע אַנונג וועגן טראַגישן גורל, וואָס דערוואַרט גאר בקרוב דעם קליין=געטאָ, האָבן דאָרטן זיך באַזעצט איבער דריי טויזנט יידן. אין קליין=געטאָ זיינען אויך געווען איינגעאָרדנט אייניקע יידישע געטאָ=אַנשטאַלטן, ווי אַ שטייגער, שפּיטעלער פאַר כירורגישע און אינפעקציע=קראַנקע, אַ קינדער=היים, אין וועלכן ס'זיינען געווען צונויפגעקליבן די קינדער פון די געוועזענע יתומים=הייזער אין קאָוונע, אַ מושב=זקנים א. א. וו.

סוף=סעפּטעמבער האָבן די קריסטן, וועלכע האָבן געוווינט בשכנות פון קליין=געטאָ, גענומען ריידן וועגן דעם, אַז אינגיכן וועלן די יידן מוזן פאַרלאָזן דעם דאָזיקן ראיאָן. ס'רוב יידן האָבן געמיינט, אַז די קריסטן זאָגן עס, מסתמא, דערפאַר, וואָס די געוו. ליטווישע באַלעבאַטים פון די הייזער אין קליין=געטאָ האָבן זיך געווענדעט צו דער מאַכט מיט אַ בקשה, מ'זאָל די יידן צונעמען פונעם דאָזיקן ראיאָן, ווייל דאָרטן געפינען זיך זייערע גערטנער א. א. ווירטשאַפטן.

הגם די יידן האָבן, ווי געוויינלעך, ערנסט זיך צוגעהערט צו אַזעלכע קלאַנגען, איז דאָך בשעתו קיינעם פון די געטאָ=יידן ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס קליין=געטאָ שטייט באמת ערב אַ קאַטאַסטראָפע.

אין דער נאכט פון פרייטיק, דעם 3־טן אויף שבת, דעם 4־טן אָקטאָבער 1941, איז די געטאָ־יידן געווען זייער אויפפאַלנדיק די כמעט־אומאויפהערלעכע שיסעריי מצד די ליטווישע פּאַרטיזאנער, וועלכע האָבן באַוואַכט דעם צוים ארום קליין־געטאָ. אמת, די פּאָסטנס פון דער געטאָ־באַוואַכונג פלעגן זייער אָפט באַ־נאכט שעהן־לאנג ניט אויפהערן מיט זייערע שיסערייען, וואָס פלעגן די געטאָ־יידן שטארק נערווירן. אָבער דאסמאל איז די שיסעריי בייננאכט געווען אַזאַ העפטיקע, אַז דאס האָט ביי די געטאָ־יידן, בפרט ביי די יידן פון קליין־געטאָ, ארויסגערופן א גרויסע באַאומרואיקונג.

שבת, אַזייגער 7 אינדערפרי, ווען פון אעראדראם האָבן צוריקגעקערט די יידישע נאכט־ארבעטער און ס'זיינען געווען ארוים אין שטאט ארבעטן די יידישע אַרבעטס־בריגאַדעס, איז פּלוצלונג דאס קליין־געטאָ ארומגערינגלט געוואָרן פון אַ פארשטארקטער וואַך, באַוואָפנט מיט מאַשינגעווער. אויפן בריקל פון קליין־געטאָ איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע וואַך מיט קוילנוואַרפער, און דער פארקער צווישן קליין־געטאָ און איבעריקן טייל געטאָ איז געוואָרן אָפּגעשפּאַרט. אפילו די שטענדיקע איינוווינער פון קליין־געטאָ, וואָס האָבן נאר־וואָס זיך צוריק־געקערט פון דער נאכט־ארבעט אויפן אעראדראם, איז פארווערט געווען אריבער־צוגיין דאָס בריקל און אדיינצוגיין צו זיך אין די וווינונגען.

פאר דער צייט זיינען אין קליין־געטאָ געווען אריין גרופּעס דייטשע פּאָ־ליציי צוזאמען מיט ליטווישע פּאַרטיזאנער און, גייענדיק פון הויז־צו־הויז, האָבן זיי ארויסגעטריבן די יידישע באַפעלקערונג אויף דער גאַס און זי אויסגעשטעלט אין רייען.

ניט זאגנדיק די יידן קיין וואָרט, ווהין און צוליב וואָס זיי ווערן געטריבן, האָט מען ניט געלאָזן מיטנעמען מיט זיך קיינע זאכן. מען האָט אפילו געהייסן אויסטאָן פון זיך בעסערע בגדים, מאנטלען און עס איבערלאָזן אין שטוב.

* *

*

ווען אלע יידן פון קליין־געטאָ זיינען שוין געווען ארויסגעטריבן פון די הייַ־זער, האָט מען אלעמען געגומען טרייבן צו אַ פּלאַץ, בשכנות פון קליין־געטאָ, ווו ס'איז פארגעקומען די סעלעקציע. ערב דער סעלעקציע, האָט דער שטאָט־קאָמיסאר, ס. א.־בריגאדנפירער קראמער, געמאָלדן דער דייטשער פּאָליציי, אַז בעת דער סעלעקציע זאלן זיי אלס גילטיקע אָרבעטס־שיינען אנערקענען נאר די „יאָרדאן־שיינען". נאך דער דאָזיקער מעלדונג האָט זיך אנגעהויבן די סעַ־לעקציע.

די יעניקע גליקלעכע, וועלכע האָבן פארמאגט „יאַרדאַן־שייַנען", זיינען צו־זאמען מיט זייערע משפחות אָפגעשטעלט געוואָרן אויף דער גוטער זייט, אלע אנדערע זיינען אָפגעקליבן געוואָרן אויף פארניכטונג.

פארדערצייט, וואָס ס'איז פארגעקומען די סעלעקציע, איז מצד די נאַצים אונטערגעצונדן געוואָרן דער יידישער שפּיטאָל פאר אינפעקציע־קראנקע, און איבער 60 קראנקע צוזאמען מיטן מעדיצינישן פערסאָנאַל זיינען לעבעדיקערהייט אומגעקומען אין די פלאַמען.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו באמערקן, אז לכתחילה האָבן די נאַצים צוגעפּאַסט א צענדליק יידן, וועמען זיי האָבן באפוילן לעבן שפּיטאָל אויס־צוגראָבן א גרוב, האָבנדיק, ווייזט אויס, בדעה פאַרן אונטערצינדן דעם שפּיטאָל צו דערשיסן די קראנקע און דערנאָך זיי צו באַגראָבן. אינמיטן גראָבן די גרוב איז אָבער צוגעקומען צו דער גרופּע יידן א דייטשער פּאָליציי־אָפיצער, וואָס האָט זיי געהייסן אָפּשטעלן די ארבעט. דאן האָבן די היטלעריסטן פארמאַכט די טירן און פענצטער פון שפּיטאָל און אים אונטערגעצונדן צוזאמען מיט די קראנקע, וועלכע זיינען, ווי געזאָגט, לעבעדיקערהייט פארברענט געוואָרן.

לאנגע פייער־צונגען, איינגעהילט אין געדיכטע קנוילן רויך, האָבן געגומען זיך רייסן צום הימל און אנגעזאָגט די געטאָ־יידן, אז אין דעם מאָמענט ראַנגלען זיך אין א מוראדיקער גסיסה איבער א האלבן הונדערט שווער־קראנקע יידן צו־זאמען מיט זייערע דאקטוירים און קראנקן־שוועסטער, וועלכע האָבן ביי די שווערסטע געטאָ־באַדינגונגען אלץ געטאָן, כדי זיי געזונט צו מאכן.

דער דאזיקער אומדערהערטער בארבאַרישער* אַקט מצד די רוצחישע היט־לעריסטן האָט אויף די געטאָ־יידן, בפרט אויף די יידן אין קליין־געטאָ, ווו ס'איז צו יענער צייט אָנגעגאַנגען די סעלעקציע, געמאַכט אן אויסערגעוויינלעכן רושם.

די חולאים פון יידישן שפּיטאָל פאר כירורגישע א. א. קראנקייטן ווי אויך די יידן פון מושב־זקנים האָט מען געפּאַקט אין לאַסט־אויטאָס, און מ'האָט זיי אַלעמען געפירט אויפן 9־טן פאָרט. ביי דער ארבעט פון לאָדן די קראנקע און אַלטע אין די לאַסט־אויטאָס זיינען געווען באַשעפטיקט די יעניקע יידן, וועלכע האָבן געהאט געגראָבן די גרוב לעבן שפּיטאָל.

ווי א באַלוינונג פאר „טיכטיקער ארבעט", האָבן די נאַצים דערנאָך זיי גע־האט אריבערגעפירט אינעם איבעריקן טייל געטאָ. נאר 2 עלטערע יידן, וועמען זיי האָבן פון דער גרופּע איבערגעלאָזן, כדי באהילפיק צו זיין ביי דער ארבעט פון אונטערצינדן דעם שפּיטאָל, זיינען מצד די רוצחים אומגעבראכט געוואָרן צוזאמען מיט די קראנקע.

בסך־הכל זיינען דאן אויף דער שלעכטער זייט אָפּגעסאָרטירט געוואָרן אן ערך 1500 יידן, צווישן זיי קרוב 200 יתומים און יתומות פון קינדער־היים אין

געטאָ צוזאַמען מיט זייערע דערציער און אויפזעער. נאָכן פאַרענדיקן די סע־לעקציע, האָט מען די פאַראַנטוואָרטלעכע צום טויט געגומען טרייבן אין דער ריכטונג צום 9־טן פאָרט.

היות די געטאָ־יידן האָבן שוין דאַן גוט געוווּסט, וואָס פאַרא גורל ס'דער־וואַרט אויפן 9־טן פאָרט, האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע זיך געגומען רייסן פון די רייען. די דייטשע און ליטווישע פּאָסטנס, וועלכע האָבן זיי באַוואַכט, האָבן זיי געגומען מערדערלעך שלאָגן מיט די נאַגייקעס, מיט די ביקסן־פּריקלאַדן. ס'האָבן זיך אָפּגע־שפּילט גרויליקע און אויפציטערנדיקע סצענעס...

ווען די צום טויט־פאַראַנטוואָרטלעכע האָט מען געהאַט אַוועקגעטריבן אַ ביסל ווייַ־טער פון סעלעקציע־פּלאַץ, האָט דער ברוטאַלער תלין, קראַמער, וואָס האָט אָנגע־פירט מיט דער אַקציע, זיך געווענדעט צו די יידן, וועלכע זיינען געווען אָפּגעסאַר־טירט צום „לעבן", מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„אַזוי ווי אין קליין־געטאָ זיינען מצד די יידן פאַרגעקומען אומדערלאָזבאַרע ענינים, ווי אומלעגאַלער האַנדל דורכן געטאָ־צוים א. א. וו., ווערט פון היינט־אָן דאָס קליין־געטאָ ליקווידירט. אויב די יעניקע, וועלכע שטייען דאָ אויפן פּלאַץ, וועלן זיך פאַרהאַלטן פאַרנינפטיק, וועלן זיי איבערגעזידלט ווערן אין איבעריקן טייל געטאָ. ווען ניט, איז אייער וועג אהין!" — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג צום 9־טן פאָרט...

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אויפן פּלאַץ בעת די רייד פון נאַצי־הענקער. די דערוויילע־לעבן־געבליבענע יידן זיינען געשטאַנען פאַרגליווערטע, פאַר־כאַפּטע פון טויט־שרעק, און זיי האָבן מיט זייערע טרויעריקע בליקן באַגלייט זייערע ברידער און שוועסטער, וועלכע מ'האָט געפירט צום טויט.

* * *

נאָך דער דערקלערונג פון שטאָט־קאָמיסאַר קראַמער, האָבן די ליטווישע פּאַרטיזאַנער געגומען טרייבן די „גליקלעכע" יידן אין דער ריכטונג צום הענג־בריקל, וואָס האָט געפירט פון קליין־געטאָ אין איבעריקן טייל געטאָ. ווען אַריינ־גיין אין די הייזער עפּעס נעמען, איז, פאַרשטייט זיך, קיין רייד ניט געווען. איט־לעכער נצול־געוואָרענער ייד האָט אין דעם מאָמענט געהאַט איין־און איינציקן באַגער: וואָס־גיכער פאַרלאָזן דאָס קליין־געטאָ, ווו ס'האָט געאָטעמט מיט טויט און פאַרניכטונג.

ביים קריכן אויף די שמאָלע און שטייַלע טרעפּלעך פונעם הענג־בריקל, האָבן די פּאַרטיזאַנער ווידעראַמאָל געגומען מערדערלעך שלאָגן די יידן פאַרן, כלומרשט, צו־לאַנגזאַמען אַריבערגיין דאָס בריקל. אחוץ די מכות־רצח, האָבן זיי נאָך די יידן געדראָט מיטן אַוועקשיקן אויפן 9־טן פאָרט. ס'איז דעריבער ביים

אריבערגיין דאס בריקל אנטשטאנען אַ שרעקלעכער געדראנג און פּאניק. מענטשן זיינען געקראכן איינער איבערן צווייטן, זיך באַמיענדיק וואָס־גיכער ארויסצורייסן פון קליין־געטאָ.

די לערך אנדערהאלבן טויזנט נצול־געוואָרענע יידן האָבן ערשט נאכן אריבערכאַפּן זיך דאס ענגע־בריקל געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און קומען צו זיך פונעם שווידערלעכן קאָשמאר, וואָס זיי האָבן אָקאָרשט איבערגעלעבט. ווי זיי שטייען און גייען, האָבן די דאָזיקע מענטשן זיך גענומען פונאנדערגיין צו באַקאַנטע, כדי ביי זיי צו געפינען אַ ווינקל, ווי אוועקצולייגן דעם קאָפּ. די יעניקע, וועלכע האָבן ניט געהאט צו וועמען צו גיין, זיינען געבליבן שטיין אויף דער גאַס הילפלאז און געוואַרט, ביז עמיצער וועט זיך אויף זיי מרחם־זיין און וועט זיי אריינגעמען צו זיך.

אין אַ פּאר טעג ארום נאך דער פארגעקומענער אקציע און ליקווידאציע פון קליין־געטאָ, ווען די יידישע הייזער זיינען דארטן שוין געווען פולשטענדיק אויסגערויבט און אין זיי זיינען פארבליבן נאר צעבראכענע מעבל־שטיק און ווערטלאזע קענגשטאנדן, איז מצד געטשאַפּאָ די יידן פון ליקווידירטן קליין־געטאָ דערלויבט געוואָרן נאר אויף 1 שעה צייט אריבערצוגיין אין די געוועזענע וווינונגען, כדי פון דארטן עפּעס־וואָס אריבערצוטראגן צו זיך אינעם איבעריקן טייל געטאָ. אויך מיט דער דאָזיקער „פּריווילעגיע" האָבן זיך געקענט באַנוצן נאר די יעניקע, וועלכע האָבן געהאט צו ווייזן אַ „יארדאן־שיין".

ווען אין איינעם אַ פּארנאכט זיינען געשטאַפּאָ־לייט געקומען אין געטאָ, כדי אויף איין שעה צייט אריבערצופירן אין קליין־געטאָ די יעניקע יידן, וועלכע האָבן דארט געהאט זייערע זאכן, האָבן הונדערטער יידן, וואָס האָבן אויף דעם שוין געוואַרט שעהן־לאנג ביים ענגע־בריקל, ווי א מעכטיקער שטראם זיך אַ לאז געטאן אהין. אין גרוים איילעניש האָבן יידן גענומען פון דארטן שלעפּן אויף זיך בעטגעוואַנט, אלטע בגדים א. א. קענגשטאנדן, וועלכע די נאצים האָבן בעת זייער רויב איבערגעלאָזן אין די געוועזענע יידישע דירות, ווייל זיי האָבן פאר זיי ניט געהאט קיין ווערט.

פאר די מענטשן פון קליין־געטאָ, וועלכע זיינען נאך דער אקציע פון דארטן ארוים נאַקעט און בארוועס, האָט אָבער יעדע שמאטע און יעדע שטיקל באַלעבאַטישקייט געהאט אַ גרויסן ווערט, און זיי האָבן דעריבער געוואָלט וואָס־מער אריינכאַפּן פון זייער „עשירות" במשך דער דערלויבטער שעה צייט. די איילעניש און יאגעניש איז דעריבער געווען, ווי נאך די גרעסטע גליקן...

אָט אַזוי איז גלייך ביים אנהויב פון דער עקזיסטענץ פון געטאָ אויף אן עכטן געשטאַפּאָ־אופן ליקווידירט געוואָרן אַ גאנצער געטאָ־ראיאָן — דאס קליין־געטאָ.

## קאַפּיטל XIII

# גרויסע אקציע.

---

באַאומרואיקנדיקע קלאַנגען ערב דער גרויסער אַקציע. — באַפעל צו דער געטאָ־באַפעלקערונג וועגן דערשיינען אויפן דעמאָקראַטו־פּלאַץ, נים אָנווייזנדיק דעם צוועק פון צונויפקום. — שטייגנדיקע פּאַניק אין געטאָ. — דאָס דערשיינען פון איבער 26 טויזנט יידן אויפן דעמאָקראַטו־פּלאַץ. — פאַרלויף פון דער סעלעקציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פון אינדערפרי ביז אינאָוונט. — נאָך דער סעלעקציע. — אָפּגעסאָרטירטע יידן ווערן געטריבן צום 9־טן פאָרט. — אויפרודערונג אין געטאָ. — שוידערלעכער גורל פון איבער 10 טויזנט יידן.

אין 24 טעג ארום, נאכדעם ווי ס'איז פארגעקומען די אקציע און ליקווידאַציע פון קליין־געטאָ, איז דינסטיק, דעם 28־טן אָקטאָבער 1941, פאָרגעקומען אן אקציע, וואָס האָט צוליב דער ריזיקער צאל קרבנות, וועלכע זי האָט איינגעשלונגען — איבער 10 טויזנט יידן! —, באַקומען דעם גרויליקן טיטל: „די גרויסע אקציע".

שוין אַ געוויסע צייט פאר דער דאָזיקער אקציע האָבן אין געטאָ געהאט צירקולירט קלאַנגען, אַז, לויט די רייד פון קריסטן אין שטאָט, זיינען אויפן 9־טן פארט דורך סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע צוגעגרייט געוואָרן גרויסע גריבער. היות ס'איז געווען אן ערנסטער גרונט חושד צו זיין, אַז די דאזיקע גריבער זיינען צוגעגרייט פאר די געטאָ־יידן, האָט עס ארויסגערופן אַ גרויסע צערודערונג. פון טאָג־צו־טאָג זיינען די דאָזיקע באַאומרואיקנדיקע קלאַנגען געוואָרן אַלץ מער עקשנותדיקער און האָבן די פּאַנישע שטימונג ביי די געטאָ־יידן שטאַרק פארגרעסערט.

זונטיק, דעם 26־טן אָקטאָבער מיטאָג־צייט, איז דערשינען אין געטאָ דער יעמאלטיקער ממונה פאר יידישע ענינים אין געשטאַפּאָ, ראַוקאַ, וועלכער איז דעם געטאָ שוין געווען באַקאַנט פון דער אקציע אויף דער אינטעליגענץ, און

האָט נאָך אַ לענגערן געשפּרעך מיט אייניקע מיטגלידער פון עלטעסטן־ראַט זיי צום סוף געמאַכט פאָלגנדיקע „אומשולדיקע" מיטטיילונג:

— די מאַכט האָט באַשלאָסן, האָט דערקלערט ראַוקאַ, אָפּצוטיילן די אַרבעטנ־דיקע אין געטאָ פון די ניט־אַרבעטנדיקע. צו דעם צוועק וועלן די ניט־אַרבעטנדי־קע יידן אויסגעטיילט ווערן באַזונדער, און זיי וועלן באַזעצט ווערן אין ראַיאָן פון געוו. קליין־געטאָ. די אַרבעטנדיקע יידן, וועלכע אַרבעטן ס'רוב אויפן אַעראָ־דראָם א. א. קריגס־וויכטיקע אַרבעטס־שטעלעס, מוזן באַקומען אַ גרעסערע און אויך בעסערע באַשפּייזונג, כדי זיי זאָלן קענען לייסטן מער אַרבעט. דעריבער וועט דינסטיק, דעם 28־טן אָקטאָבער, קיינער פון געטאָ ניט אַרויסגעלאָזן ווערן צו דער אַרבעט אין שטאָט, און ס'וועט פאָרקומען אַן אַנטשפּרעכנדיקע פונאַנ־דערטיילונג פון דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג. וועגן דינסטיקדיקן צונויפקום אויפן זאַמל־פּלאַץ, דאַרף דער עלטעסטן־ראַט מודיע־זיין דער געטאָ־באַפעלקערונג — האָט קאַלטבלוטיק פאַרענדיקט זיין געשפּרעך דער געשטאַפּאָ־תלין ראַוקאַ.

אויפן סמך פון דער טרויעריקער דערפאַרונג מכוח דעם ווערט פון די גע־שטאַפּאָ־דערקלערונגען, איז געווען אַ יסוד באַאומרואיקט צו זיין וועגן אמתן ציל פון דער אַנגעמאָלדענער צונויפרופונג פון דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג אויפן דעמאָקראַטו־פּלאַץ.

אינעם עלטעסטן־ראַט איז דעריבער אַנטשטאַנען די פראַגע, צי זאָל ער יאָ אָדער ניט פּובליקירן די מעלדונג וועגן באַפעל מצד דער מאַכט צו דערשיינען אויפן זאַמל־פּלאַץ. נאָך אַ לייִדנשאַפטלעכן ישוב־הדעת זיינען עטלעכע מיטגלי־דער פונעם עלטעסטן־ראַט, בראש מיט דר. עלקעס, זונטיק, שפּעט אין אָוונט, אַוועק צו הרב שאַפּירא, כדי צו הערן זיין מיינונג וועגן דער פראַגע. הרב שאַפּירא, וואָס איז בשעתו געווען קראַנק, האָט געהאַט געבעטן אַ ביסל צייט נאָכצוטראַכטן וועגן דער תשובה. ערשט מאָנטיק אינדערפרי האָט הרב שאַפּירא געענטפערט דעם על־טעסטן־ראַט, מ'זאָל די מעלדונג צו דער געטאָ־באַפעלקערונג יאָ פּובליקירן.

די שפּאַנונג אין געטאָ איז דערווייל אַלץ מער געוואַקסן און האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט, ווען דער עלטעסטן־ראַט האָט מאָנטיק, דעם 27 אָקטאָבער, ביי־טאָג, פּובליקירט אַ מעלדונג, ווו ס'איז געזאָגט געוואָרן, אַז, לויט אַ באַפעל פון די מאַכט־אָרגאַנען, דאַרף דינסטיק, דעם 28 אָקטאָבער, 6 אַזייגער פרי, די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג, יונג און אַלט, מענער, פרויען און קינדער, געזונטע און אפילו אויך קראַנקע, דערשיינען אויפן דעמאָקראַטו־פּלאַץ — אַ גרויסער פּלאַץ אין יעמאַלטיקן תחום פון געטאָ. ווער ס'וועט געפונען ווערן אין שטוב, האָט עס געהייסן אין דער מעלדונג, וועט ווערן דערשאָסן מצד דער דייטשער פּאָליציי, וועלכע וועט גיין קאָנטראָלירן די הייזער. די הייזער דאַרפן דעריבער בלייבן אָפן.

ווען עצם־צוועק פון צונויפזאַמלען זיך — איז מצד דעם עלטעסטן־ראַט אין זיין מעלדונג צו דער באַפעלקערונג קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרן.

גלייך נאָכן באַקאַנט־ווערן פון דער דאָזיקער מעלדונג מצד דעם עלטעסטן־ראַט, האָט דאָס געטאָ געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ הוידנדיקער שיף אין דער צייט פון אַ גרויסן שטורעם אויפן ים...

די דראָאונג, אַז מען וועט דערשיסן די יעניקע, וועלכע מען וועט געפינען אין שטוב, האָט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פון בכלל ניט קומען אויפן זאַמל־פּלאַץ. אגב, דאַרף באַמערקט ווערן, אַז צו יענער צייט איז נאָך די געטאָ־יידן ניט איינגעפאַלן אויפן זינען דער געדאַנק פון זיך אויסבאַהאַלטן, כדי ניט אויסצופירן די פאַראָרדנונג פון דער אקופּאַציע־מאַכט אַליין צו דערשיינען אויפן סעלעקציע־פּלאַץ.

דער אנדער האַלבער טאג פון מאנטיק און די נאַכט פון מאנטיק אויף דינס־טיק איז געווען אַ צייט פון גרויסער דענערווירונג און באַאומרואיקונג. מענטשן זיינען געלאָפן איינער צום צווייטן אויסצוטייטשן דעם ניט־אנגעמאָלדענעם ציל פון דעם מאָרגנדיקן צונויפקומען זיך אויפן דעמאָקראַטו־פּלאַץ. איינער האָט ביים צווייטן געוואָלט געפינען אַ באשייד אויף דער פּיינלעך־נאגנדיקער רעטעניש: וואָס וועט, אייגנטלעך, מאָרגן געשען?..

ווי ס'איז געווען דער פאַל ביז דאַן, האָבן אויך דאסמאָל ניט געפעלט קיין „באַרואיקנדיקע" קלאַנגען, אַן ספק פאַרשפּרייטע מצד געשטאַפּאָ אַליין, אַז ס'וועט כלומרשט, קיין בייז ניט געשען; אַז ס'האַנדלט זיך נאָר וועגן אַ מין אומשולדיקן פאַרביימאַרשירן פון דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג פאַר די מאַכט־פאַרשטייער, כדי זיי זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט מיט די אייגענע אויגן אנצוקוקן דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון געטאָ; אַז מען וועט מצד די מאַכט־אָרגאַנען מאַכן פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג אַ געהעריקע מעלדונג און — דאָס וועט זיין אַלץ א. א. וו. אָבער, אַז דער 28־טער אָקטאָבער 1941 וועט זיין דער שוואַרצסטער טאָג אין דער געשיכטע פון קאָוונער געטאָ־ישוב — אַ טאג, וואָס וועט אָפּקאָסטן דעם געטאָ 40 פּראָצענט פון זיין מענטשן־באַשטאַנד — אַזוינס האָבן אפילו די גרעסטע געטאָ־פּעסימיסטן דאַן ניט געוואָגט פאָרויסצוזען.

האבנדיק די דערפאַרונג פון די פריער־פאָרגעקומענע סעלעקציעס, אַז ס'איז ראַטזאַמער צו האָבן ביי זיך וואָס בעסערע אַרבעטס־דאָקומענטן, פון וועלכע ס'איז צו זען, אַז מען אַרבעט און מען איז אַ „נוציקער ייד", האָט איטלעכער געטאָ־ייד זיך געמיט צו זיין באַזאָרגט צום מאָרגנדיקן טאָג מיט וואָס־מער אַרבעטס־באַשיי־ניקונגען, כדי דערמיט צו באַרעכטיקן זיין פּרעטענזיע אויף אַ שקלאַפן־לעבן.

די טויזנטער יידישע אעראדראם־אַרבעטער האָבן דאָן זייער פיל אַכט געלייגט אויף די אַרבעטס־בינדעס, וואָס די דייטשע פראָנט־בוי־לייטונג פון אעראָדראָם האָט זיי געהאַט פאַרטיילט. *)

די יעניקע אעראָדראם־אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט אָפּגענומען פון יידישן אַרבעטס־אַמט זייערע אַרבעטס־קאַרטעס, זיינען אייליק אַהין געלאָפן זיי אָפּנעמען, האַפנדיק, אַז דאָס קען האָבן פאַר זיי אַ גרויסן באַדייט במשך דעם מאָרגנדיקן טאָג. דער געדראַנג אין אַרבעטס־אַמט איז דעריבער געווען אַזוי גרויס, אַז די אומרואיקע מענטשן־מאַסע האָט ניט קענענדיק זיך דערשלאָגן אפצובאַקומען די אַרבעטס־קאַרטעס, דעמאָלירט אַ טייל פונעם אַרבעטס־אַמט.

דער עלטעסטן־ראַט, פון זיין זייט, האָט געמאַכט צוגרייטונגען, אַז די געטאָ־באַפעלקערונג זאָל אויפן פּלאַץ זיך גרופּירן לויט די באַזונדערע אַרבעטס־שטעלעס, ווי אַ שטייגער, אעראדראם, שטאָטישע אַרבעטס־בריגאַדעס, געטאָ־אינסטיטוציעס א. א. וו., און איטלעכע אַרבעטס־שטעלע זאָל האָבן אַ באַזונדערן טראנספּאַרענט, פון וועלכן ס'זאָל זיין צו זען, ווו די מענטשן אַרבעטן.

* * *

ס'האָט זיך געענדיקט דער אַנדער האַלבער טאָג פון 27־טן אָקטאָבער און ס'איז אויך פאַרביי די נאַכט פון 27־טן אויפן 28־טן אָקטאָבער, וואָס כמעט אַלע יידן האָבן פאַרבראַכט אין גרויס דענערווירונג מחמת די באַאומרואיקנדיקע דערוואַרטונגען פונעם אנקומענדיקן טאָג.

אין דער טונקלקייט פון שפּעט־האַרבסטיקן פאַרטאָג, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצוטאָגן, האָבן געפינקלט די פאַרגייענדיקע שטערן. צום ערשטן מאָל איז דעם ערב־ווינטער די ערד געווען באַדעקט מיט אַ דינעם שניי־פּוך. ס'איז געווען אונטערגעפרוירן און קאַלטלעך.

ווען דער זייגער איז געוואָרן 6, האָבן מיטאַמאָל פון אַלע געטאָ־הייזער זיך גענומען לאָזן יידן צום דעמאָקראַטו־פּלאַץ. עלטערן האָבן זייערע קלענערע קינדער געטראָגן אויף די הענט, אָדער געפירט אין קינדער־וועגעלעך. אַלטע און שוואַכערע מענטשן זיינען דורך זייערע משפחה־מיטגלידער געפירט געוואָרן אונטער אָרעם. די שוואַך־קראַנקע האָט מען אויף טראָג־ברעטלעך געטראָגן צום פּלאַץ. קיינער האָט ניט געוואָלט פאַרבלייבן אין שטוב און זיין אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר צו ווערן דערשאָסן בעת דער קאָנטראָל פון די הייזער. ווי ס'האָט געהאַט געפאָדערט דער באַפעל פון דער מאַכט, זיינען די טירן אין אַלע יידישע הייזער געבליבן אָפן, פריי פאַר דער קאָנטראָל פון דער דייטשער פּאָליציי.

---

*) די אַרבעטס־בינדעס פלעגט מען טראָגן אויפן לינקן אַרבל פון אויבערשטן בגד.

אַז ס'האָט אויסגעטאַגט, איז אויפן גרויסן דעמאָקראַטו־פּלאַץ שוין געווען צונויפגעקליבן די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג אין אַ סכום פון איבער 26 טויזנט נפשות. יעדער איינער האָט זיך געמיט צו זיין וואָס־נענטער צו זיינע פריינט און באַקאַנטע.

ס'איז אַריבער אַ שעה און צוויי און קיין זאַך איז נאָך ניט געווען צו זען. פאַר דער צייט זיינען אויפן פּלאַץ אויך אָנגעקומען לערך אַנדערהאַלבן טויזנט יידן, וועלכע זיינען דעם פאַריקן טאָג, ד. ה. מאָנטיק דעם 27־טן אָקטאָבער, אינדערפרי, אַוועק אַרבעטן אויפן אעראָדראָם, און זיי זיינען דאָרטן מצד דער אעראָדראָם־ליייטונג פאַרהאַלטן געוואָרן צו אַרבעטן אויך די נאַכט־שיכט, ווייל פון געטאָ האָט מען קיין אַרבעטער אויף דער נאַכט־שיכט שוין ניט אַרויסגעלאָזן.

די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן, צוריקקערנדיק פון אעראָדראָם אין געטאָ, שוין קיינעם ניט געפונען אין די הייזער, זיינען אַרומגעלאָפן איבערן פּלאַץ, כדי אויפצוזוכן אינעם גרויסן מענטשן־המון זייערע משפּחה־מיטגלידער. חוצדעם, וואָס זיי זיינען געווען טויט־מיד און אויסגעשעפּט פון אַרבעטן אויפן אעראָדראָם 2 שיכטן נאָך דער ריי, זיינען זיי געווען זייער שטאַרק אויסגעשמירט אין בלאָטע און ליים פון דער אַרבעט. (ווי ס'האָט שפּעטער, אין לויף פון טאָג, זיך אַרויסגעשטעלט, האָט דער הילוך פון די דאָזיקע מענטשן און זייער גאַנצער אויסזען פאַרן גרעסטן טייל פון זיי געהאַט אַ פאַטאַלע ווירקונג בעת דער סעלעקציע.)

* *

*

אַזייגער 9 אינדערפרי האָבן זיך גענומען דערנענטערן צום פּלאַץ מחנות דייטשע פּאָליציי, אונטער דער אָנפירונג פון פּאָליציי־הויפּטמאַן טאָרנבוים, און גרויסע גרופּעס שטאַרק־באַוואָפנטע ליטווישע פּאַרטיזאַנער. ס'איז געוואָרן קענטיק, אַז דאָס גורלדיק־אומבאַוווּסטע וועט זיך באַלד אָנהויבן.

נאָכדעם, ווי ס'איז אָנגעקומען דער געשטאַפּאָ־רוצח ראַוקאַ צוזאַמען מיטן יידן־מערדער, דער געטאָ־קאָמענדאַנט יאָרדאַן, איז אויפן ריזיקן פּלאַץ געוואָרן טויט־שטיל, ווי בעת אַן אויסערגעוויינלעך־געשפּאַנטן מאָמענט. אַלע אָנוועזנדיקע יידן אויפן פּלאַץ האָבן אינטואיטיוו דערשפּירט, אַז באַלד וועט געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכעס, עפּעס פאַטאַלעס...

פריער פאַר אַלץ איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל זיך אויסצושטעלן צו 10 פּערזאָן אין אַ ריי און זיך צו גרופּירן אין קאָלאָנעס צו 100 מענטשן, זיך האַלטנדיק גאַנצע משפּחות צוזאַמען. פאָרויס זיינען געשטאַנען די מיטגלידער פון יידישן עלטעסטן־ראַט און פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי צוזאַמען מיט זייערע משפּחה־מיטגלידער, הינטער זיי — די קאָלאָנע פון פאַרשיידענע געטאָ־מוסדות, און דאַן

די יידישע אַרבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט, די אעראָדראָם־אַרבעטער א. א. וו.

פאַר דער צייט זיינען אויך אָפּגעשיקט געוואָרן פּאָליציי און פּאַרטיזאַנער אַדורכצופירן רעוויזיעס אין די געטאָ־הייזער, כדי צו קאָנטראָלירן, אויב אַלע געטאָ־יידן זיינען טאַקע דערשיגען אויפן פּלאַץ. די יעניקע שוואַך־קראַנקע, וועלכע מ'האָט בשום־אופן ניט געקענט ברענגען צום זאַמל־פּלאַץ און זיי זיינען איבערגע־לאָזן געוואָרן אין די הייזער, זיינען מצד דער פּאָליציי און פּאַרטיזאַנער צוזאַמענ־גענומען געוואָרן אויף לאַסט־אויטאָס און זיינען אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן דירעקט אויפן 9־טן פאָרט. ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צוצוגעבן, אַז אייניקע ליטווישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן ניט געקענט גובר־זיין דעם יצר־הרע נאָך רויב און האָבן אין די יידישע הייזער גענומען רויבן, וואָס ס'לאָזט זיך, זיינען מצד די דייטשן אַליין אויף אָן אָרט געוואָרן אַנטוואָפנט און אונטער אַ קאָנוואָי אי־בערגעשיקט אין שטאָט.

ענדלעך זיינען די רוצחים צוגעטראָטן צו זייער בלוטיקער אַרבעט.

נאָכדעם ווי ראַוקאַ האָט געהאַט אַדורכגעלאָזן בשלום אַלעמען פון דער קאָלאָנע פון עלטעסטן־ראַט און פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי, האָט ער זיך גע־נומען צו סאָרטירן די קאָלאָנעס פון די יידישע געטאָ־מוסדות, אויסטיילנדיק אויף דער רעכטער זייט די עלטערע און שוואַכערע מענטשן, און אויף דער לינקער זייט — די יינגערע און קרעפטיקערע מענטשן.

נאָכן ענדיקן סאָרטירן די קאָלאָנעס פון דער יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, האָט די סעלעקציע אָנגענומען אַן אינטענסיווערן טעמפּאָ. זיך שטעלנדיק מיטן פּנים צו די פאַרזאַמלטע אויפן פּלאַץ, האָבן רייענווייז געמוזט פאַר אים פאַרביי־דעפּילירן אַלע יידן און ער, ראַוקאַ, האָט מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט דירי־זשירט די מענטשן צו גיין אויף רעכטס, אָדער אויף לינקס.

שוין לכתחילה איז געווען קענטיק, אַז ראַוקאַ אורטיילט בעת דער סעלעקציע בעיקר לויטן פיזישן אויסזען פון מענטשן, לויט זיין קליידונג, זויבערקייט, משפּחה־באַשטאַנד א. א. וו. די יינגערע, קרעפטיקערע און זויבערע מענטשן ווי אויך קלע־נערע משפּחות, וואָס פאַרמאָגן ווייניק ניט־אַרבעטספעיקע פּערזאָנען, שיקט ער אויף דער בעסערער זייט; די עלטערע און שוואַכערע מענטשן, משפּחות אָן אַר־בעטספעאיקע מענער ווי אויך די יעניקע, וועלכע זעען אויס אומזויבער און זיינען שלעכט געקליידעט — אויף דער ערגערער זייט.

זיך לחלוטין ניט אינטערעסירנדיק מיט דעם, צי דער באַטרעפנדיקער ייד אַרבעט יאָ אָדער ניט, האָט ער, ראַוקאַ, בכלל ניט געלייגט קיין אַכט אויף די אַרבעטס־באַשייניקונגען, וואָס איטלעכער ייד האָט צוגעגרייט אים צו ווייזן. ס'זיינען גע־ווען פיל פאַלן ווען לאַנג־יאָריקע בעלי־מלאכות פלעגן דעפּילירנדיק פאַרביי

ראַוקאַן אים זאָגן, אַז זיי זיינען פאַכמענער, וואָס אַרבעטן שוין לאַנג ביי זייערע פּעכער, פּלעגט ער מיט אַ ציניש שמייכעלע זיי ענטפערן: „זייער גוט! גראָד אַזעלכע פאַכמענער וועלן דא אנטקעגן — ווייזנדיק מיט דער האַנט אין דער ריכ־טונג פון "קליין־געטאָ — זייער צוניץ קומען..."

ווען ער פּלעגט אָבער פון זיינע משרתים אויפן פּלאַץ באַקומען אַ ידיעה, אַז אויף דער רעכטער, ד. ה. שלעכטער זייט, זיינען נאָך דא צו ווייניק קרבנות, פּלעגט ער דאַן בכלל אָן יעדן קריטעריום שיקן אויף רעכטס אַ גרעסערע צאָל יידן, כדי אויסצוגלייכן זיין „חשבון".

אַז ס'איז געקומען מיטאָג־צייט, האָט ראַוקאַ זיך ניט פאַרגונען איבערצו־רייסן זיין „הייליקע" אַרבעט און, עסנדיק מיט אַפּעטיט זיינע פּוטערבראָדן, האָט ער מיט דער זעלבער התמדה, ווי פריער, פאַרגעזעצט מיט זיין תלין־שטעקעלע צו שיקן יידן צום טויט.

אויך יאָרדאַן, וואָס האָט לכתחילה מער זיך אינטערעסירט מיטן אַלגעמיינעם גאַנג פון דער סעלעקציע, אַליין ניט סאָרטירנדיק די מענטשן, האָט שפּעטער־צו זיך מתקנא־געווען אין זיין „קאָלעגע" ראַוקאַ, און ער האָט פערזענלעך זיך גענומען אַקטיוו באַטייליקן אין דער סעלעקציע־אַרבעט.

שוידערלעכע און גרויליקע סצענעס פּלעגן זיך אָפּשפּילן אין די פאַלן, ווען די נאַציסטישע־מערדער פּלעגן בעת דער סעלעקציע אָפּרייסן אַן אַלטן טאַטן אָדער מאַ־מען פון זייערע קינדער, אָדער סתם אַזוי, לויט זייער איינזען, אָפּרייסן פון דער משפּחה איינעם אָדער מערערע משפּחה־מיטגלידער און זיי שיקן אויף דער שלעכ־טער זייט.

אַ יאָמערלעך געוויין פון אויף אייביק־פונאַנדערגעשיידטע משפּחה־מיטגלידער האָט זיך געטראָגן איבערן ריזיקן פּלאַץ. יעדער איינער איז געווען באַהערשט פון אַ גרענעצלאָזער פאַרצווייפלונג און פאַרלוירנקייט. יידן האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז אַלע זיינען במילא פאַרלוירן, נאָר פאַר איין טייל ווערט דאָך דאָס לעבן אויף אַ געוויסער צייט פאַרלאָנגירט.

אויב פאַרן אַדורכגיין די סעלעקציע, זיינען ס'רוב ייִנגערע מענטשן געווען שרעקלעך דענערווירט, ווענדיק וואָס־גיכער וויסן די אנטשיידונג פון גורל, האָבן די עלטערע יידן, מוז מען זאָגן, דאַן אַרויסגעוויזן פיל מער רואיקייט און בטחון. אין אַלע רייען האָט מען געקענט זען און הערן, ווי עלטערע יידן זאָגן אָן אויפהער קאַפּיטלעך תהילים, מיטן טרויעריקן ניגון פון תהילים־זאָגן, בעת דער בר־מינן ליגט אויף דער ערד...

דער גרויליקער טאָג האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. אַלץ, וואָס געשעט אויפן פּלאַץ, האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי משונהדיק־ווילד, אומפאַרשטענדלעך, ווי

אין אַ בייזן קאשמאר־חלום. אָבער, ליידער, איז עס ניט געווען קיין בייזער חלום, נאָר אַן אויסערסט־טראַגישע ווירקלעכקייט.

היות די אָפּגעטיילטע אויף דער שלעכטער זייט פלעגט מען אָפּטראַנספּאָר־טירן אין ראַיאָן פון געוועזענעם קליין־געטאָ, האָבן זיך אויפן פּלאַץ איינגעפונען יידן, וועלכע האָבן געפּרוווט זיך אַליין און אויך אַנדערע איינריידן, אַז ס'וועלן, קען זיין, טאַקע געשאַפן ווערן צוויי געטאָס: אַ "בעסערע", וווּ ס'וועלן זיין די אַר־בעטספּעאיקע, יונגע און געזונטע מענטשן, און אַן „ערגערע" געטאָ, וווּ ס'וועלן זיין די עלטערע און שוואַכערע מענטשן, וועלכע ווערן אָפּגעקליבן אויף דער שלעכטער זייט.

*

און די סאָרטירונג איז ווייטער אנגעגאַנגען מיטן פולן טעמפּאָ. אומאויפ־הערלעך פלעגן גרויסע מחנות יידן געשיקט ווערן אויף דער שלעכטער זייט און פון דאָרטן — אין קליין־געטאָ. די יעניקע אָפּגעריסענע משפחה־מיטגלידער, וועלכע פלעגן פּרובירן אַריבערלויפן פון דער שלעכטער זייט צו זייערע אייגענע אויף דער בעסערער זייט, פלעגן מערדערלעך געממיתט ווערן מצד דער שטרענגער באַוואַ־כונג, וואָס פלעגט זיי היטן. לויט דער גרויזאַמער באַציאונג צו זיי מצד די פאָסטנס איז געווען דייטלעך צו זען, אַז די מענטשן דערוואַרט זייער שלעכטס.

געלעגנהייטלעך איז נויטיק צו באַמערקן, אַז די יידישע געטאָ־פּאָליציי, וואָס האָט ביים אויספירן פאַרשיידענע אורדנונגס־פונקציעס געהאַט אַ מעגלעכקייט פרייער זיך צו באַוועגן אויפן פּלאַץ, האָט אין יענעם גרויליקן טאָג דורך פאַר־שיידענע קאָמבינאַציעס מיטגעהאָלפן פיל יידן אָדער בכלל אויסצומיידן די סע־לעקציע און זיך אַריבערצוגנבענען צו די אָפּגעקליבענע אויף דער גוטער זייט, אָדער — אין אַ פיל קלענערער מאס — שוין נאָך דער סעלעקציע זיך אַריבערצוכאַפּן פון דער שלעכטער אויף דער גוטער זייט. צענדליקער, צענדליקער יידן זיינען אַ דאַנק דעם יענעם טאָג נצול־געוואָרן פון אַ טראַגישן אומקום.

ביז אין דער אָוונט־טונקלקייט האָט אנגעהאַלטן די סעלעקציע. פיל שוואַכע און קראַנקע מענטשן, וועלכע האָבן ניט אויסגעהאַלטן דאָס אויסזיין אַ גאַנצן טאָג אויפן פעלד, זיינען געשטאָרבן אויפן פּלאַץ. נאָך דער סעלעקציע זיינען דעריבער אויפן זאַמל־פּלאַץ געבליבן ליגן צענדליקער מתים און אויך אַ היפּשע צאָל גוסס'־דיקע קראַנקע. די יעניקע, וועלכע זיינען נאָך געווען ביים לעבן, זיינען אין די פאַרטאָג־שעהן צונויפגענומען געוואָרן אויף לאַסט־אויטאָס און זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן צום פאָרט אויף פאַרניכטונג.

*

ענדלעך איז צום סוף פון דער סעלעקציע פאַר די געשטאַפּאָ־רוצחים באַ־וווּסט געוואָרן, אַז אויף דער שלעכטער זייט זיינען אָפּגעסאָרטירט געוואָרן איבער

10 טויזנט קרבנות. ווען די לעצטע גרופּע פון די אָפּגעסאָרטירטע יידן אויף דער שלעכטער זייט איז אָפּגעפירט געוואָרן אין קליין-געטאָ, איז די יעניקע יידן, וועלכע זיינען געווען אָפּגעקליבן אויף דער גוטער זייט און זיינען דעם גאַנצן טאָג געבליבן באַוואַכט, דערלויבט געוואָרן זיך צוריקצוקערן אין זייערע וווינונגען.

אין דער אָוונט-טונקלקייט האָבן די „גליקלעכע" יידן גענומען פאַרלאָזן דעם סעלעקציע-פּלאַץ און גיין צו זיך אַהיים. ס'איז אָבער געווען אַ קאָלאָסאַלער אונ-טערשייד צווישן דעם גיין אויפן פּלאַץ פאַרטאָג און דעם צוריקקערן פון פּלאַץ אינאָוונט: ס'איז כמעט ניט געווען קיין איין משפחה, וואָס האָט צוריקגעקערט אַהיים מיט דער זעלבער צאָל מענטשן, ווי מען איז פאַרטאָג אַרויס פון שטוב. חוצדעם זיינען הונדערטער, הונדערטער משפחות אַוועק אויף דער שלעכטער זייט און זייער פּולן באַשטאַנד.

די צוריקגעקערטע אַהיים האָבן אויסגעזען, ווי געקומענע פון אַ ריזיקער לויה — אַ לויה פון איבער 10 טויזנט מענטשן. טויט-מידע, אַדורכגעפראָרענע און אויסגעהונגערטע האָבן די צוריקגעקערטע אין זייערע היימען ניט געקענט קומען צו זיך, ווייל אַלעמען האָט געפּייניקט די פראַגע וועגן ווייטערדיקן גורל פון די צונויפגעקליבענע יידן אין קליין-געטאָ. ווידער איז די נאַכט געווען אַ שלאָפלאָזע.

די איבערגעפירטע יידן אין קליין-געטאָ האָט מען פאַראָרדנט צו פאַרנע-מען די האַלב-חרובע וווינונגען, וווּ ס'האָבן געהאַט געוווינט די יידן ביז דער אַקציע און ליקווידאַציע פון קליין געטאָ.

ניט האָבנדיק קיין אָנונג, וואָס פאַראַ טראַגישן סוף ס'דערוואַרט זיי שוין במשך דעם מאָרגנדיקן טאָג, האָבן די קרבנות זיך צעוואָרפן איבערן קליין-געטאָ, כדי צו געפינען אַן אָרט, ווו אוועקצולייגן דעם מידן קאָפּ. ס'רוב האָבן טאַקע, ווייזט אויס, געהאַלטן, אַז דאָ וועט זיין אויף אַ לענגערער צייט זייער מקום-מנוחה, ווייל פיל פון זיי האָבן געוואָלט פאַרנעמען אַ וואָס בעסערע דירה א. א. וו.

במשך דער נאַכט האָט דער פאָרזיצער פון עלטעסטן-ראַט דר. עלקעס אויס-געפועלט ביי די מאַכט-אָרגאַנען אַ דערלויבעניש אַרויסצונעמען פון קליין-געטאָ אַן ערך 100 יידן. ווען ער איז אנגעקומען אין קליין-געטאָ און האָט גענומען אויסזוכן די באַטרעפנדיקע מענטשן, איז מצד די אַנדערע יידן געוואָרן אַרום דר. עלקעסן אַ שרעקלעכער געדראַנג, און אַ ליטווישער פּאַרטיזאַן האָט מיט זיין ביקס פאַרוווּנדעט דר. עלקעסן דעם קאָפּ. אין אַ כמעט-באַוווּסטלאָזן צושטאַנד איז דר. עלקעס צוריקגעבראַכט געוואָרן אין געטאָ און פון ענין איז גאַרניט געוואָרן.

* *

*

ערשט אין די פאַרטאָג-שעהן פון מיטוואָך, דעם 29-טן אָקטאָבער 1941, איז




פּלאַן פון סלאָבאָדקער געטאָ
(צוזאַמענגעשטעלט און געצייכנט פון אינזש. יעקב פערעצמאַן)





הינטערן צוים פון שטעכיקן דראָט

דאָס הענג־בריקל צווישן קליין־געטאָ און איבעריקן טייל געטאָ

אין קליין־געטאָ געוואָרן אַ גערודער: דאָרטן האָבן די פּאַרטיזאַנער אַלעמען אויפגעוועקט און באַפוילן זיך פאַרטיק מאַכן צום מאַרש. ווהין מען וועט מאַר־שירן, האָט קיינער פון די קרבנות לכתחילה ניט געוווּסט.

ווען די יידן אין קליין־געטאָ זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף דער גאַס אין רייען און האָבן אָנגעהויבן צו מאַרשירן, האָבן זיי דערזען, אַז זיי ווערן געפירט פון קליין־געטאָ אין דער ריכטונג צום 9־טן פאָרט.

די רוצחישע באַנעמונג צו די יידן מצד דער שטרענגער און גרויסער באַ־וואַכונג, וואָס איז באַשטאַנען בעיקר פון ליטווישע פּאַרטיזאַנער, האָט ביי די אומ־גליקלעכע יידן צוגענומען די מעגלעכקייט פון אַ טראַכט צו טאָן, וואָס ס'טוט זיך מיט זיי. די קלעפּ, זידלערייען און שרעק־שאָסן מצד די מערדער האָבן פּאַ־ראַליזירט ביי די קרבנות דאָס לעצטע ביסל פיזישע און גייסטיקע ענערגיע, און זיי האָבן זיך געלאָזט פירן צו דער שחיטה כצאן לטבח יובל...

דאָס געטאָ, וואָס איז אַלאַרמירט געוואָרן פון דער שרעקלעכער ידיעה, אַז די יידן פון קליין־געטאָ פירט מען אויפן 9־טן פאָרט, איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. אַלע האָבן געאיילט צו די גאַסן, פון וואַנען ס'איז געווען צו זען, ווי מ'פירט די יידן צו דער שחיטה. אַלע האָפענונגען און אילוזיעס וועגן גורל פון די אָפּגעסאָרטירטע יידן זיינען מיטאַמאָל פולשטענדיק צערונען געוואָרן. די יללות און יאָמערלעכע געשרייען אויף ביידע זייטן פונעם שטעכיקן דראָט זיינען געווען עד לב־השמים. ס'איז געווען דאָס גרויליקע געשריי פון אַ פאָלק, וואָס ווערט אויסגעראָטן אָן אַ שום פאַרוואָס און פאַרוועז.

קילאָמעטערס־לאַנג האָבן זיך געצויגן די טויטן־קאָלאָנעס פון די איבער 10 טויזנט קאָוונער יידן. דאָס איז געווען זייער לעצטער מאַרש צו איינער פון די שוידערלעכסטע נאַציזישע מאַסן־פאַרניכטונגס־שטעלעס אין ליטע — צום 9־טן פאָרט —, ווו מיט וואָכן צוריק זיינען סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע געצוווּנגען געוואָרן צוצוגרייטן פאַר די יידן ריזיקע מאַסן־גריבער.

רוצחישע געשטאַפּאָ־לייט צוזאַמען מיט ליטווישע מאַסן־מערדער, באַ־רוישטע פון אַלקאָהאָל־גיפט און צערייצטע פון זייערע חיה'שע אינסטינקטן, זיינען שוין דאָרטן מיט אַוטאָמאַטן און קוילנוואַרפער געווען גרייט מקבל־פּנים צו זיין די טויזנטער יידישע מענער, פרויען און קינדער מיט אַ מבול פון זודיקן בליי...

און אין אַ טאָג־צוויי אַרום האָט דער שפּעט־האַרבסטיקער ווינט במשך אַ גאַנצער ריי טעג און נעכט דערטראָגן צום געטאָ דאָס עכאָ פון דער אומאויפהער־לעכער קנאַלעריי פון מאַשינגעווער אויפן 9־טן פאָרט. דאָס דאָזיקע ווידערקלאַנג

פון דער שיסעריי האָט אָנגעזאָגט די דערוווייל לעבן־געבליבענע געטאָ־יידן, אַז אין דעם מאָמענט הויפן זיך שיכטנווייז אין די ברידער־קברים הונדערטער צע־שאָסענע און האלב־לעבעדיקע נאקעטע יידישע גופים; אַז, צודריקנדיק זייערע קינדערלעך צום הארצן, וועלנדיק אויף אַזאַ אופן זיי באשיצן פונעם האָגל פון די מאשין־געווער, פאלן אין די גריבער אריין הונדערטער יידישע מאַמעס צו־זאמען מיט זייערע עופה'לעך; אַז צוזאמען מיטן לעצטן שמע־ישראל פון די אין גסיסה־ווייען פארגייענדיקע קדושים, וועט אינעם חלל פון דער וועלט אויף אייביק אויך בלייבן הענגען זייער בלוטיקע קללה — אַ קללה, געשיקט אויף די קעפ פון די גרויזאמע נאצישע מאסן־מערדער און זייערע ליטווישע מיטהעלפער...

## קאַפּיטל XIV

# מצב אין געטאָ במשך די ערשטע פּאָר חדשים נאָך דער גרויסער אַקציע

(נאָוועמבער 1941 — יאַנואַר 1942)

---

פאַרצווייפלטע שטימונג בײַ די געטאָ־יידן. — „באַרואיקנדיקע“ דערקלערונגען פאַרן געטאָ מצד דעם געטאָ־קאָמענדאַנט און געשטאַפּאָ. — דאָס ברענגען אויפן 9־טן פאָרט אויסלענדישע יידן אויף פאַרניכטונג. — הונגער, קעלט און שווערע קאַטאָרזשנע אַרבעט. — אויפמונטערנדיקע ידיעות פונעם סאָוועטישן פראָנט. — „פעלץ־אַקציע“. — באַוואַכונג פון געטאָ אין די הענט פון אַ נ.ס.ק.ק.־אָפּטיילונג.

נאָך דער גרויסער אקציע, ווען אין געטאָ זיינען געבליבן בסך=הכל אַ 16 טויזנט נפשות, איז די שטימונג געווען אן אויסערסט=געדריקטע.

די יידן זיינען צו יענער צייט געווען שטארק פארצווייפלט ניט נאָר מחמת דער ריזיקער צאָל קרבנות, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דעם געטאָ די גרויסע אַקציע, נאָר ס'האָט געהערשט אן אלגעמיינע איבערצייגונג, אַז, פריער אָדער שפּעטער, דערווארט אויך די דערווייל לעבן=געבליבענע יידן דער זעלבער גורל, ווי זייערע אומגעקומענע ברידער און שוועסטער; קיינער אין געטאָ האָט דעריבער ניט געזען קיין זין אין די ווייטערדיקע ענויים, ווייל די שאנסן כאָטש פאר אַ קליינעם טייל יידן צו דערלעבן די באפרייאונג האָבן דאן אויסגעזען אַבסאָלוט אומרעאל.

די גרויסע אַקציע האָט פולשטענדיק צונישט=געמאכט די ביז=דאן אַלגעמיין=אָנגענומענע מיינונג, אַז היות מ'דארף די יידן אויסנוצן ווי אן אומזיסטע אר=בעטס=קראפט אויף פארשיידענע צוואנגס=ארבעטן, דעריבער וועלן די נאצים אַ לענגערע צייט נאָך לאָזן די יידן ביים לעבן. נאָכדעם, ווי בעת דער גרויסער אַקציע זיינען אוועקגעפירט געוואָרן אויפן 9=טן פארט אומגעבראכט צו ווערן הונדער=טער פון די בעסטע יידישע בעלי=מלאכות, טויזנטער יונגע, געזונטע און ארבעטס=

פּעאיקע מענער און פֿרויען, — איז דען נאָך דעם אַלעמען געווען אַ גרונט צו גלויבן, אַז די ייִדן וועט מען לאָזן לעבן מחמת דעם, וואָס מ׳קען זיי אויסנוצן אויף אַרבעט?!

ס׳האָט, אַלזאָ, זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר ריכטיק די מיינונג, אַז כּל־זמן די ייִדן אין נאַציִשן גיהנום לעבן, דאַרפֿן זיי אַרבעטן, און ניט, ווי די מער־אָפּטימיסטישע געטאָ־ייִדן האָבן געהאַט גערעכנט, אַז ווייל די ייִדן אַרבעטן, דאַרף מען זיי דעריבער, הייסט עס, לאָזן לעבן...

אָט פֿאַרוואָס ייִדן אין געטאָ האָבן זיך גענומען באַציִען סקעפּטיש בנוגע דעם גיין אַרבעטן. נאָכמער, וואָס־ווייטער האָט זיך דאָן בײַ די געטאָ־ייִדן גענומען אויסאַרבעטן די פּסיכאָלאָגיע פֿון „ס׳איז שוין ניטאָ וואָס אָנצווערן“, „בּמילא איז דאָך אונדזער גורל געחתמעט“ א. א. וו.

ווען די דאָזיקע פֿאַרצווייפֿלטע שטימונגען זײַנען דערגאַנגען צו די נאַציִשע געטאָ־מושלים, איז דער יעמאָלטיקער געטאָ־קאָמענדאַנט יאָרדאַן געקומען אין עלטעסטן־ראַט און האָט אָפּגעגעבן אַ „פֿאַרזיכערונג“ אין נאָמען פֿון די מאַכט־אָרגאַנען, אַז „די גרויסע אַקציע איז די „לעצטע“ אַקציע אין קאָוונער געטאָ“; אַז „אַלע ייִדן קענען זײַן רויִק בנוגע זייער ווייטערדיקן גורל“ א. א. וו.

ועל־כּולם איז מצד יאָרדאַנען געקומען אַן אויפֿפֿאָדערונג, אַז די ייִדן זאָלן פּינקטלעך און געוויסנהאַפֿט דערפֿילן זייער אַרבעטס־פֿליכט.

ווי אַ „סאַטיספֿאַקציע“ מצד די נאַציס פֿאַר די 10 טויזנט ייִדישע קרבנות און גלײַכצײַטיק ווי אַ „סטימול“, אַז ייִדן זאָלן האָבן חשק צו אַרבעטן, האָט יאָרדאַן איבערגעגעבן דעם עלטעסטן־ראַט אַ טשעק אויף 10 טויזנט מאַרק און האָט פֿאַראָרדנט, מ׳זאָל אויסצאָלן די ייִדישע אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן אויפֿן אַעראָדראָם, צו... האַלבן מאַרק אַ טאָג. אגב, האָט ער אויך געהאַט „באַוויליקט“ צו פֿאַרטיילן צווישן די אומבאַמיטלטע אַעראָדראָם־אַרבעטער די זאַכן, וואָס זײַנען געבליבן פֿון די יעניקע ייִדן, וועלכע מ׳האָט געהאַט אַרויסגעפֿירט פֿון געטאָ בעת דער גרויסער אַקציע.

אין אייניקע טעג אַרום נאָך יאָרדאַנס דערקלערונג איז געקומען אין עלטעסטן־ראַט ראַוקאַ, דער הויפּט־רוצח בעת דער גרויסער אַקציע, און אויך ער האָט אָפּגעגעבן אַ „באַרויִקנדיקע“ דערקלערונג וועגן ווייטערדיקן גורל פֿון געטאָ, לערך אין זעלבן גייסט ווי יאָרדאַן.

די דאָזיקע דערקלערונגען מצד די נאַציִשע רוצחים יאָרדאַן און ראַוקאַ האָבן, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, קיינעם פֿון די געטאָ־ייִדן ניט איבערצײַגט. ייִדן זײַנען געבליבן בײַ זייערע פֿאַרצווייפֿלטע שטימונגען, ווי געווען.

ווי אַן איבעריקער באַווײַז ניט צו גלויבן אָט די אַלע „הבטחות“ מצד די געטאָ־באַלעבאַטים איז בשעתו געווען דער טרויעריקער פֿאַקט, וואָס במשך אַ

חודש צייט, ד.ה. פון מיטן נאָוועמבער ביז מיטן דעצעמבער 1941, האָט מען אויפן 9־טן פאָרט אייניקע מאָל געהאט געבראכט גרעסערע גרופּעס אויסלענדישע יידן (דייטשע, עסטרייכישע, טשעכישע א. א.) צום פאַרניכטן.

טויזנטער אויסלענדישע יידן זיינען דאן אומגעבראכט געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט. די אויסלענדישע יידן פלעגט מען ברענגען מיטן צוג קיין קאָוונע, פונוואנען מען פלעגט זיי אָפּטראנספּאָרטירן צו־פוס פארביי געטאָ צום 9־טן פאָרט. ס׳רוב פלעגט עס געמאכט ווערן ביינאכט, כדי ניט צו ציען די אויפמערקזאמקייט מצד דער ארומיקער באפעלקערונג.

פון די פארשיידענע געפונענע בריוולעך *) אין די צוגערויבטע זאכן פון די דערהרגעטע אויסלענדישע יידן איז געווען צו זען, אז אויף די ערטער, פונוואנען מ׳האָט די יידן צונויפגענומען, האָט מען זיי מצד דער אָרטיקער מאכט פארזיכערט, אז זיי ווערן איבערגעזידלט אין „אָסטלאנד" אויף ארבעט, און זיי איז דערלויבט געווען מיטצונעמען אַ גרעסערן סכום פון זייערע בעסערע זאכן, א היפּש ביסל שפּייז א.א.וו.

די אויסלענדישע יידן האָבן, ווייזט אויס, זיך ניט פאַרגעשטעלט דעם אמתן צוועק פון זייער „איבערזידלונג" און האָבן געהאט די איבערצייגונג, אז זיי פאָרן טאקע אויף ארבעט ערגעץ־ווו אין די אָקופּירטע סאָוועטישע געביטן.

ווי ס׳איז שפּעטער אויפגעקלערט געוואָרן מצד יידישע יונגעלייט, וועלכע מ׳האָט אין יאָר 1943 פארכאפּט אויף ארבעט אויפן 9־טן פאָרט ביים פארברענען די אויסגעגראָבענע הרוגים, כדי צו פארווישן די שפּורן פון די היטלערישע גרוילטאַטן**), זיינען פיל אויסלענדישע יידן געפונען געוואָרן אין די מאסן־גריבער אָנגעטאָן אין זייערע בגדים.

דאָס זאָל האָבן געשען מחמת דעם, וואָס אַ טייל אויסלענדישע יידן האָט זיך ניט געלאָזן אויסטאָן נאקעט פאר דער עקזעקוציע, ווי דאָס איז געווען פאָרויסגעזען אין די „פאָרשריפטן" פון 9־טן פאָרט.

צוליב אלץ צוזאמען זיינען די געטאָ־יידן געווען אויסערסט־פּעסימיסטיש געשטימט בנוגע דער אנטוויקלונג פון די ווייטערדיקע געשעענישן אין געטאָ.

* *
*

אָבער דער לעבעדיקער מענטש, כל־זמן ער לעבט, מוז דאָך האָבן עפּעס

*) די בריוולעך האָבן געפונען קאָוונער געטאָ־יידן, וועלכע האָבּ געאַרבעט אַלס אַרבעטער אין קאָוונער געשטאַפּאָ און האָבן דאָרטן געאָרדנט די זאַכן פון די אומגעבראַכטע יידן.

**) ז. „לעגענדאַרער אַנטלויפן פון דער ארבעטס־בריגאַדע, וואָס האָט געאַרבעט אויפן 9־טן פאָרט ביים פאַרברענען די אויסגעגראָבענע הרוגים".

צום לעבן, און די פראגע פון ווי־ניט־איז אדורכלעבן איז פון טאָג־צו־טאָג אין געטאָ געוואָרן העכסט־קאטאסטראָפאל.

ס'איז שוין געווען אוועק מער ווי א האלב יאָר, זינט דעם אָנהויב פון דער נאצישער אָקופּאציע, און פארדערצייט האָבן יידן אזוי פיל צרות און פּיין שוין איבערגעלעבט, אז, ניט ריידנדיק וועגן אנדערע קלאָגן, זיינען זיי דאן געבליבן אָן שום מאטעריעלע עקזיסטענץ־מיטלען.

ווי ס'איז שוין געווען דערמאָנט אין א פאַריקן קאפּיטל, האָבן ס'רוב יידן ביים ארייננגיין אין געטאָ קיין שפּייז־רעזערוון ניט פארמאָגט, און דאָס ביסל שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן יאָ געהאט, איז שוין ביי אלעמען געווען לאנג געענדיקט. ארייננשמוגלען אין געטאָ שפּייז־פּראָדוקטן, וועלכע יידן פלעגן ביי דער ארבעט אין שטאָט אומלעגאל איינקויפן ביי די קריסטן, מיט וועמען זיי פלעגן ארבעטן, האָט צו יענער צייט זעלטן־ווער געקענט, ווייל די איבערוועגנדיקע מער־הייט יידן האָט געארבעט אויפן אַעראָדראָם, און דאָרטן זיינען יידן כמעט גאָר־ניט געקומען אין קאָנטאקט מיט קריסטן, ביי וועמען זיי וואָלטן קענען אויס־בייטן זייער לעצט העמד אָדער בגד אויף א ביסל לעבנסמיטל*).

אויסבייטן עפּעס פון די זאכן אויף שפּייז־פּראָדוקטן ביי די קריסטן, וועלכע גייען פארביי לעבן געטאָ־צוים, איז וואָס ווייטער געוואָרן פארבונדן מיט טויט־געפאַר, ווייל די פּאָסטנס ביים געטאָ־צוים פלעגן שיסן אָן שום וואָרנונג אויף יעדן יידן, וואָס פלעגט פּרובירן צוגיין גאָר־נאָענט צום צוים.

די אָפיציעלע פארפלעגונג פאר יידן מצד דער מאכט איז געווען א נייש־טיקע (וויניקער ווי א דריטל פון דער שפּייז־צוטיילונג פאר א ניט־יידן!). ברויט איז געווען א יקר־המציאות, וואָס זעלטן־ווער פון די געטאָ־יידן האָט געקענט זיך דערלויבן עס צו עסן כאָטש אויף העלפט צו זאט. פארפראָרענע, צעפוילטע קארטאָפל און אפילו קארטאָפל־שאָלעכץ איז ביי די געטאָ־יידן אויך געווען א גרויסער יש.

אין הונדערטער געטאָ־הייזער איז דעריבער דער הונגער אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט געוואָרן אן אמת'ער בן־בית און האָט פון טאָג־צו־טאָג פארכאַפּט אלץ מער און מער יידישע משפחות.

שפּעטער־צו, ווען ס'האָבן זיך איינגעשטעלט די באַרימטע גרויסע פרעסט פונעם ווינטער 1941־42, איז צום הונגער נאָך צוגעקומען א שרעקלעכע קעלט. קיין וואַרעמע מלבושים אָנצוטאָן האָבן יידן ניט געהאט, און ארבעטן פלעגן זיי

*) אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך — מערערע פּרטים וועגן דעם ענין.

דארפן ביי די גרויסע פרעסט פון 30־40 גראַד אויפן פרייען פעלד פון אַעראָדראָם פון אינדערפרי ביז אינאָוונט.

חוצדעם פלעגן טויזנטער יידן נאָך דארפן יעדן טאָג אדורכמאכן א מהלך פון לערך 10־12 קמ. ביים גיין פון געטאָ צו דער ארבעט און צוריק. האָבן טאקע יידן יענעם ווינטער אָפּגעפראָרן הענט און פיס און זיינען געוואָרן קאַליקעס.

קומענדיק אהיים, פלעגט ניט זיין קיין ברעקל האַלץ אדורכצוהייצן דעם אויוון. יידן האָבן דעריבער גענומען רייסן הילצערנע פּאַרקאַנעס אַרום די הייזער אין געטאָ, פונאנדעררייסן שטעלכלעך, ניט קיין באוווינטע הייזער א.א.וו. ווער ס׳האָט געהאט א מעגלעכקייט, פלעגט פון דער ארבעטס־שטעלע שלעפּן אויף זיך א שטיק האָלץ ביז אין געטאָ אריין. ניט זעלטן פלעגט טרעפן, אז די קאָנ־טראָליאָרן ביים געטאָ־טויער פלעגן אָפּנעמען ביי א יידן די שווער־וואָגיקע שטיק האָלץ, וואָס ער האָט 5־6 קמ. געשלעפּט אויף זיך...

חוץ אַלעמען האָט די אכזריות׳דיקע באציאונג מצד אַ גרויסן טייל דייטשע מייסטערס צו די יידישע אַעראָדראָם־ארבעטער, ווען זיי פלעגן שלאָגן מכות־רצח פארן קלענסטן „חטא“, ביי א סך יידן אוועקגעפּטרט זייער ביסל כוחות און געזונט און זיי געמאכט פאר שברי־כלים.

אָט אזוי האָבן יידן זיך געפּלאָגט אין היטלערישן גיהנום און זייער אָפּט מקנא־געווען זייערע אומגעבראכטע ברידער און שוועסטער, וועלכע פארשפּאָרן שוין אדורכצומאכן אזוי פיל אוממענטשלעכע ליידן און נגישות.

נאָר איין טרייסט האָט דעם פארחושכטן און פארפּייניקטן געטאָ־ייד צו־געזאָגט פיל האָפענונגען און אים געמאכט א סך מונטערער: די סטראטעגישע לאגע אויפן דייטש־סאָוועטישן פראָנט ווינטער 1941־42.

אויב אין דער תקופה ביז דער גרויסער אקציע און א געווויסע צייט אויך נאָכדעם האָט כמעט פאַר אַלעמען אין געטאָ אויסגעזען, אז די נאַצים און זייערע פארבינדעטע קען, חלילה, זיך איינגעבן זייערע רויבערישע מלחמה־צילן, און דאן איז ניטאָ קיין אָרט פאר דער מינדסטער אילוזיע בנוגע דעם גורל פון די דער־וויילע־לעבן־געבליבענע יידן, האָבן די יעמאָלטיקע סאָוועטישע אָנגריפן און זיי־ערע נצחונות איבער די נאַצישע ארמייען אויפגעשיינט מיט א פייערל פון האָ־פענונג און מוט אויף בעסערע צייטן.

וואָס־ווייטער אין ווינטער אַלץ מער בולטער זיינען געוואָרן די שוועריקייטן פון דער דייטשער מיליטערישער לאגע, און דאס איז פאר די געטאָ־יידן גע־ווען א גרויסע סאטיספאקציע פאר די אַלע רדיפות און נגישות איבער זיי מצד די דייטשן.

הגם יידן האָבן אליין שטארק געליטן פון אויסערגעוויינלעך־קאלטן ווינ־טער, איז דאָך אלעמענס פארלאנג געווען, דער ווינטער זאָל זיין וואָס־שטרענגער און זאָל זיך ציען וואָס־לענגער...

*  *
*

סוף־דעצעמבער 1941 האָט דאָס געטאָ שוין אויפן פולן פרי־מאָרגן געהאט „אין א גאָווינע" איבערצולעבן גרויס שרעק: גאנץ אומגעריכט איז פובליקירט געוואָרן א מעלדונג פון עלטעסטן־ראט, אז, לויט א פאראָרדנונג פון דער מאכט, דארפן יידן במשך אייניקע שעה אָפּליפערן אלע ביי זיי פארא־נענע פעלצן, איינשליסלעך אפילו פשוטע פעלצלעך, וואָס יידן טראָגן ביי דער ארבעט.

אזוי ווי לכתחילה איז געווען פאָרויסגעזען אין דער פאראָרדנונג, אז כדי אָפּצוליפערן זייערע פעלצן, וועלן די יידן דעם טאָג ניט ארויסגעלאָזן ווערן צו דער ארבעט אין שטאָט, און אלע וועלן מוזן זיך צונויפקלייבן אויפן טרויעריק־בארימטן דעמאָקראַטו־פלאַץ, ווו דעם 28־טן אָקטאָבער 1941 איז פאָרגעקומען די סעלעקציע בעת דער גרויסער אקציע —, האָבן יידן אויסגעטייטשט דעם ענין פון אָפּליפערן די פעלצן נאָר ווי א שפּיצל מצד געשטאפּאָ צונויפצוקלייבן די יידן אויפן דעמאָקראטו־פלאַץ, כדי דאָרטן ווידעראמאָל אדורכצופירן א סעלעקציע בשייכות מיט אן אקציע.

דאָס געטאָ איז מחמת דעם געוואָרן זייער אומרואיק, און כמעט אלע יידן זיינען געווען איינגעשטעלט פאר קיין פאל ניט צו גיין אויפן דעמאָקראטו־פלאַץ. יידן זיינען געווען גרייט בעסער צו ווערן דערשאָסן אין געטאָ ביי זיך אין שטוב, איידער צו גיין אויפן פלאַץ און פון דאָרטן — אויפן 9־טן פאָרט.

ווען געשטאפּאָ איז דערגאנגען די שטימונג פון די געטאָ־יידן, האָט זי רע־זיגנירט פון איר לכתחילה'דיקן פלאַן, אז די יידן זאָלן זיך צונויפקלייבן אויפן דעמאָקראטו־פלאַץ און האָט מסכים געווען, די יידן זאָלן אָפּליפערן זייערע פעלצן אין ספּעציעל־באשטימטע זאמל־פונקטן.

די געטאָ־יידן זיינען שוין געווען צופרידן, וואָס אנשטאט אן אקציע אויף יידן, האָט זיך אויסגעלאָזן נאָר מיט אן אקציע אויף יידישע פעלצן... און זיי האָבן צונויפגע־טראָגן אין די זאמל־פונקטן זייערע בעסערע פעלצן, וואָס ס'איז זיי מיט גרויס סכנות געלונגען אויסצובאהאלטן אין דער צייט פון די גרויסע הויז־זוכונגען אין געטאָ אין הארבסט 1941, און זיי האָבן אויך אויסגעטאָן פון זיך די פשוטע, צעריסענע ארבעטס־פעלצלעך.

ווייזט אויס, דער שטרענגער ווינטער פון 1941-42 איז די היטלעריסטן געווען אַריין טיף אין די ביינער, אַז זיי האָבן זיך גאָרניט געשעמט אויסצוטאָן פון די ייִדן אפילו זייערע איינגעשמאָלצענע און אָפּגעריסענע ארבעטס-פּעלצלעך און זיי אָפּשיקן פאר זייערע פארפרוירענע ארמיי-טיילן אויפן סאָוועטישן פראָנט. דאָס געטאָ האָט אָבער דאן געהאט א טאָג פון טויט-שרעק און שווערע איבערלעבונגען צוליב דער מורא פאר אַן אַקציע, וואָס איז, צום גליק, ניט פאָרגעקומען.

בעת דער דאָזיקער „פּעלץ-אקציע“ איז אויפן אויבערפלאך פונעם געטאָ-לעבן ארויסגעשוווּמען מיט א באזונדערער בולטקייט די פיגור פון ייִדישן יונגמאן בענאָ ליפּצער, וועלכער איז געווען דער בריגאדיר פון דער ייִדישער ארבעטס-בריגאדע אין קאָוונער געשטאפּאָ.

מחמת זיינע פארבינדונגען מיט א ריי אָנפירנדיקע געשטאפּאָ-לייט, האָט ליפּצער גאָר גיך אָנגעהויבן צו שפּילן אַן ערשטראנגיקע ראָלע אינעם געטאָ-לעבן. ליפּצער און קאָוונער געטאָ — דאָס איז א טעמע, וואָס פארדינט א באזונדערע אויפמערקזאמקייט אין דער געשיכטע פון קאָוונער געטאָ-ישוב און וועגן דעם לוינט אַ ביסל ברייטער זיך אָפּצושטעלן ביי אַן אנדער געלעגנהייט.

* *
*

אינמיטן יאַנואַר 1942 האָט אַן אָפּטיילונג פון קאָוונער נ.ס.ק.ק.*) איבערגענומען די באוואכונג פון געטאָ.

ביז צו יענער צייט איז די געטאָ-באוואכונג געלעגן אין די הענט פון אַן אָפּטיילונג דייטשער פּאָליציי, וואָס האָט געהאט צו איר דיספּאָזיציע א גרעסערע גרופּע ליטווישע פּאַרטיזאנער. סיי די קאָמענדאנטור פון דער געטאָ-וואַך, סיי די פּאָסטנס ביים געטאָ-צוים האָבן געהאט זייער קווארטיר בשכנות פון געטאָ. אין געטאָ גופא פלעגן זיי אריינקומען נאָר דאן, ווען זיי פלעגן האָבן צו דערליידיקן דינסטלעכע ענינים.

ווען די נ.ס.ק.ק.-לייט האָבן איבערגענומען די באוואכונג פון געטאָ, האָבן זיי, קודם-כל, די קאָמענדאנטור פון דער געטאָ-וואַך איינגעאָרדנט אין געטאָ גופא. דאָס אליין האָט שוין באדייט א שנוי לרעה, ווייל אויב ביז דאן פלעגט מען אין געטאָ ניט צו אָפט קענען זען עמיצן פון דער געטאָ-וואך, זיינען זיי איצט געווען פול אין אלע ווינקעלעך פון געטאָ.

*) „נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער קראַפטפאַר-קאָרפּוס“ — א נאַצישע מיליטערישע פאָרמאַציע וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן מאָטאָריזירטן טראַנספּאָרט-וועזן.

חוצדעם האָבן זיי גלייך פון אָנהויב אָן איינגעפירט אַ שרעקלעכן טעראָר בײַם געטאָ=צוים, און זיי האָבן אין ערשטן טאָג פון זייער איבערנעמען די געטאָ=באוואכונג דערשאָסן עטלעכע יידן, וועלכע האָבן געפּרוּווט צוגיין צום צוים עפּעס אויסבייטן אויף שפּייז=פּראָדוקטן בײַ די פאַרבײַגייענדיקע קריסטן.

זיי האָבן זיך אויך פאַרמאָסטן תיכּף איינצושטעלן בײַם געטאָ=טויער אַ שטרענגע קאָנטראָל בײַ די יידן, וועלכע קערן צוריק פון דער אַרבעט אין שטאָט, כדי אָפּצונעמען בײַ זיי דאָס ביסל שפּייז, וואָס זיי האָבן זיך אומלעגאַל איינגעשאַפט בײַ דער אַרבעט. דאָס האָט באַדייט פאַרן געטאָ אַ שרעקלעכע הונגער=גזירה.

ווי אַ באַווייז, אַז זיי מיינען ערנסט מיט זייער נייעם שטרענגן רעזשים בײַם געטאָ=טויער, האָבן זיי שוין במשך דעם ערשטן טאָג דערשאָסן אַ יידן מיטן נאָמען געמפּל, וואָס האָט, כלומרשט, געוואָלט זיך אַרויסדרייען פון זייער קאָנטראָל.

זיי האָבן אויך ניט פאַרגעסן צו „אָרדנען" דעם ענין, ווי אַזוי די געטאָ=יידן דאַרפן באַגריסן די דייטשע געטאָ=וואַך (מענער פלעגן דאַרפן שוין פונדערווייטנס דערזעענדיק אַ דייטש אַראָפּנעמען דאָס היטל, פרויען — בײַם פאַרבײַגיין, אַ נייג טאָן מיטן קאָפּ).

זעענדיק די באַנעמונג לגבי די יידן מצד די נ.ס.ק.ק.=לייט, האָבן די ליטווישע פּאַרטיזאַנער זיך געהאַט מתקנא=געווען אָן זייערע דייטשע „קאָלעגן" און פאַרן ניט באַגריסן „ווי געהעריק" אַ פאַרבײַגייענדיקן ליטווישן פּאַרטיזאַנער, האָט אַ רוצחישער ליטווינער אויף איינער פון די גאַסן פון געטאָ אָן שום וואָרנונגען דערשאָסן דעם יידישן דאָקטאָר גערבער. אַלץ צוזאַמען האָט אָנגעוואָרפן אויפן געטאָ אַ שרעקלעכע מורא צוליב די ווייטערדיקע עווענטועלע עקסצעסן מצד דער נייער געטאָ=וואַך.

וואָס אַ טאָג ווייטער זיינען אָבער די שטרענגע נ.ס.ק.ק.=לייט, פאַרן פּרייז פון פעטע יידישע „מתנות", געוואָרן אַלץ מער צוגעלאָזענער, און זיי האָבן מיטדערצייט פיל נאָכגעלאָזן פון זייער לכתחילהדיקן טעראָר לגבי דער געטאָ=באַפעלקערונג. זייער איבערנעמען די באוואכונג פון געטאָ האָט אָבער, ווי געזען, די געטאָ=יידן געקאָסט אַ גאַנצע ריי קרבנות און אַ היפּש ביסל שרעק.

# קאַפּיטל XV

## ערשטע איבערזידלונגס־אַקציע קיין ריגע

ערב דער איבערזידלונגס־אַקציע. — פֿאַרלויף פֿונעם לכתחילה׳דיקן רעקרוטירן די מענטשן פֿאַר דער איבערזידלונג. — דורכפֿאַל פֿון דער רעקרוטירונג מצד די יידישע אינסטאַנצן. — מאסמיטלען מצד דער מאַכט אַליין אַדורכצופֿירן די רעקרוטירונג. — ענדע פֿון דער איבערזידלונגס־ אַקציע. — גורל פֿון איבערזידלטע יידן.

דאס געטאָ האט נאך ניט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פֿון די שרעקלעכע איבער־לעבונגען בעת די פֿארגעקומענע אקציעס א. א. פּורעניות, ווי מיטאמאל האבן אין דער אנדער העלפֿט יאנואר 1942 גענומען צירקולירן קלאנגען וועגן דעם, אז מען דארף האבן פֿון געטאָ פֿינף הונדערט יידן פֿאר ריגע.

לכתחילה, מוז מען זאגן, האבן ניט אלע געלייגט גענוג אכט אויף די אלע קלאַנ־גען. וואָס־ווייטער זיינען אבער די דאזיקע קלאַנגען געוואָרן אַלץ העפֿטיקער, ביז ס׳איז ענדלעך קלאר געווארן, אַז ס׳איז טאקע דאָ וועגן דעם א פֿארארדנונג פֿון די מאכט־אָרגאַנען צום עלטעסטן־ראט. סוף יאנואר איז שוין פֿולשטענדיק געווען זיכער, אַז במשך די נאָענטסטע טעג וועט דאס געטאָ שטיין פֿאר א שווערן און פּיינפֿולן נסיון.

הגם דער אָפֿיציעלער מאָטיוו מצד די מאַכט־אָרגאַנען איז געווען, אַז די יידן ווערן געשיקט קיין ריגע אויף אַרבעט, האבן אבער די יידן, אויפֿן גרונט פֿון דער טרויעריקער דערפֿארונג בעת די פֿילצאליקע מאַסן־אַקציעס, ניט געגלויבט דער אָפֿיציעלער ווערסיע פֿון דער מאכט און האבן עס געהאלטן פֿאר אַן אַקציע, אונטער אַ דעקמאַנטל פֿון פֿאָרן, כלומרשט, אויף ארבעט קיין ריגע. פֿון טאָג־צו־טאָג איז די שטימונג אין געטאָ דעריבער געווארן וואָס־ווייטער רק מער געשפּאַנטער.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צוצוגעבן, אַז צו יענער צייט האָבן די מוסדות פֿון עלטעסטן־ראט, בפֿרט די יידישע געטאָ־פּאָליציי און דאָס ייד. ארבעטס־אַמט, געהאט באַוויזן צו שאפֿן געוויסע אָרגאניזאציע־פֿארמען און זיי האבן אנגעהויבן צו פֿירן א „נארמאלע” טעטיקייט. די יידישע געטאָ־אַדמיניסטראציע

האָט שוין דאָן באַוויזן אַדורכצופירן אַ גענויע רעגיסטראַציע פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, וואָס איז פאַרבליבן נאָך די אַלע פאַרניכטונגס־אַקציעס, און וועגן יעדן געטאָ־ייד געהאַט אינפאָרמאַציעס וועגן זיין וווינאָרט, אַרבעטס־פּלאַץ, פאַמיליע־באַשטאַנד, עלטער א. א. וו.

אַזוי ווי די מאַכט־אָרגאַנען האָבן פאַראָרדנט דעם עלטעסטן־ראַט, ער אַליין זאָל אָרגאַניזירן די רעקרוטירונג פון דער נויטיקער צאָל מענטשן, האָט דער עלטעסטן־ראַט באַשלאָסן ביים צונויפשטעלן די רשימה פון די באַטרעפנדיקע פּערזאָנען פאַר ריגע זיך צו האַלטן מער־וויינקער אָן פאָלגנדיקע ריכט־ליניעס: אַלס קאַנדידאַטן צו פאָרן קיין ריגע קומען אין דער ערשטער ריי אין באַטראַכט אַרבעטספעיקע מענער אָדער פרויען, וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין משפּחות, ווי אויך בעלי־משפּחות, וועלכע האָבן ניט קיין קליינע קינדער.

אין די ערשטע טעג פון פעברואַר מאָנאַט, ווען ס'איז ענדגילטיק קלאָר געוואָרן, אַז במשך די נאָענטסטע טעג וועלן מוזן רעקרוטירט ווערן די מענטשן פאַר ריגע, האָט די אומרואיקייט אין געטאָ געגומען ווערן אַלץ גרעסער.

אַזוי ווי די געטאָ־באַפעלקערונג האָט דאָך ניט געוווּסט גענוי, וועלכן טאָג דאָס וועט געשען און מ'האָט מורא געהאַט, אַז אין איינעם אַ טאָג, ווען די מענטשן וועלן צוריקקערן פון דער אַרבעט, וועט אַ טייל פון זיי ביים געטאָ־טויער פאַרכאַפּט ווערן אויף ריגע — האָבן פיל מענטשן, בעיקר אָבער די ייִנגערע אין אַליינשטייענדיקע פּערזאָנען, אויפגעהערט צו גיין צו דער אַרבעט אין שטאָט און זיך געזוכט צו באַהאַלטן, ביז דער ענין ריגע וועט פאַרבייגיין.

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז צו יענער צייט זיינען נאָך ניט געווען אין געטאָ קיין ספּעציעל־געבויטע באַהעלטענישן, ווי מ'האָט זיי שפּעטער אָנגערופן „מאַלינעס“. די באַהעלטענישן זיינען דאָן ס'רוב געווען פּרימיטיווע, ווי אַ שטייגער, ערגעץ־וווּ אין אַ קעלער, אויף אַ בוידעם, אין אַ שטאַל אָדער אין אַ ניט־באַוווינטער געביידע א. א. וו.

די יעניקע ייִדישע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאָט און האָבן באַוויזן איינצושטעלן בעסערע באַציאונגען מיט וועמען ניט־איז פון די דייטשן אויף דער אַרבעטס־שטעלע, האָבן זיך גענומען צו פּועלן ביי די דייטשן, מ'זאָל זיי דערלויבן צו בלייבן נעכטיקן ערגעץ־וווּ אויפן אַרבעטס־פּלאַץ, כדי ניט צו דאַרפן גיין אין געטאָ און זיין אויסגעשטעלט אויף דער סכנה צו ווערן פאַרכאַפּט אויף ריגע.

* *

*

ענדלעך איז געקומען דער 6־טער פעברואַר 1942 — דער טאָג, ווען די ייִדישע געטאָ־אַדמיניסטראַציע האָט געדאַרפט צונויפנעמען די פאַראויסגעזעענע

פערזאָנען פאר ריגע. זיך ריכטנדיק אויף דעם, אַז געוויסע יידן וועלן דער ניט־באוואפנטער יידישער געטאָ־פּאָליציי עווענטועל שטעלן א ווידערשטאנד ביים קומען זיי נעמען אויף ריגע, זיינען ביים גיין אינאָוונט צונויפנעמען די מענטשן צוזאמען מיט דער יידישער פּאָליציי אויך מיטגעגאנגען דייטשע פּאָסטנס פון דער געטאָ־באוואכונג.

שוין פארנאכט איז אין געטאָ אויף די גאסן ניט געווען צו זען קיין באוועגונג. נאך מער, ווי אלע טאג, זיינען דעם אָוונט די געטאָ־הייזלעך געווען פארזונקען אין חושך. יידן, וועלכע האבן אפילו ניט געהאט קיין גרונט חושד צו זיין, אַז זיי פיגו־רירן אויף דער ליסטע צו פאָרן קיין ריגע, זיינען אויך געזעסן אין די הייזער מיט אומרואיקער דערווארטונג אויף די באפארשטייענדיקע געשעענישן.

אַזייגער 9 אינאָוונט איז אין געטאָ אַריין אַ גרעסערע גרופּע באוואָפנטע ג. ס. ק. ק.־לייט און האט צוזאמען מיט דער יידישער געטאָ־פּאָליציי גענומען גיין אין די הייזער צונויפנעמען די פאראויסגעזעענע פערזאָנען.

ס'האט אָבער גלייך פון אָנהויב אָן זיך אַרויסגעוויזן, אַז פיל פון די אָנגע־מערקטע פערזאָנען זיינען ניטאָ אין די הייזער, ווייל זיי באהאלטן זיך אוים. די יעניקע מענטשן, וועלכע מ'האט יאָ געפונען אין די וווינונגען — איבערהויפּט אַליינשטייענדיקע מיידלעך און פרויען, עלטערע מענער א. א. וו. —, האָט מען געפירט אין דער געביידע פון אַ געוו. קלויז (אויף וועליאָנער גאס), וואָס איז געווען באשטימט אלס זאמל־פּונקט פאר די צונויפגענומענע יידן.

די היסטערישע געוויינען און יללות, וואָס האבן זיך געטראגן איבער די געסלעך פון געטאָ אין דער פּראָסטיקער נאכט־פינצטערניש, האָבן אָנגעוואָרפן א גרוילִיקע אימה.

די יעניקע, וועלכע האבן זיך שטארק געעקשנ'ט און ניט געוואָלט מיטגיין מיט דער פּאָליציי, האט מען מיט געוואַלט געשלעפּט צום זאַמל־פּונקט.

שעהן־לאנג האט אין יענער טראגישער נאכט זיך געצויגן די וואַקכאַנאַליע אין געטאָ. ס'איז געווען הארצרייסנדיק און שוידערלעך. נאך אלעמען איז דער פּאָליציי געלונגען צונויפצונעמען, לויט די ספּעציעלע רשימות, ניט מער ווי אַן ערך 200 פערזאָן און דאס אויך, ווי געזאגט, ס'רוב פרויען, עלטערע און שוואַכערע מענטשן.

היות צווישן די צונויפגעכאפּטע געטאָ־יידן זיינען געווען זייער פיל מאטע־ריעל־אומבאמיטעלטע פערזאנען, האט דער עלטעסטן־ראט געזען זיי צו באזארגן פאר אָפּפאָרן מיט אַ ביסל וועש, אַ ווארעמען בגד, אַ ביסל שפּייז און עטלעכע צענדליק מארק. די אומגליקלעכע יידן איז אָבער ניט געלעגן אין קאָפּ צו נעמען דאס ביסל הילף פון עלטעסטן־ראט, און זיי האבן ניט אויפגעהערט צו באקלאגן זייער טרויעריקן און ביטערן גורל.

אין דער קוים־באַלויכטענער קלויז־געבײַדע, ווו ס׳זײַנען געווען צונויפגעבראַכט די פאַרהאַלטענע ייִדן אויף ריגע, זײַנען זיי, די אומגליקלעכע, געזעסן אויסגעזעצט אויפן דיל און מיט אומרואיקער האַרצקלאַפּעניש דערוואַרט זייער וועג אין דער אומבאַוווּסטקייט. די אויסגעצויגענע שאָטנס אויף די פאַרלאָזענע ווענט פון קלויז האָבן דעם גאַנצן טרויעריקן אַרום געמאַכט נאָך גרויליקער. ס׳איז געווען אַן עכט בילד פון היטלערישע געוואַלט־טאַטן איבער ייִדן, וועלכע מ׳האָט צייטווײַליק נאָך געלאָזן בײַם לעבן.

אַזוי־גער 3—4 בײַנאַכט האָט מען די גאַנצע גרופּע צונויפגעבראַכטע ייִדן, אונטער אַ שטאַרקן קאָנוואָי פון דער געטאָ־וואַך, גענומען אָפּפירן צו דער באַן־סטאַנציע.

ווען זיי זײַנען אָנגעקומען אויף דער באַן און די באַלעבאַטים איבערן געטאָ, שטאַט־קאָמיסאַר קראַמער און זײַן „ייִדן־רעפערענט״ יאָרדאַן, וועלכע האָבן שוין אויף זיי געוואַרט, האָבן דערזען אַז, ערשטנס, אַנשטאָט 500 ייִדן, ווי די פאַר־אָרדנונג איז געווען, זײַנען דאָ ניט מער ווי 180 און, צווייטנס, באַשטייט די מערהייט געבראַכטע ייִדן פון פרויען און עלטערע, שוואַכערע מענער, — האָבן זיי באַשלאָסן דעם גאַנצן טראַנספּאָרט צוריקצושיקן אין געטאָ און אַליין, אַן ייִדישער מיטהילף, צונויפנעמען אין געטאָ די מענטשן פאַר ריגע.

אומגעריכט פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג איז פאַרטאָג דער מענטשן־טראַנס־פּאָרט אויף ריגע צוריקגעבראַכט געוואָרן אין געטאָ. ייִדן האָבן פאַרשטאַנען, אַז הײַנט־מאָרגן וועט אין געטאָ זיך טאָן חושך, מחמת ס׳איז געווען מער ווי זיכער, אַז די רעקרוטירונג וועלן אַדורכפירן די דײַטשן אַליין.

די יעניקע פּערזאָנען, וועלכע מ׳האָט צוריקגעבראַכט פון דער באַן און אַרײַנ־געלאָזן פרײַ אין געטאָ, זײַנען, פריער פאַר אַלץ, געלאָפן זיך פאַרבאַהאַלטן, מען זאָל זיי שוין קיין צווייטן מאָל ניט קאָנען געפינען בײַם קומען זיי נעמען אויף ריגע.

אינדערפרי זײַנען די ייִדישע אַרבעטנדיקע אין שטאָט יאָ אַרויס צו דער אַרבעט, ווי תמיד. פאַרויסזעענדיק, אַז אין געטאָ קען דעם טאָג עפּעס פּאַסירן, זײַנען דאַסמאָל פיל מער מענטשן, ווי אַלעמאָל, געגאַנגען אַרבעטן אין שטאָט, ניט וועלנדיק בלײַבן אין געטאָ.

* *

*

אַזוי־גער 11 אינדערפרי איז דער געטאָ־קאָמענדאַנט יאָרדאַן דערשינען אין עלטעסטן־ראַט און האָט דאָרטן געמאַכט אַ ווילדן סקאַנדאַל, באַגלייט מיט פאַרשיי־דענע דראָונגען, מחמת דעם וואָס דער עלטעסטן־ראַט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומפעיִק צו אָרגאַניזירן די רעקרוטירונג. דערבײַ האָט ער אָפּגעגעבן פאָלגנדיקע פאַראָרדנונג:

די גאַנצע דערוואַקסענע באַפעלקערונג, וועלכע איז ניט אַרויס אין שטאָט צו דער אַרבעט און געפינט זיך אין געטאָ, איינשליסלעך די אַרבעטער פון די געטאָ־וואַרשטאַטן און די מיטאַרבעטער פון אַלע יידישע געטאָ־אַנשטאַלטן, דאַרפן 12 אַזייגער בייטאָג דערשיינען אויפן דעמאָקראַטו־פּלאַץ, ווו ער אַליין וועט רעקרוטירן די פּאַרטיע יידן פאַר ריגע.

די אַסאַציאַציעס, וואָס דער דעמאָקראַטו־פּלאַץ פלעגט אַרויסרופן ביי דער געטאָ־באַפעלקערונג צוליב די סעלעקציעס, וואָס פלעגן דאָרטן פאָרקומען בעת די אַקציעס, האָבן קיין גוטס ניט צוגעזאָגט.

פיל געטאָ־יידן האָבן טאַקע באַשלאָסן אויפן דעמאָקראַטו־פּלאַץ ניט צו גיין און האָבן זיך באַהאַלטן, ווו איינער האָט נאָר געקענט, אָבי ניט צו זיין אין שטוב, ווען מען וועט קומען רעווידירן די הייזער, צי ווער־ניט־איז איז דאָרטן ניט פאַרבליבן. אויפן זאַמל־פּלאַץ האָבן זיך דאָך צונויפגעזאַמלט לערך 1000 מאַן, צווישן זיי כמעט אַלע מיטאַרבעטער פון דער יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, אַרבעטער פון די געטאָ־וואַרשטאַטן א. א.

אַזייגער 1 בייטאָג איז אויפן פּלאַץ דערשינען יאָרדאַן, אין באַגלייטונג פון אַ גרעסערער גרופּע דייטשע פּאָסטנס, און האָט זיך גענומען צו דער רעקרוטירונג. צווישן די פּערזאָנען, וואָס זיינען אָפּגעסאָרטירט געוואָרן פאַר ריגע, האָבן זיך געפונען זייער פיל אָנגעשטעלטע פון יידישן געטאָ־אַפּאַראַט ווי אויך עלטערע און שוואַכערע מענטשן, וועלכע זיינען דערשינען אויפן פּלאַץ זייענדיק זיכער, אַז זיי וועט מען אויף ריגע ניט נעמען. די פולע צאָל פון די נויטיקע 500 פּערזאָן איז אָבער אויך יאָרדאַנען בעת דער סעלעקציע ניט געלונגען צו שאַפן.

די אָפּגעסאָרטירטע אויף ריגע האָט מען תיכף, אונטער דער באַגלייטונג פון אַ שטאַרקער וואַך, גענומען טרייבן פון פּלאַץ צו דער באַן. די יעניקע, וועלכע האָבן ניט געקענט נאָכהאַלטן ביים מאַרשירן צו דער באַן, זיינען מצד דער באַגלייטנדיקער וואַך מערדערלעך געשלאָגן געוואָרן. דאָס אַלץ האָט דערמאָנט די געטאָ־יידן די טרויעריק־באַרימטע סצענעס בעת די פאַרגעקומענע אַקציעס, און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם חשד, אַז מ'פירט ניט די מענטשן אויף אַרבעט קיין ריגע, נאָר מ'פירט זיי ערגעץ־ווו אויף פאַרניכטונג. די פּאַניק איז דעריבער געוואַקסן פון מינוט־צו־מינוט.

נאָכדעם ווי מ'האָט פון געטאָ אַרויסגעפירט די אָפּגעסאָרטירטע פּאַרטיע יידן, האָבן אין געטאָ זיך פונאַנדערגעשאָטן גרופּעס דייטשע פּאָליציי און האָבן גענומען גיין איבער די הייזער כאַפּן יידן.

פאַר דער צייט האָבן אויך גענומען צוריקקערן אין געטאָ די יידן, וואָס זיינען געווען אַוועק אין שטאָט אַרבעטן. אַזוי ווי די נויטיקע צאָל יידן איז נאָך אַלץ ניט

געוועז, ווייל ווער ס'האט נאר באוויזן, האט זיך פארשטעקט אין א באהעלטעניש, און די דייטשע פּאָליציי האט זייער ווייניק מענטשן צוגויפגעכאפּט אין די הייזער, איז קלאר געוואָרן, אַז דעם רעשט פעלנדיקע יידן וועט מען נעמען ביים געטאָ-טויער פון די צוריקגעקערטע פון דער ארבעט. און אַזוי איז טאקע געוועזן.

פון די יעניקע יידן, וואָס האבן צוריקגעקערט פון שטאט, האט מען ביים געטאָ-טויער גענומען אָפּסאָרטירן מענטשן פאר ריגע. די דאזיקע סעלעקציע איז דורכגעפירט געוואָרן מצד דייטשן צוזאמען מיט פארשטייער פון דער יידישער געטאָ-אַדמיניסטראַציע. די פּאַניק און צערודערונג ביי די יידן, וועלכע האבן צוריקגעקערט פון דער ארבעט, איז געווען זייער גרויס. ניט קלענער איז אויך געווען די שרעק ביי זייערע משפּחה-מיטגלידער, וועלכע האבן ניט געוווּסט דעם גורל פון די צוריקגעקערטע פון דער ארבעט. אייניקע שעה האט אנגעהאלטן דאס ארויסנעמען פון די רייען יידן, וועלכע זיינען גלייך פון געטאָ-טויער אָפּגעטראנספּאָרטירט געוואָרן צו דער באַן אויף ריגע.

* *

*

אַזייגער 7-8 אינאָוונט האט דער שטורעם אין געטאָ ביסלעכווייז זיך איינגעשטילט. די יעניקע, ביי וועמען מ'האָט פארכאַפּט אויף ריגע משפּחה-מיטגלידער, זיינען געווען שרעקלעך אויפגערודערט צוליבן אומגליק, וואָס זיי האט געטראָפן.

היות געוויסע העכערע יידישע געטאָ-באַאמטע, וואָס זיינען געווען מיטגעפאָרן ביים אָפּשיקן די יידן צו דער באַן, האָבן דאָרט געלעגנטהייטלעך באפרייט אייניקע פארכאפּטע פּערזאָנען בעת דער בייטאָגיקער סעלעקציע דורך יאָרדאַנען, האָבן פיל מענטשן, ביי וועמען מ'האָט צוגענומען נאָענטע משפּחה-מיטגלידער, גענומען לויפן צו אָט די ייד. געטאָ-פונקציאנערן, מ'זאל אויך זייערע קרובים צוריקברענגען פון דער באַן. דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן, און דער טראנספּאָרט מיט די געוויע 500 קאָוונער געטאָ-יידן איז אוועק קיין ריגע.

די איבערזידלונגס-אקציע קיין ריגע, וואָס איז אין לעצטן סך-הכל בעיקר אדורכגעפירט געוואָרן מצד די דייטשן אליין, לחלוטין זיך ניט רעכענענדיק מיט דעם, צי די פאַרהאַלטענע פּערזאָנען לאָזן איבער אין געטאָ משפּחות אָדער ניט, האָט, חוץ אַלעמען, גורם געווען דערצו, אַז פיל משפּחות זיינען מחמת דער דאָזיקער אקציע געוואָרן פונאנדערגעריסן.

א סך פאמיליעס זיינען טאקע דאן געבליבן אָן א מפרנס, ווייל דעם מאן אָדער דערוואַקסענעם זון האָט מען אוועקגעשיקט קיין ריגע. צוליב דעם איז דער מאטעריעלער מצב פון די דאָזיקע משפּחות געוואָרן זייער א קלאָגעדיקער. דאָס ביסל מאַטעריעלע הילף מצד די יידישע געטאָ-מוסדות איז געווען א נישטיקע לגבי זייערע

מינימאלסטע עקזיסטענץ־פאָדערונגען. אזוי ארום האָט די דאָזיקע איבערזידלונגס־אקציע אויף א לענגערער צייט איבערגעלאָזן נאָכווייעניש אין געטאָ־לעבן.

אין א קורצער צייט ארום זיינען אין געטאָ אָנגעקומען איינצלנע גרופן פון די ארויסגעפירטע יידן, אז זיי געפינען זיך טאקע אין ריגע אויף ארבעט. די דאזיקע גרופן האָבן געווירקט אויפן געטאָ באַרואיקנדיק, ווייל דורכדעם איז ענדלעך אָפּגעפאלן דער חשד, אז מ'האָט די מענטשן געפירט ערגעץ־ווו אויף פארניכטונג.

צום סוף איז נויטיק צוצוגעבן, אז אין פרילינג 1944, ווען די סאוועטישע אָפענסיווע אויפן צפונדיקן פראָנט־אָפשניט האָט באוועגט די דייטשן „זיך אויפצורוימען" אין עסטלאנד און לעטלאנד, איז פון לעטלאנד געבראכט געוואָרן קיין פּאָנעוועזש א געוויסע צאל קאָוונער געטאָ־יידן, וועלכע זיינען קיין ריגע פארשלעפּט געוואָרן בעת די צוויי איבערזידלונגס־אקציעס אין יאָר 1942. אין פּאָנעוועזש איז צו יענער צייט געווען געגרינדעט א יידישער ארבעטס־לאגער ביים בויען דעם דאָרטיקן אעראָדראָם.

צוזאמען מיט די אנדערע יידן פון די איבעריקע יידישע ארבעטס־לאגערן, וואָס האָבן דאן פאָרמעל אָנגעהערט צום „קאָנצענטראציע־לאגער קאָוונע", זיינען זיי פון פּאָנעוועזש אין יולי 1944 צוליב דער דערנענטערונג פון די פראנט־אָפּעראציעס דעפּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאנד, ווו זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון די אלע פארשלעפּטע יידן אין די דייטשע קאצעטן.

## קאַפּיטל XVI

# ס'לעבן אין געטאָ אין דער תקופה צווישן די צוויי איבערזידלונגס־אקציעס קיין ריגע

(פעברואַר — אָקטאָבער 1942)

„אַקציע" אויף ביכער און ספרים. — טיילווייזע סטאַביליזירונג פון דער לאַגע אין געטאָ. — פּראָבלעם פון פאַרווענדן די יידישע אַרבעטס־קרעפטן. — גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן. — סימנים פון אויפשטייג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. — קאַמף צווישן כספּי־סע־רעבראָוויטשן און ליפּצערן צוליב דער השפּעה איבער דער אָנפי־רונג פון געטאָ־לעבן. — באַמערקונגען וועגן ליפּצערס ראָל אין לעבן פון געטאָ־ישוב. — פּראָבלעם פון דערנערונג אין געטאָ. — שמוגל פון שפּייז־פּראָדוקטן. — א פּאָר ווערטער וועגן געטאָ־פּרנסות. — ווידער גזירות און גזירה'לעך: א) רוימונגען פון געטאָ־קוואַרטאַלן. — ב) פאַרבאָט פון שוואַנגערשאַפט. — ג) שליסונג פון בתי־מדרשים און קינדער־שולן. — ד) דאָס איינפירן א „געלטלאָזע" ווירטשאַפט. — ה) פאַרבאָט אַריינצוטראָגן שפּייז־פּראָדוקטן. — ו) רעקרוטירונג פון אַרבעטס־לאַגער אין פּאַלעמאָן.

נאָך די אַלע אקציעס און גזירות, וואָס האָבן געהאַט ווי א גרונט־ציל די פיזישע פאַרניכטונג פון די יידן, איז אין געטאָ אויך געקומען צו אן „אקציע"... אויף ביכער, ספרים א.א. דרוק־זאַכן.

אינעם פּראָגראַם פון אונדזערע רוצחים איז, ווייזט אויס, אריין אונדז, יידן, ניט נאָר להרוג, לאבד ולהשמיד, נאָר גלייכצייטיק אויך צו פאַרטיליקן אונדזערע קולטור־שאַפונגען, אונדזערע גייסטיקע אוצרות, ס'זאָל פון אונדז קיין שריד ופליט ניט בלייבן.

לויט א פאַראָרדנונג פון די מאַכט־אָרגאַנען, האָבן צום 18־טן פעברואַר 1942 אַלע געטאָ־יידן געדאַרפט אָפּליפערן דער מאַכט אַלע רעליגיעזע ספרים, וועלטלעכע ביכער א.א. דרוק־זאַכן, אין וועלכער שפּראַך זיי זאָלן ניט זיין. ווי ס'איז תמיד

געווען דער נאַציִשער נוסח, איז אויך די דאָזיקע פאַראָרדנונג באַגלייט געוואָרן מיט האַרבע דראָאונגען פאַרן ניט אויספירן פינקטלעך דעם באַפעל פון דער מאַכט.

ווען די יידן זיינען געווען אריין אין געטאָ, האָבן כמעט אַלע יידן, צוזאַמען מיט זייערע זאַכן און שטובּיקע חפצים, אויך מיטגעבראַכט פיל פון זייערע ביכער און ספרים. מען האָט זיך גערעכנט, אַז אויב נאָר דער קאָפּ וועט זיין דערביי, וועט דאָס בוך, דער ספר, זיין די איינציקע גייסטיקע שפּייז היינטערן שטעכיקן דראָט. און באמת איז אַזוי טאַקע געווען.

דאָס איינציקע מיטל אויף א ווײַלע זיך אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ די בלייענע רעיונות, ווו מ'האַלט אין דער וועלט, איז פאַרן געטאָ־יידן געווען דאָס בוך, דער ספר. אין דעם פּרט האָט פיל געדינט די עפנטלעכע געטאָ־ביבליאָטעק, וואָס האָט עקזיסטירט ביים שול־אַמט*) פון עלטעסטן־ראַט. די אָנגעמאָלדענע גזירה אָפּצוגעבן די אַלע פאַראַנענע ביכער און ספרים האָט דעריבער די געטאָ־באַפעלקערונג אויפגענומען גאָר ניט מיט קיין לייכטן האַרצן.

ווער ס'האָט געהאַט א מעגלעכקייט, האָט א טייל פון זיינע ביכער, וואָס זיינען אים געווען באַזונדערס טייער, זיך גענומען צו פאַרבאַהאַלטן. אַנדערע האָבן באַשלאָסן בעסער די ביכער צו פאַרברענען, איידער זיי אָפּצוגעבן אין די הענט פון די נאַציס.

ביי דער געלעגנהייט איז נויטיק צוצוגעבן, אַז בעת דער ביכער־אַקציע איז איינער יונגנטלעכע, וואָס האָבן אָנגעהערט צו דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „אבצ"**), געלונגען אַרויסצוגנבענען פון א זאַמל־פּונקט אויף אָפּצוליפערן די ביכער עטלעכע טויזנט וויכטיקערע ווערק, בפרט אין העברעאיש. מיטגעהאָלפן האָט זיי דערביי דער העכערער פונקציאָנער פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי י. גרינבערג***). שפּעטער־צו האָט די דערמאָנטע יוגנט־גרופּירונג געשאַפן פון אָט די ביכער אַן אומלעגאַלע ביבליאָטעק, וואָס האָט בעיקר באַדינט די ציוניסטישע יוגנט. חוצדעם האָבן אויך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען געהאַט אויסבאַהאַלטן קענטיקע סכומים ביכער, וואָס האָבן פאַר זיי געהאַט א באַזונדערן אינטערעס.

נאָך אַלעמען זיינען דאָך צענדליקער טויזנטער ביכער און ספרים אָפּגעליפערט געוואָרן דער מאַכט. צווישן די אָפּגעליפערטע ביכער זיינען געווען זייער פיל ווערטפולע און זעלטענע ווערק אין כלערליי שפּראַכן.

*) ז. „שול־אַמט" אין מאָנאָגראַפיע „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ".

**) ז. „ציוניסטישע טעטיקייט אין געטאָ".

***) ז. „פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך מתעסק־געווען מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין געטאָ".

מיטן „אָרדנען" די יידישע צוגערויבטע ביבליאָטעקן, ארכיוון, מוזעומס א.א. גייסטיקע אוצרות, האָט, ווי באוווסט, אין דריטן רייך זיך באַשעפטיקט דער „איינזאַץ־שטאַב רייכסלייטער ראָזענבערג", וואָס האָט געהאַט פיליאַלעס אין אַלע פונקטן, וווּ ס'זיינען ביז דער אָקופּאַציע געווען גרעסערע יידישע קהילות. אויך אין קאָוונע איז דאָן געווען אן אָפּטיילונג פון ראָזענבערגס „איינזאַץ־שטאַב", וואָס האָט צוו. אנד. זיך מתעסק־געווען מיט די קאָנפיסקירטע ביכער אין געטאָ. ביים סאָרטירן די צונויפגענומענע ביכער זיינען אינעם דאָזיקן איינזאַץ־שטאַב אויך געווען באַשעפטיקט די געטאָ־יידן: לעמכען (פריער געוואָרן אין דאַכאַו), קיזעל (אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ), גוטמאַן (דערשאָסן געוואָרן אין 1942 ביים אריינשמוגלען אין געטאָ שפּייז־פּראָדוקטן) א.א.

די מער־ווערטפולערע שאַפונגען, בעיקר פון יודאַאיסטישן כאַראַקטער, צוזאַמען מיט די וויכטיקסטע ווערק פון די קאָנפיסקירטע יידישע ביבליאָטעקן, ארכיוון א.א. יידישע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן האָט די דאָזיקע נאַציסטישע „וויסנשאַפטלעכע" אינסטיטוציע איבערגעשיקט ערגעץ־ווו קיין דייטשלאַנד. די אַלע איבעריקע צוגערויבטע ביכער און ספרים זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין פּאַפּיר־פאַבריק, כדי פון זיי אויסצואַרבעטן פּאַפּיר.

ניט געקוקט אויפן ביסל געראַטעוועטע ביכער און ספרים, איז דאָס געטאָ נאָך אַט דער „אקציע" דאָך געבליבן כמעט „ביכער־ריין", און פאַרן געוויינלעכן געטאָ־ייד איז א בוך געוואָרן אַ יקר־המציאות.

* *
*

נאָך דער ערשטער איבערזידלונגס־אקציע קיין ריגע איז די לאַגע אין געטאָ געוואָרן וואָס־ווייטער אַלץ מער סטאַבילער. דער דאָזיקער שנוי לטובה האָט באַקומען זיין בולטסטן אויסדרוק, קודם־כל, אין פאַקט, וואָס אין פּעריאָד צווישן די ביידע איבערזידלונגס־אקציעס קיין ריגע, ד.ה. פון אָנהויב־פעברואַר ביזן סוף־אָקטאָבער 1942, זיינען ניט פאָרגעקומען קיין ווייטערדיקע מאַסן־אקציעס.

אמת, אויף אן אינדיווידועלן אופן זיינען מצד געשטאַפּאָ במשך דעם צייטאָפּשניט אומגעבראַכט געוואָרן צענדליקער יידן, וועלכע זיינען אריינגעפאַלן צו איר אין די הענט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, בעיקר ביים ארויסגיין פון ארבעטספּלאַץ, כדי עפּעס אויסצובייטן ביי קריסטן אויף שפּייז־פּראָדוקטן, אָדער ביי אנדערע פּרוּוון מצד יידן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט זייערע באַקאַנטע קריסטן. דאָס זיינען אָבער געווען, ווי געזאָגט, אינדיווידועלע פאַלן.

די אין א געוויסן זין „מילדערע" באַציאונג צום געטאָ מצד דער אָקופּאַציע־מאַכט, האָט גלייכצייטיק גורם געווען א לפי־ערד'דיקן אויפשטייג אין עקאָנאָמישן

זין, און אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן א תקופה פון „פּראָספּעריטי"... געשען איז אָט דער אויפשטייג פון עקאָנאָמישן ווילזיין, אין דער ערשטער ריי, מחמת דער ענדערונג אין פאַרווענדן די ארבעטס־קרעפטן פון געטאָ.

אין די ערשטע טעג פון געטאָ־קיום, ווען אין געטאָ זיינען געווען געגוייע דריי צענדליק טויזנט יידן, איז די פראגע פון יידישער ארבעטס־פליכט נאָך ניט געווען ווי געהעריק געאָרדנט. דאס ייד. ארבעטס־אַמט, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו באפרידיקן די פאָדערונגען פון דער מאכט אויף יידישער ארבעט, פלעגט זיינע פונקציעס אויספירן מיט דער הילף פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי, וועלכע פלעגט פון פאל־צו־פאל צונויפברענגען — ריכטיקער געזאָגט: צונויפכאפּן — די נויטיקע צאָל יידישע ארבעטער.

שפּעטער־צו, ווען די יידישע געטאָ־באפעלקערונג איז מחמת די אדורכגעפירטע מאסן־שחיטות געוואָרן פארקלענערט כמעט ביז אויף א העלפט און, חוצדעם, זיינען נאָך די פאָדערונגען מצד דער מאכט אויף יידישע ארבעטער געוואָרן אלץ גרעסער —, איז מיטדערצייט מצד דער יידישער געטאָ־אדמיניסטראציע איינגעפירט געוואָרן אין געטאָ אַן ארבעטס־פליכט. די ארבעטס־פליכט איז געווען חל אויף מענער אין עלטער פון 14 ביז 60 יאָר און פאר פרויען — פון 15 ביז 45 און, שפּעטער־צו, ביז 55 יאָר*).

ביז יענער צייט, ד.ה. אָנהויבנדיק פון הארבסט 1941 ביז ערב־ פרילינג 1942, אין די איבערוועגנדיקע מערהייט יידישע ארבעטנדיקע געווען פארווענדעט ביי די ארבעטן אויף קאָוונער אַעראָדראָם. די איבעריקע יידן האָבן געארבעט ביי פארשיידענע מיליטערישע ארבעטס־שטעלעס אין שטאָט.

ביים בוי פון אַעראָדראָם זיינען אָנהויב געווען באשעפטיקט בעיקר סאָוועטישע קריגס־געפאנגענע. אָבער שוין דעם 21־טן סעפטעמבער 1941 האָט דאָס געטאָ צום ערשטן מאָל געדארפט צושטעלן 500 ארבעטער פאר די אַעראָדראָם־ארבעטן.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען, אז ערב־ראש־השנה פון יאָר 1941, ווען אין געטאָ זיינען פארנאכט געקומען אעראָדראָם־פּאָסטנס, כדי צו נעמען יידן אויף דער נאכט־שיכט, זיינען ביים כאפּן יידן אויף דער ארבעט מצד די נאצישע רוצחים אָן שום סיבה דערשאָסן געוואָרן ביים געטאָ־טויער א 10 יידן.

פון טאג־צו־טאג איז אבער די פאָדערונג אויף יידישע אַעראדראם־ארבעטער אלץ מער געשטיגן, ווייל דער גרעסטער טייל סאָוועטישע קריגס־געפאנגענע איז־

*) געניערער וועגן דער פראַגע פון צוואַנגס־אַרבעט ז. קאַפּיטל „אַרבעטס־אַמט" אין מאָנאָגראַפיע „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ".

מחמת די אומטענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען אומגעקומען, און דער רעשט איז אריבערגעפירט געוואָרן אנדערשוואו אויף ארבעט.

ערב דער גרויסער אקציע האָט די צאָל יידישע ארבעטער אויפן אַעראָדראָם טעגלעך דערגרייכט לערך 4000 פּערזאָן. אויפן אַעראָדראָם איז די ארבעט אָנגעגאנגען א רונדן מעת־לעת אין עטלעכע ארבעטס־שיכטן א טאָג.

אחוץ דער אויסערסט־שווערער קאַטאָרזשנער ארבעט אין נאסקייט און קעלט אויפן פרייען פעלד במשך א לאנגן ארבעטס־טאָג (ביי דער יעמאָלטיקער יידישער הונגער־פּאַרפלעגונג און מאנגל אין מינימום פון בגדים און שיך), האָט די ארבעט אויפן אעראָדראָם באַדייט פאַרן געטאָ־ייד א הונגער־לעבן. געווען איז עס מחמת דעם, וואָס דאָרטן האָבן יידן געאַרבעט ניט קומענדיק אין קיין באַרירונג מיט קריסטן, ביי וועמען ס'איז געווען מעגלעך אויסצובייטן די רעשטלעך פון זייערע זאכן אויף שפּייז־פּראָדוקטן. אָט פאַרוואָס ארבעטן אויפן אעראָדראָם האָט פאַרן געטאָ־יידן באַדייט ניט האָבן קיין מעגלעכקייט צו דערנערן זיך און די משפחה, שווער האָרעווען, אויסגייענדיק מיט די כוחות, און זיך מוזן באַגנוגענען מיט דער הונגער־ראַציאָן, וואָס די מאכט האָט באַוויליקט צוצוואַרפן דער געטאָ־באַפעלקערונג.

גיין אַרבעטן אויפן אַעראָדראָם — איז געווען איינער פון די הארבע שטראָף־מיטלען ניט נאר על־פּי „קאָדעקס" פון דער יידישער געטאָ־אדמיניסטראציע פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכנס בין ייד־לייד, נאָר אפילו די מאכט־אָרגאנען פלעגן דאָן אָפּט זיך נוהג־זיין צו שיקן א יידן ארבעטן אויפן אַעראָדראָם, ווי א שטראָף־אָפּקום פאַרן עובר־זיין אויפן „געזעץ" פון דער אָקופּאַציע־מאכט.

כדי צו קאָמפּענסירן דעם אַעראָדראָם־ארבעטער פאַר זיין באַזונדערס־שווערער מערכה, האָט דער עלטעסטן־ראַט, פון זיין זייט, דאָן איינגעשטעלט פאַרשיידענע פּרעמיעס פאַר די פּינקטלעכע אַעראָדראָם־ארבעטער, ד. ה. פאַר די יעניקע, וועלכע פלעגן גיין אַרבעטן די גאנצע 6—7 טעג א וואָך. די וועכנטלעכע הוספה־פאַרפלעגונג פלעגט באַשטיין פון אַ 2 קג. ברויט, עטלעכע קג. קארטאפל, עטלעכע הונדערט גראַם מעל א. א. וו.

חוצדעם האָבן די אַעראָדראָם־ארבעטער צו יענער צייט געהאַט נאָך א „פּרי־ווילעגיע": אינדערצייט, ווען ביי יידן פון אנדערע ארבעטס־שטעלעס פלעגט מען ביים אַדורכגיין דעם געטאָ־טויער אדורכפירן א קאָנטראָל, כדי צו קאָנפיסקירן די אומלעגאַל־איינגעשאַפענע שפּייז־פּראָדוקטן, פלעגן די אעראדראָם־ארבעטער קענען אַדורכגיין דעם געטאָ־טויער אָן א רעוויזיע.

דעם אמת זאָגנדיק, איז ניט געווען שטאַרק, וואָס צו קאָנטראָלירן די אַעראָדראָם־ארבעטער, ווייל זיי פלעגן צוריקקערן פון דער ארבעט מיט ליידיקע הענט, און די קאָנטראָל אויף שפּייז איז געווען אַן איבעריקע.

די דאזיקע „פּרעמיעס" און „פּריווילעגיעס" האָבן דעם עראַדראָם־אַרבעטער זייער ווייניק אָנגעלאָקט און זיין אידעאַל איז געווען: וואָס־גיכער פּטור צו ווערן פון עראַדראָם און קריגן אַן אַנדער אַרבעטס־פּלאַץ. „עראַדראָמשטשיק", ד. ה. אַן אַרבעטער אויפן עראַדראָם, איז דעריבער געווען אַ שם־דבר לגנאי און האָט באַדייט זיך געפינען אויפן נידעריקסטן שטאַפּל פון סאָציאַלן לייטער אין געטאָ. וועגן עראַדראָמשטשיק זיינען, אַגב, געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע פאָלקס־לידער*), ווו ס'איז באַוויינט געוואָרן זיין ביטערער גורל.

ניט אין ערך בעסער איז געווען דער מצב פון די יעניקע געטאָ־יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די פאַרשיידענע קלענערע אַרבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט. דאָ, אין שטאָט, זיינען די יידן געקומען אין קאָנטאַקט מיט די קריסטלעכע אַרבע־טער מיט וועמען זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט, און זיי פלעגן ביי דער געלעגנ־הייט אויסביטן ביי די קריסטן זייערע זאַכן אויף שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס זיי פלעגן, צוריקקערנדיק פון דער אַרבעט, אַריינשמוגלען אין געטאָ.

אמת, ביים געטאָ־טויער איז געווען אַ קאָנטראָל מצד דער געטאָ־וואַך, כדי צו קאָנפיסקירן די פּראָדוקטן, וואָס יידן פלעגן אומלעגאַל אַריינטראָגן אין געטאָ. יידן פלעגן זיך אָבער אַן עצה געבן אויך מיט דער קאָנטראָל ביים טויער דורכן אונטערקויפן די קאָנטראָליאָרן, זיי זאָלן נאָר לפנים־וועגן קאָנטראָלירן ביים דורכגיין דעם געטאָ־טויער, אָדער, אין פאַל פון קאָנפיסקירן די פּראָדוקטן, אַ טייל דערפון צוריקקערן דעם בעל־דבר. אַ וויכטיקע ראָלע האָבן דערביי געשפּילט די יידישע פונקציאָנערן ביים געטאָ־טויער**)

ביי דער געלעגנהייט דאַרף מען צוגעבן, אַז מיטדערצייט האָבן יידן זיך אויסגעלערנט אַזוי קונציק צו מאַסקירן קלענערע סכומים פּראָדוקטן, אַז זייער פיל יידן פלעגט געלינגען אַדורכצוגיין די קאָנטראָל בשלום. אַזוי, למשל, זיינען געווען בשעתו פאַרשפּרייט אַזעלכע מינים מאַסקירונגען: אין אַ לאַנגן, שמאָלן זעקעלע פלעגט מען אָנשיטן מעל אָדער תבואה און עס אַרומבינדן אַרום לייב, ווי אַ קאָמפּרעס (דאָס האָט טאַקע געהייסן: „מאַכן אַ קאָמפּרעס"); אָדער, צ.ב., אינעם בלעכענעם געשיר, וואָס מען פלעגט מיטנעמען אויף צו עסן ביי דער אַרבעט, פלעגט זיין אַ דאָפּלטער דעק און צווישן די דעקן פלעגט זיין אַן אָרט אוועקצולייגן אַ שטיקל פּוטער, שפּעק, קעז, פלייש א. א. וו. די המצאות אין דעם פּרט פלעגן זייער אָפט דערגיין ביז צו אמתער קוריאָזיטעט.

אויסער דעם איז די דיפערענץ אין די פּרייזן אויף שפּייז־פּראָדוקטן אין שטאָט און אין געטאָ געווען אַזאַ גרויסע, אַז ס'פלעגט לוינען פון צייט־צו־צייט,

*) ז. „מוסטערן פון פאָלקלאָר אין קאָוונער געטאָ".

**) ז. „אַרבעטס־אַמט" אין מאָנאָגראַפיע: „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ".

ווי מען פלעגט זאָגן אין געטא, צו „ברענען" ביי דער קאָנטראָל, ד. ה. מ'זאָל צונעמען א טייל פּראָדוקטן. דער פאַרלוסט פון די אָפּגענומענע שפּייז־פּראָדוקטן פלעגט ווערן געדעקט דורכן פאַרקויפן די בשלום־אַדורכגעטראָגענע פּראָדוקטן.

אַ פאַרוואָס אַרבעטן אין א שטאָט־בריגאַדע האָט פאַרן געטאָ־ייד געהייסן זיין פּריווילעגירט, זיין זיכער מיט חיונה, קענען זיך דערלויבן צו עסן בעסער און שטענדיק האָבן ביי זיך א פּרייע פאָר מאַרק.

די א. ג. סאָציאַלע קאָנטראַסטן צווישן די אַעראָדראָם־אַרבעטער און די אַרבעטער אין די שטאָטישע בריגאַדעס זיינען געווען אַזעלכע בולטע, אַז אַפילו לויטן אויסערלעכן אויסזען און געזיכטס־אויסדרוק פלעגט מען קענען אונטערשיידן צווישן אַן אַעראָדראָמשטשיק און אַן אַרבעטער אין א שטאָט־בריגאַדע.

אינדערצייט, ווען דער אַעראָדראָמשטשיק פלעגט ס'רוב גיין אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן ווי אַן עכטער שקלאַפער, און ער פלעגט אויסזען אָפּגעצערט, פאַרחושכט און פאַרדאַגה'ט, איז דער אַרבעטער אין שטאָט־בריגאַדע געווען, אין דורכשניט גענומען, בעסער געקליידעט און האָט מערסטנטייל געמאַכט א זאַטן און מונטערן איינדרוק.

שוין אָנהויב־ווינטער 1941־42 האָט די אָקופּאַציע־מאַכט אין ליטע גענומען „מיט גוטן" מאָביליזירן ליטווינער אויף פאַרשיידענע פראָנט־בוי־אַרבעטן ווי אויך אויף אַרבעט אין דייטשלאַנד.

דורך פאַרשיידענע אָפענע און פאַרמאַסקירטע טעראָר־מיטלען איז דער אָקופּאַציע־מאַכט געלונגען צונויפצונעמען טויזנטער ליטווינער און זיי ווי „פּרייווויליקע" אָפּצושיקן אין נאַציישן „רייכס־אַרבעטס־דינסט". אין פיל שטאָטישע פאַבריקן און אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער זיינען מחמת דער דאָזיקער דערשיינונג געוואָרן היפּשע בלויזן אין באַשטאַנד פון די פאַרשיידענע פאַבריק־ספּעציאַליסטן און הילפס־אַרבעטער.

דער גאַנג פון דער מלחמה, בעיקר די אויסשעפּנדיקע פאַר די דייטשן ווינטער־שלאַכטן, האָט געצוואונגען דאָס דייטשע הינטערלאַנד צו אַרבעטן מיטן פולן דאַמף, כדי צו קענען דעקן די נויטן פון דער גאָר־ניט־פויגלדיקער מערכה אויפן מזרח־פראָנט.

צו יענער צייט האָט דער קאָווונער שטאָט־קאָמיסאַר זיך געפונען פאַר גע־צוואונגען ביסלעכווייז אויסצונוצן די יידישע האַנטווערקער־כוחות, וועלכע זיינען ביז דאַן געווען ניט ראַציאָנעל אויסגענוצט ביי זייערע ספּעציאַליטעטן, נאָר האָבן ס'רוב געאַרבעט אויפן אַעראָדראָם ווי שוואַרצאַרבעטער. דעם רעזערוו פון דער ניט־אויסגענוצטער יידישער האַנטווערקערשאַפט האָט מען געדאַרפט אייליק פאַרווענדן אין די שטאָטישע פאַבריקן א. א. אַרבעטס־פּלעצער.

די דאזיקע דערשיינונג האט פארן געטאָ געהאט א דאפּלטן באדייט: ערשטנס, האָט דאס געשטארקט ביי יידן זייערע האפענונגען דערוויל צו בלייבן לעבן — מען דארף דאך זיי, די יידן, האבן!—און, צווייטנס, איז דאס שטארק צונויפגעפאלן מיט די עקאנאמישע נויטן פון געטאָ: ביים ארבעטן אין שטאט, ווען יידן דאך קענען זיך איינקויפן שפייז־פּראדוקטן — איינע פון די וויכטיקסטע פראבלעמען פארן געטאָ־ייד, כל־זמן ער איז ניט געוואָרן אומגעבראכט...

מיטן אנקום פון פרילינג 1942 האט דעריבער דער קאָוונער שטאט־קאָמיסאריאט, דער באלעבאס איבערן געטאָ, גענומען אלץ עפטער דערלויבן פארשיידענע מיליטערישע און ציווילע ארבעטס־שטעלעס צו באשעפטיקן ביי זיך יידישע בעלי־מלאכות און הילפס־ארבעטער. דאס האט באוועגט צו פארקלענערן דעם קאָנטינגענט יידישע ארבעטער אויפן אַעראדראם, און אויף דעם חשבון פארגרעסערן די צאל יידישע ארבעטנדיקע אין די שטאטישע ארבעטס־פּלעצער.

פאר די יעניקע יידן, וועלכע מען פלעגט אראפּנעמען פון דער ארבעט אויפן אעראדראם און אריבערפירן זיי אויף ארבעט אין א שטאט־בריגאדע, האט עס באדייט אן אמתער איבערגאנג מאפלה לאורה..., ווייל דאס האט געהייסן, אַז עקאָנאָמיש ווערט זייער לאגע שטארק פארבעסערט און די פראָגע פון חיונה ווערט ווערן ניט אין ערך לייכטער, ווי ארבעטנדיק אויפן אעראדראם.

אין מערץ 1942 איז אין געטאָ געגרינדעט געוואָרן א פיליאלע פון דייטשן ארבעטס־אמט אין קאָוונע. ווי אן ערשטער שריט פון ניי־געגרינדעטן דייטשן אַרבעטס־אַמט איז געווען דאָס אַדורכפירן אין געטאָ אן אַלגעמיינע רעגיסטראַציע פון אלע ארבעטס־פעיקע מענער און פרויען. ביי דער דאזיקער רעגיסטראציע האבן זייער פיל יידן, וועלכע זיינען גאר ניט געווען קיין בעלי־מלכות, זיך אויך רעגיסטרירט ווי פאַכלייט, מיט דער כונה, אַז די שאַנסן פון אַ בעל־מלאכה וועלן עווענטועל זיין בעסערע, ווי פון א ניט־קוואַליפיצירטן ארבעטער.

לויט דער דאזיקער רעגיסטראציע איז דעריבער אויסגעקומען, אַז אין געטאָ איז דא א גרויסער רעזערוו פון ניט קיין צוועקמעסיק־פארווענדעטע פאכלייט, און דאס האט דערמעגלעכט דעם דייטשן ארבעטס־אמט ניט צו זיין קארג ביים געבן דערלויבנישן די שטאטישע ארבעטס־פלעצער צו באשעפטיקן ביי זיך יידישע פאכלייט.

אלס לייטער פון דייטשן ארבעטס־אמט אין געטאָ איז געווען באשטימט א ס. אַ.־מאן, הויפטשטורמפירער הערמאן, ניט קיין צו גרויסער צורר־היהודים, וועלכע האט נאך חוצדעם זיך געלאזן ווילגיין אויפן חשבון פון זייער אָפטע און פעטע יידישע „מתנות". (ווען דאס געטאָ איז הארבסט 1943 איבערגענומען געוואָרן מצד דער ס. ס. און איז פארוואנדלט געוואָרן אין א קאָנצלאגער, האט

דער דאָזיקער ס. אַ.־מאַן הערמאַן געמוזט פאַרלאָזן זײַן וואַרעם בענקל אין געטאָ. ער האָט אָבער געהאַט שׂכל דאָן אַרויסצובאַקומען אַ שרײַבן פון דר. עלקעס, אַז דאָס געטאָ האָט ניט צו אים קיין תביעות. אַדאַנק דעם דאָזיקן שרײַבן האָט ער נאָך דער נאַצישער קאַפּיטולאַציע זיך געראַטעוועט פון פאַרשײ־דענע אומאַנגענעמע פּאָלגן בשײַכות מיט דער דענאַציפיציִרונג אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דײַטשלאַנד.)

אַלס יידישער ראַטגעבער אינעם נײַ־געגרינדעטן דײַטשן אַרבעטס־אַמט אין געטאָ איז מצד דעם עלטעסטן־ראַט געוואָרן באַשטימט דר. יצחק ראַבינאָ־וויטש*), אַ באַקאַנטער קאָוונער תושב און, אגב, אַ נאָענטער קרוב פון בארימטן קאָוונער צדיק ר' יצחק־אלחנן ז"ל.

מחמת אָט די אַלע אויסגערעכנטע פאַקטאָרן איז פון וואָך־צו־וואָך געשטיגן די צאָל נײַ־געגרינדעטע יידישע אַרבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט און דאָס האָט באַדײַט, אַז פון וואָך־צו־וואָך איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון אַלץ נײַע צענדליקער משפּחות געוואָרן פאַרבעסערט. דאָס געטאָ האָט דאָן גענומען מאַטעריעל ביסלעכ־ווײַז זיך אָפּכאַפּן. אַלץ ווייניקער זײַנען געווען צו זען געטאָ־יידן, וואָס האָבן ניט קיין מקור פון חיונה. דער דאָזיקער פּראָצעס פון עקאָנאָמישן אויפשטײַג איז אין געטאָ אָנגעגאַנגען במשך דעם גאַנצן זומער 1942.

* *

*

פּאַראַלעל מיטן וווּקס פון די יידישע אַרבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט אויפן חשבון פון דער יידישער אַרבעט אויפן אַעראָדראָם, האָט אין יענער צײַט אויך זיך אָנגעהויבן אַ רעש'יקערער אויפבוי פון די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן.

דער אַנטוויקלונגס־וועג פון די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן געהערט צו איינעם פון די אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון קאָוונער געטאָ־ישוב, און ס'וואָלט לוינען וועגן דעם אָנצושרײַבן אַ גרעסערע מאָנאָגראַפישע אַרבעט. בײַ דער איצטיקער געלעגנהייט ווילט זיך איבערגעבן נאָר די וויכטיקסטע פּרטים פון די דאָזיקע וואַרשטאַטן.

די אידעע צו גרינדן אין געטאָ ספּעציעלע וואַרשטאַטן, וווּ יידן זאָלן אַרבעטן בײַ פאַרשיידענע באַשטעלונגען פאַר דער דײַטשער ווערמאַכט, איז אויפגעקומען סוף־1941, ווען דאָס געטאָ האָט נאָך דער גרויסער אַקציע גענומען ביסלעכווײַז קומען צו זיך. דער פּלאַן צו גרינדן די דאָזיקע וואַרשטאַטן איז געקומען פון דער

*) גענויער וועגן אים — ז. „אַרבעטס־אַמט" אין מאָנאָגראַפיע „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ".

יידישער זייט, און ער איז אקצעפּטירט געוואָרן דורך די דייטשע געטאָ־בעל־באַתים.

די יידישע אויסרעכענונגען זיינען דערביי געווען פאָלגנדיקע:

ערשטנס, די מערהייט געטאָ־יידן האָט צו יענער צייט שטאַרק זיך געפּלאָגט ביי די אוממענטשלעכע באַדינגונגען פון דער צוואַנגס־אַרבעט אויפן אַעראָדראָם. אַ שטיקל איינדרוק וועגן דער דאָזיקער עבודת־פּרך האָט דער לייענער געקענט באַקומען אין די פאַריקע קאַפּיטלעך. יידן האָבן דעריבער געוואָלט שאַפן אין געטאָ גופא אַ לייכטערע אַרבעטס־שטעלע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט בעיקר פאַר פרויען, שוואַכערע מענער, יוגנטלעכע א. א. וו.

צווייטנס, האָבן יידן שוין דאַן געהאַט אין זינען, אַז די עקזיסטענץ פון געטאָ־וואַרשטאַטן קען מיטדערצייט הויבן דעם גראַד פון דער יידישער „נוציקייט" אין די אויגן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט — אַ פאַקטאָר, וואָס האָט, מוז מען מודה זיין, אין אַ גאַר היפּשער מאָס טאַקע זיך באַרעכטיקט.

די דייטשע געטאָ־מושלים זיינען, פון זייער שטאַנדפּונקט געקוקט, געווען פאַראינטערעסירט אין דער גרינדונג פון די געטאָ־וואַרשטאַטן צוליב פאָלגנדיקע טעמים:

די באַרויבונג פון יידישן האָב־און גוטס, וואָס איז פאָרגעקומען אין הארבסט 1941, האָט דעם שטאַט־קאָמיסאַריאַט, דעם באַלעבאָס פון געטאָ, אַריינגעבראַכט אחוץ געלט, גאָלד א. א. ווערטפולע קעגנשטאַנדן, אויך זייער גרויסע סכומים פון בגדים, פעלצן, שוכוואַרג א. א. וו. חוצדעם פלעגט דער שטאַט־קאָמיסאַריאַט אויך באַקומען זיין „חלק" פון די זאַכן, שיך א. א. וו., וואָס מען פלעגט צונויפנעמען פון די דערמאָרדעטע קאָוונער און אויסלענדישע יידן. די דאָזיקע זאַכן פלעגט דער שטאַט־קאָמיסאַריאַט האַלטן אין פאַרשיידענע סקלאַדן אין שטאָט, איבערהויפּט אָבער אין די געביידעס פון ראַטהויז, אין די געוו. בתי־מדרשים א. א. וו.

ביים אָרדנען און סאָרטירן די דאָזיקע זאַכן האָט דאַן געאַרבעט אַ יידישע אַרבעטס־קאָמאַנדע, וואָס האָט געהייסן „די יאָרדאַן־בריגאַדע", אויפן נאָמען פון גרויסן יידן־מערדער, דעם געטאָ־קאָמענדאַנט יאָרדאַן. די בעסטע יידישע שניידער, פוטער־קירזשנער, שוסטער, יוועלירער, זייגערמאַכער א. א. בעלי־מלאכות האָבן אין דער דאָזיקער בריגאַדע געאַרבעט פאַר די פּריוואַטע באַשטעלונגען מצד די באַאַמטע פון שטאַט־קאָמיסאַריאַט און זייערע משפּחות.

די דייטשן פון שטאַט־קאָמיסאַריאַט איז אָבער צוליב פיל סיבות געווען ראַטזאַמער די דאָזיקע יידישע וואַרשטאַטן אַריבערצוטראַגן אין געטאָ גופא. חוצדעם האָבן זיי גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זיי וועלן פון יידישע געטאָ־וואַרשטאַטן האָבן

גרויסע מאַטעריעלע נוצן. און אַזוי איז טאַקע געווען: די דאָזיקע ווארשטאַטן זיינען פאַר זיי מיטדערציייט געוואָרן אַן אומאויסשעפּלעכער מקור פון גניבות, שוחד א. א. קאָמבינאַציעס.

אָט פאַרוואָס ס'זיינען בשעתם צונויפגעפאַלן די יידישע און דייטשע אינ־טערעסן ביים גרינדן די גרויסע געטאָ־ווארשטאַטן.

נאָך לענגערע צוגרייטונגען זיינען מצד די יידן אָפּגערעמאָנטירט געוואָרן אייניקע גרויסע רוימען אויף קריקשטוקאַיטשיאָ גאַס 107, ווו ס'איז אַמאָל געווען אַ ליטווישע פאַך־שול און אין די געטאָ־צייטן — דער גרעסטער רעזערוואַט פאַר די אָפּדאַכלאָזע געטאָ־יידן, און דעם 18־טן יאַנואַר 1942 זיינען די גרויסע געטאָ־ווארשטאַטן ענדלעך געוואָרן געעפנט.

לכתחילה זיינען געוואָרן געגרינדעט נאָר אייניקע קלענערע ווארשטאַטן פון שניידער, שוסטער און ס'זיינען אויך אריבערגעטראָגן געוואָרן די יידישע וואַר־שטאַטן פון דער אויבנדערמאָנטער „יאַרדאַן־בריגאַדע".

גאָר גיך זיינען אָבער די גרויסע געטאָ־ווארשטאַטן אויסגעוואַקסן צו אַ ברייט־פאַרצווייגטן קאָמבינאַט פון פאַרשיידענע ווארשטאַטן, ווי אַ שטייגער, שניידעריי, שוסטעריי, שטריקעריי, היטל־און פוטער־קירזשנעריי, וועשעריי, שלאָסעריי, סטאָ־לעריי, קאָרב־פלעכטעריי, בערשטעריי און נאָך פיל אַנדערע מינים ווארשטאַטן ווו ס'האָבן לכתחילה בסך־הכל געאַרבעט עטלעכע הונדערט יידן און שפּעטער־צו 3—4 טויזנט יידן אין 2 שיכטן: בייטאָג און ביינאַכט.

די אַרבעטס־באַדינגונגען אין די געטאָ־ווארשטאַטן, ווו ס'האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך יידן, זיינען געווען פיל גינסטיקערע, ווי ביי דער אַרבעט אין שטאָט, ווייל דאָ, אין די געטאָ־ווארשטאַטן, זיינען ניט געשטאַנען אויפן קאָפּ קיין דייטשע אָדער אַנדערע ניט־יידישע אויפזעער.

חוצדעם האָט מען, אַרבעטנדיק אין די געטאָ־ווארשטאַטן, ניט געדאַרפט אַדורכ־מאַכן טאָג־איין, טאָג־אויס דעם לאַנגן וועג פון גיין צו דער אַרבעט אין שטאָט און צוריק. פיל שטאָטישע אַרבעטס־שטעלעס האָבן זיך געפונען אויף אַ מהלך פון 4—5 קמ. ווייט פון געטאָ, אויב ניט נאָך ווייטער. גיין אַהין און צוריק איז דאָס געווען אַ קימה־לן פון לערך 10 קמ. זיך שלעפּן טאָג־טעגלעך איבערן ברוק פון שטאָט אין רעגן, אין היץ, אין קעלט א. א. וו.

אַרבעטנדיק אין די געטאָ־ווארשטאַטן, האָט מען, אגב, אויסגעמיטן די גאַנצע אויסמאַטערנדיקע פּראָצעדור פון אַדורכגיין אינדערפרי דעם געטאָ־טויער ביים גיין צו דער אַרבעט און פאַרנאַכט — די קאָנטראָל פון די אריינגעטראָגענע שפּייז־פּראָדוקטן, מיט דער גאַנצער נערוון־שפּאַנונג אַרום דעם דאָזיקן ענין. דאָס זיינען טאַקע געווען די מעלות פון די געטאָ־ווארשטאַטן.

דער חסרון איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַרבעטער פון די געטאָ־וואַרשטאַטן האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך איינצושאַפן שפּייז־פּראָדוקטן צו ביליקערע פּרייזן, ווי דאָס האָבן יאָ געקענט די אַרבעטנדיקע אין שטאָט. אין די געטאָ־וואַרשטאַטן האָבן דעריבער געקענט זיך דערלויבן צו אַרבעטן נאָר די מאַטעריעל מער־באַמיטלטע עלעמענטן פון געטאָ. און אַזוי איז טאַקע לכתחילה געווען.

אַחוץ די עכטע פאַכלייט, פלעגן אין די געטאָ־וואַרשטאַטן אָנגענומען ווערן אַזעלכע געטאָ־יידן, וועלכע זיינען מחמת זייער עלטער אָדער געזונט־צושטאַנד ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר דער אַרבעט אין שטאָט. דאָרטן האָבן טאַקע געאַרבעט פיל עלטערע און שוואַכערע מענער און פרויען, און אַ היפּש ביסל אומדערוואַקסן־דיקע יוגנט.

אָנצוקומען אין די געטאָ־וואַרשטאַטן פאַר אַ מענטשן פון אַ שטאָטישן אַרבעטס־פּלאַץ איז צו יענער צייט געווען ניט אַזוי לייכט, ווייל דאָס ייד. אַרבעטס־אַמט, וואָס האָט שטענדיק געפילט אַ מאַנגל אין בעלנים צו גיין אַרבעטן אין די שווערע און ווייטע אַרבעטס־שטעלעס, איבערהויפּט אויפן אַעראָדראָם, האָט שטאַרק מקפּיד־געווען ביים דערלויבן אַריבערצוגיין אַרבעטן פון שטאָט אין די געטאָ־וואַרשטאַטן.

די געטאָ־וואַרשטאַטן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינעם לעבן פון געטאָ, און זיי זיינען געווען אַ באַדייטנדיקער פאַקטאָר אין דער סטרוקטור פון יידישן אַרבעטס־איינזאַץ. סוף 1943, ווען אין געטאָ איז פאָרגעקומען די קאַזערנירונג, ד.ה. דאָס פונאַנדערפירן דאָס געטאָ אין סעפּאַראַטע יידישע אַרבעטס־לאַגערן, און און פרילינג 1944, נאָך דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע — איז די ראָלע פון די געטאָ־וואַרשטאַטן מחמת אַ ריי סיבות נאָך מער אויסגעוואַקסן. צו יענער צייט זיינען די געטאָ־וואַרשטאַטן געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר ביים אויפהאַלטן דעם קיום פון געטאָ־ישוב.

ווען אין 1943 האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער יוגנט די באַוועגונג פון גיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער, כדי מיט געווער אין די הענט צו קעמפן קעגן נאַציישן שונא, פלעגט מען אין געטאָ־וואַרשטאַטן בגניבה נעמען דייטשע מיליטערישע אוניפאָרמען א. א. זאַכן, וואָס זיינען געווען נויטיק פאַר די אַוועקגייענדיקע אין וואַלד.

כדי צו האָבן אַ קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון די וואַרשטאַטן, פלעגט דער שטאָט־קאָמיסאַריאַט דאָרטן האָבן זיינע באַאַמטע. אייניקע פון זיי זיינען געווען גרויסע מנוולים און יידן פלעגן פון זיי זייער פיל ליידן.

ווען דאס געטאָ איז הארבסט 1943 אריבער אין רשות פון ס. ס.*), זיינען די ווארשטאטן געשטאנען ערב א קריזיס, ווייל דער נייער לאגער־קאמענדאנט געקע איז לכתחילה געווען איינגעשטעלט קעגן דער עקזיסטענץ פון די ווארשטאטן. נאכדעם, ווי ער האט אבער „פארזוכט דעם טעם" פון די ווארשטאטן, איז אויך ער געוואָרן אן אנהענגער פון זייער עקזיסטענץ און האט באשטימט זיין ממלא־מקום, ס. ס.־הויפטשטורמפירער ר י נ ג, אלס אויפזעער פון די גרויסע געטאָ־ווארשטאטן.

מיט דער גרינדונג פון די גרויסע געטאָ־ווארשטאטן האט לכתחילה זיך מתעסק־געווען דער יעמאלטיקער לייטער פון ווירטשאפטס־אמט ביים עלטעסטן־ראט, נ. ג ע מ ע ל י צ ק י. אבער שפעטער־צו, גלייך נאך זייער גרינדונג, איז מצד דעם עלטעסטן־ראט געשאפן געוואָרן ביי די ווארשטאטן א יידישע לייטונג, ווו בראש איז געשטאנען מ. ס ע ג א ל ס א ן**). חוץ אים זיינען אין דער לייטונג פון די ווארשטאטן געווען טעטיק: דער אויבנדערמאָנטער געמעליצקי, ב. פ ר י ד מ א ן, ה. ק אַ ג אַ ן (אלע אָנגעוויזענע פערזאנען פריי־געוואָרן אין דאַכאַו), ה. ב ר י ק (זיך געראטעוועט אין א געטאָ־בונקער בעת דער ליקווידאציע פון געטאָ), י. ש וו א ר ץ, א ג ר. ק ע ל ז אָ ן (ביידע אומגעקומען אין דאַכאַו) א.א.

הגם אויך געוויסע פערזאָנען פון דער לייטונג פון די גרויסע געטאָ־ווארשטאטן, אזוי גוט ווי ניט ווייניק טאָגנעבער פון די אנדערע געטאָ־מוסדות, זיינען ניט געווען פריי פון פראָטעקציאָניזם, שוחד, קאָרופציע א.א. אַמאָראלישע און אַסאָציאלע פארקריפלונגען***), האָבן דאָך די דאָזיקע ווארשטאטן, ווי שוין געזאָגט, געשפילט א זייער וויכטיקע ראָלע אינעם געטאָ־לעבן.

=XXX=

צו די גרויסע ווארשטאטן איז פאָרמעל געווען אָנגעשלאָסן אויך די געטאָ־טעפעריי, וואָס האָט ביז צו דער נאַצישער אָקופּאַציע געהערט צו די סלאָבאָדקער יידישע תושבים, די ברידער מ י כ ל ע ס. געפונען האט זיך די טעפעריי אויף אַלדאָנאָס גאס נומ. 9.

---

*) ז. קאַפּיטל־אָפּשניטן: „קאמף צווישן ס. אַ. און ס. ס. פאר אָנפירערשאפט מיטן געטאָ" און „ס. ס. — די נייע געטאָ־באַלעבאַטים".

**) אגב, האָט ער געשפילט אַ גרויסע ראָלע אין געטאָ־לעבן, ווען דאס געטאָ האָט זיך געפונען אין רשות פון ס. ס.־אָבערשטורמבאַנפירער געקע.

***) גענויער וועגן אָט די ענינים — אין דער מאָנאָגראפיע: „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ".

אין דער טעפעריי האָט מען אָנגעהויבן צו ארבעטן זומער 1942, ווען די גרויסע געטאָ-ווארשטאטן האָבן געהאַלטן אין פונאנדערוואקסן זיך און ס'זיינען דאָרט געעפנט געוואָרן א גאנצע ריי נייע אָפּטיילונגען. נאָכדעם ווי דאָס געטאָ-משוגעים-הויז, וואָס איז לכתחילה געווען איינגעקווארטירט אין די רוימען פון דער טעפעריי, איז אריבערגעפירט געוואָרן אין אן אנדער לאָקאַל, האָט די טעפעריי באַנייט איר ארבעט.

צוזאמען מיט די געוו. אייגנטימער פון דער טעפעריי זיינען דאָרטן בסך-הכל געווען באשעפטיקט א דריי צענדליק יידן. אויסארבעטן פלעגט מען אין דער טע-פעריי פארשיידענע ליימענע געשיר, ווי שיסעלעך, טעפעלעך א.א.וו. די אויסגע-ארבעטע כלים פלעגט מען פארווענדן פאר דער באפעלקערונג פון געטאָ און שפּע-טער-צו אויך פון די יידישע לאגערן, וואָס האָבן געהערט צום געטאָ. חוצדעם פלעגט די טעפעריי אויסארבעטן אש-בעכערס א.א. באשטעלונגען פאר די נאַ-צישע געטאָ-מושלים.

מיט דער ארבעט פון דער טעפעריי האָבן אָנגעפירט די פריערדיקע באלעבאַ-טים און חוצדעם אויך א דייטשער קעראמיק-פאכמאן געאָרג האָוער. (אגב, איז ער געווען ניט קיין שלעכטער דייטש און האָט שפּעטער-צו, צוליב אומבאַ-קאנטע סיבות, פארענדיקט זיין לעבן מיט זעלבסטמאָרד).

די טעפעריי האָט עקזיסטירט ביז צו דער ליקווידאציע פון געטאָ אין יולי 1944. אינעם גוט-מאסקירטן בונקער פון דער טעפעריי איז בשעת דער געטאָ-דעפּאָרטאציע געלונגען זיך אויסצובאהאלטן א צענדליק יידן, וואָס זיינען אין א פּאָר וואָכן ארום ניצול-געוואָרן בשיכות מיטן באפרייען קאָוונע דורך דער רויטער ארמיי.

* *
*

אחוץ די גרויסע געטאָ-ווארשטאטן האבן אין געטאָ אויך עקזיסטירט קליינע געטאָ-ווארשטאטן. אויב די גרויסע געטאָ-ווארשטאטן האָבן, ווי געזען, געארבעט פאר די הצטרכותן פון די דייטשע מיליטערישע אינסטיטוציעס, איז דער ציל פון די קליינע געטאָ-ווארשטאטן געווען צו באדינען די באפעלקערונג פון געטאָ און פון די יידישע ארבעטס-לאגערן, וועלכע האָבן געהערט צום געטאָ*).

* *
*

די, לפי-ערך, רואיקערע לאגע אין געטאָ און דער פארבעסערטער מצב פון דער געטאָ-באפעלקערונג האָבן דערמעגלעכט, אז גלייכצייטיק מיט דער סטאביליַ-

*) וועגן די קליינע געטאָ-ווארשטאטן: ז. „ווירטשאפטס-אמט" אין מאָנאָגראפיע: „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ".

זירונג פון די פאַרשיידענע געטאָ־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון עלטעסטן־ראַט, האָבן אין יענער צייט אויך אָנגעהויבן זיך באַוויזן סמנים פון א דערוואַכטן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די געזעלשאַפטלעך־אַקטיווערע פּערזאָנען פון די אַמאָליקע פּאַרטייען און ריכטונגען אויף דער יידישער גאַס האָבן דאַן אָנגעהויבן צו פירן אין געטאָ, בפרט צווישן דער יוגנט, א געהיימע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, וואָס איז געווען אויסן צו אָרגאַניזירן זייערע אידעאָלאָגישע אָנהענגער.

א באַזונדערע אַקטיוויטעט האָבן גענומען אַרויסווייזן די כּלערליי ציוניס־טישע גרופּירונגען, פון איין זייט, און די לינק־געשטימטע עלעמענטן, פון דער צווייטער זייט.

ביי דער ציוניזם, וועמענס אידעאַל ס'איז צו לייזן דאָס אייביקע יידישע גלות־פּראָבלעם — און וואָס גלות באַדייט, האָט מען דעם געטאָ־ייד ניט באַדאַרפט דערקלערן! — ביי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, די גרויסע און מעכטיקע מלוכה, וואָס האָט אויף אירע פּלייצעס אַדורכגעטראָגן די שווערסטע לאַסט ביים צע־שמעטערן דעם רוצחישן היטלעריזם — דעם גרעסטן דם־שונא פונעם געטאָ־ייד! — האָבן שטאַרק אָנגעלאָקט די געזעלשאַפטלעך־באַוווסטזיניקערע טיילן פון דער געטאָ־יוגנט.

איטלעכע פון די אויבנדערמאָנטע געזעלשאַפטלעכע שיטות האָט זיך געהאַט איר פּעריפעריע און האָט זיך געמיט, דורך א געהיימער אָרגאַניזאַציאָנעלער טע־טיקייט, אויפצוהאַלטן ביי די סימפּאַטיקער א מונטערן גייסט און אויך א וואַכ־זאַמקייט בנוגע די געשעענישן אין געטאָ־לעבן.

די לינקע עלעמענטן אין געטאָ האָבן דאַן באַוויזן ניט נאָר צו אָרגאַניזירן זייערע אָנהענגער, נאָר גלייכצייטיק האָבן זיי שוין צו יענער צייט געפּרווט אויך איינצושטעלן א קאָנטאַקט מיט די לינק־אָריענטירטע עלעמענטן אין שטאָט.

ביסלעכווייז האָט זיך אויך אָנגעהויבן איינצושטעלן א געוויסע פאַרבינדונג צווישן די באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען אינעם געטאָ־לעבן, מיטן ציל איינצושטעלן א קאָאָרדינירטע טעטיקייט מצד אַלע געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע ריכטונגען. פון דער דאָזיקער צוזאַמענאַרבעט פון די באַזונדערע שטרעמונגען איז שפּעטער־צו אויסגעוואַקסן די אַלגעמיינע באַוועגונג ביי דער געטאָ־יוגנט אַוועקצוגיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער, כּדי זיך צו שטעלן אין די רייען פון די קעמפער קעגן די נאַציס*).

ווען אין געטאָ איז שפּעטער־צו געוואָרן אַקטועל דאָס בויען פון „מאַלינעס", ד.ה. בונקערס, ווו זיך צו אויסצובאַהאַלטן אין דער צייט פון אַקציעס און פאַר־

*) גענויער וועגן דעם ענין — אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.





וואָרנונג ניט צוצוגייִן נאָענט
צום געטאָ־צוים

בענאָ ליפּצער, איינער פון די
וויכטיקסטע יידישע דעה־
זאָגערס אין געטאָ

# Eine Kauener Schutzmannschafts-Abteilung verabschiedet

***Neuer Auftrag für treue Dienste / Ansprachen des Generalkommissars und des Kommandeurs der Ordnungspolizei***

**Gestern fand in Kauen die Verabschiedung einer litauischen Schutzmanschafts-Abteilung, die in einem neuen Bestimmungsgebiet neue Aufgaben erhalten hat, statt. Die Verabschiedung nahm der Kommandeur der Ordnungspolizei Litauen, Major der Schutzpolizei Engel, vor.**

Kurz nach 15 Uhr waren die Männer der Schutzmannschafts-Abteilung in einem offenen Viereck auf dem Kasernenhof in Schanzen angetreten. Als der Kommandeur der Ordnungspolizei Litauen, Major der Schutzpolizei Engel, mit dem Kommandeur der Gendarmerie Litauen, Hauptmann der Gendarmerie Brokmus, und den Herren ihres Stabes, auf dem Platz eingetroffen waren und sich mit dem Inspekteur der litauischen Schutzmannschafts-Abteilungen, Major Krischtschunas, dem Kommandeur der Ordnungspolizei Litauen, Major der Schutzpolizei Engel, Meldung erstattet hatte, begrüsste Major Engel den inzwischen eingetroffenen Generalkommissar Dr. von Renteln. Beide schritten in Begleitung des Inspekteurs der litauischen Schutzmannschafts-Abteilungen und des Führers des angetretenen Bataillons die Front ab.

Der Kommandeur der Ordnungspolizei Litauen, Major der Schutzpolizei Engel, richtete an die Männer der litauischen Schutzmannschafts-Abteilungen folgende Abschiedsrede:

Offiziere und Männer der Schutzmannschafts-Abteilung!

Nachdem der Bolschewismus durch die Deutsche Wehrmacht aus dem General-Gebiet Litauen vertrieben Volk auch für Euch und Euer Volk geleistet hat, bewiesen, dass Ihr gewillt seid, der Weltpest, dem Bolschewismus, entgegenzutreten.

Heute seid Ihr ausersehen, in einem anderen Standort Eueren Dienst zu versehen. Der neue Standort liegt vorerst in Estland. Ich bin davon überzeugt, dass Ihr überall dort, wohin Ihr auch gestellt werdet, Eueren Dienst getreu den soldatischen Tugenden, tapfer, treu und gehorsam verrichten werdet. Ich weiss auch, dass Ihr mir, als Euerem bisherigen Kommandeur, überall Ehre einlegen werdet und danke Euch für Euere bisherige Gefolgschaft.

Ich verabschiede Euch somit von hür, mit den besten Wünschen für Euch und Eure Formation.

Nach dem Kommandeur der Ordnungspolizei Litauen, Major der Schutzpolizei Engel, sprach Generalkommissar Dr. von Renteln. Er wandte sich an die angetretenen Männer der Schutzmannschafts-Abteilung mit folgenden Worten:

Wir stehen in einer Zeit, die seit Jahrhunderten die grösste Auseinandersetzung um das Schicksal von ganz Europa und jedes einzelnen von uns mit sich bringt. Es handelt sich





ליטווישע טרופּן ווערן גע־
שיקט מחוץ די גרענעצן פון
ליטע אויסצופירן „ספּעציע־
לע" אויפגאַבעס (Kauener
Zeitung נומ. 27 פון 11־טן
נאָוועמבער 1941)

X דר. פאָן רענטעלן, גענעראַל־קאָמיסאַר פון ליטע. XX האַנס קראַמער, קאָוו־
נער שטאָט־קאָמיסאַר

שלעפּונגען, זיינען די אָרגאַניזירטע גרופּירונגען געווען פון די ערשטע און ענער־גישסטע בויער פון „מאַלינעס“.

חוץ דער דאָזיקער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט צווישן דער יוגנט, האָט דאָ אין געטאָ זיך אויך אָנגעהויבן א טיילווייז־לעגאַלע קולטור־טעטיקייט (פאַרשטייט זיך, אין א זייער־באַגרענעצטן מאַסשטאַב), וואָס איז געוואָרן אָר־גאַניזירט מצד דעם שול־אַמט ביים עלטעסטן־ראַט.

פאַר די קינדער פון שול־עלטער זיינען בשעתו געעפנט געוואָרן אייניקע פאָלקס־שולן, און פאַר די גרעסערע קינדער — א פאַך־שול מיט אייניקע אָפּ־טיילונגען צו לערנען א מלאכה. פון צייט־צו־צייט פלעגן אויך אָרגאַניזירט ווערן האַלב־לעגאַלע לעקציעס, פאָרטראַגן, קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען, וואָס פלעגן צו־ציען א היפּשן עולם*).

צו יענער צייט איז אין געטאָ אויך אָרגאַניזירט געוואָרן א יידישער אָרקעס־טער**), וואָס פלעגט שבת און זונטיק אייַנאָרדנען אין איינער פון די געביידעס פון די אַמאָל־באַרימטע סלאָבאָדקער ישיבות עפנטלעכע קאָנצערטן, צו וועלכע ס׳פלעגן אחוץ יידן אויך „באַוויליקן“ צו קומען פאַרשטייער פון שטאָט־קאָמי־סאַריאַט און געטאָ־קאָמענדאַנטור.

מאָמענטנווייז האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ביסלעכווייז ווערט פאַרצויגן א דין הייטל אויף די אָפענע ווונדן פון געטאָ־ישוב. אָבער נאָר אויף א סעקונדע פלעגט דער געטאָ־ייד קענען פאַרגעסן זיין מיאוס־טראַגישן גורל. דער נאַציִשער רעזשים אין־און ארום געטאָ האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, דער ייד זאָל אויף שריט און טריט דערשפּירן, ווו ער האַלט אין דער וועלט...

* *
*

אין קאָוונער געשטאַפּאָ־קרייזן האָט א געוויסע צייט (פון אָנהויב־אָקופּאַציע ביז לערך זומער 1942) געשפּילט א קענטיקע ראָלע דער ליטוויש־יידישער יונגער־מאַן כספי־סערעבראָוויטש. דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט נאָך אין די צייטן פון דער סמעטאָנאַ־הערשאַפט אין ליטע געהאַט הינטער זיך א טונקעלע פאַרגאַנגענ־הייט און איז מחמת דעם מצד די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען אין די יאָרן 1940־1941 אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה, פונוואַנען ער איז צוזאַמען מיט פיל אַנ־דערע אַרעסטירטע באַפרייט געוואָרן מיטן אָנקום פון די דייטשן קיין קאָוונע.

מחמת זיינע פאַרבינדונגען מיט געשטאַפּאָ, האָט כספי־סערעבראָוויטש באַ־קומען דאָס רעכט צו וווינען אין שטאָט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז

**) ז. „שול־אמט“.
*) ז. „פּאָליציי־אָרקעסטער“ אין מאָנאָגראַפיע: „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ“

געווען א ייד. אגב, איז ער געווען אין דעם פּרט דער איינציקער קאָוונער ייד, וואָס האָט געגאָסן מצד געשטאַפּאָ אזא אומגעוויינלעכע „פּריווילעגיע". אין געשטאַפּאָ איז כספּי געווען טעטיק אלס באַאַמטער פאר פּוילישע אָדער אנדערע ענינים און איז הוצדעם געווען באַפולמעכטיקט מצד געשטאַפּאָ צו האָבן די אויפזיכט איבערן געטאָ. דעריבער האָט ער טאקע ארויסגעוויזן אן אקטיוון אינטערעס פארן יידישן לעבן אין געטאָ, און ער פלעגט זייער אָפט קומען צום עלטעסטן-ראט און צו דער לייטונג פון דער יידישער געטאָ-פּאָליציי.

צוליב מורא פאר זיין פּאָזיציע אין געשטאַפּאָ, פלעגט דער עלטעסטן-ראט זיך אונטערוואַרפן זיינע ווינטשן און מיינונגען בנוגע פארשיידענע ענינים פון געטאָ-לעבן, בפרט ביים באַשטימען די העכערע פונקציאָנערן פון יידישן געטאָ-אַפּאַראַט.

ביי דער געלעגנהייט וועט זיין אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אז כספּי, וואָס איז פאר דער מלחמה געשטאַנען נאָענט צו דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג אין ליטע, האָט געפּרוווט איינריידן זיינע געשטאַפּאָ-באַלעבאַטים, אז די יעמאָלטיקע רעוויזיאָניסטישע שטרעמונג פון אחימאיר א.ג. „קעגן שטראָם" איז אויסגעשפּראָכן אַנטי-ענגליש, און זי סימפּאַטיזירט מיט היטלערן און זיינע אַקס-מלוכות. אויף אזא אופן האָט ער געוואָלט זיך איינשאַפן מער „זיכערקייט" און אָנזען אין די אויגן פון געשטאַפּאָ. דערגאַנגען וועגן דעם איז מען צופעליק דאָן, ווען ס'איז אין די הענט פון געשטאַפּאָ אריינגעפאַלן א פּעקל בריוו, געשיקט פון קאָוונער געטאָ קיין ווילנע*). כספּי אלס אויספאָרשער פונעם ענין האָט געוואָלט שיצן זיינע רעוויזיאָניסטישע חברים, וועלכע האָבן געהאט געשיקט בריוו צו יוסף גלאַזמאַן קיין ווילנע, און אויך זייערע בריוו זיינען געווען אריינגעפאַלן אין געשטאַפּאָ.

כספּי-סערעבראָוויטשעס השפּעה אויפן עלטעסטן-ראט האָט אָבער ארויסגערופן די קנאה מצד אן אנדער יידישן יונגנמאַן, בענאָ ליפּצער, וואָס איז, ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, געווען א בריגאַדיר פון דער יידישער ארבעטס-בריגאַדע אין קאָוונער געשטאַפּאָ, און האָט אויך פאַרמאָגט געוויסע פאַרבינדונגען מיט העכערע געשטאַפּאָ-לייט. אויך ליפּצער האָט געפּרוווט אויסאיבן זיין השפּעה אויפן עלטעסטן-ראט.

אייניקע חדשים האָט אָנגעהאַלטן דער קאָנקורענץ-קאַמף צווישן די אויבנדערמאָנטע יידישע יונגעלייט, ביז אָנהויב-זומער 1942 האָט ענדלעך ליפּצער, אויסנוצנדיק א פּאַסיקע סיטואַציע קעגן סערעבראָוויטשן, דערגרייכט זיין ציל: נאָכדעם, ווי כספּי-סערעבראָוויטש איז צוליב געוויסע סיבות אריינגעפאַלן אין אומחן ביי זיינע געשטאַפּאָ-באַלעבאַטים, און זיי האָבן אים מיט זיין משפּחה

*) ז. „דורכפאַל פון אומלעגאַלער בריוו-פאַרבינדונג צווישן קאָוונער א. א. געטאָס" אין מאָנאָגראַפיע: „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ".

אומגעבראכט אונטערוועגס פון א כלומרשטער קאָמאנדירונג קיין ווילנע, איז ליפּצער דאן באפּולמעכטיקט געוואָרן מצד געשטאפּאָ אויפצופּאסן אויף דער טעטיקייט פון עלטעסטן=ראט און זיינע מוסדות.

ליפּצער, וואָס איז פאר דער מלחמה געווען א וואָיאַזשאָר פון א קאָוונער ראדיאָ=פירמע, איז געווען א מענטש אין די פערציקער יאָרן, כמעט אָן בילדונג, נאָר מיט א שטארק אנטוויקלטער מאכט=אמביציע. אין געטאָ פלעגט ער שטענדיק ליב האָבן צו לאָזן פילן זיין מאכט=שטעלונג און פלעגט ריידן מיט א טאָן פון אן אויפגעקומענעם „שררה“. אדאנק זיינע נאָענטע באציאונגען מיט געוויסע געשטאפּאָ=גדולים, איז ער געוואָרן דער אומגעקרוינטער יידישער „דיקטאטאָר“ פון קאָוונער געטאָ=ישוב.

למען האמת מוז מען אָבער אויך צוגעבן, אז צענדליקער יידן, וועלכע זיינען ביי פארשיידענע געלעגנהייטן געווען אריינגעפאלן אין געשטאפּאָ, זיינען געראטעוועט געוואָרן פון א זיכערן טויט מחמת זיין באקאנטשאפט מיטן יעמאלטיקן רעפערענט פאר יידישע ענינים אין געשטאַפּאָ דעם גרויזאמען יידן=מערדער שטיץ*), וועמען ער פלעגט „שמירן“ מיט גרויסע סומעס שוחד.

ס'זיינען אָבער אויך געווען פאלן, ווען ליפּצער פלעגט זיך דערלויבן צו ראטעווען דאָס לעבן פון איין יידן אויפן חשבון פון אן אנדער ארעסטירטן יידן, ווייל זייער אָפּט איז געשטאפּאָ נאָר אָנגעגאנגען, מ'זאָל אומברענגען א יידן, ניט וויכטיק דעם צי יענעם...

אויף יעדן פאל האָט אָבער אזא השפּעה פון ליפּצערן אין די געשטאפּאָ=קרייזן זייער שטארק אימפּאָנירט דעם רעכטלאָזן און שוצלאָזן געטאָ=יידן, בפרט דעם נידערגעשלאָגענעם „עמך“=מענטש פון געטאָ. צענדליקער לעגענדעס און מעשיות, ווי אזוי ער, ליפּצער, האָט ארויסגעראטעוועט יידן פון טויט אין די סאמע לעצטע מינוטן פאר אָפּפירן זיי אויפן 9=טן פאָרט צום דערשיסן, האבן זיך ארומגעטראָגן צווישן דער געטאָ=באפעלקערונג, און זיין אָנזען און פּאָפּולאריטעט אין געטאָ איז דורך דעם זייער שטארק אויסגעוואקסן.

מיט זיינע דעמאגאָגישע ארויסטריטן לטובת די פשוטע פאָלקס=מענטשן, האָט ער גאָר גיך זיך דערוואָרבן זייער סימפּאטיע. ער פלעגט אָננעמען אָנקלאגעס און בקשות מצד די יידן וועגן באגאנגענע לגבי זיי עוולות מצד די געטאָ=אינסטיטוציעס און פלעגט אויף דעם געבן געהעריקע פאראָרדנונגען צו די אנטשפּרעכנדיקע מוסדות, וואָס פלעגן זיינע באשטימונגען אויספירן אזוי פּינקטלעך, ווי א פאראָרדנונג מצד דער מאכט.

*) זומער 1943 איז בשכנות פון ווילנע מצד אַ יידישן פּאַרטיזאַנער אויסגעפירט געוואָרן אויף שטיצן אן אַטענטאַט, פון וועלכן ער איז אין אַ פּאָר טעג ארום געשטאָרבן.

גיין זיך קלאָגן פאַר ליפּצערן — איז דעריבער דאָן געווען אַ סטראַשונעק ניט נאָר פאַר אַ נידעריקן באַאַמטן פון אַ געטאָ־מוסד, נאָר אפילו פאַר די אָנפירנדיקע פונקציאָנערן פונעם יידישן געטאָ־אַפּאַראַט.

ווען דאָס געטאָ איז נאָוועמבער 1943 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און אַלס לאַגער־קאָמענדאַנט איז באַשטימט געוואָרן דער ס.ס.־אָבערשטורמבאַנפירער געקע, האָט ליפּצערס שטערן לכתחילה גענומען אונטערגיין. נאָכמער איז זיין אָנזען געזונקען, ווען זיין אַרבעטס־בריגאַדע האָט אויפגעהערט צו גיין אַרבעטן אין שטאָט ביי געשטאַפּאָ, ווייל אין געטאָ גופא זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן וואַרשטאַטן, ספּעציעל פאַר די געשטאַפּאָ־לייט. זיין קאָנטאַקט מיט געשטאַפּאָ איז דורכדעם געוואָרן פאַרשוואַכט, און זיין השפעה אין געטאָ איז געוואָרן שטאַרק פאַרמינערט.

אין דער צייט פון אַרעסט פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי, וואָס איז פאָרגעקומען סוף־מערץ 1944 גלייכצייטיק מיט דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע, האָט ליפּצער געשפּילט אַ זייער־פאַרדעכטיקטע ראָלע *).

נאָך דער ליקווידאַציע פון עלטעסטן־ראַט אין פרילינג 1944, ווען ער, ליפּצער, איז געוואָרן שעף פון „אָרדנונג־דינסט"**), וואָס האָט געדאַרפט פאַרבייטן די ליקווידירטע יידישע געטאָ־פּאָליציי, האָט זיין שטערן ווידער גענומען העל אויפשיינען, און זיין פונדאָסניי־דערוואָרבענע השפעה האָט אָנגעהאַלטן ביז דער דעפּאָרטאַציע און ליקווידאַציע פון געטאָ.

בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט ליפּצער געהאַט זיך פאַרבאַהאַלטן אין איינער פון די געטאָ־מאַלינעס. ווען זיין מאַלינע איז אַנטדעקט געוואָרן מצד די געשטאַפּאָ־לייט, און זיי האָבן באַפוילן די מענטשן פון דאָרטן אַרויסצוקריכן, האָט ליפּצער פאַר דעם נאָך באַוויזן איינצונעמען גיפט, וואָס האָט אָבער אויף אים ניט געווירקט. געוואָלט האָט ליפּצער מיטגיין מיט די דעפּאָרטירטע יידן, אָבער דער לאַגער־קאָמענדאַנט געקע, וואָס האָט אים געהאַט אַרומגעזוכט עטלעכע טעג, זינט ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין מאַלינע ווי אויך געשטאַפּאָ, וואָס האָט געהאַט אויף אים אַן אויג פאַר זיין וויסן צופיל „סודות פון חדר", האָבן ניט דערלויבט אים מיטצוגיין מיט די דעפּאָרטירטע יידן. אויף מאָרגן איז ליפּצער דערשאָסן געוואָרן און, ווי עדי־ראיה האָבן דערציילט, זאָל מען אים האָבן נאָך מיט סמנים פון לעבן אַריינגעוואָרפן אין די פלאַמען פון ברענענדיקן יידישן שפּיטאָל, וווּ ער איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך דערמאָרדעטע געטאָ־יידן ***).

*) ז. „אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע".

**) ז. קאַפּיטל־אָפּשניט: „גרינדונג פון אָרדנונג־דינסט".

***) ז. „דעפּאָרטאַציע און ליקווידאַציע פון געטאָ".

צוזאמען מיט ליפּצערן איז אויך דערשאָסן געוואָרן נאָך א מיטארבעטער פון זיין בריגאַדע, חיים מאַטעמאַטיק. דער דאָזיקער יונגערמאַן פלעגט אין געשטאַפּאָ הערן געהיים אויסלענדישע ראַדיאָ־נייס, וואָס ער פלעגט דערנאָך איבערגעבן אין געטאָ.

הגם ליפּצערס באַציאונגען מיט געשטאַפּאָ זיינען געבליבן אומאויפגעקלערט, איז דאָך מער ווי זיכער, אז ער האָט דאָרטן, בכלל גענומען, געשפּילט זייער א חשובֿדיקע ראָלע לגבי דעם געטאָ. בפרט איז געווען דייטלעך צו זען זיין פּראָוואָקאטאָרישע דאָפּלט־שפּיל ביים אַרעסט פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי. ס'איז אויך געווען מער ווי זיכער זיין „צושטייער" צום ליקווידירן דעם עלטעסטן־ראַט.

דער פאקט, וואָס ער איז געשטאנען אין פארבינדונגען מיטן ראפינירטן יידן־מערדער פון געשטאַפּאָ, קיטעל, דעם טרויעריק־באַרימטן ליקווידאטאָר פון ווילנער, קאָוונער א.א. געטאָס, זאָגט עדות אויף דעם, אז אין לעצטן קריטישן פּעריאָד פון געטאָ האָט ליפּצער — אפשר קעגן זיין ווילן — געבראַכט פאַרן געטאָ א סך צרות.

ווי געזען, האָט ליפּצער אין די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פונעם געטאָ־לעבן געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָלע, און זיין נאָמען איז ענג געבונדן מיט די וויכטיקסטע געשעענישן פון קאָוונער געטאָ־ישוב.

* *

*

ווי ס'איז שוין מערערע מאָל געזאָגט געוואָרן, איז איינע פון די וויכטיקסטע עקזיסטענץ־פּראגעס פון געטאָ געווען דאָס פּראָבלעם פון דערנערונג. דער גרעס־טער טייל שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס דאָס געטאָ פלעגט דאַרפן פאַרניצן, פלעגט אריינגעטראָגן ווערן מצד די ארבעטנדיקע אין די שטאָט־בריגאדעס.

די מורא פאר הונגער האָט די געטאָ־יידן געשטויסן צו פארשיידענע ריזיקאָלישע שריט ביים איינשאַפן זיך שפּייז, ווי א שטייגער, אַראָפּנעמען פון זיך די געלע לאטעס און „מעשה־גוי" אוועקגיין ערגעץ־וווּ בשכנות פון ארבעטס־פּלאַץ צו קריסטן, ביי וועמען מען פלעגט עפּעס קענען איינקויפן.

ניט ווייניק יידן זיינען טאקע ביי דער געלעגנהייט אריינגעפאלן אין די הענט פון דער ליטווישער פּאָליציי, וואָס פלעגט די „שולדיקע" גלייך אויסליפערן געשטאַפּאָ. פאַר אַזעלכע „חטאים" פלעגט געשטאַפּאָ אַוועקשיקן אויפן 9־טן פאָרט.

נאָכמער, דער יעמאָלטיקער גרויזאמער געשטאַפּאָ־מערדער שטיץ, דער ממונה פאר יידישע ענינים, פלעגט אין פאל פון כאַפּן א יידן אין שטאָט דערשיסן ניט נאָר דעם בעל־דבר, נאָר גלייכצייטיק אויך זיין גאנצע משפחה. צענדליקער יידן צוזאמען מיט זייערע משפחות האָבן אויף אזא אופן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס

פאַרן פּרוּוו צו באַזאָרגן פאַר זיך און פאַר די קינדערלעך א שטיקל ברויט און עפּעס צום ברויט.

גאַר גרויס איז געווען דאָס גליק פון די יעניקע געטאָ־יידן, וועלכע מען פלעגט נעמען אויף ארבעט אויף א טאָג־צוויי ערגעץ־ווו אין פּראָווינץ. דאָן איז ביי דער ארבעט געווען די בעסטע געלעגנהייט זיך איינצושאפן שפּייז צו ביליקע פּרייזן אין, אגב, אויך מיט ווייניק ריזיקע ארייננצופאלן אין געשטאפּאָ. אין אזא פאַל פלעגט מען די פאָרגדיקע אין פּראָווינץ שטארק מקנא זיין. איטלעכער געטאָ־ייד פלעגט זיך ווינטשן צו האָבן דעם זכות כאָטש איינמאָל צו קענען פאָרן אין פּראָ־ווינץ, כדי, ווי מען פלעגט אין געטאָ זאָגן, צו קענען „מאַכן אַ גוטן פעקל“, ד.ה. איינקויפן שפּייז־פּראָדוקטן צו ניט טייערע פּרייזן.

זומער 1942 האָט מען אויך גענומען נעמען יידישע פרויען און יונגטלעכע אויף ארבעט אין די גערטנערייען און פעלדער אין די גרויסע הויפן ארום קאָוונע. דאָס איז ווידער געווען פאַרן געטאָ א דאָפּלטער שאַנס: ערשטנס, האָבן א גע־לעגנהייט צו גנב'ענען גרינסן, תבואה און, צווייטנס, זיך איינקויפן ביי די ארומיקע פויערים פאַרשיידענע שפּייז־פּראָדוקטן.

אינדערצייט פון דער עקזיסטענץ פון די דאָזיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע אר־בעטס־בריגאַדעס, האָט דאָס געטאָ געהאט צו עסן גרינסן צו זאַט.

ס'פלעגט אויך פּאַסירן, אז דייטשע מיליטערישע אָדער ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פלעגן נעמען יידישע פרויען ביים איבערקלייבן קאַרטאָפל, גרינסן, א.א.וו., אָדער זיי פלעגן פאַרלאַנגען יידישע ארבעטער צום לאָדן תבואה א.א. שפּייז־פּראָדוקטן. אין אזא פאַל פלעגן יידן, מיט אָדער אָן דער הסכמה פון זייערע אויפזעערס, זען צוצוגנבען פאַר זיך א ביסל קאַרטאָפל, גרינס, תבואה א.א.וו.

פלעגט מען א יידן כאַפּן ביי אזא „פאַרברעכן“, פלעגט מען אים שלאָגן מכות־רצח און זייער־אָפט אפילו אים אויך איבערגעבן אין די הענט פון געשטאַפּאָ. פלעגט אָבער יאָ געלינגען עפּעס צו „אָרגאַניזירן“, ווי מ'האָט אין געטאָ און קאצעט אָנגערופן אזא שטיקל ארבעט, פלעגט מען שוין צוריקקערן אין געטאָ מיט פולע רוקזעק, און די שמחה איז געווען גוואלדיק גרויס...

א געוויסע ראָלע אין פרט פון דערנערונג האָט אויך געשפּילט דאָס אריינ־שמוגלען שפּייז־פּראָדוקטן דורכן געטאָ־צוים. ס'זיינען אין געטאָ געווען ספּעציעלע צוים־הענדלער, וועלכע האָבן געהאט פאַרבינדונגען מיט שטאָטישע ספּעקוליאַנטן, וואָס פלעגן זיי צושטעלן פאַרשיידענע שפּייז־פּראָדוקטן אין גרעסערע סכומים. פאַרשטייט זיך, אז ביי אזעלכע מסחרים פלעגן אויך זיין אריינגעצויגן געוויסע פּאָסטנס ארום געטאָ־צוים, ווייל אָן זייער הסכם וואָלט אזא שמוגל ניט מעגלעך געווען.

די צוים־העגדלער פלעגן די שפּייז־פּראָדוקטן פאַרקויפן די אומלעגאַלע שפּייז־קרעמלעך אין געטאָ אויף ווידערפאַרקויף אין דעטאַל. די קאָנקורענץ צווישן די צוים־העגדלער גופא האָט רעגולירט די פּרייזן פון די שפּייז־פּראָדוקטן אויפן „געטאָ־מאַרק".

ס'פלעגט זייער אָפט פּאַסירן, אַז ביים אריינברענגען אין געטאָ א גרעסערן סכום שפּייז־פּראָדוקטן, פלעגט די דיפערענץ צווישן די פּרייזן פון די דאָזיקע פּראָדוקטן אין שטאָט און אין געטאָ זיין אַזאַ מינימאַלע, אַז ס'פלעגט פּשוט ניט לוינען אַזעלכע פּראָדוקטן איינצוקויפן אין שטאָט.

יידן פלעגן דעריבער אַזעלכע פּראָדוקטן בעסער איינקויפן אין געטאָ גופא, צאָלנדיק פאַר זיי א ביסל טייערער, אָבער דערפאַר פלעגן זיי דורכדעם אויסמיידן די סכנה פון האָבן שאָדן, ווען די קאָנטראָל ביים געטאָ־טויער זאָל עווענטועל עפּעס קאָנפיסקירן פון די איינגעקויפטע שפּייז־פּראָדוקטן אין שטאָט.

א געוויסע צייט האָט די ייד. געטאָ־פּאָליציי אפילו געפּרוּווט פעסטשטעלן רעגולירטע פּרייזן אויף די שפּייז־פּראָדוקטן אין די געטאָ־קרעמלעך, כדי זיי זאָלן ניט באַרייסן די געטאָ־באַפעלקערונג.

די צוים־העגדלער, ס'רוב דרייסטע און אַדורכגעטריבענע יונגען, זיינען געווען די בעסט־סיטואירטע יידן אין געטאָ, און זיי פלעגן זיין אָנגעפּראָפּט מיט טויזנטער מאַרקן.

אמת ניט ווייניק פון זיי האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס אין די פאַלן, ווען ס'פלעגט פּאַסירן א דורכפאַל, און זיי פלעגן אריינפאַלן אין די הענט פון געשטאַפּאָ. די גרויסע פאַרדינסטן פון צוים־האַנדל פלעגן אָבער ניט אָפּהאַלטן די איבעריקע צוים־העגדלער ווייטער צו טרייבן זייער מסחר, וואָס האָט פאַר דער דערנערונג פון געטאָ געשפּילט זייער א וויכטיקע ראָלע.

* *
*

פאַרשיידן זיינען געווען די וועגן פון די געטאָ־יידן ביים מאַכן זייער חיונה. א גרויסער טייל אַרבעטער פון די בעסערע שטאָט־בריגאַדעס, ווי אויך א קליינע צאָל אַרבעטער פון די גוטע אַרבעטס־פּלעצער אויפן אַעראָדראָם, פלעגן אין פּרט פון מאַכן חיונה האָבן אַמבעסטן: ערשטנס, פלעגן זיי, גייענדיק צו דער אַרבעט, אַוועקטראָגן אויפן אַרבעטס־פּלאַץ צו פאַרקויפן פאַר געלט אָדער אויסבייטן אויף שפּייז־פּראָדוקטן פאַרשיידענע בגדים, שיך, וועש א.א. זאַכן, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין יידישן רשות. צווייטנס פלעגן זיי, צוריקקערנדיק פון דער אַרבעט, אַריינטראָגן אין געטאָ שפּייז־פּראָדוקטן, פון וועלכע א טייל פלעגן זיי פאַרניצן

פאַר זיך, און ס׳איבעריקע פלעגן זיי פאַרקויפן אַנדערע יידן פאַר פרייזן, וואָס פלעגן געבן אַ קענטיקן רווח.

אויף אַזאַ אופן פלעגן די אַרבעטער אין די בעסערע אַרבעטס־שטעלעס קענען האָבן במשך פון טאָג אַ דאָפּלטן פאַרדינסט: איינמאָל אין שטאָט ביים פאַרקויפן די זאַכן, און אַ צווייטן מאָל אין געטאָ — ביים פאַרקויפן די שפּייז־פּראָדוקטן.

אין געטאָ זיינען אויך געווען ספּעציעלע פאַרמיטלער, וועלכע פלעגן זיך פאַרנעמען מיט צושטעלן די אַרבעטער פון די גוטע אַרבעטס־פּלעצער פאַרשיידענע זאַכן צום פאַרקויפן אין שטאָט. די דאָזיקע זאַכן פלעגן זיי איינקויפן ביי די יעניקע געטאָ־יידן, וועלכע פלעגן אַליין ניט גיין אין שטאָט אַרבעטן. אויך זיינען אין געטאָ געווען פאַרמיטלער צו פאַרקויפן די אַריינגעטראָגענע שפּייז־פּראָדוקטן. ביידע מינים פאַרמיטלער פלעגן שוין אויך האָבן, ווי אַדורכצוקומען מיט דער חיונה.

וועגן ענין זאַכן אין געטאָ דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז די זאַכן פון די אַרויס־געפירטע יידן בעת די אַקציעס פלעגן מערסטנטייל איבערגיין צו זייערע קרובים, אָדער זיי פלעגן אָנקומען זייערע שכנים, אָפטמאָל אַפילו אומבאַקאַנטע מענטשן. אַ געוויסער טייל פון די דאָזיקע זאַכן פלעגט אויך אַריבער אין רשות פון סאָציאַלן אָמט, כדי זיי צו פאַרטיילן פאַר אומבאַמיטלטע געטאָ־יידן*). 16 טויזנט יידן, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען אין געטאָ, האָבן דעריבער פּאַקטיש פאַרמאָגט די זאַכן, וואָס האָבן געהערט צו די קרוב 30 טויזנט יידן, וועלכע זיינען אין אוי־גוסט 1941 אַריין אין געטאָ.

אמת, די בעסערע יידישע זאַכן זיינען צוגערויבט געוואָרן בעת די גרויסע הויז־זוכונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין האַרבסט 1941. אָבער אַפילו די איינפאַכע זאַכן האָבן אין שטאָט פאַרמאָגט אַ געווויסן ווערט. די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין שטאָט און בפרט אין דאָרף האָט געקויפט זייער גערן אַפילו די גענוצטע יידישע זאַכן, ווייל, ערשטנס, פלעגט נייע זאַכן דאַן זיין זייער שווער צו קריגן און, צווייטנס, פלעגן די יידן אוועקגעבן זייערע נאָך גאַנץ־גוטע זאַכן פאַר אַ קליינעם סכום שפּייז־פּראָדוקטן.

די בעלי־מלאכות, ווי אַ שטייגער, שניידער, שוסטער א.א. פלעגן אין דער צייט, ווען זיי פלעגן זיין פריי פון דער אַרבעטס־פליכט, מאַכן ביי זיך אינדערהיים פּריוואַטע באַשטעלונגען אָדער פאַר די געטאָ־יידן, אָדער צום פאַר־קויפן אין שטאָט. די דאָזיקע בעלי־מלאכות פלעגן דערביי גוט פאַרדינען.

ס׳זיינען אויך געווען יידן, וואָס האָבן געפּרוווט אויסנוצן דעם מאַנגל ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, דער עיקר ביי דער דאָרפישער, פון אַזעלכע

* ז. „סאָציאַל־אָמט״ אין מאָנאָגראַפיע: „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ״.

ארטיקלען, ווי פּרוויען־קאַפּטיכלעך, שירצן, היטלען א.א.וו.

אין געטאָ האָט דעריבער זיך אַנטוויקלט אַ גאַנצע „אינדוסטריע“, וואָס פלעגט אויסארבעטן די דאָזיקע ארטיקלען. אין דער דאָזיקער געטאָ־פּראָדוקציע פלעגן זיין ארייגנעצויגן מערערע פּערזאָנען. א טייל פון זיי פלעגט זיך פארנעמען מיטן גיין איבער די געטאָ־הייזער אויפקויפן געניצטע לאַקנס, טשיכלעך, ווייסצייג א.א.וו. אנדערע, ווידער, פלעגן זיך פארנעמען מיטן פארבן די דאָזיקע שטאָפן, מיטן אויסמאָלן אויף די קאָפּטיכלעך פארשיידענע אָרנאמענטן, ס'זאָל זיין ענלעך אויף א פאבריק־אויסארבעטונג א.א.וו.

יידן פלעגן אין געטאָ אויך פּראָדוצירן קאָנפעקטן, מאַנפּאַסיע א.א. זיסיקייטן צו פארקויפן אין שטאָט. צענדליקער יידישע משפחות האָבן פון אזעלכע „אומלע־גאלע“ באשעפטיקונגען געמאכט זייער בידנע געטאָ־חיונה, און אויף צו להעכים זייערע בלוטיקע שונאים פאר יעדן פּרייז געוואָלט אריבערלעבן אלע צרות און דערלעבן די מפּלה פון די נאַצים...

* *

*

במשך דעם צייט־אָפּשניט צווישן די ביידע איבערזידלונגס־אַקציעס קיין ריגע, האָבן די נאַצים דאָך ניט פארגעסן „מזכה צו זיין“ דאָס געטאָ מיט א גאנצער ריי גזירות און גזירה'לעך, וואָס האָבן געהאַט אויפן לעבן פון געטאָ אַן ערנסטע אויסווירקונג. מיר וועלן דערמאָנען נאָר די וויכטיקסטע פון זיי.

= × × =

די גזירה צו רוימען געטאָ־קווארטאלן פלעגט זייער אָפט טרעפן דער געטאָ־באפעלקערונג. געמענדיק אין אכט, אז דער וווין־שטח פאר א געטאָ־יידן איז אפילו אין די ראמען פון א „גרויסן“ געטאָ געווען א מינימאלער, קען מען זיך פאָר־שטעלן, ווי גרויס די ענגשאפט אין געטאָ פלעגט ווערן נאָך א באפעל צו רוימען א באשטימטן געטאָ־ראַיאָן...

אינמיטן יאנואר 1942, ביי א גאָר־שטארקן פראָסט פון די יעמאָלטיקע שטרענגע קעלטן, האָט פּלוצלונג דער געטאָ־קאָמענדאנט יאָרדאַן געהאט איבערגע־געבן דעם עלטעסטן־ראט א פאראָרדנונג במשך עטלעכע שעה צייט צו רוימען א גאנץ־היפּשן געטאָ־קווארטאל, דעם וויענאָזשינסקיא־ראַיאָן. דער „מאָטיוו“ מצד יאָרדאַנען איז געווען: נאָך במשך דעם זעלבן טאָג קומען אין די הייזער פון גע־רוימטן ראַיאָן 5000 ווינער יידן.

דער געטאָ־ראַיאָן איז צו דער געפאָדערטער צייט גערוימט געוואָרן, אָבער קיין ווינער יידן זיינען אין קאָוונער געטאָ ניט געקומען. לכתחילה האָט מען גע־מיינט, אז אָדער די גאנצע מעשה מיט די ווינער יידן איז נאָר געווען א „תירוץ“

צו רוימען דעם געטאָ־ראַיאָן, אָדער ווינער ייִדן זיינען טאַקע געקומען, אָבער אנשטאָט זיי צו בּרענגען אין געטאָ, האָט מען זיי אָוועקגעפירט אויפן 9־טן פאָרט. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז א גרופּע ווינער ייִדן האָט מען יענע טעג יאָ געבּראַכט אין ריגער געטאָ. ווייזט אויס, אז ס'איז יאָ געווען געפּלאַנט זיי צו בּרענגען אין קאָוונער געטאָ, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט מען זיי אָוועקגעפירט קיין ריגע.

שפּעטער־צו איז דער דאָזיקער ראַיאָן צוריקגעקערט געוואָרן דעם געטאָ, און אָנהויב־אָקטאָבער 1942 איז ער ווידער ארויסגענומען געוואָרן פון געטאָ־תחום. דאָס מאָל שוין אויף שטענדיק.

אַ צווייטע רוימונג פון געטאָ־קוואַרטאַל איז פאַרדערצייט פאָרגעקומען אין מאַי 1942, ווען ס'איז גערוימט געוואָרן אויף פאַנעריו גאַס דער רעשט פון די ייִדישע הייזער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער זייט פון די אומגראָדע נומערן, ווי אויך אַלע ייִדישע הייזער אויף די ארומיקע שכנישע געסלעך.

= X X =

דעם 7־טן מאַי 1942 האָבן די מאכט־אָרגאנען ארויסגעגעבּן צו דער געטאָ־בּאַפעלקערונג א בּאַפעל, לויט וועלכן ס'איז ייִדישע פרויען פארבאָטן געוואָרן צו שוואַנגערן. פאַרן עובר־זיין אויף דעם דאָזיקן בּאַפעל, איז געווען פאָרויסגעזען טויט־שטראָף פאר דער שוואַנגערער פרוי ווי אויך פארן קינד.

די שווידערלעכע איבּערלעבּונגען מחמת די אַקציעס און טאָג־טעגלעכע גזירות און הוצדעם אויך די אונטערדערנערונג האָבּן לכתחילה גורם־געווען אַן אַטראָפירונג פון געשלעכטלעכן לעבּן בּיי דער געטאָ־בּאַפעלקערונג: יונגע מענער זיינען געוואָרן אימפּאָטענט, און יונגע פרויען האָבּן פארלוירן די מענסטרואַציע.

ווען די כוואַליע פון מאסן־שחיטות איז סוף־1941 געוואָרן איינגעשטילט און אין פרילינג און זומער 1942 איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין געטאָ געוואָרן ניט אין ערך אַ בּעסערע, ווי פריער, האָט אויך דאָס געשלעכטלעכע לעבּן בּיי דער געטאָ־בּאַ־פעלקערונג בּהדרגהדיק גענומען צוריקבּאַקומען זיין מער־ווייניקער נאָרמאַלן כּאַראַקטער.

פיל פרויען, וואָס האָבּן דאן געהאט פארשוואַנגערט, האָבּן אָבּער וועגן דעם אין די ערשטע חדשים נאָך אליין ניט געוווּסט, ווייל דאָס ניט האָבּן קיין מענסטרו־אציע האָבּן זיי דערקלערט מיט די זעלבּע סיבות, וואָס זיינען אין דעם פּרט געווען מאָסגיבּיק אין דער פריערדיקער געטאָ־תקופה.

בשייכות מיטן אויבּנדערמאָנטן בּאַפעל וועגן פארבּאָט פון שוואַנגערשאַפט אין געטאָ האָט דאָס ייִדישע געזונטהייטס־אַמט פונאַנדערגעשיקט א בּער די ייִדישע הייזער קראַנקן־שוועסטערס און אקושאָרינס, כּדי אויפצופאָדערן די ייִנגערע פרויען, וועלכע האָבּן ניט קיין מענסטרואַציע, צו קומען אין געטאָ־אַמבּולאַטאָריע זיך אונ־טערזוכן, אויבּ די דאָזיקע דערשיינונג איז ניט אין צוזאַמענהאַנג מיט שוואַנגער־שאַפט.

די יעניקע פרויען, ביי וועלכע ס'איז דאן פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז זיי זיינען שוואנגער, האָבן געמוזט מאכן אבאָרטן. ביי די שוואנגערע פרויען אין די שפּעטערע מאָנאטן האָט מען געזען אָדער ארויסצורופן פרי־געבורטן, אָדער די דאָזיקע פרויען האָבן זיך געמיט ניט צו ווייזן אויף דער גאס, כדי זיי זאָלן ניט ווערן באמערקט מצד דייטשן, און די געבורטן פלעגן פּאָרקומען אין זייערע וווינונגען, און ניט אין שפּיטאָל.

די ניי־געבוירענע קינדער פלעגט מען אין אזא פאל פארשרייבן אין סטאטיס־טישן אמט פון געטאָ מיט א דאטע פון פאָרן אויבנדערמאָנטן באפעל, כדי זיי זאָלן זיין „לעגאל“.

אזוי ארום איז דאָס מאכן אַבאָרטן אין געטאָ געווען ניט נאָר געזעצלעך דער־לויבט, נאָר, נאָכמער, ס'איז געווען אָבליגאַטאָריש.

=×××=

די נאצי־באלעבאטים פון געטאָ האָבן אויך ניט געקענט רוען רויסנדיק, אז אין געטאָ זיינען פאראן בתי־מדרשים, וווּ יידן ריכטן אָפּ רעליגיעזע תפילות צום יידישן גאָט. אויך האָבן זיי ניט געקענט פארשטיין, צו וואָס דארפן יידישע קינדער, וועלכע וועלן פריער אָדער שפּעטער אומגעבראכט ווערן, לערנען אין די קינדער־שולן?...

כדי צו „רעגולירן“ די דאָזיקע ענינים, איז אין געטאָ דעם 26־טן אויגוסט 1942 פּובליקירט געוואָרן א באפעל פון דער מאכט צו שליסן אלע בתי־מדרשים און ס'איז אויך פארווערט געוואָרן פאר יידן אָפּצוריכטן רעליגיעזע תפילות בציבור. אמת, אין געהיים האָבן יידן אויך ווייטער געדאוונט אין מנינים, ווי געווען, אָבער די מאכט־אָרגאנען האָבן דערפון ניט געטאָרט וויסן.

אין דער זעלבער צייט זיינען אויך געשלאָסן געוואָרן די קינדער־שולן*)

= × × =

אז א געטאָ־ייד טאָר פאר זיך ניט האָבן קיין געלט, איז געווען א כלל די גאנצע צייט, זינט די נאצים האָבן צוגערויבט דאָס יידישע האָב־און גוטס.

דער עלטעסטן־ראט האָט אָבער פארמאָגט א גאנצע ריי מוסדות, וואָס פלעגן נעמען ביי דער באפעלקערונג פארשיידענע געלט־אָפּצאָלן. אזוי, א שטייגער, פלעגט מען אין די שפּייז־געשעפטן, ווו מען פלעגט דער געטאָ־באפעלקערונג ארויסגעבן די אָפיציעלע שפּייז־צוטיילונגען, ווי אויך אין דער געטאָ־גערטנעריי, אפּטייק, שפּיטאָל, קליינע געטאָ־ווארשטאטן א.א.וו. מוזן באצאָלן די אָפיציעלע ־ פעסטגע־שטעלטע פרייזן מצד דעם ווירטשאפט־אמט ביים עלטעסטן־ראט.

*) ז. „שול־אמט“ אין מאָנאָגראפיע: „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ“.

פון די דאָזיקע אָפּצאָלן פלעגט דער עלטעסטן=ראַט האָבן אַ היפּשע הכנסה, וואָס ער פלעגט פאַרווענדן לויט זיין אייגענעם איינזען.

אינמיטן אויגוסט 1942 איז אין עלטעסטן=ראַט גאַנץ אומגעריכט דערשינען דער יעמאָלטיקער געטאָ=באַלעבאָס פּאָן=קעפּען, וואָס האָט קאָנפיסקירט די קאַסע פון עלטעסטן=ראַט אין סכום פון לערך 30 ט. מאַרק. אויסער דעם איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן. דער יידישער געטאָ=אַדמיניסטראַציע צו נעמען וועלכע ס'איז געלט=אָפּצאָלן.

פון דאַן אָן איז אין געטאָ איינגעפירט געוואָרן אַ „געלטלאָזע“ ווירטשאַפט, ד.ה. אַלע הצטרכותן פון געטאָ=ייד, ווי פאַרפלעגונג, רפואות, באַקליידונג א.א.וו. האָבן געדאַרפט באַפרידיקט ווערן אָן שום באַלוינונג.

פאַקטיש איז אָבער געבליבן אַן אומלעגאַלער אָפּצאָל פאַר די אַלע זאַכן, ווי געווען.

= X X =

כדי צו מאַכן אַ סוף צום אומלעגאַלן אַריינטראָגן שפּייז=פּראָדוקטן אין געטאָ, האָט געשטאַפּאָ אָנגעמאָלדן, אַז אָנהויבנדיק פון 26=טן אויגוסט 1942 וועט ווערן להלוטין פאַרווערט אַריינצוטראָגן אין געטאָ ראַציאָנירטע שפּייז=פּראָדוקטן (און כמעט אַלע שפּייז=פּראָדוקטן זיינען דאַך דאַן געווען ראַציאָנירט...)

אַזוי ווי די דאָזיקע פאַראָרדנונג איז אָנגעמאָלדן געוואָרן מיט אַ 4=5 טעג פריער, האָבן יידן געוואָלט אויסנוצן די צייט, כדי אָנצוגרייטן אַ קליינעם רעזערוו פון שפּייז=פּראָדוקטן, מ'זאָל אויף דער נאָענטסטער צייט ניט דאַרפן זיין אָנגעוויזן אויף דער אָפיציעלער הונגער=פאַרפלעגונג.

אין אָט=די=אָ טעג פלעגן צום געטאָ=טויער אינדערפרי קומען הונדערטער מענער און פרויען, וועלכע פלעגן אַרבעטן אין די געטאָ=וואַרשטאַטן, אין די געטאָ=מוסדות, אָדער זיי פלעגן בכלל זיין באַפרייט פון דער אַרבעט מחמת עלטער אָדער געזונט=צושטאַנד, כדי מיטצוגיין אין שטאָט מיט אַן אַרבעטס=בריגאַדע און דאָרטן איינקויפן אַ ביסל שפּייז=פּראָדוקטן.

צוזאַמען מיט די שטענדיקע שטאָטישע אַרבעטער פלעגן אין יענע טעג ביים געטאָ=טויער זיך צונויפזאַמלען 6=7 טויזנט יידן און מיט אַלע כוחות קעמפן אַריינצופאַלן אין אַ בעסערער שטאָט=בריגאַדע, ווו מ'פלעגט ביי גינסטיקערע באַדינגונגען זיך איינשאַפן שפּייז=פּראָדוקטן. דער טומל און האַרמידער ביים געטאָ=טויער איז דאַן געווען, ווי אויף אַ ריזיקן יאַרמאַרק.

אַ קורצע צייט האָט טאַקע אָנגעהאַלטן דער פאַרבאָט אַריינצוטראָגן אין געטאָ שפּייז=פּראָדוקטן. פון טאָג=צו=טאָג איז אָבער די האַרבקייט פון פאַרבאָט דורכן לעבן גופא געוואָרן אַלץ מער אָפּגעשוואַכט, און גאָר אינגיכן האָבן יידן ווייטער אומלעגאַל אַריינטראָגן לעבנסמיטל, ווי געווען.

=XXX=

זומער 1942 האָט דאָס געטאָ אייניקע מאָל געדאַרפט געבן א געוויסע צאָל יידן פאַרן אַרבעטס-לאַגער אין פאַלעמאָן (אַן אייזנבאַן-סטאַנציע בשכנות פון קאָוונע), וווּ ביי פאַרשיידענע שווערע ארבעטן האָבן געאַרבעט פאַרשלעפּטע אויס-לענדישע ארבעטער.

די רעקרוטירונג פאַרן פאַלעמאָנער ארבעטס-לאַגער האָבן אדורכגעפירט די יידישע געטאָ-אינסטיטוציעס, און זי איז פאָרגעקומען מיט אלע טרויעריק-באַריכטע באַגלייט-דערשיינונגען ווי צוואַנג, געוויין, יללות און הילפלאָזער ווערן זיך מצד די יעניקע, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן אהין צו פאָרן.

איינער פון די טראַנספּאָרטן אויף פאַלעמאָן איז אָפּגעגאַנגען דעם ערשטן טאָג ראש-השנה 1942, און דאָס געטאָ האָט געהאַט דעם אמתן „יום-טוב“...

סוף-זומער האָבן אין געטאָ געגומען צירקולירן קלאַנגען וועגן דעם, אז ס'איז דאָ א פאָדערונג מצד דער מאַכט צו געבן א צווייטן מאָל מענטשן אויף ארבעט קיין ריגע. ענדלעך איז קלאָר געוואָרן, אז אזא פאָדערונג איז טאַקע פאַראַן. דאָס געטאָ האָט מיטאמאָל פאַרגעסן די טאָג-טעגלעכע זאָרגן און געגומען „לעבן“ מיט דער באַפאַרשטייענדיקער גזירה, וואָס איז געווען ניט אָפּצושרייען.

# קאַפּיטל XVII

## צווייטע איבערזידלונגס־אַקציע קיין ריגע

מאָסמיטלען מצד דער יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע צו רעקרו־טירן די נויטיקע צאָל מענטשן. — געשפּאַנטער פאַרלויף פונעם סוף פון דער רעקרוטירונג. — אָפּטראַנספּאָרטירונג פון די מענטשן קיין ריגע.

ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אז סוף־אָקטאָבער 1942 מוז דאָס געטאָ צום צווייטן מאָל געבן א 3־4 הונדערט יידן אויף ארבעט קיין ריגע, איז די לאגע אין געטאָ ווידעראמאָל געוואָרן געשפּאנט.

אמת, די שטימונג פאר דער צווייטער איבערזידלונגס־אקציע איז לכתחילה ניט געווען אזא פארצווייפלטע, ווי זי איז געווען בעת דער ערשטער איבערזידלונגס־אַקציע אָנהויב־פעברואַר 1942. דאָס וויכטיקסטע אין דעם פּרט איז געווען דאָס, וואָס דאָסמאָל האָט קיינער ניט געצווייפלט אין דעם, אַז דאָ האַנדלט זיך טאַקע וועגן פאָרן אויף ארבעט און ניט, חלילה, וועגן א פארניכטונגס־אקציע.

די גרוסן פון די יעניקע, וועלכע זיינען אוועקגעפירט געוואָרן קיין ריגע מיט 8 חדשים צוריק, זיינען ניט געווען קיין צו שלעכטע. אויך אין ריגע האָבן צו יענער צייט די יידן געארבעט ביי פארשיידענע צוואנגס־ארבעטן און האָבן געלעבט, לפי־ערך, אין ענלעכע באדינגונגען, ווי די קאָוונער יידן.

דאָך האָט קיינער ניט געוואָלט פארלאָזן זיין איינגעזעסענעם אָרט מיט די במשך דער צייט דערוואָרבענע „דערגרייכונגען“ און זיך לאָזן פונדאָסניי אָנהויבן בויען א לעבן ערגעץ־ווו ביי נייע, אומבאקאנטע באדינגונגען.

אנדערש איז געווען די לאגע פון די יעניקע יידן, ביי וועמען מען האָט בעת דער ערשטער איבערזידלונגס־אקציע געהאט אוועקגעפירט קיין ריגע נאָענטע משפחה־מיטגלידער, ווי א מאַן, אַ פרוי, קינדער, עלטערן א.א.וו. ביי פיל פון די דאָזיקע מענטשן איז לכתחילה געווען א גרייטקייט אפילו פרייוויליק צו פאָרן קיין ריגע, כדי צו זיין צוזאמען מיט די אייגענע.

דער עלטעסטן-ראט, וואָס האָט באַקומען פון דער מאַכט די אויפגאַבע צו רעקרוטירן די מענטשן פאַר ריגע, האָט, פאַרשטייט זיך, געפּרוּווט אויסנוצן די דאָזיקע שטימונג און האָט נאָך, פון זיין זייט, די פרייוויליקע בעלנים צו פאָרן קיין ריגע צוגעזאָגט מאַטעריעל צו אונטערשטיצן.

די צאָל פרייוויליקע איז אָבער ביי דער פאָר-רעגיסטראַציע געווען ניט קיין גרויסע, דעריבער איז געווען מער ווי זיכער, אַז מען וועט אויך דאָסמאָל רעקרוטירן די מענטשן אויף אַ צוואַנגס-אופן.

ווידעראַמאָל איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק און אַ נערוועזיטעט ביי די יעניקע געטאָ-יידן, וועלכע האָבן געקענט זיך ריכטן אויף דעם, אַז זיי קענען עווענטועל אַריינפאַלן אין דער רשימה פון די פּערזאָנען, וועלכע מען וועט צווינגען צו פאָרן קיין ריגע. די דאָזיקע פּאַנישע שטימונג האָט שטאַרק משפּיע-געווען לרעה אויך אויף דער איינשטעלונג פון די פרייוויליקע.

פון טאָג-צו-טאָג איז טאַקע דעריבער געוואָרן אַלץ קלענער די צאָל בעלנים פרייוויליק צו פאָרן קיין ריגע. נאָכמער, די לכתחילה-פאַרשריבענע צו פאָרן פרייוויליק האָבן גענומען מאַסנווייז אָפּרופן זייער גרייטקייט צו פאָרן.

די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן אָפּגערופן זייער פאַרשרייבן זיך, זיינען אָבער מצד דער יידישער געטאָ-אַדמיניסטראַציע באַטראַכט געוואָרן — צי זיי ווילן יאָ, צי זיי ווילן ניט — ווי די פאַסיקסטע קאַנדידאַטן פאַר דער איבערזידלונג קיין ריגע.

* *

*

אייניקע טעג פאַרן אָפּשיקן די מענטשן קיין ריגע, ווען די יידישע געטאָ-פּאָליציי האָט אָנגעהויבן צו פאַרהאַלטן די אָנגעצייכנטע פּערזאָנען, איז די שטימונג אין געטאָ געוואָרן שטאַרק עלעקטריזירט. מענטשן האָבן זיך גענומען צום איינציק-מעגלעכן מיטל: זיך אויסבאַהאַלטן פון דער געטאָ-פּאָליציי.

פיל האָבן אויך אויפגעהערט צו גיין אַרבעטן אין שטאָט, מ'זאָל זיי ניט פאַרהאַלטן ביים געטאָ-טויער בעת זייער צוריקקומען פון דער אַרבעט. די לופט אין געטאָ איז ווידעראַמאָל געוואָרן אָנגעפילט מיט אימה און פּיין.

פאַרדערצייט האָט די געטאָ-פּאָליציי פאָרגעזעצט צו פאַרהאַלטן די אָנגעמערקטע פּערזאָנען. ווי ס'איז געווען דער פאַל בעת די פאָריקע רעקרוטירונגען, האָבן אויך דאָסמאָל פיל פאַרהאַלטענע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט וועמען-ניט-איז פון די העכערע יידישע געטאָ-באַאַמטע, געפּרוּווט דורך זייערע נאָענטע אויף דער פריי זיך משתדל-זיין, מ'זאָל זיי באַפרייען. אויפן אָרט פון די פאַרהאַלטענע, וועלכע מ'האָט פריי געלאָזן, האָט מען געמוזט פאַרהאַלטן אַנדערע פּערזאָנען. דאָס האָט דעם קנויל פון ענויים און שרעק נאָך מער פאַרגרעסערט.

נאָך אַלעמען איז אַ טאָג פאַרן אָפּשיקן דעם מענטשן־טראַנספּאָרט נאָך אַלץ ניט געווען די נויטיקע צאָל פערזאָנען, און דעם רעשט האָט מען ביים געטאָ־טויער געכאַפּט פון די צוריקגעקערטע פון דער אַרבעט. דאָסמאָל האָבן עס אַדורכגעפירט די יידישע אינסטאַנצן אַליין.

כדי ניט אַרויסצורופן קיין חשד מצד די יעניקע, וועלכע מען וועט פאַר־האַלטן ביים געטאָ־טויער, אַז מען נעמט זיי אויף ריגע, האָט די יידישע געטאָ־פּאָליציי גאַנץ אומגעריכט אַדורכגעפירט, כלומרשט, אַ קאָנטראָל ביי די צוריק־געקערטע פון שטאָט, צי די געלע לאַטעס זיינען ביי זיי צוגעפעסטיקט, לויט די פאָרשריפטן מצד דער מאַכט, אָדער ניט.

ביי די יעניקע פערזאָנען, וועלכע מ'האָט געוואָלט פאַרהאַלטן, זיינען די לאַטעס, כלומרשט, ניט געווען אין אָרדנונג און מען האָט זיי אַריינגעפירט אין דער געטאָ־תפיסה, וואָס האָט זיך געפונען ביים געטאָ־טויער.

די דאָזיקע „המצאה" מצד דער געטאָ־פּאָליציי איז גאָר גיך דעשיפרירט געוואָרן. די פאַרהאַלטענע זיינען שוין אָבער געווען אין געטאָ־תפיסה אונטער באַוואַכונג, און בלית־ברירה האָבן זיי געמוזט שלום מאַכן מיטן גורל צו ווערן איבערגעזידלט קיין ריגע.

ביים אָפּשיקן דעם טראַנספּאָרט צו דער באַן, האָט ביים געטאָ־טויער זיך באַוויזן דאָס שרעקלעכסטע געשפענסט פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג — דער געשטאַפּאָ־מערדער שטיץ, פאַר וועמען יידן האָבן געציטערט אימת־מות, מחמת דער גרויסער צאָל יידישע קרבנות, וואָס ער האָט אומגעבראַכט. דער דאָזיקער ממונה פאַר יידישע ענינים אין געשטאַפּאָ האָט געקענט צו יעדן מאָמענט אָן דער מינדסטער סיבה אַוועקפירן יידן אויפן 9־טן פאָרט און זיי דאָרט אייגנהענטיק דערשיסן.

דער זאַמל־פּלאַץ און די שכנישע גאַסן אַרום געטאָ־טויער, ווו ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן פיל פריינט און באַקאַנטע אַרויסצובאַגלייטן די אָפּפירנדיקע יידן, זיינען מיטן אָנקומען פון תליון שטיץ תיכף־ומיד פריי געוואָרן פון מענטשן, ווייל יעדער איינער האָט מורא געהאַט זיך צו געפינען אין די ד' אמות פון נאַצי־רוצח, וועמענס נאָמען אַליין ס'פלעגט אַרויסרופן גרויליקע אַסאָציאַציעס פון בלוטיקע עקזעקוציעס איבער יידן אויפן 9־טן פאָרט.

אפילו די יידן, וועלכע מ'האָט געפירט מיטן טראַנספּאָרט, האָבן געמוזט באַהערשן זייערע אויפגערעקטע געפילן ביים פאַרלאָזן צום לעצטן מאָל דאָס געטאָ מיט אַלע זייערע פריינט און באַקאַנטע און ניט געבן קיין פּיפּס ביים פאַרבייַ־מאַרשירן דעם בלוטדורשטיקן יידן־מערדער שטיץ.

ערשט אַדורכגייענדיק דעם געטאָ־טויער און זייענדיק דערווייטערט פון שטיצן אויף אייניקע הונדערט מעטער, האָבן זיי געקענט אומגעשטערט באוויינען זייער גורל — דעם ביטערן גורל פון געטאָ־יידן, וועלכע זיינען פאראורטיילט ביז זייער פארניכטונג זיך צו פייניקן אינעם גרויזאַמען נאַצישן גיהנום...

## קאַפּיטל XVIII

# א תליה אין געטאָ

פאַרפאַל מיטן יידישן יונגנמאַן מעק, וואָס האָט געשאָסן אויף א דייטשן פון דער געטאָ־קאָמענדאַנטור. — תיכף׳דיקע געשטאַפּאָ־אויספאָרשונג. — אַרעסט פונעם עלטעסטן־ראט און זיין באַפריי־אונג. — דאָס עפנטלעכע אויפהענגען מעקן אין געטאָ.

1

נאָך דער צווייטער איבערזידלונגס־אקציע קיין ריגע זיינען אין געטאָ פאַרביי איייניקע, לפי־ערך, רואיקע וואָכן, אָן באזונדערע אויפטרייסלונגען. א קריטישער מאָמענט פאַרן געטאָ איז אָנגעקומען אינמיטן־נאָוועמבער 1942. דער דאָזיקער אומגעריכטער קריזיס איז געשען אויף פאָלגנדיקן אופן:

דאָס איז געווען זונטיק, דעם 16־טן נאָוועמבער1942, פאַרנאכט. אַ יידישער יונגערמאן מיטן נאָמען מעק, א מענטש אין די דרייסיקער יאָרן, א געוו. באַלע־באָס פון א זייגער־ און יוּוועליר־געשעפט אין קאָוונע, האָט באַשלאָסן צוזאמען מיט נאָך צוויי חברים זיינע גראָד אין דער צייט זיך אדורכצוגנבענען דורכן געטאָ־צוים, כדי זיך איינצואָרדנען אין שטאָט, ווי ניט־יידן. איינעם פון די דריי יונגעלייט איז געלונגען אדורכצוגיין דעם געטאָ־צוים בשלום, און נאָך אים איז געגאנגען מעק. ער האָט אָבער זיך פאַרטשעפּעט אָן די דראָטן פון צוים און איז מחמת דעם באמערקט געוואָרן מצד א פּאָסטן, וואָס איז געלאָפן אים פארהאלטן. דער דריטער יונגערמאן, וואָס האָט געזאָלט דורכגיין דעם צוים נאָך מעקן, איז שוין, פארשטייט זיך, ניט געגאנגען און איז תיכף פארשוונדן אין געטאָ.

צופעליק האט בשכנות פון דער דאזיקער פּאַסירונג זיך געפונען א העכערער פונקציאָנער פון דער געטאָ־וואַך, א ווינער דייטש מיטן נאמען פליישמאן. ווען פליישמאן איז צוגעלאפן צו מעקן, כדי אים צו פארהאלטן, האט מעק ארויס־געכאַפּט פון קעשענע א רעוואָלווער און האט גענומען שיסן. געטראפן האט ער מיט זיין שיסן קיינעם ניט, אבער ער איז תיכף פארהאלטן געוואָרן.

די דאזיקע איבעראשנדיקע ידיעה האט בליץ־שנעל זיך פארשפּרייט אין געטאָ און האט צווישן דער באפעלקערונג ארויסגערופן אן אומגעהויערע צע־

רודערונג, ווייל דאס איז געווען דער ערשטער פאַל, ווען א געטאָ=ייד האט געוואגט אויפצוהויבן געווער קעגן א דייטשן, בפרט קעגן אזא העכערן דייטשן געטאָ=באַאַמטן. דער שׂכל=הישר האט מחייב=געווען, אז דאס וועט קאסטן דעם געטאָ גאר גרויסע קרבנות. שוין ניט רײדנדיק וועגן עצם=פאַקט פון א יידישן אַטענטאַט אויף א דייטשן, האט מען מורא געהאט, דער דאזיקער פאַל זאל ניט דינען פאר די מאכט=אָרגאנען ווי אן אויסרייד צו באשולדיקן דאס גאנצע געטאָ אין, האבן געהיים געווער.

יידן האָבן בײ דער געלעגנהייט זיך דערמאָנט, אַז אין האַרבסט 1941, ווען ס'איז געווען ניט=מער ווי א פראוואקאטארישער בלבול וועגן א כלומרשטן שאָס מצד יידן אויפן יעמאָלטיקן שעף פון דער געטאָ=וואַך, קאָזלאָווסקי, איז אין געטאָ פארגעקומען די ערשטע מאסן=אקציע, וואָס האט אָפּגעקאסט דער געטאָ=באַפעלקערונג איבער 1000 קרבנות. וואָס=זשע דערווארט היינט דעם געטאָ, ווען ס'איז טאקע באמת פארגעקומען אן אטענטאט פון א יידן אויף א דייטשן?!. אזוי האָבן יידן דאַן געקלערט און זיך אויסגעמאָלן שווידערלעכע בילדער. יידן האָבן דעריבער מיט גרויס נערוועזיטעט און שפּאַנונג געוואַרט אויף די סאַנקציעס פאַרן געטאָ מצד דער אָקופּאַציע=מאַכט.

* *

*

אין א שעה=צוויי ארום נאכן דאזיקן פארפאל זיינען אין געטאָ אנגעקומען פארשטייער פון געשטאפּאָ צוזאמען מיטן שעף פון דער דייטשער שוץ=פּאָליציי, וועלכע האבן אנגעהויבן די אויספארשונג וועגן ענין. די שפּאַנונג אין געטאָ איז געוואָרן נאך גרעסער, ווען ס'איז באוווסט געוואָרן, אַז ווי א פועל=יוצא פון דער ערשטער אויספארשונג זיינען ארעסטירט געוואָרן אַלע מיטגלידער פון עלטעסטן=ראַט, אחוץ דעם פארזיצער דר. עלקעס, וואס איז צו יענער צייט געלעגן קראנק.

חוצדעם איז מצד דער אויספארשונג פאראָרדנט געווארן דער יידישער געטאָ=פּאָליציי תיכף צו אַרעסטירן 20 יידישע ערוב'ניקעס, ביז ס'וועט זיך איינגעפינען מעקס חבר, וואָס איז געווען אדורכגעגאנגען דורכן געטאָ=צוים און איז נעלם=געוואָרן. היות ס'איז געווען א גרונט צו דערוואַרטן, אַז די ערוב'ניקעס קענען פאלן אלס קרבנות מחמת דעם, וואס ס'וועט ניט געלינגען צו געפינען מעקס חבר, האט די יידישע געטאָ=פּאָליציי אלס ערוב'ניקעס פארהאלטן מענער און פרויען פון משוגעים=הויז, האפנונגסלאזע קראנקע א. א. וו. דאס איז געמאכט געוואָרן מיט דער כוונה, ס'זאלן ניט ליידן קיין געזונטע מענטשן און בעלי=משפּחות אין פאַל, ווען ס'וועט קומען צו בלוט=פארגיסונג.

גלייך נאָך דער ערשטער אויספאַרשונג זיינען די מיטגלידער פון עלטעסטן־ראַט אָפּגעפירט געוואָרן אין געשטאַפּאָ. אינעם ארעסט פון די מיטגלידער פון עלטעסטן־ראַט האָבן יידן אייַנגעזען אַ שלעכטן סימן, און ס׳איז שטאַרק געשטיגן די אומרואיקייט אין געטאָ צוליב דער דערוואַרטונג פון מאָרגנדיקן טאָג, ווען ס׳וועט קלאָר ווערן די טענדענץ פון דער מאַכט בייַם ליקווידירן דעם ענין.

פאַרדערצייַט האָבן יידן אויסגענוצט אַלץ, וואָס ס׳איז געווען אין זייער רשות, כדי „וויַיכער צו מאַכן" די הערצער פון די יעניקע נאַצי־מושלים, פון וועמען ס׳איז געווען אָפּהענגיק דער גאַנג פון דער אויספאַרשונג. אַ געוויסע ראָלע לטובת דעם געטאָ האָט געשפּילט דער פאַקט, וואָס אויך דער דייַטש פליישמאַן, וועלכער האָט באַקומען פון יידן די אמתע מתנה, האָט אויף דער אויספאַרשונג דערקלערט, אַז מען האָט בייַם שיסן ניט געצילט אין אים, נאָר האָט געשאָסן אין דער לופטן.

* *
*

ענדלעך איז נאָך פיל אנשטרענגונגען געלונגען דעם גאַנצן ענין אַ וועקצושטעלן אויף אַזאַ פּלאַן, אַז מען איז ניט קיין שליח־צבור פון געטאָ און איז זיין שריט באַגאַנגען לויט זיין פּערזענלעכער איניציאַטיוו, וועלנדיק אַנטלויפן פון געטאָ מחמת מורא פאַר באַפאַרשטייענדיקע פאַרניכטונגס־אַקציעס. חוץ אַלעמען האָט, ווייַזט אויס, קאָוונער געשטאַפּאָ דאַסמאָל ניט געהאַט קיין צו גרויסן חשק צו מאַכן פונעם ענין אַ צו גרויסן ווען און האָט אויף מאָרגן אינדערפרי די מיטגלידער פון עלטעסטן־ראַט באַפרייַט פון אַרעסט און זיי צוריקגעשיקט אין געטאָ.

מעקן האָט אָבער געשטאַפּאָ באַשלאָסן עפנטלעך אויפצוהענגען אין געטאָ. אמת, דאָס געטאָ, וואָס האָט זיך געריכט אויף סאַנקציעס אין אַ מאַסן־מאַשטאַב, האָט, דערוויסנדיק זיך דעם אורטייל פון געשטאַפּאָ, לייכטער אָפּגעאָטעמט. דאָך האָט די אָנגעמאָלדענע עקזעקוציע איבער מעקן, דורך הענגען אים, אַלעמען שטאַרק וויי געטאָן, ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל פון אויפהענגען אַ יידן אין קאָוונער געטאָ.

דינסטיק, דעם 18־טן נאָוועמבער, דעם טאָג, ווען ס׳איז באַשטימט געוואָרן אויסצופירן די עקזעקוציע איבער מעקן, האָבן יידן אַליין געמוזט צוגרייטן אַ תליה, וואָס איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַן אָפענעם פּלאַץ אַנטקעגן דער געבייַדע פון עלטעסטן־ראַט. מעק, וואָס איז שוין אין געשטאַפּאָ מערדערלעך צעממיטעט געוואָרן ביז דער עקזעקוציע, איז קוים אַ לעבעדיקער געבראַכט געוואָרן צו דער תליה. געהאַלטן האָט ער אָבער זיך, לפי־ערך, גאַנץ רואיק,

און זיין ערשטע פראַגע פארן גיין צו דער תליה איז געווען וועגן גורל פון זיין מוטער און שוועסטער, מיט וועמען ער האט אין געטאָ צוזאמען געלעבט.

די פארשטייער פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי, וועלכע האבן געמוזט צו־גרייטן די תליה און אויך בייזיין די עקזעקוציע, האבן אים בארואיקט, אַז אַלץ איז אין בעסטער ארדנונג. באמת האט אבער געשטאפּאָ זיין מוטער און שוועסטער געהאט אוועקגעפירט אויפן 9־טן פארט און דארטן זיי דערשאסן, איידער נאך מ׳האט אים, מעקן, אויפגעהאנגען.

דער יעמאלטיקער רעפערענט פאר יידישע ענינים ביים שטאט־קאמיסאריאט, דער ס.אַ.־מאַן מילער, האָט זיך ניט געפוילט אַליין צו לויפן אין די אַרומיקע יידישע הייזער, כדי צו צווינגען די פאראנענע יידן בייצוזיין די עקזעקוציע. דער גאנצער פארמעגן*) פון מעקן איז אריבער אין פריוואטן רשות פון די געשטאפּאָ־רוצחים, וועלכע האבן מיטן ענין געהאט צו טאָן.

א גאנצן מעת־לעת איז מעקס גוף געהאנגען אויף דער תליה. ס׳איז ניט שווער צו פאַרשטיין די יידישע געפילן יענעם טאָג... אַ קאַלטער שפעט־האַרבסטי־קער ווינט האָט אָן אויפהער באַוועגט הין און צוריק אויף דער תליה דעם קליינעם און אויסגעצויגענעם גוף פון מעקן. די תליה־שטריק אויף מעקס האלדז האט די געטאָ־יידן נאך מער, ווי אלע טאג, ניט געלאזן פארגעסן זייער טראגישן און האָפענונגסלאָזן גורל.

נאָכדעם ווי ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז דער ענין מעק איז ענדגילטיק ליק־ווידירט, זיינען די ערוב׳ניקעס באפרייט געוואָרן. אויף א ווײַלע האט דאס געטאָ ווידער זיך בארואיקט, אָבער טאקע ניט אויף לאנג, ווייל מיטן אנקומען פון יאר 1943 האט פארן געטאָ זיך אנגעהויבן אַ תקופה פון פערמאַנענטער אומרואי־קייט — א תקופה, ווען ס׳זיינען אין געטאָ־לעבן פארגעקומען וויכטיקע ענדע־רונגען, וואס האבן געהאט א דעצידירנדיקע השפעה אויפן ווייטערדיקן גורל פון די געטאָ־יידן.

---

*) אגב, אין גאָר אַ גרויסן ווערט, ווייל ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן בעת דער גע־שטאַפּאָ־רעוויזיע אין זיין וווינונג, האָט ער ניט אָפּגעליפערט זיינע קאָסטבאַרע חפצים אינדערצייט פון דער באַרויבונג פון יידישן האָב־און גוטס אין יאָר 1941.

## קאַפּיטל XIX

# „סטאַלינגראַדער אַקציע"

נאַציִשע מאַסמיטלען צו פאַרשטערן די יידן זייער שמחה צוליב דער דייטשער מפּלה בײַ סטאַלינגראַד. — פאַרלויף פון דער אַקציע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דעם געטאָ געניוע 50 קרבנות.

אין יאַנואַר 1943, ווען די לאַגע פון די אַרומגערינגלטע דייטשע חילות בײַ סטאַלינגראַד איז געוואָרן אַלץ קריטישער און ס'איז פאַר אַלעמען געווען צו זען בחוש, אַז דאָ, בײַ סטאַלינגראַד, הויבט זיך אָן דער באַרג־אַראָפּ פון דער דייטשער אַרמיי אויפן מזרח־פראָנט, איז די שטימונג אין געטאָ געוואָרן פון טאָג־צו־טאָג אַלץ מונטערער. יידן האָבן דייטלעך דערזען, אַז זייער לאַנג־געטרוימטע האָפענונג וועט־ניט־איז צו ווערן באַפרייט פון היטלערישן גיהנום, הויבט אָן ביסלעכווייז מקוים צו ווערן.

וואָס נענטער צום סוף־יאַנואַר, ווען אַפילו די דייטשע מיליטערישע אויבער־קאָמאַנדע האָט אין אירע פראָנט־באַריכטן שוין מער ניט געקענט פאַרהוילן די אומפאַרמיידלעכע דייטשע קאַטאַסטראָפע בײַ סטאַלינגראַד, האָבן אַלץ מער פּנימער פון געטאָ־יידן געגלוסטן שיינען און אויסדריקן פרייד און נקמה. ענדלעך איז די היסטאָרישע שלאַכט פאַר סטאַלינגראַד פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ רומפולן נצחון פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד און מיט אַן אויפטרייסלענדיקער מפּלה פאַרן נאַצי־דייטשלאַנד.

דער טאָג, ווען ס'איז אינעם דריטן רייך פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ נאַציאָ־נאַלער טרויער בשייכות מיט דער מפּלה בײַ סטאַלינגראַד, איז פאַר די געטאָ־יידן געווען אַן אמתער, לאַנג־דערוואַרטער יום־טוב. ניט נאָר אין געטאָ, נאָר אַפילו אין שטאָט בײַ דער אַרבעט צווישן קריסטן, האָבן יידן זיך געטיילט מיט זייערע פרייד־געפילן און האָבן העכער אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

ס'איז אָבער, פון דער אַנדער זייט, געווען זיך צו ריכטן, אַז די נאַצי־רוצחים וועלן זען די יידן צו פאַרשטערן זייער שמחה און בקרוב זיי צוטראַגן אַזוינס, וואָס זאָל זיי מאַכן פאַרגעסן וועגן דער דייטשער מפּלה און זיי באַוועגן צו האָבן צו

טאן מיט אייגענע צרות... לאנג ווארטן אויף־אזא שריט מצד געשטאפּאָ איז, ליידער, ניט אויסגעקומען.

דעם 3־טן פעברואר 1943, עטלעכע טעג נאך דער ענדגילטיקער דייטשער מפּלה ביי סטאלינגראד, זיינען, לויט א באפעל פון געשטאפּאָ, מצד דער ליטווישער פּאָליציי ארעסטירט געווארן אין שטאט עטלעכע צענדליק יידן. הגם ביז דאן פלעגן יידן זייער אָפט ביי דער אַרבעט אַרויסגיין בשכנות פון אַרבעטס־פּלאַץ, כדי אומלעגאל איינצוקויפן א ביסל שפּייז־פּראדוקטן און דאס פלעגט ס׳רוב אדורכגיין בשלום, איז דעם טאג אין שטאט ארעסטירט געוואָרן יעדער ייד, וואס האט נאר געפּרוווט וויפיל־ניט־איז זיך דערווייטערן פונעם ארבעטס־פּלאַץ.

אמת, יידן אליין האבן די טעג זיך שטארק געהיט, כדי ניט אריינצופאלן אין די הענט פון געשטאַפּאָ, ווייל זיי האָבן געוווסט פאָרויס, אַז די רוצחים, צערייצטע מחמת דער דייטשער מפּלה, וועלן איצט, נאָך מער ווי ווען־ניט־איז אין אנדער צייט, פאר קיין פאל ניט אַרויסלאָזן פון זייערע נעגל די יידישע קרבנות. דאך זיינען דעם טאג ארעסטירט געווארן אין שטאט עטלעכע צענדליק יידן ביים איינקויפן א לעבל ברויט, א ביסל קארטאפל, א צייטונג א. א. וו.

אויסער די ארעסטירטע יידן אין שטאט, האט אויך דער שעף פון די ליטווישע פּאָליציסטן ביי דער געטאָ־וואַך, דער רוצח ראַטניקאַס, אין געטאָ גופא ארעס־טירט א געוויסע צאל יידן, בעיקר פון די באלעבאטים פון די געהיימע שפּייז־קרעמלעך. זיין „אויסרייד“ איז געווען: קאַמף קעגן שוואַרץ־האַנדל אין געטאָ...

די ארעסטירטע אין שטאט האט מען געבראכט אין געשטאפּאָ, און די ארעס־טירטע אין געטאָ — אין דער געטאָ־תפיסה. געשטאפּאָ האָט אויך פאראָרדנט דער יידישער געטא־פּאָליציי צו פארהאלטן אלע משפחה־מיטגלידער פון די ארעסטירטע סיי אין שטאט, סיי אין געטאָ.

ווייסנדיק, וואס פארא טראגישן גורל ס׳דערווארט זיי און זייערע משפחה־מיטגלידער, האבן ס׳רוב ארעסטירטע יידן אין שטאט זיך געמיט ביי דער גע־שטאפּאָ־אויספארשונג ניט אנצוגעבן, אַז זיי האבן אין געטאָ משפחה־מיטגלידער. אויף אַזאַ אופן זיינען נצול־געווארן פון א זיכערן טויט פיל משפחה־מיטגלידער פון די אַרעסטירטע. בסך־הכל זיינען דאַן הן אין שטאָט, הן אין געטאָ פאַרהאַלטן געוואָרן קרוב 50 יידן, צווישן זיי מענער, פרויען און אַ צענדליק קינ־דערלעך.

* *
*

דעם 4־טן פעברואר 1943, אינדערפרי, ביים אריבערפירן די ארעסטירטע פון געטאָ־תפיסה אין דער געטאָ־וואַך, האָבן זיך אָפּגעשפּילט גרויליקע סצענעס.

ענדלעך זיינען די אַרעסטירטע אַרויסגעזעצט געוואָרן אויף שליטנס, מיט וועלכע מ'האט זיי געפירט צו דער געטאָ־וואַד, ווו ס'האָבן אויף זיי שוין געווארט געשטאַפּאָ־לייט.

דער צוג פון די שליטנס, אין וועלכע ס'זיינען געזעסן די צום־טויט־פאראורטיילטע, האט מיט זיך פאָרגעשטעלט א לויה פון לעבעדיקע מתים, וועלכע ווייסן גאַנץ גוט, וואס ס'דערוואַרט זיי אין אַ פּאָר שעה אַרום אויפן 9־טן פאָרט... אויסגעשעפּטע פיזיש און גייסטיק פון די שווידערלעכע איבער־לעבונגען, זיך גרייטנדיק במחשבה צו דער באַפרשטייענדיקער עקזעקוציע, האָבן זיי מיט זייערע רעזיגנירטע בליקן צום לעצטן מאל אין זייער לעבן אָנגעקוקט דאס געטאָ.

פארדערצייט איז געווען צו זען, ווי פארביי געטאָ איז פארביי געפאָרן אין דער ריכטונג צום 9־טן פאָרט דער טרויעריק־באַרימטער לאַסט־אויטאָ פון געשטאַפּאָ, אין וועלכן ס'זיינען געזעסן די אַרעסטירטע יידן אין שטאָט. אין אַ 20 מינוט אַרום האָט דער זעלבער לאַסט־אויטאָ צוריקגעקערט פון פאָרט און איז צוגעפאָרן צו דער געטאָ־וואַך צונויפנעמען די איבעריקע יידישע קרבנות.

דער געשטאַפּאָ־הענקער שטיץ, וואס האט אָנגעפירט מיט דער עקזעקוציע, איז געווען געקומען אין געטאָ־וואַך, כדי בייצוזיין ביים אָפּטראַנספּאָרטירן די צום טויט־פאראורטיילטע יידן. זיין אָנוועזנהייט האט ביי דער געטאָ־באַפעל־קערונג אָפּגענומען די מעגלעכקייט אביסל גענטער צוצוגיין צו דער געטאָ־וואַך און צום לעצטן מאל אָנקוקן די עטלעכע צענדליק יידן, וועלכע וועלן אין א שעה־צוויי אַרום אומגעבראַכט ווערן. צווישן די קרבנות זיינען אויך געווען דער באַ־קאַנטער קאָוונער רוסיש־יידישער זשורנאַליסט באַרים אָרעמשקין און זיין פרוי, וועלכע זיינען גראַד יענע טעג געוואָרן אַרעסטירט אויף א באַפעל פון געשטאַפּאָ צוליב זייערס אַ קינד, וואָס האָט געהאַט זיך אויסבאַהאַלטן אין שטאָט ביי באַקאַנטע קריסטן, און איז דאָרטן מצד געשטאַפּאָ צו יענער צייט אַנטדעקט געוואָרן.

ס'איז געווען א פארכמאַרעטער ווינטער־פרימאָרגן, ווען דאס געטאָ האט באַצאָלט מיט די לעבנס פון א גענויעם האַלבן הונדערט יידן. דורך דער דאַזיקער בלוט־באָד, וואס געשטאַפּאָ האט אָרגאַניזירט, כדי ס'זאָל די געטאָ־יידן ניט איינגיין זייער שמחה צוליב דער מפּלה פון זייערע מערדער, האָבן די היטלע־ריסטן דערגרייכט זייער ציל נאָר טיילווייז: די שטימונג אין געטאָ איז טאַקע

מחמת די אומגעבראכטע קרבנות געווען זייער א געדריקטע, אבער די דאזיקע טרויער־שטימונג איז ניט געווען ביכולת פולשטענדיק צו פאַרטושן די אויפגעהויבענע יידישע געפילן פון פרייד און נקמה.

אין דער געשיכטע פון קאָוונער געטאָ איז די דאזיקע אקציע אריין אונטערן נאמען: „די סטאלינגראדער אַקציע".

# קאפיטל XX

# וויכטיקסטע געטאָ־פּאַסירונגען אין פרילינג און אָנהויב־זומער 1943

---

פּראָיעקט אַריבערצופירן אין קאָוונער געטאָ א 4־5 טויזנט יידן פון ווילנער אומגעגנט. — דאָס ברענגען אין קאָוונער געטאָ אַן 8 הונדערט יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ארום זשעזשמער. — גע־שטאַפּאָ־באַשולדיקונג, אַז געטאָ־יידן „סיגנאַליזירן" די סאָוועטישע לופט־פליער. — נעפלדיקע ידיעות וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשע־ווער געטאָ. — ערשטע פּרוּוון אַוועקצוגיין אין וואַלד צו די פּאַרטי־זאַנער.

מיטן אנקומען פון פרילינג 1943 זיינען אין געטאָ פון וואָר=צו=וואָר אַלץ מער דייטלעכער געוואָרן די סימנים פון דעם, אַז דאס געטאָ קייקלט זיך צו אן אומפארמיידלעכן קריזיס. די סיבה פונעם דאזיקן אנקומענדיקן קריזיס איז, קודם=כל, געלעגן אינעם מצב פון די קריגס=אָפּעראַציעס אויפן מזרח=פראנט, ווו די אליץ=בולטער=ווערנדיקע איבערגעוויכט פון דער רויטער ארמיי האט געצוואונגען די דייטשן אלץ מער זיך צוריקצוציען פון די אָקופּירטע סאוועטישע געביטן. די נאצים זיינען מחמת דעם געווארן פיל מער געררייצטער, ווי פריער, ווען זיי האבן געהאט די זיכערקייט אין זייער נצחון. די דאזיקע געררוועזיטעט אינעם לאגער פון די היטלעריסטן האט זיך געלאזט אויך שפירן אין זייער באציאונג צום הייפל בשעתם נאך עקזיסטירנדיקע געטאס.

אויב צוליב געוויסע סיבות האט קאוונער געטאָ=ישוב א לענגערע צייט געהאט א, לפי=ערך, רואיקע הפסקה, ווען קיין באדייטונגספולע געשעענישן פארן געטאָ זיינען נים פארגעקומען, האבן צו יענער צייט אויך די קאוונער געטאָ=יידן גע=נומען שטארק שפירן די ענדערונג לרעה. וואס ווייטער האט דער ייד אין געטאָ געפילט, אַז, אמת טאקע, מיטן סוף פון די צרות האלט עס, אויף יעדן פאל, נענטער ווי ווייטער..., אָבער גראָד די אומבאַוווסטקייט פון וועז און, דער=

עיקרשט, ווי אַזוי דער קנויל וועט זיך אָפּוויקלען, האָט אים ניט געלאָזט הנאה־האָבן פון דער פאַרערגערטער דייטשישער מערכה אויף די פראָנטן. דער דאָזיקער מצב האָט דעם געטאָ־ייד געצוווּנגען צו קוקן מיט אָפענע אויגן אויף אַלץ, וואָס געשעט אַרום אים.

* *

*

אָנהויב־מערץ 1943 האָט די אָקופּאַציע־מאַכט פון ווילנער געגנט באַשלאָסן צו ליקווידירן די רעשטלעך פון די קלענערע געטאָ־ישובים אין אָשמענע, סמאַר־גאָן, אָלשאַן, קרעווע, וואַרניאַן, מיכאַלישאָק, סוויר א. א. פּונקטן אַרום ווילנע, ווו ס׳האָבן דאַן זיך נאָך אויפגעהאַלטן אַן ערך 5 טויזנט יידן. די דאָזיקע שריט מצד דער מאַכט זיינען געשטאַנען בשייכות מיט איר טענדענץ ביסלעכווייז בכלל אָפּצורייניקן די מזרח־געביטן פונעם ביסל לעבן־געבליבענע יידן. וואָס איז שייך די יידן פון די קלענערע געטאָס אַרום ווילנע דאַרף מען זאָגן, אַז זיי זיינען געווען אויף אַ שלעכטן אויג ביי דער מאַכט, ווייל פון די דאָזיקע געטאָ־ישובים, וואָס זיינען געווען נאָענט צו די פּאַרטיזאַנער־נעסטן אין די וועלדער צווישן ווילנע און מינסק, איז שוין לענגערס געווען צו מערקן אַ קענטיקע באַוועגונג אַוועקצוגיין פון געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער.

ווי באַקאַנט, איז סוף־1941 די דאָזיקע געגנט אַריבער פון ווייס־רוסלאַנד צום גענעראַל־באַצירק ליטע. היות צו יענער צייט איז אין ליטע שוין געווען פאַר־ענדיקט די פאַרניכטונג פון די יידן אין פּראָווינץ, און אין ווייס־רוסלאַנד האָבן דאַן ערשט זיך נאָך אָנגעהויבן די סיסטעמאַטישע פאַרניכטונגס־אַקציעס אין אַ ברייטן מאַסשטאַב, זיינען די שיריים פון די אויבנדערמאַנטע געטאָס געבליבן אויך ווייטער עקזיסטירן אַדאַנק דעם צופאַל, וואָס זיי זיינען געוואָרן איינגעגלידערט אין די גרענעצן פון ליטע.

לכתחילה האָט דער קאָוונער שטאָט־קאָמיסאַר און באַלעבאָס איבערן געטאָ, מסכים־געווען צו דערלויבן די יידן פון ווילנער אומגעגנט צו ברענגען אין קאָוונער געטאָ. ווילנער געטאָ איז שוין דאַן געשטאַנען ערב דער ליקווידאַציע, און וועגן אַריבערפירן די יידן אין ווילנער געטאָ האָט שוין דאַן ניט געקענט זיין קיין רייד.

דער עלטעסטן־ראַט פון קאָוונער געטאָ האָט, פון זיין זייט, שוין אָפילו געהאַט פאַרויסגעזען אַ פּלאַן, ווי אַזוי די דאָזיקע יידן ווי־ניט־איז איינצואָרדנען אין געטאָ מיט אַ שטיקל אָפּדאַך איבערן קאָפּ. אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט קאָוונער געשטאַפּאָ ניט דערלויבט צו ברענגען די דאָזיקע יידן אין קאָוונער געטאָ, מחמת זי קען, נעבעך, ניט איבערנעמען קיין אחריות פאַר זיי, ווייל „זיי זיינען אַלע פּאַר־טיזאַנער“...

געענדיקט האָט זיך דער ענין זייער פאַטאַל פאַר די דאָזיקע יידן. אָנפאַנג־אַפּריל 1943 האָבן די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען געהאַט געמאָלדן די יידן, אַז מ'פירט זיי אַריבער אין קאָוונער געטאָ. לכתחילה האָבן די יידן אויך געגלייבט אין דעם און האָבן זיך געלאָזט פירן. אונטערוועגס האָבן זיי דערזען, אַז מ'האָט זייער עשאַלאָן גאָר געבראַכט אויף דער סטאַנציע פּאָנאַר. צווישן די יידן איז דאַן אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע פּאַניק, און זיי האָבן גענומען אויפרייסן די פאַרמאַכטע וואַגאָנעס, אין וועלכע מ'האָט זיי געפירט, כדי צו אַנטלויפן. די באַגלייטנדיקע פּאָסטנס האָבן תיכף געעפנט אויף די יידן אַ פייער פון מאַשין־געווער. פיל יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די רוצחים און אייניקע פון זיי אויך דערהרגעט. בעת אָט דעם קאַמף איז אַ פּאָר צענדליק יידן געלונגען נעלם־צו־ווערן, און אַלע איבעריקע האָט מען דערשאָסן אין פּאָנאַר.

דער גרויליקער פאַקט פון אומברענגען די יידן פון ווילנער אומגעגנט האָט פולשטענדיק צונישט געמאַכט די אילוזיעס ביים גרעסטן טייל קאָוונער געטאָ־יידן, אַז די צייט פון מאַסן־שחיטות איז שוין פאַרביי און מער זייגען אַזעלכע הריגות איבער יידן ניט מעגלעך. אומגעקערט, ס'איז געווען באַשיינפּערלעך צו זען, אַז די צערייצטע היטלערישע חיה־רעה האָט לחלוטין ניט רעזיגנירט פון איר לכתחילה'־דיקן פּראָגראַם טאָטאַל אויסצוראָטן די יידן, וועלכע געפינען זיך אין אירע נעגל. און אַז יידן האָבן געהאַט אַ גרונט צו זיין פּעסימיסטיש, האָט זיך, לײדער, גאָר גיך באַשטעטיקט.

* *

*

ביים בוי פון דער אויטאָסטראַדע ווילנע־קאָוונע איז צוו. אגד. געווען באַשעפטיקט אויך אַ גרעסערע גרופּע יידן פון די פריער־דערמאָנטע געטאָ־ישובים אין ווילנער געגנט. אין מאי 1942 זיינען אַז ערך 6 הונדערט אַרבעטספעאיקע מענער און פרויען פון די געטאָס אין אָשמענע, סמאַרגאָן, אָלשאַן, קרעווע א. א. וו. געבראַכט געוואָרן קיין זשעזשמער *) ביים בוי פון דער אויטאָסטראַדע. געאַרבעט האָבן די דאָזיקע יידן ביי „אָ. טע.“, ד. ה. „אָרגאַניזאַציע טאָדט“ **). אַ צווייטע גרופּע יידן האָט געאַרבעט ביי דער זעלבער אויטאָסטראַדע ניט ווייט פון יעוויע, ביי ווילנע.

אין זשעזשמער זיינען די יידן איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין געוו. בית־מדרש און אויך אין לאָקאַל פון קינאָ. פאַרן קומען פון די יידן האָט מען אין די דאָזיקע

*) אַ שטעטל אויפן וועג ווילנע־קאָוונע.

**) טאָדט איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ באַרימטער דייטשער אינזש., וואָס האָט אלס מיניסטער פאר באַוואָפענונג אינעם דריטן רייך אדורכגעפירט גרויסע מיליטערישע בוי־ארבעטן.

געבײדעס בײַ אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען געהאַלטן סאָוועטישע קריגס־געפאַנ־גענע. מחמת דעם איז גלײַך נאָכן קומען פון די ײדן אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ טיפוס־עפּידעמיע, פון וועלכער ס׳זיינען געשטאָרבן פיל מענטשן, בתוכם אויך דער יידישער אָנפירער פון לאַגער ראובן סעגאַלאָוויטש פון אָלשאַן.

מיט די „אָ. טע.״־לײַט האָבן די יידן געהאַט ניט שלעכט זיך צונויפגעלעבט. אַזוי, למשל, פלעגט יעדע וואָך פון זשעזשמער פאָרן אַן אויטאָ ברענגען פאַר די לאַגער יידן שפּייז־פּראָדוקטן פון זייערע היימען אַרום ווילנע. צוזאַמען מיטן שפּייז פלעגן שוין אויך מיטקומען קרובים פון די לאַגער־יידן, כדי צו פאַרבלייבן אַרבעטן אין זשעזשמער.

ערב־פּרילינג 1943, ווען מ׳האָט געהאַלטן ביים ליקווידירן די געטאָס אַרום ווילנע, זיינען נאָך 7 הונדערט יידן, צווישן זיי פיל קליינע קינדער, געבראַכט גע־וואָרן קיין זשעזשמער. בסך־הכל זיינען שוין דאַן געווען אין זשעזשמערער לאַגער אַן 11־12 הונדערט יידישע נפשות.

זומער 1943 איז די אַרבעט ביים בוי פון דער אויטאָסטראַדע געוואָרן פאַר־ענדיקט. אַ 3 הונדערט יידן זיינען מצד „אָ. טע.״ אַריבערגעפירט געוואָרן אויף אַן אַנדער אַרבעטס־שטעלע. ווו מ׳וועט אַהינטאָן די איבעריקע יידן, איז לכתחילה געווען אומבאַוווסט. ס׳איז אָבער באַשטאַנען די סכנה, מ׳זאָל זיי אומברענגען, ווייל זיי זיינען „אומנוציקע״ יידן.

דער קאָוונער עלטעסטן־ראַט, וואָס איז שוין פון פריער געשטאַנען אין אַ געוויסן קאָנטאַקט מיט די יידן אין זשעזשמער, האָט גענומען אויסנוצן זיינע פאַרבינדונגען מיטן לייטער פון דייטשן אַרבעטס־אַמט אין געטאָ, הערמאַן, ער זאָל זען אויסצופועלן ביים שטאַט־קאָמיסאַר אַ דערלויבעניש די דאָזיקע יידן אַרי־בערצופירן אין קאָוונער געטאָ. פאַרן שטאַט־קאָמיסאַר האָט עס אָפיציעל גע־דאַרפט הייסן, אַז די יידן זיינען נויטיק אַלס אַרבעטס־קרעפטן אויף וויכטיקע אַרבעטס־שטעלעס.

סוף־כל־סוף האָבן די מאַכט־אָרגאַנען מסכים־געווען די אַרבעטספעאיקע יידן אַריינצולאָזן אין געטאָ. דאָס אָפּקלייבן די פאַסיקע מענטשן איז אָנפאַרטרויט גע־וואָרן דעם אויבנדערמאָנטן לייטער פון דייטשן אַרבעטס־אַמט. צוזאַמען מיט אים זיינען אויך מיטגעפאָרן אייניקע העכערע ייד. געטאָ־באַאַמטע. מיטן לייטער פון דייטשן אַרבעטס־אַמט איז שוין געלונגען אַדורכצומאַכן, מ׳זאָל בשתיקה אַריינ־פירן אין געטאָ ניט נאָר די אַרבעטספעאיקע מענטשן, נאָר אַלע יידן פון זשעזש־מערער לאַגער. אַן ערך 800 יידישע מענער, פרויען און קינדער זיינען אין יוני 1943 אַריינגעבראַכט געוואָרן אין קאָוונער געטאָ, און דורך דעם האָבן זיי צום מאָמענט זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן אומקום.

לכתחילה האָבן די קאָוונער געטאָ־יידן גאַנץ פריינטלעך אויפגענומען די „זשעזשמערער יידן", ווי מ'פלעגט זיי רופן אין געטאָ. לויט די באַשיידענע מעגלעכקייטן, האָט מען זיך גענומען זיי צו העלפן, מיט וואָס ס'איז געווען מעגלעך. שפּעטער־צו, מוז מען אָבער פעסטשטעלן, איז די ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע, לײדער, ניט אַלע מאָל געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך פון אָביעקטיוויטעט לגבי די דאָזיקע יידן. קוקנדיק אויף זיי ווי אויף, להבדיל, „מינדערווערטיקע" יידן, פלעגט מען מיט זיי, ווי מ'זאָגט, פאַרשטאָפּן אַלע לעכער, ווען מ'פלעגט דאַרפן האָבן מענטשן אויף שווערע אַרבעטס־שטעלעס אין אָדער מחוץ קאָוונער געטאָ.

דער גרעסטער טייל פון אָט די יידן איז פאַרשלעפּט געוואָרן קיין עסטלאַנד בעת דער איבערזידלונגס־אַקציע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 26־טן אָקטאָבער 1943.

* *

*

פרילינג 1943 האָט די סאָוועטישע קריגס־אַוויאַציע גענומען פון צייט־צו־צייט באַזוכן קאָוונע, און זי האָט אייניקע מאָל אויך באָמבאַרדירט די שטאָט. אַז יידן האָבן געהאַט גרויס הנאה פון דער באָמבאַרדירונג און האָבן אין דעם אייגעזען אַ שטיקל אתחלתא דגאולה, איז געווים איבעריק צו זאָגן...

פאַר די קאָוונער געשטאַפּאָ־קרייזן איז ניט געווען פרעמד די באַציאונג מצד די יידן צו די סאָוועטישע באָמבאַרדירונגען. כדי צו האַלטן דאָס געטאָ אין אַ פּערמאַנענט־געדרייצטער שטימונג, איז מצד געשטאַפּאָ געמאַכט געוואָרן דעם געטאָ די באַשולדיקונג, אַז אינדערצייט פון די לופט־אַנגריפן ווערט פון געטאָ סיגנאַליזירט צו די סאָוועטישע לופט־פליער.

חוצדעם האָט צו יענער צייט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם גאַנצן ענין פאַלגנדיקע פּאַסירונג:

צווישן די דייטשע אַרבעטס־שטעלעס, וווּ געטאָ־יידן האָבן דאַן געאַרבעט, איז אויך געווען אַ יידישע אַרבעטס־בריגאַדע ביי אַ גרויסן מוניציע־לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אויפן 5־טן פאָרט, ביי דער קאָוונער פאַרשטאָט פּאַנעמון.

כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַקומען געוויער פאַר די יונגטלעכע, וואָס קלייבן זיך אַוועקצוגיין פון געטאָ אין וואַלד אַריין צו די פּאַרטיזאַנער, האָבן די לינקע קרייזן אין געטאָ געהאַט אַריינגעשיקט אין אָט דער בריגאַדע אייניקע פון זייערע מיטגלידער, וועלכע פלעגן שוין געפינען ביי דער אַרבעט אַ פּאַסיקע

געלעגנהייט אוועקצוגנבענען געווער־טיילן און דערנאָך זיי אריינצושמוגלען אין געטאָ ביים צוריקקערן פון דער ארבעט.

אין איינעם א טאג פון מערץ 1943 איז מצד דער קאָנטראָל ביים געטאָ־טויער, ווו ס'פלעגן קאָנטראָלירט ווערן אלע יידן ביים אריינגיין אדער ארויסגיין פון געטאָ, פארהאַלטן געוואָרן א יידישער יונגערמאַן פון דער אויבנדערמאָנטער בריגאַדע מיטן נאָמען ר. ב ע ר מ א ן, וואָס האָט געוואָלט אריינשמוגלען אין געטאָ אַ געוויסן טייל פון אַ ראַקעטע. דער יונגערמאַן איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן ארעסטירט און איז תיכף אָפּגעפירט געוואָרן אין געשטאַפּאָ.

היות ליפּצער, וואָס האָט געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען אין קאָוונער געשטאַפּאָ, האָט, אגב, אויך געוואָלט לעבן גוט מיט די לינקע אין געטאָ, האָט ער אַלץ געטאָן, כדי בערמאַנען צו באַפרייען.

אין א פּאָר וואָכן ארום איז טאַקע בערמאַן באַפרייט געוואָרן, אָבער געשטאַפּאָ האָט שוין דאַן געהאַט נאָך אַן „אַרגומענט" צו פאַרשטאַרקן איר פּראָוואָקאַטאָרישע באַשולדיקונג, אַז דאָס געטאָ „סיגנאַליזירט" צו די סאָוועטישע פליער.

דער דאָזיקער ענין, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אייניקע וואָכן, האָט געקאָסט דעם געטאָ ניט ווייניק נערוון, מחמת ס'איז געווען א חשד צו מיינען, אַז געשטאַפּאָ זוכט אַ „תירוץ" אדורכצופירן אין געטאָ אַן אַקציע. באַזונדערס־אָנגעשטרענגט איז געווען די לאַגע אין געטאָ גראָד אין דער וואָך פון פּסח. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז געשטאַפּאָ טוט בכיון אַלץ, כדי די שפּאַנונג אין געטאָ זאָל פּסח־צייט וואָס־מער שטייגן, און יידן זאָלן האָבן א פאַרשטערטן „יום־טוב".

ענדלעך איז געלונגען דעם עלטעסטן־ראַט נאָך לאַנגע טענות ומענות ריינ־צווואַשן דאָס געטאָ פון דער דאָזיקער געשטאַפּאָ־פּראָוואָקאַציע.

* *
*

הגם דאָס געטאָ איז געווען שטאַרק אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט, זיינען דאָך צום געטאָ דערגאַנגען ידיעות וועגן אויפשטאַנד און ליקווידאַציע פון ווארשעווער געטאָ. קיין גענויערע פּרטים פון אויפשטאַנד זיינען אין געטאָ ניט געווען באַקאַנט. מ'האָט נאָר געוווּסט, אַז ביים ליקווידירן דאָס ווארשעווער געטאָ האָבן די יידן געשטעלט א באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, און די דייטשן האָבן קעגן די יידן אָנגעווענדעט טאַנקעס, ארטילעריע און אפילו עראָפּלאַנען.

כדי צו באַקומען זיכערע ידיעות וועגן דעם ענין, האָט דער עלטעסטן־ראַט געפּרוּווט אָנבינדן א קאָנטאַקט מיט ווילנער געטאָ, וואָס האָט געאָגראַפיש זיך

געפונען נענטער צום ווארשעווער געטאָ און האט דעריבער געקענט האבן מער ידיעות, ווי קאָוונער געטאָ. אויך האט מען געפרוווט עפעס דערגיין וועגן דעם ביי קריסטן אין שטאט. אין דעם פּרט איז אבער געלונגען נאר צו דערגיין, אַז אַ קריסט, וואס האט אדורכגערייזט ווארשע גראד אין די טעג פון אויפשטאנד, האט אַליין געהערט די קאַנאָנאַדע בעת די קאמפן און האט געזען, ווי אזוי דאס געטאָ איז געשטאנען אין פלאמען.

אויב די מער-מיושב׳דיקע געטאָ-יידן האבן די ידיעות פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ אויפגענומען מיט שטארק-אומרואיקע געפילן, האט די ידיעה וועגן יידישן אויפשטאנד געמאכט אויף דער אקטיווער יוגנט אַ שטארקן רושם און האט זי סטימולירט צו זוכן מיטלען און וועגן, ווי אזוי וואס-גיכער זיך צו שטעלן אין די רייען פון די קעמפער קעגן היטלעריזם. טאקע דאַן האבן אין געטאָ-לעבן גענומען באקומען מער חשיבות די יעניקע געזעלשאפטלעכע קרייזן, וואס האבן גערופן צו ארגאַניזירן גרופּעס יוגנטלעכע, וועלכע זאלן אוועקגיין פון געטאָ אין וואלד אריין, כדי זיך אָנצושליסן צו די פּאַרטיזאַנער. מיטדערצייט איז אין געטאָ פון דעם אנטשטאנען אַ גאַנצע באוועגונג, וואס האט אין געטאָ-לעבן גענומען שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָלע.

די ידיעות וועגן אויפשטאנד און ליקווידאציע פון ווארשעווער געטאָ האבן שטארק אויפגערודערט די געטאָ-באפעלקערונג און נאכמער געצווונגען יעדן געטאָ-ייד זיך צו פארטראכטן וועגן זיין ווייטערדיקן גורל.

* *
*

די סטראַטעגישע לאַגע אויפן דייטש-סאָוועטישן פראנט איז, ווי באקאנט, וואס ווייטער אין זומער 1943 געוואָרן פאר די דייטשן אַלץ מער קאַטאַסטראָפאַלער. די סאָוועטישע נצחונות האבן, חוץ אַלעמען, שטארק מיטגעווירקט צו דעם, ס׳זאָלן זיך פונאַנדערוואַקסן אין רוקן פון שונא גרעסערע פּאַרטיזאַנער-קרעפטן, וואס האבן אנגעטאָן די דייטשן היזקות סיי אין מענטשן, סיי אין קריגס-מאַטעריאַלן.

צו יענער צייט איז אין קאָוונער געגנט נאָך ניט געווען קיין פּאַרטיזאַנער-טעטיקייט מחמת צוויי גרונט-טעמים: ערשטנס, איז קאָוונע נאך דאן געווען זייער ווייט פון דער פראנט-ליניע און, צווייטנס, זיינען די ליטווינער, כמעט ווי אַ כלל, געווען פיינטלעך איינגעשטעלט צו דער דאָזיקער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג. די נאָענטסטע פּאַרטיזאַנער-נעסטן אין די וועלדער ארום ווילנע זיינען געווען אַן ערך אנדערהאַלבן הונדערט קילאָמעטער ווייט פון געטאָ.




ייִדן אויף צוואַנגס־אַרבעט אונטער דער נאַציִשער ממשלה
אויבן לינקס: אַן אַרבעטס־פליכט־קאַרטע פון קאָוונער געטאָ




מאַפּע פון די יידן־שחיטות, אויסגעפירטע דורך געשטאַפּאָ און אירע מיטהעלפער. צום סוף דעצעמבער 1941 זיינען אין ליטע (אָן ווילנע און אומגעגנט) שוין געווען אויסגעמאָרדעט 136.421 יידן. געטאָ־ישובים זיינען פאַרבליבן נאָר אין קאָוונע (16.000 נפשות) און שאַוול (4500)

דער 9־טער פאָרט וווּ ס'זיינען אומגעבראַכט געוואָרן ס'רוב קאָוונער יידן

מחמת דעם איז דאן ניט געווען קיין אָביעקטיווע מעגלעכקייט, אַז פון קאָוונער געטאָ זאלן גרעסערע גרופעס יידן קענען זיך אָנשליסן צו דער פּאַר־טיזאנער־באוועגונג. דער דראנג ביי דער געטאָ־יוגנט אוועקצוגיין צו די פּאַרטי־זאנער איז אָבער געוואקסן פּאַראַלעל צו די סאוועטישע נצחונות און צו די דייטשע מפּלות.

צו יענער צייט זיינען טאקע געמאכט געווארן די ערשטע קאנקרעטע שריט, אַז גרופּעס יוגנטלעכע זאלן אוועקגיין צו די פּאַרטיזאנער אין וואלד.

די איניציאטיוו צו ארגאניזירן די פּאַרטיזאנער־באוועגונג איז געקומען מצד דער אנפירונג פון די לינק־אָריענטירטע עלעמענטן אין געטאָ, בראש מיטן קאָוונער יונגן יידישן שרייבער חיים יעלין*).

ניט נאר אין געטאָ, נאר אפילו אין שטאט קאָוונע גופא איז נאך ביז דאן די אונטערערדישע לינקע באוועגונג געווען גאנץ שוואך. ערשט צו יענער צייט האט די דאזיקע באוועגונג גענומען אויפלעבן און ארויסווייזן סימנים פון אקטיווער טעטיקייט.

דער קאנטאקט צווישן די לינק־געשטימטע עלעמענטן אין שטאט און אין געטאָ האט נאך ניט לאנג זיך געהאלטן אין איינשטעלן. דעריבער האבן די עטלעכע גרופּעס יוגנטלעכע, וואס זיינען געווען גרייט אוועקצוגיין צו די פּאַרטיזאנער אין וואלד, געדארפט עס מאכן אָן דער אַנטשפּרעכנדיקער הילף און אָנווײַ־זונגען מחוץ דעם געטאָ.

עטלעכע צענדליק יוגנטלעכע האבן באשלאסן אין עטלעכע גרופּעס ארויס־צוגיין פון געטאָ און זיך אוועקלאזן אין די וועלדער ארום ווילנע, כדי אויסצו־געפינען פּאַרטיזאנער. ס'איז אָבער דאן געווען אזא לאגע, אַז ניט ס'איז געווען מעגלעך ווי־ניט־איז צו ארגאניזירן דעם וועג פון די דאזיקע „מרגלים" און ניט ס'איז געווען באַוווסט, וווּ, לערך, מ'קען די פּאַרטיזאַנער געפינען. דאָך זיינען די דאזיקע יוגנטלעכע געווען אנטשלאסן ווייטער אין געטאָ ניט צו בלייבן, און זיי האבן זיך אויף פארשיידענע אופנים — דורכן ארויסגנבענען זיך דורכן געטאָ־צוים, אדער דורכן אנטלויפן פון דער ארבעטס־שטעלע אין שטאט — אוועק־געלאזן אין וועג אריין.

די רעזולטאטן פון די דאזיקע ערשטע פּרוּוון אוועקצוגיין צו די פּאַרטיזאנער זיינען געווען זייער טרויעריקע. כמעט אלע, וואָס זיינען אוועק פון געטאָ, זיינען אונטערוועגס פארהאלטן געווארן מצד דער ליטווישער פּאָליציי, וועלכע האט די יידן אויסגעליפערט געשטאַפּאָ.

*) גענויער וועגן אים — ז. „ארעסט פון יידישן פּאַרטיזאנער־פירער חיים יעלין".

ניט וויסנדיק דעם גורל פון די ערשטע גרופּעס, זיינען פון געטאָ ארויס נאָך עטלעכע גרופּעס מענטשן, וועלכע זיינען אויך אריינגעפאַלן אין געשטאַפּאָ. ערשט, ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דאָס איז ניט קיין ריכטיקער וועג, האָבן מער קיין מענטשן פון געטאָ אויף דעם אופן זיך ניט געלאָזן אין וועג אריין. מ'האָט גענומען זוכן זיכערערע וועגן און מיטלען צוצוקומען צו די פּאַרטיזאַנער.

אָבער ניט נאָר ביי די לינק-געשטימטע עלעמענטן אליין איז דאָן אַנטשטאַנען דער דראַנג אַוועקצוגיין אין וואַלד. אויך פיל יונגע מענטשן פון די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען זיינען געווען גרייט זיך צו שטעלן אין די רייען פון די באַוואָפנטע קעמפער קעגן די נאַצים. ס'איז דעריבער צו יענער צייט וואָסווייטער אַלץ מער רייפער געוואָרן די אידעע צו שאַפן אין געטאָ אַ געהיימען קאָמיטעט פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע שטראָמונגען, ווי קאָמוניסטן, ציוניסטן א.א. וו., כדי דעם ענין פּאַרטיזאַנער אַוועקצושטעלן אויף אַ ברייטערן און, לויט מעגלעכקייטן, אויך אַ פיל זיכערערן יסוד, ווי ביז דאָן.

ביי דער געלעגנהייט איז וויכטיק צוצוגעבן, אַז אַנהויב-פרילינג 1943 האָט אַ געוויסע קריסטלעכע פרוי פון פּוילן, אירענאַ, געהאַט אַ געהיימען באַזוך אין קאָוונער געטאָ. אירענאַ, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, האָט נאָך אַלס סטודענטין געהאַט זיך דערנענטערט צום יידישן לעבן און האָט ארויסגעוויזן גרויס אינטערעס פאַרן ציוניזם, בפרט פאַרן „השומר הצעיר". אין די נאַצי-יאָרן האָט זי בעיקר זיך אָפּגעגעבן מיטן איינשטעלן אַ קאָנטאַקט צווישן די יידישע געטאָ-ישובים אין פּוילן.

קיין קאָוונע איז זי געווען געקומען פון ווילנער געטאָ. די ווילנער פ. פּ. אָ. (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע) האָט זי געהאַט באַאויפטראַגט צו דערגיין אין קאָוונער געטאָ וועגן דעם, וואָס ס'ווערט געטאָן אין פּרט פון צוגרייטן אַ געטאָ-פאַרטיידיקונג און ווי ס'האַלט מיט דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג. פון איר האָט מען זיך אויך דערוווּסט, אַז די געטאָס אין וואַרשע און ביאַליסטאָק פּאַרמאָגן געווער און גרייטן זיך צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די נאַצי-רוצחים, און אַז אויך ווילנער געטאָ גייט אויפן זעלבן וועג.

געווען איז זי אין קאָוונער געטאָ אַ פּאָר טעג און האָט באַוויזן פאַר דער צייט אָפּצוהאַלטן געהיימע באַראַטונגען מיטן „מצוק"*) און מיט אייניקע אָנפירנדיקע פערזאָנען פון די געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען. זי האָט שטאַרק פּראָפּאַגירט די אידעע, אַז דער איינציקער וועג פאַר דער יוגנט איז זיך ארויסצורייסן פון געטאָ און אַוועקגיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער.

*) ז. „ציוניסטישע טעטיקייט אין געטאָ".

איר באַזוך האָט טאַקע פיל ביינעטראָגן צו דעם, די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין געטאָ זאָל בקרוב אָננעמען רעאַלע און ממשות'דיקע אויסדרוקס־פאָרמען *).

*) גענויער וועגן דעם — אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

# קאַפּיטל XXI

## הכנות צו פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ קאַצעט פון סעפּאַראַטע אַרבעטס־לאַגערן

קאַמף צווישן ס.אַ. און ס.ס. פאַר אָנפירערשאַפט מיטן געטאָ. — ס.ס. — די נייע געטאָ־באַלעבאַטים. — ערשטע שריט בײַם פונאַנדערפירן דאָס געטאָ אין סעפּאַראַטע אַרבעטס־לאַגערן. — ווי אַזוי ס׳פלעגן פריער רעקרוטירט ווערן די ערשטע קליינע אַרבעטס־לאַגערן אין פּראָווינץ. — גרינדונג פון אַ יידישער אינסטאַנץ צו באַשטימען די מענטשן פאַר די לאַגערן (די „קאַזערנירונגס־קאָמיסיע״).

דער זומער 1943 איז אין געטאָ פאַרבײַ אין אַ זייער־אָנגעשטרענגטער אַטמאָספער. די באַקומענע טרויעריקע גרוסן פון די געטאָס אין ווילנע און ריגע, ווו די אָקופּאַציע־מאַכט האָט ענערגיש אַדורכגעפירט די ליקווידאַציע פון די געטאָס און האָט דעם גרעסטן טייל דאָרטיקע יידן פונאַנדערגעפירט אין ספּעציעל־געשאַפענע אַרבעטס־לאַגערן, האָט בײַ די קאָוונער געטאָ־יידן צוגערויבט דאָס ביסל, מ׳שטיינס־געזאָגט, רואיקייט, וואָס זיי האָבן נאָך ביז דאַן פאַרמאָגט.

די יידן אין קאָוונער געטאָ האָבן במשך די לעצטע חדשים געהאַט געלעבט אין, לפי־ערך, גינסטיקערע לעבנס־באַדינגונגען, ווי די יידן אין ווילנע און ריגע. אינדערצייט, ווען אין די אויבנדערמאַנטע געטאָס האָט מען דעם רעשט לעבן־געבליבענע יידן אַרויסגענומען פון געטאָ און אים אַריבערגעפירט אין אַרבעטס־לאַגערן, האָבן כמעט אַלע קאָוונער יידן נאָך געלעבט אין געטאָ, און לגבי זייערע ברידער אין ווילנע און ריגע זיינען זיי געווען אין אַ פּריווילעגירטן מצב. אָבער די דאָזיקע קורצע, רואיקע הפסקה פאַר די געטאָ־יידן אין קאָוונע האָט זיך געהאַט געענדיקט, און אויך דער הימל פון קאָוונער געטאָ האָט גענומען ביסלעכווייז זיך באַדעקן מיט געדיכטע וואָלקנס.

אנגעהויבן האָט זיך די ענדערונג לגבי דעם געטאָ מיטן סכסוך צווישן די אַלטע באַלעבאַטים איבערן געטאָ, די פאָרשטייער פון דער דייטשער ציוויל־פאַרוואַלטונג, בראש מיטן קאָוונער שטאָט־קאָמיסאַר ס.אַ.־בריגאַדנפירער האַנס קראַמער, פון איין זייט און די פאָרשטייער פון ס ס., די נייע פּרעטענדענטן אויף דער דעה־זאָגעריי איבערן געטאָ־ישוב, פון דער אַנדער זייט.

די פאָרערגערטע דייטשע סטראַטעגישע לאַגע אויפן מזרח־פראָנט נאָך דער קאַטאַסטראָפאַלער מפּלה ביי סטאַלינגראַד און די מעגלעכקייט פון אַ ווייטער־דיקן צוריקטריט פון די אָקופּירטע סאָוועטישע געביטן, האָט צוו. אַנד. געצווונגען דעם „יידן־טיש“ אין דער נאַצי־פּאַרטיי צוצוגרייטן די געהעריקע פאָרבאַריי־טונגען פאַר דער ליקווידאַציע פונעם רעשט לעבן־געבליבענע יידן אין די געציילטע געטאָס פון „אָסטלאַנד“. צו דעם צוועק האָט מען, קודם־כל, געדאַרפט די געטאָס, די ביז־איצטיקע לעבנס־פאָרמען פון די יידן, אייליק פאַרוואַנדלען אין אַרבעטס־און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

די נאַצי־מומחים אין דער יידן־פראַגע האָבן גאַנץ גוט געוווסט, אַז, פונאַנ־דערפירנדיק די געטאָס אין באַזונדערע אַרבעטס־לאַגערן מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקן שטרענגן רעזשים, וועט זיי פיל לייכטער זיך איינגעבן אַדורכצופירן זייער אַנגע־צייכנטן פּראָגראַם צו פאַרניכטן דעם רעשט יידן אין די פאַרנומענע מזרח־געביטן. חוצדעם האָט מען אין די הויכע נאַצי־ספערן, ווייזט אויס, געהאַלטן, אַז די עקסטרעמע ס. ס.־מענער זיינען מער צוגעפּאַסט אַדורכצופירן די דאָזיקע אָפּע־ראַציע, ווי די „מעסיקע“ ס. אַ.־לייט.

די אַלטע באַלעבאַטים איבערן געטאָ, די ס.אַ.־לייט, האָבן פון געטאָ געהאַט גאָר גרויסע מאַטעריעלע נוצן. אָנווערן די מאַכט איבערן געטאָ האָט דעריבער פאַר דער דאָזיקער ס. אַ.־קליקע באַדייט פאַרלירן אַ מקור פון שוחד, גניבה און פאַרשיידענע אַנדערע מאַכינאַציעס, וואָס זיי האָבן געהאַט בשפע אַראַנק דעם געטאָ. מחמת דעם האָבן זיי אַזוי לייכט ניט געוואָלט אויפגעבן זייערע פּאָזיציעס, וואָס האָבן זיי, אַחוץ דעם פּילזייטיקן מאַטעריעלן נוצן, אויך דערמעגלעכט צו זיצן אינעם רואיקן הינטערלאַנד און ניט דאַרפן גיין אויפן פראָנט. ס׳האָט דעריבער אַרום דער פראַגע פון אָנפירונג מיטן געטאָ זיך אַנטוויקלט אַ פאַרביסענער געראַנגל, וואָס האָט דערגרייכט אַזש צו די צענטראַלע פּאַרטיי־ספערן אין בערלין. נאָך אַ לענגערן, עקשנות׳דיקן קאַמף איז ענדלעך ס.ס. אַרויס אַלס זיגער, און די קאָוונער ס.אַ.־לייט האָבן געמוזט זיך געזעגע־נען מיט זייערע וואַרעמע בענקלעך ביים אָנפירן מיטן געטאָ.

בעתן דאָזיקן דראַמאַטישן געראַנגל צווישן די צוויי לייבלעכע ברידער פון דער ברוינער הענקער־משפּחה זיינען די געטאָ־יידן, דעם אמת זאָגנדיק, געווען

פאַראינטערעסירט, אַז ס'זאָלן בלייבן די פריערדיקע, טיילווייז שוין איבער־געזעטיקטע אין יידישן בלוט, האַב־און גוטס ס. א.־לייט, איידער אַרונטערפאַלן אונטער די אָפּעקע פון די בייזע און שטרענגע ס. ס.־מענער, פון וועמען מ'האָט געקאָנט דערוואַרטן נאָך נייע און שווערע גזירות. לײדער, האָט אָבער זיך אויסגעלאָזן ניט אַזוי, ווי יידן האָבן געוואָלט.

* *
*

אָנהויב־סעפּטעמבער 1943 האָט אין געטאָ זיך באַוויזן אַ הויכער ס. ס.־פונקציאָנער, ס. ס.־אָבערשטורמבאַנפירער ווילהעלם געקע*), וואָס האָט גענומען אייליק איבערנעמען פון שטאָט־קאָמיסאַריאַט די אַדמיניסטראַציע איבערן געטאָ. דער נייער געטאָ־באַלעבאָס האָט מיט זיין דערשיינען אין געטאָ אַרויסגערופן צווישן די יידן אַ גרויסע צערודערונג. יידן האָבן דערשפּירט בחוש, אַז מיט זיין קומען האָבן אין קאָוונער געטאָ זיך געענדיקט די „זיבן גוטע יאָר", און דאָס געטאָ איז אַריינגעטראָטן אין אַ תקופה פון שווערע נסיונות.

היות מ'האָט אין געטאָ באַקומען ידיעות, אַז ער, געקע, איז אַ יידן־הענקער פון אַ גרעסערן מאַסשטאַב און פאַרמאָגט נאָך חוץ אַלעמען אַ פולמאַכט פון די „הויכע פענצטער" צו האַנדלען לויט זיין אייגענעם איינזען, האָבן יידן זיין קומען אין קאָוונער געטאָ אויסגעטייטשט ווי אַ באַווייז, אַז דאָס געטאָ שטייט ערב דער ליקווידאַציע.

ניט מען נאָך צו, אַז אָנהויב־סעפּטעמבער ד.י. איז פאָרגעקומען די ליקווי־דאַציע פון ווילנער געטאָ, פונוואַנען מ'האָט דעם גרעסטן טייל יידן פאַרשלעפּט קיין עסטלאַנד אויף צוואַנגס־אַרבעט אין די דאָרטיקע קאַצעטן, די עלטערע, שוואַכערע דערוואַקסענע מענטשן און קינדער פאַרניכטעט אין פּאָנאַר, און דעם רעשט פון עטלעכע טויזנט יידן באַזעצט אין אַ פּאָר אַרבעטס־לאַגערן בשכנות פון ווילנע —, ווערט קלאָר, ווי געשפּאַנט ס'איז געוואָרן די אַטמאָספער אין קאָוונער געטאָ.

שוין מיט זיין אויסערלעכער פיזיאָנאָמיע — אַן עכטער טיפּ פון פּרייסישן יונקערטום, הויך געוואַקסן, ברייט־פּלייציק, שטענדיק מיליטעריש־שטראַם אויס־געצויגן דעם גוף, אַ פאַררײסענער קאָפּ און אַ פּאָר טיף־אַדורכדרינגלעכע אויגן — האָט געקע אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די געטאָ־יידן. וואָס־ווייטער האָט ער אַלץ מער גענומען אַריינגעמען אין זיינע הענט די אַנפירונג מיטן געטאָ.

*) אין דייטש: Göcke

זייענדיק א ראפינירטער יידן=תלין מיט א גרויסער מאָס פון יונקעריש=נאַצישער „אינטעליגענץ", האט געקע, ווייזט אויס, דאסמאל באשלאסן זיינע צילן בנוגע דעם געטאָ צו דערגרייכן „מיט גוטן", ד. ה. שאפן צו אים, פריער פאר אלץ, א געוויסן צוטרוי מצד די יידן. אנגעהויבן האט ער זיין דאזיקן וועג מיטן פארגרעסערן די שפייז=צוטיילונגען פארן געטאָ. אינדערצייט, ווען דער פריערדיקער געטא=באלעבאס, דער שטאט=קאמיסאריאט, פלעגט פשוט אראָפּגנבענען פאר זיך די מאגערע שפייז=נארמעס, וואס ס'זיינען געווען באשטימט פאר די יידן, און דער ייד. באפעלקערונג פלעגט ער צוואַרפן צו הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג פרא פערזאן און פון צייט=צו=צייט צו ביסל פארפוילטע קארטאפל —, האט ער, געקע, פאראָרדנט ארויסצוגעבן די יידן ניט נאר די פעסטגעשטעלטע שפייז=צוטיילונג, נאר האט זיך געמיט די יידן, אזוי צו זאגן, ניט צו עוולה'ן... פאר דער שווער=ארבעטנדיקער באפעלקערונג האט ער אפילו געהאט באשטימט ארויסצוגעבן הוספה=צוטיילונגען פון שפייז=פראדוקטן.

אחוץ דער פארגרעסערונג פון דער אפיציעלער פארפלעגונג, האט ער אויך די יידן ניט געשטערט ארייגצוטראגן אין געטאָ שפייז=פראדוקטן, וואס זיי פלעגן אומלעגאַל איינקויפן אין שטאָט בעת דער אַרבעט. אויבנאויפיק האָט דעריבער לכתחילה געמאכט דעם איינדרוק, אז די נייע באלעבאטים פון געטאָ זיינען ניט נאר ערגער פאר די אלטע, נאר, אומגעקערט, אין געוויסע פרטים, ווי אַ שטייגער, אין פרט פון פארפלעגונג זיינען זיי נאך בעסער, ווי יענע. אָבער גאָר גיך האט געקע געגומען ארויסגעבן זיך אליין מיט זיינע נייע שריט בנוגע דעם געטאָ.

* *
*

גייענדיק אויפן וועג פון אייליק צוגרייטן די פארבאדינגונגען צו פארוואנדלען דאס געטאָ אין א קאצעט, דורכן אריבערפירן דעם גרעסטן טייל געטאָ=יידן אין ספעציעלע יידישע ארבעטס=לאגערן, האט געקע אנגעהויבן זיין פּלאַן, ערשטנס, מיטן רעמאנטירן א גרויסע מיליטערישע געביידע לעבן קאָוונער אַעראדראם. אין דער דאזיקער געביידע איז פריער געווען א לאגער פאר סאוועטישע קריגס=געפאנגענע. דעם יידישן אַרבעטס=אַמט האָט ער פאַראָרדנט וואָס=גיכער אדורכצופירן דעם רעמאנט פון אָט דער געביידע. הגם די געטאָ=יידן האבן משער=געווען, אז דער ניי=רעמאנטירטער לאגער וועט זיין פאר זיי, האט מען אבער קיין באשטעטיקונג אויף דעם מצד דעם געטאָ=קאמענדאנט ניט באקומען.

צווייטנס, איז ביז זיין קומען אין געטאָ געווען א לאגע, אז אחוץ אויפן אַעראדראם, וו ס'האבן צו יענער צייט געארבעט אן אנדערהאלבן טויזנט יידן,

האָבן איבער 5000 יידן געאַרבעט אין קרוב צו 200 שטאַטישע אַרבעטס־פּלעצער, צעוואָרפענע אין אַלע ווינקעלעך פון שטאָט, צוזאַמען מיט קריסטלעכע אַרבעטער. לויטן פּלאַן פון געקען, זיינען אנגענומען געוואָרן אייליקע שריט צו ליקווידירן די צעוואָרפענע יידישע אַרבעטס־שטעלעס און גלייכצייטיק צו שאַפן אין די קאָוונער פאָרשטעט 5—6 גרויסע אַרבעטס־פּלעצער, ספּעציעל פאַר יידן. דורכן שאַפן אויף די אַרבעטס־שטעלעס גופא אַרבעטס־לאַגערן פאַר די יידן, וואָס אַרבעטן דאָרט, האָט געקע געהאָפט צו דערגרייכן מיטאַמאָל פאָלגנדיקע צילן:

א) דאָס געטאָ מיט זיין קאָמפּאַקטער מאַסע פון אַן ערך 16 טויזנט נפשות ווערט צעפּיצלט אויף עטלעכע אַרבעטס־לאַגערן, אָפּגעריסענע איינער פון צווייטן;

ב) אַרויסנעמענדיק די יידן פון די אַרבעטס־שטעלעס, וווּ זיי אַרבעטן צוזאַמען מיט ניט־יידן, ווערט פאַר די יידן אָפּגעשאַפט די מעגלעכקייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט קריסטן — אַ פאַקטאָר מחמת כמה וכמה טעמים פון אַן אויסער־געוויינלעכן באַדייט פאַר די יידן;

ג) האָבנדיק דעם אַרבעטס־לאַגער ביי דער אַרבעטס־שטעלע גופא, מיידט מען אויס צו פירן די יידן פון געטאָ אין שטאָט צו דער אַרבעט און צוריק, און

ד) דאָס איז דער עיקר! — אין נויטיקן מאָמענט, ווען ס'וועט קומען די צייט צו ליקווידירן דעם רעשט יידן, וועט עס זיין פיל לייכטער צו דערגרייכן אין דעם פאַל, ווען די יידן וועלן זיך געפינען אין קליינע, איזאָלירטע אַרבעטס־לאַגערן, אונטער אַ שטרענגן רעזשים, איידער דאָן, ווען אַ גרעסערע צאָל יידן וועט זיין קאָנצענטרירט אין געטאָ, וווּ דער ייד האָט אָביעקטיוו פיל מער באַוועגונגס־פרייהייט, ווי אין אַרבעטס־לאַגער.

לויטן באַפעל פון געקען, זיינען דעריבער פון טאָג־צו־טאָג פאַרמאַכט געוואָרן אַלץ מער יידישע אַרבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט, און די יידישע אַרבעטער פון די ליקווידירטע בריגאַדעס פלעגן אויטאָמאַטיש אַריבערגעפירט ווערן אין די ספּעציעל פאַר יידן געשאַפענע אַרבעטס־פּלעצער ביי די מיליטערישע אינטענ־דאַנטור־אָרגאַניזאַציעס*) אין דער קאָוונער פאָרשטאָט שאַנץ.

די דאָזיקע דערשיינונג האָט, חוץ אַלעמען, געהאַט פאַר די געטאָ־יידן אַ נע־גאַטיווע אויסווירקונג אין עקאָנאָמישן זין. אַרבעטנדיק אין קלענערע אַרבעטס־פּלעצער צוזאַמען מיט קריסטן, פלעגן יידן האָבן אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן זייער לעצט ביסל זאַכן אויף שפּייז־פּראָדוקטן. מיטן צווינגען די יידן צו אַרבעטן גאָר אין אַ סביבה פון יידן, ניט קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט ניט־יידן, איז פון זיי צוגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט צו קענען מאַטעריעל עקזיסטירן. מחמת

*) H.V.M. (Heeresverpflegungsmagazin) און H.B.A. (Heeresbekleidungsamt)

דעם האָט טאַקע דער עקאָנאָמישער וווילשטאַנד אין געטאָ גאָר גיך גענומען שטאַרק זינקען, און דעם גרעסטער טייל יידן האָט גענומען לעבן פיל ערגער, ווי פריער.

* * *

נאָך אין פאַרלויף פון זומער 1943, איידער דאָס געטאָ איז אַריבער אין רשות פון ס. ס.-אָבערשטורמבאַנפירער געקע, זיינען פון דער געטאָ-באַפעלקערונג רעקרוטירט געוואָרן אין דער ליטווישער פּראָווינץ 3 יידישע אַרבעטס-לאַגערן: 1) אין קיידאַן — ביים בויען דעם דאָרטיקן אַעראָדראָם, אַן ערך 500 יידן, 2) אין פּאַלעמאָן — ביי ציגל און טאָרף-אַרבעט, א 300 יידן און 3) אין קאָשעדאַר — ביי טאָרף און וואַלד-אַרבעט, אַן ערך 300 יידן.

די רעקרוטירונג פון די דאָזיקע אַרבעטס-לאַגערן האָבן אַדורכגעפירט די אינסטאַנצן פון עלטעסטן-ראַט אויף פאָלגנדיקן אופן: יעדן מאָל, ווען ס'איז נויטיק געווען צו רעקרוטירן א געוויסע צאָל יידן פאַרן באַטרעפנדיקן אַרבעטס-לאַגער, פלעגן צונויפגעשטעלט ווערן רשימות פון פּאַסיקע קאַנדידאַטן פאַרן לאַגער. ביים צונויפשטעלן אַזעלכע רשימות האָט פאָרמעל געגאָלטן פאָלגנדיקער קריטעריום: קודם-כל אַליינשטייענדיקע יינגערע מענער און פרויען; צווייטנס, משפּחות אָן קליינע קינדער און, דריטנס, האָט עס געזאָלט הייסן, אַז נאָר פיזיש-געזונטע און אַרבעטס-פעאיקע מענטשן קומען אין באַטראַכט געשיקט צו ווערן אין לאַגער.

היות, אָבער, די יידישע געטאָ-אָנפירער האָבן ניט צו שטאַרק מקפיד-געווען, אַז די אויבנדערמאָנטע מער-ווייניקער יושר'דיקע ריכטליניעס זאָלן באמת טאַקע אָפּגעהיט ווערן, און אין געטאָ-לעבן האָבן ניט געפעלט קיין אַסאָציאַלע און אַמאָראַלישע דערשיינונגען, ווי ווילקיר, קאָרופּציע, פּראָטעקציאָניזם א. א. וו., מוז מען למען האמת זאָגן, אַז פאַקטיש פלעגן אין אַזעלכע רשימות אַריינגעצויגן ווערן בעיקר די יעניקע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפן נידעריקסטן שטאַפּל פון סאָציאַלן לייטער אין געטאָ. די דאָזיקע אומבאַהאָלפענע און שוצלאָזע פאָלקס-מענטשן זיינען געווען דאָס סאַמע דאַנקבאַרסטע מאַטעריאַל פאַר די צוואַנגס-איבערזידלונגען אין די אַרבעטס-לאַגערן.

כדי ס'זאָל זיין א מעגלעכקייט פריער צו דיספּאָנירן ביים ענדגילטיקן פעסט-שטעלן די פּערזאָנען פאַרן אַרבעטס-לאַגער, פלעגט אויף די רשימות שטענדיק אָנגעצייכנט ווערן א פיל-גרעסערע צאָל מענטשן, ווי ס'פלעגט נויטיק זיין פאַרן לאַגער.

פּראַקטיש פלעגט די רעקרוטירונג פון אַן אַרבעטס-לאַגער פאָרקומען אַזוי:

מיט אייניקע טעג פאַרן טערמין אָפּצושיקן די יידן אין לאַגער, פלעגן די אָנגעמערקטע פּערזאָנען, גאַנץ אומגעריכט פאַר זיי, ס'רוב ביינאַכט, פאַרהאַלטן

ווערן מצד דער יידישער געטאָ־פּאָליציי, און זיי פלעגן געהאַלטן ווערן אין געטאָ־תּפיסה, ביז דער אָפּטראַנספּאָרטירונג אין לאַגער. במשך די דאָזיקע טעג און נעכט פלעגט דאָס געטאָ איבערלעבן א גרויסע שפּאַנונג און אויפרעקונג. נאָך־ניט־פאַרהאַלטענע ־מענטשן פלעגן ציטערן, מ'זאָל זיי ניט קומען פאַרהאַלטן, און די שוין־פאַרהאַלטענע פלעגן דורך זייערע פריינט און באַקאַנטע אויף דער פריי אנווענדן פאַרשיידענע שתדלנות, מ'זאָל זיי באַפרייען.

פיל יינגערע און אַרבעטספעאיקע איינצל־פּערזאָנען, וועלכע זיינען דאָן געווען די פּאַסיקסטע קאַנדידאַטן פאַר די אַרבעטס־לאַגערן, פלעגן זיך מיען, אויף דער צייט פון רעקרוטירן די מענטשן, זיך צו פאַרבאַהאַלטן ערגעץ־ווו אין א באַהעלטעניש, מ'זאָל זיי ניט געפינען אין די וווינונגען, קומענדיק זיי זוכן. באַוויזן פלעגן זיי זיך ערשט נאָכדעם, ווען דער טראַנספּאָרט אין אַרבעטס־לאַגער פלעגט שוין זיין אָפּגעגאַנגען און ס'איז געווען קלאָר, אַז דאָסמאָל איז די סכנה צו ווערן אַרויסגעשיקט אין א לאַגער שוין ענדגילטיק פאַרביי.

האַרט פאַרן אָפּשיקן דעם מענטשן־טראַנספּאָרט אין לאַגער, פלעגן העכערע באַאַמטע פון עלטעסטן־ראַט צוזאַמען מיט א יידישער מעדיצינישער קאָמיסיע קומען אין געטאָ־תּפיסה און לעצטגילטיק באַשטימען, ווער ס'מוז פאָרן אין לאַגער. אין די דאָזיקע נעילה־שעה'ן פלעגט אין־און אַרום געטאָ־תּפיסה רוישן, ווי אין א בינשטאָק. די יעניקע, וועלכע פלעגן נאָך האָבן דעם קלענסטן שאַנס ניט צו פאָרן, פלעגן עס פּרובירן אויסנוצן אין די סאַמע לעצטע מינוטן.

דעם קולמינאַציע־פּונקט פלעגן די דאָזיקע פּיינפולע און טראַגישע געטאָ־געשעענישן דערגרייכן אין דעם מאָמענט, ווען מ'פלעגט פון דער געטאָ־תּפיסה אָנהויבן אַרויסצופירן די מענטשן, כדי זיי אָפּצופירן אין לאַגער. א ספּעציעלער קאָנוואָי פון דייטשן, ליטווישע פּאַרטיזאַנער אָדער אוקראַאינישע וולאַסאָווצעס פלעגט קומען אָפּנעמען די יידן. פריינט און באַקאַנטע פון די יידן, באַשטימטע צו פאָרן אין לאַגער, פלעגן זיך צונויפקלייבן אַרום די צוויי געטאָ־תּפיסות, וווּ ס'פלעגן געהאַלטן ווערן די צונויפגענומענע מענטשן, און מיט יללות, ווי ביי א לוויה, פלעגן זיי אַרויסבאַגלייטן זייערע נאָענטע. גרויליקע סצענעס פלעגן זיך אָפּשפּילן ביים אָפּשיקן די מענטשן. געוויין, געשריי, היסטערישע אָנפאַלן ביי פרויען א. א. וו. פלעגן זיך אַדורכמישן אינאיינעם, און אַלץ צוזאַמען פלעגט שאַפן אַן אויפציטערנדיק בילד פונעם יידישן „לעבן" אין געטאָ.

נאָכן אָפּשיקן יידן אין אַן אַרבעטס־לאַגער, פלעגט אַ געוויסע צייט אין געטאָ הערשן א שטימונג פון אבילות צוליב די אַרויסגעפירטע מענטשן. נאָך ניי־אָנקומענדיקע גזירות און צרות פלעגן אָפּשטופּן אין א זייט די פריער־פאַרגע־קומענע געשעענישן. דאָס געטאָ פלעגט שוין „לעבן" מיט די נייע שלעק און פּורעניות. און אַזוי אָן אַן אויפהער, אָן א סוף...

* *
*

נאכדעם, ווי געקע האט איבערגענומען די אנפירונג מיטן געטאָ און ס'איז קלאָר געוואָרן זיין טענדענץ די גאַנצע געטאָ=באַפעלקערונג בהדרגה'דיק אַריבערצופירן אין ארבעטס=לאגערן, האט די העכסטע רעפּרעזענטאנץ פון געטאָ=קיבוץ, דער עלטעסטן=ראַט, כדי צו רעגולירן אזא פּיינפולן פּראָצעס פון געטאָ=לעבן, געשאַפן אַ קאַזערנירונגס=קאָמיסיע*) אָנצופירן מיט די אַלע ענינים ביים אַריבערפירן יידן פון געטאָ אין די אַרבעטס=לאַגערן.

די קאזערנירונגס=קאמיסיע איז אייליק צוגעטראטן צו איר ארבעט. א גאנצער „שטאַב" מיטארבעטער איז געשטעלט געווארן אין איר רשות. די ארבעט פון דער קאמיסיע איז אָנגעגאנגען דורך טאג און דורך נאכט. קודם=כל האט די קאזערנירונגס=קאָמיסיע אויסגעארבעט א פּלאַן, ווי אזוי צו פארטיילן די גאנצע געטאָ=באפעלקערונג, אָפּהענגיק פון פאמיליע=באשטאנד, ארבעטס=פּלאַץ, ארבעטספעאיקייט, עלטער, בארוף א. א. וו. אין ספּעציעלע קאטעגאריעס, כדי צו האבן אן אריענטאציע, אין וועלכן ארבעטס=לאגער דער אדער יענער ייד קען עווענטועל ווערן קאזערנירט.

אינעם באשטאנד פון דער קאזערנירונגס=קאמיסיע זיינען אחוץ די פּערזאנען, באשטימטע פונעם עלטעסטן=ראט, אויך געווען פארטראטן פארשייער פון די אומלעגאלע געזעלשאפלעכע גרופּירונגען אין געטאָ, ווי קאָמוניסטן, רעוויזיאניסטן א. א. ציוניסטישע שטרעמונגען. די אויפגאבע פון די געז. פּארשטייער איז געווען צו פארטיידיקן די אינטערעסן פון זייערע מענטשן אין פּרט פון קאזערנירונג.

היות בשעתו האָט דער אָנזען פון די געז.=אַקטיווערע עלעמענטן געהאַלטן אין וואקסן, בעיקר צוליב זייער טעטיקייט ביים אוועקגיין פון געטאָ אין וואלד צו די פּאַרטיזאנער, פלעגט די קאזערנירונגס=קאמיסיע זייער שטארק זיך רעכענען מיט זייערע ווונטשן און פארלאנגען.

אַחוץ די געטאָ=יידן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שטיקל שייכות צו די געז. שטרעמונגען, זיינען בעת די ערשטע קאזערנירונגען געווען געשיצט אויך די יעניקע פּערזאנען, וועלכע זיינען געשטאנען אין גוטע באציאונגען מיט די אָנפירנדיקע

*) דאס אריבערפירן יידן פון געטאָ אין ספּעציעלע יידישע ארבעטס=לאגערן האָט מען אין קאָוונער געטאָ אָנגערופן „קאַזערנירן", פון דייטשן וואָרט „קאַזערנע" — קאַזאַרמע, ד. ה. איינקווארטירן די יידן אין קאַזאַרמעס אָדער באַראַקעס אויף די ארבעטספּלעצער. די אינסטאנץ, וואָס האָט געהאט צו טאָן מיט די דאָזיקע ענינים, האָט געהייסן: „קאַזערנירונגס=קאָמיסיע".

פונקציאָנערן פון יידישן געטאָ־אַפּאַראַט. מחמת דעם זיינען ביים רעקרוטירן די ארבעטס־לאַגערן די א. ג. סתם־יידן, וואס האבן געבילדעט דעם רוב בנין ורוב מנין פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, געווען אויסגעשטעלט אויפן אייגזען פון דער קאַזערנירונגס־קאָמיסיע.

אמת, קענען די באַשטימונגען פון דער קאַזערנירונגס־קאָמיסיע האט דער געטאָ־ייד פאַרמעל געהאַט רעכט זיך צו קלאָגן אין עלטעסטן־ראַט. למען האמת מוז מען אָבער זאָגן, אַז אַזעלכע אָנקלאָגעס פלעגן זעלטן־ווען געגומען ווערן אין אַכט. דער ייד, וואָס פלעגט באַשטימט ווערן אין אַן ארבעטס־לאַגער, פלעגט, ווענדיק ניט וועלנדיק, מוזן פּינקלעך אויספירן די פאַראָרדנונג מצד דער קאַזערנירונגס־קאָמיסיע.

די ערשטע ממשות'דיקע ארבעט פון דער קאַזערנירונגס־קאָמיסיע איז געווען דאָס אייליקע צוגרייטן א רשימה פון 3000 געטאָ־יידן בשייכות מיט דער פאַראָרדנונג פון געקען צו שאַפן אין זשערעטשאַי*) א יידישן ארבעטס־לאַגער פאַר טאָרף־ און וואַלד־ארבעטן.

אין דער קאַזערנירונגס־קאָמיסיע זיינען געווען טעטיק: פּאָליציי־שעף משה לעווין, דר. וואָלסאָנאָק, אינזש. ראַטנער, דוד ראַטנער**) נ. מאַרקאָווסקי (פריי געוואָרן אין דאַכאַו), פ. מאַרגאָליס***) א.א.

*) אַ דאָרפישער ישוב ביים שטעטל סאַפּיזשישאָק, אַן ערך 40 קמ. פון קאָוונע.

**) וועגן אַלעמען ז. „פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך מתעסק־געווען מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג".

***) ז. „אַרבעטס־אַמט".

## קאַפּיטל XXII

# איבערזידלונגס־אַקציע קיין עסטלאַנד

צוגרייטונגען צו רעקרוטירן 3000 יידן פאַרן אַרבעטס־לאַגער אין עזשערעטשאַי. — שטימונג אין געטאָ ערב דער איבערזידלונג. — אַרעסט פון דער יידישער „האַלץ־בריגאַדע". — פאַרלויף פונעם ערשטן האַלבן טאָג פון דער איבערזידלונגס־אַקציע. — וואַקכאַנאַליע אין געטאָ, ווען וולאַסאָוועצעס האָבן נאָכמיטאָג גענומען כאַפּן יידן. — גורל פון די ארויסגעפירטע מענטשן. — אויף מאָרגן נאָך די געשעענישן פון 26־טן אָקטאָבער.

ווי מיר האבן געזען אין פאריקן קאפיטל, האט דער געטאָ־קאמענדאנט געקע געהאט פאראדנט דעם עלטעסטן־ראט צוצוגרייטן א רשימה פון 3000 יידן פאר א נייעם ארבעטס־לאגער אין עזשערעטשאי, ביי קאוונע. די קאזערנירונגס־קאמיסיע ביים עלטעסטן־ראט האט געארבעט מיטן „פולן דאמף", כדי די רשימה פון די פאסיקע קאנדידאטן פאר עזשערעטשאי וואס־גיכער פארטיק צו מאכן. געווען איז עס אינמיטן אקטאבער 1943.

דער עלטעסטן־ראט, האבנדיק צוטרוי צו געקעס דערקלערונגען, אז די 3000 געטאָ־יידן דארף מען טאקע האבן פאר עזשערעטשאי, האט, פון זיין זייט, געמאכט אלע הכנות, דער יידישער ארבעטס־לאגער זאל זיין אוועקגעשטעלט אויף מער־ווייניקער געזונטערע יסודות. צו דעם צוועק האט ער פארויסגעזען צו קאמאנדירן אין עזשערעטשאי מיטארבעטער פון די פארשיידענע געטאָ־אינסטיטוציעס, ווי א שטייגער, פון פארפלעגונגס־אמט, ארבעטס־אמט, סאציאל־אמט א.א.וו., כדי אויך דארטן, אזוי ווי אין געטאָ, איינצושטעלן א יידישן אפאראט, וואס זאל באדינען די לאגער־באפעלקערונג.

פאר די געטאָ־יידן איז די רעקרוטירונג פון מענטשן פאר עזשערעטשאי ניט געווען קיין סוד. להפך צו די פריערדיקע רעקרוטירונגען אין די ארבעטס־לאגערן, ווען מ'האט געקוקט אויף דער מעגלעכקייט ארייננצופאלן אין אן ארבעטס־לאגער ווי אויף אן אומגליק, האבן איצט פיל יידן די זאך ניט גענומען אזוי טראגיש.

איטלעכער ייד אין געטאָ האָט געוווּסט, אַז, ערשטנס, וועט מען, פריער אדער שפּעטער, בּמילא אַריינפאַלן אין אַן אַרבעטס־לאַגער און צווייטנס, האָט דער לאַגער אין עזשערעטשאַי געשיינט צו זיין ניט ערגער, ווי די אנדערע ארבעטס־לאַגערן.

סיי די „הבטחה" מצד געקען צו שאַפן אין עזשערעטשאַי ביי די טאָרף־ און וואלד־ארבעטן ניט קיין ערגערע לעבנס־באַדינגונגען, ווי אין געטאָ גופא, סיי די באַמיאונגען מצד דעם עלטעסטן־ראָט דארטן איינצושטעלן א שטיקל אָרדנונג, האָבן באַדייטנדיק נייטראַליזירט די מורא צו ווערן באַשטימט אין אַזעלכן ארבעטס־לאַגער.

אמת, איטלעכער געטאָ־ייד האָט טאַקע געוואָלט בעסער בלייבן אין געטאָ, איי־דער פאָרן קיין עזשערעטשאַי. אָבער, ווי געזאָגט, פאַר קיין גרויסע טראַגעדיע האָט מען עס ניט געהאַלטן.

אַז פון ענין עזשערעטשאַי וועלן פאָרן געטאָ זיך אויסלאָזן אַזעלכע טראַגישע פאָלגן, איז בשעתו קיינעם אויפן זינען ניט אַרויף.

ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז במשך די נאָענטסטע טעג דאַרפן פאַרטיק ווערן די צוגרייטונגס־אַרבעטן פאַר דער רעקרוטירונג פון נייעם לאַגער, איז דאָך, ווי תמיד פאַר אַזאַ געשעעניש, די שטימונג אין געטאָ געוואָרן אַ היפּש ביסל געשפּאַנט. עפּעס ווי די געטאָ־יידן וואָלטן אינטואיטיוו דערשפּירט די גרויסע סכנה, וואָס דערנענטערט זיך פאַר זיי.

כדי ענדגילטיק זיך צו איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דער דערקלע־רונג מצד דעם געטאָ־קאָמענדאַנט, אַז די יידן וועלן ווערן איבערגעזידלט קיין עזשערעטשאַי און ניט אַנדערשוווּ, האָט דר. עלקעס ווידעראַמאָל וועגן דעם גע־רעדט מיט געקען, וואָס האָט אים אויסדריקלעך „פאַרזיכערט", אַז ס'האַנדלט זיך נאָר וועגן לאַגער עזשערעטשאַי.

ענדלעך האָט געקע מיטגעטיילט דר. עלקעס, אַז דעם 26־טן אָקטאָבער וועט פאָרקומען דאָס אָפּשיקן די מענטשן אין נייעם לאַגער.

* *
*

דינסטיק, דעם 25־טן אָקטאָבער, נאָכמיטאָג, האָבן יידישע ארבעטער פון דער „האַלץ־בריגאַדע", וואָס האָט געאַרבעט אין אַלעקסאָט*) ביים לאָדן האָלץ ניט ווייט פון דער אייזנבאַן־ליניע, באַמערקט, אַז ס'שטייען א סך וואַגאָנעס מיט פאַרדראָטעטע פענצטערלעך. ווען די יידן האָבן געפּרוּווט דערגיין ביי די פּאָסטנס,

*) א קאָוונער פאָרשטאָט בשכנות מיטן אעראָדראָם.

וואָס האָבן זיי באוואכט ביי דער אַרבעט, פאַר וועמען די דאָזיקע וואַגאָנעס שטייען גרייט, האָבן זיי באַקומען אַן אויסמיידנדיקן ענטפער.

הגם די ייִדן פון דער בריגאַדע איז דאן קיין בייז ניט איינגעפאַלן, האָבן זיי אָבער געזען, אַז אַ פּאָר שעה פאַרן ענדיקן די אַרבעט און צוריקקערן אין געטאָ זיינען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ אָנגעקומען געשטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן די ייִדן פאַר־אָרדנט צו פאַרענדיקן די אַרבעט און אַריינצוקריכן אין לאַסט־אויטאָס, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך. לכתחילה האָבן ייִדן געמיינט, אַז ס'האַנדלט זיך וועגן אַ רעוויזיע מצד געשטאַפּאָ אויף אומלעגאַל־איינגעקויפטע שפּייז־פּראָדוקטן. קיין רעוויזיעס זיינען אָבער ניט געשען. וואָס דאָ קומט פאַר האָבן ייִדן זיך ניט געקענט דערקלערן. דערזעענדיק, אַז די געשטאַפּאָ־לייט פירן זיי אין דער ריכטונג צום 9־טן פאָרט, פון וואַנען מ'קומט ניט צוריק, האָבן די מענטשן, פאַר־בייפאָרנדיק דאָס געטאָ, געוויינט און געשריען צו די געטאָ־ייִדן, אַז מ'פירט זיי אויפן פאָרט. אויך אין געטאָ האָט קיינער ניט געוווּסט, וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט די מענטשן פון דער „האָלץ־בריגאַדע".

נאָכן אָפּהאַלטן אויפן פאָרט די אויף טויט־דערשראָקענע ייִדן די נאַכט פון 25־טן אויפן 26־טן אָקטאָבער, האָט מען זיי אַלעמען אויף מאָרגן אינדערפרי צוריקגעקערט אין געטאָ, ווו ס'איז, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, שוין פאַרגעקומען דאָס צונויפנעמען די מענטשן.

ערשט נאָכדעם איז עס קלאָר געוואָרן, אַז געשטאַפּאָ האָט די אַרבעטער פון דער „האָלץ־בריגאַדע" אוועקגעפירט אויפן פאָרט מחמת מורא, אַז די ייִדן, וועלכע האָבן באַמערקט די צוגעגרייטע וואַגאָנעס, זאָלן קומענדיק אין געטאָ ניט דערציילן, וואָס זיי האָבן געזען. דורכדעם וואָלט די געטאָ־ייִדן געקענט איינ־פאַלן אַ חשד, אַז די צוגעגרייטע וואַגאָנעס זיינען, אפשר, באַשטימט פאַר זיי.

די געשטאַפּאָ־צוגרייטונגען צום מאָרגנדיקן טאָג זיינען פאַרן געטאָ דאָך ניט געבליבן אינגאַנצן בסוד. דינסטיק פאַרנאַכט האָבן די ייִדישע בריגאַדירן פון דער אַרבעטס־בריגאַדע „ה.ק.פּ."*), ווי אויך פון דער אַרבעטס־שטעלע „קראַפטפּאַסט־אַמט, קאַוּען"**), קומענדיק פון דער אַרבעט געבראַכט די פאַרטרוילעכע ידיעה, אַז ביי די אויבנדערמאָנטע דייטשע דינסט־שטעלעס איז אויף מאָרגן מצד גע־שטאַפּאָ באַשטעלט געוואָרן אַ גרעסערע צאָל לאַסט־אויטאָס. דאָס האָט געגעבן אַן ערנסטן גרונט חושד־צו־זיין, אַז דער מאָרגנדיקער טאָג וועט זיין פאַרן געטאָ אַ טאָג פון נאָר פּיינפולע און שווערע נסיונות.

*) H. K. P. (Heereskraftfahrpark)

**) קאָוונע האָבן די נאַציס משנה־שם געווען אויף קאַוּען.

אויב איינצלנע יידן האָבן שוין דאן געהאט זיך צוגעגרייט א באהעלטעניש, ווו זיך צו פארשטעקן עד יעבור זעם, האָט כמעט די גאנצע באפעלקערונג הילפלאָז זיך געלאָזן טראָגן מיטן שטראָם פון גורל. פיל געטאָ־יידן האָבן במשך דער נאכט צוגעגרייט פאר יעדן דערוואקסענעם משפחה־מיטגליד א רוקזאק מיט די נוי־טיקסטע זאכן, כדי צו זיין גרייט אויף אלע עווענטואַליטעטן.

ווידער איז עס געווען א נאכט פון די טרויעריק־באַרימטע שלאָפלאָזע נעכט אין געטאָ, ווען קיינער איז ניט געווען זיכער, צי ער וועט די קומענדיקע נאכט נאָך אויך זיין אין געטאָ, אָדער ער וועט ווערן פארשלעפּט ערגעץ־ווו אויף אומ־קום. פארטאָג איז אויך באקאנט געוואָרן, אז די באוואכונג ארום געטאָ־צוים איז פארשטארקט — א דייטלעכער באווייז, אז אין געטאָ וועט קיין גוטס ניט געשען...

* *
*

מיטוואָך, דעם 26־טן אָקטאָבער, פארטאָג, זיינען שוין אלע געטאָ־יידן געווען אויף די פיס, גרייט צו א שווערן נסיון'פולן טאָג. גאַר פרי האָט א פובלי־קירטע מעלדונג פונעם עלטעסטן־ראט מודיע־געווען דער געטאָ־באפעלקערונג וועגן דעם, אז מצד די מאכט־אָרגאנען איז דעם עלטעסטן־ראט איבערגעגעבן געוואָרן א פאראָרדנונג צוצושטעלן 3000 יידן אויף ארבעט אין עזשערעטשאי. אָנווייזנדיק אין דער מעלדונג, אז ס'זיינען צוגעגרייט געוואָרן רשימות פון די יעניקע יידן, וועלכע זיינען באשטימט צו פאָרן אין נייעם לאגער, האָט דער עלטעסטן־ראט אַפּעלירט צו דער געטאָ־באפעלקערונג פינקטלעך אויסצופירן די אָנווייזונגען פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי, וואָס וועט קומען אין די הייזער איבערגעבן די באטרעפנדיקע פערזאָנען די באשטימונגען צו פאָרן קיין עזשערעטשאי. צום סוף האָט דער עלטעסטן־ראט ארויסגעזאָגט אין דער מעלדונג אייניקע טרייסט־ווערטער צו די יעניקע יידן, וועמען ס'וועט אויסקומען צו פאָרן אין לאגער, צווינטשנדיק זיי גליק אין זייער נייער „היים“.

צו דער ארבעט אין שטאָט זיינען די יידן דעם טאָג ניט ארויסגעלאָזן געוואָרן. גרופּעס יידן האָבן שוין אין די פריע פרימאָרגן־שעהן זיך געקליבן ביי די הייזער און מיט גרויס נערוועזיטעט דערוואַרט די באפאָרשטייענדיקע געשעענישן.

אזייגער 7–8 אינדערפרי האָבן אין געטאָ געגומען אָנקומען שטארק־באוואָפנטע גרופּעס פון דייטשער פּאָליציי, געשטאפּאָ־לייט און ציוויל־געקליידעטע ליטווינער פון דער ליטווישער זיכערהייטס־פּאָליציי. איבערנעמענדיק פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי די צוגעגרייטע רשימות פון די פערזאָנען, באשטימטע פאר עזשערעטשאי, זיינען זיי אין דער באגלייטונג פון דער ייד. פּאָליציי געגאַנגען איבער די געטאָ־הייזער צונויפנעמען די באטרעפנדיקע מענטשן.

פיל פערזאָנען, וואָס זיינען געווען פאַרויסגעזען אויף די רשימות, זיינען לכתחילה געפונען געוואָרן אין די וווינונגען מחמת פאַלגנדיקע סיבות: ערשטנס, האָט קיינער ניט געוווּסט, צי ער איז יאָ דאָ אָדער ניטאָ אויף די ליסטעס; צווייטנס, גלויבנדיק, אַז מען פאָרט טאַקע קיין עזשערעטשאַי, אַ נאָענטער פּונקט ביי קאָוונע, איז, ווי שוין געזאָגט, ביי דער מערהייט געטאָ־יידן געווען פּאַראַליזירט די גרייטקייט זיך ארויסצודרייען פון פאָרן אהין און, דריטנס, איז צו יענער צייט די צאָל באהעלטענישן אין געטאָ געווען זייער אַ קליינע, און יידן האָבן פשוט ניט געהאַט, וווּ זיך אויסצובאהאלטן.

אַריינקומענדיק אין אַ שטוב צוצונעמען די מענטשן פאָרן לאַגער, פלעגט מען זיי דערלויבן איינצופּאַקן די סאַמע נויטיקסטע זאכן, וואָס מ'פלעגט אויף פורן אָפּטראנספאָרטירן צום זאמל־פונקט ביים געטאָ־טויער אויף ווארניו גאַס.

מיטאָג־צייט האָבן פיל געטאָ־יידן געכאַפּט שטאַרק צווייפלען אין דעם, צי די צונויפגענומענע מענטשן פירט מען טאַקע קיין עזשערעטשאַי, ווייל מען איז דערגאַנגען, אַז פון געטאָ גייען די טראַנספּאָרטן ניט צום ניעמאַן־האַפן, ווי דאָס וואָלט געדאַרפט זיין אין פאַל פון פאָרן קיין עזשערעטשאַי, נאָר מ'פירט די מענטשן גאָר צום אַעראָדראָם.

די שטימונג אין געטאָ האָט פון שעה־צו־שעה גענומען אָננעמען אַ פּאַנישן כאַראַקטער, און יעדער איינער האָט זיך געמיט צו פאַרשטעקן, ווו ס'איז נאָר מעגלעך, כדי ניט אריינצופאַלן צווישן די מענטשן, וועלכע מ'נעמט צונויף. דאָס צונויפּברענגען מענטשן, לויט די צוגעגרייטע רשימות, איז דעריבער געוואָרן אַלץ לאַנגזאַמער.

די קאַזערנירונגס־קאָמיסיע, באַקומענדיק ידיעות פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי, אַז מ'האָלט שוין ביים ענדיקן אויסנוצן די צוגעגרייטע רשימות און ס'פעלן נאָך אַ סך מענטשן, מחמת פיל יידן באהאלטן זיך אויס, האָט אין גרויס איילעניש גענומען פּאַרטיק מאַכן נייע רשימות, זיך ניט האַלטנדיק אָן קיינע ריכטליניעס, אַבי נאָר נאָכצוקומען די פאָדערונג פון דער מאַכט ביים רעקרוטירן די נויטיקע צאָל יידן. אָבער אויך די דאָזיקע אויף־גיך־צונויפגעשטעלטע רשימות האָבן קיין סך ניט געהאָלפן, ווייל דאָס צונויפנעמען די מענטשן איז געוואָרן פון שעה־צו־שעה אַלץ שווערער.

געשטאַפּאָ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אקציע, האָט נאָר געוואַרט אויף אזא געלעגנהייט, כדי אדורכצופירן אירע אַ שטיקל „ארבעט"...

* * *

אזייגער 3־2 ביי טאָג, ווען די געשטאַפּאָ־לייט צוזאמען מיטן שטאַב פון געטאָ־קאָמענדאנט געקע האָבן געזען, אַז ס'פעלן נאָך אַ 1000 מאַן, האָבן זיי ארייני־

געלאָזן אין געטאָ א גרויסע כאַפּטע אַנגעשכורטע וולאַסאָווצעס, וואָס זיי האָבן פון אינדערפרי אָן געהאַלטן פארשטעקט ערגעץ־ווו בשכנות פון געטאָ. ס׳איז זיי אָפּגעגעבן געוואָרן א באפעל ארומצורינגלען די גרויסע בלאָק־הייזער, וווּ ס׳האָבן געוווינט הונדערטער יידן, און אָן איבערקלייב אלע יידן ארויסטרייבן אויף דער גאס.

מיט א ווילדער רציחה פון געניטע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן די וולאַסאָווצעס זיך ארייַנגעריסן אין די יידישע וווינונגען און, לאָזנדיק אין גאנג די פּריקלאָדן פון זייערע ביקסן, נאַגייקעס און כוליגאַנישע זידל־ווערטער, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף מענער, פרויען און קינדער, געזונטע און קראַנקע, יונגע און אלטע, און אלעמען, אָן אויסנאַם, גענומען טרייבן צום זאמל־פּונקט ביים געטאָ־טויער. דאָרטן זיינען די צונויפגעבראכטע יידן געפּאַקט געוואָרן אויף לאַסט־אויטאָס, וואָס פלעגן זיי אָפּטראַנספּאָרטירן פון געטאָ.

נאָכן ארויסטרייבן די יידן פון די גרויסע בלאָק־הייזער, זיינען באַפאַלן געוואָרן די יידישע הייזער אין די שכנישע גאסן, און אויך פון דאָרטן האָט מען די יידן גענומען טרייבן צו די לאַסט־אויטאָס. איינציקע שעה האָט אָנגעהאַלטן די וואקכאַנאַליע פון די צעיושעטע רוצחים. פאר דער צייט האָט אין געטאָ געהערשט א שווידערלעכע פּאַניק און פּאָגראָם־שטימונג. מענטשן האָבן גענומען זיך אויסבאהאלטן, ווו איינער האָט נאָר געקענט. מען איז געלאָפן, ווי משוגע, פון איין ווינקל צום צווייטן. די געשרייען און יללות פון די, וועלכע זיינען מיט געוואַלט געשלעפּט געוואָרן מצד די וולאַסאָווצעס, זיינען געווען אין לשער. גלייכצייטיק האָבן די ווילד־געוואָרענע רוצחים אומגעשטערט געראַבירט די יידישע הייזער, וואָס זיי האָבן איבערפאלן.

קרוב אַנדערהאַלבן טויזנט מאן זיינען אויף אזא אופן צונויפגעכאַפּט געוואָרן דורך די וולאַסאָווצעס במשך עטלעכע שעה.

אז ס׳איז אָנגעפאלן דער אָוונט און די נויטיקע צאָל יידישע קרבנות איז שוין געווען צונויפגעבראכט, האָבן ביסלעכווייז די מחנות געשטאַפּאָ און פּאָליצייַלייט צוזאמען מיט זייערע „קאָלעגן“, די ליטווינער און וולאַסאָווצעס, גענומען פארלאָזן דאָס געטאָ. אויף די גאסן פון געטאָ איז נאָך א לענגערע צייט ניט געווען צו זען קיין לעבעדיקן מענטשן. אין טויט־שרעק האָבן די געטאָ־יידן געוואַרט, וואָס ווייטער וועט זיין.

ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אז די אקציע איז געענדיקט, האָבן די אויסבאַהאַלטענע יידן ביסלעכווייז גענומען ארויסקריכן פון די לעכער. אין געטאָ האָט

אויסגעזען, ווי נאָך אַ שווידערלעכן פּאָגראָם. אין פיל הייזער האָבן געפעלט גאַנצע משפּחות און איינצלנע פּערזאָנען, וועלכע זיינען ארויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ. בסך־הכל זיינען דעם טאָג פארכאפּט געוואָרן 2700*) יידן.

* *

*

ווי ס'האָט שפּעטער זיך אויפגעקלערט, האָט מען די יידן פון געטאָ געבראַכט אויף קאָוונער אַעראָדראָם, וווּ ס'האָבן שוין אויף זיי געוואַרט ס.ס.־ און געשטאַפּאָ־לייט, בראש מיטן טרויעריק־באַרימטן אָנפירער פון דער גרויסער אַקציע, הויפּט־שטורמפירער ראַוקאַ.

אויפן אַעראָדראָם האָט געהערשט פאָלגנדיקע „אָרדנונג“:

ווי נאָר ס'פלעגט אָנקומען אַ לאַסט־אויטאָ מיט יידן, פלעגן די נאַצי־רוצחים ארומרינגלען די געבראַכטע יידן און אדורכפירן אַ סעלעקציע. די קינדער פלעגט מען אייליק צוכאַפּן פון די עלטערן און, ווי פּילקעס, זיי אריינוואַרפן אין ספּעציעלע לאַסט־אויטאָס. עלטערן, וועלכע פלעגן עפּעס וואַגן צו זאָגן און זיך קעגנשטעלן, פלעגט מען מערדערלעך שלאָגן. די עלטערע און שוואַכערע מענער און פרויען זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן באַזונדער.

די יינגערע און געזינטערע מענער און פרויען האָט מען געלאָדן אין די דערביישטייענדיקע משא־וואַגאָנעס, צו 100 פּערזאָן אין אַ וואַגאָן. די אָנגעלאָדענע וואַגאָנעס זיינען תיכף פאַרריגלט געוואָרן. די וואַגאָן־פענצטערלעך זיינען געווען באַשלאָגן מיט שטעכיקן דראָט. די ענגשאַפט און צאַנקעריי אין די איבערפולטע וואַגאָנעס איז געווען אומגעהויער גרויס. מענטשן זיינען דאָרט געווען צוגויפגעדריקט, ווי הערינג אין אַ פאַס. וועגן עסן און טרינקען איז קיין רייד ניט געווען. אפילו די מענטשלעכע באַדערפעניש האָבן די יידן געמוזט דערלייזדיקן אין זעלבן וואַגאָן...

דאָס גאַנצע אויסזען פון אַעראָדראָם האָט דערמאָנט די שווידערלעך־באַקאַנטע בילדער פון די פאַרניכטונגס־אַקציעס. די יאָמערייען און געשרייען פון די מיט גוואַלד־צעריסענע משפּחה־מיטגלידער זיינען געווען הארצרייסנדיק. פון אַלע זייטן האָבן זיך געשאָטן אויף יידישע קעפּ מכות־רצח מצד די גזלנישע ס.ס.־ און געשטאַפּאָ־לייט.

לויט שפּעטער־אויפגעקלערטע ידיעות, האָט מען די קינדער, עלטערע און שוואַכערע מענער און פרויען־אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין אוישוויץ, וווּ זיי זיינען

*) אין טאָג פון דער איבערזידלונגס־אַקציע האָט מען גערעכנט, אַז מ'האָט ארויסגעפירט העכער 3000 פּערזאָן. דער טעות איז אויפגעקלערט געוואָרן ביים ציילן די מענטשן בעת דער סעלעקציע אויפן אַעראָדראָם.

פאַרגאַזט און פאַרבערענט געוואָרן. וויפל קרבנות ס'זיינען דאַן אוועק אויף פאַר־ניכטונג, איז ניט געלונגען פעסטצושטעלן.

דער עשאַלאָן מיט די ארבעטס־פעאיקע מענער און פרויען האָט שפּעט אינאָווענט זיך גענומען רירן פון אָרט. די יידן אין די וואַגאָנעס האָבן געזען, אַז מ'פירט זיי ערגעץ־ווו. זיי האָבן אָבער ניט געוווּסט, וווהין זיי ווערן געפירט.

פאָרנדיק איבער דער אייזנבאַן־בריק, וווּ ס'איז געווען אַן אַר־בעטס־שטעלע*) פאַר געטאָ־יידן, האָבן די מענטשן פון די וואַגאָנעס ארויסגע־וואָרפן צעטעלער, אין וועלכע זיי האָבן געשריבן צו די יידן אין געטאָ, אַז מ'פירט זיי אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. אַזעלכע צעטעלער האָבן זיי אויך ארויסגע־וואָרפן ביי קיידאַן, ווו ס'איז געווען אַ יידישער ארבעטער־לאַגער. ביים אדורכפאָרן שאַוול, האָבן שאַוולער געטאָ־יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ניט ווייט פון דער באַן, געטרייסט די קאָוונער יידן, אַז מ'פירט זיי ניט אויף פאַרניכטונג, נאָר אויף אַר־בעט קיין ריגע.

אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז אין עטלעכע טעג ארום איז דער עשאַלאָן אָנגעקומען קיין עסטלאַנד, און די יידן האָט מען באַזעצט אין די ארבעטס־לאַגערן ארום וויוואַרא (לעבן נאַרווא) און ארום קלאָגאַ, ווו זיי האָבן שוין געפונען יידן, פאַרשלעפטע אהין פון ווילנער א.א. געטאָס.

פון די שווערע קאַטאָרזשנע ארבעטן און פון די אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען איז דער גרעסטער טייל פאַרשלעפטע יידן קיין עסטלאַנד אומגעקומען.

אין יולי 1944, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די יעמאָלטיקע סאָוועטישע זומער־אָפענ־סיווע, האָבן די נאַציס אייליק גענומען עוואַקואירן די עסטישע ארבעטס־לאַגערן. נאָך פיל גלגולים האָט מען אַן ערך 4000 יידן פון די לאַגערן ארום וויוואַרא עוואַקואירט אין די קאַצעטן פון דייטשלאַנד. די איבעריקע יידן פון די לאַגערן ארום קלאָגאַ האָבן די היטלעריסטן צוליבן שנעלן פאָרויסמאַרש פון די סאָוועטישע טרופּן שוין ניט באַוויזן צו עוואַקואירן. אָנהויב־אויגוסט 1944 האָט מען די דאָזיקע יידן דערשאָסן און צונויפגעלייגט אויף שייטערהויפנס צום פאַרברענען. די רוצחים האָבן אָבער שוין ניט באַוויזן צו פאַרברענען די קרבנות, ווייל די רוסישע חילות האָבן דערגרייכט דעם פּונקט און געפונען דאָרטן די דערשאָסענע יידן, גרייט צו פאַרברענען אויף די שייטערהויפנס.

עטלעכע צענדליק יידן איז יאָ געלונגען זיך ארויסצודרייען פון דער מאַסן־שחיטה און זיך אויסצובאַהאַלטן אין די עסטישע וועלדער. דער גרעסטער טייל פון זיי איז אָבער אומגעקומען אריינפאַלנדיק אין די הענט פון די נאַציס, אָדער

*) אַן אָפּטיילונג פון דער דייטשער פירמע „דעמאַג".

אויסגייענדיק פון הונגער און קראַנקייט. געציילטע פערזאָנען איז געלונגען אריבער־צוקומען אַלע גרויליקע איבערלעבונגען און אין גענויע צוויי מאָנאַטן ארום צו ווערן באפרייט.

די עוואַקואירטע קיין דייטשלאַנד האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל, ווי אַלע אַנדערע פארשלעפּטע יידן אין דייטשע קאַצעטן, ווו די באפרייאונג האָבן דערלעבט נאָר יחידי־סגולה.

* *
*

אַז ס'איז פאַרביי די נאַכט נאָך אזא קאַשמאַרפולן טאָג, זיינען אויף מאָרגן אינדערפרי די יידן אליין ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט אין שטאָט. לעבן זאַמל־פונקט ביים געטאָ־טויער, פונוואַנען מ'האָט די צוזאַמענגעכאַפּטע יידן אָפּגעפירט אין די לאַסט־אויטאָס, איז געווען אָנגעוואָרפן א באַרג מיט פּעק יידישע זאַכן. לכתחילה האָבן די יידן געוואָלט מיטנעמען מיט זיך זייערע זאַכן, נאָר זעענדיק, אַז מ'פירט זיי ניט קיין עזשערעטשאַי, ווי ס'איז געווען די רייד, נאָר ערגעץ־ווו אין דער אומבאַקאַנטקייט, אפשר אויך אויף אומקום, איז קיינעם פון זיי מער ניט געלעגן אין קאָפּ מיטצונעמען זאַכן. שפּעטער־צו זיינען די איבערגעלאָזענע זאַכן אריבער אין רשות פון סאָציאַלן אמט.

פאַרטאָג איז קודם־כל יעדערער געלאָפן צו זיינע פריינט און באַקאַנטע דער־גייך, וועמען מ'האָט במשך דעם נעכטיקן טאָג ארויסגעפירט. די איבערגעבליבענע אין געטאָ האָבן באַווײנט די ארויסגעפירטע, און מיט שרעק האָט איטלעכער געטאָ־ייד דערוואַרט זיין אייגענע שטאַרק מטושטשות'דיקע צוקונפט. איצט זיינען אַלע געווען זיכער, אַז נאָכן ליקווידירן ווילנער געטאָ, איז, ווייזט אויס, אָנגעקומען די ריי צו ליקווידירן אויך קאָוונער געטאָ. מ'האָט געהאַט די איבערצייגונג, אַז די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון געטאָ איז נאָר א פראַגע פון אייניקע וואָכן און אפשר פון אייניקע טעג. ס'האָט זיך נאָר געוואָלט האָבן א הפסקה כאָטש פון אַ פּאָר רואיקע טעג, כדי צו קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

דעם זעלבן טאָג, ד.ה. דאָנערשטיק, דעם 27־טן אָקטאָבער, איז מצד געקען אָפּגעגעבן געוואָרן א פאַראָרדנונג צום עלטעסטן־ראַט במשך אייניקע טעג צו רוימען די גרויסע בלאָק־הייזער אויף וואַרניו גאַס און די קליינע בלאָק־הייזער אויף מילדאָס גאַס. די נאַצישע רוצחים האָבן די פאַרבליבענע געטאָ־יידן ניט געלאָזן זיך אפילו געווּג אָנצוווייגען... גאַנץ אומגעריכט זיינען הונדערטער משפחות געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און צו זוכן ערגעץ־ווו א נייעם אָפּדאַך.

ישווידערלעך האָט אויסגעזען דאָס בילד אין און ארום די גרויסע בלאָק-הייזער נאָך דער פאָרגעקומענער איבערזידלונגס-אקציע. פעדערן פון אויפגעריסענעם בעטגעוואַנט האָבן זיך אדורכגעמישט מיט צעבראָכענע מעבל, שטובזאכן אד״גל, און אלץ צוזאמען האָט עדות געזאָגט אויף די פּאָגראָם-מעשים מצד די וולאַסאָווצעס. צו דעם אלעמען איז נאָך צוגעקומען די אייליקע רוימונג פונעם ראיאָן. יידן פונעם דאָזיקן געטאָ-ראַיאָן האָבן געשלעפּט אויף זיך די נויטיקסטע פון די שטוביקע חפיצים און האָבן זיך איינגעקווארטירט אינעם איבעריקן טייל געטאָ. אלע האָבן אויסגעזען ווי אבלים, וואָס האָבן זיך געריכט, אז מאָרגן-איבערמאָרגן וועט אויך קומען זייער ריי... די פייגלעך-נאָגנדיקע פראגע: וואָס ווייטער? — האָט ניט אָפּגעלאָזן אויף קיין איין רגע.

אין אייניקע טעג ארום נאָך דער איבערזידלונגס-אקציע קיין עסטלאנד האָט געקע, אין א געשפּרעך מיט דר. עלקעסן אים איבערגעגעבן, אז, אָנהויבנדיק פון 1-טן נאָוועמבער 1943, וועט קאָוונער געטאָ פארוואנדלט ווערן אין א קאָנצענטראציע-לאגער*). וואָס פארא ממשות׳דיקע באדייטונג די דאָזיקע אומוואנדלונג פון געטאָ אין א קאצעט וועט האָבן פאר די געטאָ-יידן, איז צו יענעם מאָמענט נאָך ניט געווען אינגאנצן קלאָר. אויף יעדן פאל איז געווען א גרונט זיך צו ריכטן, אז דאָס באדייט אן ענדערונג לרעה ניט לטובה... און אזוי איז טאקע, ליידער, געווען.

וויסנדיק די שטימונג ביי די געטאָ-יידן, אז ס׳האָט ניט קיין זין ווייטער צו גיין ארבעטן, ווייל סיי-ווי-סיי גייט עס דאָך צו א פולשטענדיקער ליקווידאציע פון געטאָ, האָט געקע „געראטן“ די יידן זיך צו בארואיקן נאָך די פאָרגעקומענע געשעענישן, און יעדערער זאָל אויך ווייטער פּינקטלעך גיין צו דער ארבעט, ווי געווען. אין קעגנפאל האָט ער געדראָט אָנצוווענדן שטרענגע סאנקציעס לגבי דער געטאָ-באפעלקערונג.

פון די טראגישע געשעענישן בעת דער איבערזידלונגס-אקציע קיין עסטלאנד האָבן די געטאָ-יידן געמאכט פאָלגנדיקע וויכטיקע אויספירן:

ערשטנס, ווער ס׳האָט די קלענסטע מעגלעכקייט אוועקצוגיין פון געטאָ צו די פּארטיזאנער אין וואלד, אָדער ערגעץ-ווו צו באקאנטע קריסטן אין שטאָט אָדער אין דאָרף, טאָר מער ניט וואַרטן מיט דעם קיין איבעריקן טאָג, ווייל ס׳איז די העכסטע צייט עס צו טאָן, אניט קען עס ווערן צו שפּעט;

צווייטנס, ווער ס׳האָט ניט קיין מעגלעכקייט אוועקצוגיין פון געטאָ, דארף אייליק זיך נעמען צו דער בויאונג פון א „מאַלינע“, ד.ה. פון א גוט-מאָסקירטער באהעלטעניש, ווו זיך אויסצובאהאלטן אין אזעלכע גרויליקע טעג, ווי ס׳איז גע-

*) פאָרמעל געהייסן: K. L. Kauen

ווען דער 26=טער אָקטאָבער. די דערפארונג האָט באוויזן, אז די יעניקע, וועלכע זיינען בעת דער איבערזידלונגס=אקציע געווען פארשטעקט ערגעץ=ווו אין א באהעלטעניש, זיינען דאָך געבליבן בשלום אין געטאָ. אָט פארוואָס ס'האָט טאקע זינט דאן זיך אָנגעהויבן א פיבערהאפטיקע בויאונג פון „מאלינעס" — א באַוועגונג, וואָס האָט פארכאפט א גרויסע צאָל געטאָ=יידן.

# קאַפּיטל XXIII

## פון נאָך דער איבערזידלונגס־אַקציע קיין עסטלאַנד ביז ערב דער אקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע

(נאָוועמבער 1943 — מערץ 1944)

באַוועגונג אין געטאָ אָפּצוגעבן די קינדער בײַ קריסטן. — שאַ־פונג פונעם ערשטן גרויסן יידישן אַרבעטס־לאַגער אין אַלעקסאָט. — ס׳יידישע „לעבן" אין אַרבעטס־לאַגער. — גרינדונג פונעם אַר־בעטס־לאַגער אין שאַנץ. — רוימונג פון אַלט־געטאָ־ראַיאָן. — ווייטערדיקע רעקרוטירונג פון די יידישע־ארבעטס־לאַגערן. — לעגענדאַרער אַנטלויפן פון דער יידישער אַ־בעטס־בריגאַדע, וואָס האָט געאַרבעט אויפן 9־טן פאָרט בײַם פאַרברענען די אויסגעגראָבענע הרוגים. — מצב אין געטאָ במשך די ערשטע פּאָר חדשים פון יאָר 1944: א) דערפרייענדיקע ידיעות פון די פראָנטן. — ב) גינסטיקע עקאָנאָמישע לאַגע. — ג) נייע פּליכט־רעגיסטראַציע. — ד) קלענערע הוספה־קאָנצענירונגען. — ה) דאָס אוועקגיין פון געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער. — פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך מתעסק־געווען מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. — אינדיווי־דועלער און קאָלעקטיווער אַוועקגיין צו פּריוואַטע קריסטן. — ו) יידישער קאַמף קעגן מוסרים און אויסוואָרפן. — ז) אינטענ־סיווער בוי פון „מאַלינעס". — ח) דאָס אַריינשיקן אין געטאָ דײַטשע קאַפּאָס. — ט) קלאַנגען, הכחשות א. א. וו.

אין אַ צען טעג אַרום נאָך דער איבערזידלונגס־אַקציע קיין עסטלאַנד, ווען די געטאָ־יידן האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך אָפּצוטשוכעןפונעם גרויסן קלאַפּ צוליב די אַרויסגעפירטע קרוב צו דריי טויזנט יידן, איז צום געטאָ דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז דעם 5־טן נאָוועמבער 1943 איז אין שאַוולער געטאָ פאָרגעקומען אַן אקציע אויף קינדער, ניט קיין אַרבעטנדיקע אַלטע און קראַנקע. די דאָזיקע אַקציע האָט אָפּגעקאָסט דעם שאַוולער געטאָ איבער 800 קרבנות, בעיקר קינדער ביז 12 יאָר, עלטערע מענטשן פון איבער 55 יאָר און, חוצדעם, קראַנקע און אינוואַלידן.

ווען ס'איז ווען דעם באַוווסט געוואָרן אין קאָוונער געטאָ, זיינען די יידן געוואָרן שרעקלעך אויפגערודערט, ווייל ס'איז געווען צו דערוואַרטן, אַז דאָס, וואָס האָט פּאַסירט אין שאַוולער געטאָ, וועט, פריער אָדער שפּעטער, אויך מוזן פּאַסירן אין קאָוונער געטאָ.

פיל עלטערע מענטשן און אינוואַלידן, וואָס זיינען, לויט זייער עלטער אָדער קראַנקייט, שוין ניט געווען מער אַרבעטס־פעליקייט, האָבן, ניט וועלנדיק זיין אָן אַרבעטס־קאַרטע, זיך באַזאָרגט מיט אַן אַרבעטס־פּלאַץ בעיקר אין די געטאָ־וואַרשטאַטן, ווו די אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען געווען ניט אַזוי שווערע, ווי אין די שטאָטישע אַרבעטס־פּלעצער.

שלעכט איז געווען זיך צו געבן אַן עצה, וואָס צו טאָן מיט די קינדער. אַזוי ווי מ'האָט געדעכנט, אַז די קינדער, וועלכע לערנען זיך אַ מלאכה אין געטאָ־פאַך־שול, זיינען אין אַ קלענערער סכנה, ווי די קינדער, וועלכע זיינען אינדערהיים, האָבן עלטערן געגומען אָפּגעבן זייערע קינדער אין פאַך־שול.

אויב בנוגע אַלטע און קראַנקע איז ניט געווען ווי זיך צו העלפן, און זיי האָבן געמוזט וואַרטן אויפן גרויליקן טאָג, ווען די היטלערישע חיה־רעה וועט קומען זיי פאַרצוקן, האָט די זאָרג וועגן גורל פון די קלענערע קינדער ניט געלאָזן צו רו. מ'האָט גענומען זוכן מעגלעכקייטן אַריבערצופירן קינדער אין שטאָט אָדער אין דאָרף און זיי אָפּגעבן אין קריסטלעכע משפחות. דאָס איז אָבער געווען אַן אויסער־געוויינלעך־שווערע אויפגאַבע, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אומצאָליקע שוועריקייטן.

פריער פאַר אַלץ האָט מען געדאַרפט געפינען אַזאַ קריסטלעכע משפּחה, וואָס זאָל זיין גרייט צוצונעמען אַ יידישן קינד און דערביי ריזיקירן מיט די לעבנס פון אַלע משפחה־מיטגלידער, אין פאַל ווען געשטאַפּאָ זאָל די זאַך אַנט־דעקן.

צווייטנס, האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן אַ גרעסערע סומע געלט, כדי מאַ־טעריעל צו פאַרגיטיקן די קריסטלעכע משפחה פאַרן צונעמען און אויסהאַלטן דאָס קינד. די יעניקע עלטערן, וועלכע זיינען געווען אומבאַמיטלט, האָבן דורך פאַרשיידענע אופנים זיך געמיט צו שאַפן די געלט־מיטלען, וואָס זיינען געווען נויטיק אויף איינצואָרדנען דאָס קינד ביי קריסטן.

פיל וויכטיקער, ווי די געלט־מיטלען, איז געווען די גרונט־פראַגע: ווו געפינט מען אַ פּאַסיקן אָרט אָפּצוגעבן דאָס קינד? און די דאָזיקע פראַגע איז געווען גאָר ניט אַזוי פּשוט.

ניט ווייניק מיסברויכן און אָפּנאַרערייען זיינען מצד אומערלעכע קריסטן אין דעם פּרט פאָרגעקומען. די דאָזיקע קריסטן פלעגן צונעמען ביי די יידן דאָס

געלט און די זאַכן, און ערשט נאָכדעם פּלעגן זיי בכלל זען זיך אַרויסצודרייען פון אָננעמען דאָס קינד, אָדער אין אַ קורצער צייט אַרום פּלעגן זיי אים צוריק־שיקן די עלטערן אין געטאָ מיטן אויסרייד, אַז געשטאַפּאָ פאַרפאָלגט זיי, און זיי קענען ווייטער דאָס קינד ניט האַלטן ביי זיך. ס'זיינען געווען פאַלן, ווען קינדער האָבן געוואַנדערט פון געטאָ אין שטאָט און צוריק אַ 3—4 מאָל, ביז זיי האָבן געפונען אַ מקום־מקלט. ס'האָבן אויך ניט געפעלט קיין שאַנטאַזש־שפּיצלער און אַנדערע אַרויספּרעסונגס־מיטלען מצד פאַרברעכערישע קריסטן, פאַר וועמען די טראַגעדיע פון יידישן קינד איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט צו מאַכן „לייכטע געשעפטן"...

די צאָל קריסטן, וואָס האָבן געוואָגט צונעמען צו זיך אַ יידישן קינד, זייענדיק אינספּירירט בעיקר פון הומאַניסטישע טעמים, איז געווען ניט גרויס. אַ מענטש־לעכע פאַרשטענדעניש ביים ראַטעווען די יידישע קינדער האָבן יאָ אַרויסגעוויזן געוויסע פערזאָנען פון דער קאַטוילישער גייסטלעכקייט, ווי אַ שטייגער, דער זייער־ליבנסווירדיקער גלח פּאַוקשטיס, דער יעזואיטן־פּאָטער אַלאָאיז, די מאָ־נאַכין אַנאַ בראָקייטיטע א. א. אַ טייל פון זיי האָט עס געטאָן מחמת ריין־מענטש־לעכע מאָטיוון, אַנדערע — מחמת מיסיאָנערישע: אָפּשמדן די יידישע קינדער און זיי אויסהאָדעווען ווי קריסטן. ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז אַדאַנק די דאָזיקע קאַטוילישע גייסטלעכע געלונגען אַרויסצוראַטעווען פון געטאָ אַ היפּש ביסל קינדער.

חוצדעם איז געווען גאָר ניט קיין לייכטע פּראָבלעם אַרויסצוטראָגן די קינ־דער פון געטאָ און זיי צושטעלן אויף אַן אָרט צו די קריסטלעכע משפחות. אויך אין דעם פּרט פלעגן ס'רוב יידן זיך געבן אַן עצה אויף פאַלגנדיקע אופנים:

פאַר אַ גוטער באַלוינונג פלעגן זיך איינגעפינען געוויסע פּאָסטנס פון דער געטאָ־באַוואַכונג, וועלכע פלעגן, אינדערצייט פון זייער שטיין וואַך ביים געטאָ־צוים, לאָזן אַדורכטראָגן דאָס קינד דורכן געטאָ־צוים. ניט ווייט פון צוים פלעגט שוין וואַרטן עמיצער פון די קריסטן, וואָס פלעגט דאָס קינד תיכף צונעמען און עס אוועקפירן צו זיך אַהיים. ס'רוב פלעגט מען אָבער זיין געצוווּנגען אַליין צו־צושטעלן די קינדער צו די קריסטן אין שטאָט.

מיט דער הילף פון פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס פלעגט מען פיל קינדער אויך אַרויסטראָגן דורכן געטאָ־טויער. אַזוי, למשל, פלעגט מען גאָר קליינע קינדער, נאָכן איינשלעפערן זיי דורך אַ נאַרקאָז, פאַרמאַסקירן אין אַ טאָרבע אָדער אין אַ רוקזאַק און, גייענדיק צו דער אַרבעט, פלעגט מען זיי אַוועקטראָגן אין שטאָט אַריין. אָדער, אַ שטייגער, אַ פּעסט־געבויטער מאַן פלעגט דאָס איינ־געשלעפערטע קינד אַרומבינדן אַרום זיך אונטערן מאַנטל, און אַזוי אומבאַמערקט פלעגט ער עס אַדורכטראָגן דורכן געטאָ־טויער.

צו דעם צוועק פלעגן אויך שטארק אויסגענוצט ווערן די יידישע פורן פון די געטאָ־מוסדות און פון די געטאָ־ווארשטאטן. מיט די דאָזיקע פורן, וואָס פלעגן פאָרן אין שטאָט אריין מיט פארשיידענע דינסטלעכע ענינים, ווי ברענגען פארפלעגונג פארן געטאָ, אוועקפירן אָדער ברענגען מאטעריאלן פאר די געטאָ־ווארשטאטן א. א. וו., זיינען אויך פיל קינדער ארויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ.

די פאָסטנס ביים געטאָ־טויער פלעגן אין אזא פאל ווערן גוט באלוינט מצד די עלטערן פון די קינדער. ווען דער רעזשים אין געטאָ איז געוואָרן פיל שטרענגער, און יידישע פורן פלעגן ווערן באגלייט מצד א דייטשן פאָסטן, פלעגן יידן זען דורכצוקומען מיט די פאָסטנס, זיי זאָלן זיך מאכן ניט זעענדיק, וואָס מען פירט אויף די פורן...

כדי די קלענערע קינדער זאָלן ניט נעמען וויינען בעתן ארויסטראָגן זיי פון געטאָ און דערמיט שטעלן אין סכנה זיך און די עלטערן, פלעגט מען זיי, ווי געזאָגט, הארט פארן דורכטראָגן דורכן געטאָ־טויער אָדער געטאָ־צוים איינשלעפערן מיט נארקאָז־מיטלען.

ס'האָבן ניט געפעלט קיין פאלן, ווען קינדער פלעגן זיך אויפכאַפּן גראָד ערב דעם ארויסטראָגן זיי פון געטאָ. דאן פלעגט מען מוזן צוריקקערן אהיים און אין א טאָג־צוויי ארום ווידער פרובירן איינשלעפערן דאָס קינד. גאָר גרויס איז געווען די סכנה, ווען דאָס קינד פלעגט זיך אויפכאַפּן אויף יענער זייט טויער פריצייטיק, ד. ה. איידער מען פלעגט מיט אים אָנקומען אויף אן אָרט.

בכלל געגומען איז געווען לייכטער ביי קריסטן איינצואָרדנען מיידלעך, איידער יינגלעך. מחמת דעם, וואָס די יינגלעך זיינען געווען געמלט, פלעגט זיין פיל שווערער זיי אָפּצוגעבן אין שטאָט.

א פּראָבלעם איז אויך געווען, דאָס קינד זאָל קענען א ביסל ליטוויש, כדי צו קענען זיך פארשטענדיקן אין דער נייער סביבה.

געווען קריסטן, וואָס פלעגן זיין בעלנים צו נעמען נאָר קלענערע קינדער. אנדערע, ווידער, פלעגן וועלן נעמען דוקא גרעסערע.

ביים אָפּגעבן א קינד אין שטאָט, האָט מען געדארפט אָט די אלע ענינים רעגולירן און ערשט דאן צוטרעטן צום עיקר: ארויסטראָגן פון געטאָ דאָס קינד.

ביי דער געלעגנהייט דארף באמערקט ווערן, אז אין פרט פון דערמעגלעכן ארויסצוטראָגן די קינדער פון געטאָ האָט פיל מיטגעהאָלפן דער יידישער יונגער־מאן י א נ ק ל  ו ו ע ר ב א ו ס ק י, וואָס האָט געארבעט ביים געטאָ־טויער *).

*) וועגן דער ראָלע פון די יידישע פונקציאָנערן ביי די געטאָ־טויערן, בפרט וועגן ווערבאָווסקין — ז. „ארבעטס־אמט" אין דער מאָנאָגראפיע: „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ".

ניט געקוקט אויף די אַלע קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, האָט זיך דאָך אָנגעהויבן אין געטאָ אַ גרויסע באַוועגונג וואָס־ניכער די קינדער איינצואָרדענען אין שטאָט. די יע־ניקע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט באַקאַנטע קריסטן אין שטאָט אָדער אין דאָרף און האָבן באַזאָרגט די נויטיקע מאַטעריעלע מיטלען אויף אַדורכצו־פירן די דאָזיקע גאָר־ניט־לייכטע אָפּעראַציע, האָבן אויף קיין זאַך ניט געקוקט און האָבן עס געטאָן וואָס־אייליקער. ס'האָט אויך קיינעם פון די עלטערן ניט אָפּגעשראָקן די מעגלעכקייט אַריינצופאַלן אין געשטאַפּאָ ביים איינאָרדענען דאָס קינד אין שטאָט און באַצאָלן דערפאַר מיט די לעבנס פון דער גאַנצער משפּחה. די געטאָ־יידן האָבן אַלץ געטאָן, אַבי נאָר צו ראַטעווען די קינדער.

צענדליקער קינדער האָבן אויף אַזאַ אופן זיך יאָ אַרויסגעראַטעוועט פון געטאָ, אָבער הונדערטער קינדער האָבן געמוזט בלייבן אין געטאָ, ווייל זייערע עלטערן איז ניט געלונגען צו געפינען אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר זיי אין שטאָט.

אַ באַזונדערן קאַפּיטל שטעלט פאָר מיט זיך די שטילע אָבער טיפע טראַגעדיע פונעם יידישן קינד, וואָס איז יאָ איינגעאָרדנט געוואָרן אין שטאָט ביי קריסטן. דאָס ניט קענען די שפּראַך, כדי זיך צו פאַרשטענדיקן מיט די נייע מענטשן, די בענקשאַפט נאָך די עלטערן, די איבערגאַנגס־תקופה ביים אַקלימאַטיזירן זיך אין זיין נייער „היים" א. א. וו. — איז אַ טעמע, וואָס וואַרט נאָך אויף איר קינסט־לערישן תיקון.

די דאָזיקע באַוועגונג אָפּצוגעבן די קינדער אין שטאָט אָדער אין דאָרף ביי קריסטן האָט אָנגעהאַלטן ביז און אויך נאָך דער קינדער־אַקציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין געטאָ סוף־מערץ 1944.

* *
*

אָנהויב־נאָוועמבער 1943 איז, ווי געזאָגט, דאָס געטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַצעט. צו יענער צייט איז קלאָר געוואָרן, אַז שפּעטסטנס סוף־נאָוועמבער דאַרף אויף קאָוונער אַעראָדראָם (טאַקע אין דער זעלבער געביידע, וואָס יידן האָבן אויסגערעמאָנטירט) געשאַפן ווערן אַן אַרבעטס־לאַגער פאַר 1500 געטאָ־יידן א. נ. „אַרבעטס־לאַגער אַלעקסאָט".

ס'איז אויך באַקאַנט געוואָרן, אַז גלייך נאָכדעם וועלן אין דער קאָוונער פאָרשטאָט שאַנץ מוזן פאַרטיק ווערן די ספּעציעל פאַר יידן געבויטע הילצערנע באַראַקעס פאַר נאָך אַן אַרבעטס־לאַגער פון אַן ערך 1500 יידן. אַ דריטן לאַגער איז געווען פאָרויסגעזען צו שאַפן אין פּעטראַשון, אַ 7 קמ. פון קאָוונע, וווּ ס'האָבן געזאָלט קאַזערנירט ווערן לערך 700 יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי דער דיי־

משער מיליטערישער דינסטשטעלע פאר אויטאָ־רעמאָנטן („ה. ק. פ."). חוצדעם האָט מען געדאַרפט פארגרעסערן די שוין־פאראנענע ארבעטס־לאגערן אין קיי־דאַן, פאַלעמאָן, קאָשעדאַר א. א. ו. פאר דער קאזערנירונגס־קאָמיסיע זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן גרויסע אויפגאַבעס, און זי האָט אָנגעהויבן צו ארבעטן מיט א שטאַרקן טעמפּ.

לויט די אָנמעלדונגען פון לאגער־קאָמענדאַנט געקע, האָט מען במשך דער נאָענטסטער צייט געדאַרפט פון קאָוונער געטאָ אַריבערפירן אין די ארבעטס־לאגערן אַ 4—5 טויזנט יידן.

אין געטאָ גופא וואָלטן דאַן פאַרלויפיק פאַרבליבן אַ 7—8 טויזנט יידן: 1) די ארבעטנדיקע אין די כלערליי געטאָ־ווארשטאַטן; 2) די נאָך־ניט־געשלאָסענע איינצלנע יידישע ארבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט און 3) דער אַפּאַראַט פון די יידישע מוסדות צו באַדינען די באַפעלקערונג פון געטאָ און פון די ארומיקע ייד. ארבעטס־לאגערן.

אינעם פּלאַן פון דער טאָטאלער קאזערנירונג פון דער געטאָ־באַפעלקערונג איז געווען פאָרויסגעזען, ווי אַזוי צו קאזערנירן אויך דעם רעשט געבליבענע יידן אין געטאָ גופא. דאָס איז אָבער געווען איבערגעלאָזן אויפן סאמע סוף פון דער קאזערנירונג. אין דער ערשטער ריי האָט מען געדאַרפט שאפן דעם ארבעטס־לאַ־גער אויפן אַעראָדראָם. ס'איז געווען באַשטימט דעם לאגער צו גרינדן דעם 30־טן נאָוועמבער 1943.

ענדלעך האָט די קאזערנירונגס־קאָמיסיע פארטיק געמאכט די רשימה פון די פּערזאָנען פארן אלעקסאטער לאגער. היות ס'איז שוין קלאָר געווען, אַז יעדער געטאָ־ייד וועט במילא מוזן אדורכמאכן דעם עטאַפּ פון ווערן קאזערנירט אין אַן ארבעטס־לאגער און אויסמיידן אַזאַ זאַך וועט ניט זיין מעגלעך, האָט מען איצט שוין ניט געדאַרפט אָנקומען צום פריערדיקן מיטל פון אָנווענדן צוואַנג ביים רעקרוטירן די מענטשן. די אָנגעמערקטע פּערזאָנען פארן לאגער האָט מען מיט אַ וואָך פריער אריינגעשיקט מעלדונגען, אַז זיי דאַרפן צום באַשטימטן טערמין זיין גרייט צו ווערן קאזערנירט.

ס'רוב געטאָ־יידן, וועלכע האָבן באַקומען אַזעלכע מעלדונגען, האָבן גלייך פון אָנהויב אָן שלום־געמאכט מיטן געדאַנק צו ווערן קאזערנירט, ווייל מ'האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ „קראַנקייט", וואָס איטלעכער געטאָ־ייד וועט מוזן אדורכמאכן... און אויב שוין יאָ — טאָ וואָס־זשע פאר אַ ראָלע שפּילט שוין צו בלייבן אין געטאָ נאָך אַ פּאָר וואָכן? אַזוי, לפי־ערך, האָט גע־טראכט דער פּשוטער געטאָ־ייד.

אויף דער פּסיכאָלאָגישער גרייטקייט צו ווערן קאַזערנירט האָבן, חוצדעם, מיטגעווירקט פאָלגנדיקע יידישע „השערות":

ערשטנס, די יעניקע, וועלכע ווערן איצט קאַזערנירט, האָט מען משערגעווען, ווייסן שוין, אַז דאָס איז זייער לעצט אָרט, ווו אָדער זיי וועלן על-פּי-נס באַפרייט ווערן, אָדער דאָרטן וועלן זיי אין אַ קריטישן מאָמענט אומגעבראַכט ווערן.

צווייטנס, די יעניקע, וועלכע בלייבן אין געטאָ, קענען זיך נאָך ריכטן אויף פאַרשיידענע סורפּריזן: וועט מען, למשל, דאַרפן מיטאַמאָל האָבן ערגעץ-ווו אַ גרעסערע צאָל יידן פון קאָוונער געטאָ, וועט מען „על-פּי-שכל" זיי נעמען ניט פון די אַרבעטס-לאַגערן, נאָר פונעם נאָך-ניט קאַזערנירטן געטאָ-קיבוץ. איז צו וואָס-זשע ווערן פאַרשלעפּט ערגעץ-ווו אין דער אומבאַקאַנטקייט, ווער ווייס ביי וועלכע באַדינגונגען דאָס וועט געשען און צי מיט אַלע משפחה-מיטגלידער צוזאַמען?... איז דאָך שוין פיל „ראַטזאַמער" זיך צו לאָזן קאַזערנירן בשכנות פון קאָוונע צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה — אַזוי האָבן דאַן פיל געטאָ-יידן זיך געחקרנ'ט.

אויסער דעם האָט פיל געטאָ-יידן באַוועגט פרייוויליק זיך צו לאָזן קאַזערנירן פאָלגנדיקער ערנסטער ענין:

ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, איז אָנהויב-נאָוועמבער ד. י. אין שאַוולער געטאָ פאָרגעקומען אַן אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע. היות די אַקציע אין שאַוולער געטאָ האָט די דאָרטיקע ייד. לאַגערן געטראָפן ווייניקער, ווי דאָס געטאָ גופא, האָבן קאָוונער געטאָ-יידן דערפון געמאַכט דעם אויספיר, אַז די קינדער, אַלטע און קראַנקע זייגען אין די אַרבעטס-לאַגערן „זיכערער", ווי אין געטאָ. אַז אַזאַ אַקציע וועט אויך אין קאָוונער געטאָ, פריער אָדער שפּעטער, מוזן פאָרקומען, אין דעם האָט קיין איין געטאָ-ייד ניט געצווייפלט.

ביים באַזייטיקן די לעצטע ספקות זיך צו לאָזן קאַזערנירן, האָט אויך מיטגעווירקט די אָנמעלדונג מצד דעם לאַגער-קאָמענדאַנט, אַז גלייך נאָך דער קאָזערגירונג פון אַלעקסאָטער לאַגער וועט פאָרקומען די רוימונג פונעם אַלט-געטאָ-ראַיאָן, דעם א. ג. ערשטן סעקטאָר, ווו ס'האָבן געלעבט אַ זעקס טויזנט יידן און, הויפּטזעכלעך, יידן-קאַנדידאַטן פאַר די אַרבעטס-לאַגערן. וויסנדיק פאָרויס, מיט וויפיל שוועריקייטן ס'וועט דערנאָך זיין צו געפינען אַן אָפּדאַך אינעם איבערגעבליבענעם געטאָ-תחום, ווו פאַר יעדן געבליבענעם מענטשן וועט אויסקומען ניט מער ווי אַן אַנדערהאַלבן קוו. מעטער וווין-שטח, האָט די מערהייט יידן, באַשטימטע פאַר דער קאַזערנירונג אין אַלעקסאָט, גאָרניט געפּרוווט זיך דינגען וועגן

איבערבלייבן אין געטאָ. מחמת דעם אלעמען איז געווען מער ווי זיכער, אַז צום טאָג פון קאזערנירן אלעקסאָט וועלן אָן ספק קיין יידן פארן לאגער ניט פעלן.

יידן, וועלכע האָבן געדארפט אריבערגיין אין ארבעטס־לאגער, האָבן מיט אַ פּאָר טעג פריער איינגעפּאַקט זייער ביסל ווייכע בעבעכעס, איבערלאָזנדיק אין די ווינונגען מעבל א. א. שטובּיקע־זאכן, און זיי זיינען געווען גרייט אדורכצומאכן דעם נייעם, ווי אלע האָבן געהאָפט, לעצטן עטאַפּ אויפן ליידנספולן־וועג פון היטלערישן גיהנום.

דעם 30־טן נאָוועמבער 1943, אינדערפרי, האָבן ביים געטאָ־טויער זיך גענומען זאמלען די באשטימטע יידן פארן ארבעטס־לאגער אין אלעקסאָט. די צונויפגעזאמלטע הונדערטער מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך גרופּירט משפחה־וויַיז, און מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס האָבן זיי געוואַרט אויפן באַפעל צו פארלאָזן דאָס געטאָ און זיך לאָזן אין וועג אריין. דער פּסיכאָז צו ווערן קאזערנירט האָט די צונויפגעזאמלטע מענטשן־מאסע געמאכט אומגעדולדיק און, ווען ס'איז פאראָרדנט געוואָרן אדורכצוגיין דעם געטאָ־טויער, האָבן יידן זיך גענומען שטופּן דורכן טויער, ווי זיי וואָלטן שוין בכלל ארויס פריי פון געטאָ...

אַז ס'איז אָבער געקומען דער קאָנוואָי פון דייטשע סאָלדאטן, וועלכע האָבן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן זיך אויסגעשטעלט אין שפּאַלערן, כדי צו באַוואַכן די אָפּמארשירנדיקע יידן, האָט גענומען ווערן קאַלמוטנע אויפן הארצן. פריינט און באַקאַנטע זיינען געקומען ארויסבאַגלייטן די אָפּמאַרשירנדיקע אין לאגער. דאָס געזעגענען זיך איז פאָרגעקומען אין אַ זייער־געדריקטער שטימונג: מ'האָט ביטער געוויינט, זיך הארציק און ווארעם געקושט איינע מיט די אנדערע, צווווינטשנדיק דערביי, אַז יעדערן זאָל זיין גוט, ווו ער וועט זיין. אינעם דאָזיקן מאָמענט איז באמת שווער געווען אורצוטיילן, ווער ס'האַנדלט קליגער: די יעניקע, וועלכע ווערן קאזערנירט, אָדער די, וועלכע בלייבן אין געטאָ...

* *

*

נאָכדעם ווי דער טראנספּאָרט אין ארבעטס־לאגער איז געווען אָפּגעגאַנגען און פארנאכט האָבן זיך געהאט צוריקגעקערט אין געטאָ די יעניקע יידן, וועלכע האָבן געהאט צו טאָן מיט דער אומזידלונג, זיינען שוין גלייך געווען צו הערן ניט קיין היימלעכע גרוסן. די מענטשן האָט מען אריינגעטריבן אין אַ גרויסער קאזארמע, ווו ס'זיינען געווען צוגעגרייט הארטע הילצערנע נאַרעס אין דריי עטאזשן. די משפחות זיינען גלייך געוואָרן צעריסן, ווייל די מענער האָט מען אָפּגעטיילט פון די פרויען, און אויך די קינדער זיינען געוואָרן פונאנדערגעטיילט: די עלטערע

יינגלעך האָבן גערארפט זיין מיטן פאָטער, די יינגערע קינדער — מיט דער מוטער.

די באַוואַכונג פון לאַגער איז געווען אַ שטרענגע, און דער תפיסה־איינדרוק איז דאָרט געווען ניט אין ערך גרעסער, ווי אין געטאָ. די געבראַכטע זאַכן האָט מען גלייך צוגענומען אין אַ באַזונדערן סקלאַד, אַרויסגעבנדיק יעדערן אויף דער האַנט נאָר אַ טייל פונעם בעטגעוואַנט, אַ פּאָר וועש, אַ האַנטוך א. א. סאַמע נויטיקסטע זאַכן. אַרויסנעמען נאָך זאַכן האָט מען געטאָרט נאָר איינמאָל אין צוויי וואָכן. היות פון דער אָפיציעלער פאַרפּלעגונג פלעגט מען ניט קענען לעבן, און יידן האָבן געמוזט אויסבייטן ביי די קריסטן זייערע לעצטע זאַכן, כדי צו באַקומען פאַר דעם שפּייז־פּראָדוקטן, איז דאָס אָפּנעמען די מעגלעכקייט פריי צו דיספּאָנירן מיט די אייגענע זאַכן געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ.

אויף מאָרגן אינדערפרי זיינען פון לאַגער אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט ניט נאָר אַזעלכע מענער און פרויען, וועלכע האָבן אין געטאָ געאַרבעט, נאָר אויך אפילו די יעניקע, וועלכע זיינען אין געטאָ מחמת עלטער אָדער קראַנקייט געווען באַפרייט פון דער אַרבעט. אין לאַגער זיינען נאָר פאַרבליבן צו־בעט־ליגנדיקע קראַנקע, זקנים און קינדער ביז לערך א יאָר 10, וועלכע זיינען געווען דעם גאַנצן טאָג אונטער דער אויפזיכט פון אייניקע אויפזעערס — אַ ביסל־גע־זינטערע אַלטע מענער און פרויען. וואָס פאַרא אויפזיכט דאָס איז געווען, איז איבעריק צו זאָגן...

נאָכן אָפּאַרבעטן אַ קאַלטן און נאַסן ערב־ווינטערדיקן טאָג אויפן פרייען פעלד פון אַעראָדראָם, האָבן די אַדורכגעקעלטערטע און אַדורכגענעצטע יידן אינאָוונט. צוריקקערנדיק פון דער אַרבעט, שוין מער ניט געהאַט דאָס שטיקל וואַרעמע און רואיקע משפּחה־ווינקעלע, ווי אין געטאָ, נאָר אַ ריזיקע קאַזאַרמע מיט אָנגעפּיקעוועטע נאַרעס איינע אויף די אַנדערע, און איינע לעבן די אַנדערע. אינעם האַרמידער פון געניויע אַנדערהאַלבן טויזנט מאַן איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען קיין רייד וועגן קענען זיך אָפּרוען. אינדערצייט, ווען אין געטאָ האָט יעדער איינער נאָך געהאַט די מעגלעכקייט צוצוגרייטן עסן פאַר זיך, לויט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, האָט מען אין לאַגער געמוזט זיך באַגנוגענען מיט אַ פּאַרציע זופּ פון אַלגעמיינעם קעסל. וועל־כולם איז אַלס לאַגער־פירער באַשטימט געוואָרן אַן עכטער הורג־נפש מיט אַ סטאַזש פון מערערע קאַצעטן, דער ס. ס.־מאַן מ י אַ.

צוליבן רוצחישן לאַגער־פירער איז אַלעקסאָטער אַרבעטס־לאַגער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מוראדיקן גיהנום. פאַרן קלענסטן „חטא" פלעגט ער מער־דערלעך שלאָגן מיט זיין לאַנגער נאַגייקע און דווקא נאָר איבערן פּנים. און צו שלאָגן און צו שטראָפן פלעגט ער שוין געפינען אַ "גרונט" אויף יעדן שריט און טריט.

# אין קאַמף
# קעגן
# נאַצישן שונא



אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַ־
נער פון קאָוונער געטאָ
אין די רודניצקער וועלדער
(ווילנער געגנט)



ראַבי בן־אליעזר, קאָ־
מאַנדיר פון פּאַרטיזאַנער־
מחנה „קאַרטשאַגין"



העלדישער פּאַרטיזאַן חיים
בערמאַן (16 יאָר אַלט).
נאָכדעם ווי ביים אויספירן
אַ וויכטיקע פּאַרטיזאַנער־
שליחות זיינען געפאַלן אַלע
זיינע חברים, האָט ער זיך
אַליין אויפגעריסן מיט אַ
האַנט־גראַנאַט, אומברענגענדיק דערביי מערערע ס.ס.־לייט



דערמאָרדעטע קאַצעטלער אינעם עסטישן קאַצעט קלאָגאַ. צוליב דער רעשיקער סאָוועטישער אָפענסיווע האָבן די נאַצי־רוצחים שוין נים באַוויזן צו פאַרברענען די שייטערהויפנס מיט די הרוגים

לויטן פאָרויסגעזעענעם לאַגער=רעזשים, פלעגט מען צוויי מאָל אַ טאָג*) אויפן הויף פון לאַגער אַדורכפירן צייל=אַפּעלן, בעת וועלכע ער פלעגט שוין אָן אויפהער פּאַכן מיט דער נאַגייקע אויף רעכטס און אויף לינקס, פאַרן, כלומרשט, ניט שטיין, ווי מען דאַרף, פאַרן אַרויסריידן אַ וואָרט ביים שטיין אין ריי א. א. וו.

אין לאַגער האָבן מענער ניט געטאָרט אַריינגיין צו די אייגענע פרויען, און אפילו ביים באַגעגענען זיך אויף די טרעפּ אָדער אין די קאָרידאָרן, פלעגט מען ניט טאָרן זיך אָפּשטעלן און אַדורכריידן אַ פּאָר ווערטער. פאַרן עובר=זיין אויף דער דאָזיקער פאַראָרדנונג, פלעגט דער לאַגער=פירער ממית זיין מיט זיין נאַגייקע.

פלעגט ער כאַפּן, אַז עמיצער, גייענדיק צו דער אַרבעט, טראָגט אַרויס אַ העמד אָדער אַן אַנדער זאַך, כדי עס אויסצובייטן אויף שפּייז=פּראָדוקטן, פלעגט ער ניט נאָר קאָנפיסקירן ביים יידן זיין קעגנשטאַנד, נאָר אַלס צוגאָב פלעגט ער אים נאָך שטאַרק צעשלאָגן. פלעגט זיך אים פאַרוועלן קאָנטראָלירן די צוריקגעקערטע יידן פון דער אַרבעט, און ער פלעגט ביי עמיצן געפינען איינגעקויפטע שפּייז=פּראָדוקטן, פלעגן ווידער פליען נאַגייקע=קלעפּ, ווי האָגל. און אַזוי טאָג=איין, טאָג=אויס...

קיין וועג צוריק האָבן אָבער די געפּייניקטע יידן ניט געהאַט, און זיי זיינען דעריבער געווען געצוווּנגען צו ליידן און צו שווייגן. פלעגט עמיצער האָבן די „זכיה‟ ערנסט קראַנק צו ווערן און פלעגט מוזן אויף אַ געוויסער צייט איבערגעשיקט ווערן אין געטאָ=שפּיטאָל, פלעגט ער עס באַטראַכטן פאַר אַ זעלטענעם גליק: כאָטש אויף אַ קורצער צייט זיך אַרויסרייסן פון גיהנום=קאָשמאַר, וואָס הייסט „אַרבעטס=לאַגער אַלעקסאָט‟, אונטער דער אויפזיכט פונעם ס. ס.=סאַדיסט מיאַ. די מענטשן, וואָס פלעגן קומען פון לאַגער אין געטאָ, פלעגן מיט גיריקער קנאה קוקן אויף די געטאָ=יידן, וועלכע האָבן דאָס גליק זיך צו געפינען אין קרייז פון זייער משפחה, שלאָפן אין דער אייגענער בעט און ניט האָבן אויף יעדן שריט און טריט דעם אכזריות׳דיקן לאַגער=פירער.

נאָך אַזאַ אוממענטשלעכער און אומדערטרעגלעכער לאַגע אין אַלעקסאָטער לאַגער, איז די שטימונג זיך צו לאָזן קאַזערנירן שטאַרק געפאַלן, און די רעקרוטירונג פון די ווייטערדיקע אַרבעטס=לאַגערן איז שוין געוואָרן ניט דעם ערד שווערער, ווי פריער.

* *

*

נאָך דער גרינדונג פון אַרבעטס=לאַגער אין אַלעקסאָט, איז געוואָרן אַקטועל די רעקרוטירונג פונעם שאַנצער אַרבעטס=לאַגער, וווּ ס׳זיינען דורך יידן אַליין אויסגעבויט געוואָרן הילצערנע באַראַקעס פאַרן לאַגער. אמת, אין שאַנץ איז

*) פאַרטאָג, גלייך נאָכן אויפשטיין, און אינאָוונט, נאָך דער אַרבעט.

געווען פּאַרויסגעזעצן אַלס לאַגער־פירער אויך אַ ס. ס.־מאַן, מיטן נאָמען בענצקאָ, אָבער, צום גליק, ניט אַזאַ גרויסער רוצח, ווי זיין „קאָלעגע" מיאַ אין אַלעקסאַט. דאָס האָט אין אַ געוויסן פּרט פאַרלייכטערט די רעקרוטירונג פון שאַנצער לאַגער. חוצדעם האָט דאָס געטאָ צו יענער צייט נאָך אַלץ געלעבט אין שרעק צוליב דער דערוואַרטער אַקציע אויף קינדער און אַלטע, און פיל יידן האָבן מקבל־באהבה געווען אַלע שוועריקייטן פון לאַגער־לעבן, גלויבנדיק, אַז דורך דעם וועלן זיי אפשר קענען ראַטעווען זייערע קינדער אָדער עלטערע מענטשן.

ענדלעך איז אויך באַשטימט געוואָרן אויפן 22־טן דעצעמבער 1943 די רוימונג פון אַלט־געטאָ־ראַיאָן. ס'איז געווען זיכער, אַז ווייטער אָפּצוליייגן די רוימונג וועט ניט זיין מעגלעך. דאָס האָט ווידעראַמאָל זייער פיל יידן באַוועגט זיך צו לאָזן קאַזערנירן, ווייל די אויסזיכטן צו געפינען אין איבערגעבליבענעם געטאָ־תחום אַ שטיקל ווינקעלע, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, זיינען געווען זייער שוואַכע.

דעם 19־טן דעצעמבער 1943, אַ פּאָר טעג פאַרן רוימען דעם אַלט־געטאָ־ראַיאָן, זיינען געוויע טויזנט יידן געוואָרן קאַזערנירט אין שאַנצער לאַגער. די איבעריקע, אַן ערך 500 יידן, זיינען קאַזערנירט געוואָרן אַ ביסל שפּעטער.

אין שאַנצער אַרבעטס־לאַגער איז געלונגען איינצושטעלן אַ פיל־לייכטערן רעזשים, ווי אין אַלעקסאַט. דער לאַגער־פירער בענצקאָ האָט זיך געלאָזן וויל־גיין אויפן ייד. חשבון און האָט מחמת דעם די יידן צופיל ניט געשטערט אין אינווייניקסטן לאַגער־לעבן. צו ווערן קאַזערנירט אין אַלעקסאַט, אָדער אין שאַנץ, איז דעריבער פאַרן געטאָ־ייד געווען ווייט ניט איינס און דאָס זעלבע.

ביי דער געלעגנהייט איז אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז אָנהויב־יולי 1944, אַ פּאָר טעג פאַרן דעפּאָרטירן קאָוונער געטאָ און די אַרומיקע אַרבעטס־לאַגערן אין די קאַצעטן פון דייטשלאַנד, איז בענצקאָ אַנטלאָפן פון לאַגער צוזאַמען מיט אַ יידישער פרוי, מיט וועמען ער איז געווען אין נאָענטע באַציאונגען. נאָכן באַפרייען קאָוונע דורך דער רויטער אַרמיי אָנהויב־אויגוסט 1944, האָט ער אין באַגלייטונג פון זיין יידישער געליבטער זיך באַוויזן אין קאָוונע און האָט געהאַפט פאַר זיין, כלומרשט, בעסערער באַנעמונג מיט די יידן אין שאַנצער אַרבעטס־לאַגער, צו געפינען חן אין די אויגן פון די באָלשעוויקעס. ס'זיינען אָבער דורך די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען פעסטגעשטעלט געוואָרן זיינע חטאים אין די לאַגערן פאַר סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע, ביז זיין קומען קיין שאַנץ, און ער איז לויט אַן אורטייל פון קריגס־געריכט דערשאָסן געוואָרן.

* *
*

דעם 22־טן דעצעמבער 1943 זיינען טויזנטער יידן פונעם אַלט־געטאָ־ראַיאָן,

פונעם א. ג. ערשטן סעקטאָר, געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע דירות און אריבערצוגיין וווינען אינעם איבעריקן טייל געטאָ.

די רוימונג פונעם געטאָ=ראיאָן האָט געמאַכט אַ פײַנלעכן רושם. אָנהויבנדיק פון די פריִע פרימאָרגן=שעה'ן ביז דער דערלויבטער שעה צו בלייבן אין גערוימטן קוואַרטאַל, האָבן טויזנטער יידן געשלעפּט אויף זיך זייערע בעבעכעס, „מעבל" א. א. שטוב=זאכן. וועגן טראַנספּאָרט=מיטלען איז, פאַרשטייט זיך, דאָן ניט געווען קיין רייד.

מ'האָט געקענט זען, אַ שטייגער, ווי איין ייד שלעפּט עפּעס אויף די פּלייצעס; אַ צווייטער ייד האָט וואָס=ניט=איז איינגעפּאַקט אין אַ באַלייע אָדער אין אַ וואַנעלע און, אָנבינדנדיק אָן דעם אַ שטריק, שלעפּט ער עס אַזוי אויף דער ערד; אַ דריטער פירט עפּעס פון זײַן „עשירות" אויף אַ צעבראָכענעם וועגעלע אָדער שליטעלע אויף די זאַמדיקע געסלעך פון געטאָ; אַ פערטער, ניט קענענדיק מער שלעפּן זײַן טישל אָדער עלמערל, איז זיך אין דעם מיאש און לאָזט עס איבער אונטערוועגס אויף הפקר. אויף די שמאָלע און געדריישטע געסלעך פון געטאָ האָט דעם גאַנצן טאָג גערוישט, ווי אויף אַ יריד.. דער האַרמידער איז געווען, ווי בעת אַ גרויסער שריפה. יעדער איינער האָט זיך געמיט וואָס=מער צו ראַטעווען פון זײַנע זאכן און זיי אריבערצופירן צו זיך אין זײַן נייער נאָרע.

נאָך דער רוימונג פונעם אַלט=געטאָ=ראיאָן, איז דער תחום פון געטאָ געוואָרן שטאַרק פאַרקלענערט. אין אייניקע הונדערט הילצערנע הייזלעך און אין עטלעכע גרעסערע בלאָק=הייזער האָבן זיך געדאַרפט צונויפשפּאַרן אַ 7—8 טויזנט יידן. אין פיל הייזער איז מען געווען געצוווּנגען, מחמת דער גרויסער ענגשאַפט, אויפצושטעלן צוויי עטאַזשן געלעגערס און באַזייטיקן פון וווינונג דאָס מעבל א. א. ווייניקער=נויטיקע זאכן, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר וואָס=מער שלאָף=געלעגערס.

דאָך האָבן יידן זיך געקלאַמערט פאַר יעדן פּרייז צו בלייבן וואָס=לענגער אין געטאָ און ניט ווערן קאַזערנירט אין אַן אַרבעטס=לאַגער, ווו די לעבנס=באַדינגונגען זײַנען געווען ניט אין ערך ערגערע, ווי אין געטאָ, אפילו שוין ביי די פאַרערגערטע באַדינגונגען.

* *

*

פאַר דער צײַט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען די רעקרוטירונג פון די גרויסע אַרבעטס=לאַגערן אין אַלעקסאָט און אין שאַנץ, זײַנען גלײַכצײַטיק אויך פאַרגרעסערט געוואָרן די קלענערע לאַגערן אין פּראָווינץ, ווי למשל, אין קיידאַן,

קאָשעדאַר, פּאַלעמאָן א. א. וו. שפּעטער־צו זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן נייע קלע־נערע ארבעטס־לאַגערן אין רויטן־הויף, באָבט, קאָזלאָווע־רודע א. א. פּונקטן בשכנות פון קאָוונע.

נאָך דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע איז דער גרעסטער טייל יידן פון די ארבעטס־לאַגערן אין אלעקסאט און אין קיידאַן אריבערגעפירט גע־וואָרן קיין פּאָנעוועזש, ווו ס׳איז בשעתו געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער ארבעטס־לאַגער ביים בוי פון דאָרטיקן אעראָדראָם. אין פּאָנעוועזשער ארבעטס־לאַגער זיינען, ווי ס׳איז שוין געווען דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, געבראַכט געוואָרן יידן פון לעטלאַנד, צווישן זיי אַ געוויסע צאָל געוו. קאָוונער געטאָ־יידן, וועלכע זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן קיין ריגע אויף ארבעט בעת די צוויי איבער־זידלונגס־אקציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פעברואר און אָקטאָבער 1942.

סוף־יוני 1944, האַרט פאַר דער דעפּאָרטאַציע און ליקווידאַציע פון געטאָ, זיינען, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, אויף אַן אייליקן אופן אויך קאַזערנירט גע־וואָרן ס׳רוב יידישע ארבעטס־בריגאַדעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאָט, אָבער די בריגאַדע־ארבעטער האָבן ביז דאַן נאָך געלעבט אין געטאָ. די דאָזיקע ברי־גאַדעס האָט מען קאַזערנירט אין אַלעקסאַטער אָדער שאַנצער לאַגערן.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט געקע האָט נאָך אויך געפּלאַנט אייליק צו קאַזער־נירן דעם ארבעטס־לאַגער אין פּעטראַשון און, חוצדעם, אויך צו קאַזערנירן אין קאָוונער פאָרשטאָט סלאָבאָדקע די יידישע ארבעטס־בריגאַדעס, וואָס האָבן גע־ארבעט אין די סלאָבאָדקער פאַבריקן. די דאָזיקע קאַזערנירונגען איז אים שוין אָבער ניט געלונגען אדורכצופירן מחמת דעם, וואָס דעם 8־טן יולי 1944 האָט זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציע און ליקווידאַציע פון געטאָ.

* * *

אין יאָר 1943, נאָך דער דייטשער קאַטאַסטראָפאַלער מפּלה ביי סטאַלינגראַד, ווען ס׳איז פאָרגעקומען אַן אנטשיידנדיקער איבערבראָך אויפן מזרח־פראָנט לטובת סאָוועט־רוסלאַנד, איז פאַר די נאַצים צוו. אנד. אויך זייער אַקטועל גע־וואָרן די פראַגע וואָס־גיכער צו פאַרווישן די שפּורן פון זייערע באַגאַנגענע גרויל־טאַטן אין די אָקופּירטע געביטן, פונוואַנען זיי זיינען געווען געצוווּנגען בהדרגה׳־דיק זיך צוריקצוציען.

אויפן 9־טן פאָרט *), ווו די היטלעריסטן האָבן איינגעאָרדנט די גרעסטע מאַסן־פאַרניכטונגס־שטעלע אין ליטע, זיינען אין די מאַסן־גריבער געלעגן צענדליקער

*) איינער פון די פאָרטן פון דער אמאָליקער קאָוונער פעסטונג.

טויזנטער הרוגים. אחוץ קאָוונער און אויסלענדישע יידן, זיינען דאָרטן אויך אומגעבראכט געוואָרן סאָוועטישע קריגס=געפאנגענע א. א. ניט=יידישע קרבנות פונעם בלוטדורשטיקן נאצי=רעזשים. ס'רוב דערמאָרדעטע זיינען אָבער געווען יידן.

סוף=זומער 1943 האָט מען אויפן 9=טן פאָרט אָנגעהויבן אויסצוגראָבן פון די מאסן=גריבער די הרוגים און זיי פאַרברענען אויף שייטערהויפנס. ביי דער דאָזיקער ארבעט איז געווען באַשעפטיקט אַ בריגאַדע פון פיר און זעכציק מאן. אחוץ די עטלעכע צענדליק סאָוועטיש=יידישע קריגס=געפאַנגענע, וועלכע האָבן שוין לענגערס געארבעט אויפן פאָרט ביים באגראָבן די מענטשן נאָך די עקזעקוציעס, זיינען כמעט אלע איבעריקע בריגאַדע=ארבעטער געווען יידן פון קאָוונער געטאָ.

ס'רוב קאָוונער יידן זיינען געווען יונגטלעכע, וואָס האָבן זומער 1943 זיך ארויסגעלאָזן פון געטאָ אין וואַלד אריין צו די פּאַרטיזאנער און זיינען אונטערוועגס אריינגעפאלן אין די הענט פון דער ליטווישער פּאָליציי, וואָס האָט זיי אויסגעליפערט געשטאַפּאָ. די געשטאַפּאָ=מערדער האָבן עטלעכע צענדליק פון די דאָזיקע יידן געהאלטן אויפן 9=טן פאָרט, גרייט צו דער אקטועל=געוואָרענער פאַרברענונג פון די הרוגים. אַ געוויסע צאָל יידן האָט געשטאַפּאָ אויך רעקרוטירט אין געטאָ גופא פון די יעניקע ארבעטס=בריגאַדעס, וואָס דער לאגער=קאָמענדאנט געקע האָט צו יענער צייט ליקווידירט בשייכות מיט דער באַפאָרשטייענדיקער קאזערנירונג פון געטאָ.

לויטן פּלאַן פון געשטאַפּאָ, האָט די דאָזיקע אייליקע ארבעט געדארפט פאַרענדיקט ווערן שפּעטסטנס ביז צום פרילינג 1944. ס'איז דעריבער באַשטימט געוואָרן פאַר דער בריגאַדע אַ „נאָרמע" צו פאַרברענען טעגלעך אַ 4—5 הונדערט הרוגים. די מענטשן פון דער בריגאַדע זיינען געווען איינגעטיילט אין באַזונדערע ארבעטס=גרופּעס, און איטלעכע ארבעטס=גרופּע האָט געהאט צו דערלייזיקן אַ באַשטימטע אויפגאבע פון דער ארבעט, ווי, למשל, ארויסציען די הרוגים פון די גריבער, צוגרייטן די שייטערהויפנס, צונויפלייגן די מתים אויף שייטערהויפנס, זיי ברענען א. א. וו.

שוין ניט ריידנדיק וועגן דער עצם מיאומדיקער ארבעט פון אויסגראָבן און פאַרברענען די הרוגים, האָבן די מענטשן, וואָס האָבן דערביי געארבעט, גאנץ גוט געוווסט, אז ווי נאָר זיי וועלן ענדיקן די ארבעט, וועט געשטאַפּאָ געווים זיי אלעמען אומברענגען, כדי ניט צו לאָזן קיין לעבעדיקע עדות, וועלכע זאָלן קענען דערציילן פאַר דער וועלט, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט אויפן 9=טן פאָרט.

ביי די מער=ענערגישערע מענטשן פון דער בריגאַדע איז דעריבער אנטשטאַנען די אידעע פון זוכן אַ וועג, ווי אַזוי צו אנטלויפן פון פאָרט. אַז דער רעזשים

און די שמירה אויפֿן 9־טן פֿאָרט איז מצד געשטאַנען אויף דער „גע־העריקער הויך", איז געווים איבעריק צו זאָגן...

צווישן די קריגס־געפֿאַנגענע איז געווען אַ געוו. סאָוועטישער אָפֿיציר, לויט זיין באַרוף אַן אינזשענער. ער האָט שוין לענגערם געהאַט געאַרבעט אויפֿן פֿאָרט און איז געווען, מער ווי אַלע אַנדערע פֿון דער אַרבעטס־בריגאַדע, אָריענטירט אין דער אומגעבונג פֿון דעם קאַזעמאַט, וווּ מ'האָט זיי געהאַלטן. ביי דער מיטהילף פֿון אייניקע קריגס־געפֿאַנגענע און עטלעכע יונגטלעכע פֿון געטאָ, האָט ער ענער־גיש זיך גענומען אויסצופֿאָרשן די מעגלעכקייטן צו קענען אַנטלויפֿן פֿון פֿאָרט.

נאָך לאַנגע באַאָבאַכטונגען און אויספֿאָרשונגען, אויף וויפֿיל דאָס איז בכלל געווען מעגלעך אין די ראַמען פֿונעם שטרענגן רעזשים אויפֿן פֿאָרט, איז דער דאָזיקער קליינער גרופּע מענטשן געלונגען צו דערגיין, אַז בשכנות פֿון זייער קאַמער געפֿינט זיך אַ טונעל, דורך וועלכן מ'וואָלט, וואַרשיינלעך, קענען זיך אַדורכרייסן ביז צום אַרויסגאַנג פֿון פֿאָרט. צוצוקומען צום דאָזיקן טונעל איז געווען מעגלעך דורך אַן אייזערנער טיר, וועלכע איז געווען בשכנות פֿון זייער קאַמער, אָבער וואָס איז געווען פֿאַרריגלט פֿון אינעווייניק פֿונעם טונעל.

צווישן די מענטשן פֿון דער בריגאַדע איז אויך געווען אַ יידישער מעדיצינער, דר. פּ אָ ר ט נ ו י, וואָס איז פֿאַר אַ וועלכן־ס'איז חטא געווען געבראַכט אויפֿן פֿאָרט, וווּ ער איז געגאַנגען די פֿליכטן פֿון אַ דאָקטאָר אין דער בריגאַדע.

איינער אַ קאָוונער יידישער יונגערמאַן פֿון דער בריגאַדע, פּ י נ ע ק ר אַ ק י־נ אָ וו ס ק י *), לויט זיין פֿאַך אַ שלאָסער, וואָס האָט אָנגעהערט צו דער אָנפֿירנ־דיקער גרופּע, האָט אַ געוויסע צייט סימולירט אַ קראַנקייט, כדי דער יידישער דאָקטאָר זאָל אים באַפֿרייען פֿון גיין צו דער אַרבעט און אים איבערלאָזן אין קאַמער. מיט דער הילף פֿון אַליין־געשאַפֿענע בויערלעך פֿון טאַשן־מעסערלעך, וואָס מ'פֿלעגט געפֿינען אין די בגדים פֿון די הרוגים, איז אים געלונגען בגנבה אויסצו־בויערן אַ לאָך אין דער טיר, וואָס האָט געפֿירט אינעם אומבאַקאַנטן טונעל.

אַז די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעט איז געווען פֿאַרענדיקט, האָבן די אָנפֿירנדיקע מענטשן באַשלאָסן צו מאַכן די לעצטע הכנות צום אַנטלויפֿן פֿון פֿאָרט. היות ס'איז געווען האַרט פֿאַר קאַלייד 1943, איז געוואָרן באַשלאָסן דאָס אַנטלויפֿן אַדורכצופֿירן אין דער נאַכט פֿון 24־טן אויפֿן 25־טן דעצעמבער, ווען די פּאָסטנס פֿון פֿאָרט וועלן בשייכות מיט ווייַנאַכטן געווים זיין בגלופֿנדיק און ניט אַזוי וואַכזאַם.

*) אגב, האָט ער נאָך דער באַפֿרייאונג דעם מחבר איבערגעגעבן די געשילדערטע פּרטים.

בײַ דער געלעגנהייט דאַרף מען צוגעבן, אַז געשטאַפּאָ האָט די מענטשן פון דער בריגאַדע ניט שלעכט געגעבן עסן און פון צייט־צו־צייט זיי אויך פאַרטיילט ציגאַרעטן און שנאַפּס. געשטאַפּאָ האָט עס געטאָן מחמת צוויי טעמים: ערשטנס, די מענטשן זאָלן פיזיש קענען לייסטן די פאַרויסגעזעענע אַרבעט צום באַשטימטן טערמין און, צווייטנס, פאַראַלעיִרן בײַ זיי דעם עוונטועלן דראַנג צו אַנטלויפן פון פאָרט. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, האָט געשטאַפּאָ במילא געהאַט בדעה זיי אומצוברענגען אויף די זעלבע שייטערהויפנס, וווּ זיי פלעגן ברענען די מתים.

די אָנפירנדיקע פּערזאָנען פון דער בריגאַדע פלעגן זיך מיִען אַרויסצושטעלן פאַר די געשטאַפּאָ־אויפזעער אַלס גוטע אַרבעטער און זיי האָבן אַלץ געטאָן, אַז ביז וואָס־ווען זאָלן צווישן דער בריגאַדע און דער נאַצישער באַוואַכונג זײַן אײַנגעשטעלט, אַזוי צו זאָגן, גוטע באַציאונגען... פון צייט־צו־צייט פלעגן די מענטשן פון דער בריגאַדע פאַרן שלאָפן גיין אײַנאָרדנען „פאַרוויילונגען" מיט לידער און טענץ, צו וועלכע ס'פלעגן אויך אַרײַנקומען פּאָסטנס פון דער באַוואַכונג פון פאָרט.

בשייכות מיט ווײַנאַכטן, האָט מען ערב־קאַלייד די אַרבעט פאַרענדיקט פריִער, ווי אַלע טאָג, און די בריגאַדע האָט אויך באַקומען אויף „יום־טוב" שנאַפּס, ציגאַרעטן א. א. מתנות.

פאַרנאַכט האָבן די אָנפירער פון אַנטלויפן געמאָלדן דעם עולם פון דער בריגאַדע, אַז ס'איז צוגעגרייט געוואָרן אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון פאָרט, און אַז דאָס וועט געשען די נאַכט.

מ'קען זיך פאָרשטעלן די שטוינענדיקע איבערראַשונג פון די מענטשן, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל זיך דערוווּסט פונעם גאַנצן פּלאַן... איבערגעבנדיק די דעטאַלן, ווען און ווי אַזוי דאָס וועט געשען, איז גלײַכצײַטיק אָנגעזאָגט געוואָרן זיך צו פאַרהאַלטן שטרענג־דיסציפּלינירט און פּינקטלעך אויספירן די אָנווײַזונגען פון די אָנפירער. אין קענגפאַל איז געווען אָנגעמאָלדן אומברחמנות'דיק צו פּטר'ן יעדן אײנעם, וואָס וועט מיט עפּעס שטערן דעם אַלגעמיינעם פּלאַן צו אַנטלויפן.

אין קאַלייד־אָוונט איז אין קאַמער פון דער בריגאַדע פאָרגעקומען אַ שמחה'לע מיט לידער, טענץ א. א. וו. צום „באַל" איז, ווי שטענדיק, אויך געווען געקומען אַ טייל פון די פּאָסטנס. די מענטשן פון דער בריגאַדע האָבן שוין געזאָרגט פאַר דעם, אַז זייער באַקומענעם שנאַפּס זאָלן אויסטרינקען די פּאָסטנס...

נאָך דער שמחה זײַנען די פּאָסטנס אַוועק און חברה איז אַרויף אויף די נאַרעס, כּלומרשט, שלאָפן. ווען דאָס ליכט איז געוואָרן אויסגעלאָשן, זײַנען אַלע

געלעגן אָנגעטאָענערהייט אויף זייערע געלעגערס און מיט פארכאַפּטע אָטעמס געווארט אויף די ,,ווייטערדיקע פאראָרדנונגען. אלע האָבן געפילט, אַז גאָר אינגיכן וועט ווערן דעצידירט זייער גורל: לעבן — אָדער טויט?..

אַז ס'איז פארביי אַ לענגערע צייט און ארום זייער קאַזעמאַט איז געוואָרן גאָר שטיל, איז מצד די אָנפירער פון אנטלויפן אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל שטילערהייט, האלטנדיק די שיך אין די הענט, גרופּעסווייז זיך ארויסצושארן פון דער קאַמער און זיך צושלייכן צו דער טיר, וואָס פירט צום טונעל.

מיט גרויס פאָרזיכטיקייט איז אלעמען געלונגען זיך צוצושארן צו דער טיר. לאנגזאַם און אָן גערויש איז דורך דער אויסגעבויערטער לאָך אָפּגעריגלט געוואָרן די טיר, און דער עולם האָט אונטער דער באלייכטונג פון שטיקלעך ליכט זיך געלאָזן גיין מיטן טונעל צום אַרויסגאנג. נאָך אַ לענגערער ארומזוכעניש, זיינען זיי צוגעקומען צום ארויסגאנג, וואָס האָט זיך געפונען הארט פאר אַ הויכן, געמויערטן צוים ארום די אלע פארט-געביידעס.

כדי זייערע טונקעלע סילועטן זאָלן אויפן פאָן פון שניי ניט ווערן באמערקט מצד פּאָסטנס, וועלכע האָבן עווענטועל געקענט זיך געפינען בשכנות פון אָרט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם ארויסגאַנג פון טונעל ביז צום צוגאַנג צום צוים ארום פארט, האָבן אַ פּאָר מענטשן געהאלטן אן אָנגעצויגענעם ליילעך, ווי אן עקראַנלייוונט, און זיך באַהאלטנדיק הינטערן לייוונט, האָבן די מענטשן גרופּעסווייז זיך צוגעשאַרט ביז צום צוים.

ווען אלע מענטשן האָבן אויף אַזאַ אופן בשלום זיך צוגעשאַרט צום צוים, איז מיט דער הילף פון פריער-צוגעגרייטע שטריק-לייטערס, וואָס מען האָט געמאכט פון האנטיכער, אלעמען געלונגען אריבערצוקלעטערן דעם צוים און זיך געפינען אויף די פעלדער מחוץ פון פארט.

דאָן האָט דער עולם זיך צעשאָטן אין קליינע גרופּקעס און יחידים און אייליק גענומען אָפּציען פון ראַיאָן פון פארט. אַ טייל איז אינמיטן דער נאכט דערגאַנגען ביז צום געטאָ — אַ מהלך פון 5—6 קמ. — און האָט זיך אריינגעגנבעט אָדער אין געטאָ גופא, אָדער אין נאָר-וואָס גערוימטן ראַיאָן פון אלט-געטאָ, פונוואנען זיי האָבן שפּעטער שוין ווי-ניט-איז זיך אריינגעכאַפּט אין געטאָ-תחום. די איבעריקע מענטשן זיינען אוועק אין דער ריכטונג צו די וועלדער ארום קאָוונע.

מ'קען זיך פאָרשטעלן די ציין-קריצעניש אין קאָוונער געשטאַפּאָ, ווען מ'האָט דאָרט זיך דערוווּסט וועגן דעם אנטלויפן פון פארט. געשטאַפּאָ האָט, נעבעך, געהאט אַ פארשטערטן ווייגאכטן... וועלנדיק אויסמיידן אַ וויסטן סקאַנדאַל מצד די הויכע נאצי-ספערן אין בערלין פארן צולאָזן אַזאַ מאוסע מעשה, האָט געשטאַפּאָ אייליק אָרגאַניזירט אַ געיעג אויף די אנטלאָפענע. אַ סך אנטלאָפענע

זיינען טאקע אומגעקומען ביים פארפאָלגן זיי, אָדער זיינען ארייגעפאלן לעבע־דיקע אין די הענט פון געשטאַפּאָ.

אַ פּאָר צענדליק מענטשן, בעיקר פון די יעניקע, וועמען ס'איז געלונגען זיך ארייצוכאַפּן אין געטאָ און דארט זיך אויסצובאַהאַלטן, זיינען שפּעטער־צו אַוועק צו די פּאַרטיזאנער, כדי מיט געווער אין די הענט זיך נוקם צו זיין אָן די נאַציס. אַ טייל פון זיי האָט בשלום אדורכגעמאכט די פּאַרטיזאנער־תקופה און האָט ענד־לעך דערלעבט די באַפרייאונג.

די אַלע געכאַפּטע זיינען מצד געשטאַפּאָ תיכף דערשאָסן געוואָרן. כדי פונ־דאָסניי צו רעקרוטירן די ארבעטס־בריגאַדע, האָט געשטאַפּאָ, לויט די אָנווייזונ־גען פונעם דייטשן ארבעטס־אמט אין געטאָ, צונויפגענומען יידן פון געטאָ־קיבוץ ווי אויך פון די ארבעטס־לאַגערן. ווי מ'האָט בשעתו געערדט צווישן דער געטאָ־באַפעלקערונג, איז דאָס צונויפשטעלן די רשימה פון די מענטשן פאר אָט דער בריגאַדע פאָרגעקומען מיט דער „מיטהילף" פון אייניקע העכערע יידישע געטאָ־פונקציאָנערן, וואָס האָבן געהאט אַ השפּעה אויף דער טעטיקייט פונעם דייטשן ארבעטס־אמט אין געטאָ. די פונדאָסניי־אָרגאַניזירטע בריגאַדע האָט געדאַרפט פארענדיקן די אָנגעהויבענע ארבעט פון פארברענען די אויסגעגראָבענע הרוגים, און די מענטשן, וועלכע מ'האָט איצט שוין געהאלטן אונטער אַ זייער־שטרענגער שמירה, זיינען נאָכן פאַרענדיקן די ארבעט דאָרטן גופא אומגעבראכט געוואָרן.

די געטאָ־יידן האָט, פארשטייט זיך, שטארק הנאה־געטאָן די העלדישע גע־שיכטע מיטן אנטלויפן פון פארט. די מורא, אַז פארן געטאָ זאָל דערפון ניט ארויסקומען קיין שלעכטס, האָט, צום גליק, זיך ארויסגעוויזן פאר אומבאַגרינדעט, און דאס געטאָ האָט צוליב דעם ענין ניט געליטן.

* *
*

די ערשטע פּאָר חדשים פון יאר 1944 זיינען אין געטאָ פארביי אין אַ פאר־העלטנישמעסיק־רואיקער אַטמאָספער. דער לאַגער־קאָמענדאַנט געקע איז ארום ניי־יאָר געווען אוועקגעפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן אורלויב און ס'איז געווען צו דערוואַרטן, אז פאר דער צייט פון זיין אורלויב וועלן, מסתמא, אין געטאָ קיין ערנסטע פּאַסירונגען ניט פאָרקומען. און אַזוי איז טאקע געווען.

במשך דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט זיינען אין לעבן פון געטאָ־ישוב געווען צו פארצייכענען פּאָלגנדיקע מער־ווייניקער וויכטיקע געשעענישן.

— × × —

די אַלץ־ערגער־ווערנדיקע מיליטערישע לאגע פון נאַציישן דייטשלאַנד און זיינע פארבינדעטע אויף אַלע פראָנט־אָפּשניטן, דאָס אומאויפהערלעכע צוריקציען זיך פון די דייטשע חיילות פון ס'רוב אָקופּירטע געביטן אין רוסלאַנד ווי אויך פון

איטאַליע, וווּ די מערבֿ־אַליִירטע האָבן אָפּגעהאַלטן קענטיקע נצחונות, די סיסטעמאַטישע באָמבאַרדירונגען פֿון די דייטשע אינדוסטריע־צענטרען, האפֿנס, גרויסע שטעט א. א. וו. האָט אויף דער געטאָ־באַפֿעלקערונג געווירקט שטאַרק דערמוטיקנדיק און געקרעפֿטיקט די האָפֿענונג אויף בעסערע צייטן. אַז דער היטלעריזם קייקלט זיך וואָס אַ טאָג ווייטער אַליין נעענטער צו זיין אומפֿאַרמיידלעכער מפּלה, איז שוין דאַן געווען מער ווי קלאָר. די הויפּט־פֿראַגע איז נאָר געווען: ווער פֿון די געטאָ־יידן וועט דערלעבן די שעה פֿון באַפֿרייאונג?...

ידיעות וועגן דער לאַגע אויף די פֿראָנטן, אַלגעמיינע פּאָליטישע נייס א. א. וו. פֿלעגט דאָס געטאָ צו יענער צייט דערגיין הן פֿון די ליטווישע און דייטשע צייטונגען, וועלכע מ׳פֿלעגט ביי דער אַרבעט אין שטאָט אומלעגאַל זיך איינשאַפֿן און דערנאָך זיי אַריינשמוגלען אין געטאָ, הן מצד די יעניקע יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אַלס ראַדיאָ־מעכאַניקער אין די דייטשע דינסטשטעלעס אין שטאָט. די דאָזיקע ראַדיאָ־מעכאַניקער פֿלעגן שוין געפֿינען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט ביי דער אַרבעט צו הערן געהיים אויסלענדישן ראַדיאָ. חוצדעם האָבן די לינקע עלעמענטן אין געטאָ אַ געוויסע צייט געהאַט אַ געהיימען ראַדיאָ־אַפּאַראַט, און זיי פֿלעגן איבערגעבן ידיעות בעיקר פֿון מאָסקווער ראַדיאָ.

די וויכטיקסטע ידיעות פֿון פֿאַרשיידענע מקורות פֿלעגן גיין פֿון מויל־צו־מויל און פֿלעגן מיט דער שנעלקייט פֿון אַ בליץ פֿאַרשפּרייט ווערן צווישן דער געטאָ־באַפֿעלקערונג. צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים איז דער אינטערעס צו די פּאָליטישע און מיליטערישע געשעענישן געווען ביי די געטאָ־יידן זייער גרויס. איטלעכער ייד אין געטאָ האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זיין פּערזענלעכער גורל איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פֿונעם אויסגאַנג פֿון די גרויסע וועלט־געשעענישן.

— × × —

די עקאָנאָמישע לאַגע אין געטאָ איז צו יענער צייט געווען ניט קיין שלעכטע. אַחוץ דער אָפֿיציעלער פֿאַרפֿלעגונג, וואָס איז געווען פֿיל בעסער ווי דאַן, ווען דער שטאָט־קאָמיסאַריאַט האָט געבאַלעבאַטעוועט מיטן געטאָ, האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט געקעק כמעט ווי ניט געשטערט די יידן אַריינצוטראָגן שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס מ׳פֿלעגט איינקויפֿן אין שטאָט ביי דער אַרבעט.

אמת, איטלעכער געטאָ־ייד האָט געלעבט אַזוי, ווי זיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן האָבן אים דערלויבט. קיין הונגער האָט אָבער דאַן אין געטאָ קיינער ניט געליטן.

ביי דער געלעגנהייט איז נויטיק צו באַמערקן, אַז ניט ווייניק פּערזאָנען פֿון דער „געטאָ־אַריסטאָקראַטיע", ד. ה. העכערע פֿונקציאָנערן פֿון יידישן געטאָ־אַפּאַראַט און „מקורבים" צו די דייטשע מאַכטהאָבער, פֿלעגן אַפֿילו פֿון צייט־צו־צייט ביי זיך אין שטוב מאַכן פֿאַרוויילונגען, ווו אנשי שלומנו פֿלעגן דורך נאַכט שכּורן און זיך לאָזן וווילגיין אויף פֿון אַנדערע ערדישע תענוגים...

די דאָזיקע אויפפירונג פון אַ געוויסן טייל „יעלות“ *) איז געשטאַנען אין אַ שרייאיקער סתירה צום לעבן פונעם רוב פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, וואָס האָט מיט גרויסע מאַטערנישן געשלעפּט דעם יאָך פון געטאָ־גלות.

בכלל האָט דאָן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז געקע לאָזט בכיון אויפהאַלטן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט אין געטאָ אויף אַ לפי־ערך נשקשה'דיקער הויך, כדי אויף אַזאַ אופן ביי די געטאָ־יידן צו פּאַראַליזירן זייער גרייטקייט אוועקצוגיין אין וואַלד אָדער אין שטאָט. די דאָזיקע פּאָליטיק מצד געקען, מוז מען מודה־זיין, איז ניט געבליבן אָן דערפאָלג. זייער פיל געטאָ־יידן, וואָס וואָלטן ביי געוויסע אָנשטרענגונגען יאָ געקענט שאַפן אַ מעגלעכקייט אוועקצוגיין פון געטאָ, האָבן זיך געלאָזן פאַרפירן פון „גוטן“ לעבן אין געטאָ און האָבן ווייניק געזאָרגט וועגן אוועקגיין אין שטאָט.

אין סך־הכל מוז מען דעריבער פעסטשטעלן, אַז וואָס איז שייך דער עקאָנאָמישער לאַגע האָט די געטאָ־באַפעלקערונג דאָן ניט געהאַט קיין יסוד אויף וואָס שטאַרק זיך צו באַקלאָגן.

— × × —

סוף־יאַנואַר 1944 האָט געקע פאַראָרדנט אדורכצופירן אין געטאָ און אין די אַרבעטס־לאַגערן אַ רעגיסטראַציע פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, איינשליסלעך קינדער, ניט קיין אַרבעטנדיקע אַלטע, קראַנקע א. א. וו. פאָרמעל איז די רעגיסטראַציע געווען בשייכות מיטן אויפשטעלן אַ גענויע קאַרטאָטעק פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געהערט צום „קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער קאָוונע“.

היות ביי די געטאָ־יידן איז דאָן נאָך געווען פריש אין זכרון די פאָרגעקומענע אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע אין שאַוולער געטאָ און ס'איז געווען אַ חשד, אַז אַזאַ אַקציע קען מען בקרוב אויך דערוואַרטן אין קאָוונער געטאָ, איז אַנטשטאַנען די מורא צו רעגיסטרירן די קלענערע קינדער. אויך האָבן עלטערע מענטשן זיך געשראָקן אָנצוגעבן ביי דער רעגיסטראַציע זייער ריכטיקן עלטער.

די משפחות, וואָס האָבן פאַרמאָגט קליינע קינדער אָדער אַלטע און קראַנקע, האָבן געהאַט ניט ווייניק קאָפּ־דרייעניש מיטן ענין רעגיסטראַציע.

— × × —

במשך די ערשטע פּאָר חדשים פון יאָר 1944 איז פאָרגעקומען אַ גרעסערע הוספה־קאַזערנירונג אין שאַנצער אַרבעטס־לאַגער און, חוצדעם, קלענערע הוספה־קאַזערנירונגען אין די אַנדערע אַרבעטס־לאַגערן. די קלענערע הוספה־קאַזערני־

*) „יאַלעס“ האָט מען אין געטאָ גערופן די העכערע ייד. געטאָ־באַאַמטע. וועגן באַגריף „יעלות“ — ז. „באַמערקונגען צום פאָלקלאָר אין קאָוונער געטאָ“.

רונגען פלעגן געשען מחמת עטלעכע טעמים: ערשטנס, איז בכלל געווען נויטיק צו פאַרגרעסערן די צאָל מענטשן אין די לאַגערן און, צווייטנס, פלעגן איינצלנע פערזאָנען מחמת קראַנקייט אָדער גוטע פאַרבינדונגען מיט די באַטרעפנדיקע יידישע געטאָ־מושלים באַפרייט ווערן פון די אַרבעטס־לאַגערן. אויף זייער אָרט פלעגט מען דאַרפן שיקן נייע מענטשן.

קאַזערנירן אַ מענטשן אין אַן אַרבעטס־לאַגער, בפרט אין אַלעקסאַטער לאַ־גער, איז פאַר אַ געטאָ־ייד געווען אַ געוויסע טראַגעדיע. אגב, איז עס אויך געווען איינע פון די שטראָף־מיטלען פאַרן עובר־זיין אויף די פאָרשריפטן פון געטאָ־קאָדעקס.

דער דראַנג זיך אַרויסצודרייען פון די אַרבעטס־לאַגערן איז געווען זייער גרויס. ווער ס׳האָט נאָר געהאַט דעם קלענסטן שאַנס זיך צו באַפרייען פון לאַגער, פלעגט עס טאָן. דער קאָנטראַסט צווישן לעבנס־סטאַנדאַרט אין געטאָ און אין אַרבעטס־לאַגער איז געווען צו שרייאיק, אַז אַ געטאָ־ייד זאָל זיין גלייכגילטיק צו דער פראַגע פון בלייבן אין געטאָ, אָדער ווערן אַרויסגעשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

— × × —

אינעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט איז צווישן דער געטאָ־יוגנט אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע באַוועגונג אַוועקצוגיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. צו יענער צייט איז אין געטאָ אויך געשאַפן געוואָרן די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן ווערבירן און איבערשיקן מענטשן פאַר די פּאַרטיזאַנער־מחנות. צום געהיימען פּאַרטיזאַנער־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון די אומלעגאַלע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען אין געטאָ, האָבן אויך אָנגע־הערט מיטגלידער פונעם עלטעסטן־ראַט און פון דער לייטונג פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי. דער דאָזיקער פאַקט האָט געהאַט זייער אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין געטאָ.

אויב לכתחילה האָבן די איניציאַטאָרן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג גע־דאַרפט זיך היטן ניט נאָר פאַר די ניט־יידישע פאַקטאָרן מחוץ דעם געטאָ, נאָר טיילווייז אויך פאַר דער ייד. אַדמיניסטראַציע, איז איצט דער לעצטער מאָמענט אָפּגעפאַלן און דאָס האָט זייער פיל באַדייט. נאָכמער, די דאָזיקע קאָאָרדינאַציע פון די פאַרשיידענע געז. גרופּירונגען אינעם געטאָ־ישוב, איינשליסלעך די העכסטע אינסטאַנצן פון דער יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, ווי דאָס זיינען געווען דער עלטעסטן־ראַט און די לייטונג פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי, האָט מיטאַמאָל געעפנט גאַנץ נייע און ניט אין ערך ברייטערע פּערספּעקטיוון פאַרן וווקס פון דער דאָזיקער ייד. ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן די נאַציס.

גלייכצייטיק מיטן אויסברייטערן דעם באַזיס פון אַט דער באַוועגונג אין געטאָ גופא, זיינען בשעתו אויך אונטערגענומען געוואָרן שריט מצד די לינקע עלעמענטן איינצושטעלן אַ פיל ענגערן קאָנטאַקט און צוזאַמענאַרבעט צווישן דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ און די לינקע קרייזן אין שטאָט. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער אויסרעכענונג, אַז אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער דאָזיקער אַרבעט, זאָל גיין כשורה.

די אַדורכגעפירטע געלט־זאַמלונגען אין געטאָ, בעיקר ביי די גוט־סיטואירטע בריגאַדע־מענטשן, פלעגן דערמעגלעכן צו דעקן די הוצאות ביים איינשאַפן זיך געווער פאַר די אָפּפאַרנדיקע אין וואַלד, ווי אויך צו באַזאָרגן אויטאָס איבערצושיקן די מענטשן וואָס־נעמען צו די פּאַרטיזאַנער־נעסטן. די גאַנצע באַוועגונג האָט בשעתה געהאַט פאַרכאַפּט גרעסערע גרופּעס יונגע מענטשן און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ניט געשטאַפּאָ, ניט דער לאַגער־קאָמענדאַנט געקענט זיינען אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אין דעם פּרט אין געטאָ.

דערוויל האָט מען געזען אויסצונוצן די גינסטיקע קאָניונקטור און ס׳איז אויך דעם געביט געווען לעבעדיק.

היות דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען מיט דער ידיעה און מיטהילף מצד די יידישע געטאָ־אינסטיטוציעס, איז אַלץ אין געטאָ געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון דער דאָזיקער באַוועגונג. די יידישע פונקציאָנערן ביים געטאָ־טויער פלעגן שוין אַזוי קונציק פאַרדרייען די קעפּ פון די דייטשע פּאָסטנס, אַז ווען פון געטאָ פלעגט אַ פּאַרטיע יידן מיט געווער אין די קעשענעס ארויסגיין צו די פּאַרטיזאַנער, פלעגט עס פאַר די פּאָסטנס הייסן, אַז דאָס גייט גאָר א בריגאַדע צו דער אַרבעט אין שטאָט...

אדער, למשל, פון די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן, וווּ יידן פלעגן אַרבעטן ביי פאַרשידענע באַשטעלונגען פאַר דער דייטשער ווערמאַכט, פלעגט מען, ווי שוין געזאָגט, מיטן וויסן פון דער יידישער לייטונג פון די וואַרשטאַטן, אַרויסגנבענען פאַר די פּאַרטיזאַנער דייטשע מיליטערישע בגדים, שטיוול א. א. נויטיקע זאַכן.

כדי צו שאַפן אַ לייכטערע מעגלעכקייט אַוועקצוגיין פון געטאָ, האָט מען אויך געזען אויסצונוצן דעם פאַקט, וואָס צו יענער צייט איז אַ גרעסערע אַרבעטס־בריגאַדע *) געווען באַשעפטיקט ביים אַדורכפירן אַן אונטערערדישן טעלעפאָן־און טעלעגראַף־קאַבעל צווישן קאָוונע און מאַריאַמפּאָל. היות לכתחילה פלעגט מען די יידישע אַרבעטער אַלע טאָג פירן פון געטאָ צו דער אַרבעט און צוריק, פלעגן פיל יונגטלעכע, וואָס פלעגן זיין גרייט אַוועקצוגיין צו די פּאַרטיזאַנער, מיטפאָרן

*) זי האָט געהייסן: „בלאַנק קאַבעל״.

צו דער אַרבעט אויפן שאסיי קאָוונע־מאַריאַמפּאָל, און דאָרטן פלעגן זיי זען נעלם־צו ווערן. שפּעטער־צו איז די דאָזיקע בריגאַדע געוואָרן קאַזערנירט אין מאַריאַמ־פּאָל, ווו זי איז געווען ביז צו יענער צייט, ווען די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן.

צוליב אַלץ צוזאַמען קען יענע צייט פאַררעכנט ווערן ווי די „גאָלדענע תקופה“ אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין קאָוונער געטאָ.

ווען אין קאָוונער געשטאַפּאָ איז געקומען דער טרויעריק־באַרימטער ליקווי־דאַטאָר פון ווילנער א. א. געטאָס, דער געשטאַפּאָ־„ספּעציאַליסט“ פאַר יידן־ענינים, דער מאַסן־מערדער קיטעל, וואָס האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיטן געטאָ־לעבן, איז די טעטיקייט פון דער דאָזיקער באַוועגונג געוואָרן אַלץ שווערער. ענדלעך איז מצד געשטאַפּאָ געקומען דער צעשמעטערנדיקער קלאַפּ פאַר דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג בעת דער קינדער־אַקציע און אַרעסט פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי סוף־מערץ 1944.

פון די יעניקע געטאָ־יידן, וואָס זיינען געווען באַזונדערס־אַקטיוו אין דער געהיימער אָרגאַניזאַציע צו ווערבירן פּאַרטיזאַנער און זיי אָפּצושיקן אין וואַלד אַריין, איז נויטיק צו דערמאָנען די מער־וויכטיקערע פּערזאָנען.

א) מצד די לינקע קרייזן:

ח י י ם  י ע ל י ן — הויפּט־אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. מערערע פּרטים וועגן זיין פּערזענלעכקייט וועט דער לייענער געפינען אין די אַנדערע קאַ־פּיטלען פונעם בוך *).

ד י מ אַ  ה אַ ל פּ ע ר ן — אַ יונגערמאַן פון דער קאָוונער אַסימילירטער יידי־שער אינטעליגענץ. זיין פאָטער — אגב, אַ משומד — איז געווען אין קאָוונע אַן אַדוואָקאַט. דימקע, ווי מ׳פלעגט אים גוטמוטיק רופן, האָט אין דער אָנפירערשאַפט פון ווידערשטאַנדס־באַוועגונג גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. אַ מענטש, אַ נח־לבריות אין עכטן זין פון וואָרט, האָט ער געגאָסן די סימפּאַטיע מצד אַלע געזעלשאַפט־לעכע שטרעמונגען אין געטאָ. אים איז געלונגען אַריבערצולעבן דעם קאַצעט דאַכאַו און האָט נאָך דער באַפרייאונג זיך צוריקגעקערט קיין ליטע.

אינזש. ש מ ע ו ן  ר אַ ט נ ע ר — לכתחילה געווען אַ מיטאַרבעטער פון ייד. אַרבעטס־אַמט. בהדרגה׳דיק געוואָרן נאָענט צו די לינקע. שפּעטער־צו געווען איי־נער פון די אָנפירנדיקע פּערזאָנען פונעם געהיימען קאָמיטעט. אינמיטן־אַפּריל 1944 געוואָרן דערשאָסן בעת געשטאַפּאָ איז איבערגעפאַלן אַ יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע ניט וויט פון געטאָ**).

*) בפרט אינעם קאַפּיטל־אָפּשניט: „אַרעסט פון ייד. פּאַרטיזאַנער־פירער חיים יעלין“.

**) ז. „געשטאַפּאָ־איבערפאַל אויף אַ יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע“.

ירחמיאל בערמאַן — בעת דער סאָוועטישער תקופה אין ליטע געווען טעטיק ווי אַן ארטיסט אויף דער יידישער בינע. האָט פיל געטאָן ביים פאַרשאַפן געווער פאַר די פּאַרטיזאנער. אין מערץ 1943 איז ער, ווי שוין פריער דערמאָנט, ארעסטירט געוואָרן ביים אריינטראָגן אין געטאָ אַ ראקעטע. אדאנק ליפּצערס אינטערווענץ איז ער באַפרייט געוואָרן. איז געווען צווישן דער פריער־אָנגעוויזענער ייד. פּאַרטיזאנער־גרופּע, וואָס איז איבערגעפאַלן געוואָרן מצד געשטאַפּאָ און איז נאָכן ניצול־ווערן בעת דער שיסעריי אוועק צו די פּאַרטיזאנער. נאָך דער באַפרייאונג אוועק פון ליטע מיטן שטראָם פון דער בריחה.

מנשה סאַפּאָזשניקאָוו — לויטן באַרוף אַ מאָלער. געווען טעטיק אין דער קרימינעלער אָפּטיילונג פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי. איז געווען אַ זייער־דרייסטער און ענערגישער יונגערמאַן, וואָס האָט פיל געטאָן פאַר די לינקע ווי אויך פאַר די פּאַרטיזאנער. אומגעקומען בעתן דערמאָנטן איבערפאַל אויף די ייד. פּאַרטיזאנער.

דר. רודאָלף וואָלסאָנאָק — אַ גוט־באַקאַנטער זשורנאַליסט. געווען אַ זייער געבילדעטער און פעאיקער מענטש. אין געטאָ לכתחילה געווען לייטער פון אעראָדראָם־אָפּטיילונג אינעם ייד. ארבעטס־אמט. שפּעטער־צו געוואָרן לייטער פונעם סטאַטיסטישן אמט. איינער פון די וויכטיקסטע מיטגלידער פון דער „קאַזערנירונגס־קאָמיסיע", וואָס האָט געהאַט צו באַשטימען די מענטשן פאַר די ארבעטס־לאַגערן. אין דעם פּרט זאָל ער האָבן געהאַט אויף זיין געוויסן אַ היפּש ביסל חטאים. אין געטאָ זיך געהאַלטן נאָענט צו די לינקע. ווי אַ געוו. אָפיציר פון דער פּוילישער ארמיי, מיטגעהאָלפן ביי די מיליטערישע ענינים פון דער פּאַרטיזאנער־אָרגאַניזאציע. געוואָרן פארשלעפּט אין דאַכאַוער קאַצעט. נאָך דער באַפרייאונג אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אין לאַנדסבערגער לאַגער אַ יידישע צייטונג מיט לאַטייניש בוכשטאַבן*). געווען אַ קראַנקער מענטש און איז נאָך אַן אָפּעראַציע געשטאָרבן אין מינכען דעם 31־טן דעצעמבער 1945.

משה שערמאַן — אַ יונגערמאַן, וואָס איז שוין לענגערס געווען טעטיק אין די לינקע קרייזן. פון געטאָ אוועק צו די פּאַרטיזאנער. נאָך דער באַפרייאונג צוריקגעקומען קיין קאָוונע און האָט פיל געטאָן פאַרן דאָרטיקן ייד. קינדער־היים.

דוד ראַטנער — מצד די לינקע געשיקט געוואָרן צו ארבעטן אין דער ייד. געטאָ־פּאָליציי און אין דער „קאַזערנירונגס־קאָמיסיע". האָט פיל געטאָן ביים אָפּשיקן די מענטשן אין וואַלד. שפּעטער־צו אליין אוועק צו די פּאַרטיזאנער. אומגעקומען אין די וועלדער ארום קאַזלאָווע־רודע אַ פּאָר טעג פאַר דעם, ווי די דאָזיקע געגנט איז באַפרייט געוואָרן פון דער רויטער ארמיי.

*) „Landsberger Lager-Cajtung"

ב) מצד די ציוניסטישע שטרעמונגען:

מ ש ה ל ע ו ו י ן — אַ לענגערע צייט געווען שעף פון דער י.ד. געטאָ־פּאָליציי. האָט געהערט צו די רעוויזיאָניסטן. געהאַט אין געטאָ ניט ווייניק שונאים, מחמת ער איז געווען אַ שטרענגער מענטש און פּלעגט מיט מענטשן אָפּט זיך באַגיין צו הארב. האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און ביים בויען „מאַלינעס". בעתן ארעסטן פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי סוף־מערץ 1944 *) האָט דער געשטאַפּאָ־תלין קיטעל אים דעם ערשטן שטארק געפּייניקט און גלייך נאָכדעם דערשאָסן. בעת דער אויספארשונג אויפן פּארט זיך געהאַלטן זייער דרייסט און ווירדיק.

ה י ר ש ל ע ו ו י ן — איינער פון די אָנפירער פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג אין ליטע. נאָכן אריינמארש פון די סאָוועטן קיין ליטע, געוואָרן ארעסטירט און איז געזעסן אין תפיסה. ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט קאָוונע, איז ער צוזאַמען מיט אנדערע ארעסטירטע ארויס פון תפיסה, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן ניט באַוויזן צו עוואַקואירן די ארעסטירטע. אין געטאָ געווען אַ פירנדיקע פּערזאָן אינעם עלטעסטן־ראַט. אין געהיימען פּאַרטיזאַנער־קאָמיטעט געווען פון די אַקטיווסטע מיטגלידער. נאָכן ארעסט פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי און ליקווידירונג פון עלטעסטן־ראַט, איז ער מצד קיטעלן שטארק געזוכט געוואָרן. אים איז אָבער געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן פריער אין געטאָ און דערנאָך אין שטאָט, וווּ ער האָט דערלעבט די באַפרייאונג. נאָך דער באַפרייאונג געהאָלפן גרינדן דעם קאָוונער ייד. קינדער־היים. לויט אַ מסירה מצד אַ ייד. יונגערמאַן, אַז ער, לעווין, זאָל האָבן בעת דער גרויסער אקציע זיך אָפּגעזאָגט צו בעטן דעם געשטאַפּאָ־רוצח ראַוקאַ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער סעלעקציע, ער זאָל באַפרייען דעם יונגנמאַנס צוגענומענע עלטערן, הגם לעווין האָט עס פאַר אנדערע יידן יאָ געטאָן, — איז ער מצד דעם סאָוועטישן זיכערהייטס־דינסט ארעסטירט געוואָרן און איז שפּור־לאָז פארשוווּנדן פון קאָוונע. לויט שפּעטערדיקע ידיעות זאָל מען אים האָבן פארשיקט אין אן ארבעטס־לאַגער אין די סאָוועטישע צפון־געביטן.

י צ ח ק ג ר י נ ב ע ר ג — העכערער פונקציאָנער פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי. געווען אן אָנפירנדיקער חבר פון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאציע אין געטאָ „אבצ" **). איז געווען אַ העלדישער יונגערמאַן, וואָס האָט פיל אויפגעטאָן פאַר די פּאַרטיזאַנער־ענינים. געווען אַ זייער־ערלעכער מענטש און האָט, לויט זיינע מעגלעכקייטן, באַקעמפט די אנטי־געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען אין געטאָ־לעבן. בעתן ארעסט פון דער ייד. פּאָליציי געוואָרן דערשאָסן אויפן 9־טן פּארט.

*) ז. „אומגעריכטער אוועקפירן די ייד. פּאָליציי אויפן 9־טן פּארט".
**) ז. „ציוניסטישע טעטיקייט אין געטאָ".

מ. בּ ר אַ מ ס אָ ן — לויטן בּארוף א לערער. אַ געוו. אָפיציר פון דער ליטווי־שער ארמיי און אַן אָנפירער אין „פארבאנד פון די ייד. פראָנט־קעמפּער אין ליטע". פארנומען העכערע פּאָסטנס אין דער ליטונג פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי. מיט־געהאָלפן דער פּאַרטיזאנער־בּאַוועגונג, בּפרט אין איר אָרגאַניזאַציע־פּעריאָד. גע־וואָרן פארשלעפּט קיין דאכאו. זייענדיק אַ ליידנשאפטלעכער רויכערער, פלעגט ער אין קאַצעט אוועקגעבּן זיין לעצטן בּיסן בּרויט, כדי צו בּאקומען עפּעס צום רויכערן. איז מחמת דעם אויסגעגאַנגען פון הונגער הארט פאר דער בּאפרייאונג.

בּיי דער געלעגנהייט איז אויך גויטיק צו דערמאָנען אייניקע ייד. פרויען, וואָס זיינען געווען אַקטיוו אין דער פּאַרטיזאנער־בּאַוועגונג:

אָ ל י אַ מ י י ז ע ל — זיך שטארק אָפּגעגעבּן מיט די פּאַרטיזאנער־ענינים. אחוץ דעם געווען אַקטיוו אויך אין די לינקע קרייזן. אוועק אין וואַלד, ווו זי איז קראנק געוואָרן און געשטאָרבּן.

א י ד ל פּ י ל אָ וו נ י ק — פיל געהאָלפן בּיים ארייִנטראָגן אין געטאָ געווער פאר די פּאַרטיזאנער. געווען אין וואַלד און האָט דערלעבּט די בּאפרייאונג.

איר בּרודער ט וֹ ב י ה פּ י ל אָ וו נ י ק, אַ יונגנטלעכער פון אַ יאָר 18, איז גייענ־דיק צו די פּאַרטיזאנער ארעסטירט געוואָרן אונטערוועגס און איז אָפּגעשיקט גע־וואָרן אויפן 9־טן פאָרט בּיים פארבּרענען די אויסגעגראָבּענע הרוגים. נאָכן אנט־לויפן פון דער דאָזיקער בּריגאַדע האָט ער זיך אויסבּאַהאַלטן אין געטאָ, פונוואַנען ער איז אוועק אין וואַלד. אויספירנדיק אַ שליחות פון די פּאַרטיזאנער, איז ער פרילינג 1944 ארום קאָוונע דערשאָסן געוואָרן.

ל א ה ס ע נ י אָ ר — האָט אַ סך געארבּעט פאר דער פּאַרטיזאנער־אָרגאַני־זאציע. איז אויך געווען אין וואַלד און האָט דערלעבּט די בּאַפרייאונג.

מיט די פּאַרטיזאנער־ענינים האָבּן, אחוץ די אויסגערעכנטע פּערזאָנען, זיך מתעסק־געווען אויך אַ גאַנצע ריי אנדערע מענער און פרויען, ווי למשל, א ל ח נ ן ק אַ ג אַ ן, א ל ט ע בּ אָ ר וּ כ אָ ו י ט ש א. א., וואָס האָבּן אויף פארשיידע־נע אופנים מיטגעהאָלפן דער ווידערשטאנדס־בּאַוועגונג קעגן די נאַצישע רוצחים.

=XXX=

אַחוץ דער אָרגאַניזירטער פּאַרטיזאנער־בּאַוועגונג זיינען אין יענער תקופה אויך יחידים און קלענערע גרופּעס יידן ארוים פון געטאָ זיך איינאָרדנען אין שטאָט אָדער אין דאָרף בּיי בּאַקאַנטע קריסטן, וואָס האָבּן געהאט פאר זיי צוגעגרייט ספּעציעלע בּאהעלטענישן.

די יעניקע געטאָ־יידן, וועלכע האָבּן געהאט אַן אָרט, וווהין אוועקצוגיין, פלעגן שוין געפינען א מעגלעכקייט, ווי אַזוי עס צו דערגרייכן. ס'רוב פלעגט מען אין אַזאַ פאל דארפן זיך אדורכגנבענען דורכן געטאָ־צוים, אָדער נעלם־ווערן בּעת דער

ארבעט אין שטאָט און מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט זען וואָס־גיכער אָנצוקומען צום באַקאַנטן קריסט. אין דער נאַכט־פינצטערניש, קיינער זאָל זיי, חלילה, ניט באַמערקן, פּלעגן די גליקלעכע יידן, וואָס פּלעגן אָנקומען צו זייער ציל, זיך אריינשלייכן צום קריסט און אויף גיך זיך פאַרשטעקן אין דער צוגעגרייטער באַהעלטעניש.

די צאָל אַזעלכע אוועקגעגאַנגענע יידן פון געטאָ איז געווען ניט גרויס. מחמת פאַרשיידענע סיבות איז אַ גרויסער טייל פון זיי אריינגעפאַלן אין די הענט פון געשטאַפּאָ, וואָס האָט זיי אומגעבראַכט. אַנדערע האָבן אפילו ניט באַוויזן צו דערגיין צום באַקאַנטן קריסט און זיינען אונטערוועגס ארעסטירט געוואָרן.

מיט איינער אַ גרעסערער גרופּע קאָוונער יידן, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער לעבן יורבורק *), האָט פּאַסירט פאָלגנדיקער טראַגישער צופאַל:

אינעם דאָזיקן בונקער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ וואַלד, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַן ערך 100 יידן. זומער 1944, ווען די רויטע ארמיי האָט געהאַלטן אין באַפרייען ליטע, זיינען ארום יורבורק פאָרגעקומען גרויסע שלאַכטן.

אין איינעם אַ טאָג האָבן די יידן באַמערקט ארום בונקער צוויי לעטן, וואָס האָבן דערציילט, אַז זיי זיינען דעזערטירן פון דער דייטשער ארמיי און זיי זוכן אַן אָרט, וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן. היות די לעטן האָבן צוגעזאָגט די יידן פון בונקער זיי באַהילפיק צו זיין מיט זייער מיליטערישער דערפאַרונג, האָבן די יידן מסכים־געווען זיי אריינצולאָזן צו זיך אין באַהעלטעניש.

נאָכן אָפּזיין אַ געוויסע צייט צוזאַמען מיט די יידן, האָבן די לעטן דערקלערט, אַז זיי ווילן גיין באַזאָרגן געווער פאַר די מענטשן אין בונקער. ניט פאַרויסזעענדיק קיין שלעכטס, האָבן די יידן זיי ארויסגעלאָזן פון בונקער. אונטערוועגס זיינען די לעטן אריינגעפאַלן אין די הענט פון דייטשן, וועלכע האָבן זיי אָנגענומען פאַר שפּיאָנעס און זיי געוואָלט דערשיסן. וועלנדיק ראַטעווען זייער לעבן, האָבן די לעטן פאַרגעשלאָגן די דייטשן צו ווייזן, וווּ ס'געפינט זיך אַ בונקער מיט יידן.

אין אַ טאָג־צוויי ארום נאָכן אַוועקגיין פון די לעטן, איז דער בונקער פּלוצלונג געוואָרן איבערגעפאַלן פון אַ גרעסערער גרופּע דייטשן. הגם די איבערגעפאַלענע יידן האָבן געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד, זיינען זיי כמעט אַלע אומגעקומען בעת די קאַמפן. נאָר איינצלנע יידן, וועלכע האָבן צופעליק צום מאָמענט פון איבערפאַל זיך ניט געפונען אין בונקער, נאָר זיינען געווען אוועק אין וואַלד, זיינען ניצול־געוואָרן פון אומקום און האָבן שפּעטער־צו דערלעבט די באַפרייאונג.

צווישן די אומגעקומענע יידן זיינען אויך געווען קליינע קינדער, וועלכע מ'האָט מיט גרויס מסירת־נפש געהאַט געראַטעוועט בעת דער קינדער־אַקציע אין געטאָ.

*) אַ שטעטל אויפן ניעמאַן, ניט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אנגעגאַנגען אין געטאָ, ווי מיר האָבן געזען, אן אינטענסיווע באַוועגונג אפצוגעבן די קינדער ביי קריסטן. ווער ס'האָט נאר גע־האַט אַ שטיקל מעגלעכקייט עס צו טאָן, פלעגט דאָס קינד אָפּגעבן אין שטאָט אדער אין דאָרף.

היות די לאַגע אין געטאָ איז דאַן, בכלל גענומען, געווען מער־ווייניקער אַ רו־איקע און פיל יידן האָבן געפּרוווט זיך איינריידן, אַז אפשר וועט אין קאָוונער געטאָ גאר ניט פאָרקומען אַזאַ קינדער־אַקציע, ווי אין שאַוולער געטאָ, האָבן ניט ווייניק עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט שוועריקייטן מיטן האַלטן די קינדער אין שטאָט, זיי צוריקגעבראַכט אין געטאָ. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע צוריקגעבראַכטע קינדער איז פארכאַפּט געוואָרן בעת דער קינדער־אַקציע סוף־מערץ 1944.

* * *

ווען דער פאראייניקטער פּאַרטיזאַנער־קאָמיטעט איז אינעם געטאָ־לעבן גע־וואָרן אַן אָנגעזעענער פאקטאָר און זיין אויטאָריטעט ביי די געטאָ־יידן איז שטארק אויסגעוואַקסן, איז רייף־געוואָרן די צייט אָנצוהויבן אַן ענערגישן קאַמף קעגן די ייד. מוסרים און אנדערע אויסווורפן.

דער ערשטער קאָנקרעטער פאַל אין דעם פּרט איז געשען סוף 1943, ווען אונטערוועלט־טיפּן פון געטאָ האָבן אין איינער אַ נאכט מחמת רויב־צוועקן דער־שאָסן דריי יידן.

די לייטונג פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי צוזאמען מיטן געהיימען פּאַרטיזאַנער קאָמיטעט האָבן באַשלאָסן דאָסמאָל אַליין צו באַשטראָפן די שולדיקע, כדי גע־שטאַפּאָ זאָל פאַרשנדיק דעם ענין ניט נעמען דריבלען די פראגע: ווו האָבן די מערדער גענומען געווער? אַזאַ פראגע מצד געשטאַפּאָ וואָלט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג געקענט קאָסטן גאַנץ טייער.

דורך פארשיידענע מיטלען איז געלונגען אויסצוגעפינען די שולדיקע און זיי צו פארנארן אין די הענט פון פּאַרטיזאַנער־קאָמיטעט. נאָכן פעסטשטעלן זייער שולד, איז קעגן זיי ארויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט־אורטייל, וואָס איז אין געהיים תיכף אויסגעפירט געוואָרן.

גלייכצייטיק מיטן קאַמף קעגן רויב־אָנפאַלער, איז אויך אָנגעהויבן געוואָרן אַ קאמפּאַניע קעגן די פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע האָבן געדינט אין געשטאַפּאָ און האָבן אויף פארשיידענע אופנים געשעדיקט די געטאָ־אינטערעסן.

אריינכאַפּנדיק אין זייערע הענט אַ יידן, פלעגן די געשטאַפּאָ־רוצחים זייער אָפט אים פאָרלייגן פאָלגנדיקע אַלטערנאַטיווע: אָדער צוזאמען מיט דער משפחה ווערן דערשאָסן אויפן פּאָרט, אָדער ווערן „באַפרייט" און צושטעלן פאר געשטאַפּאָ ידיעות פון געטאָ?..

הגם קיינעם פאלט, חלילה, ניט איין צו באַרעכטיקן די יעניקע יידן, וואָס האָבן זייער פערזענלעכן לעבן געוואָלט באשיצן פארן פרייז פון מסירות אויף אנדערע יידן, דארף מען אָבער אויך ניט פארגעסן דעם פסיכישן צושטאנד פון יענע אומגליקלעכע יידן, וועלכע זיינען מחמת אַ צופאל אריינגעפאלן אין געשטאַפּאָ און זיינען פלוצלונג אוועקגעשטעלט געוואָרן פאר אַזאַ שווערן נסיון.

באַזונדערס איז קיטעלן זייער שטארק געפעלן געוואָרן דאס באַנוצן זיך מיט יידישע מוסרים. ער פלעגט דערביי האָבן אַ דאָפּלטע סאדיסטישע הנאה: אי אַ ייד ווערט אומגעבראכט, אי דאס געשעט דורך אַ צווייטן ייד...

ווען די פּראָוואָקאַטאָרישע טעטיקייט מצד אַזאַ יידישן מוסר פלעגט אָננעמען אַ באַדראָענדיקן כאַראַקטער, איז ניט געווען קיין אנדער מיטל, כדי פּטור צו ווערן פון אים, ווי נאָר אים אָפּצורוימען פון וועג.

ס'איז אויך געווען אַ פאַל, ווען אַ געוויסער יידישער יונגערמאַן, מאָניע לעווין, האָט מחמת רויב=צוועקן געמאכט יד=אחת מיט ליטווישע פּאָליציסטן און זיי ארויסגעגעבן אַ גוט=איינגעאָרדנטע יידישע „מאַלינע”, וואָס האָט זיך געפונען אין געראַומטן אלט=געטאָ=ראַיאָן. צו קיין מענטשלעכע קרבנות איז דאָן ניט געקומען, אָבער דער בונקער איז אנטדעקט און באַרויבט געוואָרן מצד די ליטווישע פּאָליציסטן. אויך דער דאָזיקער יידישער אויסוווּרף איז לויט אַן אורטייל פון געהיימען קאָמיטעט געוואָרן דערשאָסן.

למען=האמת מוז מען אָבער זאָגן, אַז אַזעלכע „פּאָליטישע מאָרדן” זיינען אין געטאָ געווען ניט פיל. בסך=הכל האָט עס דערגרייכט די צאָל פון אַן ערך אַ צענדליק.

נאָכן אָפּרוימען פון וועג אַ פּראָוואָקאטאָר, פלעגט קיטעל, ניט דערוואַרטנדיק זיין אַגענט צו דער אָפּגערעדטער צייט, תיכף קומען אין געטאָ אים זוכן. פארשטייענדיק, אז יידן האָבן אים געפּטרט, פלעגט ער פון דער ייד. געטאָ=אדמיניסטראציע מיט פארשיידענע דראָאונגען פאָדערן, מ'זאָל אים אוסליפערן די יעניקע פערזאָנען, וועלכע ברענגען אום מענטשן אין געטאָ. מיט גרויסע שוועריקייטן פלעגט דעם עלטעסטן=ראט אָדער דער ייד. געטאָ=פּאָליציי געלינגען זיך ארויסצודרייען פון קיטעלס פאָדערונגען.

אַזאַ ענערגישע האנדלונג מצד דעם געהיימען קאָמיטעט האָט פאר די ייד. מוסרים און סתם אויסוווּרפן געדינט אלס וואָרנונג, זיי זאָלן זיין פּאָרזיכטיקער מיט זייער פארברעכערישער טעטיקייט.

*   *
*

די צאָל יידן, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון געטאָ, איז, לפי=ערך, געווען זייער אַ קליינע. מ'האָט דעריבער געמוזט טראכטן, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן

געוויסע שוץ־מיטלען אין געטאָ גופא. דער איינציקער פּראַקטישער וועג אין דעם פּרט איז געווען דאָס בויען ספּעציעלע באַהעלטענישן, בונקערס, וואָס מ׳האָט אין געטאָ גערופן „מ אַ ל י נ ע ס".

שוין נאָך דער איבערזידלונגס־אַקציע קיין עסטלאַנד האָט, ווי ס׳איז שוין פריער געווען דערמאָנט, אין געטאָ זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו בויען באַהעלטע־נישן, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן אין אַן עת־צרה, ווייל די יעניקע פּערזאָנען, וועלכע האָבן יאָ געהאַט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן, זיינען דאַן ניצול־געוואָרן פון דער אַקציע. ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אין יענער צייט, ווען אין געטאָ האָט מען יעדן טאָג זיך געקענט ריכטן אויף אַקציעס, בפרט אויף דער קינדער־אַקציע, האָט די באַוועגונג צו בויען באַהעלטענישן פאַרכאַפּט זייער פיל געטאָ־יידן.

דאָס אויסבויען אַ „מאַלינע" איז אָבער געווען גאָר ניט פון די איינפאַכע און לייכטע זאַכן און איז געווען פאַרבונדן מיט כלערליי שוועריקייטן. אגב, זיינען אין געטאָ געווען פאַרשיידענע מינים מאַלינעס און ס׳איז כדאי וועגן דעם עפּעס ברייטער צו דערציילן.

אַן עכטע, ד. ה. ספּעציעל־געבויטע מאַלינע, פלעגט ס׳רוב געבויט ווערן אויף אַזאַ אופן:

אונטער די דילן פונעם הויז אָדער אין אַן אַנדער געביידע (שטאַל, סקלאַד א. א. וו.) בשכנות פון דער דירה, פלעגט אויסגעגראָבן ווערן אַ גרויסע גרוב, וואָס פלעגט מיט דער הילף פון דיקע ברעטער א. א. איינריכטונגען פאַרפעסטיקט ווערן, זי זאָל ניט איינפאַלן. דער אַריינגאַנג אין מאַלינע איז געווען איינע פון די וויכ־טיקסטע פּראָבלעמען ביים בוי פון בונקער. ערשטנס, פלעגט דער אַריינגאַנג דאַרפן זיין גוט־מאַסקירט, קיין זייטיקע מענטשן זאָלן ניט קענען אַזוי לייכט אים באַמערקן. צווייטנס, האָט ער געדאַרפט זיין אַזוי איינגעאָרדנט, מ׳זאָל דורך אים קענען ווי מעג־לעך־גיכער אַריינקומען אין בונקער. די מאַלינעס האָבן געהאַט פאַרשיידן־מאַסקירטע אַריינגענג, און די המצאות אין דעם פּרט זיינען געווען זייער דערפינדעריש. אַזוי, אַ שטייגער, פלעגט דער אַריינגאַנג אין מאַלינע זיין דורך אַן אויוון, דורך אַ שאַנק, דורך אַ קעלער א. א. וו. ס׳זיינען געווען מאַלינעס, ווו דער אַריינגאַנג צו זיי איז געווען דורכן קלאָזעט, דורך אַ ברונעם אד"גל.

אַ צווייטע וויכטיקע פּראָבלעם ביים בוי פון אַ מאַלינע איז געווען דאָס באַ־זאָרגן דעם בונקער מיט לופט און וואַסער. לופט פלעגט אין די בונקערס אַריינגיין מיט דער הילף פון רערן, וואָס פלעגן זיך ציען פון בונקער ערגעץ־ווו צו אַן אומ־באַמערקטן אַרויסגאַנג אַרום דער געביידע, ווו די מאַלינע האָט זיך געפונען.

אין די גרעסערע מאַלינעס פלעגט מען אין מאַלינע גופא אויסגראָבן אַ גרוב,

ביז מ'פלעגט געפינען אַ שיכט וואַסער. אַניט פלעגט מען מוזן אנגרייטן וואַסער אין גרעסערע כלים, פעסער א. א. וו.

אין די מאַלינעס פלעגט מען אויך צוגרייטן שפּייז־פּראָדוקטן אויף אַ לענגערער צייט. כדי די שפּייז זאָל ניט ווערן פאַרדאָרבן, פלעגט מען מוזן אנגרייטן קאָנסער־ווירטע און געטריקנטע שפּייז־פּראָדוקטן, ווי ברויט־סוכאַרעס, קאָנסערווירטע און גערויכערטע פלייש און פיש א. א. וו.

די מאַלינעס פלעגן פאַרמאָגן פאַרשיידענע אינעווייניקסטע איינריכטונגען, ווי למשל, ווו צו זיצן, שלאָפן, האָבן די נאַטירלעכע באַדערפנישן אד'גל. כדי צו באַזאָרגן די מאַלינע מיט ליכט, פלעגט מען אויף אַ מאַסקירטן אופן צוציען צום בונקער עלעקטרישן שטראָם און אריינפירן ליכט. פאַראיינס פלעגט מען דעם עלעקט. שטראָם אויך נוצן צום קאָכן.

געווען אויך מאַלינעס, וואָס האָבן פאַרמאָגט ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, כדי צו זיין אין קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט.

דאָס אויסבויען אַ מאַלינע פלעגט דויערן אַ היפּשע צייט און פלעגט, אגב, אָפּקאָסטן אַ סך געלט. דעריבער פלעגן נאָר פאַרמעגלעכע געטאָ־יידן זיך דערלויבן צו בויען גוט־איינגעאָרדנטע מאַלינעס.

די ערשטע און וויכטיקסטע אַרבעט ביים בוי פון אַ מאַלינע — דאָס אויס־גראָבן די גרוב — פלעגט ס'רוב פּאַרקומען ביינאַכט, כדי מ'זאָל קענען אומגעשטערט אַרויסטראָגן די אויסגעגראָבענע ערד און עס פונאַנדערשיטן אויף די גערטנער אַרום שטוב.

אין יענער צייט האָט מען פאַר יידן אין געטאָ זיך ניט געדאַרפט אַזוי שטאַרק היטן ביים בויען אַ מאַלינע, ווייל די ייד. פּאָליציי א. א. ייד. געטאָ־אינסטיטוציעס האָבן אומאָפיציעל מיטגעהאָלפן דעם בוי פון בונקערס. אנדערש איז געוואָרן די לאַגע אין געטאָ, ווען נאָך דער קינדער־אַקציע איז ליקווידירט געוואָרן די יידישע געטאָ־פּאָליציי און אויף איר אָרט איז מצד געשטאַפּאָ געשאַפן געוואָרן די „אָרד־נונגז־דינסט", ווו ס'זיינען געווען פאַרטראַטן ניט ווייניק געשטאַפּאָ־אַגענטן.

ביים בויען אַ מאַלינע האָט מען געדאַרפט שטאַרק זיך היטן פאַר די צענד־ליקער ס. ס.־מענער פון לאַגער־קאָמענדאַנטור. בפרט פלעגט מען זיך דאַרפן היטן פאַרן ס. ס.־שאַרפירער פון לאַגער־קאָמענדאַנטור, פ י ל ג ר א ם, אַ גרויסער כוליגאַן, וואָס פלעגט דורך טאָג און דורך נאַכט זיך אַרומדרייען אין אַלע ווינקע־לעך פון געטאָ.

ספּעציעל־געבויטע מאַלינעס פלעגן אין געטאָ געבויט ווערן פון עטלעכע משפּחות צוזאַמען. דאָס פלעגט געשען מחמת צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל די גאַנצע אַרבעט ביים גראָבן די גרוב א. א. וו. פלעגן דאַרפן מאַכן בעיקר אייגענע

מענטשן, כדי וואָס־ווייניקער זייטיקע פּערזאָנען זאָלן וויסן די פּרטים פון מאַלינע. צווייטנס, איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט אַ סך געלט־הוצאות.

אַחוץ די בונקערס פון פּריוואַטע פּערזאָנען, איז אין געטאָ אויך געווען אַ געוויסע צאָל „געזעלשאַפטלעכע מאַלינעס", געבויטע פון געז. גרופּירונגען. אַזוי, למשל, האָבן די לינקע געהאַט זייערע מאַלינעס, די ציוניסטן — זייערע א. א. וו.

אין יענע הייזער, וווּ ס'פלעגט ניט זיין מעגלעך צו בויען קיין מאַלינעס אונטער דער ערד, פלעגט מען מאַכן אַנדערע באַהעלטענישן: מ'פלעגט, למשל, אין צימער צובויען פון ברעטער אָדער פון ציגל אַ דאָפּלטע וואַנט, און זי דעקאָרירן, ווי אַלע איבעריקע ווענט פון צימער. דורך אַ מאַסקירטן אַריינגאַנג פלעגט מען אַריינגיין אין צווישן־רוים צווישן דער נאַטירלעכער און צוגעבויטער וואַנט. אויך איז אַזאַ באַהעלטעניש פלעגט מען קענען זיך פאַרשטעקן אין אַ נויט־פאַל.

אומבאַמיטלטע געטאָ־יידן, וועלכע פלעגן ניט קענען זיך דערלויבן צו בויען ספּעציעלע מאַלינעס, פלעגן אויסזוכן אין זייערע הייזער סתם־אַזוי אַ שטיקל באַהעלטעניש, למשל, אויפן בוידעם, אין אַ קעלער, אין אַ האָלץ־סקלאַדיק א. א. וו., כדי ס'זאָל זיין אַן אָרט, וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן עד יעבור זעם.

ווי מיר וועלן שפּעטער זען, זיינען אין די טעג פון דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע אין קאָוונער געטאָ מצד געשטאַפּאָ אונטערגענומען געוואָרן שריט צו אַנטדעקן די מאַלינעס. מיט דער דאָזיקער אַרבעט האָט אנגעפירט דער געשטאַפּאָ־מערדער קיטעל, וואָס האָט אויפן דאָזיקן געביט שוין געהאַט אַ היפּשן „סטאַזש" ביים ליקווידירן ווילנער געטאָ, וווּ ס'זיינען אויך געווען פיל בונקערס. ס'איז דאַן געלונגען צו אַנטדעקן פיל מאַלינעס און זיי אויפצורייסן.

ניט ווייניק מאַלינעס זיינען דאָך געבליבן ניט אַנטדעקט. אנשטאָט די צעשטערטע בונקערס האָבן יידן אויסגעבויט אַנדערע באַהעלטענישן.

אָנפאַנג־יולי 1944, ווען ס'איז אָנגעמאָלדן געוואָרן די דעפּאָרטאַציע און ליקווידאַציע פון געטאָ, און יידן זיינען געווען איינגעשטעלט פאַר קיין פאַל זיך ניט צו לאָזן דעפּאָרטירן, האָבן ס'רוב יידן זיך באַהאַלטן אין מאַלינעס א. א. באַהעלטענישן.

געשטאַפּאָ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער דעפּאָרטאַציע, האָט מיט דער הילף פון ספּעציעלע אויפרייס־קאָמאַנדעס און שפּיר־הינט זיך אָוועקגעלאָזן איבער די הייזער פון געטאָ, אויסצוגעפינען די מאַלינעס און באַהעלטענישן. היות יעדער פאַרדעכטיקער אָרט פלעגט אויפגעריסן ווערן דורך האַנט־גראַנאַטן, זיינען דאַן אַלע בונקערס אַנטדעקט געוואָרן.

אין די לעצטע דעפּאָרטאַציע־טעג האָט געשטאַפּאָ אונטערגעצונדן דאָס געטאָ און צוזאַמען מיט אַלע הייזער זיינען אויך פאַרברענט געוואָרן די ביז־דאַן נאָך־ניט־

אַנטדעקטע מאַלינעס צוזאַמען מיט פיל יידן, וועלכע האָבן אין זיי זיך אויס־באַהאַלטן.

פון די אַלע געטאָ־מאַלינעס זיינען דאָן געבליבן אומבאַשעדיקט נאָר צוויי: איינע פון אָט די מאַלינעס איז געווען אויסגעבויט זייער טיף אונטער אַ קעלער אין איינעם פון די געמויערטע בלאָק־הייזער. ווען דער בלאָק איז מיט דינאַמיט געוואָרן אויפגעריסן, האָט דער אויפרייס דאָך ניט דערגרייכט די מאַלינע. אין דער דאָזיקער מאַלינע האָבן זיך געראַטעוועט און דערלעבט די באַפרייאונג עטלעכע צענדליק יידן. אַ צווייטע, אַ קלענערע מאַלינע, איז געבליבן גאַנץ, ווייל זי איז געווען געבויט ניט אונטערן הויז, ווי ס'רוב געטאָ־מאַלינעס, נאָר אויף אַ גאָרטן. אויך די מאַלינע איז געבליבן ניט אַנטדעקט, און אין איר האָבן זיך געראַטעוועט אַ פופצן מענטשן. פון אַלע אַנדערע מאַלינעס איז אין געטאָ קיין זכר ניט געבליבן *).

* *
*

אין יענער צייט זיינען אין געטאָ אַריינגעשיקט געוואָרן אַ פּאָר צענדליק דייט־שע קאַפּאָס. ווער זיי זיינען, אייגנטלעך, און וואָס פאַראַ פונקציעס זיי וועלן האָבן אין געטאָ איז לכתחילה ניט געווען באַוווּסט. ס'האָבן וועגן דעם צירקולירט פאַר־שיידענע קלאַנגען.

מיטדערצייט איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז די דאָזיקע דייטשע קאַפּאָס זיינען געוועזענע דייטשע קרימינעלע פאַרברעכער. אייניקע פון זיי זאָלן האָבן אויך געווען פּאָליטישע פאַרברעכער. אין קאָוונער געטאָ זיינען זיי געקומען פון אַנדערע קאַצעטן, וו זיי האָבן אויסגעפירט פאַרשיידענע פליכטן ביי דער אויפזיכט און באַוואַכונג פון די קאַצעט־געפאַנגענע.

שוין פון זייער אויסערלעכן אויסזען איז געווען צו זען, אַז זיי זיינען "פּעאיק" צו זייערע פליכטן און האָבן, ווייזט אויס, אויף דעם געביט אַ היפּשע דערפאַרונג...

היות די ייד. אַרבעטס־בריגאַדעס, וואָס פלעגן גיין אַרבעטן אין שטאָט, האָבן געהאַט ייד. בריגאַדע־אַנפירער (בריגאַדירן), באַשטימטע פון ייד. אַרבעטס־אַמט, האָט געקע פאַראָרדנט אין יעדער גרעסערער בריגאַדע אַריינצושיקן אַ דייטשן קאַ־פּאָ, וואָס זאָל האָבן די אויפזיכט איבער אַלץ, וואָס ס'געשעט אין דער בריגאַדע.

ווי באַוווּסט, האָבן אָבער ס'רוב יידן אויסגענוצט די אַרבעט אין שטאָט, כדי צו האָבן אַ געלעגנהייט זיך איינצושאַפן שפּייז־פּראָדוקטן, אָדער שטיין אין פאַר־בינדונג מיט באַקאַנטע קריסטן. מיט אַריינשיקן דייטשע קאַפּאָס אין די יידישע אַרבעטס־בריגאַדעס איז אַנטשטאַנען די מורא, יידן זאָלן מער ניט קענען מסח'רן

*) ז. „דעפּאָרטאַציע און ליקווידאַציע פון געטאָ".

אין בריגאַדע אָדער זיך טרעפֿן מיט קריסטן. לכתחילה האָבן די קאַפּאָס טאַקע גע־נומען ווייזן, וואָס זיי קענען און האָבן אפילו גענומען שלאָגן די יידן ביי דער אַרבעט.

די יידן האָבן אָבער גאָר גיך זיך געגעבן אַן עצה מיט דער דאָזיקער חברה: מ׳פלעגט זיי פאַרשטאָפּן די מיילער מיט שפעק, אייער א. א. גוטע זאַכן. היות זיי זיינען געווען דורכגעטריבענע יונגען, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אויב זיי וועלן לעבן גוט מיט די יידן, וועלן זיי האָבן פיל בעסער ווי דאָ, ווען זיי וועלן שטרענג אָפּהיטן דאָס „געזעץ". יידן האָבן דאָן ווייטער זיך געפילט אין דער בריגאַדע אַזוי אומגע־שטערט, ווי ביזן קומען פון די קאַפּאָס.

אייניקע פון די דייטשע קאַפּאָס האָבן זיך אַזוי גוט איינגעלעבט מיט די יידן, אַז ווען ס׳איז פאָרגעקומען די דעפּאָרטאַציע פון געטאָ, זיינען זיי פון לאַגער־קאָ־מענדאַנטור אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן ביזן אנקומען פון די רוסן.

ווען די סאָוועטן האָבן באַפרייט קאָוונע, האָבן די „באַפרייטע" דייטשע קאַפּאָס זיך באַוויזן אויף די גאַסן און זיך געפילט ווי אמתע מחותנים... זיי זיינען אָבער שפּעטער־צו פאַרהאַלטן געוואָרן מצד דער מאַכט, און זיי זיינען נעלם־געוואָרן פון קאָוונער האָריזאָנט.

* * *

הגם, בכלל גענומען, איז די לאַגע אין געטאָ במשך די ערשטע פּאָר חדשים פון יאָר 1944 געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק־רואיקע און אין געטאָ־לעבן האָט קיין אויסערגעוויינלעכעס ניט פּאַסירט, האָבן דאָך פון צייט צו־צייט ניט געפעלט קיין קלאַנגען, וואָס פלעגן אָרויסרופן ניט ווייניק צערודערונג צווישן דער געטאָ־באַפעלקערונג.

די קלאַנגען פלעגן ס׳רוב אַליין ריידן וועגן דעם, אַז מ׳דאַרף פון געטאָ אָרויס־פירן ערגעץ־ווו אַ גרעסערע גרופּע יידן. די דאָזיקע קלאַנגען פלעגן בעיקר שטאַמען פון קריסטן אין שטאָט. פונוואַנען די קריסטן האָבן אַזעלכע ידיעות, איז געווען שווער צו דערגיין. אויף יעדן פאַל איז דאָס געטאָ געווען שטאַרק דענערווירט צוליב די דאָזיקע באַאומרואיקנדיקע קלאַנגען.

וועלנדיק געפינען אַן אויטענטישע דערקלערונג אויף די אַלע באַאומרואיקנדיקע ריידעריי׳ען, פלעגן די יעניקע געטאָ־יידן, וואָס האָבן געהאַט אַ צוטריט צו פאַרשיי־דענע העכערע דייטשע געטאָ־פונקציאָנערן, פאַרפירן מיט זיי אַ שמועס אויף דער טעמע. מ׳מוז אָבער זאָגן, אַז די דאָזיקע דייטשן פלעגן ־שטענדיק אָפּלייקענען, אַז דעם געטאָ שטייט פּאָר עפּעס שלעכטס. צי זיי זיינען יאָ אָדער ניט

אָריענטירט אין דער פראגע, און צי זיי זאָגן דעם אמת אָדער ניט, איז, פארשטייט זיך, געווען שווער צו באַשטימען.

אין געטאָ זיינען פאר דער צייט געווען איינציקע מאָל פארשיידענע דייטשע קאָמיסיעס און אינספּעקציעס, וואָס פלעגן צוזאמען מיטן לאגער-קאָמענדאנט געקע אָפּהאלטן באַראַטונגען וועגן געטאָ-ענינים. ווידער פלעגט ביי דער געלעגנהייט דאָס געטאָ ווערן שטארק באַאומרואיקט און פלעגט זוכן צו דערגיין, וועגן וואָס מ'האָט גערעדט און וואָס מ'האָט באַשלאָסן אויף דער באַראַטונג. פלעגט צו עמיצן דערגיין אַ ברעקל נייס, פלעגט עס תיכף פארשפרייט ווערן צווישן אלע געטאָ-יידן.

אָנהויב-מערץ 1943 האָבן אין געטאָ מיט אַ באַזונדערער העפטיקייט אָנגעהויבן צו צירקולירן קלאַנגען, אַז מ'וועט בקרוב דאָך ארויספירן פון געטאָ ערגעץ-ווו עטלעכע טויזנט יידן. מ'האָט אפילו גערעדט, אַז דאָס דארף געשען ארום 15-טן מערץ.

ווען די קלאַנגען האָבן גענומען זיך פארשפרייטן פון מויל-צו-מויל, האָט עס באַוועגט דעם פאָרזיצער פון עלטעסטן-ראַט דר. עלקעס צו באַזוכן דעם לאגער-קאָמענדאנט געקע, כדי פון אים עפּעס צו דערגיין וועגן דעם ענין.

געווען איז עס דעם 14-טן מערץ 1944.

געקע האָט די דאָזיקע קלאַנגען קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט און האָט פאראיינס ארויסגעזאָגט זיין איבערצייגונג, אַז אַזעלכע קלאַנגען ווערן מיט אַ פּראָוואָקאַטאָרישער כוונה פארשפרייט מצד די ליטווינער, וואָס זיינען אויסן דערמיט ארויסצורופן ביי די יידן אַ פּאַניק, כדי די יידן זאָלן נעמען לויפן אין שטאָט, און זיי, די ליטווינער, זאָלן דערווייל האָבן אַ געלעגנהייט ארויסצופּרעסן ביי די יידן געלט און אנדערע ווערטפולע זאכן.

כדי ענדגילטיק צו „באַרואיקן" דר. עלקעסן, האָט ער אים צוגעגעבן, אַז אויב אין געטאָ וואָלט טאקע עפּעס דארפן פּאַסירן דעם 15-טן מערץ, וואָלט ער, דער לאגער-קאָמענדאנט, דעם 14-טן מערץ, ד. ה. בסך-הכל מיט אַ טאָג פריער, געוויס וועגן דעם געדארפט שוין האָבן ידיעות...

אויף יעדן פאל האָבן געקעס דערקלערונגען געמאכט דעם איינדרוק, אַז אין פארלויף פון די נאָענטסטע טעג וועט אין געטאָ קיין בייז ניט פּאַסירן.

ביסלעכווייז האָט די פּאַניק גענומען נאָכלאָזן, און יידן האָבן זיך אליין גענומען איינריידן, אז אפשר איז טאקע געקע גערעכט, אַז דעם געטאָ שטייט בקרוב גאָרניט פאָר. ווידער איז אין געטאָ געוואָרן רואיק, און דאָס געטאָ-לעבן איז אריין אין זיינע „נאָרמאַלע" וועגן.

אָבער דאָסמאָל, ליידער, אויף אַ זייער קורצער צייט.

## קאַפּיטל XXIV

# אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע

רואיקע שטימונג אין געטאָ ערב דער אַקציע. — „אומשולדיקע" פאַראָרדנונג צו דער ייד. פּאָליציי וועגן קומען אויסהערן תקנות פון לופט־שוץ. — אומגעריכטער אָװעקפירן די ייד. פּאָליציי אויפן 9־טן פאָרט. — פאַרלויף פון דער אַקציע אין געטאָ און אין די ייד. אַרבעטס־לאַגערן. — לאַגע אין געטאָ נאָך דער אַקציע.

די אנדער העלפט מערץ 1944 איז, ווי געזאָגט, אין געטאָ פארביי אין אַ לפי־ערך רואיקער אטמאָספער. עפּעס מערקווירדיק־שטיל איז אין יענער צייט געוואָרן מיט די אלע באַאומרואיקנדיקע קלאנגען וועגן ארויספירן מענטשן פון געטאָ. קיינעם איז דאָן לחלוטין ניט איינגעפאלן קיין חשד, אַז ס'איז אַ שטיל־קייט פאר אַ גרויסן שטורעם, וואָס וועט בקרוב זיך אריבערטראָגן איבערן געטאָ־ישוב און די ארומיקע לאגערן און וועט גורם־זיין געניע צוויי טויזנט קרבנות.

אין שטרענגער געהיימניש, ס'זאָלן, חלילה, ניט באַמערקן די ס. ס.־לייט פון לאגער־קאָמענדאנטור, האָט מען אין אַ ריי געטאָ־הייזער געבאַקן צו ביסל מצה, די רעליגיעזע יידן זאָלן ניט האָבן קיין פארשטערטן פּסח.

די גינסטיקע ידיעות פון דער מיליטערישער לאגע אויף די פראָנטן, די פלוצ־לונג־אָנגעקומענע שיינע און זוניקע פרילינג־טעג, די פּסח־שטימונג — אלץ צו־זאמען האָט געוואָרפן העלע ליכט־פּאַסן אויפן פארמרה־שחורה'טן געמיט־צו־שטאנד פונעם נידערשלאָגענעם געטאָ־ייד. נאָך מער, ווי אין אנדערע טעג פון אַ גאנץ יאָר, פלעגן געטאָ־יידן אין טעג פון אן ערב־יום־טוב מיט פארקלעמטע הערצער און מיט טרערן אין די אויגן זיך דערמאָנען די אמאָליקע ייד. יום־טובים אין קרייז פון משפּחה, פריינט און באַקאַנטע...

אמת, דער פיינלעך־נאָגנדיקער טרוים פון באַפרייאונג און אויסלייזונג האָט אָט דעם ערב־פּסח געשיינט צו זיין ניט אין ערך רעאלער, ווי פאראיאָרן און נאָך פריער. צוזאמען מיט דער גאולה־דערוואַרטונג איז אָבער ביי די געטאָ־יידן גע־

וואַקסן דאס אומרו-געפיל, ווייל מיט דער דערנענטערונג פון דער פראָנט-ליניע האָט לאַגישערהייט געמוזט קומען צו דער ליקווידאציע פון געטאָ. איטלעכער געטאָ-ייד האָט אָבער געוואָלט גלייבן, אַז, ווי דאָס זאָל ניט זיין, וועט אויך ער אפשר זיין צווישן די יעניקע יחידי-סגולה, וועלכע וועלן אין איינעם אַ טאָג אויף אַן אומגעריכטן אופן דערלעבן דאס קוים-פאָרשטעלבאַרע גליק פון אויסלייזונג און באַפרייאונג.

* *
*

זונטיק, דעם 26-טן מערץ 1944, פארנאכט, האָט דער לאגער-קאָמענדאנט געקע מיטגעטיילט דעם שעף פון דער ייד. געטאָ-פּאָליציי, אַז מאָרגן, מאָנטיק, 8 אז. אינדערפרי, דארף די ייד. פּאָליציי אין איר פולן באשטאנד זיך צונויפקלייבן אויפן הויף פון לאגער-קאָמענדאנטור, ווו ס'וועלן איר געגעבן ווערן אָנווייזונגען וועגן לופט-שוץ אין געטאָ. הגם ביז דאן האָט מען נאָך קיינמאָל מצד דער מאכט ניט גערעדט וועגן לופט-שוץ אין געטאָ, האלטנדיק, ווייזט אויס, אַז אויף געטאָ-יידן זיינען ניט חל אזעלכע „איידעלע" ענינים ווי שוץ קעגן לופט-אַטאַקעס, האָט קיינער בשעתו ניט חושד-געווען קיין שלעכטס אין דער דאָזיקער „אומשולדיקער" מיטטיילונג פון געקען.

אומגעקערט, די געטאָ-אָפּטימיסטן האָבן אין דער דאָזיקער אָנמעלדונג איינגעזען אַ „באַווייז", אז הייַנט זיינען שוין „אנדערע צייטן", ד. ה. אז אויך געטאָ-יידן זיינען ניט מער הפקר אין דער צייט פון אַ לופט-אָנגריף, ווי ביז איצט.

די יידישע געטאָ-פּאָליציי, וואָס האָט געציילט אין אירע רייען אַ 130 מאן, האָט זיך געגרייט אויפצוטרעטן פארן לאגער-קאָמענדאנט אין איר פולן באשטאנד, אויסגעפוצט און אויסגעמושטירט, ווי אויף אַ פייערלעכן פאַראַד...

* *
*

ס'איז אָנגעקומען אַ זוניקער, עכט-פרילינגדיקער פרימאָרגן פון מאָנטיק, דעם 27-טן מערץ 1944.

די יידישע ארבעטנדיקע, וואָס האָבן געארבעט אין שטאָט און אין די פארשיידענע געטאָ-ווארשטאטן, זיינען, ווי שטענדיק, ארוים צו דער ארבעט. אין די יידישע הייזער זיינען געבליבן נאָר די יעניקע, וועלכע האָבן געארבעט נאכטשיכט אין די גרויסע געטאָ-וואַרשטאטן, ווי אויך די עלטערע מענטשן, קראנקע און קינדער.

ערשט נאָכן ארויסלאָזן די יידן צו דער ארבעט, איז אזייגער האלב אַכט אינדערפרי געווען צו זען, אַז ערטעדרווייז ווערט פארשטארקט די באַוואַכונג ארום

געטאָ-צוים—אַ דערשיינונג, וואָס האָט ניט אָנגעזאָגט קיין גוטס פאַרן געטאָ. היות אָבער מ'האָט צום מאָמענט אויף קיין שלעכטס זיך ניט געריכט און, אגב, האָבן זייער ווייניק יידן באמערקט, אַז די וואַך ארום געטאָ-צוים ווערט פארשטארקט, איז לכתחילה דערפון קיין אויפרודערונג ניט אנטשטאנען. פאר דער צייט האָט די יידישע געטאָ-פּאָליציי זיך געזאמלט אויפן הויף פון לאגער-קאָמענדאנטור.

אַזייגער 8 אינדערפרי, ווען די ייד. פּאָליציי איז שוין געשטאנען מיליטעריש-אויסגעמושטירט אויפן הויף פון דער קאָמענדאנטור, גרייט צו הערן די אָנווייזונגען וועגן לופט-שוץ, איז דערשינען פאר זיי געקע און האָט פון די אויסגעשטעלטע רייען ארויסגערופן די ייד. פּאָליציסטן, וועלכע האָבן געשפּילט אין געטאָ-אָרקעסטער, און זיי פאראָרדנט אַריינצוגיין אין קאָמענדאנטור. אלע אנדערע פּאָליציסטן האָבן באַקומען אַ באַפעל זיך צו זעצן אויף דער ערד, און זיי זיינען צו זייער גרויסער איבערראשונג ארומגערינגלט געוואָרן פון אַ שטארקער וואַך. פאר דער צייט זיינען אין געטאָ אריינגעפאָרן געשטאַפּאָ-אויטאָס, און אַ טאקסי האָט גענומען פאָרן איבער די גאַסן פון געטאָ און אומאויפהערלעך איבערחזרן דורך אַ רופאָר פאָלגנדיקע פראזע:

„אַכטונג, אכטונג! אלע דארפן בלייבן אין שטוב. ווער ס'וועט ארויסגיין פון שטוב, וועט ווערן דערשאָסן!“.

אינדערצייט, ווען געשטאַפּאָ האָט דער געטאָ-באַפעלקערונג אָנגעזאָגט דורכן רופאָר די „גוטע בשורה“, זיינען די ייד. פּאָליציסטן געצוואונגען געוואָרן, קריכנדיק אויף אלע פיר, איינצושטייגן אין די אויטאָס, מיט וועלכע מ'האָט זיי גענומען פירן אין דער ריכטונג צום 9-טן פארט. אַ ייד. פּאָליציסט, לעווונער, ביי וועמען ס'זיינען פון שרעק צונויפגעקראמפט געוואָרן די פיס, און ער האָט דעריבער ניט געקענט אויספירן דעם באַפעל אריינצוקריכן אין אויטאָ, איז תיכף דערשאָסן געוואָרן אויף אָן אָרט.

זיך דערנענטערנדיק צום פארט, זיינען צוויי ייד. באַאמטע פון דער געטאָ-פּאָליציי, אדוו. זילבערקוויט און לעווין, ארויסגעשפּרונגען פון אויטאָ און האָבן זיך געלאָזט לויפן. זיי זיינען אָבער מצד די געשטאַפּאָ-באַגלייטער תיכף דערשאָסן געוואָרן.

אויפן פארט האָט מען ביי די ייד. פּאָליציסטן קודם-כל צוגענומען אלץ, וואָס זיי האָבן ביי זיך געהאַט, זיי מערדערלעך געממיתט און נאָכדעם פארשפּאַרט אין די קאַזעמאַטן פון פארט.

שפּעטער-צו איז צו זיי דערשינען דער ראַפּינירטער מאַסן-הענקער קיטעל און האָט דורך כלערליי דראָאונגען און שאנטאזש-מיטלען געפּרווט ביי זיי ארויס-

פּרעסן ידיעות וועגן די פאַראַנענע בונקערס אין געטאָ און וועגן דער טעטיקייט פון דער יוגנט, וואָס גייט אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער.

די ערשטע זיינען געקומען געוואָרן אויפן פאַרהער דער שעף פון דער ייד. פּאָליציי משה לעווין און זיינע געהילפן יצחק גרינבערג און יודל זשופּאָוויטש. נאָכדעם ווי זיי זיינען מערדערלעך געפּייניקט געוואָרן, כדי אַרויסצובאַקומען ביי זיי וועלכע ס'איז ידיעות (וואָס איז, אגב, די געשטאַפּאָ־אויספאָרשער ניט געלונגען), זיינען זיי דערשאָסן געוואָרן און זייערע קערפּערס האָט מען פאַרברענט אויף די שייטערהויפנס, ווו מ'האָט צו יענער צייט גע־האַלטן אין ברענען די אויסגעגראָבענע הרוגים *).

* *
*

אין דער זעלבער צייט, ווען די ייד. פּאָליציי איז אָוועקגעפירט געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט, האָבן אין געטאָ זיך אַריינגעריסן מחנות געשטאַפּאָ־לייט צו־זאַמען מיט וולאַסאָוועס, און זיי האָבן זיך צעוואָרפן אין אַלע ווינקעלעך פון געטאָ.

אַז ס'האַנדלט זיך וועגן אן אַקציע, איז שוין געווען זיכער. ס'איז אָבער לכתחילה נאָך ניט געווען קענטיק, וואָס פאַראַ „מין" אַקציע דאָס איז.

די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט ספּעציעל־אויסגעבויטע מאַלינעס אָדער סתם־אַזוי באַהעלטענישן, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן, האָבן עס תיכף געטאָן. יעדער איינער האָט אויף יעדן פאַל זיך געמיט ווו־ניט־איז צו פאַרשטעקן און ניט צו זיין אויפן אויג פון די אָנקומענדיקע רוצחים.

ערשט, ווען ס'זיינען פאָרגעקומען די ערשטע איבערפאַלן אויף די געטאָ־הייזער, פונוואַנען מ'האָט גענומען שלעפּן קינדער, אַלטע און קראַנקע, איז גע־וואָרן קלאָר, אַז דאָסמאָל האַנדלט זיך וועגן דעם, אויף וואָס מ'האָט אין געטאָ שוין לענגערס מיט אַזוי פיל פּיינלעכער אומרואיקייט זיך געריכט, אָבער גראָד איצט האָט מען עס ניט דערוואַרט...

ווי ס'איז געווען דער פאַל אין שאַוולער געטאָ, האָבן אויך די קאָוונער נאַצים, ווייזט אויס, געהאַט אַ באַפעל אָוועקצונעמען פון געטאָ די קינדער, יינ־גערע ווי 12 יאָר, מענער און פרויען, עלטערע ווי 55 יאָר, און חוצדעם אַלע קראַנקע און אינוואַלידן, אומאָפּהענגיק פון זייער עלטער.

הגם פיל קינדערלעך האָבן געהאַט שוין פון פריער זיך באַזאָרגט מיט אַר־בעטס־קאַרטעס, ווו ס'איז געווען אָנגעגעבן, אַז זיי זיינען 12 יאָר אָדער עלטער,

---

*) וועגן גורל פון די אנדערע ייד. פּאָליציסטן — ז. „ליקווידאַציע פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי" און „גרינדונג פון „אָרדנונג־דינסט".

האָט עס אָבער ווייניק־וואָס געהאָלפן, ווייל די געשטאַפּאָ־לייט האָבן מיט אַזעלכע ארבעטס־קאַרטעס זיך ווייניק גערעכנט. פאַר זיי איז געווען בעיקר מאַסגיביק דאָס פיזישע אויסזען פון קינד.

אין ענלעכע לאַגע איז אויך געווען מיט די עלטערע מענטשן. אויך ביי זיי איז אין ס׳רוב פאַלן ניט געווען אַזוי וויכטיק דער אָנגעוויזענער עלטער אויף זייערע ארבעטס־קאַרטעס, ווי דער אַלגעמיינער איינדרוק פון זייער פיזישן אויס־זען.

צו־בעט ליגנדיקע קראַנקע ווי אויך אינוואַלידן זיינען צוגענומען געוואָרן זיך ניט רעכענענדיק מיט קיין שום עלטער.

אין די הייזער, וווּ ס׳זיינען קיין באַהעלטענישן ניט געווען, אָדער מ׳האָט שוין ניט באַוויזן אין זיי אריינצוקריכן, האָט מען די קליינע קינדער זייער אייליק געגומען פאַרשטעקן אויף פאַרשיידענע אופנים. אַזוי, למשל, האָט מען די קינ־דער באַהאַלטן אינעם בעטגעוואַנט, אין בגדים, אין מעבל, אין גריבער אויפן הויף, אין די קלאָזעטן, אויף די בוידעמער, אין די קעלערס א. א. וו. אין פּרט פון אויסבאַהאַלטן די קינדער זיינען די מוטערס איינגעפאַלן אויף אַזעלכע המצאות, אַז נאָר די באַדראָענדיקע סכּנה אָפּצוּרייסן די קינדער אויף אייביק האָט זיי צו דעם געקענט באַוועגן.

ס׳זיינען געווען פאַלן, ווען אין די באַהעלטענישן זיינען קינדער דערשטיקט געוואָרן. די קלענערע קינדער זאָלן אין די באַהעלטענישן ניט נעמען וויינען, שרייען און דערמיט זיך אליין ארויסגעבן די רוצחים, פלעגט מען זיי איינשלעפערן מיט דער הילף פון נאַרקאָטישע מיטלען. פון צו שטאַרקע נאַרקאָז־דאָזעס זיינען אויך געווען ניט ווייניק אומגליקס־פאַלן.

גלייך ווי די געשטאַפּאָ־לייט צוזאַמען מיט זייערע באַהעלפער, די וולאַסאָווצעס, האָבן זיך אריינגעריסן אין געטאָ, האָבן זיי מיט גרויס אימפּעט זיך גענומען צו זייער ארבעט. פון אלע ווינקעלעך האָבן זיי מאַסנווייז געשלעפּט פון די הייזער קינדער, אַלטע און קראַנקע, זיי געלאָדן אין אויטאָס מיט אומ־דורכזיכטיקע שויבן און אָפּגעפירט פון געטאָ. די יללות און געשרייען זיינען געווען עד לב־השמים.

וועלנדיק פאַרטושן די יאָמערלעכע געוויינען פון די קינדערלעך און די מו־טערס, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען מיט די אייגענע הענט צוצוטראָגן זייערע עופהלעך צו די אויטאָס, האָט געשטאַפּאָ אין די קורסירנדיקע אויטאָבוסן אויפ־געשפּילט הילכיקע מוזיק־פּלאַטן... די הארצרייסנדיקע סצענעס האָבן אָבער זיך ניט געלאָזן פאַרהילכן דורך קיין דזשאַז־מוזיק, און איבערן גאַנצן שטח פון געטאָ האָט זיך געטראָגן אַ וויי־געשריי פון פאַרפּייניקטע יידן, וואָס זיינען אינמיטן העלן טאָג איבערגעפאַלן פון נאַצי־רוצחים.

אויף די מוטערס, וועלכע פלעגן ביי די אויטאָס ניט וועלן אָפּגעבן זייערע קינדער, פלעגט מען אָנרייצן ספּעציעל־אויסגעדרעסירטע הינט, וואָס פלעגן מיט ווילדקייט אָנפאַלן אויף די אומגליקלעכע יידישע מאַמעס, זיי בייסן מיט די ציין אַזוי לאַנג, ביז די מוטערס פלעגן, פאַלנדיק אין אָנמאַכט, ארויסלאָזן פון זייערע הענט די קינדערלעך. דאַן פלעגן די געשטאַפּאָ־לייט מיט רציחה זיי אריינוואַרפן אין די אויטאָס.

די גאַר־עקשנות'דיקע מוטערס, וואָס האָבן די קינדער דאָך ניט ארויסגע־לאָזן פון די הענט, זיינען געוואָרן דערשאָסן אויף אַן אָרט, אָדער זיי זיינען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין די אויטאָס צוזאַמען מיט זייערע קינדער.

זיך ריכטנדיק אויף דעם, אַז אַ טייל יידן וועט זיך אויסבאַהאַלטן אין די בונקערס, אָדער ערגעץ־ווו זיך פאַרשטעקן, זיינען די קינדער־מערדער געווען באַ־זאָרגט אויך מיט העק און ברעכאייזנס. יעדע וואַנט, יעדע טיר, יעדער בוידעם, יעדער קעלער, וואָס פלעגט זיי אויסקומען חשודיק, אַז דאָרטן געפינען זיך אויס־באַהאַלטענע יידן, פלעגט פון זיי ווערן אויפגעבראָכן און גרינטלעך אדורכגע־נישטערט.

בעיקר פלעגן זיי גרינטלעך זיך מתעסק־זיין דאָרט, ווו זיי פלעגן פאַרדעכ־טיקן אַ מאַלינע. אין אַזאַ פאַל פלעגן זיי אויך באַנוצן אויפרייס־באָמבעס און ניט אָפּטרעטן אַזוי לאַנג, ביז זיי פלעגן אָדער אנטדעקן אַ מאַלינע און צונויפנעמען די קרבנות, אָדער זיי פלעגן זיך איבערציינגן, אַז דאָ איז קיין באַהעלטעניש ניטאָ.

יעדע הויז פלעגט אייניקע מאָל אדורכגענישטערט ווערן, און איטלעך מאָל פלעגן מיט קרייט געמאַכט ווערן אויף די אונטערזוכטע הייזער ספּעציעל־אָפּגע־רעדטע צייכנס, פון וועלכע די ניי־אָנקומענדיקע היטלעריסטן פלעגן שוין וויסן, וואָס די פריערדיקע געשטאַפּאָ־לייט האָבן באַוויזן צו דערגרייכן בעת זייערע אונטערזוכונגען.

אין די הייזער, ווו וולאַסאָוועצעס אליין, אָן דייטשן, פלעגן אדורכפירן די איבערפאַלן, פלעגן זיי אפריער צונעמען פון די יידן דאָס פאַרגעשלאָגענע אויס־קויף־געלט און ערשט דאַן צונעמען די קרבנות, אָדער זיי פלעגן אוועקגיין און גלייך צושיקן זייערע חברים עס צו טאָן.

ארום די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן איז פון אינדערפרי אָן אוועקגעשטעלט געוואָרן אַ וואַך, וואָס האָט במשך דעם גאַנצן טאָג קיינעם אהין ניט אריינגעלאָזן און ניט ארויסגעלאָזן.

אין די געטאָ־וואַרשטאַטן, ווו ס'האָבן געאַרבעט פיל עלטערע מענטשן און אַ היפּש ביסל קינדער, האָט מען, דערזעענדיק דאָס אומגליק, אייליק גענומען פאַרבאַהאַלטן אין די פּילצאָליקע געביידעס און די אָפּגעלעגענע ווינקעלעך פון

די טויט־פאַבריק אין קאַצעט דאַכאַו







אויבן: אַ באַרג ביינער פון די אומגעקומענע קאַצעטלער
אונטן: די קרעמאַטאָריעס




מצבה פון דר. עלקעס אויפן מאַסן־קבר אין געוו. לאַגער 1 בײַ לאַנדסבערג
מיכאל בורשטין, באַוווּסטער פּויליש־ייִדישער שריפטשטעלער. געווען אין
קאָוונער געטאָ און איז אומגעקומען אין דאַכאַו
אַן ערד־בוידע אין די דאַכאַוער אַרבעטס־לאַגערן
מאַסן־קברים פון די אומגעקומענע קאַצעטלער בײַ שוואַבהאַוזען (לעבן מינכען)
ערב דער באַפרייאונג

די װאַרשטאַטן זייער פיל קינדער און טיילװייז אויך עלטערע מענטשן. דער געיעג אויף די קרבנות האָט אין די געטאָ־װאַרשטאַטן אָנגענומען אַ זייער־דראַמאַטישן פאַרלויף, װייל דאָרטן זיינען קינדער און אַלטע לייט געװען באַהאַלטן אונטער גרויסע קופּעס מיט דייטשע מיליטערישע בגדים, שיך, װאַליקעס, א. א. זאַכן, ביי װעלכע יידן האָבן געאַרבעט. אין די דאָזיקע באַהעלטענישן זיינען געלעגן באַהאַלטן צענדליקער, צענדליקער קינדער און עלטערע מענטשן, װאָס האָבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און אין גרויס נערװן־שפּאַנונג געװאַרט, מיט װאָס דאָס אַלץ װעט זיך ענדיקן.

דורך פאַרשיידענע איינפאַלן און מיט גרויס סכנות־נפשות איז געלונגען אין די גרויסע געטאָ־װאַרשטאַטן במשך דעם ערשטן אַקציע־טאָג ניט צו דערלאָזן צו קיין גרעסערער צאָל קרבנות.

ערגער האָבן אָפּגעשניטן די קינדערלעך, װאָס זיינען געװען באַהאַלטן אין די ס. ד.־װאַרשטאַטן, װוּ יידן האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך פאַר געשטאַפּאָ. דאָרטן האָבן די געשטאַפּאָ־לייט מיט גרויס רציחה רעשטלאָז צונויפגענומען די באַהאַלטענע קינדערלעך און דערמיט אַרויסגעװיזן זייער עכט־נאַצישע „דאַנקבאַרקייט" צו די דאָרטיקע יידישע בעלי־מלאכות, עלטערן פון די קינדערלעך, װעלכע האָבן במשך עטלעכע יאָר טאָג־איין, טאָג־אויס געהאָרעװעט אויף זייערע באַשטעלונגען.

אַ גאַנצן טאָג האָט אָנגעהאַלטן דער װילדער געיעג פון די נאַצי־רוצחים. לערך 1000 קינדער, אַלטע און קראַנקע זיינען פאַרכאַפּט געװאָרן במשך דעם ערשטן אַקציע־טאָג.

װוּהין מ׳האָט די קרבנות פאַרשלעפּט, איז בשעתו געװען אומבאַװוּסט. שפּעטער־צו איז מען דערגאַנגען, אַז מ׳האָט די קרבנות פון ערשטן אַקציע־טאָג אַװעקגעפירט קיין אױשװיץ, װוּ זיי זיינען, װי מיליאָנען אַנדערע יידישע קרבנות, פאַרגאַזט און פאַרברענט געװאָרן אין די דאָרטיקע גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס.

פון געטאָ פלעגט מען די קרבנות אָפּטראַנספּאָרטירן אין אויטאָס צו דער באַן, װוּ ס׳איז פאַר זיי געװען צוגעגרייט אַ ספּעציעלער עשאַלאָן. מ׳האָט בשעתו געהאַט גערעדט, אַז די אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע איז אין דער זעלבער צייט אויך פאָרגעקומען אין די װילנער יידישע אַרבעטס־לאַגערן, און דער טראַנספּאָרט מיט די װילנער קרבנות זאָל האָבן אויף קאָװנער אייזנבאַן־סטאַנציע זיך געטראָפן מיטן קאָװנער עשאַלאָן.

פאַרנאַכט, אַזייגער 6, איז די אַקציע געװאָרן איבערגעריסן. די מערדער האָבן פאַרלאָזן דעם תחום פון געטאָ. פון שטאָט האָבן געגומען צוריקקערן די

יידישע ארבעטס-בריגאַדעס, און פון די געטאָ-ווארשטאטן איז ארונטערגענומען געוואָרן די ספעציעלע באַוואַכונג.

די מענטשן, וועלכע האָבן צוריקגעקערט פון דער ארבעט אין שטאָט אָדער זיינען פריי געוואָרן פון דער ארבעט אין די געטאָ-ווארשטאטן, זיינען געלאָפן ווילדערהייט צו זיך אין די הייזער זען, ווער ס'פעלט. היות ס'איז כמעט ניט געווען קיין איין הויז, וו ס'זאָל ניט האָבן געפעלט עמיצער, וואָס איז אוועק מיט דער אקציע, האָבן פאר די הייזער זיך אָפגעשפילט גרויליקע און אויפציטערנדיקע סצענעס: מענטשן האָבן היסטעריש באוויינט די קרבנות, זיך געריסן די האָר פון קאָפ און געפאלן אין חלשות.

ס'האָבן געפעלט ווערטער צו טרייסטן איינער דעם צווייטן. דער קלאַפ איז געווען אַ שוידערלעכער, און אלע זיינען געווען פולשטענדיק צוזאמענגעבראָכן.

באַוויינענדיק די קרבנות פארן פארלאָפענעם טאָג, האָט יעדער איינער גלייכצייטיק אויך געטראכט: וואָס וועט זיין מאָרגן? ניט שוין-זשע וועט די אַקציע אויך מאָרגן פאָרגעזעצט ווערן?.

וואָס פארא נאכט דאָס געטאָ האָט אדורכגעמאכט, איז געוויס איבעריק צו זאָגן...

* *

*

ס'איז פארביי די נאכט און ס'איז אָנגעקומען ווידער אַ זוניקער פרימאָרגן פון דינסטיק, דעם 28-טן מערץ 1944. היות קיינער אין געטאָ האָט ניט געוווסט, צי די אקציע איז שוין פארענדיקט אָדער ניט, האָבן אויף יעדן פאל די אלע, וועלכע האָבן געהאט ווו, די קינדערלעך און די אלטע געזען צו באַהאלטן.

אַזוי ווי אויך דעם דינסטיק'דיקן טאָג האָט מען די יידישע ארבעטער, וואָס האָבן געארבעט אין שטאָט, ארויסגעלאָזן צו דער ארבעט, ווי שטענדיק, איז אַ געוויסער צאָל קינדער, אין 10—12 יאָריקן עלטער, ווי אויך עלטערע מענטשן געלונגען אינדערפרי זיך אדורכצושמוגלען דורכן געטאָ-טויער און מיטגיין מיט די ארבעטס-בריגאַדעס אין שטאָט. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי אויסגעמיטן די טראגישע פאָלגן פונעם צווייטן אקציע-טאָג.

אַזייגער 8 אינדערפרי זיינען די רוצחים ווידער אָנגעקומען אין געטאָ און די אַקציע איז באַנייט געוואָרן.

גלייך פון אָנהויב אָן איז געווען צו זען, אַז דער הויפט-ציל פונעם צווייטן אַקציע-טאָג איז צו אנטדעקן די געטאָ-מאַלינעס. שוין פון די פרימאָרגן-שעהן האָבן אין געטאָ געגומען קנאלן די אויפרייס-באָמבעס. צוויי-פיסיקע מענטשןחיות צוזאמען מיט שפיר-הינט האָבן ענערגיש און גרינטלעך אדורכגענישטערט יעדן אָרט, וואָס האָט געשיינט צו זיין פארדעכטיקט אלס מאַלינע.

אינדערצייט, ווען דעם ערשטן אקציע=טאָג פלעגט מען בײם אנטדעקן אַ בונקער מערסטנטייל נאָר צונעמען די קינדער, אלטע און קראנקע, און די יונגע און געזונטע מערדערלעך צעשלאָגן און איבערלאָזן אין געטאָ, איז דעם צווייטן אַקציע=טאָג געווען אנדערש: פון יעדער אנטדעקטער מאַלינע פלעגט מען צונעמען אלעמען, ווען מען פלעגט דאָרטן געפינען, און אָפּטראַנספּאָרטירן פון געטאָ.

דעם צווייטן אקציע=טאָג איז געווען צו זען, אז אין עטלעכע טאקסים פון געשטאַפּאָ זײנען צוזאמען מיט געשטאַפּאָ=לייט אויך געזעסן אייניקע פון די ייד. פּאָליציסטן, וועלכע מ'האָט בעתן ערשטן אַקציע=טאָג געהאט אוועקגעפירט אויפן 9=טן פארט, און איצט האָבן זיי אָנגעוויזן געשטאַפּאָ, ווו ס'געפינען זיך מאַלינעס.

ווי ס'האָט שפּעטער=צו זיך ארויסגעוויזן, האָט דער געשטאַפּאָ=רוצח קיטעל בנוגע די ארעסטירטע ייד. פּאָליציסטן אָנגעווענדעט אזעלכע פּראָוואָצירנדיקע מאָסמיטלען, אַז די יעניקע פון זיי, וואָס זײנען געשטאנען אויף אַ נידעריקערן מאָראלישן ניוואָ, האָבן ניט אויסגעהאלטן און האָבן מסכים=געווען ארויסצוגעבן געשטאַפּאָ די אלע מאַלינעס, וועגן וועלכע זיי האָבן געוווּסט און, חוצדעם, געוויסע פּרטים וועגן דער פּאַרטיזאנער=באַוועגונג אין געטאָ. אָט די דאָזיקע מוסרים צווישן די ייד. פּאָליציסטן האָבן עס איצט צוגעלייגט זייער האנט בײם אויסגעפינען די מאַלינעס.

אַ זייער=פּארדעכטיקטע ראָלע האָט דערבײ געשפּילט, ווי שוין פריער דערמאָנט, בענאָ ליפּצער, וואָס איז געווען אַ „מקורב“ מיט די געשטאַפּאָ=קרייזן בכלל און מיט קיטעלן בפרט. צו אלעמענס איבערראשונג איז ער במשך דער אַקציע אוועקגעפירט געוואָרן צו די ארעסטירטע ייד. פּאָליציסטן אויפן פּארט. לויט שפּעטערדיקע ידיעות, איז זיין „ארעסט“, ווייזט אויס, געשטאנען אין צוזאמענהאנג מיטן מיטהעלפן קיטעלן צעברעכן די מאָראַל פון די ארעסטירטע ייד. פּאָליציסטן.

אַ געוויסע צאָל מאַלינעס איז צוליב די דאָזיקע מוסרים יא אנטדעקט געוואָרן. ס'זײנען געווען פאַלן, ווען אין די מאַלינעס, וואָס זײנען ארויסגעגעבן געוואָרן דורך די פאררעטער, האָבן צוו. אנד. זיך אויך געפונען זייערע אייגענע משפחה=מיטגלידער... צי די דאָזיקע מוסרים האָבן געוווּסט, זיצנדיק אויפן פארט, וואָס ס'קומט פאָר בעת=מעשה אין געטאָ, איז שווער צו זאָגן. אויף יעדן פאַל זײנען זיי, נאָך זייער באפרייאונג פון פארט, מצד די געטאָ=יידן באטראכט געוואָרן ווי געשטאַפּאָ=אַגענטן און מ'פלעגט פאר זיי זיך שטארק היטן.

בײ דער געלעגנהייט איז כדאי צוצוגעבן, אַז אייניקע פון זיי, ווען ס'איז געלונגען בעת דער ליקווידאציע פון געטאָ זיך אויסצובאַהאַלטן און ווערן באפרייט פון די רוסן, זײנען שפּעטער=צו דורך די סאָוועטישע געריכט=אינסטאנצן פאר=

משפט געוואָרן אויף 10—15 יאָר שווערע תפיסה. די יעניקע פון זיי, וועלכע זיי=נען צוזאמען מיט אַלע יידן אוועק מיט דער דעפּאָרטאַציע אין די קאַצעטן פון דאַכאַו, זיינען דאָרטן פון די יידן אַליין אַזוי שטאַרק טעראָריזירט געוואָרן דורך קלעפּ א. א. נגישות, אַז זיי זיינען אין די ערשטע פּאָר וואָכן אומגעקומען.

ניט געקוקט אויפן דאָזיקן הייפל מוסרים, האָט די ייד. פּאָליציי בעת איר אַרעסט, בכלל גענומען, דאָס געטאָ ניט פאַרראַטן. ווי ס'וועט אין די ווייטערדיקע שילדערונגען ברייטער איבערגעגעבן ווערן, זיינען דאַן קרוב צו 40 יידישע פּאָלי=ציסטן, צווישן זיי דער שעף אַליין צוזאמען מיט זיינע צוויי געהילפן און כמעט אַלע העכערע פּאָליציי=פונקציאָנערן, אויף אַ גרויזאמען אופן אומגעבראַכט גע=וואָרן אויפן 9=טן פאַרט, און זיי האָבן זייערע יונגע לעבנס מקריב=געווען על קדוש=העם.

דער טעראָר דעם צווייטן אַקציע=טאָג איז געווען אַ פּיל גרויזאַמערער, ווי דעם ערשטן טאָג. די היטלעריסטן און די וולאַסאָווצעס זיינען געווען אכזריותדיק=ווילד, האָבן אומברחמנותדיק געממיתט די אַנטדעקטע יידן אין די מאַלינעס און געשאָסן אויף רעכטס און אויף לינקס.

במשך דעם צווייטן אַקציע=טאָג זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אַן ערך 300 קרבנות, בעיקר פון די מאַלינעס. ווי ס'איז שפּעטער אויפגעקלערט געוואָרן, האָט מען די קרבנות פונעם צווייטן אַקציע=טאָג אוועקגעפירט אויפן 9=טן פאַרט, דאָרטן זיי אַלעמען דערשאָסן און גלייך פאַרברענט אויף די שייטערהויפנס, וווּ מ'האָט גע=האַלטן אין ברענען די אויסגעגראָבענע הרוגים.

ווידער איז אין געטאָ פאַרביי אַ גרויליק=שוידערלעכער טאָג, וואָס האָט אָפּ=געקאָסט דער יידישער באַפעלקערונג עטלעכע הונדערט קרבנות.

ס'איז אָנגעקומען די נאַכט. גאַנץ=אומגעריכט האָט דער וועטער גענומען זיך ענדערן. ס'איז געוואָרן אַ שטורעם. ס'האָט שטאַרק אָנגעשנייט און ס'איז פונ=דאָסניי געוואָרן אַן עכטער ווינטער. דער שניי=שטורעם האָט אָנגעהאַלטן אויך דעם אינדערפרי פון מיטוואָך, דעם 29=טן מערץ. צי די אַקציע וועט פאָרקומען אויך דעם דריטן טאָג, איז ווידער ניט געווען באַוווסט. ווייזט אויס, אַז דער אויסער=געוויינלעך=שלעכטער וועטער האָט געשטערט געשטאַפּאָ פאָרצוזעצן די אַקציע.

וועלנדיק וועגן דעם עפּעס דערגיין אין לאַגער=קאָמענדאַנטור, האָט מען פון דאָרטן אין נאָמען פון געקען געגעבן דעם עלטעסטן=ראַט צו וויסן, אַז הגם מצד געשטאַפּאָ איז מען באַשטאַנען אומבאַדינגט פאָרצוזעצן די אַקציע אויך דעם דריטן טאָג, ווייל לויט דער ניט=לאַנג אדורכגעפירטער רעגיסטראַציע פון די גע=טאָ=איינוווינער, דאַרפן זיין אין געטאָ פיל מער קינדער און עלטערע מענטשן, ווי ס'זיינען צונויפגענומען געוואָרן במשך די צוויי אַקציע=טעג, האָט דאָך, ער,

נעקע, לגבי געשטאַפּאָ איבערגענומען די אחריות אליין „צו ברענגען אין אָרדנונג" דעם ענין...

די אקציע איז געוואָרן פארענדיקט.

* *
*

אין דער זעלבער צייט, ווען אין געטאָ איז פאָרגעקומען די אקציע, האָט געשטאַפּאָ אויך אין די יידישע ארבעטס־לאגערן, וואָס האָבן זיך געפונען ארום קאָוונע און אין דער פראָווינץ, אדורכגעפירט אן ענלעכע אקציע.

אין די ארבעטס־לאגערן, ווו די יידן האָבן געלעבט צונויפגעפרעסט אין באַראַקעס אָדער קאזארמעס, אונטער אַ שטענדיקער שטרענגער שמירה, איז די רוצחים אָנגעקומען ניט אין ערך לייכטער צו דערגרייכן זייער רויבערישן ציל, ווייל דאָרטן איז ניט געווען די קלענסטע מעגלעכקייט כאָטש טיילווייז צו באהאלטן די קינדער אָדער אלטע, ווי ס'איז יאָ געווען דער פאל אין געטאָ גופא.

אין די דאָזיקע אלע ארבעטס־לאגערן זיינען פארכאַפּט געוואָרן אן ערך 500 קרבנות, וועלכע זיינען אויך פארשלעפּט געוואָרן אין אן אומבאַקאַנטער ריכטונג אויף פארניכטונג.

בסך־הכל האָט, אַזוי ארום, די דאָזיקע אקציע אויף קינדער, אלטע און קראנקע אָפּגעקאָסט די קאָוונער יידן אן ערך 18 הונדערט קרבנות.

דאָס איז געווען די שוידערלעכסטע אקציע אין קאָוונער געטאָ. אינדערצייט, ווען אין די פאָריקע מאסן־שחיטות, בעת וועלכע דאס געטאָ האָט געהאט פארלאָרן אַ 20 טויזנט נפשות, פלעגן בעיקר אוועקגיין גאנצע משפחות צוזאמען, איז דאָסמאָל די אקציע געווען נאָך פיינלעכער צוליבן אָפּרייסן קינדער פון זייערע עלטערן.

אפילו ביי די מער־אָפּטימיסטישערע געטאָ־יידן זיינען דורך דער דאָזיקער אקציע די קלענסטע האָפענונגען און אילוזיעס געוואָרן פולשטענדיק צערונען. אלע השערות וועגן דעם, אַז די צייט פון גרויסע מאסן־שחיטות אויף יידן זיינען שוין פארביי און איצט איז עס מער ניט מעגלעך, האָבן געפלאצט, ווי אַ זייפן־בלאָז. ס'איז געווען זיכער, אַז פון דער היטלערישער מלאך־המות־האנט וועט קיין איין ייד זיך ניט ארויסרייסן קיין לעבעדיקער, אויב ס'וועט פאר דער צייט ניט געשען עפּעס אן אומגעריכטער נס...

צוזאמען מיטן באַקלאָגן די קרבנות פון דער שוידערלעכער אקציע במשך דעם 27־טן און 28־טן מערץ, איז שוין פון 29־טן מערץ אָן געוואָרן אויסערסט־פיינלעך און דרינגענדיק די פראגע: וואָס טוט מען מיט די אויסבאהאלטענע קינדער? מ'איז געווען זיכער, אַז גאָר אינגיכן וועט אין געטאָ געמאכט

ווערן אַן אומגעריכטער איבערפאַל אויף די געראַטעוועטע קינדערלעך, וואָס וועלן האָבן דעם זעלבן גורל, ווי די קרבנות פון דער אַקציע.

דער ענטפער אויף דער געשטעלטער פראַגע איז געווען אַ קלאָרער: וואָס־גיכער אַרויסטראָגן די קינדער פון געטאָ און זיי אָפּגעבן אפילו אין אַזעלכע קריסטלעכע משפחות, וואָס זיינען ווייניק צופאַרלעסיק, ווייל ערגער ווי אין געטאָ קען דאָך במילא ניט זיין...

אין טאָקע גלייך אויף מאָרגן נאָך דער אַקציע זייער ענערגיש באַנייט געוואָרן די באַוועגונג וואָס־גיכער אַרויסצוטראָגן די קינדער פון געטאָ.

היות פאָרמעל האָט עס געהייסן, אַז אין געטאָ זיינען נאָך דער אַקציע מער ניט געבליבן קיין קינדער, יינגער ווי 12 יאָר, און עלטערע מענטשן, עלטער ווי 55 יאָר, האָט מען די קלענערע קינדער געזען ביז וואָס־ווען צו האַלטן אויסבאַהאַלטן אין שטוב, און די קינדער, אָנהויבנדיק פון אַ יאָר 7—8, אָפּצוגעבן אין געטאָ־פאַך־שול. די עלטערע מענטשן האָבן גענומען איילִיק זיך באַזאָרגן מיט אַן אַרבעטס־פּלאַץ אין די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן, אין דער געטאָ־גערטנערייִ, אין די לייכטערע אַרבעטס־פּלעצער בשכנות פון געטאָ א. א. וו.

כדי די זאַך זאָל זיין אין אָרדנונג, פלעגט מען אין די אַרבעטס־קאַרטעס פון די קינדער אָנגעבן זייער עלטער ניט ווייניקער ווי 12 יאָר, און פון די אַלטע — ניט עלטער ווי 55 יאָר.

אַז די עלטערע מענטשן זאָלן אויסזען אַ ביסל יינגער, האָבן זיי זיך גענומען אָפּפאַרבן אויף טונקל די גרויע האָר, מענער האָבן גענומען אָפּשערן די בערד א. א. וו.

די קלענערע קינדער זאָלן אויסזען עלטער, האָט מען זיי בכיון גענומען אָנטאָן אין בגדים פון עלטערע קינדער, און שיך מיט העכערע קנאַפּל א. א. וו.

ס'איז געווען אויסערגעוויינלעך־פיינלעך צוצוזען די דאָזיקע אויפגעצוווּנגענע „פאַריינגערונג" פון די אַלטע און די „פאַרעלטערונג" פון די קינדער...

צום סוף איז וועגן דעם ענין קינדער נויטיק צו באַמערקן אָט וואָס:

אין אַ דריי־פיר חדשים אַרום נאָך אָט דער אַקציע, ד. ה. אינמיטן־יולי 1944, ווען צוליב דער דערנענטערונג פון דער פראָנט־ליניע איז דאָס געטאָ צוזאַמען מיט די אַרומיקע אַרבעטס־לאַגערן דעפּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, איז אינעם טרויעריק־באַרימטן טראַנזיט־און פאַרניכטונגס־לאַגער שטוטהאָף, ביי דאַנציק, פאָרגעקומען אַ סעלעקציע פון די געבראַכטע קאָוונער פרויען.

די יעניקע פרויען, ביי וועמען מ'האָט בעת דער אַקציע צוגענומען די קינדער און אין שטוטהאָף זיינען זיי געקומען אַליין, אָן קינדער, האָט מען פון דאָרט פונאַנדערגעשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט אין די אַרבעטס־לאַגערן פון

פרייסן, און אַ געוויסן טייל פון זיי איז געלונגען אדורכצוהאלטן ביז דער באַ־פרייאונג.

די אלע פרויען, וואָס האָבן אָבער אין שטוטהאָף יאָ געהאט מיט זיך די קינדער, וועלכע זיי האָבן געראטעוועט בעת דער אקציע, זיינען צוזאמען מיט די קינדער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ אויף פארניכטונג, און קיינער פון זיי איז ניט געבליבן ביים לעבן *).

אָט ווי אַזוי משונה'דיק־טראגיש ס'איז געווען דער יידישער גורל אונטערן אויסראָטונג־סיסטעם פון די נאצי־רוצחים...

---

*) ז. „גורל פון די דעפּאָרטירטע יידן".

## קאַפּיטל XXV

# פאַרשאַרפטער מצב אין געטאָ במשך די חדשים אַפּריל־יוני 1944

ליקווידאַציע פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי. — גרינדונג פון „אָרדנונג־דינסט". — אַרעסט פון עלטעסטן־ראַט. — ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון דער געטאָ־„אויטאָנאָמיע". — נייע און שווערע חומרות אין געטאָ־רעזשים: א) פאַרשטאַרקטע באַוואַכונג איבער די יידן. - ב) סיסטעמאַטישע ציילונגען פון דער געטאָ־באַפעלקערונג.— ג) דאָס אָנטאָן די יידן אין געשטרייפטע קאַצעט־בגדים. — ד) אייליקע מאַסמיטלען צו קאָזערנירין דעם רעשט געטאָ־יידן. — אַרעסט פונעם פּאַרטיזאַנער־פירער חיים יעלין. — געשטאַפּאָ־איבערפאַל אויף א ייד. פּאַרטיזאַנער־גרופּע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דער אקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע האָט זיך אויך אויפגעקלערט דער גורל פון די אַרעסטירטע ייד. פּאָליציסטן, ווי אויך וועגן דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי בכלל.

ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, זיינען בסך־הכל אַרעסטירט געוואָרן אַן ערך 130 מיטגלידער פון דער ייד. פּאָליציי. נאָכדעם, ווי דער פּאָליציי־שעף צוזאַמען מיט זיינע צוויי געהילפן זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן פאָרט, האָט קיטעל, ווייזט אויס, מיטן ווילן פון זיין פאַרטרויאונגס־מאַן אין געטאָ, ב. ליפּצער, אַרויסגעטראָגן וועגן דעם ענין פאָלגנדיקן באַשלוס: אַן ערך 40 פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציאָנערן פון דער ייד. פּאָליציי בלייבן אין פאָרט „ביז אויף ווייטערעס"; אַלע אַנדערע (עטלעכע און ניינציק מאַן) ווערן באַפרייט פון פאָרט און צוריקגעבראַכט אין געטאָ.

די אויבנדערמאָנטע לערך 40 העכערע באַאַמטע פון דער ייד. פּאָליציי זיינען שפּעטער־צו אויפן פאָרט דערשאָסן געוואָרן. קיטעל האָט אָבער אַ ביסל געהאַט געצויגן מיטן דערשיסן זיי, ווייל ער האָט נאָך פריער געוואָלט אַרויספּרעסן ביי די יידן געלט פאַרן, כלומרשט, באַפרייען זיי. אַ גרויסן סכום געלט האָט ער טאַקע

אויף דעם חשבון יאָ באַוויזן ארויסצובאַקומען פון די פּאַראינטערעסירטע משפּחה־מיטגלידער, אָבער ער האָט קיינעם פון זיי ניט באַפרייט. נאָכן דערשיסן די ייד. פּאָליציסטן, האָט מען זייערע בגדים, שיך און שטיוול געבראַכט פון פאָרט און זיי פארטיילט פאר די דייטשע קאַפּאָס אין געטאָ.

אחוץ דער דאָזיקער בלוט־באָד איבער דער ייד. געטאָ־פּאָליציי, האָט געשטאַפּאָ דאן באַשלאָסן בכלל צו ליקווידירן די יידישע געטאָ־פּאָליציי און אויף איר אָרט צו גרינדן אַ יידישע „אָרדנונג־דינסט".

די „אָרדנונג־דינסט" איז באַשטאַנען פון אַ 50 פּערזאָן און אין איר באַשטאַנד זיינען אָנגענומען געוואָרן נאָר די יעניקע פון די פריערדיקע יידישע געטאָ־פּאָליציסטן, קעגן וועלכע געשטאַפּאָ האָט ניט געהאַט, וואָס פאָרצוואַרפן. פאַרשטייט זיך, אַז דעם אויבנאָן האָבן אין „אָרדנונג־דינסט" פארנומען די מוסרים פון די מאָלינעס בעת דער קינדער־אקציע א. א. מאָראַליש־צווייפלהאַפטע פּערזאָנען פון דער געוועזענער ייד. געטאָ־פּאָליציי.

צווישן דער נאָר־וואָס ליקווידירטער ייד. פּאָליציי און דער ניי־געשאַפענער „אָרדנונג־דינסט" איז געווען אַ זייער־וועזנטלעכער אונטערשייד: אינדערצייט, ווען די ייד. געטאָ־פּאָליציי איז געווען אן אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך געפונען אין רשות פון עלטעסטן־ראַט, איז די „אָרדנונג־דינסט" געווען נאָמינירט און איז געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון דער לאגער־קאָמענדאַנטור און, במילא, אויך פון געשטאַפּאָ.

ניט געקוקט אויף אַלע שאָטנדיקע זייטן פון די יידישע געטאָ־מוסדות בכלל און פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי בפרט, האָבן דאָך די יידישע געטאָ־אינסטיטוציעס מער אָדער ווייניקער פארטראָטן די אלגעמיינע יידישע אינטערעסן.

די „אָרדנונג־דינסט" איז, אָבער, פון אָנהויב ביזן סוף געווען אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט פולשטענדיק מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס קעגן די אינטערעסן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג.

האָבן טאַקע די געטאָ־יידן גענומען זיך באַציען צו די מיטגלידער פון „אָרדנונג־דינסט" מיט גרויס חשד און אומצוטרוי. אין יידישע משפּחות, ווו ס'האָבן זיך געהאַט געפונען קינדער, אויסבאַהאַלטענע פון די נאַציס בעת דער אקציע, האָט מען געזען די קינדערלעך אויסצוהיטן ניט נאָר פון די ס. ס.־מענער, נאָר אויך פון די יידן, וואָס האָבן געדינט אין „אָרדנונג־דינסט". יידן האָבן אויך מורא געהאַט, קיינער פון „אָרדנונג־דינסט" זאָל, חלילה, ניט וויסן וועגן די מאַלינעס אָדער אנדערע באַהעלטענישן, וואָס זיי פארמאָגן.

שפּעטער־צו, ווען ס'זיינען אין געטאָ איינגעפירט געוואָרן שווערע חומרות, כדי יידן זאָלן ניט קענען אַוועקגיין פון געטאָ, האָט די „אָרדנונג־דינסט" אָנגע־

טאָן די יידן פיל שאָדן, און אויף איר געוויסן האָט זי געהאַט צו פאַרצייכענען — דירעקט און אומדירעקט — פיל יידישע קרבנות.

איינער פון די הויפט־אָנפירער פון „אָרדנונגס־דינסט" איז געווען אַ געוועזער ייד. יונגערמאַן מיטן נאָמען ט. אַ ר נ ש ט א ם. שוין דאַן, ווען ער איז געווען אַ העכערער פּאָליציי־באַאַמטער ביים געטאָ־טויער, האָט ער ביים דערפילן זיינע פליכטן זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ברוטאַלער באַציאונג לגבי דער געטאָ־באַפעלקערונג. בפרט האָט ער אָבער געווילדעוועט, ווען ער איז געווען דער הויפּט־מאַכער פון „אָרדנונגס־דינסט". נאָכן באַפרייען קאָוונע איז ער מחמת דעם דורך די סאָוועטישע געריכט־אינסטאַנצן פאַראורטיילט געוואָרן אויף 15 יאָר שווערע תפיסה.

* *

*

גלייכצייטיק מיט דער ליקווידאַציע פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי, איז אויך געקומען די ריי צו ליקווידירן דעם עלטעסטן־ראַט און די גאַנצע יידישע געטאָ־„אויטאָנאָמיע".

דעם 4־טן אַפּריל 1944, נאָכמיטאָג, איז אין געטאָ געקומען קיטעל און האָט אַרעסטירט דעם עלטעסטן־ראַט, בראש מיטן פאָרזיצער דר. עלקעס, אייניקע לייטנדיקע פערזאָנען פון וווינונגס־אַמט, פון סאָציאַל־אַמט און די שרייב־מאַשיניסטין פונעם עלטעסטן־ראַט. אַלע אַרעסטירטע זיינען תיכף אַוועקגעפירט געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט.

נאָך די אַלע טראַגישע איבערלעבונגען בשייכות מיט דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע, נאָך די פּאַסירונגען מיט דער געטאָ־פּאָליציי האָט דער אַרעסט פונעם עלטעסטן־ראַט א. א. אָנפירנדיקע מיטאַרבעטער פון די געטאָ־מוסדות געמאַכט אויף די געטאָ־יידן אַן אויסערסט־פּאַנישן רושם. מ'האָט אינעם דאָזיקן אַרעסט אייגגעזען אַ סימן, אַז די מאַכט איז, ווייזט אויס, צוגעטראָטן איילִיק צו ליקווידירן דאָס געטאָ. בפרט איז די איבערראַשונג פאַר די געטאָ־יידן געווען גרויס צוליבן אַרעסט פון דר. עלקעס, ווייל ס'איז אַלעמען געווען באַוווּסט, אַז דער לאַגער־קאָמענדאַנט געקע רעכנט זיך מער־ווייניקער מיט אים, און אויב ער, געקע, האָט דערלאָזן דר. עלקעסעס אַרעסט, האַלט, מסתמא, מיטן געטאָ זייער שלעכט — האָבן יידן געטראַכט. אין געטאָ האָט זיך געטאָן חושך, און יידן זיינען געווען גוואַלדיק באַאומרויִקט.

ווי ס'האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן, איז דער דאָזיקער אַרעסט געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שטרעבונג מצד געשטאַפּאָ אויסצופאָרשן אַלע פּרטים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום בוי פון מאַלינעס אין געטאָ א. א. ו. וועלנדיק אָנ־

יאָגן אויף די ארעסטירטע פערזאָנען אַ וואָס=גרעסערע טויט=שרעק, כדי זיי זאָלן אויסזאָגן אלץ, וואָס זיי ווייסן וועגן דעם עניין, האָט קיטעל באַשלאָסן זיי צו ברענגען אויפן פארט, ווייל ער האָט זייער גוט געוווּסט, וואָס פאַראַ אַסאָציאַציעס דער 9=טער פארט רופט ארויס ביי די געטאָ=יידן...

אויף מאָרגן נאָך דער אויספאָרשונג זיינען אַלע אַרעסטירטע צוריק געבראַכט געוואָרן אין געטאָ, אַחוץ אַדוו. ל. גאַרפונקעל, דעם וויצע=פאָרזיצער פון עלטעסטן=ראט, און אדוו. י. גאָלדבערג, אַ מיטגליד פון עלטעסטן=ראט.

נאָך אַן ענערגישער יידישער אינטערווענץ ביי געקען, איז אדוו. גאָלדבערג אין אַ פּאָר טעג ארום אויך באַפרייט געוואָרן.

אדוו. גאַרפונקעל, אין וועמענס קאָמפּעטענץ אינעם עלטעסטן=ראט ס'האָבן צוו. אנד. זיך געפונען די ייד. געטאָ=פּאָליציי און די פינאַנסן, איז איבער אַ וואָך צייט געהאַלטן געוואָרן אויפן פארט, ווו מ'האָט אים זייער שטאַרק געפּייניקט. קוים אַ לעבעדיקער איז ער מיט גרויס מי צוריקגעבראַכט געוואָרן אין געטאָ. כדי די געטאָ=יידן זאָלן ניט זען, ווי שטאַרק מ'האָט אים צעממיטשט אויפן פארט, האָט געשטאַפּאָ אים פאַראָרדנט ניט ארויסצוגיין פון שטוב, ביז זיינע וואונדן וועלן זיך אַ ביסל פאַרהיילן.

נאָכן דאָזיקן ארעסט האָט געקע מיטגעטיילט דר. עלקעס, אַז דער עלטעסטן=ראט איז ליקווידירט. אלס „אָבער=יודע“ פון געטאָ=ישוב איז באַשטימט געוואָרן דר. עלקעס. קיין ראטגעבער אָדער מיטאַרבעטער צו דר. עלקעסן זיינען ניט באַשטימט געוואָרן און זיין „מאכט“ איז געווען זייער אַ באַשרענקטע.

צוזאַמען מיטן ליקווידירן דעם עלטעסטן=ראט איז אויך פאָרגעקומען די ענדגילטיקע אויפלייזונג פון די איבעריקע, קוים=זשיפּענדיקע ייד. געטאָ=אינסטיטוציעס, ווי ייד. ארבעטס=אמט, ווירטשאַפטס=אמט א. א. וו.

מ'מוז אָבער זאָגן, אַז זינט דאס געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַצעט, האָט פאַקטיש די געטאָ=„אויטאָנאָמיע“ במילא אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ווייל די לאַגער=קאָמענדאַנטור האָט אליין גענומען אָרדנען פיל פון די געטאָ=ענינים, וועלכע ס'האָבן ביז דאַן געאָרדנט די ייד. געטאָ=אַנשטאַלטן.

כדי די באַאַמטע פון לאַגער=קאָמענדאַנטור זאָלן קענען לייכטער זיך אָריענטירן ביים אָנפירן מיט די געטאָ=אנגעלעגנהייטן, זיינען אין אייניקע רעסאָרטן פון דער קאָמענדאַנטור געווען טעטיק יידישע „זאַך=באַאַרבעטער“.

הגם לכתחילה זיינען נאָך אויך ווייטער געבליבן עקזיסטירן די ייד. געטאָ=מוסדות, איז אָבער זייער קאָמפּעטענץ פון טאָג=צו=טאָג געוואָרן אלץ מער איינגעשרומפּט, ביז זיי זיינען פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן. דאָס לעצטע ביסל

פונקציעס פון די ליקווידירטע ייד. געטאָ־אנשטאַלטן איז דאַן אריבער צו דער לאַגער־קאָמענדאַנטור. *)

* *
*

די לעצטע געשעענישן אינעם געטאָ־לעבן האָבן אויף די יידן געמאַכט אַזאַ שווערן רושם, אַז איטלעכער ייד האָט בפועל־ממש גענומען שפירן, ווי די ערד אין געטאָ ברענט אונטער זיינע פיס...

ווער ס'האָט געהאַט די קלענסטע מעגלעכקייט זיך צו פאַרבינדן מיט אַ באַקאַנטן קריסט אין שטאָט אָדער אין דאָרף, כדי ביי אים זיך אויסצובאַהאַלטן, האָט אויף קיין זאַך ניט געקוקט און איז געווען גרייט עס צו טאָן וואָס־גיכער. יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל מקום־מקלט מחוץ דעם געטאָ, האָט גענומען אַוועקגיין פון געטאָ.

כדי אָפּצוהאַלטן די יידן פון אַנטלויפן פון געטאָ, האָט אויף זיי זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון גזירות און חומרות.

לאָמיר דערמאָנען נאָר די וויכטיקסטע פון זיי:

— × × —

קודם־כל איז די באַוואַכונג אַרום געטאָ־צוים פאַרשטאַרקט געוואָרן אַזוי, אַז יידן, ביים וועלן אַוועקגיין פון געטאָ, זאָלן ניט קענען זיך אַדורכגנבענען אַזוי לייכט.

למען האמת מוז מען אָבער זאָגן, אַז יידן האָבן געזען אויך די דאָזיקע גזירה בייצוקומען. מיט דער הילף פון די יידישע פונקציאָנערן ביים געטאָ־טויער פלעגט געלינגען אויסצוגעפינען די יעניקע פאָסטנס, וועלכע פלעגן זיך לאָזן אונ־טערקויפן. ס'איז געווען געגוג, אַז דאָס געטאָ זאָל זיך דערוויסן, ווער פון די פאָסטנס נעמט שוחד ביים דורכלאָזן דורכן צוים, און אויב עמיצער האָט גע־דאַרפט אַוועקגיין פון געטאָ, פלעגט ער שוין אויסגעפינען די „גוטע" פאָסטנס.

אויך איז שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל פאָסטנס, וואָס פלעגן באַ־גלייטן די יידישע אַרבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט צו דער אַרבעט. אויב, למשל, אין יאָר 1942 איז געווען אַ צייט אין געטאָ, ווען ייד. אַרבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט פלעגן גיין צו דער אַרבעט אָן דייטשע פאָסטנס בכלל, נאָר באַגלייט מצד יידישע געטאָ־פּאָליציסטן, און שפּעטער־צו האָט איטלעכע אַרבעטס־בריגאַדע געהאַט בסך־הכל עטלעכע פאָסטנס, איז צו יענער־צייט איינגעפירט געוואָרן אין דעם פרט אַ

*) וועגן דער טעטיקייט פון די ייד. געטאָ־אינסטיטוציעס און וועגן זייער ראָלע אין געטאָ־לעבן — ז. מאָנאָגראַפיע: „ייד. מוסדות אין קאָוונער געטאָ".

זייער־שטרענגע אָרדנונג: אויף יעדע 5—6 יידן, וואָס פלעגן גיין אין שטאָט אר־בעטן, פלעגט מוזן זיין אַ פּאָסטן. אַן ארבעטס־שטעלע, וואָס האָט ניט געקענט ארויסבאַקומען אין די געהעריקע מיליטערישע אנשטאַלטן די נויטיקע צאָל פּאָסטנס, פלעגט קיין יידישע ארבעטער פון געטאָ ניט קענען באַקומען.

הן ביי דער ארבעט, הן ארום דער ארבעטס־שטעלע איז די שמירה מצד די פּאָסטנס געווען זייער גרויס. זיך אָפּגעבענען פון דער ארבעטס־שטעלע בעת דער ארבעט, איז פאַר אַ יידן געוואָרן זייער פארשווערט.

דאָס אַלץ פלעגט אָבער דאָך ניט קענען אינגאנצן פארהיטן פון דעם, אַז יידן זאָלן אנטלויפן. די יעניקע יידן, וועלכע האָבן געהאט ווהין אַוועקצוגיין, פלעגן שוין אויף פארשיידענע אופנים געלט־ווערן און אָנקומען צו זייערע באַקאַנטע קריסטן.

כדי ארייננצוציען אויך די יידישע בריגאַדע־אָנפירער אינעם קאַמף קעגן אנט־לויפן פון יידן בעת דער ארבעט, האָט מען אויף די יידישע בריגאַדירן ארויפגע־לייגט אַ פּערזענלעכע אחריות אין פאַל, ווען עמיצער פון די יידן, וואָס געהערט צו זייער בריגאַדע, וועט פארשווינדן. ביים דורכגיין אינדערפרי דעם געטאָ־טויער צו דער ארבעט און ביים צוריקקערן פארנאכט פון דער ארבעט, פלעגט דורך די פּאָסטנס ביים געטאָ־טויער שטרענג קאָנטראָלירט ווערן די צאָל יידן, צי עמי־צער, חלילה, פעלט ניט.

ווען די דאָזיקע אַלע מאָסמיטלען האָבן דאָך ניט געקענט פארהיטן פון דעם, אַז יידן זאָלן אוועקגיין פון געטאָ, זיינען מיט דער הילף פון די יידישע „עצה־געבער“ ביי געקען צוגעטראכט געוואָרן נייע שטרענגע פאַראָרדנונגען.

— × × —

די קאָנטראָל פון דער צאָל יידן אין אַן ארבעטס־לאַגער איז געווען אַ גאַנץ איינפאַכע: צוויי מאָל אַ טאָג, אינדערפרי און אינאָוונט, פלעגן דאָרטן פאָרקומען צייל־אַפּעלן.

אין קאַמף קעגן דעם אוועקגיין פון געטאָ, האָט געקע געהאט פאָרויסגעזען פון צייט־צו־צייט צונויפצורופן אויף אַ פּלאַץ די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג, כדי אדורכצופירן צייל־אַפּעלן.

היות נאָך דער קינדער־אקציע זייגען אין געטאָ — ריין פאָרמעל — געבליבן נאָר ארבעטס־פעאיקע מענטשן, האָט יעדער געטאָ־ייד געמוזט האָבן אַן ארבעטס־פּלאַץ אין געטאָ אָדער אין שטאָט. ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז מ'ארבעט, האָט גע־דינט די ארבעטס־קאַרטע, וואָס פלעגט ארויסגעגעבן ווערן פון דייטשן ארבעטס־אמט אין געטאָ. די אויסבאַהאַלטענע בעת דער אקציע קליינע קינדער אָדער על־

טערע מענטשן האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין אַרבעטס=קאַרטעס ניט געקענט האָבן, און זיי זיינען געווען אין געטאָ „אומלעגאַל“.

אַז געשטאַפּאָ איז „פּעאיק“ אויפצופּאַסן אויף די דאָזיקע ענינים, איז געווען צו זען פון קיטעלס האַנדלונג, ווען ער האָט איין מאָל, זייענדיק אין געטאָ, אָפּגעהאַלטן אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אַרבעטס=קאַרטע, און האָט זי תיכף אַוועקגעפירט אויפן פאַרט און דערשאָסן.

וואָלטן אַזוינע צייל=אַפּעלן פון דער גאַנצער געטאָ=באַפעלקערונג געדאַרפט פאָרקומען אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ, וואָלט ניט געווען, ווי זיך צו געבן אַן עצה מיט די אויסבאַהאַלטענע קינדער און עלטערע מענטשן: ניט ס'וואָלט געווען מעגלעך זיי מיטצונעמען אויפן צייל=אַפּעל, ווייל זיי האָבן ניט קיין אַרבעטס=קאַרטעס, ניט מ'וואָלט זיי געקענט איבערלאָזן אין שטוב, טאָמער וועט מען גיין קאָנטראָלירן די הייזער און מ'וועט זיי דאָרט געפינען...

ענדלעך איז געלונגען איבערצורעדן געקען, ער זאָל מסכים=זיין, אַז די יידישע „אָרדנונג=דינסט“ אַליין זאָל אַדורכפירן די ציילונג, באַזונדעריק די געטאָ=באַפעלקערונג אין די הייזער.

שפּעטער=צו איז איינגעשטעלט געוואָרן פאָלגנדיקע אָרדנונג: אַלע וווינהייזער אין געטאָ זיינען נומערירט געוואָרן לויט דער ריי, און איטלעך הויז איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ באַזונדערן בלאָק. אין יעדן בלאָק איז מצד דער „אָרדנונג=דינסט“ באַשטימט געוואָרן אַ בלאָק=פאַרוואַלטער*). יעדער בלאָק=פאַרוואַלטער פלעגט צוויי מאָל אַ טאָג — אינדערפרי פאַרן אַרויסגיין פון די יידן צו דער אַרבעט, און אינאָוונט פאַרן שלאָפן גיין — באַזוכן אַלע איינוווינער פון זיין בלאָק, כדי פּערזענלעך פעסטצושטעלן, צי ס'פעלט ניט עמיצער פון די איינוווינער.

די „אָרדנונג=דינסט“ האָט געהאַט צו דעם צוועק צוגעגרייט ספּעציעלע פאָרמולאַרן, וואָס די בלאָק=פאַרוואַלטערס פלעגן צוויי מאָל אַ טאָג נאָך דער ציילונג מוזן צושטעלן אין צענטער פון „אָרדנונג=דינסט“, וועלכע פלעגט שוין, פון איר זייט, די באַריכטן איבערשיקן אין לאַגער=קאָמענדאַנטור.

איינפירנדיק אַזאַ שטרענגע און סיסטעמאַטישע קאָנטראָל פון די געטאָ=איינוווינער, פלעגט מען שוין במשך דעם זעלבן טאָג קענען פעסטשטעלן, ווער און ווו ס'פעלט, ד.ה. ווער און ווו איז אַוועק פון געטאָ...

אַזוי ווי דאָס אַלץ איז דאָך ניט געווען בכוח אָפּצוהאַלטן דאָס געלאָף פון געטאָ, האָט די „אָרדנונג=דינסט“ צוגעטראַכט נייע דראַקאָנישע מאָסמיטלען:

---

*) אין די גרעסערע בלאָקן זיינען געווען מערערע בלאָק=פאַרוואַלטערס.

איטלעכער ייד, וועמען די „אָרדנונג־דינסט" פלעגט חושד־זיין, אַז ער האָט בדעה אוועקצוגיין פון געטאָ, פלעגט ווערן ארעסטירט און געהאלטן אין געטאָ־תפיסה אַזוי לאַנג, ביז דער אַרעסטירטער פלעגט צושטעלן אַ גרעסערע סומע ערבות־געלט און אַ פערזענלעכע גאַראַנטיע פון אַ צופאַרלעסיקן געטאָ־תושב, אַז דער ארעסטירטער וועט ניט אוועקגיין פון געטאָ. דאַן פלעגט ער ארויסגעלאָזן ווערן פון תפיסה און מ'פלעגט אים האלטן אונטער פאָליציי־אויפזיכט. אויך דאָס איז ניט געווען קיין ראדיקאלע תרופה צו פארשפאַרן דעם וועג פאַר די יעניקע, וואָס האָבן זיך געגרייט אוועקצוגיין פון געטאָ.

דאַן איז אָנגעמאָלדן געוואָרן, אַז אין פאַל, ווען פון אַ וועלכן ס'איז בלאָק וועט עמיצער אוועקגיין פון געטאָ, וועלן זיינע נאָענטע משפחה־מיטגלידער אָדער אפילו זייטיקע מענטשן פונעם זעלבן בלאָק ווערן איבערגעגעבן דער לאַגער־קאָמענדאנטור. דאס האָט גענוצט ארייננציען די יידן אין אַ קעגנזייטיקן שפיאָנירן און נאָכהיטן איינער דעם אנדערן.

ווי געזאָגט, האָבן ביים איינשטעלן די דאָזיקע שטרענגע כללים אינעם געטאָ־רעזשים אַ גרויסע ראָלע געשפּילט די טאָנגעבער פון „אָרדנונג־דינסט" א. א. ייד. געטאָ־מושלים, וואָס האָבן אַלץ געטאָן, כדי נאָר נושא־חן צו זיין געקען — דעם אַלמעכטיקן באַלעבאָס פון געטאָ...

* *
*

זיך קלינגנדיק וואָס־מער אוממעגלעך צו מאכן, אַז יידן פון געטאָ אָדער פון די אַרבעטס־לאַגערן זאָלן קענען אַנטלויפן צו קריסטן, האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט געקע באַשלאָסן אָפּצונעמען פון די יידן זייער קליידונג א. א. זאַכן און זיי אָנטאָן אין געשטרייפטע בגדים, ווי ס'איז געווען די „מאָדע" אין אַלע דייטשע קאַצעטן.

אראַנק דעם דאָזיקן באפעל, אַז די יידן מוזן אָנטאָן קאצעט־בגדים, האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט געוואָלט דערגרייכן עטלעכע צילן מיטאַמאָל: ערשטנס, וועט אַ ייד, אָנגעטאָן אין אַ געשטרייפטן קאצעט־בגד, דערצו נאָך מיט געלע לאַטעס אויפן ברוסט און אויפן רוקן, שטארק זיך אויסטיילן פון דער ארומיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג. ביים וועלן אנטלויפן, וועט עס פאַרן יידן זיין אַ שווער, ווייל מ'וועט שוין אין דער ערשטער מינוט אים קענען דערקענען, ווו ער זאָל זיך נאָר באַווייזן; צווייטנס, האָט מען פאַרן אָנטאָן די יידן די קאצעט־בגדים ביי זיי געדאַרפט צונעמען זייערע זאכן, כדי זיי זאָלן ניט האָבן וואָס איבערצוטאָן, ווען זיי וועלן עווענטועל יאָ האָבן אַ מעגלעכקייט צו אנט־לויפן. אגב, איז עס אויך געווען אַ נייע געלעגנהייט ווידעראַמאָל צו בארויבן

ביי די יידן דאָס רעשטל פון זייערע בעבעכעס; דריטנס, אָפּגעמענדיק ביי די יידן זייערע זאכן, נעמט מען ביי זיי צו די וויכטיקסטע מאטעריעלע מעגלעכ־קייט, מיט וואָס אָנצולאקן די קריסטן, וועלכע זיינען גרייט אויסצובאהאלטן ביי זיך א יידן, אָבער ווילן דערפאר באקומען מצד די יידן א מאטעריעלע פאר־גיטיקונג אין פאָרם פון זייערע זאכן.

מ'מוז זאָגן, אז די גזירה אָנצוטאָן קאצעט־בגדים און גלייכצייטיק צונעמען די פריערדיקע זאכן, האָבן יידן אויפגענומען גאנץ שווער, ווייל זי איז טאקע געווען זייער ווייטיקדיק.

לכתחילה האָט מען די קאצעט־בגדים אָנגעטאָן נאָר די יידן פון די אר־בעטס־לאגערן. גאנץ אומגעריכט זיינען אין איינעם א טאָג אראָפּגעקומען אין אלעקסאַנדער ארבעטס־לאגער ס.ס.־לייט, וועלכע האָבן פון די יידן צוגענומען כמעט אלע זייערע זאכן און זיי אָנגעטאָן אין קאצעט־בגדים. אין א פּאָר טעג ארום איז עס געשען אויך אין שאָנצער ייד. אַרבעטס־לאַגער.

ווי ס'איז שוין פריער געווען דערמאָנט, איז דער שאָנצער לאגער־פירער בענצקאָ געשטאנען אין ניט קיין שלעכטע באציאונגען מיט די יידן. ער האָט זיי טאקע אָנגעזאָגט פריער, וועלכן טאָג מ'וועט קומען אין לאגער זיי אָנטאָן אין קאצעט־בגדים. דורכדעם האָבן יידן געהאט א מעגלעכקייט פריער צו באַ־האלטן זייערע זאכן אָדער אין לאגער גופא, אָדער זיי ארויסצוטראָגן צום באַ־האלטן ערגעץ־ווו אויף די ארבעטס־שטעלעס. אין שאָנצער לאגער האָט מען דעריבער באוויזן צוצונעמען זייער ווייניק יידישע זאכן.

נאָכדעם, ווי אלע יידן אין די ארבעטס־לאגערן זיינען שוין געווען „אויס־געפּוצט" אין די קאצעט־בגדים, האָט מען דאָס אייגענע געזאָלט אדורכפירן אויך אין געטאָ גופא. מ'האָט שוין אָבער דאָס ניט באוויזן צו מאכן, ווייל מחמת דער סאָוועטישער אָפענסיווע פון יוני 1944 איז גאָר גיך רייף־געוואָרן די ליק־ווידאציע פונעם געטאָ בכלל.

=XXX=

די אלע חומרות און גזירות, וואָס דער לאגער־קאָמענדאנט האָט געהאט ארויסגעגעבן, כדי צו פארשטארקן דעם געטאָ־רעזשים, האָבן דאָך ניט געקענט לחלוטין אויסמיידן די מעגלעכקייט, אז יידן זאָלן אנטלויפן פון געטאָ. הוצדעם האָט געקע גאנץ גוט געוווסט, אז מחמת די אלגעמיינע געשעענישן אויף די פראָנטן קען עווענטועל קומען צו דער ליקווידאציע פון געטאָ א סך פריער, ווי דאָס איז לכתחילה געווען פאָרויסגעזען.

ס'איז שוין געלעגנהייטלעך געזאָגט געוואָרן, אז די אָקופּאציע־מאכט האָט צו יענער צייט געהאלטן פאר ראטזאמער צו האלטן די יידן אין ארבעטס־לאגערן,

ווי ס'איז אָביעקטיוו מעגלעך איינצושטעלן א פיל־שטרענגערן רעזשים, ווי אין געטאָ.

מ'האָט דעריבער אייליק גענומען ליקווידירן דעם רעשט ייד. ארבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט און זיי צוטיילן צו די עקזיסטירנדיקע לאגערן אין אַלעקסאָטאָרער אין שאַנץ, אָפּהענגיק פון דעם, צו וועלכן לאגער די ארבעטס־שטעלע איז געווען נענטער. ווידער זיינען עטלעכע הונדערט געטאָ־משפחות קאזערנירט געוואָרן אין די לאגערן. איצט איז געקומען די ריי ווי מעגלעך־גיכער צו קאָזערנירן אן ערך 700 יידן אין ארבעטס־לאַגער פעטראשון, וו מ'האָט נאָך געדארפט פארענדיקן דעם בוי פון די באראקעס און, חוצדעם, קאזערנירן די יידישע אַרבעטס־בריגאַדעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין סלאָבאָדקער פאַבריקן. דער לאַגער־קאָמענדאַנט איז געווען אנטשלאָסן די דאָזיקע קאַזערנירונגען אַדורכצופירן במשך דער סאמע קירצסטער צייט.

ערשט נאָך דער קאזערנירונג פון אלע יידן, וואָס האָבן געארבעט אין שטאָט, וואָלט ענדלעך געקומען די ריי אויך צו קאַזערנירן די יידן, וואָס ארבעטן אין געטאָ גופא, ד. ה. אין די כלערליי געטאָ־ווארשטאַטן און אינעם געטאָ־אַפּאַראַט.

קיין קאָנקרעטע פּלענער, ווי אַזוי צו קאזערנירן דאָס געטאָ גופא איז שוין געקען ניט באשערט געווען אויסצואַרבעטן, ווייל, ווי געזאָגט, האָט די סאָוועטישע אָפענסיווע געהאַט אַדורכגעצויגן אַ שטריך איבער אַלע פּלענער פונעם לאַגער־קאָמענדאַנט.

צום טאָג פון דער ליקווידאציע פון געטאָ אָנהויב־יולי 1944 האָבן אין געטאָ גופא זיך געפונען אן ערך 7־8 טויזנט יידן.

* *

*

ווי ס'איז שוין געלעגנטהייטלעך געווען דערמאָנט, איז דער הויפּט־אָנפירער פון דער באוועגונג אין געטאָ אוועקצוגיין אין וואלד צו די פּארטיזאנער געווען חיים יעלין, אַ קאָוונער יונגערמאַן, וואָס איז נאָך פאַר דער מלחמה געשטאנען נאָענט צו די לינקע קרייזן און האָט אויך געהערט צו דער. גרופּע יידישע פּראָגרעסיווע שריפטשטעלער אין ליטע.

חיים יעלין, אַ מיטל־וווּקסיקער, דאַרער יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, האָט אין דער דאָזיקער ארבעט ארויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע העלדישקייט און דרייסטקייט.

ווי אַן אילוסטראציע פון זיין געוואגטקייט און מוטיקייט קענען דינען, אַ־שטייגער, פאָלגנדיקע פאַקטן: אינדערצייט, ווען אין געטאָ האָט געפעלט די נויטיקע פארבינדונג מיט די פּארטיזאנער און מחמת דעם זיינען פיל יידישע יונגעלייט,

אליין זוכנדיק דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געשטאַפּאָ, וואָס האָט זיי אומגעבראַכט, האָט ער זיך אוועקגעלאָזן אין וועג אַריין אויפזוכן פּאַרטיזאַנער, כדי די געטאָ־יוגנטלעכע זאָלן האָבן, צו וועמען צו קומען.

אדורכמאַכנדיק אהין און צוריק אַ מהלך פון אַ 400 קמ., האָט ער ענדלעך זיך דערקליבן צו די רודניצקער וועלדער, אַרום ווילנע, און האָט דאָרטן אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיטן פירער פון די דאָרטיקע פּאַרטיזאַנער*).

דורך דעם איז איינמאָל פּאַר אַלעמאָל געלייזט געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע פּראָגעס: האָבן אַ ריכטיקן אַדרעס פון פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען גרייט אויפצונעמען די יידישע יונגעלייט פון געטאָ. מיט וויפל טויט־סכנות אַזאַ „שפּאַציר“ איז בשעתו געווען פאַרבונדן, איז געווים איבעריק צו זאָגן...

אָדער, למשל, אַזאַ פּאַקט: אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם פון אַ, כלומרשטן, אייזנבאַן־באַאַמטן, ווי געהעריק צוגעגרימירט, פּלעגט ער זייער אָפט מיט געווער אין די קעשענעס אַרומגיין איבער קאָוונער גאַסן, כדי צו אָרגאַניזירן דאָס אַפּשיקן די מענטשן צו די פּאַרטיזאַנער.

די לעצטע צייט איז ער פּאַקטיש מער געווען מחוץ דעם געטאָ, ווי אין געטאָ. די הויפּט־אָנפירונג פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין געטאָ איז געלעגן אין זיינע הענט, און אין דעם פּרט האָט ער געהאַט זייער גרויסע פאַרדינסטן.

נאָך דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע, ווי אויך נאָך אַנדערע שטרענגע מאַסמיטלען מצד געשטאַפּאָ לגבי דעם געטאָ, האָט קיטעל באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז צו כאַפּן חיים יעלינען.

אין איינעם אַ טאָג פון אָנהויב־אַפּריל 1944 איז חיים יעלין, גייענדיק אין אַ וויכטיקער שליחות אויף אַ זייטיקער גאַס אין קאָוונע, אויסגעקומען פאַרדעכטיקט אַ פאַרבייגייענדיקן ליטווינער, אַן אַגענט פון דער ליטווישער זיכערהייטס־פּאָליציי, וואָס האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן. חיים יעלין האָט אינמיטן העלן טאָג אַרויסגענומען פון קעשענע אַ רעוואָלווער און האָט אים דערשאָסן אויף אָרט. אליין האָט ער געפּרוווט נעלם־ווערן איבער אַ פּלויט.

צוליב דער שיסעריי איז אַנטשטאַנען אַ טומל און אַ צונויפגעלויף פון פאַרבייגייער און אויך מיליטער־לייט, וועלכע האָבן געפּרוווט נאָך אים זיך נאָכיאָגן, כדי אים צו כאַפּן אַ לעבעדיקן. חיים יעלינען איז אָבער געלונגען ניט אַריינ־

*) דאָס איז געווען דער ליטוויש־יידישער קאָמוניסטישער טוער ה. זימאַן, וואָס איז ווי אַ סאָוועטישער פּאַראַשוטיסט אין יאָר 1943 אַרונטערגעלאָזן געוואָרן אין די וועלדער אַרום ווילנע און האָט, אונטערן נאָמען „יורגיס“, אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיזאַנער־טעטיקייט אין יענער געגנט.

צופאלן אין די הענט פון זיינע פארפאָלגער, און ער האָט דורך הויפן און אומוועגן זיך דערקליבן ביז צו אַ באַקאַנטן הויף, וווּ ער האָט געוואָלט זיך באַהאַלטן.

ביים ארײַנלויפן אין הויף, האָט אים א דייטשער אָפיציר געוואָלט פארהאלטן, ווייל זיין גאנצער אויסזען האָט עדות=געזאָגט אויף דעם, אַז ער ווערט פון עמיצן פארפאָלגט. צו הילף דעם אָפיציר איז אויך געקומען אַ פארבייגייענדיקער ליטווישער פאָליציסט. ח. יעלין האָט אויף זיי געעפנט אַ פייער און אין דער אנטשטאנענער בהלה איז ער בשלום נעלם=געוואָרן און איז פארקראָכן אין אַ קעלער אויפן הויף. ס'האָט געדויערט אַ היפשע צייט, איידער ער איז מצד דער אָנגעקומענער פאָליציי אנטדעקט געוואָרן אין זיין באַהעלטעניש. ניט וועלנדיק ארײַנפאלן קיין לעבעדיקער אין די הענט פון געשטאַפּאָ, און ניט האָבנדיק מער קיין קוילן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, האָט ער געפּרווט מיט אַ ראזיר=קלינגל זיך איבערצושניידן די אָדערן. אַ פארוואונדעטן האָט מען אים געבראכט אין געשטאַפּאָ.

קיטעל, פאר וועמען חיים יעלינס ארעסט איז געווען אן אומגעריכטער סורפריז, האָט אַלץ געטאָן, אַז חיים יעלין זאָל וואָס=גיכער געזונט ווערן, כדי אים צו נעמען אויפן פארהער און ביי אים ארויסצובאקומען די וויכטיקסטע פרטים פון דער פאַרטיזאנער=באַוועגונג.

וועגן פינאל פון יעלינס ארעסט זיינען אין געטאָ ארומגעגאַנגען פארשיידענע ווערסיעס. לויט דער אלגעמיין=פארשפרייטער ווערסיע האָט עס געהייסן, אַז חיים יעלין האָט געהאט באשלאָסן קיטעלן, ווי מ'זאָגט, צו פירן אין באָד ארײַן. מיט דער אויסרעכענונג, אַז, צוקומענדיק גאָר נאָענט צו די פאַרטיזאנער=נעסטן, וועט קיטעל אפשר ארײַנפאלן צו די פאַרטיזאנער אין די הענט ארײַן, זאָל ער אים האָבן צוגעזאָגט צו פירן ווייזן, וווּ די פאַרטיזאנער געפינען זיך.

קיטעל, פון זיין זייט, האָט, פארשטייט זיך, געהאָפט צו דערגרייכן זיין אייגענעם ציל: דערגיין דעם אויפהאלט=אָרט פון די פאַרטיזאנער.

ס'זאָל דעריבער האָבן אַ געוויסע צייט אָנגעגאַנגען, אַזוי צו זאָגן, אַ „קאַץ און מויז=שפיל“ צווישן קיטעלן און יעלינען. קיטעל האָט אָבער, ווייזט אויס, קיין צו גרויסן חשק ניט געהאט צו רוקן זיין נאָז גאָר=נאָענט צו די פאַרטיזאנערנעסטן, און ער האָט חיים יעלינען געפטרט.

אויף ווי ווייט די דאָזיקע ווערסיע איז ריכטיק אָדער ניט, איז, פארשטייט זיך, שווער צו זאָגן. אויף יעדן פאל איז ניטאָ קיין ספק אין דעם, אַז חיים יעלין איז אין געשטאַפּאָ געוואָרן דערשאָסן.

חיים יעלינס אויסערגעוויינלעכע מוטיקייט און אנטשלאָסנקייט איז באמת געווען צו באַוואונדערן. בפרט זיינען געווען דערפון איבערראשט די אלע, וועלכע האָבן אים געקענט נענטער פון אמאָליקע צייטן און האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ

שטילער און באַשיידענער מענטש, וואָס האָט לחלוטין ניט אויסגעזען פעאיק צו אַזעלכע העלדישע מעשים.

אין דער געשיכטע פון קאָוונער געטאָ־ישוב וועט חיים יעלינס אָנדענק בלייבן ווי אַ סימבאָל פון אויסערגעוויינלעכער גבורה און מוטיקייט מצד אַ יידישן יונגנ־מאַן, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַן אוממגלייכן קאַמף קעגן די בלוט־דורשטיקע נאַצי־רוצחים, וואָס זיינען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס.

* *

*

נאָך די אַלע געשעענישן אין געטאָ, ווען געקע האָט באַשלאָסן די געטאָ־יידן אַריינצוגעמען פעסט אין זיינע הענט, און בפרט נאָך חיים יעלינס אַרעסט, איז קלאָר געוואָרן, אַז די וויכטיקסטע אָנפירער פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג קע־נען ווייטער אין געטאָ ניט בלייבן, ווייל געשטאַפּאָ האָט אָנגענומען מיטלען זיי אויסצוגעפינען און אַרעסטירן. די דאָזיקע מענטשן האָבן דעריבער געמוזט וואָס־גיכער אַוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער.

ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, האָט אויך דאַסמאָל בשכנות פון געטאָ אַן אויטאָ זיי געזאָלט אָפּנעמען און אָפּפירן צו אַ באַשטימטן פונקט, פונ־וואַנען זיי זאָלן קענען אָנקומען אין וואַלד.

שבת, דעם 14־טן אַפּריל 1944, אַ זייגער 8—9 אינאָוונט, האָט אַ גרופּע יידי־שע יונגעלייט און מיידלעך, אין אַ צאָל פון 12 פּערזאָן, זיך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָ, וואָס האָט זיי געזאָלט פירן פון סלאָבאָדקע צו זייער נאָענטסטן פונקט.

אַדורכפאָרנדיק די סלאָבאָדקער בריק און אַרויפפאָרנדיק אויף יאָנאַווער גאַס, האָט פלוצלונג דער שאָפער געגומען פאָרן לאַנגזאַמער. אויף דער פראַגע מצד די יידן, וואָס איז געשען, האָט ער געענטפערט, אַז עפּעס איז דער מאָטאָר ניט אין אָרדנונג. די יונגעלייט האָבן גלייך געגומען חושד־זיין, אַז עפּעס איז דאָ די מעשה ניט גלאַט, און מיט געווער אין די הענט זיינען זיי געווען גרייט אויף כלערליי סורפּריזן. פלוצלונג האָט דער שאָפער אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ און האָט געזאָגט, אַז ער מוז אַרויסגיין נאָכזען דעם מאָטאָר.

אין דער זעלבער מינוט, ווען דער אויטאָ איז געבליבן שטיין, האָט פלוצלונג אויפן אויטאָ אַ האָגל געטאָן פון אַלע זייטן מיט קוילן. ווי ס'האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן, איז דער שאָפער געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר און האָט אַרויסגעגעבן געשטאַפּאָ די גאַנצע געשיכטע מיטן פירן די פּאַרטיזאַנער.

געשטאַפּאָ און ס. ס.־לייט, אונטער דער אָנפירונג פון קיטעלן און געקען, זיינען שוין געווען פאַרבאַהאַלטן הינטער אַ הויז און אָפּגעוואַרט דעם אויטאָ. זיי

האָבן עס געעפנט אויף די יידן דאס פייער פון אויטאָמאטישע ביקסן און מאשין־געווער.

זיך ניט פארלירנדיק אין דער סיטואציע, האָבן די יידן, קודם־כל, דערשאָסן דעם שאָפער און האָבן גענומען אָפּענטפערן מיט אַ שטארקער שיסעריי אין אלע ריכטונגען. 8 יידן זיינען תיכף געפאלן טויט אויף אַן אָרט. די איבעריקע 4 יידן איז געלונגען מיט געווער אין די הענט אין דער טונקלקייט זיך ארויסצורייסן פון דער ארומרינגלונג און נעלם־צו ווערן.

די דאָזיקע פיר העלדישע יונגעלייט זיינען שפעטער־צו אָנגעקומען צו די פּאַרטיזאנער אין וואלד. צוויי פון זיי זיינען אומגעקומען אין קאמף קעגן די דייטשן, און די אנדערע צוויי איז געלונגען צו דערלעבן די באַפרייאונג.

דער דאָזיקער אָנפאל אויף דער ייד. פּאַרטיזאנער־גרופּע, דער ארעסט פון חיים יעלינען און, הוצדעם, דער ניי־איינגעפירטער שטרענגער רעזשים אין געטאָ האָבן כמעט פולשטענדיק פּאַראַליזירט די ניט־גרויסע אָבער געניג־ענערגישע ווידערשטאנד־באַוועגונג אין געטאָ.

# קאַפּיטל XXVI

# דעפּאָרטאַציע און ליקווידאַציע פון געטאָ

קאָוונע פאַלט אַריין אין דער פראָנט־זאָנע. — געשפּאַנטע לאַגע אין געטאָ ערב דער דעפּאָרטאַציע. — פאַרלויף פון די ערשטע דעפּאָרטאַציע־טעג. — רוצחישע מאַסמיטלען מצד געשטאַפּאָ אין די לעצטע טעג פון דער דעפּאָרטאַציע. — שוידערלעכער חורבן פון געטאָ. — גרויזאַמער אומקום פון אַן אַנדערהאַלבן טויזנט באַהאַלטענע ייִדן.

דעם 6=טן יוני 1944 איז סוף=כל=סוף אין מערב=אייראָפּע געעפנט געוואָרן דער לאַנג=דערוואַרטער צווייטער פראָנט. די שנעלע און בשלום׳דיקע לאַנדונג פון ריזיקע סכומים מענטשן און קריגס=מאַטעריאַלן האָבן אומצווייפלדיטיק עדות=געזאָגט אויף דעם, אַז די ביישפּיללאָזע מיליטערישע אונטערנעמונג פון די מערב׳דיקע אַליאירטע וועט אָן ספק פריער אָדער שפּעטער געקרוינט ווערן מיט גרויס דערפאָלג.

אויפן שטאַרק=פאַרכמאַרעטן געטאָ=הימל האָט די ידיעה וועגן דער אינוואַזיע אין צפון=פראַנקרייך געווירקט ווי אַ בליץ אין אַ שטאָק=פינצטערער נאַכט. אפילו פאַרן גרעסטן געטאָ=פּעסימיסט איז שוין דאַן קלאָר געוואָרן, אַז אַדאַנק דער דאָזיקער גרויסצוגיקער מיליטערישער קאַמפּאַניע וועט שטאַרק פאַרשנעלערט ווערן די פולשטענדיקע מפּלה פון נאַצי=דייטשלאַנד און זיינע יוצר=משרתים.

נאָך דער עפענונג פון צווייטן פראָנט אויפן מערב איז געווען צו דערוואַרטן, אַז אויך אויפן מזרח=פראָנט וועלן בקרוב זיך אָנהויבן קריגס=אָפּעראַציעס פון אַ גרעסערן מאַסשטאַב, כדי מיט קאָמבינירטע מיליטערישע כוחות ווי גיכער צו מאַכן אַ סוף צו דער מורא׳דיקער בלוט=באָד אין דער וועלט. דעם 22=טן יוני 1944, אין 16 טעג אַרום נאָכן אָנהויב פון דער אינוואַזיע אין נאָרמאַנדיע, האָט טאַקע אויפן רוסישן צענטראַלן פראָנט=אָפּשניט, ביי וויטעבסק, זיך אָנגעהויבן די סאָוועטישע גרויס=אָפענסיווע.

דער רעשיקער טעמפּ פון סאָוועטישן אָנגריף האָט באַלד נאָך די ערשטע אָפענסיווע=טעג געבראַכט פאַרן סאָוועטן=פאַרבאַנד איבעראַשנדיקע דערפאָלגן. אין

אַ גאַנצער ריי ערטער אין די דייטשע פראָנט־ליניע אדורכגעבראכן געוואָרן, און די רויטע ארמיי האָט זיך ארייגעשניטן זייער טיף אין די דייטשע פּאָזיציעס.

מיטן באַפרייען מינסק און זיך דערנענטערן צו ווילנע, איז קאָוונע שוין אין די ערשטע טעג פון יולי ארייננעפאלן אין דער פראָנט־זאָנע. גאַנץ אומגעריכט פאַר די קאָוונער דייטשן און פאַר דער ליטווישער באַפעלקערונג, האָבן אָנהויבּ־יולי פון קאָוונע זיך גענומען עוואַקוּאירן די וויכטיקסטע דייטשע מיליטערישע און ציווילע אינסטיטוציעס. גלייכצייטיק האָט אויך די ציווילע באַפעלקערונג גענומען זיך עוואַקוּאירן נענטער צו די פארמלחמה'דיקע דייטשע גרענעץ־געביטן.

אויב די איילִיקע און אומגעריכטע עוואַקוּאציע האָט ביי די דייטשן, ווי מ'קען זיך פאָרשטעלן, ארויסגערופן אַ גרויסע צערודערונג, איז כמעט די גאַנצע ליטווישע באַפעלקערונג ארומגעכאַפּט געוואָרן פון אן אמתער בהלה־שטימונג און פּאַניק. זיי, די ליטווינער, האָבן פאַר די סאָוועטן מורא געהאַט אימת־מות, ווייסנדיק גאַנץ גוט, וואָס פארא גרויסע חטאים זיי זיינען באַגאַנגען: דער באַוואָפנטער קאַמף קעגן דער אָפּטרעטנדיקער רויטער ארמיי אין יוני 1941, די אַקטיווע מיטבאַטייליקונג ביים אויסמאָרדן די יידישע באַפעלקערונג, די אָפענע מיטארבעט מיט דער אָקופּאַציע־מאכט א. א. וו.

ווען די פאָרויס־באַוועגונג פון דער רויטער ארמיי אויפן פראָנט־אָפּשניט מינסק־ווילנע איז אויף אַ טאָג־צוויי געוואָרן אַ ביסל פארלאַנגזאַמט, האָט די עוואַקוּאציע פון שטאָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט און ס'האָבן אפילו ביסלעכווייז גענומען צוריקקערן פארשיידענע עוואַקוּאירטע אינסטיטוציעס. אָבער גאָר גיך איז דער דרוק פון דער סאָוועטישער אָפענסיווע געוואָרן ווידער זייער שטאַרק און ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די דייטשן וועלן ניט זיין ביכולת אין אָט דער פראָנט־זאָנע איינצוהאלטן זייערע פּאָזיציעס. דאַן האָט די עוואַקוּאציע פון שטאָט זיך ווידער באַנייט און דאָסמאָל שוין ענדגילטיק.

אין די דאָזיקע טעג, ווען ביי די דייטשן און ליטווינער אין שטאָט איז די צערודערונג און בהלה געווען עד אין לשער, איז די שטימונג ביי די געטאָ־יידן געווען אַ בולט־קאָנטראַסטאַרטיקע: פון איין זייט, איבערדערנדיקע פרייד־געפילן מחמת דער פארווירקלעכונג פונעם לאַנג־יאָריקן טרוים צו דערלעבן די מפּלה פון די נאַצים און, פון דער צווייטער זייט, טיף־באַאומרואיקנדיקע געפילן צוליב דער דערוואַרטונג פון די גורל־אַנטשיידנדיקע טעג פארן געטאָ.

די דאָזיקע געפילן און שטימונגען זיינען זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט געוואָרן אינעם יעמאָלטיקן געטאָ־ווערטל: „די גאולה ליגט אויף דער נאָז, און דער חלף ליגט אויפן האלדז . . .״

— וואָס וועלן זיי, די נאַצי־רוצחים, איצט טאָן מיט די יידן? — דאָס איז דאַן ביי דער געטאָ־באַפעלקערונג געווען דאָס ברענענדיק־אַקטועלע פּראָבלעם, וואָס

האָט ניט געלאָזן צורו אויף קיין איין מינוט ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט.

די פשוטע לאָגיק האָט מחייב־געווען אָט וואָס:

ערשטנס, וועלן די נאַצים בשום־אופן ניט איבערלאָזן די יידן אין קאָוונע, ווען אַלע פון שטאָט ווערן אייליק עוואַקואירט;

צווייטנס, איז געווען זיכער, אַז איצט, ווען די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך פון שעה־צו־שעה צו די טויערן פון קאָוונע, וועלן די נאַצים ניט וואַגן אומצוברענגען אויף אָן אָרט דעם געטאָ־ישוב, וואָס האָט צוזאַמען מיט די אַרבעטס־לאַגערן אַרום קאָוונע געציילט איבער 10 טויזנט נפשות;

בלייבט, אַלזאָ, נאָר איין מעגלעכקייט: דעפּאָרטאַציע. אָבער — ווי אַזוי און וווהין?..

ביי אַזאַ שפּאַנונג און אומקלאָרקייט וועגן ווייטערדיקן גורל פון געטאָ זיינען פאַרביי די ערשטע טעג פון חודש יולי.

* * *

די אויפרודערנדיקע געשעענישן אויפן מזרח־פראָנט און די פיבערהאַפטע עוואַקואַציע פון קאָוונע האָבן גורם־געווען דערצו, אַז די שטרענגע חומרות פונעם געטאָ־רעזשים זיינען מיטאַמאָל זיך צעפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל: די בלאָק־פאַרוואַלטערס האָבן אויפגעהערט צו פירן זייערע צייל־אַפּעלן, די „אָרדנונג־דינסט“ האָט שטאַרק נאָכגעלאָזן אין איר האַרבער באַציאונג צו דער געטאָ־באַפעלקערונג א. א. וו. איטלעכער געטאָ־ייד האָט בפועל־ממש דערשפּירט, אַז אין דער לופט הענגט די דילעמע: אָדער — אָדער?, ד. ה. אָדער במשך די נאָענטסטע טעג וועט קומען די ישועה, אָדער ס'וועט קומען אַ סוף צו די 70 יאָר...

מיטוואָך, דעם 5־טן יולי, זיינען אַרום געטאָ־צוים איינגעאָרדנט געוואָרן קוילנוואַרפער־נעסטן און ס'איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פאַרשטאַרקטע וואַך פון לעטישע ס. ס.־מענער. ס'איז געווען דייטלעך צו זען, אַז די מאַכט וויל זיין גרייט אויף פאַרשיידענע עווענטואַליטעטן מצד דער געטאָ־באַפעלקערונג, וואָס וועט, אפשר, פּרוּוון זיך רייסן דורכן צוים, כדי צו אַנטלויפן פון געטאָ.

לכתחילה זיינען אין די דאָזיקע מהומה־טעג די יידן נאָך יאָ אַרויסגעלאָזן געוואָרן צו דער אַרבעט אין שטאָט. היות פון טאָג־צו־טאָג איז אָבער די צאָל אַנטלאָפענע יידן בעת דער אַרבעט געוואָרן אַלץ גרעסער און דאָס אַנטלויפן פון די יידן האָט אנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט געקע גענומען פאַרווערן אַרויסצולאָזן יידן צו דער אַרבעט אין די שטאָטישע אַרבעטס־פּלעצער.

וועגן דעם, וואָס די לאַגער־קאָמענדאַנטור פּלאַנט צו טאָן מיט די געטאָ־יידן, איז נאָך אָפיציעל אַלץ געווען אַזוי אומקלאָר, ווי געווען. אין אַ געשפּרעך מיטן אָבער־יודע דר. עלקעס האָט געקע אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז די דייטשע חילות וועט זיכער געלינגען צו פאַרהאַלטן די רוסישע אַנגריפן און „אַלץ וועט זיך ענדיקן בשלום"...

די פּאַניק אין געטאָ איז דערווייל געוואַקסן פון שעה־צו־שעה. ענדלעך האָט געקע דאָנערשטיק דעם 6־טן יולי, נאָכמיטאָג, געשיקט רופן צו זיך דר. עלקעסן און האָט אים אָפיציעל מיטגעטיילט, אַז מצד דער מאַכט איז באַשלאָסן געוואָרן דאָס געטאָ אַריבערצופירן קיין דייטשלאַנד. ביי דער געלעגנהייט האָט ער אים איבערגעגעבן פאָלגנדיקעס:

דאָס געטאָ וועט עוואַקואירט בשכנות פון דאַנציק. דאָרטן וועלן אויך אַרי־בערגעפירט ווערן די כלערליי געטאָ־וואַרשטאַטן און ס'וועט אויפגעשטעלט ווערן אַן אַרבעטס־לאַגער פאַר די יידן פון קאָוונער געטאָ. די עוואַקואַציע וועט זיך אָנהויבן שבת, דעם 8־טן יולי, איינדערפרי, און זי וועט דאַרפן ווערן פאַרענדיקט במשך עטלעכע טעג. האָת צוליב טראַנספּאָרט־שוועריקייטן איז ניט מעגלעך צו באַקומען די נויטיקע צאָל וואַגאָנעס, וועט די עוואַקואַציע, וואַרשיינלעך, פאָרקומען מיטן וואַסער, ד. ה. מיט באָטן (באַרקעס) אויפן ניעמאַן ביזן ים, און דאַן מיטן ים קיין דאַנציק. קיינער פון די געטאָ־יידן זאָל ניט טראַכטן וועגן אַרויסדרייען זיך פון דער עוואַקואַציע, ווייל ס'וועלן פאָרקומען שטרענגע רעוויזיעס אין די הייזער, און די יעניקע, וועלכע מ'וועט כאַפּן ביים אויסבאַהאַלטן זיך, וועלן ווערן דערשאָסן אויף אַן אָרט.

די קאָרטן מצד דעם לאַגער־קאָמענדאַנט זיינען, אַלזאָ, געוואָרן געעפנט...

ווען ס'איז באַוווסט־געוואָרן די מיטטיילונג פון לאַגער־קאָמענדאַנט, איז די אַטמאָספער אין געטאָ געוואָרן שטאַרק עלעקטריזירט. מחנות יידן האָבן גענומען זיך קלייבן אַרום די הייזער, כדי צו קאָמענטירן די אַנגעמאָלדענע דעפּאָרטאַציע.

די אַלגעמיין־הערשנדיקע מיינונג איז געווען, אַז יידן טאָרן בשום־אופן זיך ניט לאָזן דעפּאָרטירן. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז נאָכן פאַרנעמען ווילנע, איז דאָס פאַרנעמען קאָוונע אַ פראַגע פון עטלעכע טעג. אין דעם פאַל איז דעריבער דאָס וויכטיקסטע — צו געווינען צייט. אפילו אין ערגסטן פאַל, ד. ה. אויב ס'איז, חלילה, ניט באַשערט צו דערלעבן די באַפרייאונג, איז אויך בעסער אומצוקומען אויף אַן אָרט, אין געטאָ גופא, איידער ווערן פאַרשלעפּט ערגעץ־ווו אויף אומקום.

די אָנמעלדונג מצד געקען, אַז די דעפּאָרטאַציע וועט פאָרקומען מיט באָטן האָבן געטאָ־יידן פאַרבונדן מיט די פאַרשיידענע מעלדונגען פון אויסלענדישן ראַדיאָ, אַז לעצטנס האָבן די נאַציס אויך אָנגעהויבן אומצוברענגען יידן

דורכן אַרויספירן זיי אויף אַ שיף אין אָפענעם ים אַריין, און דאָרטן דערטרינקען די שיף צוזאַמען מיט די יידן.

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס געקעם מיטטיילונג צו פירן די יידן מיטן וואַסער האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם חשד, אַז מ'פירט די יידן ניט אויף אַרבעט קיין דאַנציק, נאָר ערגעץ־ווו אין אפענעם ים אויף אומקום. דאָס האָט נאָך מער באַקרעפטיקט ביי די יידן די שטרעבונג פאַר קיין פאַל זיך ניט צו לאָזן דע־פאָרטירן.

די געטאָ־יידן האָבן דעריבער מיט אן אויסערגעוויינלעכן טעמפּאָ גענומען זיך גרייטן אויסצובאַהאַלטן אין די מאַלינעס אין דעם מאָמענט, ווען ס'וועט זיך אנהויבן די דעפּאָרטאַציע. די יעניקע געטאָ־יידן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין איי־גענע מאַלינע, האָבן גענומען אייליק זוכן אַ מעגלעכקייט זיך צוצושטופּן צו באַ־קאַנטע אין אַ פרעמדער מאַלינע.

יחידים, וועלכע האָבן נאָך פאַרמאָגט אַ זייגערל, אַ גאָלדן פינגערל, אַ גרע־סערן סכום געלט א. א. וו., האָבן גענומען זוכן אַ וועג, ווי אַזוי אונטערצוקויפן די בעסערע פּאָסטנס אַרום געטאָ־צוים, כדי זיי זאָלן זיי דערמעגלעכן אַרויסצוגיין פון געטאָ. ביי דער געלעגנהייט זיינען מצד כוליגאַנישע פּאָסטנס פאָרגעקומען ניט ווייניק פאַרברעכערישע מעשים: זיי פלעגן צונעמען ביים ייד זיין ווערטפולן קעגנשטאַנד אָדער געלט, און דאַן אים גאַרניט אַדורכלאָזן דורכן געטאָ־צוים, אָדער נאָכן אדורכלאָזן אים, עפּעגען אויפן יידן אַ שיסעריי.

אין דער נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק איז אַ גרעסערע גרופּע יידן, וואס איז שוין געווען אַדורך דורכן געטאָ־צוים, דערשאָסן געוואָרן האַרט לעבן געטאָ. צי מחמת אַ מסירה פונעם פּאָסטן, וואָס האָט זיי אַדורכגעלאָזן, אָדער אָן אַ מסירה, זיינען די דאָזיקע יידן אומגעבראַכט געוואָרן מצד דעם ס. ס.־שאַרפירער פילגראַם, וואָס האָט דאַן געלויערט ביים צוים מיט אַ קוילנוואַרפער. צווישן די דערשאָסענע איז אויך געווען ל. י ע ל י ן *), וואָס איז אין קאָוונע געווען גוט־באַקאַנט אַלס לייטער פון דער גרויסער יידישער ביבליאָטעק און ביכער־לאַגער ביי דער געז. „ליבהאָבער פון וויסן“.

פרייטיק, דעם 7־טן יולי, איז אין געטאָ געווען דער לעצטער „פרייער“ טאָג.

צו דער אַרבעט אין שטאָט איז שוין כמעט קיינער ניט אַרויסגעלאָזן געוואָרן. אויך איז קיינער ניט געגאַנגען אַרבעטן אין געטאָ גופא. אַלע יידן זיינען געווען באַשעפטיקט מיט איין און איינציקער מחשבה: ווי מיידט מען אוים בשלום די דעפּאָרטאַציע?

*) דער פאָטער פון פאַרטיזאַנער־פירער חיים יעלין.

הגם די פּאַטענטירטע יידישע געטאָ-מושלים האָבן נאָך געפּרוווט ביז דער לעצטער מינוט „דינען דעם געטאָ“, און זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט צוגרייטן רשימות פון די ערשטע גרופּעס יידן פאַר דער דעפּאָרטאַציע, איז אָבער געווען צו זען, אַז דאָסמאָל איז זייער אַרבעט לחלוטין אן איבעריקע.

כדי צו באַוועגן די געטאָ-יידן, זיי זאָלן „פרייוויליק“ זיך לאָזן דעפּאָרטירן, איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אַ קלאַנג, אַז מיט די ערשטע גרופּעס דעפּאָרטירנדיקע וועלן אויך קענען מיטפאָרן עלטערע און שוואַכערע פּערזאָנען — אַ זאַך, וואָס איז, כלומרשט, ביי דער דעפּאַרטאַציע פון די ווייטערדיקע גרופּעס יידן ניט אינגאַנצן זיכער, ווייל שפּעטער-צו וועט, אפשר, אויסקומען צו גיין צו-פוס. פיל יידישע משפּחות, וווּ ס׳זיינען געווען עלטערע מענטשן אָדער קראַנקע, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין אָרט, וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן, האָבן זיך יאָ געלאָזט באַאיינפלוסן פון די דאָזיקע קלאַנגען. די מערהייט יידן איז אָבער, ווי געזאָגט, געווען איינגעשטעלט מיטן אייגענעם ווילן ניט צו פאָרן.

מיטן אנקומען פון פאַרנאַכט איז די צאָל יידן אויף די גאַסן געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. היות די לאַגער-קאָמענדאַנטור האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די יידן זיינען אנטשלאָסן זיך ניט צו לאָזן דעפּאָרטירן, איז געווען זיך צו ריכטן, אַז אַ ליאַדע מינוט קענען אין געטאָ אַריינקומען מחנות געשטאַפּאָ-לייט, וועלכע וועלן נעמען כאַפּן יידן אויף דער דעפּאַרטאַציע. יעדער איינער האָט דעריבער זיך געמיט באַצייטנס צו פאַרקריכן אין זיין נאָרע אין דאָרטן וואַרטן אויף די ווייטערדיקע געשעענישן.

ס׳איז אנגעקומען דער אָוונט. אַ פּלוצלונגער לופט-אַלאַרם האָט אנגעזאָגט דאָס אנקומען פון סאָוועטישע עראָפּלאַנען. דאָסמאָל האָט די דערוואַרטונג פון סאָוועטישע לופט-אָנגריפן נאָכמער ווי אַלעמאָל אויפגעמונטערט די געטאָ-יידן, וואָס זיינען ס׳רוב שוין געלעגן פאַרשטעקט אין זייערע באַהעלטענישן. קיין באָמבאַרדירונגען זיינען אָבער דעם אָוונט ניט פאָרגעקומען. פאַרטייעטע אין זייערע מאַלינעס זיינען יידן געווען גרייט ניט נאָכצוגעבן די בלוטיקע שונאים און ווי-ניט-איז דערציען ביז צו דער באַפרייאונג, וואָס איז, לויט אַלעמענס אויסרעכענונגען, געווען אַ פראַגע נאָר פון טעג.

*

* *

ס׳איז אַריבער די נאַכט און ס׳איז אנגעקומען אַ הייסער, זומערדיקער טאָג פון שבת, דעם 8-טן יולי 1944 — דער ערשטער טאָג פון דער אנגעמאָלדענער דעפּאָרטאַציע. אויף די געסלעך פון געטאָ איז די באַוועגונג געווען כמעט פולשטענדיק אָפּגעשטאָרבן. ווו-ניט-ווו האָט מען נאָר געקענט זען אַ פּאָליציסט

פון „אָרדנונג־דינסט“. מיט גרויס נערוועזיטעט האָבן יידן דערוואַרט, וואָס ווײַ־טער וועט זײַן.

ווען אין געטאָ זײַנען אָנגעקומען מחנות דײַטשן, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס צונױפֿנעמען די מענטשן. אַ גאַנצער געטאָ־קוואַרטאַל*) איז אַרומגערינגלט גע־וואָרן, און די דײַטשן האָבן זיך גענומען צו דער מלאכה: אַרויסטרײַבן פֿון די הײַ־זער די יידן און זיי אָפּפֿירן צו אַ פּלאַץ בשכנות פֿון לאַגער־קאָמענדאַנטור. במשך דעם ערשטן דעפּאָרטאַציע־טאָג האָבן די דײַטשן זיך באַגנוגנט מיט אַן איבערפֿלעפֿלעכן זוכן די באַהאַלטענע יידן. קיין צו שאַרפֿע מאַסמיטלען האָבן זיי נאָך ניט אָנגעווענדעט.

די צונױפֿגעכאַפּטע יידן האָט מען שפּעטער־צו אָפּגעפֿירט צום ניעמאַן־האַפֿן, וווּ מ׳האָט זיי פֿאַרלאָדן אין באַטן און מיטן טײַך טראַנספּאָרטירט אין דער ריכטונג צו טילזיט, צום ים.

אָנגעהויבן פֿון פֿרײַטיקדיקן טאָג האָט מען גענומען אין געטאָ צונױפֿברענגען די יידן פֿון די קלענערע אַרבעטס־לאַגערן בשכנות פֿון קאָוונע, ווי פּאַלעמאָן, קאַזי־לאָווע־רודע, רויטן־הויף, א. א. וו., כדי זיי אָנצושליסן צו די דעפּאָרטירנדיקע יידן פֿון געטאָ. די יידן פֿון די אַרבעטס־לאַגערן אין קיידאַן און פּאָנעוועזש האָט מען געבראַכט קיין שאַוול, און פֿון דאָרטן האָט מען זיי געפֿירט קיין דײַטשלאַנד.

בײַ דער געלעגנהייט איז כדאי איבערצוגעבן אַן אינטערעסאַנטן פֿאַל, וואָס האָט פּאַסירט מיטן אַרבעטס־לאַגער פֿון קאַזלאָווע־רודע, 40 קמ. פֿון קאָוונע.

אין קאַזלאָווע־רודער לאַגער האָבן געאַרבעט אַ 4־5 הונדערט יידן. בײַם פֿירן זיי צו־פֿוס פֿון קאַזלאָווע־רודע קיין קאָוונע, האָט זיי באַגלייט אַ גרעסערע גרופּע דײַטשע פּאָסטנס, צווישן וועלכע ס׳זײַנען אויך געווען אַ פּאָר וולאַסאָווצעס. זעענדיק, אַז די סאָוועטן זײַנען שוין גאַר נאָענט, האָבן די אוקראַאינער, וועלנדיק זיך אײַנשאַפֿן אין לעצטן מאָמענט אַ ביסל עולם־הבא, אָנגענומען דעם אָנבאָט מצד אַ גרופּע יידן אונטערוועגס צו אַנטלויפֿן צוזאַמען מיט זיי צו די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין די אַרומיקע וועלדער.

מצד דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער וואַך איז געווען אָנגעזאָגט אַלע פּאָסטנס, אַז אין פֿאַל, ווען עמיצער פֿון זיי וועט באַמערקן אַ סכנה פֿון אַ פּאַרטיזאַנער־איבערפֿאַל, זאָל ער תיכף אויסשיסן אינדערלופֿטן און דערמיט סיגנאַליזירן די אַלע פּאָסטנס און די יידן זיך אויסצולייגן אויף דער ערד.

אין אָוונט איז דער טראַנספּאָרט אָנגעקומען אין אַ וואַלד. וועלנדיק פּראָ־וואָצירן די איבעריקע פּאָסטנס, זיי זאָלן זיך אויסלייגן אויף דער ערד און דערמיט דערמעגלעכן דער גרופּע יידן מיט די אוקראַאינער צו אַנטלויפֿן אין וואַלד אַרײַן,

---

*) די קלײַנע הילצערנע בלאָק־הײַזער אויף מילדאַס גאַס א. א. שכנישע געסלעך.

האָבן די װלאַסאָװצעס פּלוצלונג אױסגעשאָסן אינדערלופטן. די דײַטשע פּאָסטנס האָבן תּיכף זיך אױסגעלײגט אױף דער ערד, און אַז ערך הונדערט ייִדן צוזאַמען מיט די אוקראַאינישע פּאָסטנס זײַנען אַרײַנגעלאָפֿן אין װאַלד און נעלם־געװאָרן. קומענדיק צו זיך, האָבן די דײַטשן נאָך געפּרוּװט שיסן אױף די אַנטלױפֿנדיקע, אָבער זײ האָבן שױן קײנעם ניט באַװיזן צו כאַפּן. אַרײַנצולאָזן זיך אין אַ געיעג נאָך זײ בײַנאַכט אין װאַלד, האָבן די דײַטשע פּאָסטנס מורא געהאַט.

אַנטלאָפֿן זײַנען נאָר די יעניקע ייִדן, װעלכע זײַנען געגאַנגען אין די הינ־טערשטע רײען און האָבן געװוּסט װעגן צונױפֿרײד מיט די װלאַסאָװצעס. גאָר גרױס איז געװען דער עגמת־נפש פֿון די איבעריקע ייִדן, נאָכדעם װי זײ האָבן דער־זען, אַז אַ טײל פֿון זײערע חברים איז אַנטלאָפֿן, און זײ זײַנען געבליבן... דער גרעסטער טײל אַנטלאָפֿענע ייִדן איז אָבער אומגעקומען מצד די דײַטשן און ליטװינער, װאָס האָבן אין יענער געגנט פֿאַרפֿאָלגט די סאָװעטישע פּאַרטיזאַנער.

די געבראַכטע ייִדן פֿון די אַרבעטס־לאַגערן האָט מען אַרײַנגעלאָזן אין געטאָ און זײ דערלױבט פֿרײַ זיך פֿונאַנדערצוגײן, װײַל די לאַגער־קאָמענדאַנטור האָט געגלױבט, אַז זײ װעלן במילא ניט אױסמײַדן די דעפּאָרטאַציע. אַ סך פֿון זײ, װאָס האָבן געהאַט באַקאַנטע און געװוּסט פֿון זײערע מאַלינעס, זײַנען אױך אַהין אַרײַנגעקראָכן.

אַזױ איז פֿאַרבײַ דער ערשטער דעפּאָרטאַציע־טאָג.

* *

*

זונטיק, דעם 9־טן יולי, איז, בכלל גענומען, געװען רואיק אין געטאָ, װײַל געקע האָט ניט געקענט באַקומען פֿאַר דער דעפּאָרטאַציע נאָך באַנען. באַקומען װאַגאָנעס איז געװען נאָך שװערער, װײַל די צוגן זײַנען געװען באַשטימט אױס־שליסלעך פֿאַר מיליטערישע טראַנספּאָרטן.

אַ ראַדיקאַלער שנוי אין פּרט פֿון זוכן די אױסבאַהאַלטענע ייִדן איז פֿאָרגע־קומען, זינט מאָנטיק, דעם 10־טן יולי, אינדערפֿרי.

שױן פֿון די פֿריע פֿרימאָרגן־שעהן איז געװען דײטלעך צו זען, אַז די גע־שטאַפּאָ־לײַט, װעלכע זײַנען געקומען אין געטאָ אױסגעפֿינען די באַהאַלטענע ייִדן, האָבן, װײַזט אױס, באַקומען שטרענגע אינסטרוקציעס.

זיך פֿונאַנדערװאָרפֿנדיק אין אַלע װינקעלעך פֿון געטאָ, האָבן זײ גענומען ענערגיש און גרינטלעך זוכן די מאַלינעס א. א. באַהעלטענישן, װוּ ס'ליגן אױס־באַהאַלטענע ייִדן. אין יעדן אָרט, װוּ זײ האָבן פֿאַרדעכטיקט אַ באַהעלטעניש, האָבן זײ גענומען לאָזן אין גאַנג אױפֿרײַס־באָמבעס. די געשטאַפּאָ־לײַט האָבן אױך

געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך שפּיר־הינט, וועלכע האָבן זיי מיטגעהאָלפן אין זייער אַרבעט ביים אנטדעקן די יידן.

מיט אַזעלכע דראַסטישע מאַסמיטלען איז געשטאַפּאָ געלונגען אויסצו־געפינען פיל יידן. אַרייגוואַרפנדיק אַן אויפרייס־באָמבע בשכנות פון אַ מאַלינע, פלעגן די קינדער אין דער באַהעלטעניש נעמען פון שרעק שרייען און וויינען און דערמיט אַלעמען אַרויסגעבן, איידער נאָך געשטאַפּאָ פלעגט זיי אנטדעקן.

מיט גרויס רציחה פלעגן דאַן די געשטאַפּאָ־לייט אַרויסשלעפּן פון די באַ־העלטענישן די אויסבאַהאַלטענע יידן. די אויף טויט־דערשראָקענע קינדער פלעגן דערביי זיך פאַרגיין אין אַ יאָמערלעכן געוויין און אין גרויס פּחד זיך טוליענען צו זייערע עלטערן. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי קריגס־געפאַנגענע נאָך אַ פאַרלוי־רענער שלאַכט, פלעגן די יידן אונטער אַ שטרענגן קאָנוואָי פון געשטאַפּאָ־לייט געטריבן ווערן צום זאַמל־פּלאַץ. וועגן מיטנעמען מיט זיך עפּעס פון די זאַכן אָדער פון שפּייז־פּראָדוקטן, איז ניט געווען קיין רייד.

די קנאַלעריי פון די אויפרייס־באָמבעס, די בילעריי פון די שפּיר־הינט, די זידלערייען פון די געשטאַפּאָ־לייט, די יללות פון די קינדער א. א. וו. — אַלץ צו־זאַמען האָט זיך צונויפגעמישט אין אַ וואַקכאַנאַליע פון טרערן און בלוט...

במשך דעם מאַנטיקדיקן טאָג איז אויף אַזאַ אופן אַנטדעקט געוואָרן אַ גרע־סערע צאָל אויסבאַהאַלטענע יידן, וועלכע מ׳האָט אַוועקגעפירט צום האַפן, פונוואַ־נען מ׳האָט זיי געזאָלט פירן מיט באַנען, ווי דעם שבת׳דיקן טראַנספּאָרט. קיין באַנען איז אָבער דאַן שוין ניט געלונגען צו באַקומען און מ׳האָט די דאָזיקע מענטשן צוריקגעבראַכט אין געטאָ, וווּ מ׳האָט זיי געהאַלטן אויף אַן אַרומגע־צוימטן פּלאַץ ביי דער לאַגער־קאָמענדאַנטור.

דעם זעלבן טאָג האָט מען צונויפגענומען די יידן פונעם אַלעקסאַטער אַרבעטס־לאַגער און מ׳האָט זיי געבראַכט צו דער באַן, וואָס האָט זיי אַוועקגעפירט אין דער ריכטונג צו דייטשלאַנד.

דינסטיק, דעם 11־טן יולי, איז דאָס זוכן די אויסבאַהאַלטענע יידן אנגעגאַנ־גען מיטן זעלבן אימפּעט, ווי מאַנטיק. אויך במשך דעם דינסטיקדיקן טאָג זיינען הונדערטער יידן אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון זייערע לעכער, און זיי זיינען גע־בראַכט געוואָרן צום זאַמל־פּלאַץ ביי דער קאָמענדאַנטור.

היות געקע האָט מער קיין באַנען ניט געקענט באַקומען און קיין וואַגאָנעס האָט ער נאָך אויך ניט געהאַט אין רשות פון דער דעפּאָרטאַציע, האָט מען די יידן, וואָס מ׳האָט צונויפגעכאַפּט במשך מאָנטיק און דינסטיק, געהאַלטן אונטערן פרייען הימל ביז מיטוואָך, דעם 12־טן יולי, פאַרטאָג. דאַן האָט מען זיי אַלעמען אָפּגעפירט מיטן צוג קיין דייטשלאַנד.

* *
*

מיטוואָך, דער 12=טער יולי, איז געווען באַשטימט ווי דער לעצטער טאָג פון דער דעפּאָרטאַציע. דעם טאָג האָט געזאָלט דעפּאָרטירט ווערן דער רעשט יידן פון געטאָ, איינשליסלעך די יידישע פונקציאָנערן ביי דער לאַגער=קאָמענדאַנטור, די אַרבעטער פון די פאַרשיידענע געטאָ=וואַרשטאַטן א. א. וו.

פון די אויפרייס=באַמבעס זיינען אין מערערע ערטער פון געטאָ שוין גע=שטאַנען אין פלאַמען הייזער א. א. געביידעס און האָבן מיט זייערע פייער=צונגען אנגעזאָגט, אַז אַזאַ גורל דערוואַרט אַלע געטאָ=הייזער צוזאַמען מיט די יידן; וואָס זיינען אין זיי און אונטער זיי באַהאַלטן...

ס'זיינען אויך געווען פאַלן, ווען באַהאַלטענע יידן, וואָס האָבן זיך דערוווּסט, אַז ס'גייט שוין אָפּ דער לעצטער טראַנספּאָרט און נאָכדעם שטייט זיי פאָר אָדער אומצוקומען אונטער די חורבות פון די אויפגעריסענע הייזער, אָדער צו ווערן דערשאָסן אין פאַל פון ווערן אַנטדעקט, זיינען אַליין אַרויס פון די באַהעלטענישן און האָבן פרייוויליק זיך אנגעשלאָסן צו די דעפּאָרטירנדיקע יידן, וועלכע זיינען געווען אויסגעזעצט אויפן ברוק פון וואַרניו גאַס.

דאָס זוכן די אויסבאַהאַלטענע יידן איז מצד געשטאַפּאָ=און ס.ס.=לייט דער=וויייל אנגעגאַנגען מיט א רעשיקן טעמפּאָ. פון מינוט=צו=מינוט זיינען אַלץ נייע גרופּעס אנטדעקטע יידן — אויסגעשעפּטע, האַלב נאַקעטע, פאַרחושכטע, מיט די עופּה'לעך אויף די הענט — געבראַכט געוואָרן צו די יידן, וועלכע זיינען געזעסן אויף דער ערד, וואַרטנדיק אויפן באַפעל אָפּצומאַרשירן פון געטאָ. קראַנקע און שוואַכע מענטשן, וועלכע מ'האָט ניט געקענט דעפּאָרטירן צוליב זייער געזונט=צושטאַנד, האָט געקע פאַראָרדנט צונויפצופירן אין ייד. געטאָ=שפּיטאָל. דאָרטן זיינען זיי שפּעטער=צו פאַרברענט געוואָרן, ווען מ'האָט אויפגעריסן און אונטער=געצונדן אַלע הייזער אין געטאָ, בתוכם אויך דעם שפּיטאָל.

הגם מיטוואָך אינדערפרי איז שוין געווען אָפּגעגאַנגען מיט דער באַן אַ גרוי=סער טראַנספּאָרט יידן, האָט געקע באַקומען אויף נאָכמיטאָג נאָך משא=וואַגאָנעס פאַר אַ דריי טויזנט יידן.

אַזייגער 12 איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל זיך אויסצושטעלן אין קאָלאָנעס צו 100 מאַן און אונטער אַ שטרענגן קאָנוואָי פון געשטאַפּאָ=לייט, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטישע ביקסן, האָט דער טראַנספּאָרט פון איבער צוויי טויזנט יידן גענו=מען מאַרשירן דורך זייטיקע גאַסן פון שטאָט צו דער באַן=ראַמפּע ביי אַלעקסאָט.

ביים אָפּמאַרשירן פון געטאָ איז דער הימל, ווי סימבאָליש, געוואָרן באַדעקט

מיט שוואַרצע כמאָרעס. ס'האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו דונערן און צו גיסן מיט א גוס־רעגן.

אונטערוועגס האָבן פיל יידן געפרוווט זיך רייסן פון די רייען און אנטלויפן. די אויטאָמאַטן פון די באַגלייטנדיקע געשטאַפּאָ־לייט האָבן אומאויפהערלעך גע־נומען קנאַלן אין אַלע זייטן. אַ היפּש ביסל יידן איז דערשאָסן געוואָרן אויף אַן אָרט, נאָר יחידים איז געלונגען בשלום נעלם־צו־ווערן פונעם טראַנספּאָרט.

אויף דער ראַמפּע, וואָס איז געווען שטאַרק באַוואַכט, זיינען שוין געשטאַנען גרייט 40 משא־וואַגאָנעס, ס'רוב מיט פאַרדראַטעטע פענצטערלעך און מיט אַ ספּעציעלער באַוואַכונג אין יעדן וואַגאָן באַזונדער.

צום דאָזיקן עשאַלאָן האָט מען אויך געבראַכט די יידן פון שאַנצער אַרבעטס־לאַגער. ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, איז דער שאַנצער לאַגער־פירער בענצקאָ האַרט פאַר דער דעפּאָרטאַציע אנטלאָפן מיט זיין יידישער געליבטער. אין דער צווישן־צייט, איידער געקע האָט צוגעשיקט אַן אַנדער לאַגער־פירער, זיינען איינצלנע יידן אנטלאָפן פון לאַגער. צו קיין מאַסן־אנטלויפן איז אָבער דאָרטן ניט געקומען, ווייל מצד דער יידישער לאַגער־אנפירונג האָט מען געשטערט די יידן מאַסנווייז צו אנטלויפן, כדי ס'זאָלן דערנאָך צוליב דעם ניט דאַרפן ליידן די יעניקע יידן, וועלכע האָבן ניט קיין מעגלעכקייט צו אנטלויפן און מוזן מיטגיין מיט דער דעפּאָרטאַציע.

ווען די איבער דריי טויזנט יידן זיינען שוין געווען צונויפגעשפּאַרט אין די משא־וואַגאָנעס, ווי הערינג אין אַ פאַס, האָט דער צוג זיך גענומען רירן פון אָרט. זיך ניט אָפּשטעלנדיק אויף קיין איינער פון די פאַרבייפאָרנדיקע סטאַנציעס, האָט דער עשאַלאָן געאיילט אין דער ריכטונג צו דייטשלאַנד.

עטלעכע צענדליק יידן איז אונטערוועגס געלונגען אַרויסצושפּרינגען פונעם לויפנדיקן צוג. אַ טייל פון זיי איז אומגעקומען נאָכן אַרויסשפּרינגען, ווייל זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דייטשן אָדער שלעכטע ליטווינער, וועלכע האָבן זיי אומגעבראַכט. אַנדערע זיינען אומגעקומען ביים ריזיקאַלישן אַרויסשפּרינגען דורך די הויכע פענצטערלעך פון די משא־וואַגאָנעס. נאָר געציילטע יחידים איז געלונגען אַדורכצומאַכן אַלע טויט־סכנות און ענדלעך אין אַ 3־4 וואָכן אַרום צו דערוואַרטן די רויטע אַרמיי, וואָס האָט זיי באַפרייט.

ווען אינעם עשאַלאָן, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אינדערפרי, האָבן די באַ־גלייטנדיקע פּאָסטנס באַמערקט, אַז יידן שפּרינגען פון צוג, האָבן זיי אָפּגעשטעלט דעם צוג און אין יעדן וואַגאָן באַשטימט ערובניקעס, וואָס זיינען געווען פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דעם, קיינער זאָל ניט אַנטלויפן פון טראַנספּאָרט. חוץדעם האָבן זיי אין מערערע וואַגאָנעס דערשאָסן יידן, כדי אויף אַזאַ אופן אָפּצושרעקן די אַנדערע, זיי זאָלן גאָר ניט טראַכטן צו אַנטלויפן.

* *
*

ווייסנדיק, וויפיל יידן ס'האָבן בכלל געדאַרפט זיין אין געטאָ און וויפיל יידן ס'זיינען שוין פאַר דער גאַנצער צייט געוואָרן דעפּאָרטירט, האָט געקע געזען, אַז אַ גרויסע צאָל יידן ליגט נאָך באַהאַלטן אין די מאַלינעס א. א. באַהעלטעניש.

גלייך נאָכן אוועקגיין פון בייטאָגיקן עשאַלאָן, האָט געשטאַפּאָ מיט גרויס התמדה זיך גענומען אויסזוכן דעם רעשט אויסבאהאלטענע יידן. דורכן אָנווענדן בלערליי טעראָר-מיטלען איז געשטאַפּאָ געלונגען צו אנטדעקן נאָך יידן. די צו-נויפגעכאפּטע יידן האָט מען געהאַלטן לעבן די ס.ד.-וואַרשטאַטן.

דאָנערשטיק, דעם 13-טן יולי, זיינען שוין געשטאַנען אין פלאַמען פיל הייזער. ווערנדיק אנטדעקן וואָס-מער אויסבאהאלטענע יידן, האָט געשטאַפּאָ גע-נומען אָנווענדן פאַרשיידענע פּראָוואָקאַציע-מיטלען. אזוי, א שטייגער, האָט גע-שטאַפּאָ גענומען ביי די אנטדעקטע יידן צונעמען זייערע קינדער און זיי צוגע-זאָגט צוריקצוגעבן די עלטערן נאָר דאַן, ווען די עלטערן וועלן אַרויסגעבן באַהעל-טעניש, ווו ס'זיינען נאָך דאָ אויסבאהאלטענע יידן. מיט דער הילף פון אזעלכע נידערטרעכטיקע פּראָוואָקאַציעס האָט געשטאַפּאָ געוואָלט דעמאָראַליזירן די יידן און זיי שטויסן אויפן וועג פון מסירה און פאַרראַט, כדי איר צו פאַרלייכטערן די אַרבעט ביים דערגרייכן איר ציל: פולשטענדיקע אנטדעקונג פון די אויס-באהאלטענע יידן.

נאָר געציילטע יידן האָבן זיך געלאָזן באווירקן מצד געשטאַפּאָ און מסכים-געווען אַרויסצוגעבן באהעלטענישן פאַרן פּרייז פון „ראַטעווען“ זייערע קינדער*). ס'רוב יידן האָבן אָבער ניט געוואָגט עס צו טאָן, און זייערע קינדער זיינען אין געטאָ גופא דערשאָסן און פאַרברענט געוואָרן.

די רציחות און אכזריות מצד געשטאַפּאָ האָבן גענומען שטייגן פון שעה-צו-שעה. צום דעפּאָרטאַציע-טראַנספּאָרט האָבן זיי שוין דאָנערשטיק ניט צו-געלאָזן קיין יידן, וואָס האָבן, אַרויסגעשלעפּטע פון די לעכער און נאָרעס, אויס-געזען פאַרשוואַרצט, אויסגעשעפּט און צוזאַמענגעבראָכן. די דאָזיקע מענטשן האָט מען געלאָזן אין געטאָ, ווו מ'האָט זיי שפּעטער-צו דערשאָסן און אריינ-געוואָרפן אין די פלאַמען פון די ברענענדיקע הייזער. בסך-הכל איז געשטאַפּאָ געלונגען ווידער צונויפצוקלייבן איבער טויזנט יידן, וועלכע מ'האָט דאָנערשטיק דעפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד.

*) די קינדער זיינען במילא אין עטלעכע טעג אַרום אוועקגעשיקט געוואָרן צוזאַ-מען מיט זייערע מוטערס קיין אוישוויץ אויף פאַרניכטונג.

דאָס איז געווען דער לעצטער גרעסערער דעפּאָרטאַציע־טראַנספּאָרט פון געטאָ.

* * *

נאָכן אָפּשיקן דעם לעצטן טראַנספּאָרט יידן האָט געשטאַפּאָ געזען, אַז זי איז מער ניט ביכולת אויסצוגעפינען דעם רעשט אויסבאַהאַלטענע יידן, ווייל זייערע באַהעלטענישן זיינען זייער גוט מאַסקירט, און זי קען ניט קומען אויף זייערע שפּורן. די געשטאַפּאָ־לייט זיינען דאַן צוגעטראָטן אויסצופירן דעם לעצטן פּונקט אין זייער פּראָגראַם צו ליקווידירן דאָס געטאָ: אויפרייסן און אונטערצינדן איטלעכע געטאָ־הויז און אומברענגען אין די פלאַמען די יעניקע יידן, וועלכע ס'איז זיי בשום־אופן ביז דאַן ניט געלונגען צו אַנטדעקן.

פרייטיק, דעם 14־טן יולי, אינדערפרי, זיינען צוזאַמען מיט דער קאָוונער אָפּטיילונג פון „וואַפן־ס.ס." דעפּאָרטירט געוואָרן עטלעכע צענדליק יידן פון דער אַרבעטס־בריגאַדע, וואָס האָט די גאַנצע צייט ביי זיי געאַרבעט. שפּעטער־צו איז אין געטאָ אָנגעקומען אַ ספּעציעלע אויפרייס־קאָמאַנדע, וואָס האָט מיט גרויס אימפּעט זיך גענומען צו איר פאַרניכטונגס־אַרבעט. יעדע הילצערנע הויז איז געוואָרן באַגאָסן מיט אַ פליסיקן ברענשטאָף און דאַן אויפגעריסן און אונטערגעצונדן. די עטלעכע געמויערטע בלאָק־הייזער זיינען אויפגעריסן געוואָרן מיט דער הילף פון דינאַמיט.

אין די פאַרשיידענע מאַלינעס זיינען נאָך געלעגן פאַרשטעקט אַן ערך 1500 יידן. ווען דער אויפרייס אָדער דאָס פייער פלעגט דערגרייכן צו דער מאַלינע, וווּ יידן זיינען געלעגן באַהאַלטן, פלעגן זיי (אויב זיי פלעגן נאָך באַוויזן) זיך פּרובירן ראַטעווען פון די ברענענדיקע באַהעלטענישן.

אָרום די ברענענדיקע הייזער האָבן אָבער פּאַטרולירט דייטשע פּאָסטנס, וועלכע פלעגן תיכף דערשיסן די יעניקע יידן, וואָס פלעגן זיך וועלן ראַטעווען פון פייער, און זיי צוריק אַריינוואַרפן אין די פלאַמען. ס'זיינען געווען פיל פאַלן, ווען די דייטשן האָבן געוואָרפן אין פייער אויך לעבעדיקע יידן.

לאַנגע פייער־צונגען, איינגעהילטע אין געדיכטע רויך־וואָלקנס, האָבן פון די אויפגעריסענע און אונטערגעצונדענע געטאָ־הייזער זיך געריסן צום הימל. במשך עטלעכע טעג איז דאָס געטאָ געשטאַנען אין פלאַמען און אונטער די ברענענדיקע הייזער האָבן זיך געראַנגלט מיטן גרויזאַמען טויט הונדערטער יידישע מענער, פרויען און קינדער. קיינעם פון די דאָזיקע מאַרטירער איז ניט געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון שווידערלעכן אומקום אינעם גיהנום'דיקן פייער.

שבת, דעם 15־טן יולי, פאַרנאַכט, האָבן די געשטאַפּאָ־לייט צוזאַמען מיט זייערע לעטישע באַהעלפערס, פאַרענדיקנדיק זייערע מערדערייען, ענדלעך פאַר־

לאָזן דעם תחום פון געטאָ, ווו ס'איז נאָך ערשט מיט א וואָך צוריק געווען א ישוב פון א 7־8 טויזנט יידישע נפשות, איבערלאָזנדיק נאָך זיך די אויפציטערנ־דיקע שפּורן פון זייערע באַגאנגענע פאַרברעכנס און גרוילטאַטן.

ווען קאָוונע איז דורך דער רויטער ארמיי באפרייט געוואָרן דעם 1־טן אויגוסט 1944*), האָט אין עטלעכע טעג ארום אין שטאָט ביסלעכווייז גענומען צוריקקערן דאָס ביסל מיט ניסים־געראַטעוועטע יידן. אלעמענס ערשטע ארבעט איז געווען — לויפן זען, ווי אזוי זעט אויס אינעם חרובן געטאָ.

די בילדער, וואָס מ'האָט געזען אויפן אָרט פון געוועזענעם געטאָ, זיינען געווען מיאומדיקע: אינעם געטאָ איז ניט פאַרבליבן קיין איין גאַנץ הויז. אלע הילצערנע הייזער זיינען געווען פולשטענדיק פאַרברענט. די גרויסע מאַסיווע ווענט פון די געמויערטע בלאָק־הייזער זיינען געלעגן איינגעפאַלן, ווי נאָך אן ערד־ציטערניש. אויפן גאַנצן שטח פון געטאָ האָבן זיך געוואַלגערט פאַרשרפהטע סקעלעטן פון אומגעבראַכטע און פאַרברענטע יידן. אין פיל גריבער פון די אויפ־געריסענע מאַלינעס זיינען געלעגן קופּעס יידישע הרוגים. לויט די צוזאַמענגע־קרעמפּטע, נאָך ניט אינגאַנצן פאַרברענטע גופים איז געווען צו דערקענען דעם פאַרצווייפלטן געראַנגל, וואָס די דאָזיקע קדושים האָבן אדורכגעמאַכט אין די גסיסה־מאָמענטן פון זייער אומקום. דער גערוך פון פאַרשרפהטן מענטשן־פלייש האָט נאָך וואָכנלאַנג זיך געטראָגן ווייט, ווייט איבער די גרענעצן פונעם חרוב ומוחרב־געוואָרענעם געטאָ.

אלץ צוזאַמען האָט עדות געזאָגט אויף דער גרענעצלאָזער רציחה מצד די נאַצישע מאַסן־מערדער און האָט גערופן די וועלט צו א בלוטיקער נקמה אָן די גרויזאַמסטע באַרבאַרן פון אלע צייטן — די ברוינע טעווטאָנען פון 20־טן יאָרהונדערט...

---

*) נאָכן פאַרנעמען ווילנע דעם 13־טן יולי זיינען די רוסן ניט געגאַנגען, ווי יידן האָבן דערוואַרט, דירעקט אויף קאָוונע, נאָר זיי האָבן מחמת סטראַטעגישע טעמים לכתחילה געלאָזן קאָוונע אָן אַ זייט. אגב, האָבן צוליב דעם די נאַציס געהאַט אַזוי פיל צייט צו טאָן מיט קאָוונער געטאָ, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

# קאפיטל XXVII

## גורל פון די דעפּאָרטירטע יידן

וואָס איז געשען מיט די דעפּאָרטירטע יידן, ווען זיי זיינען אָנגע־קומען קיין דייטשלאַנד? — ליידנספולער וועג פון די מענער אין דאַכאוער קאַצעט־גיהנום. — גורל פון די פאַרשלעפּטע פרויען אין די פּרייסישע אַרבעטס־לאַגערן.

דאָנערשטיק, דעם 13־טן יולי 1944, זיינען די צוויי טראַנספּאָרטן דעפּאָר־טירטע יידן, וואָס זיינען אוועק פון קאָוונע מיטן צוג מיטוואָך, דעם 12־טן יולי, אינדערפרי און נאָכמיטאָג, אָנגעקומען אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע טיגענ־האָף, ניט ווייט פונעם קאַצעט שטוטהאָף.

גלייך ווי ס'איז אין טיגענהאָף אָנגעקומען דער נאָכמיטאָגדיקער טראַנספּאָרט, זיינען פון ביידע עשאַלאָנען אָפּגעטיילט געוואָרן די מענער באַזונדער, און די פרויען מיט די קינדער — ווידער באַזונדער. א געוויסן טייל יונגטלעכע איז גע־לונגען צו בלייבן צוזאמען מיט די מענער. אלע יינגערע קינדער זיינען געבליבן צוזאמען מיט די פרויען.

ווען דר. עלקעס האָט אין טיגענהאָף זיך געווענדעט צו איינעם פון די אָנ־פירנדיקע ס.ס.־לייט מיט א פראגע, פאַרוואָס ווערן די משפחות פונאנדער־געריסן און האָט דערביי צוגעגעבן, אַז קאָוונער לאַגער־קאָמענדאַנט געקע האָט בעת דער עוואַקואַציע צוגעזאָגט, אז דאָס וועט ניט געשען, — האָט ער אלס תשובה אויף זיין ווענדונג באַקומען מצד דעם ס.ס.־מאַן עטלעכע פייערדיקע פּעטש...

גאָר גרויס איז געווען דער מהומה ביי די פרויען צוליבן פונאנדערשיידן זיי פון די מענער, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אז ס'האנדלט זיך וועגן א פאַרניכטונגס־אקציע. אייניקע יידישע דאָקטאָרינס האָבן געפּרוּווט באַגיין זעלבסטמאָרד דורכן אָיינשפּריצן זיך גיפט־איניעקציעס. פרוי דר. לעווין, א יונגע יידישע דאָקטאָרין, איז פון אזא איניעקציע אין טיגענהאָף געשטאָרבן.

נאָך אין זעלבן טאָג איז דער עשאַלאָן מיט די מענער אָפּגעפאָרן פון טיגענהאָף. העכער צוויי מעת=לעת זיינען די מענער געפאָרן לחלוטין ניט וויסנדיק, וווּהין מ'פירט זיי. ס'רוב מענער זיינען געווען זיכער, אז מ'פירט זיי אויף פארניכטונג. אין א טייל וואַגאָנעס האָבן די מענער געזאָגט בציבור וידוי, האָבן ביטער געוויינט און זיך געזעגנט איינער מיטן צווייטן.

דער צוג איז אָבער ווייטער געגאנגען זיין וועג, ביז ענדלעד זונטיק, דעם 16=טן יולי, אזייגער 8 אינדערפרי, איז ער געבליבן שטיין אויף דער אייזנבאַן=סטאנציע קאַופּערינג, פינף קמ. פונעם בייערישן שטעטל לאנדסבערג (60 קמ. פון מינכען) — דאָס זעלבע לאנדסבערג, ווו היטלער ימ"ש האָט אין 1924, זיצנדיק אין דער דאָרטיקער תפיסה פאר זיין פוטש קעגן דער ווייַמאַרער רעפּובליק, פארפאסט זיין „ווערק“ — די עוואנגעליע פון פעלקער=און ראסן=מאָרד — „מיין קאמף“.

ארום לאנדסבערג זיינען געווען ארבעטס=לאגערן, וואָס האָבן געהערט צום קאצעט דאַכאַו, און דאָרטן האָט מען עס געהאט געבראכט די מענער.

גלייך נאָכדעם, ווי דער מענער=טראנספּאָרט איז געווען אָפּגעפאָרן פון טיגענהאָף, האָט מען די פרויען ווי אויך די קינדער, וועלכע זיינען געווען מיט זיי, גענומען תיכף טראנספּאָרטירן קיין שטוטהאָף, פונוואנען מ'האָט די מענטשן פונאנדערגעשיקט אָדער אויף אַרבעט, אָדער אין די טויט=פאַבריקן.

אָפּצונעמען דעם טראנספּאָרט פרויען איז אין שטוטהאָף אויף דער באַן=סטאנציע געקומען א גרויסע מחנה שטארק=באוואָפנטע ס.ס.=לייט. לכתחילה האָבן די פרויען געמיינט, אז געוויס פירט מען זיי אלעמען פארניכטן. ס'איז דעריבער צווישן זיי אויסגעבראָכן א שרעקלעכע פּאַניק און יללה. געקומען צו זיך זיינען זיי ערשט נאָכדעם, ווען זיי האָבן געזען, אַז מ'פירט זיי פונאנדער אין די באַראַקעס פון קאַצעט.

אין שטוטהאָף, ווו ס'האָבן זיך שוין געפונען די געבראכטע יידן פון אַלעקסאָטער ארבעטס=לאגער, זיינען אין איניקע טעג ארום אויך געקומען די דעפּאָרטירטע קאָוונער יידן, וועלכע מ'האָט געפירט פון געטאָ מיט די באַטן שבת, דעם 8=טן יולי, ווי אויך דער טראנספּאָרט, וואָס איז אוועק פון קאָוונע מיט דער באַן דאָנערשטיק, דעם 13=טן יולי. אויך די מענער פון אָט די טראנספּאָרטן האָט מען פון שטוטהאָף אוועקגעשיקט אין די ארבעטס=לאגערן ביי לאנדסבערג, און די פרויען מיט די קינדער זיינען געבליבן אין שטוטהאָף.

אין אַ וואָך אַרום איז אין שטוטהאָף פאָרגעקומען אַ סעלעקציע אויף די געבראכטע פרויען. די יעניקע פרויען, וואָס האָבן געהאט מיט זיך קינדער, האָט מען

צוזאַמען מיט די קינדער אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ אויף פאַרניכטונג. אַלע אַנדערע פרויען זיינען, אומאָפּהענגיק פון זייער עלטער, געבליבן אין שטוטהאָף.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער דאָזיקער סעלעקציע איז פאָרגעקומען אַ צווייטע סעלעקציע אויפן רעשט פרויען. די עלטערע און שוואַכערע האָט מען איבערגעלאָזן אין שטוטהאָף, ווו מ'האָט שפּעטער־צו דעם גרעסטן טייל פון זיי אומגעבראַכט אין די דאָרטיקע קרעמאַטאָריעס.

די ייִנגערע און אַרבעטס־פעאיקע פרויען האָט מען דערנאָך פונאַנדערגע־שיקט אין די אַרבעטס־לאַגערן אַרום טאָרן, שטראַסבורג, עלבינג א.א. פונקטן אין פּריסן, ווו מ'האָט צו יענער צייט געהאַלטן אין אַדורכפירן אייליקע פאָרטיפיקאַציע־אַרבעטן. אַ קליינע צאָל קאָוונער פרויען איז צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע ייִדישע פרויען איבערגעשיקט געוואָרן אין די דאַכאַוער אַרבעטס־לאַגערן, ווו ס'האָבן געאַרבעט די מענער, און אַ געוויסער טייל אַרבעטס־פעאיקע פרויען איז געבליבן אַרבעטן אין שטוטהאָף גופא.

* *

*

נאָכדעם, ווי מ'האָט געבראַכט די מענער אין די אַרבעטס־לאַגערן אַרום לאַנדסבערג, האָט מען פון זיי, קודם־כל, צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן מיט־געבראַכט מיט זיך. די יענע ייִדן, וועלכע זיינען געווען דורכגעגאַנגען שטוט־האָף, זיינען שוין דאָרט אין דער צייט פון זייער „אַנטלויזונג" פולשטענדיק באַ־רויבט געוואָרן.

צוגעמענדיק פון די ייִדן אַפילו די שיך און קליידער, וואָס זיי האָבן גע־טראָגן אויף זיך, האָט מען זיי אָנגעטאָן אין געשטרייפטע קאַצעט־בגדים און אין גרויסע הילצערנע קלומפּעס.

ניט וועלנדיק, אַז זייער געלט א.א. ווערטפולע חפצים זאָלן אַריינפאַלן אין די הענט פון די ס.ס.־לייט, האָט אַ טייל ייִדן דאָס געלט אָדער די ווערטפולע חפצים אַריינגעוואָרפן אינעם שמוץ פון די קלאָזעטן. ווען ס'איז אָבער וועגן דעם דערגאַנגען צו דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, האָט מען בעת אַז אַפּעל אָפּגע־קליבן אַ גרופּע ייִדן, וועלכע האָט געמוזט אין אַלעמענס אָנוועזנהייט נאַקעטער־הייט זיך אַרונטערלאָזן אינעם שמוץ פון די קלאָזעטן און פון דאָרטן מיט די הענט אַרויסנעמען דאָס אַריינגעוואָרפענע געלט א.א. חפצים.

היות אַ היפּש ביסל יונגטלעכע איז פון טיגענהאָף געלונגען צוזאַמען מיט זייערע פאָטערס מיטצוקומען אין די אַרבעטס־לאַגערן אַרום לאַנדסבערג, איז שבת, דעם 22־טן יולי, דאָרט פאָרגעקומען אַ רעגיסטראַציע פון אַלע יונגטלעכע. די פאַררעגיסטרירטע 131 יונגטלעכע האָט מען אויף מאָרגן אָפּגעשיקט קיין

דאַכאַו און פון דאָרטן קיין אוישוויץ. פון די אומגעקומענע לעבנס-באַדינגונגען איז דאָרטן אַ טייל יונגע-לייט אומגעקומען, און קרוב צו 80 קינדער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דעם צווייטן טאָג ראש-השנה 1944, ווען מ'האָט אין אוישוויץ אַוועקגעשיקט אין די גאַז-קאַמערן און קרעמאַטאָריעס טויזנטער יידן. נאָר עטלעכע ענערגישערע יונגע-לייט האָבן דערצויגן צו דער באַפרייאונג.

צוויי יונגעלייט איז געלונגען צו אַנטלויפן אונטערוועגס קיין אוישוויץ, אַרויסשפּרינגענדיק פון גייענדיקן צוג. איינער פון זיי, דניאל בורשטין *), האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי פּויערים און איז געבליבן לעבן.

אין אַ וואָך אַרום נאָכדעם, ווי די מענער זיינען געבראַכט געוואָרן אין די אַרבעטס-לאַגערן, האָט מען זיי פונאַנדערגעטיילט אין אַרבעטס-קאָלאָנעס און פון מאָנטיק, דעם 24-טן יולי, האָט פאַר זיי זיך אָנגעהויבן דאָס אייגנטלעכע קאַצעט-לעבן מיט אַלע זיינע „באַרימטע" באַגלייט-דערשיינונגען.

געאַרבעט האָבן יידן ביי פאַרשיידענע בוי-פירמעס, צוו. אנד. אויך ביי דער טרויעריק-באַרימטער „בוי-פירמע מאָלל", ווו ביי די קאַטאָרזשנע אַרבעטן דורך טאָג און דורך נאַכט זיינען פאַרפייניקט געוואָרן טויזנטער, טויזנטער יידן. צו יענער צייט האָט מען דאָרט מען געבויט פאַר דער פירמע „מעסערשמידט" אַן אונטערערדישע אַעראָפּלאַנען-פאַבריק, וואָס האָט געדאַרפט כאָטש וויפל-ניט-איז פאַרבעסערן די מערכה פונעם צעשמעטערטן דייטשן לופט-פלאָט.

אויך אין קאַצעט האָבן די פאַרשיידענע פאַכלייט, ענלעך ווי אין געטאָ, געהאַט ניט אין ערך גינסטיקערע אַרבעטס-באַדינגונגען, ווי די ניט-קוואַליפיצירטע אַרבעטער. דעריבער האָבן טאַקע דעם גרעסטן פּראָצענט-זאַץ פון די צוזאַמענגעבראָכענע ביי דער אַרבעט געגעבן די פּשוטע אַרבעטער, וועלכע האָבן געדאַרפט אויף זייערע פּלייצעס אַדורכטראָגן דעם שווערן עול פון דער אומדערטרעגלעכער עבודת-פּרך.

ביי די ניט-קוואַליפיצירטע אַרבעטער איז אויך געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די יעניקע, וועלכע האָבן געאַרבעט טאָג-אַרבעט און די, וועלכע האָבן געאַרבעט ביינאַכט. די נאַכט-אַרבעטער פלעגן, אחוץ זייער שווערער, אָנגעשטרענגטער אַרבעט דורך נאַכט, אויך ביי-טאָג ניט האָבן קיין רו, ווייל ס'רוב פון זיי פלעגט מען אויך ביי-טאָג טרייבן אויף פאַרשיידענע אַרבעטן אין און אַרום לאַגער.

די ערשטע קרבנות פון קאַצעט-גיהנום האָבן דערפאַר זיך רעקרוטירט בעיקר פון די נאַכט-אַרבעטער. במשך עטלעכע וואָכן פלעגן די דאָזיקע מענטשן בוכשטעבלעך פאַלן פון די פיס און פולשטענדיק צוזאַמענברעכן. אַ גרויסע

*) דאָס איינציקע קינד פונעם באַקאַנטן פויליש-יידישן שריפטשטעלער מיכאל בורשטין, וואָס איז מגולגל-געוואָרן אין קאָוונער געטאָ.

שולד אינעם גיכן אומקום פון די הונדערטער נאכט־ארבעטער האָבן אויך גע־האַט די ייד. קאַפּאָס, וועלכע האָבן גאָרניט געטאָן, כדי אַ ביסל יושרדיקער צו פאַרטיילן די דאָזיקע קאַטאָרזשנע ארבעט צווישן אלע זייערע ארבעטער.

אין דעם פּרט האָט אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָלע דער אַנטאַגאָניזם צווישן די יידן, וואָס שטאַמען פון פאַרשיידענע לענדער. פלעגט, למשל, דער קאַפּאָ זיין אַ ליטווישער ייד, פלעגט ער, ווי א כלל, פּראָטעזשירן ליטווישע יידן אויפן חשבון פון יידן פון פּוילן, אונגאַרן א. אַ. וו. פלעגט דער קאַפּאָ זיין אַ פּוילישער אָדער אונגאַרישער ייד, פלעגט זיין פאַרקערט.

די יידישע קאַפּאָס, צווישן וועלכע ס'זיינען געווען זייער פיל מאָראַליש־פאַר־דאָרבענע עלעמענטן, האָבן אחוץ אַלעמען לחלוטין זיך ניט געקימערט וועגן אָרגאַ־ניזירן די אַרבעט אַזוי, אַז די שוואַכערע מענטשן זאָל מען — לויט פאַראַנענע מעג־לעכקייטן — שיקן אויף אַ ביסל לייכטערע אַרבעטן. אומגעקערט, אויף אַ לייכטערן אַרבעטס־פּלאַץ פלעגן זיי גיכער שיקן אַ געזינטערן און קרעפטיקערן מענטשן, וואָס קען זיי דערפאַר מיט עפּעס מאַטעריעל קאָמפּענסירן. פון אַ פיזיש־אויסגע־שעפּטן מענטשן, וואָס איז פולשטענדיק הילפלאָז אין דער אומברחמנותדיקער קאַצעט־ווירקלעכקייט, פלעגן זיי דאָך קיין מאַטעריעלע פאַרגיטיקונג ניט קענען דערוואַרטן...

אמת, די קאָוונער יידן, וועלכע האָבן ביז דאַכאַו געהאַט אַדורכגעמאַכט דריי יאָר געטאָ־לעבן און זיינען געווען טיילווייז שוין צוגעוווינט צום שקלאַפן־לעבן פון אַ ייד אונטער דער נאַצישער הערשאַפט, האָבן לכתחילה זיך געהאַלטן בעסער, ווי די אונגאַרישע, טשעכישע א. א. יידן, וועלכע האָבן ביז דאַכאַו נאָך ניט געהאַט באַוויזן אַדורכצוגיין די „שול" פון די היטלערישע געטאָס און קאַצעטן. אָבער דאָך האָבן אויך קאָוונער יידן גאר גיך גענומען צוזאַמענברעכן פון די אומדער־טרעגלעכע קאַצעט־באַדינגונגען.

דערמאַנט מען זיך די עבודת־פּרך אונטערן פרייען הימל אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט במשך אַ 12־14 שעה'איקן *) אַרבעטס־טאָג, ס'רוב זיבן טעג אין וואָך, האָבנדיק „אָפּרו" ניט מער ווי זעקס־זיבן שעה אַ טאָג; דאָס אדורכמאַכן יעדן טאָג אַ לאַנגן מהלך ביים גיין צו דער אַרבעט און צוריק אין די הילצערנע קלומפּעס, וואָס פלעגן שוין אין די ערשטע טעג מאַכן אויף די פיס גרויסע וווּנדן; די הונגער־פאַרפלעגונג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ 300 גראַם ברויט אַ טאָג מיט אַ וואַסערדיקן זופּ אָן פלייש אָדער פעטס און וואָס האָט טעגלעך באַטראָפן ניט מער ווי אַ פּאָר הונדערט קאַלאָריעס, ביי אַזאַ פיזיש־אָנגעשטרענגטער אַרבעט; די

*) לכתחילה האָט מען געאַרבעט אין צוויי ארבעטס־שיכטן אַ מעת־לעת צו 12 שעה. שפּעטער־צו זיינען איינגעשטעלט געוואָרן דריי שיכטן צו 8 שעה.

לאַנג־דויערנדיקע פּראָצעדור בײַ די צייל־אַפּעלן צוויי מאָל אַ טאָג: פֿאַרטאָג פֿאַרן גיין צו דער אַרבעט, און אינאָוונט נאָכן צוריקקערן פֿון דער אַרבעט; די שמוציקע, שטענדיק־איבערפֿולטע ערד־בודעס, ווו די מענטשן פֿלעגן געהאַלטן ווערן; די שרעקלעכסטע פּלאָג פֿון קאַצעט־לעבן — די לייז, וואָס פֿלעגן פֿרעסן דעם מענטשן דורך טאָג און דורך נאַכט, מאַכנדיק אין קערפּער שרעקלעכע וווּנדן, פֿון וואָס טויזנטער מענטשן זיינען אַוועק פֿון דער וועלט*); דער אויסערסט־שטרענגער קאַצעט־רעזשים, ווו אַן דער מינדסטער סיבה פֿלעגט אַ ייד ווערן מערדערלעך געטמיתט און טעראָריזירט, און — ועל כולם — די פּסיכישע דעפּרעסיע פֿון אַ יידן אין אַ היטלערישן קאַצעט צוליב די בלערליי מאָראַלישע דערנידעריקונגען סיי מצד די דייטשע מושלים, סיי מצד זייערע געטרייע יידישע יוצר־משרתים, — ווערט קלאָר, פֿאַרוואָס גאָר גיך יידן אין די לאַגערן האָבן אַוועקגעפּטרט זייער לייב־און לעבן.

שוין אין די ערשטע קאַצעט־חדשים האָבן דעריבער יידן גענומען פֿאַלן פֿון די פֿיס. די קראַנקן־רעווירן, וואָס זיינען געווען אין די זעלבע ערד־בודעס, ווי די געוויינלעכע וווין־גריבער, און וואָס האָבן ניט פֿאַרמאָגט די סאַמע עלעמענטאַרע מעדיצינישע איינריכטונגען און מעדיקאַמענטן, זיינען בקרוב איבערפֿולט געוואָרן פֿון יידן, אָפּגעשוואַכטע, אויסגעצערטע און פֿולקאָם־אויסגעשעפּטע פֿיזיש און גייסטיק.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאַנען, אַז די קאַצעט־יידן האָבן געהאַט גאָר גרויסע תביעות צום לייטער פֿון צענטראַלן קראַנקן־רעוויר דר. זאַכאַרין — אַ געוו. ייד. דאָקטאָר פֿון קאָוונע. אמת, ער האָט טאַקע געהאַט ניט קיין לייכטע און ניט קיין דאַנקבאַרע אויפֿגאַבע אַלס לייטער פֿון קראַנקן־רעוויר. ס'איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז מצד אים זיינען בעת די סעלעקציעס פֿון די קראַנקע אָפּגעקליבן גע־וואָרן די קאַנדידאַטן פֿאַר אוישוויץ אָדער פֿאַר די „שוינונגס־לאַגערן". חוצדעם איז נאָך זיין באַנעמונג מיט די קראַנקע געווען אַזאַ האַרבע און מענטשנפֿיינט־לעכע, אַז ער איז מיט רעכט זייער שטאַרק פֿאַרהאַסט געוואָרן ביים קאַצעט־עולם.

נאָך דער באַפֿרייאונג, אָנפֿאַנג־מאַי 1945, האָט ער דעריבער וואָס־גיכער זיך אָפּגעטראָגן פֿון די אויגן פֿון די געוו. קאַצעטלער, כדי אויסצומיידן מיט זיי צו האָבן חשבונות, וואָס וואָלטן געווים פֿאַר אים זיך געהאַט פֿאַרענדיקט פּאַטאַל...

די יעניקע מענטשן, וועלכע זיינען לויט זייערע כאַראַקטער־שטריכן פּעאיק זיך צוצופּאַסן צו פֿאַרשיידענע שווערע סיטואַציעס, האָבן לענגער זיך געהאַלטן אויפֿן אויבערפֿלאַך פֿון לעבן. די מער־רואיקערע מענטשן, וועלכע זיינען ניט

*) אן אנטלויזונגס־אַנשטאַלט פֿאר די קאצעטלער האָט מען איינגעאָרדנט ערשט אינמיטן־יאנואר 1945.

מסוגל צו גיין אומעטום מיט די עלנבויגנס פאָרויס, זיינען, דאַקעגן, גאָר גיך געוואָרן „מוזלמענער", ד. ה. פיזיש און גייסטיק אויסגעשעפּטע מענטשן — די ערשטע קאַנדידאַטן פאַר כלעריי סעלעקציעס.

לכתחילה פלעגן יעדן חודש פאָרקומען סעלעקציעס, בעת וועלכע פיל קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע קאַצעטלער פלעגן אַוועקגעשיקט ווערן אין די טויט־פאַבריקן אויף פאַרניכטונג. אַזעלכע גרעסערע סעלעקציעס זיינען אין די אַרבעטס־לאַגערן פאָרגעקומען אין אויגוסט, סעפּטעמבער און אָקטאָבער 1944.

שפּעטער־צו, ווען די דערנענטערנדיקע קאַטאַסטראָפע פונעם היטלעריש דייטשלאַנד האָט דאָך צעטרייסלט די אינערלעכע זיכערקייט פון די כלעריי הימ־לערס א. א. גרויזאַמע מאַסן־מערדער אינעם דריטן רייך, איז אָפּגעשטעלט גע־וואָרן די אויסראָטונג פון יידן דורך פאַרגאַזונגען און פאַרברענונגען. פאַר אָפּגע־שוואַכטע און קראַנקע מענטשן, וועלכע זיינען מער ניט געווען ביכולת צו אַרבעטן, זיינען דאַן געשאַפן געוואָרן די „שוינונגס־לאַגערן", ווו די מענטשן פלעגן, אמת, ניט דאַרפן אַרבעטן, אָבער באַקומענדיק נאָך ווייניקער ווי די געוויינלעכע קאַצעט־ראַציאָן, פלעגן זיי בפועל־ממש אויסגיין פון הונגער.

אויף ווי וויט מ'האָט די מענטשן פון די „שוינונגס־לאַגערן" באַטראַכט מער אַלס מתים, ווי לעבעדיקע, קען דינען דער פאַקט, וואָס מ'פלעגט פון זיי צונעמען זייערע קאַצעט־בגדים, און זיי פלעגן ליגן נאַקעט אויף די נאַרעס צו פיר־פינף מענטשן אונטער איין דעקע. אַזעלכע „שוינונגס־לאַגערן" זיינען אַרום לאַנדסבערג געווען דער לאַגער נומ. 4 און אַ געוויסע צייט אויך לאַגער נומ. 7. אין לאַגער 4, ווו ס'איז געווען אן ארט פאַר אַ ערך צוויי טויזנט מענטשן, פלעגט מען האַלטן מער ווי דאָפּלט.

טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געמוזט גיין אין די „שוינונגס־לאַגערן", האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דאָס איז זייער לעצטער וועג אין לעבן און פון דאָרטן וועלן זיי שוין צוריק ניט קומען. טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגן טאָקע דאָרטן יידן שטאַרבן אין די גראָבע צענדליקער, און זיי פלעגן דערנאָך אַריינגעוואָרפן ווערן אין די מאַסן־גריבער, אפשטמאָל נאָך מיט געוויסע סימנים פון לעבן.

לויטן באַפעל פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע פלעגן אין די ערטער, ווו מ'פלעגט צונויפפירן די מתים פאַרן באַגראָבן זיי, טאָג־טעגלעך מוזן קומען די פאָר ייד. צאָן־דאָקטוירים, כדי אַרויסצורייסן ביי די פאַרשטאָרבענע זייערע גאָלדענע ציין.

דעם פשוטן פאָלקס־מענטשן איז, ווי באַוווּסט, אויסגעקומען ניט ווייניק אויסצושטיין מצד פאַרשיידענע יידישע „מאַכטהאַבער" נאָך אין די געטאָ־צייטן. אין קאַצעט איז אָבער אין דעם פּרט די לאַגע געווען אַ פילפאַכיק־ערגערע. די

כלערליי יידישע „משׂינאָוונקעם" אין קאַצעט, ווי אַ שטייגער, קאַפּאָס, פּאָר־אַרבעטער, בלאָק־עלטעסטע, קיך־פערסאָנאַל א. א. יוצר־משרתים ביי די ס. ס.־לייט פלעגן דעם פּשוטן יידן דערגיין די יאָרן מיט זייער וועלן זיין „פּרימער ווי דער פּויפּסט", כדי וואָס־מער נושא־חן צו זיין ביי זייערע באַלעבאַטים, די ס. ס. מענער.

מיט סאַדיסטישער רציחה פלעגן אייניקע יידישע פאַרברעכערישע טיפּן, ווי למשל, די קאַפּאָס בורשטיין, גרינפעלד, וואַלפערט, שפּיגעל, איסערלים א. א. שלאָגן מכות־רצח די יידן פאַר פאַרשיידענע „חטאים" ביי דער אַרבעט, ביים גיין אין דער ריי, ביים שטיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ, ביים בעטן נאָך אַ פּאָרציע „זופּ" א. א. וו. איבערהויפּט פלעגט זייער רציחה זיין גרויס, ווען זיי פלעגן שלאָגן עמיצן אין דער אנוועזנהייט פון וועמען־ניט־איז פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. דאַן פלעגן זיי עס טאָן מיט אַ באַזונדערער „התלהבות"...

נאָך דער באַפרייאונג האָבן די דאָזיקע אויסוואורפן געוואָלט נעלם־ווערן פון דער פאַרדינטער נקמה מצד די קאַצעטלער. אייניקע פון זיי זיינען דאָך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון יידן, וועלכע האָבן זיי איבערגעגעבן דער אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט, וואָס האָט זיי אינטערנירט צוזאַמען מיט ס. ס.־לייט און געמאַכט איבער זיי משפּטים.

אחוץ די קאָוונער יידן, וואָס זיינען בעיקר געווען קאָנצענטרירט אין די לאַגערן נומ. 1 און 3, האָבן אין די אַנדערע לאַגערן אַרום לאַנדסבערג זיך געפונען ליטווישע יידן פון שאַוולער געגנט, ווי אויך יידן פון אַנדערע לענדער. אונגאַרישע יידן, למשל, זיינען שוין געווען אין די דאָרטיקע לאַגערן, איידער נאָך די קאָוונער און די שאַוולער יידן זיינען אהין געקומען. שפּעטער־צו, ווען די דייטשן האָבן מחמת דער סאָוועטישער אָפענסיווע אָנפאַנג־1945 עוואַקואירט אוישוויץ, זיינען פון דאָרטן אַריבערגעפירט געוואָרן אין די לאַגערן אַרום לאַנדסבערג פּוילישע, טשעכישע, גריכישע, אונגאַרישע א. א. יידן, וועלכע האָבן אין אוישוויץ געאַרבעט אין פאַרשיידענע אַרבעטס־קאָמאַנדעס.

* * *

ניט געקוקט אויף די אויסערגעוויינלעך־שווערע לעבנס־תנאים און שטרענגן קאַצעט־רעזשים, פלעגן די געזעלשאַפטלעך־אַקטיווערע פּערזאָנען פון צייט־צו־צייט אין געהיים אָרגאַניזירן אין די באַראַקעס פאַר גרופּקעס מענטשן שמועסן וועגן די געשעענישן אויף די פראָנטן, וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, וועגן אַלגעמיינע אָדער יידישע פּראָבלעמען א. א. וו. דער ציל פון דער דאָזיקער געהיימער קולטור־אַרבעט פלעגט זיין צו הויבן דעם מוט ביי די קאַצעטלער און צו קרעפטיקן זייער האָפענונג אין דער אומפאַרמיידלעכער מפּלה פון די נאַצים. אויף

פֿאַרשיידענע אופֿנים פֿלעגן יידן זוכן צו דערגיין וועגן דער לאַגע אויף די פֿראָנטן און וואָס ס'הערט זיך אין דער וועלט.

פֿון די פּערזאָנען, וואָס פֿלעגן אָנפֿירן מיט די דאָזיקע שמועסן, איז נוטיק צו דערמאָנען: אינזש. מ. בלומענטאַל — סטראַטעגישע לאַגע אויף די פֿראָנטן; מיכאל בורשטין, פּויליש־יידישער שריפֿטשטעלער — דער לאַגער־מענטש; אַדוו. ל. גאַרפֿונקעל — יידישע געז. פּראָבלעמען; דר. ש. גרינהויז — פּאָליטישע געשעענישן; דר. ל. גאָלדשטיין — פּאָפּולער־מעדיצינישע שמועסן; מ. בראַמסאָן — קאָוונער געטאָ־ענינים; אַראָנאָווסקי — ארץ־ישראל־פֿראַגעס א. א. וו.

די לאַגער־מענטשן פֿלעגן זייער גערן זיך צוהערן צו די דאָזיקע שמועסן, בעיקר צו די קאָמענטאַרן בנוגע דער לאַגע אויף די פֿראָנטן, און פֿיל פֿון זיי פֿלעגן אַקטיוו זיך באַטייליקן אין די דיסקוסיעס.

יידן האָבן אויך געוווּסט, ווען ס'פֿאַלט אוים אַ יידישער יום־טוב. חנוכה, פּורים אד"גל פֿלעגט די שטימונג ביים עולם זיין אַ פֿיל־געהויבענערע, ווי אַלע טאָג. די היסטאָרישע פּאַראַלעלן פֿון דער פֿיל־געפּרווּוטער יידישער פֿאָלקס־דערפֿאַרונג פֿלעגן ווירקן דערמוטיקנדיק. רעליגיעזע יידן פֿלעגן זיך מיען בגנבה אריינצוכאַפּן אַ דאַוונען אין אַ מנין א. א. וו.

* *
*

די מלחמה איז דערווייל מיט ריזיקע שריט געגאַנגען צו איר לאַנג־געגאַרטן פֿינאַל. ערב־פֿרילינג 1945 האָט ענדלעך זיך אָנגעהויבן די געמיינזאַמע גרויס־אָפֿענסיווע פֿון די סאָוועטן אין מזרח און פֿון די אַנגלאָ־זאַקסן אין מערב. די האָ־פֿענונג צו דערלעבן די באַפֿרייאונג איז ביים הייפֿל לעבן־געבליבענע קאַצעט־יידן פֿון טאָג־צו־טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער. אַלע האָבן געפֿילט, אַז גאָר, גאָר בקרוב וועט דאָס היטלערישע דייטשלאַנד פֿולשטענדיק צוזאַמענברעכן.

ווען דער פֿאַרויסמאַרש פֿון די ענגליש־אַמעריקאַנישע מיליטער־טיילן איז אין דער אַנדער העלפֿט אַפּריל 1945 אָנגעגאַנגען מיטן פֿולן דאַמף, איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'דערנעענטערן זיך גורל־אַנטשיידנדיקע טעג פֿאַרן רעשט יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן.

די געזעלשאַפֿטלעך־באַוווּסטזיניקערע עלעמענטן סיי מצד די לינק־געשטימ־טע, סיי מצד די ציוניסטיש־אָריענטירטע קאַצעט־יידן האָבן גענומען זיך גרייטן צו אָרגאַניזירן אין געהיים זייערע אָנהענגער, כדי אַרויסצוטרעטן מיט אַקטיווע מעשים דאַן, ווען ס'וועט קומען אין די לאַגערן צו אַ קריטישן מאָמענט.

דעם 24־טן אַפּריל 1945, האַרט פאַרן ענדגילטיקן קראַך פון דער היטלערי־שער מיליטערישער מאַשין, ווען שפּיצן פון אַמעריקאַנער אַרמיי־איינהייטן האָבן מיט א קאָלאָסאַלן טעמפּאָ זיך געהאַט באַוועגט אין דער ריכטונג צו דאַכאַו, איז פּלוצלונג אנגעקומען אַ באַפעל צו עוואַקואירן די לאַגערן, וואָס האָבן געהערט צום קאַצעט דאַכאַו. אַנדערע לאַגערן האָבן שוין פריער געהאַט באַקומען דעם באַפעל פון עוואַקואַציע.

די אָפיציעלע ווערסיע מצד די נאַצים איז געווען, אַז דער ציל פון עוואַ־קואַציע איז צו ברענגען די קאַצעטלער צו דער שווייצאַרישער גרענעץ, ווו לויט דער פאַרמיטלונג פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן־קרייץ, וועלן זיי אויסגעביטן ווערן קעגן דייטשע קריגס־געפאַנגענע, וואָס געפינען זיך אין רשות פון די אַליאירטע מלוכות.

הגם דער לאַגער־עולם האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט קיין גרונט צו גלויבן אין דער אָפיציעלער דערקלערונג, איז דאָך ניט געווען קיין אַנדער ברירה ווי זיך צו לאָזן פירן אין אומבאַקאַנטן עוואַקואַציע־מאַרש. זיך קעגנשטעלן דער עוואַקואַציע איז ניט געווען מעגלעך.

לויט דער אָנמעלדונג, האָבן געזאָלט גיין צופוס אין מאַרש נאָר די געזונטע־רע מענטשן. די קראַנקע און שוואַכע פון די קראַנקן־רעווירן און פון די „שוי־נונגס־לאַגערן" האָט מען געגומען קאָנצענטרירן אין לאַגער 1, וואָס איז פריי־גע־וואָרן, ווייל די מענטשן זייגען שוין געווען אַרויס אין מאַרש. פיל אָפּגעשוואַכטע מענטשן האָבן אָבער געפּרוווט מיטגיין צופוס, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז קודם־כל וועט מען מסתמא אומברענגען די קראַנקע און שוואַכע.

ווי מ'האָט בשעתו געהאַט געדערט, איז לכתחילה טאַקע יאָ געווען אַ באַפעל צונויפצוברענגען די קראַנקע אין אַ באַראַק און אים אונטערצינדן צוזאַמען מיט די מענטשן. צוליבן קאָפּ־שווינדלדיקן טעמפּאָ פון דער אָפענסיווע, האָט אָבער קיינער פון די אַרטיקע ס. ס.־לייט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך אַזאַ שטיקל אַרבעט. זיי האָבן דעריבער די קראַנקע געגומען עוואַקואירן קיין דאַכאַו. אַ טייל חולאים האָבן זיי באַוויזן אַהין אַריבערצופירן, אָבער די מערהייט איז געבליבן אויף אַן אָרט און איז דאָרטן אנפאַנג־מאַי באַפרייט געוואָרן.

פיזיש־און גייסטיק־אויסגעשעפּטע פונעם קאַצעט־לעבן, האָבן זייער פיל יידן ניט געקענט נאָכהאַלטן דעם טעמפּאָ פון מאַרש, און זיי האָבן געגומען אָפּשטיין אין וועג. די מערדערישע ס. ס.־פּאָסטנס, וואָס האָבן באַגלייט די קאַצעטלער, האָבן ביי דער געלעגנהייט אומגעבראַכט פיל מענטשן דורכן דערשיסן די אָפּגע־שטאַנענע אונטערוועגס.

דערזעענדיק אַזאַ רוצחישע באַציאונג צו די מאַרשירנדיקע קאַצעטלער מצד דער וואַך, האָט יעדער איינער מיט די לעצטע כוחות זיך אנגעשטרענגט ניט אָפּצושטיין אין מאַרש און מיטצוגיין מיט אַלעמען. די קרעפטיקערע מענטשן האָבן מיטגעהאָלפן זייערע אָפּגעשוואַכטע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אַליין שוין ניט געהאַט קיין כוח צו גיין.

שפּעטער־צו איז געוואָרן אויפגעקלערט, אַז מצד די נאַציס איז טאַקע געווען געפּלאַנט די געזונטערע מענטשן צו וואַקואירן אין די טיראָלער בערג, ווו היטלערס דריטער רייך האָט געהאָפט, נאָכן פאַרלירן די פּאָזיציעס אין דייטשלאַנד, פאַרצוזעצן דעם קאַמף קעגן די אַליאירטע. די קאַצעט־מענטשן וואָלטן אין אַזאַ פאַל פאַרוואַנ־דעלט געוואָרן ווי אַרבעטס־קרעפטן ביי די פאָרטיפיקאַציע־אַרבעטן.

דער וועג צו טיראָל איז שוין אבער געווען אָפּגעשפּאַרט דורך אַליאירטע אַרמיי־טיילן. די ס. ס.־לייט, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן מאַרש, האָבן געפּרווט פירן די וואַקואירנדיקע אַהין און אַהער, זוכנדיק אַן אויסוועג פון דער לאַגע.

פון די העפטיקע באָמבאַרדירונגען מצד די אַליאירטע פליער אויף די אָפּ־טרעטנדיקע דייטשע חילות, האָבן אויך געליטן ניט ווייניק יידן. אַזוי, אַ שטייגער, איז אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע שוואבהאוזען*) באָמבאַרדירט געוואָרן אַ דייטשער מיליטערישער צוג, וואָס איז געשטאַנען בשכנות פון אַ קאַצעטלער־עשאַלאָן. פונעם דאָזיקן לופט־אַנגריף זיינען העכער הונדערט קאַצעטלער אומגע־קומען און אַ היפּש ביסל איז אויך פאַרוואונדעט געוואָרן. פיל מענטשן זיינען דאַן אויך דערשאָסן געוואָרן מצד די ס. ס.־פּאָסטנס, וואָס האָבן אויף זיי געעפנט אַ פייער, בעת זיי זיינען געלאָפן אינעם דערבייאיקן וועלדל זיך אויסבאַהאַלטן פון דער באָמבאַרדירונג. די דייטשן פלעגן בכיון מאַסקירן זייערע מיליטערישע טראַנספּאָרטן מיט וואַקואירנדיקע קאַצעטלער, און די אַליאירטע פליער האָבן, אויספירנדיק זייערע מיליטערישע אויפגאַבעס, אומדירעקט גורם־געווען דעם אומקום פון הונדערטער יידן.

פון שעה־צו־שעה איז אַלץ ענגער געוואָרן דער פייער־רינג אַרום די רעשט־לעך פונעם פולשטענדיק־צעקלאַפּטן דייטשן מיליטער, ביז די שפּיצן פון דער רומפולער אַמעריקאַנער אַרמיי האָבן ענדלעך דערגרייכט די מאַרשירנדיקע קאַ־צעטלער און זיי באַפרייט.

היות אין וואַקואַציע־מאַרש זיינען געווען אַרום ניט אַלע לאַגערן צוזאַמען, נאָר מ'האָט די מענטשן געפירט אין מערערע פּאַרטיעס, אָפּגעזונדערטע איינע פון די אַנדערע, איז אויך זייער באַפרייאונג פאָרגעקומען ניט אין זעלבן אָרט און ניט אין זעלבן טאָג.

*) ניט ווייט פון קאַופערינג.

אַזוי, למשל, זיינען די מענטשן אַרום לאַנדסבערג באַפרייט געוואָרן דעם 28=טן אַפּריל, בשכנות פון דאַכאו — דעם 29=טן אַפּריל, ביי אַלאַך *) — דעם 30=טן אַפּריל, אין בוכבערג **) — דעם 1=טן מאי, אין באַד=טעלץ ***) — דעם 2=טן מאי א. א. וו.

הגם מחמת די גרויליקע איבערלעבונגען אין קאַצעט זיינען די חושים ביי די מענטשן געוואָרן שטאַרק אַטראָפּירט, איז דאָך זייער שמחה און איבערראַשונג צוליבן דערלעבן די באַפרייאונג געווען אומגעהויער גרויס. מענטשן זיינען געפאַלן זיך קושן, געוויינט פון פרייד און געמאַכט שהחיונו... אַלץ איז עפּעס אויס=געקומען ווי אין א חלום, ניט אויף דער וואָר. מ׳האָט זיך אַלץ ניט געגלויבט, אַז דאָס געשעט אויף אַן אמתן... ס׳האָט אויסגעזען, ווי יעדער איינער וואָלט וועלן אַן איבעריקן מאָל זיך איבערצייגן אין דעם, צי אויך ער געהערט טאַקע צו די יחידי=סגולה, וואָס האָבן ענדלעך דערלעבט די פּאַרווירקלעכונג פונעם יאָרלאַנגן= טרוים — די באַפרייאונג פונעם שוידערלעכן היטלער=גיהנום.

אינעם דאָזיקן דערהויבענעם מאָמענט, וואָס איז געווען פול מיט אומפאַר=שטעלבאַרן גליק, זיינען יעדערנס מחשבות. געווען געווענדעט צו זיינע נאָענטע און טייערע, וועלכע האָבן ניט זוכה=געווען צו דערלעבן דעם מאָמענט פון גאולה. גע=פילן פון שמחה און צער האָבן זיך אַזוי אויסגעמישט מיטאַנאַנד, אַז ס׳איז מאָמענטווייז געווען שווער צו זאָגן, וועלכער געפיל איז שטאַרקער...

די באַנעמונג מצד די אמעריקאַנער טרופּן צו די באַפרייטע מענטשן איז געווען אַן אויסערסט= הומאַניסטישע. אויך די באַפרייער זיינען געווען שטאַרק גערירט פונעם דראַמאַטישן מאָמענט ביים באַפרייען די קאַצעטלער. טיילנדיק אויף רעכטס און אויף לינקס עסנוואַרג, ציגאַרעטן, שאָקאָלאַד א. א. מתנות האָבן זיי דורך דעם אויסגעדריקט זייער מיטשמחה ביים ראַטעווען די מענטשן פון אומקום.

איבערנעמענדיק די זאָרג פאַר די באַפרייטע קאַצעטלער, האָבן זיי אַלץ גע=טאָן, אַז די לעבן=געבליבענע מענטשן זאָלן וואָס=גיכער קומען צו זיך, בפרט האָבן זיי זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט די קראַנקע און שוואַכע, פאַר וועמען זיי האָבן איינגעאָרדנט שפּיטעלער מיט אַלע נויטיקע מעדיצינישע איינריכטונגען.

די אויסגעהונגערטע מענטשן האָבן אַזוי שטאַרק זיך צוגעכאַפּט צו דער אכילה, אַז פיל פון זיי האָט עס פאַרשאַדט, און זיי זיינען דערפון קראַנק געוואָרן. געווען צוליב דעם אפילו אויך ניט ווייניק טויט=פאַלן. ניט קומענדיק צו זיך פון

*) אין דער געגנט פון דאַכאַו.

**) בשכנות פון פערנוואַלד.

***) דרום׳דיק פון מינכען, ניט ווייט פון דער עסטרייכישער גרענעץ.

די אַלע שלעק און פּורעניות אין די קאַצעטן, זיינען פיל מענטשן געשטאָרבן שוין נאָך דער באַפרייאונג. די מערהייט באַפרייטע האָט אָבער מיטדערצייט זיך יאָ געגומען אָפּכאַפּן פון די אַלע שווערע איבערלעבונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די גרויזאַמע היטלער־יאָרן, בפרט אינעם קאַצעט־גהינום.

*  *

*

אין קאַצעט שטוטהאָף זיינען נאָך די סעלעקציעס אויף מוטערס מיט קינדער און אויף עלטערע און שוואַכערע פרויען געבליבן איבער דריי טויזנט יינגערע און געזינטערע פרויען, וועלכע מ'האָט גענומען פונאַנדערשיקן אויף אַרבעט אין די פאַרשיידענע אַרבעטס־לאַגערן אין פּרייסן.

אַן ערך טויזנט פרויען האָט מען פון שטוטהאָף פאַרשלעפּט אין אַ דאָרף מ ר ו נ ץ, ביי עלבינג, וווּ זיי זיינען אָפּגעווען אַ פּאָר וואָכן צייט. פון דאָרטן האָט מען זיי שפּעטער־צו אַריבערגעהויבן קיין ל י ו ב י ט ש, ביי טאָרן.

אין ליוביטש האָט מען די ייִד. פרויען איינגעקוואַרטירט אין אַ געביידע פון אַ גרויסער מיל, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע קמ. פון שטאָט. נאָכן איינשטעלן אין פרויען־לאַגער דעם געהעריקן קאַצעט־רעזשים, האָט מען די פרויען טאָג־טעגלעך געפירט אויף פאָרטיפיקאַציע־אַרבעטן, וואָס זיינען בעיקר באַשטאַנען אין גראָבן שוץ־גריבער.

אין פאַרגלייך מיטן אויסערסט־שטרענגן רעזשים, וואָס די מענער האָבן גע־האַט אין די דאַכאַוער אַרבעטס־לאַגערן, האָבן די פרויען געהאַט, לפי־ערך, לייכ־טער. ניט נאָר די עצם אַרבעט, נאָר אויך די באַציאונג צו זיי מצד די פּאָסטנס איז ניט געווען אַזאַ גרויזאַמע און אומדערטרעגלעכע, ווי אין די אַרבעטס־לאַגערן פאַר מענער.

כדי צו שטילן דעם הונגער, פלעגן פיל פרויען זיך אָפּגנבענען פונעם אַרבעטס־פּלאַץ, און זיי פלעגן אַוועקלויפן צו די אַרומיקע פויערים אויסבעטלען אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ שטיקל ברויט א. א. וו. אמת, ביים כאַפּן אַ פרוי ביי אַזאַ „פאַר־ברעכן", פלעגן די פּאָסטנס מערדערלעך זי שלאָגן, אָבער דער דראַנג כאָטש וויפיל־ניט־איז צו שטילן דעם הונגער איז געווען אַזוי גרויס, אַז די סאַדיסטישע באַ־שטראָפונגען זיינען דאָך ניט געווען ביכולת אָפּצוהאַלטן די פרויען פון לויפן בעטלען אַ ביסן ברויט. צוליב דעם איז ביי די פרויען אין ליוביטשער לאַגער ניט געווען צו מערקן אַזאַ פיזישע אויסשעפּונג פון הונגער און עבודת־פּרך, ווי אין די דאַכאַוער אַרבעטס־לאַגערן.

דאָך איז אויך די לאַגע פון די פרויען געווען גענוג פינצטער און ביטער. ענלעך ווי אין די מענער־לאַגערן, האָט אויך אין די לאַגערן פאַר פרויען געהערשט

אַ שרעקלעכע ענגשאַפט און שמוץ, אַ מאַנגל אין בגדים און שיך, אַ באַליידיקנדי־קע באַציאונג מצד די כוליגאַנישע ס. ס.־פּאָסטנס און מצד די „אויסדערוויילטע" יידישע פרויען, וועלכע זיינען פון דייטשן באַשטימט געוואָרן צו זיין די אויפ־זעערינס ביי דער אַרבעט, אין לאַגער, אין קיך א. א. וו.

גיט מען נאָך צו, אַז אויך די פרויען זיינען געווען זייער פאַרלייזיקט, וואָס ס'האָט גורם געווען די פאַרשפּרייטונג פון עפּידעמישע קראַנקהייטן, און אַז אין לאַגער איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו באַקומען עלעמענטאַרע מעדיצינישע הילף, ווערט קלאָר, פאַרוואָס גאָר גיך זיינען פיל פרויען אַוועק פון דער וועלט און נאָך מער האָבן אנגעוואָרן זייער לעצט ביסל געזונט.

די אָפּגעשוואַכטע פרויען פלעגן אָפּגעשיקט ווערן אין שטוטהאָף, ווי דאָס האָט געהייסן, „אויף דערהוילונג". פאַקטיש פלעגט מען זיי דאָרטן אומברענגען און פאַרברענען אין קרעמאַטאָריעס.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צוצוגעבן, אַז איינמאָל, בעת מ'האָט גע־האַלטן אין אָפּשיקן אַ גרעסערע פּאַרטיע אָפּגעשוואַכטע פרויען קיין שטוטהאָף „זיך אָפּצורוען", האָבן אויך עטלעכע צענדליק אַ ביסל געזינטערע פרויען גע־בעטן די לאַגער־אַדמיניסטראַציע, מ'זאָל זיי דערלויבן מיטצוקומען קיין שטוט־האָף אויף אַ פּאָר טעג זיך אָפּצורוען. זייער בקשה איז, פאַרשטייט זיך, באַפרי־דיקט געוואָרן. סיי די מער־אָפּגעשוואַכטע, סיי די ווייניקער־אָפּגעשוואַכטע פרויען זיינען אין שטוטהאָף אומגעבראַכט געוואָרן.

ווען די סאָוועטישע חילות האָבן בעת דער ווינטער־אָפענסיווע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 14־טן יאַנואַר 1945, זיך דערנענטערט צו טאָרן, האָט מען דעם דאָזיקן פרויען־לאַגער אייליק גענומען עוואַקואירן פון ליובּיטש. געפירט האָט מען די פרויען פון ליובּיטש קיין טאָרן און פון טאָרן — אין דער ריכטונג צו בראָמבערג.

ענלעך ווי ביים עוואַקואַציע־מאַרש פון די מענער, האָבן אונטערוועגס אויך פיל פרויען ניט געקענט מיטהאַלטן דעם טעמפּאָ פון מאַרש, און די ס. ס.־לייט האָבן אַ היפּשע צאָל פרויען דערשאָסן אויף אַן אָרט. באָרוועסע, נאַקעטע, פאַר־הונגערטע האָבן די פרויען זיך געשלעפּט אין די גרויסע קעלטן פון יאַנואַר חודש. אַ סך פרויען האָבן בעתן מאַרש אָפּגעפרוירן פיס, הענט, א. א. גלידער.

זעענדיק, אַז די רוסן זיינען שוין גאָר נאָענט, זיינען די ס. ס.־פּאָסטנס אייליק נעלם־געוואָרן, איבערלאָזנדיק די פרויען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם וואַלד, וואָס האָט זיך געפונען אָן אַ זייט פון וועג צווישן טאָרן און בראָמבערג, אַ 20 קמ. פון טאָרן.

פאַר דער צייט האָבן אַנדערע סאָוועטישע אַרמיי־טיילן פאַרנומען בראָמבערג. זיך דערוויסנדיק, אַז צווישן טאָרן און בראָמבערג האַלט אין מאַרשירן אַ יידישער

פּרויען־לאַגער, זיינען סאָוועטישע אויסשפּיר־טײלן אַרויסגעפאָרן אויסזוכן די יידישע פּרויען, כדי זיי צו באַפרייען.

אַזוי ווי די פרויען זיינען געווען פאַרשלעפּט אין אַ וואַלד, אָן אַ זייט פון וועג, האָבן די רוסן זיי קוים געפונען. באַפרייט געוואָרן זיינען די דאָזיקע פרויען דעם 23־טן יאַנואַר 1945.

* * *

אַחוץ די קאָוונער פרויען, וועלכע מ'האָט פאַרשלעפּט קיין ליוביטש, האָט מען פון שטוטהאָף אַ גרויסע פּאַרטיע קאָוונער פרויען איבערגעשיקט קיין ד ע ר ב ע ק, אַ קליינער ישוב ביי עלבינג.

צו יענער צייט האָבן אין דערבעק עקזיסטירט מערערע גרויסע פרויען־לאַגערן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים גראָבן שוץ־גריבער א. א. פּאָרטיפיקאַציע־אַרבעטן. אין די דאָזיקע לאַגערן האָבן אויסער די קאָוונער און שאַוולער פרויען אויך געאַרבעט יידישע פרויען פון אונגאַרן א. א. לענדער.

נאָכן אָפּאַרבעטן אין דערבעק אַ 5—6 וואָכן, האָט מען פון דאָרטן אַ זיבן־אַכט הונדערט קאָוונער פרויען איבערגעשיקט קיין מ אַ ל ק י ן, אַ קליינער ישוב נים ווייט פון שטראַסבורג אין מערב־פּרייסן.

אויך אין מאַלקין האָט מען די פרויען באַשעפטיקט ביי פאַרשיידענע פּראָנט־בוי־אַרבעטן, און זיי האָבן זיך דאָרטן געפּלאָגט פונקט אַזוי, ווי אין אַלע אַנדערע נאַצישע קאַצעטן.

אין אַ חודש אַרום נאָך זייער קומען קיין מאַלקין, איז דאָרטן פאָרגעקומען אַ סעלעקציע אויף אָפּגעשוואַכטע פרויען. אַ פּאָר הונדערט פרויען זיינען דאַן פון מאַלקין איבערגעשיקט געוואָרן קיין שטוטהאָף, וווּ זיי האָבן געהאַט דעם זעלבן סוף, ווי אַלע אָפּגעשוואַכטע פרויען אין שטוטהאָפער פאַרניכטונגס־לאַגער.

בעת דער צווייטער סעלעקציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין עטלעכע וואָכן אַרום, נאָך דער ערשטער, זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אַ הונדערט פרויען, וועלכע מ'האָט אויך אָפּגעשיקט קיין שטוטהאָף.

צום עוואַקואַציע־מאַרש, וואָס האָט אין מאַלקין זיך אָנגעהויבן דעם 18־טן יאַנואַר 1945, האָבן דערצויגן נים מער ווי אַ 5 הונדערט פרויען. פון דאָרטן האָבן די פרויען איבער צוויי וואָכן מאַרשירט קיין פּ ר אַ ו ס ט, וווּ זיי האָבן שוין געטראָפן פיל פרויען, בתוכם אויך קאָוונער, פון אַנדערע עוואַקואירטע לאַגערן.

פון פּראַוסט האָבן זיי ווייטער מאַרשירט ביז כ י נ אָ ו, ביי לאַוענבורג, וווּ זיי זיינען אויסגעווען פון 20־טן פעברואַר ביזן 10־טן מערץ 1945, ווען זיי זיינען באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

אין כינאָוו האָט מען איבער טויזנט פרויען צונויפגעטריבן אין אַ שייער אויף אַן אָפענעם פעלד. צוליב דער אויסערגעוויינלעכער ענגשאַפט, שמוץ, הונגער און קעלט, איז דאָרטן אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע טיפוס־עפידעמיע, פון וועלכער ס׳זיינען במשך די דריי וואָכן צייט אויסגעשטאָרבן הונדערטער פרויען. די קראַנקע פלעגן זיך ממש וואַלגערן אונטער די פיס פון די געזינטערע, וועלכע פלעגן אין אַ קורצער צייט ארום אויך קראנק ווערן. ס׳האָט דאָרטן ניט עקזיסטירט קיין מחיצה צווישן די געזונטע, קראנקע און געשטאָרבענע. אלץ האָט זיך גע־פלאָנטערט מיטאנאנד און מ׳קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן, וואָס פארא שוידערלעכע סצענעס מ׳האָט דארטן געקענט זען... ערשט שפּעטער האָט מען גענומען די געשטאָרבענע אריינוואַרפן אין גריבער, וועלכע האָבן זיך געפונען לעבן שייער. פארשיטן פלעגט מען די גריבער ערשט דאַן, ווען זיי פלעגן פול ווערן מיט מתים.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די נעוו. יידישע לאַגער־עלטעסטע פון מאלקין, דאָראַ ארבעטער, וואָס איז געווען אַן עכטער אונטערוועלט־טיפּ און האָט זיך זייער שטארק איזדעקעוועט איבער די פרויען, איז נאָך דער באַפרייאונג מצד די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען פארמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר שווערע תפיסה.

* * *

א פּאָר הונדערט קאָוונער פרויען האָט מען פון דערבעק אריבערגעפירט קיין ג ו ט אַ ו. אינעם דאָזיקן לאַגער זיינען, אויסער די קאָוונער פרויען, געווען א פינף־זעקס הונדערט ייד. פרויען פון אונגארן און א פּאָר הונדערט פרויען פון שאַוולער געטאָ. בסך־הכל זיינען, אלזאָ, אין אָט דעם פרויען־לאַגער געווען קרוב צו טויזנט ייד. פרויען.

געארבעט האָבן אויך די דאָזיקע פרויען ביים גראָבן שוץ־גריבער, און זיי האָבן אדורכגעמאכט אלע שבעה־מדורי־גיהנום פון א היטלערישן קאצעט. א גרעסערע צאָל אָפּגעשוואכטע פרויען איז אויך פון דאָרטן איבערגעשיקט געוואָרן קיין שטוטהאָף אויף פארניכטונג.

ווען מחמת דער סאָוועטישער ווינטער־אָפענסיווע האָט מען דעם לאַגער גענומען עוואקואירן, זיינען דאָרטן געווען אַן ערך אכט הונדערט פרויען, פון וועלכע א פינף הונדערט האָבן געקענט מיטמאכן דעם עוואקואַציע־מארש, און די איבעריקע זיינען געווען אויף אזוי פיל אָפּגעשוואכט, אז מ׳האָט זיי אין מארש ניט געקענט מיטנעמען.

לויט אַ באַפעל פון העכער, אָדער לויט דער אייגענער איניציאַטיוו, האָט די לאַגער־אדמיניסטראציע די דאָזיקע אָפּגעשוואכטע פרויען איינגעשפּריצט א גיפט־סערום, מיטן ציל זיי אומצוברענגען.

צוליב אומאויפגעקלערטע סיבות האָבן אָבער די איינשפּריצונגען ניט גע־ווירקט. צי דאָס איז געשען מחמת דעם, וואָס אנשטאָט צו מאַכן די איינשפּרי־צונגען אינטראַווענעז, האָט מען אין גרויס איילעניש צוליב דער עוואַקואַציע זיי געמאַכט אינטראַמוסקולער, אָדער צוליב עפּעס אנדערש, — צום גליק האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז פון די דאָזיקע איינשפּריצונגען זיינען קיין סך טויט־פאַלן ניט געווען. אויסער אַ קליינער צאָל פרויען, וואָס איז געשטאָרבן פון בלוט־פאַרגיפטונגען אָדער אנדערע קאָמפּליקאַציעס, זיינען כמעט אַלע איבעריקע פרויען געבליבן לעבן. אין אַ פּאָר טעג ארום זיינען זיי באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער ארמיי, וואָס האָט פאַרנומען די דאָזיקע געגנט.

אויך די געזינטערע פרויען זיינען נאָך אַ צוויי־טאָגיקן מאַרש דעם 22־טן יאַנואַר באַפרייט געוואָרן דורך די רוסן ניט ווייט פון נייטאַרק.

* *
*

עטלעכע הונדערט פרויען זיינען פון שטוטהאָף געבראַכט געוואָרן קיין ריבערג, ביי עלבינג, וווּ מ'האָט זיי געהאַלטן אַ חודש צייט. פון ריבערג האָט מען זיי אריבערגעפירט קיין שטאָבאָי, ניט ווייט פון ריבערג. דאָרטן זיינען זיי אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אָנדערהאַלבן חדשים און מ'האָט זיי פאַרשלעפּט קיין נידערוואַרבן. אין נידערוואַרבן איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע, בעת וועלכער עטלעכע צענדליק פרויען האָט מען אָפּגעשיקט קיין שטוטהאָף אויף פאַר־ניכטונג.

אין עטלעכע וואָכן ארום האָט מען די פרויען פון נידערוואַבן אריבערגעפירט קיין האָהענעק, לעבן ניימאַרק. געווען איז עס שוין אין דעצעמבער 1944. דאָרטן, אין האָהענעק, איז פאָרגעקומען אַ נייע סעלעקציע. די העכער הונדערט אָפּגע־סאָרטירטע פרויען, וועלכע מ'האָט געזאָלט איבערשיקן קיין שטוטהאָף, האָט מען אוועקגעפירט קיין מאַלקין, ווייל צו יענער צייט האָט אין שטוטהאָף געהערשט אַ טיפוס־עפּידעמיע, און דער קאַצעט שטוטהאָף איז צייטווייליק געווען געשלאָסן.

די געזונטע פרויען פון לאַגער האָהענעק האָט מען אין יאַנואַר 1945 גע־זאָלט עוואַקוּאירן קיין דאַנציק. צוליב דער סאָוועטישער אָפענסיווע איז שוין דאַן דער דירעקטער וועג קיין דאַנציק געווען אָפּגעשפּאַרט. מ'האָט דעריבער די פרויען געבראַכט קיין פּראַוסט, פון וואַנען מ'האָט זיי מיט נאָך פרויען אוועקגעפירט קיין כינאָוו. דאָרטן זיינען זיי אויסגעווען אַ פּאָר וואָכן צייט, און זיי האָבן אדורכ־געמאַכט אַלע גרוזאַמקייטן אינעם טרויעריק־באַרימטן שייער. באַפרייט געוואָרן זיינען זיי דורך די רוסן דעם 10־טן מערץ 1945.

* *
*

עטלעכע צענדליק קאָוונער פרויען זיינען געוואָרן פארשלעפּט צוזאמען מיט שאוולער א. א. ייד. פרויען קיין סאָפּיענוואַלד, ביי בערענט. דאָרטן זיינען זיי אויסגעווען פון סוף־אויגוסט ביז אָנהויב־פעברואר 1945, ווען מ׳האָט דעם לאגער גענומען עוואקואירן. נאָך א זעקס־טאָגיקן מארש איז דער לאגער אָנגעקומען קיין גאָטענהאָף, ווו ס׳איז געווען א זאמל־לאגער פאר עוואקואירנדיקע קאצעטלער. אינעם דאָזיקן לאגער זיינען זיי אָנגעקומען דעם 12־טן פעברואר, און זיי זיינען דאָרטן געווען ביזן 9־טן מערץ, ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען קיין בינאָוו. אין זעלבן טאָג פון זייער קומען קיין בינאָוו, ד.ה. דעם 10־טן מערץ, זיינען זיי דורך די סאָוועטן באפרייט געוואָרן.

* *
*

אַ קליינע צאָל קאָוונער פרויען איז צוזאמען מיט עטלעכע הונדערט פרויען פון שאוולער געטאָ און פון אונגאַרן איבערגעשיקט געוואָרן אין די דאַכאַוער ארבעטס־לאגערן פאר מענער. דער דאָזיקער פרויען־לאגער, וואָס האָט געבילדעט אַ מין אינדזל אינעם ים פון די דאָרטיקע מענער־לאַגערן, האָט, לפי־ערך, געהאט ניט שלעכט. אינדערצייט, ווען צו די מענער איז געווען אן אויסערסט־גרויזאמע באציאונג, האָט די לאגער־אדמיניסטראציע צו די פרויען זיך באַ־צויגן גוט אזוי שטרענג, און זיי האָבן דאָרט געהאט פיל בעסער, ווי אין די אנדערע פרויען־לאַגערן.

צווישן די אונגארישע פרויען, וועלכע זיינען אהין געבראכט געוואָרן, איז געווען א קליינע צאָל שוואנגערע פרויען, וואָס האָבן דאָרטן געבוירן קינדער. די לאגער־אדמיניסטראציע האָט די ניי־געבוירענע קינדער*) ניט אומגעבראכט, און די קינדערלעך צוזאמען מיט די מוטערס זיינען סוף־אַפּריל 1945 באפרייט גע־וואָרן דורך אמעריקאנער ארמיי־טיילן.

* *
*

נאָכדעם, ווי ס׳רוב געזינטערע פרויען זיינען פון שטוטהאָף פונאנדערגעשיקט געוואָרן אין פארשיידענע ארבעטס־לאגערן, זיינען אייניקע הונדערט פרויען פון קאָוונער געטאָ געבליבן ארבעטן אין שטוטהאָף גופא. א טייל פון אָט די פרויען האָט געאַרבעט אין די דאָרטיקע קראַנקן־רעווירן און די איבעריקע — אין די פאַר־שיידענע ווארשטאטן.

אין אָקטאָבער 1944 איז א גרעסערע פארטיע פרויען אוועקגעשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין די אַרומיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע הויפן. געאַרבעט האָבן

---

*) זיבן זיינען זיי געווען.

זיי דאָרטן א פּאָר חדשים און דערנאָך זיינען זיי צוריקגעבראַכט געוואָרן אין שטוטהאָפער לאַגער. הגם די ייד. פרויען האָבן זייער שווער געהאָרעוועט ביי די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, האָבן זיי דאָך אין פּרט פון באַשפּייזונג געהאַט פיל בעסער, ווי אין שטוטהאָף.

אחוץ די אַרבעטנדיקע פרויען, איז אין שטוטהאָף, ווי געזאָגט, געווען א גרויסע צאָל אַלטע און שוואַכע פרויען, וועלכע פלעגן בהדרגה'דיק פאַרניכטעט ווערן אין די דאָרטיקע קרעמאַטאָריעס. כמעט יעדן טאָג פלעגן דאָרטן פאָרקומען סעלעקציעס אויף די עלטערע און קראַנקע פרויען, און די אָפּגעסאָרטירטע אויף אומקום פלעגן אומגעבראַכט ווערן. די דאָזיקע פאַרניכטונגס-אַקציעס האָבן אָנגעהאַלטן ביז דעצעמבער 1944.

סוף-1944 איז אין שטוטהאָף אויסגעבראָכן א טיפוס-עפּידעמיע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז צו דער עוואַקואַציע פון לאַגער אין אַפּריל 1945. פון די עטלעכע טויזנט פרויען, וואָס זיינען דאָרטן געווען, זיינען פיל געשטאָרבן פון טיפוס. אינדערצייט פון דער טיפוס-מגפה איז דאָס „לעבן" אין שטוטהאָפער קאַצעט געווען אַן אמתער גיהנום. די באַציאונג הן צו די קראַנקע, הן צו די געזונטע איז געווען א שרעקלעכע, און דערפאַר טאַקע איז דאָרטן געווען אזא גרויסע צאָל טויט-פאַלן.

דעם 26-טן אַפּריל 1945 האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון שטוטהאָף. א טייל קאַצעט-געפאַנגענע האָט מען געפירט מיט דער באַן, און די איבעריקע מיט א משא-דאַמפּער. דעם 28-טן אַפּריל האָבן די ס.ס.-פּאָסטנס אריינגעוואָרפן אין ים אריין פיל קראַנקע פרויען, וועלכע זיינען געלעגן אויפן דעק פון דאַמפּער. יעדן טאָג פלעגן די ס.ס.-רוצחים אויסזוכן די קראַנקע און זיי וואַרפן אין ים. הונדערטער פרויען זיינען אויף אזא אכזריות'דיקן אופן אומגעבראַכט געוואָרן. חוצדעם זיינען אויך אומגעקומען פיל קראַנקע פרויען, וועלכע מ'האָט עוואַקואירט מיט דער באַן.

דעם 2-טן מאַי איז דער דאַמפּער מיט די עוואַקואירטע באַמבאַרדירט געוואָרן פון אַן ענגלישן עראָפּלאַן. א טייל דאַמפּער איז פון דער באַמבאַרדירונג באַשעדיקט געוואָרן און ס'זיינען דערביי אומגעקומען א סך מענטשן. דער מאָטאָר פון דאַמפּער איז אָבער געבליבן אין אזא צושטאַנד, אז דער דאַמפּער האָט מיט צרות געקענט פאָרן ווייטער.

א פאַרבייפאָרנדיקע שיף האָט אויפגענומען פון דאַמפּער עטלעכע הונדערט פערזאָן. די איבעריקע האָבן געמוזט בלייבן אויפן באַשעדיקטן דאַמפּער, וואָס איז מיט גרויסע שוועריקייטן אָנגעקומען קיין עקערנפערדע, ביי קיל. פון דאָרטן זיינען די מענטשן דעם 4-טן מאַי אָנגעקומען אין קילער האַפן.

קיל איז שוין דאָן געווען פארנומען דורך די ענגלענדער. די שמחה פון די ניצול־געוואָרענע איז געווען זייער גרוים. די מענטשן זיינען גלייך אריבערגע־פירט געוואָרן אין א לאגער, ווו ס'זיינען געווען משעכן א.א. פארשלעפטע פערזאָ־נען. נאָכן קומען צו זיך פון די אלע שוידערלעכע איבערלעבונגען, האָבן ס'רוב פרויען זיך אוועקגעלאָזן אין פארשיידענע ריכטונגען זוכן משפחה־מיטגלידער.

# קאַפּיטל XXVIII

# נאָך דער באַפרייאונג

**נייע פּראָבלעמען און זאָרגן פון די באַפרייטע מענער און פרויען. — ס'לעבן פונעם הייפל ניצול־געוואָרענע ליטווישע יידן אין די ערשטע שארית־הפליטה־יאָרן.**

נאָכן קומען צו זיך פון די ערשטע איינדרוקן און איבערלעבונגען בשייכות מיט דער באפרייאונג, זיינען די באפרייטע אוועקגעשטעלט געוואָרן פאר א גאנ־צער ריי נייע פּראָבלעמען און זאָרגן. אין דעם פרט איז אָבער געווען גאנץ פאַר־שיידן די לאגע פון די באפרייטע פרויען דורך די רוסן און דער מצב פון די מענער, באפרייטע דורך די אמעריקאנער.

ווען די פרויען פון די ארבעטס־לאגערן אין פּרייסן זיינען אָנהויב־1945 באפרייט געוואָרן דורך דער רויטער ארמיי, זיינען די קראנקע און שוואכע תיכף אריבערגעפירט געוואָרן אין שפּיטעלער אויף מעדיצינישער באהאנדלונג. די גע־זינטערע פרויען האָט מען אָבער אינגיכן גענומען מאָביליזירן אויף פארשיידענע ארבעטן ביי דער ארמיי, ווייל דער קריג מיט דייטשלאנד איז נאָך בשעתו ניט געווען פארענדיקט.

די ארבעט פון די מאָביליזירטע פרויען איז געווען א פארשיידענע: זיי האָבן געאַרבעט אין די מיליטערישע שפּיטעלער, אין די מיליטעריש־ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס א.א.וו. א גרעסערע צאָל באפרייטע פרויען איז אויך געווען בא־שעפטיקט ביים טרייבן בהמות, וואָס די סאָוועטן האָבן דאן ארויסגעפירט פון די פארנומענע דייטשע געביטן קיין רוסלאנד.

ס'רוב נאָר־וואָס באפרייטע פרויען זיינען אָבער, דעם אמת זאָגנדיק, זייער ניט גערן געגאנגען צו דער ארבעט, בפרט צו אזא פיזיש־אויסשעפּנדיקער ארבעט, ווי חדשים־לאנג טרייבן צופוס בהמות. און ניט צופרידן זיינען זיי געווען צוליב פאָלגנדיקע סיבות:

ערשטנס, האָט דער מערהייט פרויען קודם־כל אינטערעסירט אויסצוגעפינען זייערע מענער אָדער אַנדערע משפחה־מיטגלידער, וועלכע זיינען אויך געווען אוועק מיט דער דעפּאָרטאציע;

צווייטנס, האָבן פיל פרויען געהאַט געלאָזן ביי קריסטן אין ליטע זייערע קינדער, און זיי האָבן געוואָלט וואָס־גיכער אָנקומען אַהין, כדי אָפּצונעמען די קינדער;

דריטנס, נאָך די אַלע שווידערלעכע איבערלעבונגען אין געטאָ און אין די לאַגערן, האָבן די פרויען געוואָלט אַ ביסל קומען צו זיך און ניט ווערן פונדאָסנײַ צוגעשמידט צו אַרבעט, בפרט אונטער אַ מיליטערישן רעזשים.

אַ קלענער טייל ענערגישערע פרויען האָט אויסגעמיטן די אַרבעטס־מאָביליזאַציע און האָט געפּרוּווט דורך אַלע מיליטערישע שפּערעס זיך אַדורכרייסן קיין ליטע. שוין אין מערץ 1945 האָבן אין ווילנע, קאָוונע און שאַוול געגומען אָנקומען איינצלנע יידישע פרויען, באַפרייטע פון די דייטשע קאַצעטן.

דאָס באַווייזן זיך פון די באַפרייטע פרויען האָט ביי די דאָרטיקע יידן, בפרט ביי די געטאָ־יידן, ארויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע איבעררעאַשונג, ווייל אַלע האָבן געגלויבט, אַז פון די דעפּאָרטירטע יידן קיין דייטשלאַנד איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבן. אַזוי, אַ שטייגער, ווען אין איינעם אַ טאָג איז אין קאָוונע דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אין ווילנע איז אָנגעקומען אַ קאָוונער באַפרייטע פרוי, האָבן פיל יידן, ניט וואַרטנדיק אויף איר קומען קיין קאָוונע, תיכף זיך אוועקגעלאָזן קיין ווילנע, כדי זי אָנצוקוקן און הערן פון איר אַן אויטענטישן גרוס וועגן גורל פון די דעפּאָרטירטע יידן.

וואָס־ווייטער אין פרילינג 1945, האָבן אַלץ מער איינצלנע און גרופּעס באַפרייטע פרויען געגומען צוריקקערן קיין ליטע. וועגן גורל פון די דעפּאָרטירטע מענער האָט מען אין ליטע ביזן סוף פון דער מלחמה לחלוטין ניט געוווּסט.

ביי דער געלעגנהייט מוז מען צוגעבן, אַז מצד די אָפיציעלע ליטווישע אינסטיטוציעס האָבן די באַפרייטע ייד. פרויען געטראָפן אַ גאַנץ קאַלטן קבלת־פנים. ווען ניט דאָס ביסל הילף, אָרגאַניזירט פון יידן אַליין, וואָלטן פיל פון זיי ניט געהאַט, ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן און וואָס אָפּצועסן. ס'רוב פון זיי האָבן וואָכנלאַנג זיך געוואַלגערט אויף די דילן אין דער געטאָ. קאָוונער כאָר־שול און אין אַנדערע קהל'שע ערטער, ביז זיי איז געלונגען זיך איינצואָרדנען אויף אַרבעט און אָנהויבן פירן אַ „נאָרמאַלן" לעבן.

גליקלעך איבער גליקלעך זיינען געווען די יעניקע באַפרייטע מוטערס, וועלכע האָבן געפונען זייערע קינדערלעך אין ייד. קינדער־היים, וואָס איז גלייך נאָך דער

באַפרייאונג געגרינדעט געוואָרן אין קאָוונע, לויט דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע געוו. געטאָ־יידן *). אינעם דאָזיקן קינדערהיים האָט מען גענומען צונויפזאַמלען די ייד. קינדערלעך, וועלכע זיינען אין די געטאָ־צייטן געווען אָפּגעגעבן ביי קריסטן, און זייערע עלטערן האָבן זיך ניט איינגעפונען. ביי דער גרינדונג און קיום פון קינדער־היים האָט באַזונדערס גרויסע פאַרדינסטן געהאַט דער רוסישער ייד פּאָל־קאָווניק פּראָפ. רעבעלסקי, לויטן בארוף אַ פּסיכיאַטאָר, וואָס האָט אַלס שעף פון אַ גרויסן מיליטעריש־סאַניטאַרן אַמט צו יענער צייט זיך געפונען אין קאָוונע. אַדאַנק זיין אַקטיוון אינטערעס צום גורל פון די קינדערלעך איז אין יענע שווערע יאָרן געלונגען צו שאַפן פאַרן קינדער־היים די סאַמע עלעמענטאַרע עק־זיסטענץ־מעגלעכקייטן. אגב, איז ער געווען אַ ביז־גאָר אינטערעסאַנטע פּער־זענלעכקייט און אַ מענטש מיט אַ זייער־וואַרעם האַרץ.

גלייכצייטיק מיטן קינדער־היים איז דאַן אויך געגרינדעט געוואָרן אין קאָוונע אַ ייד. פאָלקס־שול מיט אַ קינדער־גאָרטן **).

פיל מוטערס האָבן געפונען זייערע קינדערלעך ביי די קריסטן גופא, ווייל די קריסטן האָבן קיין אַנדערן, אַחוץ די עלטערן, די קינדער ניט געוואָלט אָפּגעבן. אַ גרעסערע צאָל קריסטן האָט בכלל ניט צוריקגעקערט די ייד. קינדערלעך, ווע־מענס עלטערן ס'זיינען אומגעקומען און קיינער פון די געראַטעוועטע יידן האָט ניט געוווּסט, ווו און ביי וועמען די קינדער געפינען זיך. מחמת דעם זיינען עד־היום פאַרבליבן ביי קריסטן יידישע קינדער.

צום סוף־יוני 1945 זיינען שוין געווען צוריקגעקערט קיין קאָוונע אַ פינף־זעקס הונדערט באַפרייטע ייד. פרויען.

* *

*

אַנדערש איז געווען דער פאַל מיט די באַפרייטע מענער.

דער גרעסטער טייל מענער איז, ווי אַ כלל, געווען אין אַ פיל ערגערן גע־זונט־צושטאַנד ווי די פרויען. כדי צו קענען קומען אַ ביסל צו זיך, האָבן זיי זיך

*) אינעם קאָמיטעט צו העלפן דעם קינדער־היים זיינען געווען טעטיק: בנימין פרידמאַן, אינזש. פּייוויש גאָלדשמידט, הירש לעווין, אינזש. מאיר יעלין, אינזש. קאָ־לאַדני, דוד טעפּער, פרוי דר. גורוויטש, אדוו. דינער, יוסף גאַר א. א.

**) אַלס לייטער פונעם קינדער־היים און פאָלקס־שול איז געווען רפאל לעווין. אַלס לערערס אין פאָלקס־שול און קינדער־גאָרטן: בערל כהן, פר. לעווין־אַבראַמאָוויטש, פר. יעלין, פרידא סטראַשון, סאָניע גאַרבער. נאָכן צוריקקערן פון רוסלאַנד האָט אויך העלענע כאַצקעלס געאַרבעט אין שול אַלס לערערין. שפּעטער־צו האָט די לייטונג פון קינדער־היים איבערגענומען פר. סאָלאָמין. זייער פיל האָט פאַרן קינדער־היים אויך געטאָן דער ווירטשאַפטס־לייטער משה שערמאַן.

גענויטיקט אין אייליקער מעדיצינישער הילף און דערהוילונג. חוצדעם זיינען פיל מענער, ווי אויך פרויען, שוין נאָך דער באפרייאונג קראנק געוואָרן אויף פאר־שיידענע טיפוס־קראנקייטן, וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט בעת די עוואקואַציע־מארשן אָדער אַ קורצע צייט פאר דעם. זייענדיק זייער אָפּגעשוואַכט און אויס־געשעפּט פון די אלע קאצעט־שוידערלעכקייטן, האָבן פיל פון זיי ניט געקענט אדורכמאכן די קראנקייטן און זיינען אוועקגעשטאָרבן. נאָר די יינגערע און גע־זינטערע זיינען לפי־ערך גיכער געקומען צו זיך.

אויב כמעט אלע פרויען, וואָס זיינען באפרייט געוואָרן דורך די רוסן, האָבן נאָך דער באפרייאונג געהאט פאר זיך אַ קלאָרן ציל — וואָס־גיכער אָנקומען קיין ליטע —, זיינען ביים גרעסטן טייל מענער גלייך פון אָנהויב אָן אין דעם פרט געווען צו מערקן גרויסע מיינונגס־פארשיידנהייטן.

אַ קלענערער טייל, דער לינק־אָריענטירטער, האָט גענומען אגיטירן פאר דעם, די מענער זאָלן צוריקקערן קיין ליטע.

די ציוניסטיש־געשטימטע עלעמענטן, דאקעגן, זיינען געווען איינגעשטעלט צוריק קיין ליטע ניט צו פאָרן, ווייל נאָך די אלע גרויליקע איבערלעבונגען, וואָס יידן האָבן אדורכגעמאכט אין די היטלער־יאָרן, דארף יעדער ייד, אומאָפּהענגיק פון זיינע אמאָליקע פּאָליטישע אָנשויאונגען, שטרעבן זיך צו באזעצן אין ארץ־ישראל.

די אַפּאָליטישע יידן, וואָס האָבן, אגב, געבילדעט די מערהייט, זיינען געווען נוטה דערווייל אָפּצוווארטן מיטן פאָרן קיין ליטע, כדי צו באקומען גענויערע ידיעות, וואָס דאָרטן טוט זיך. מענער, וועלכע האָבן געהאט גרוסן, אז זייערע באפרייטע פרויען האָבן זיך צוריקגעקערט קיין ליטע, האָבן זיך אוועקגעלאָזן קיין פוילן, כדי פון דאָרטן צו זוכן אַ מיטל, ווי אַזוי זיך צו פארשטענדיקן מיט זייערע פרויען.

צו יענער צייט,ד.ה. אָנהויב־זומער 1945, האָט, ווי באקאנט, צווישן סאָוועט־רוסלאנד און פוילן זיך אָנגעהויבן אַ פרייוויליקע רעפּאַטריאציע פון די באטרעפנ־דיקע נאציאָנאַלע מינדערהייטן. די יעניקע קאָוונער יידן, וועלכע האָבן ניט גע־וואָלט בלייבן לעבן דאָרט, וווּ ס׳געפינען זיך די מאסן־קברים פון זייערע אומגע־בראכטע משפחה־מיטגלידער און האָבן געשטרעבט צו זיין צוזאמען מיט זייערע קרובים אין א״י, אמעריקע א.א. לענדער, האָבן אויסגענוצט דעם שטראָם פון רעפּאַטריאציע און זיינען פארטראָגן געוואָרן קיין פוילן. פון דאָרטן זיינען זיי שפּעטער־צו אָנגעקומען קיין דייטשלאנד, עסטרייך, איטאליע א.א.וו., פונוואַנען זיי האָבן געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי זיך צו פארבינדן מיט זייערע אויסלענדישע פריינט.

היות די געקומענע פון ליטע האָבן ניט אָפּגעגעבן קיין צו הײמלעכן גרוס פונעם דאָרטיקן יידישן לעבן, האָט סיי דער עצם פאקט פון זייער פארלאָזן ליטע,

סיי זייערע ניט־גאַר גינסטיקע ידיעות וועגן מצב פון דער דאָרטיקער ייד. באַ־פעלקערונג פארשטארקט די פאָזיציעס פון די „ניט־צוריקקערער“. נאָכמער, פיל יידן, וועלכע זיינען געוועזן גרייט צוריקצוקערן קיין ליטע, האָבן אין לעצטן מאָמענט דערפון זיך אָפּגעזאָגט.

די יעניקע באפרייטע, וועלכע האָבן פאר דער צייט באוויזן צוריקצוקערן קיין ליטע און האָבן זיך דערוווסט, אז זייערע משפחה־מיטגלידער געפינען זיך אין פוילן אָדער דייטשלאַנד און ווילן בעסער, זיי זאָלן קומען אַהין, האָבן שוין געזען צו געפינען א וועג, ווי אזוי עס צו דערגרייכן.

פון חודש־צו־חודש איז דערווייל דאס יידישע מאַסן־געלאַף פון מזרח אויף מערב געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. מיטן דאָזיקן בריחה־שטראָם זיינען וואָס־ווייטער מיטגעריסן געוואָרן אַלץ מער ליטווישע יידן סיי געווו. אין גענוג, סיי צוריק־געקערטע פון דער עוואַקואַציע קיין רוסלאַנד.

א טייל פון די דאָזיקע ליטווישע יידן, בפרט די יוגנטלעכע, איז געלונגען אויף פארשיידענע וועגן עולה־זיין קיין א״י. יחידים זיינען אויך אוועקגעפאָרן צו זייערע קרובים אין די פאראייניקטע שטאטן א. א. לענדער מעבר־לים.

די איבערוועגנדיקע מערהייט ליטווישע יידן איז אָבער צוליב אַלגעמיינע סיבות געבליבן זיצן אין די ייד. די־פּי־לאַגערן אין דער אמעריקאנער זאָנע אין דייטשלאַנד אָדער אין איטאַליע, וווּ זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון דער גאנצער שארית־הפליטה. אין לאַנדסבערג, מינכען, פעלדאַפינג, סאַנט־אָטיליען א.א. ישובים אין דייטשלאנד, ווי אויך אין רוים, מילאַן, באַרי א.א. פונקטן אין איטאַליע, האָבן פיל קאָוונער יידן פארנומען פאראנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אינעם אָרטיקן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיטדערצייט האָבן די באפרייטע ליטווישע יידן אין דייטשלאַנד און איטאַליע גענומען זיך אָרגאַניזירן און פארבינדן מיט די ליטוויש־יידישע אָרגאַניזאציעס און לאַנדסמאַנשאַפטן אין א״י, אַמעריקע, דרום־אַפריקע, קאַנאַדע א. א. וו.

סוף־1946 איז אין דער אמעריקאנער זאָנע אין דייטשלאַנד געגרינדעט גע־וואָרן א פארבאַנד פון ליטווישע יידן. צום 5־טן יאָרצייט נאָך דער גרויסער אקציע אין קאָוונער געטאָ איז דעם 28־טן אָקטאָבער 1946 אין לאַנדסבערג אראַנזשירט געוואָרן אַ גרויסע טרויער־פייערונג, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע ליטווישע יידן פון דער שארית־הפליטה אין דער אמעריק. זאָנע.

דעם 14־טן און 15־טן אפריל 1947 איז אין מינכען פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די ניצול־געוואָרענע ליטווישע יידן אין גלות־דייטשלאַנד.

פון די וויכטיקערע קאָנפערענץ־באַשלוסן איז כדאי צו ברענגען די רעזאָלוציע וועגן „שולד פונעם ליטווישן פאָלק אין דער אויסמאָרדונג פון ליטווישן יידנטום״.

די דאָזיקע רעזאָלוציע לויטעט:

„די קאָנפערענץ קאָנסטאַטירט, אַז:

א) אַלע שיכטן פון ליטווישן פאָלק (אינטעליגענץ, באַאַמטע, פויערים, האַנט־ווערקער, אַרבעטער א. א.) האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט די נאַציִשע רוצחים אין דער אויסמאָרדונג פון ליטווישן יידנטום, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ.

ב) אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע מערדער־ליטווינער געפינט זיך אין דער אַמעריקאַנער, ענגלישער און פראַנצויזישער זאָנעס פון דייטשלאַנד און עסט־רייך, ווו זיי פיגורירן אַלס „פאַרשלעפּטע פּערזאָנען" און געניסן פון דער „אונרראַ"־אונטערשטיצונג".

„די קאָנפערענץ באַאויפטראַגט די ניי־געוויילטע פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד ברייט צו אינפאָרמירן די עפנטלעכקייט וועגן די מעשים־תעתועים פון גרויסע מאַסן ליטווינער, וואָס האָבן ערב און בשעת דער נאַצי־אָקופּאַציע אַדורכגעפירט מאַסן־דערמאָרדונגען פון זייערע יידישע מיטבירגער".

„מיר, די קליינע רעשטלעך פונעם אַמאָליקן 160 טויזנט קעפּיקן ליטווישן יידנטום, זיינען לעבעדיקע עדות פון די שוידערלעכע גרויזאַמקייטן, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן מצד די ליטווינער איבער זייערע יידישע שכנים. יעדער איינער פון אונדז וויים צו דערציילן פּילצאָליקע פאַקטן, וואָס אילו־סטרירן די שרעקלעכע רציחות מצד די זין פון ליטווישן פאָלק לגבי דער שוצ־לאָזער און הילפלאָזער ייד. באַפעלקערונג אין די אָקופּאַציע־יאָרן. צו אונדזער גרויסן ווייטיק מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז די קלענערע ייד. ישובים אין דער ליטווישער פּראָווינץ זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אויסשליסלעך דורך ליט־ווינער, און די גרעסערע ייד. ישובים — ביי זייער אַקטיווסטער מיטבאַטייליקונג. אַזוי איז אַלגעמיין־באַוווּסט, אַז די בעסטיאַלישע רציחות קעגן יידן אין קאָוונע, ווי למשל, אין די פאַרשיידענע גאַראַזשן, בעתן שוידערלעכן סלאָ־באָדקער פּאָגראָם און אויך אינדערצייט פון דער ריזיקער שחיטה אויפן 7־טן פאָרט, ווו ס'זיינען שוין אין די ערשטע אָקופּאַציע־וואָכן אויסגעהרגעט גע־וואָרן העכער 9000 קאָוונער יידן, — זיינען אויסגעפירט געוואָרן דורך ליט־ווינער".

„הוצדעם איז אויך באַקאַנט דער אַקטיווער אַנטייל פון ליטווינער אין דער פאַרניכטונג פון יידישע געטאָס און לאַגערן מחוץ די גרענעצן פון ליטע, ווי אין מאַידאַנעק, וואַרשע אד"גל. דער פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן אין גלות־דייטשלאַנד האַלט פאַר זיין יידישן און מענטשלעכן חוב צו ברענגען די דאָזיקע פאַקטן צו קענטעניש פון דער יידישער און ניט־יידישער עפנטלעכ־קייט".

## קאַפּיטל XXIX

# גרויזאַמער בלוט־באַלאַנס

**העכער 90 % קאָוונער יידן, וואָס האָבן געשמאַכט אינעם היט־לערישן גיהנום, זיינען אומגעקומען על קדוש־השם.**

וועלנדיק אונטערציען דעם בלוטיקן סך־הכל פון די דעפּאָרטירטע קאָוונער יידן, מוז מען קומען צו פאָלגנדיקע טראַגישע אויספירן:

הגם ס'איז, זעלבסטפארשטענדלעך, שווער אָנצוגעבן גענויע סטאַטיסטישע ציפער, דאַרף מען דאָך אָננעמען, אז פון די אַן ערך אכט טויזנט דעפּאָרטירטע יידן פון געטאָ און פון די ארומיקע ארבעטס־לאַגערן זיינען געווען א דריי טויזנט מענער און אַ פינף טויזנט פרויען און קינדער.

פון די מענער, וואָס זיינען פארשלעפּט געוואָרן אין די דאַכאַוער ארבעטס־לאַגערן ביי לאַנדסבערג, זיינען במשך די איבער 9 קאַצעט־חדשים, ד.ה. פון מיטן־יולי 1944 ביזן אָנהויב־מאַי 1945, איבער צוויי טויזנט מענער אומגעקומען פון דער קאַטאָרזשנער ארבעט, הונגער, קעלט, לייז, עפּידעמישע קראַנקייטן, רוצחישן קאַצעט־רעזשים, דערשיסונגען בעתן עוואַקואַציע־מאַרש א.א.וו. אַן ערך זיבן־אכט הונדערט מענער האָבן דאָך דערלעבט די באַפרייאונג. א היפּשע צאָל מענער און פרויען איז, ווי געזאָגט, אומגעקומען פון עפּידעמישע קראַנקייטן שוין נאָך דער באַפרייאונג.

פון די לערך פינף טויזנט פרויען און קינדער, וועלכע זיינען געבראַכט גע־וואָרן קיין שטוטהאָף, זיינען בעת דער סעלעקציע, וואָס איז דאָרטן אדורכגעפירט געוואָרן גלייך נאָך זייער אָנקומען, א טויזנט מוטערס מיט זייערע קינדערלעך אוועקגעשיקט געוואָרן קיין אָוישוויץ אויף פארניכטונג.

בעת די ווייטערדיקע סעלעקציעס אין שטוטהאָף זיינען א זיבן־אכט הונדערט עלטערע און שוואַכערע פרויען, וועלכע מ'האָט אויף ארבעט אין די לאַגערן ניט געשיקט, בהדרגה'דיק אומגעבראַכט געוואָרן אין די דאָרטיקע קרעמאַטאָריעס.

פון די איבער דריי טויזנט יינגערע און געזינטערע פרויען, וועלכע מ'האָט פונאַנדערגעשיקט אויף אַרבעט אין די פּרייסישע לאַגערן, זיינען מחמת די

אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען הונדערטער פרויען אויף אזוי פיל אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אז מ'האָט זיי דערנאָך פון די לאַגערן איבערגעשיקט קיין שטוטהאָף אויף פארניכטונג. בעת די עוואַקואַציע־מאַרשן אָנהויב־1945 זיינען ווידעראַמאָל הונדערטער פרויען אומגעקומען אונטערוועגס דורך דערשיסונגען, קראַנקייטן א. א. פורעניות.

צורעכענענדיק די פרויען, וואָס זיינען אומגעקומען פון פארשיידענע חולאותן שוין נאָך דער באַפרייאונג, קען מען מיט אַ געוויסער זיכערקייט זאָגן, אַז אַ העלפט פון די איבער דריי טויזנט פרויען, וועלכע מ'האָט פון שטוטהאָף פונאנדערגעשיקט אויף ארבעט, איז אומגעקומען, און אן אנדערהאלבן טויזנט פרויען האָבן אדורכגעמאכט אלע צרות און האָבן ענדלעך זיך ארויסגעדראַפּעט פון די נעגל פונעם היטלערישן מלאך־המות.

אזוי ארום זעען מיר, אז פון די אכט טויזנט דעפּאָרטירטע קאָוונער יידן זיינען געגנויע דריי פערטל אויף פארשיידענע אופנים אומגעקומען, און נאָר עפּעס מער ווי איין פערטל, ד. ה. אַן ערך צוויי אַ האַלב טויזנט מענער און פרויען, איז געלונגען ניצול צו ווערן פון דער נאַצישער פארניכטונג.

פאַרגלייכן מיר די צאָל פון קרוב 40 טויזנט קאָוונער יידן, וועלכע האָבן געהאַט דאָס אומגליק ארונטערצופאַלן אונטער דער היטלערישער אָקופּאַציע, מיט דער צאָל פון די לערך 3 טויזנט געראַטעוועטע יידישע נפשות*), קומען מיר צום הימל־שרייאיקן אויספיר:

## העכער 90% קאָוונער יידן, וואָס האָבן געשמאַכט אינעם היטלערישן גיהנום, האָבן מקריב־געווען זייערע לעבנס על קדוש־השם!

אינעם ריזיקן בלוט־באַלאַנס פון אונדזערע זעקס מיליאָן מארטירער, וואָס זיינען אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע מאַסןרוצחים און זייערע כלעריי מיטשותפים בשרפה, בהרג, בחנק א. א. מיתות משונות, וועלכע זיינען אפילו אין דער תוכחה ניט דערמאָנט, פארנעמען די צענדליקער טויזנטער קאָוונער קדושים אן אָנגעזעענעם אָרט.

צוזאמען מיטן אָנדענק פון אלע אונדזערע קדושים וטהורים, וועלכע האָבן מקריב־געווען זייערע לעבנס אויפן מזבח פון יאָרטויזנטער־אלטן קדוש־השם, וועט אין די יידיש־געשיכטלעכע אַנאַלן אויף דור־דורות אויך בלייבן הייליק דער זכר פון די קדושים דקהילת קאָוונע.

*) אחוץ די צוויי אַ האַלב טויזנט ניצול־געוואָרענע יידן אין די קאַצעטן, האָבן אַ פינף־זעקס הונדערט יידן זיך געראַטעוועט אין די פּאַרטיזאַנער־מחנות, ביי פּריוואַטע קריסטן, בעת דער דעפּאָרטאַציע פון געטאָ א. א. וו.

דורות וועלן אוועקגיין און דורות וועלן קומען, — אָבער דער גרעסטער שאַנד־פלעק אין דער וועלט־געשיכטע, דער רוצחישער היטלעריזם, וועט לעולם־ועד אי־לוסטרירן, צו וועלכע קאַניבאַלישע אכזריות'דיקייטן דער גערמאנישער „איבער־מענטש" און זיינע „חסידים" ביי די אנדערע פעלקער האָבן זיך אראָפּגעקייקלט אינמיטן פונעם 20־טן יאָרהונדערט. אונדזער צאָרנדיקסטע קללה וועט עד סוף כל הדורות בלייבן הענגען אויף די קעפּ פון די רשעות'דיקע אומות־העולם, וועמענס זין און טעכטער ס'האָבן אויסגעפירט אויף אונדז, יידן, אַזעלכע בעסטיאַלישע מאסן־מערדערייען.

ס'איז אונדזער טיפסטע מענטשלעכע איבערצייגונג, אז ס'מוז נאָך קומען און ס'וועט נאָך קומען א געשיכטלעכער יום־הדין איבער דער ממשלת־זדון פון יענער קריסטלעך־סדומישער וועלט, וואָס האָט מיטגעמאַכט דעם בלוט־דורשטיקן היט־לעריזם — א יום־הדין, וואָס וועט דערפילן דעם לעצטן באגער פון אונדזערע קדושים, וועלכע האָבן גלייכצייטיק מיט זייער לעצטן שמע־ישראל אויף די ליפּן געבעטן גאָט, ער זאָל זיך נוקם־זיין פארן אומשולדיק־פארגאָסענעם בלוט פונעם פאָלק ישראל.

בויגנדיק אין גרויס יראת־הכבוד די קעפּ אויפן שבעה־ימים צעשטויבן היי־ליקן אש פון אונדזערע דערמאָרדעטע און פארברענטע אנשים, נשים, זקנים וטף, זאָגן מיר בלחש די אוראלטע יידישע תפילה:

**תהיינה נפשותיהם צרורות בצרור החיים — — — — —**

# נאָך דער באַפרייאונג







נאָר=וואָס באַפרייטע
יידן אין קאָוונע קושן
זיך אין די גאַסן
בריחה=יידן שוואַרצן
גרענעצן דורך בערג
און דורך טאָלן אויפן
וועג קיין ארץ=ישראל



רעד. ראובן רובינשטיין עפנט די טרויער=אַקאַדעמיע אין לאַנדסבערג
צום 6=טן יאָרצייט נאָך דער גרויסער אַקציע אין קאָוונער געטאָ



1=טע קאָנפערענץ פון נצול=געוואָרענע ליטווישע יידן אין גלות=דייטשלאַנד

# יידישע מוסדות

אין

# קאָוונער געטאָ

(מאָנאָגראַפיע)

# אינהאַלט — פאַרצייכעניש

זייט

אַריינפיר־באַמערקונגען . . . . . . . . . 277

I. עלטעסטן־ראַט . . . . . . . . . . . 279

אַנטשטייאונג פון אַ יידישן קאָמיטעט אין די ערשטע וואָכן פון דער אָקופּאַציע און זיין ווייטערדיקע עוואָלוציע. — איינציקע גרונט־שטריכן צו דער טעטיקייט פון עלטעסטן־ראַט אַלס די העכסטע רעפּרעזענטאַנץ פון געטאָ־ישוב. — וועגן דער ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע בכלל און פּאָליטיק פון עלטעסטן־ראַט בפרט. — אָנפירנדיקע פּערזאָנען פון עלטעסטן־ראַט.

II. יידישע געטאָ־פּאָליציי . . . . . . . . . . 301

גרינדונג פון ייד. געטאָ־פּאָליציי און אירע גרונט־אויפגאַבעס. — ראָלע פון פּאָליציי אין געטאָ־לעבן. — געטאָ־פּאָליציי און „אָרדנונג־דינסט“. — סעפּאַראַטע פּאָליציי־אייגנהייטן. — פּאָליציי־אָרקעסטער.

III. אַרבעטס־אַמט . . . . . . . . . . . 312

באַדייט פון אַרבעט אין לעבן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. — לכתחילה'דיקע פאָרמען פון צוואַנגס־אַרבעט פאַר די געטאָ־יידן. — בהדרגה'דיקע פאָרמירונג פון סטאַבילע ייד. אַרבעטס־פּלעצער אין שטאָט. — ערשטע קאָנקרעטע שריט צו רעגולירן דאָס פּראָבלעם פון צוואַנגס־אַרבעט. — אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור און גרונט־טעטיקייט פון די באַזונדערע אַרבעטס־אַמט־אָפּטיילונגען. — וויכטיקסטע עטאַפּן אין דער געשיכטע פונעם ייד. אַרבעטס־אַמט.

IV. ווירטשאַפטס־אַמט . . . . . . . . . . 345

גרינדונג פונעם ווירטשאַפטס־אַמט. — אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען פון ווירטשאַפטס־אַמט און זייערע פונקציעס ביים אָרדנען דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן.

V. פאַרפלעגונגס־אַמט . . . . . . . . . . 354

אָפיציעלע פאַרפלעגונג פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג. — מוסדות פון פאַרפלעגונגס־אַמט.

VI. וווינונגס־אַמט 359

אַנגעוויטיקטע פראַגע פון ווין=שטח אין געטאָ. — פאַרניכטונגס=אַקציעס „לינדערן“ דירות=נויט. — גרעסערע רוימונגען פון געטאָ=ראַיאָנען. — טעטיקייט פון וווינונגס=אַמט.

VII. געזונטהייטס־אַמט 365

פראָבלעם פון געזונטהייטס=וועזן אין די ערשטע חדשים פון געטאָ=קיום. — מעד. אינסטיטוציעס פון געזונטהייטס=אַמט און זייער באַדייט אין געטאָ=לעבן.

IIIV. סאָציאַל־אַמט 371

מאַטעריעלע נויט ביי גרויסע טיילן פון דער געטאָ=באַפעלקערונג. — גרינדונג פון סאָציאַל=אַמט און זיין טעטיקייט.

IX. סטאַטיסטישער אַמט 375

אַנטשטייאונג פון סטאַטיסטישן אַמט און אַדרעסן=ביוראָ. — גרינדונג פון „שטאַנדעס=אַמט“. — פרווו פון אומלעגאַלער בריוו=פאַרבינדונג צווישן קאָוונער א.א. געטאָס. — פאַרווענדונג פון די מאַטעריאַלן פון סטאַטיסטישן אַמט.

X. שול־אַמט 380

פעדאַגאָגישע ענינים אין די ערשטע געטאָ=חדשים. — גרינדונג פון קינדער=שולן און זייער מהות. — ליקווידאַציע פון די שולן און פונעם שול=אַמט. — טעטיקייט פון דער פאַך=שול. — באַמיאונגען צו לינ=דערן די קולטור=הצטרכותן פון דער געטאָ=באַפעלקערונג.

XI. געטאָ־געריכט 387

אַנטשטייאונג פון אַ יידישן געריכט=וועזן אין געטאָ. — טעטיקייט פון געטאָ=געריכט און זיין ליקווידאַציע. — פאָליציי=געריכט.

XII. געטאָ־פייערלעשער 391

פייערלעשער=קאָמאַנדע און אירע זייטיקע פליכטן.

XIII. צייכן־ און מאלעריי־וואַרשטאַט 393

אויספאַרטיקונג פון פאַרשיידענע גראַפישע אַרבעטן.

הוספה־נאָטיצן 397

# אַרײַנפיר־באַמערקונגען

אינעם פאָרוואָרט צום ספר איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז דער ציל פון דער דאָזיקער מאָנאָגראַפיע איז צו שילדערן די טעטיקייט פון די יידישע מוסדות אין קאָוונער געטאָ און פאַראייננס אויפצוקלערן, וואָס פאַראַ השפּעה די ייד. אינסטיטוציעס האָבן געהאַט אויף דער געשטאַלטונג פונעם אינערלעכן געטאָ=לעבן. ס'איז באמת אוממעגלעך זיך צו שאפן אַ מער=וויניקער גענויערע השגה פונעם לעבן אין געטאָ, איגנאָרירנדיק די ארבעט פון דער ייד. אדמיניסטראַציע.

וועגן דער ראָלע פון דער יידישער „אויטאָנאָמיע" אין די געטאָס בעת דער נאַציישער הערשאַפט ווערט, ווי באַקאַנט, ביי אונדז זייער ליידנשאַפטלעך דיסקוטירט. ס'רוב פון די דאָזיקע אָפּרופן זיינען פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער, און זיי פאַראורטיילן זייער שאַרף די האַנדלונגען כלפּי הער יידישער באַפעלקערונג מצד די „יודן=ראַטן", „אָבער=יודעס" א. א. יידישע געטאָ=מושלים.

צו אונדזער חרפּה מוזן מיר מודה זיין, אַז אין די דאָזיקע פאָרווורפן איז פאַראַן גאָר אַ סך אמת. פיל יידן, וועלכע זיינען געשטאַנען בראש פון די געטאָ=ישובים, זיינען, ליידער, זייער יידיש=מענטשלעכן נסיון ניט בייגעשטאַנען. איטלעכע געטאָ=עדה ווייס צו דערציילן וועגן די שענדלעכע מעשים פון אירע מאָראַליש=פאַרדאָרבענע „מנהיגים".

די אחריות פאַרן געשיכטלעכן אמת פאַרלאַנגט אָבער פון אונדז צו אונטערשיידן צווישן די לעבנס=נויטווענדיקע באַמיאונגען מצד יידן צו אָרדנען ווי=ניט=איז זייער, מ'שטיינס געזאָגט, לעבן אפילו אין די אוממענטשלעכע געטאָ=באַדינגונגען, און די פאַרברעכערישע האַנדלונגען פון די יידישע מנולים, פאַר וועמען דאָס געטאָ איז געווען אַן אַרענע צו אַנטפּלעקן זייערע פּערזענלעכע אַמביציעס און מאַכט=גלוסטעניש. אָט פאַרוואָס טאָרן מיר ניט צוגיין אַזוי לייכט צום דאָזיקן אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם פון אונדזער קאָשמאַרפולער געטאָ=ווירקלעכקייט.

ביי דער געלעגנהייט וויל דער מחבר אונטערשטרייכן, אַז מיט זיין מאָנאָגראַפישער ארבעט האָט ער, חלילה, ניט בדעה צו פאַרענטפערן די אויסערסט=

ערנסטע און פּרינציפּיעלע שאלה וועגן דעם, צי יידן אונטער דער היטלערישער אָקופּאַציע האָבן יאָ אָדער נ י ט גענדאַרפט קומען אין קאָנטאַקט מיט די נאַציס אין ענינים, וואָס זיינען נוגע די לעבנס־אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. היות דאָס איז ניט קיין לאָקאַלער ענין פון קאָוונער געטאָ אליין, נאָר אן אלגעמיין־יידישע פראַגע, קען, זעלבסטפארשטענדלעך, אַזאַ פּסק־דין ארויסגעטראָגן ווערן נאָר מצד אַ באַרופענער יידיש־געזעלשאַפטלעכער אינסטאַנץ.

דער מחבר וועט זיין זייער צופרידן, אויב די דאָזיקע מאָנאָגראַפיע וועט אַחוץ איר אייגנטלעכער אויפגאַבע — באַשרייבונג פון די קאָוונער יידישע געטאָ־אנשטאַלטן — אומדירעקט אויך דינען ווי אַ סטימול צו אן אָביעקטיוו־קריטישער אָפּשאַצונג פון די ייד. געטאָ־אדמיניסטראַציעס אין די גרויזאַמע היטלער־יאָרן.

י. ג.

# עלטעסטן־ראַט

אַנטשטייאונג פון א יידישן קאָמיטעט אין די ערשטע וואָכן פון דער אָקופּאַציע און זיין ווייטערדיקע עוואָלוציע. — אייניקע גרונט־שטריכן צו דער טעטיקייט פון עלטעסטן־ראַט אַלס די העכסטע רעפּרעזענטאַנץ פון געטאָ־ישוב. — וועגן דער ייִד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע בכלל און פּאָליטיק פון עלטעסטן־ראַט בפרט. — אָנפירנדיקע פּערזאָנען פון עלטעסטן־ראַט.

אין אייניקע וואָכן אַרום נאָך דער נאַצישער אקופּאַציע, ווען די מאַסן־עקסצעסן קעגן דער קאָוונער ייד. באַפעלקערונג האָבן גענומען טיילוויז נאָכלאָזן, איז מצד געשטאַפּאָ באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן אין קאָוונע אַ יידישן קאָמיטעט, מיט וועמען די אָקופּאַציע־מאַכט זאָל קענען ־זיך שטעלן אין פאַרבינדונג אין ענינים פון דער ייד. באַפעלקערונג.

לכתחילה האָט געשטאַפּאָ געהאַט זיך געווענדעט צום קאָוונער רב הרב שאַפּירא, וועלנדיק אים באַשטימען אַלס דעם רעפּרעזענטאַנט פון דער ייד. קאָוונע. אים איז אָבער געלונגען דערפון זיך אָפּצוזאָגן מיטן מאָטיוו, אַז ער איז אַלט און קראַנק. ביי דער געלעגנהייט האָט ער אנגעגעבן די נעמען פון עטלעכע יידישע כלל־טוער, ווי אַדוו. י. גאָלדבערג, אַדוו. ל. גאַרפונקעל דר. יעפים ראַבינאָוויטש א. א., מיט וועמען די מאַכט קען קומען אין קאָנטאַקט בנוגע ייד. ענינים.

דעם 4־טן יולי 1941 זיינען די אויבנדערמאנטע דריי פּערזאָן און, חוץ זיי, אויך הרב ס נ י ע ג און הרב ש מ ו ק ל ע ר געבראַכט געוואָרן אין געשטאַפּאָ, וו דער שעף פון געשטאַפּאָ ס. א. שטאַנדאַרטנפירער י ע ג ע ר און אַ געוויסער גענעראַל פ אָ ל האָבן מיט זיי געהאַט לערך פאלגנדיקן שמועס: *)

„היות אַלע יידן זיינען קאָמוניסטן“ — זיינען אַרוים מיט אַ טענה די נאַצים — „און די ליטווינער קענען דעריבער ניט וויינען צוזאַמען מיט די יידן,

*) איבערגעגעבן דעם מחבר מצד אדוו. גאָלדבערג.

ווען די יידן מוזן אַריבערגיין וווינען אין אַ געטאָ. אַלס געטאָ=ראַיאָן איז פֿאָרויסגעזען די פֿאָרשטאָט סלאָבאָדקע. אויב די יידישע פֿאָרשטייער זיינען גרייט מיטצוהעלפֿן אָרגאַניזירן די איבערזידלונג אין געטאָ, איז די מאַכט, פֿון איר זייט, איינגעשטעלט אַוועקצוגעבן די יידן אַלס געטאָ=ראַיאָן גאַנץ סלאָבאָדקע און, אויב ס'וועט נויטיק זיין, אויך די קלענערע דאָרפֿישע ישובים ביי סלאָבאָדקע. אַריבערצוגיין אין געטאָ ווערט די יידן געגעבן איין חודש צייט".

„די דייטשע מאַכט" — האָבן פֿאַרגעזעצט די געשטאַפּאָ=גדולים — „איז קעגן די פּאָגראָם=אויסברוכן מצד די ליטווינער אויף דער ייד. באַפֿעלקערונג. דאָס איינציק=ווירקזאַמע מיטל אָפּצושטעלן די דאָזיקע „אויסברוכן פֿון ליטווישן פֿאָלקס=צאָרן" באַשטייט אָבער נאָר אין דעם, די יידן זאָלן אַריבערגיין לעבן אין אַ געטאָ. דאָן, האָפֿט די מאַכט, וועלן די יידן אין געטאָ קענען לעבן רואיק. אגב, איז די מאַכט גרייט, אין פֿאַל ווען די יידן וועלן אַרויסווייזן אַ „גוטן ווילן", תיכף צו באַפֿרייען די אַרעסטירטע ייד. פֿרויען און קינדער, וועלכע געפֿינען זיך אויפֿן 9=טן פֿאָרט"*).

אויסהערנדיק אַזעלכע רייד מצד די אַנפֿירנדיקע געשטאַפּאָ=פֿונקציאָנערן, האָבן די יידישע פֿאָרשטייער, פֿון זייער זייט, אַרויסגעזאָגט פֿאָלגנדיקע ווּנטשן:

1) מ'זאָל דעם געטאָ=ראַיאָן באַשטימען ניט אין סלאָבאָדקע, נאָר אין אַלטשטאָט, וווּ, ערשטנס, וווינען שוין במילא זינט יאָרהונדערטער קאָמפּאַקטע ייד. מאַסן און, צווייטנס, ווייל דאָרטן זיינען פֿאַראַן אַלע ייד. עפֿנטלעכע מוסדות, ווי דער ייד. שפּיטאָל, די ייד. קינדער=היימען, די בתי=מדרשים א. א. וו. — אַלץ אַזעלכע אַנשטאַלטן, וועלכע מ'וועט דאַרפֿן אין סלאָבאָדקע אָנהויבן צו בויען פֿונדאָסניי. חוצדעם האָבן די יידן געטענה'עט, אַז סלאָבאָדקע פֿאַרמאָגט ניט קיין וואַסערליַיטונג, קיין קאַנאַליזאַציע א.א. עלעמענטאַרע סאַניטאַר=היגיענ. איינריכטונגען. צוליב דעם באַשטייט אַן ערנסטע געפֿאַר, אַז דאָרטן זאָלן אויסברעכן עפּידעמישע קראַנקייטן צווישן די עטלעכע צענדליק טויזנט יידישע נפֿשות, וועלכע מוזן אַריבערגיין אין געטאָ;

2) היות די יידן פֿאַרמאָגן ניט קיין טראַנספּאָרט=מיטלען, זאָל די איבערזידלונג געדויערן לענגער, ווי ס'איז פֿאָרויסגעזען במשך איין חודש און

3) מ'זאָל זיי, די שליחים, געבן אַ טאָג צייט, כדי צו קענען זיך מישב=זיין מיט נאָך יידישע עסקנים וועגן די דאָזיקע ענינים.

אויף דעם האָבן די געשטאַפּאָ=גדולים געענטפֿערט, אַז די פֿראַגע, ווו צו באַשטימען דעם געטאָ=ראַיאָן — אין סלאָבאָדקע אָדער אין אַלטשטאָט — וועט ענד=

*) זיי זיינען אַהין אַריבערגעפֿירט געוואָרן פֿון 7=טן פֿאָרט, ווו ס'זיינען, ווי באַקאַנט, אומגעבראַכט געוואָרן אַ 7—8 טויזנט ייד. מענער.

גילטיק אנטשיידן דער קאָוונער ליטווישער מאַגיסטראַט. ווען פאַרלענגערן דעם טערמין פון איבערזידלונג, זאָגן זיי צו עס נעמען אין אַכט, אויב ס׳וועט באמת זיין אויף דעם אַ נויטווענדיקייט. דער עיקר — האָבן ווידעראַמאָל אונטערגעשטראָכן די געשטאַפּאָ־לייט — זאָלן יידן מיט מעשים באַווייזן, אַז זיי העלפן מיט דער מאַכט ביים אַדורכפירן אירע מאסמיטלען.

נאכן דאַזיקן געשפּרעך איז דעם זעלבן טאג אין דער וווינונג פון הרב שאַפּיראָ פאַרגעקומען אַ ברייטערע געזעלשאַפטלעכע אסיפה, אויף וועלכער ס׳האָבן אנטייל גענומען, אַחוץ די אויבנדערמאנטע מענטשן, וועלכע זיינען געווען אין געשטאַפּאָ, אויך אַ גאַנצע ריי אַנדערע פּערזאָנען, ווי ד״ר. גריגאָרי וואָלף, קאָפּעלמאַן, אינז׳ש. ראָגינסקי. געמעליצקי, ד״ר בערמאַן, אַרליוק, ה. קאַגאַן, שטרייכמאַן א.א. די דאָזיקע באַראַטונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם, מ׳זאָל זען דאָך אויסצופועלן ביי די מאַכט־אָרגאַנען אַלס געטאָ־ראיאָן ניט סלאָבאָדקע, נאָר אַלטשטאָט און חוצדעם נאכאמאל אינטערוועניר, מ׳זאָל די איבערזידלונג אין געטאָ אַדורכפירן ניט במשך איין חודש צייט, נאָר אין אַ לענגערן טערמין.

די יידישע שתדלנות אין די דייטשע און ליטווישע אָפיציעלע אינסטאַנצן מכוח דעם ענין האָט אָבער צו קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן ניט געבראַכט. נאכמער, דער קאָוונער ליטווישער מאַגיסטראַט האָט אין דעם פּרט זיך געמיט צו זיין „פרימער ווי דער פויפסט“, און די ליטווינער האָבן אַלץ געטאָן, די יידישע פאַר־לאַנגען זאָלן ניט דערפילט ווערן.

אין דער ערשטער העלפט יולי 1941 האָט דער ניי־געשאַפענער יידישער קאָמיטעט זיך איינגעקוואַרטירט אין איינעם פון די צימערן פונעם קאָוונער ראַטהויז. זינט דאן האָט זיך אנגעהויבן זיין עפנטלעכע טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס.

ווי ס׳איז שוין וועגן דעם דערמאַנט געוואָרן *), איז צו יענער צייט איינע פון די וויכטיקסטע אַרבעטן פונעם ייד. קאָמיטעט באַשטאַנען אין באהילפיק זיין צו געפינען אַ צייטווייליקן אָפּדאַך פאַר די יעניקע יידן, וועלכע האָבן ביים מלחמה־אויסברוך געפּרוווט זיך עוואַקואירן, אָבער זיינען געווען געצוווּנגען פון אונטער־וועגס זיך צוריקצוקערן קיין קאָוונע, ווו זיי האָבן שוין געפונען זייערע וווינונגען פאַרנומען דורך קריסטן. די דאָזיקע ענינים פלעגט דער קאָמיטעט זיך מיען צו רע־גולירן מיט דער הילף פון ליטווישן באאמטן, וואָס דער מאגיסטראַט האָט געהאַט דעלעגירט אין קאָמיטעט. צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר —, האָט דער יידי־שער קאמיטעט געדאַרפט אָרגאַניזירן די איבערזידלונג אין געטאָ.

נאָך לענגערע פאַרהאַנדלונגען מיט די מאַכט־אָרגאַנען מכוח דער גרויס פון געטאָ־תחום, ווען ס׳איז מער־ווייניקער אויפגעקלערט געוואָרן, וועלכע סלאָבאָד־

*) ז. „גרינדונג פון סלאָבאָדקער געטאָ“.

קער גאַסן ס'זיינען פאָרויסגעזען פאַר ייִדן צו וווינען, האָט דער ייִד. קאָמיטעט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, לויט וועלכן די איבערזידלונג זאָל פאָרקומען. קודם=כל האָבן געזאָלט איבערגעזידלט ווערן די ייִדן פון די פאָרשטעט און פון די נייערע שטאָט=קוואַרטאַלן, און צום סוף האָט געזאָלט קומען די ריי פאַר די אַלטשטאָט=ייִדן.

ביים אָרגאַניזירן די איבערזידלונג האָט זיך געהאַנדלט ניט נאָר וועגן אַ ראַציאָנעלער פאַרטיילונג פונעם פאַראַנענעם וווין=שטח אין געטאָ=ראַיאָן, נאָר אַן ערנסטע פּראָבלעם איז אויך געווען דער ענין טראַנספּאָרט=מיטלען. ביי זייער פיל ייִד. באַלעגאָלעס האָט מען געהאַט צוגענומען זייערע פערד און צושלאָגן זיך צו אַ קריסטלעכן פורמאַן איז געווען זייער שווער. גיט מען נאָך צו, אַז ייִדן אַליין האָבן געדאַרפט אין יענע טעג איילּיק אַרומצווימען דעם געטאָ=קוואַרטאַל מיט אַ צוים פון שטעכיקן דראָט, אויסבויען דאָס הענג=בריקל אויף פּאַנעריוו גאַס, גראָבן אַ טונעל אויף יורבורקער גאַס א. א. וו. — ווערט קלאָר, פאַרוואָס שוין אין די ערשטע טעג פון זיין קיום איז דער ייִד. קאָמיטעט געווען פאַרוואָרפן מיט אַ סך אַרבעט.

כדי צו דערלייִדיקן די אַלע ענינים זיינע, האָט דער קאָמיטעט געמוזט אויפשטעלן אַ שטיקל אַפּאַראַט. זיינען טאַקע דאַן געשאַפן געוואָרן ביים קאָמיטעט ספּעציעלע קאָמיסיעס, וואָס האָבן זיך מתעסק=געווען מיט פראַגעס פון וווינונגען, טראַנספּאָרט=מיטלען, יורידישער הילף, סאָציאַלער אונטערשטיצונג א. א. וו. די דאָזיקע קאָמיסיעס זיינען עס געווען דער אורשפּרונג פון די שפּעטער=אַנטשטאַנענע ייִד. געטאָ=אינסטיטוציעס ביים עלטעסטן=ראַט.

לאַנג האָט דער ייִד. קאָמיטעט זיך ניט אויפגעהאַלטן אין דער געביידע פון ראַטהויז. שוין אין דער אַנדער העלפט יולי האָט ער איבערגעהויבן זיין קוואַרטיר אין אַ לאָקאַל פון אַ געוו. פאָלקס=שול אויף דאַוקשאָס (יאַטקעווער) גאַס נר. 24.

צו יענער צייט, ד. ה. סוף=יולי, איז די איבערזידלונג אין געטאָ אָנגעגאַנגען מיטן פולן טעמפּאָ. גרויסע טיילן פון דער ייִד. באַפעלקערונג, בעיקר די מאַטעריעל=פאַרמעגלעכערע, האָבן, ווי שוין דערמאָנט, זיך גענומען אויף כלערליי אופנים אַליין צו באַזאָרגן מיט אַ וווינונג אין געטאָ און דערנאָך אַרויסבאַקומען אויף דער דירה אַן אָרדער מצד דעם וווינונגס=אַמט ביים קאָמיטעט. די אומבאַמיטלטע ייִדן האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי וואַרטן אויף אַן אָפּדאַך, אָנגעוויזן פונעם ייִד. וווינונגס=אַמט. די הונדערטער אינטערעסאַנטן, וואָס פלעגן דאַן טאָגטעגלעך באַלאַגערן דעם קאָמיטעט, פלעגן בעיקר טאַקע האָבן צו טאָן מיט דירה=ענינים. אַלע אַנדערע אַנגעלעגנהייטן פון דער ייִד. באַפעלקערונג זיינען יעמאָלט אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין שאָטן, ווייל איטלעכער ייִד האָט פריער פאַר אַלץ

געוואָלט זיך זיכערן אין געטאָ מיט אַ שטיקל ווינקל, ווו אוועקצולייגן דעם קאָפּ און דאָס ביסל בעבעכעס.

סוף־יולי האָט דער ייִד. קאָמיטעט געדאַרפט אויסוויילן פון זיך אַ „ייִדן־עלטעסטן" און וועגן דעם מעלדן די מאַכט־אָרגאַנען. ווי מ'קען זיך משער־זיין, זיינען קיין פּריווילעגיעס בעלנים אויף אַזאַ פּאָסטן ניט געווען, ווייל קיינער פון די קאָמיטעט־מיטגלידער האָט ניט געהאַט קיין חשק איבערצונעמען אויף זיך אַזאַ שווערע און אחריות'פולע פליכט. נאָך אַ לענגערער קאָמיטעט־זיצונג, וואָס איז פול געווען מיט טראַגיש־דראַמאַטישע מאָמענטן, האָט, לויטן ווונטש פון אַלע אנטיילגעמער, דר. אלחנן עלקעס*) מסכים־געווען איבערצונעמען דאָס דאָזיקע אמט.

* *

*

אָנהויב־אויגוסט 1941, ווען אין געטאָ איז שוין געווען אריבערגעהויבן דער גרעסטער טייל פון דער ייִד. באַפעלקערונג, האָט דער ייִד. קאָמיטעט זיך אריבערגעקליבן אין געטאָ. לכתחילה האָט ער געהאַט זיין קוואַרטיר אויף קריקשטשיוקאַי־טשיאָ גאַס 107, ווו ס'איז אויך געווען איינער פון די גרעסטע רעזערוואַטן, ד. ה. קהל'שע געביידעס, פאַר דער געטאָ־אָרעמקייט. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער אריבער אויף וואַרניו גאַס 49, ווו ער איז אויסגעווען ביזן סוף יאָר 1943. דאַן זיינען אין דער דאָזיקער געביידע איינגעאָרדנט געוואָרן די ס. ד.־וואַרשטאַטן, וואָס זיינען ביז דאַן געווען טעטיק ביי דער געשטאַפּאָ אין שטאָט. די ייִדישע רעפּרעזענטאַנץ איז יעמאָלט אריבער אויף מאַרגיאָ גאַס 32, ווו זי איז אויסגעווען ביזן אַרעסט און ליקווידאַציע פון עלטעסטן־ראַט.

במשך די צוויי אַ האלב חדשים **), וואָס טיילן אָפּ די אָפּשליסונג פון געטאָ פון דער גרויסער אַקציע, איז דעם ייִד. קאָמיטעט געלונגען צו שאַפן די וויכטיקסטע געטאָ־אינסטיטוציעס, ווי די ייִד. געטאָ־פּאָליציי, דאָס ייִד. אַרבעטס־אמט, די אמטן פאַר פאַרפלעגונג, ווירטשאַפט, וווינונגען א. א. וו.

אמת, דער ייִד. קאָמיטעט, וואָס האָט שפּעטער־צו אָפיציעל געהייסן „עלטעסטן־ראַט", איז ניט געווען ביכולת אָפּצושרייען אָדער כאָטש טיילווייז צו מילדערן די פאַרניכטונגס־אַקציעס, וואָס האָבן פאַר אָט דער צייט ווי אַ שטורעם זיך אריבערגעטראָגן איבערן געטאָ און האָבן פאַרשלונגען אַ 13—14 טויזנט ייִד. קרבנות. די אָקופּאַציע־מאַכט, בפרט געשטאַפּאָ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער ייִדן־פאַרניכטונג, פלעגט אירע אַקציעס אויספירן לויט איר איינענעם פּלאַן,

*) געניער וועגן אים — ז. „אָנפירנדיקע פּערזאָנען פון עלטעסטן־ראַט".

**) 15־טער אויגוסט — 28־טער אָקטאָבער 1941.

און דער עלטעסטן=ראַט, אַזוי גוט ווי די גאַנצע געטאָ=באַפעלקערונג, איז געווען מאַכטלאָז עפּעס צו ענדערן אין דעם פּרט.

נאָך דער גרויסער אקציע, ווען דאָס לעבן אין געטאָ האָט בהדרגה'דיק גענומען ווערן „נאָרמאַליזירט", האָט אויך דער עלטעסטן=ראַט גענומען אַקטיוויזירן זיין טעטיקייט. אין יענער צייט איז עס מער=ווייניקער סטאַביליזירט געוואָרן די אַרבעט פון די ייד. געטאָ=אינסטיטוציעס און ס'זיינען אויך אויפגעבויט געוואָרן די גרויסע געטאָ=וואַרשטאַטן, וואָס האָבן, ווי געזען, אין לעבן פון דער געטאָ=באַפעלקערונג געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע.

דער באַרג=אַרויף אין דער טעטיקייט פון עלטעסטן=ראַט פאַלט צונויף מיט דער טיילווייזער נאָרמאַליזירונג פון דער אַלגעמיינער לאַגע אין געטאָ. דאָס איז דער פּעריאָד, וואָס הויבט זיך אָן אָנהויב=פרילינג 1942 און ענדיקט זיך סוף=זומער 1943, ווען דאָס געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַצעט. מחמת כמה וכמה טעמים, וועגן וועלכע ס'איז געלעגנהייטלעך שוין גערעדט געוואָרן, זיינען במשך אָט די אַנדערהאַלבן יאָר אין געטאָ ניט פאָרגעקומען קיין אויסראַטונגס=אַקציעס און גלייכצייטיק איז אָנגעקומען אַ תקופה פון אַ לפי=ערך'דיקער פאַרבעסערונג פון עקאָנאָמישן וווילזיין.

זומער 1942 איז דער באַשטאַנד פון עלטעסטן=ראַט מצד דעם שטאָט=קאָמיסאַר רעדוצירט געוואָרן ביז צו 4 פּערזאָן *) אומאָפיציעל פלעגן אָבער פון צייט=צו=צייט אָנטיילנעמען אין די זיצונגען פון עלטעסטן=ראַט אויך אַנדערע פּערזאָנען, בפרט די, וואָס האָבן לכתחילה געהערט צום עלטעסטן=ראַט, אָדער וואָס האָבן שפּעטער=צו געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער טעטיקייט פון די אומלעגאַלע געז. גרופּירונגען.

אַחוץ די צוואַנגס=אַרבעט=ענינים, וואָס פלעגן אָנגעפירט ווערן פון דייטשן אַרבעטס=אַמט אין געטאָ**), פלעגט דער עלטעסטן=ראַט באַקומען דירעקטיוון פאַר זיין אַרבעט מצד דעם שטאָט=קאָמיסאַר, בעיקר דורך זיינע רעפערענטן פאַר די געטאָ=ענינים. מיטגלידער פון עלטעסטן=ראַט פלעגן כמעט טאָג=טעגלעך זיין אין שטאָט=קאָמיסאַריאַט, כדי צו דערליידיקן פאַרשיידענע געטאָ=אַנגעלעגנהייטן. זייער אָפט פלעגן אָבער אויך די נאַציִשע געטאָ=באַלעבאַטים קומען פּערזענלעך אין עלטעסטן=ראַט. די דאָזיקע נפשות פלעגן בכיוון וואָס=עפּטער קומען אין געטאָ, ווייל זיי האָבן גאַנץ גוט געוווסט, אַז מיט ליידיקן וועלן זיי אהיים ניט צוריקקערן. דער עלטעסטן=ראַט פלעגט זיי מאַכע סיסטעמאַטיש געבן פעטע „מתנות".

*) דר. עלקעס, אדוו. גאַרפינקעל, אדוו. גאָלדבערג און אדוו. גאָלוב. מערערע פּרטים וועגן זיי — ז. „אָנפירנדיקע פּערזאָנען פון עלטעסטן=ראַט".

**) אויספירן די פאַראָרדנונגען פלעגט דאַרפן דאָס ייד. אַרבעטס=אַמט.

אלס רעפערענטן פאר געטאָ־ענינים ביים שטאָט־קאָמיסאר זיינען געווען:

דער ליטווינער קאַמינסקאַס, דער „העלד“ פון דער אינטעליגענטן־אַקציע א. א. גזירות גלייך נאָכן אָפּשליסן דאס געטאָ. נאָכן באפרייען ליטע האָט ער, ווי פיל אנדערע ליטווישע יידן־רוצחים, זיך אויפגעהאלטן אין די לאַגערן פאר „פארשלעפּטע פערזאָנען“ אין דייטשלאנד.

יאָרדאַן — פון אָנהויב הארבסט 1941 ביזן ערב־פרילינג 1942. אַ מורא'־דיקער יידן־מערדער. איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון די פארניכטונגס־אקציעס אין די ערשטע חדשים פון געטאָ־קיום. פארן אריבערכאַפּן די מאָס ביים צוגנבע־נען פאר זיך ווערטפולע חפצים פונעם בארויבטן יידישן האָב־און גוטס, איז ער באַזייטיקט געוואָרן פון זיין פּאָסטן און איז פארשיקט געוואָרן אויפן סאָוועטישן פראָנט, ווו ער איז אין אויגוסט 1942 געפאַלן ביי רזשעוו;

ווידעמאַן — אַ פאַרביסענער נאַצי. דעם דאָזיקן פּאָסטן פארנומען במשך די חדשים מערץ־מאי 1942;

פאָן קעפּען — אַ יונגער ס. אַ.־מאַן פון דער דייטשער אריסטאָקראַטיע. איז געווען אויף דעם אמט במשך די זומער־חדשים פון יאר 1942 און האָט באַ־וויזן צו פארשאפן דעם געטאָ אַ היפּש ביסל צרות;

מילער — פון הארבסט 1942 ביז הארבסט 1943. אַן אמתער מטורף. מחמת זיינע משונה'דיקע רייד און האנדלונגען פלעגן די געטאָ־יידן אים באַ־טראכטן ווי אַ חסר־דעה. בכלל איז ער אָבער געווען לפי־ערך מילדער, ווי זיינע פאָרגייער.

דער עלטעסטן־ראט פלעגט אויך יעדן חודש שיקן דעם שטאָט־קאָמיסאר אויספירלעכע באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון די וויכטיקסטע געטאָ־אינסטי־טוציעס. אַחוץ דעם פלעגט דאס יידישע ארבעטס־אמט *) אלע צען טעג דארפן צושטעלן דעם שטאָט־קאָמיסאריאט גענויע באַריכטן וועגן סכום יידישע ארבעטס־טעג, לויט די באַזונדערע ארבעטס־שטעלעס א. א. וו.

אין די אייניקע אויפטרייסלונגען, וואָס זיינען במשך דער דאָזיקער תקופה פאָרגעקומען אין געטאָ, ווי אַ שטייגער, די צוויי איבערזידלונגס־אקציעס קיין ריגע (פעברואר און אָקטאָבער 1942), די מעשה מעק און ארעסט פון עלטעסטן־ראט (נאָוועמבער 1942), די „סטאַלינגראַדער אקציע“ (פעברואר 1943) א. א. וו., האָט דער עלטעסטן־ראט, ווי די העכסטע פארשטייערשאפט פון געטאָ־קיבוץ, געהאט אויסצושטיין אַ סך שווערע טעג און נעכט. דאָך פלעגט נאָך יעדער געטאָ־מהומה פונדאָסניי אָנקומען אַ באַרואיקונג, און דער עלטעסטן־ראט פלעגט ווידער אָנגיין מיט זיין ארבעט, ווי געווען.

*) ביז דער גרינדונג פון דייטשן ארבעטס־אמט אין געטאָ.

אַ קאַרדינאַלע ענדערונג לגבי דער טעטיקייט פון עלטעסטן־ראַט איז געקומען סוף־זומער 1943, ווען דאָס געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַצעט און איז אַריבער אין רשות פון ס. ס.־אַבערשטורמבאַנפירער געקע *).

איבערנעמענדיק אין זיינע הענט די אָנפירונג מיט דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, האָט געקע איבערגעגעבן די וויכטיקסטע פונקציעס פון עלטעסטן־ראַט און זיינע מוסדות דער לאַגער־פאַרוואַלטונג, וואָס איז געבילדעט געוואָרן ביי דער לאַגער־קאָמענדאַנטור. זינט דאַן הויבט זיך טאַקע אָן דער באַרג־אַראָפּ פון עלטעסטן־ראַט און זיינע אינסטיטוציעס.

נאָכן אַרעסט פון עלטעסטן־ראַט און זיין ליקווידאַציע אָנפאַנג־אַפּריל 1944, איז, ווי שוין דערמאָנט, אַלס איינציקער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן געטאָ־קיבוץ און דער לאַגער־קאָמענדאַנטור מצד געקען באַשטימט געוואָרן דר. עלקעס, וועמען ס'איז אַלס „אָבער־יודע" אויסגעקומען צו רעפּרעזענטירן די ייד. עדה אין די לעצטע פּאָר חדשים פון דער געטאָ־גסיסה.

* *
*

אַ באַזונדערן קאַפּיטל שטעלן פאָר מיט זיך די באַמיאונגען מצד געוויסע פּערזאָנען און גרו. פאַראייניקונגען אין געטאָ אויסצואיבן אַ השפעה אויף דער טעטיקייט פון עלטעסטן־ראַט. אין דער ערשטער ריי דאַרפן אין דעם פּרט דערמאָנט ווערן כספּי־סערעבראָוויטש און ליפּצער, וועגן וועמען ס'זיינען געלעגנהייטלעך איבערגעגעבן געוואָרן מערערע פּרטים **).

ווען ס'איז אין פרילינג 1942 געגרינדעט געוואָרן דער „מצוק" ***), אין וועלכן ס'זיינען געווען פאַרטראָטן פאַרשטייער פון די ציוניסטישע שטרעמונגען, איז איינע פון די אויפגאַבעס פון „מצוק" געווען צו באַאיינפלוסן די טעטיקייט פון עלטעסטן־ראַט און זיינע מוסדות. דער „מצוק" האָט געהאַט זיך פאַרמאָסטן צו זאָגן זיין וואָרט בנוגע די וויכטיקסטע באַשלוסן און פאַראָרדנונגען פון עלטעסטן־ראַט. באמת איז עס אים געווען ניט שווער צו דערגרייכן, ווייל ס'רוב מיטגלידער פון עלטעסטן־ראַט האָבן אָנגעהערט צו די ציוניסטישע גרופּירונגען.

*) נאָך דער דעפּאָרטאַציע פון געטאָ קיין דייטשלאַנד איז ער אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן איטאַליענישן פראָנט, וווּ ער איז סוף 1944 געפאַלן מיט אַ „העלדן־טויט". פאַר זיינע פאַרדינסטן לטובת דעם דריטן רייך, האָט ער נאָכן טויט באַקומען דעם הויכן ראַנג פון ס.ס.־שטאַנדאַרטנפירער.

**) ז. „קאַמף צווישן כספּי־סערעבראָוויטשן און ליפּצערן צוליב דער השפעה איבער דער אָנפירונג פון געטאָ־לעבן".

***) „מרכז ציוני ווילמפלה, קובנה" — ז. „ציוניסטישע טעטיקייט אין געטאָ".

אויך אין דער קאָזערנירונגס=קאָמיסיע, איינע פון די וויכטיקסטע אינסטי=
טוציעס פון עלטעסטן=ראט, זיינען, ווי באַקאַנט, געווען פארטראָטן פארשטייער
פון די געז. ריכטונגען אין געטאָ.

סוף 1943 און אָנהויב 1944, ווען די באַוועגונג אוועקצוגיין צו די פּאַרטי=
זאנער אין וואַלד האָט פארכאַפּט גרעסערע יוגנט=קרייזן אין געטאָ, האָט אויך
דער געהיימער פּאַרטיזאנער=קאָמיטעט זיך געמיט שטארק אויסצונוצן אין זיין
ארבעט דעם עלטעסטן=ראט און זיינע מוסדות.

* *
*

אינעם רשות פון עלטעסטן=ראט האָבן זיך געפונען פאָלגנדיקע געטאָ=אמטן:
1) ייד. געטאָ=פּאָליציי, 2) ארבעטס=אמט, 3) ווירטשאפטס=אמט, 4) פארפלעג=
גונגס=אמט, 5) וווינונגס=אמט, 6) געזונטהייטס=אמט, 7) סאָציאַל=אַמט,
8) סטאַטיסטישער אַמט, 9) שול=אַמט, 10) געטאָ=געריכט*) און 11) געטאָ=פייער=
לעשער. אַ געוויסע צייט האָט דער עלטעסטן=ראט אויך אָנגעפירט**) מיט די
גרויסע געטאָ=ווארשטאטן, וואָס זיינען שפּעטער=צו אריבער אין דירעקטן רשות
פון שטאָט=קאָמיסאריאט און גאָר צולעצט — צו דער לאַגער=פארוואלטונג ביי
דער לאגער=קאָמענדאנטור.

בראש פון איטלעכן אמט פלעגט דער עלטעסטן=ראט באשטימען אַ לייטער.
די אלגעמיינע ריכטליניעס פאר דער ארבעט פון די געטאָ=אמטן פלעגן פעסט=
געשטעלט ווערן מצד דעם עלטעסטן=ראט. כדי דער עלטעסטן=ראט זאָל זיין
שטענדיק אָריענטירט, וואָס ס'טוט זיך אין די אמטן, פלעגן די לייטערס פון די
אינסטיטוציעס פון צייט=צו=צייט אים אָפּגעבן טעטיקייט=באריכטן.

אלגעמיינע באַפעלן און פאראָרדנונגען פון דער מאכט צו דער געטאָ=באַ=
פעלקערונג פלעגט דער עלטעסטן=ראט פּובליקירן דורך עפנטלעכע באַקאַנטמאַ=
כונגען אין דייטש און ס'רוב אויך אין יידיש. איטלעכע פּובליקירונג פון עלטעסטן=
ראט אָדער פון אַ געטאָ=אמט פלעגט מצד די געטאָ=יידן ווערן ניט נאָר אויפ=
מערקזאם געלייענט, נאָר אויך שטארק קאָמענטירט, וועלנדיק צווישן די שורות
ארויסלייענען דאס, וואָס ס'איז אָפטמאָל געווען ניט דערזאָגט...

צו דער קאָמפּעטענץ פונעם עלטעסטן=ראט האָט אויך געהערט דאס באַ=
שטימען און אָפּזאָגן די אנגעשטעלטע פון די געטאָ=מוסדות. לכתחילה איז אין
געטאָ=אַפּאַראַט געווען טעטיק אַ גרעסערע צאָל אָנגעשטעלטע און ארבעטער. ווען
די פאָדערונג אויף יידישע ארבעטס=קרעפטן איז מצד דער מאכט געוואָרן וואָס=

*) די לעצטע צוויי אינסטיטוציעס האָבן עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט.
**) דורך דער ייד. לייטונג, באשטימט מצד דעם עלטעסטן=ראט.

ווייטער אַלץ גרעסער, איז דער עלטעסטן־ראַט געווען געצוווּנגען צו רעדוּצירן די צאָל מיטאַרבעטער אין די אַנשטאַלטן.

היות די אָנגעשטעלטע פון „מאַגיסטראַט", ווי מ'האָט גערופן די יידישע געטאָ־אַדמיניסטראַציע, האָבן לגבי אַנדערע געטאָ־יידן געגאָסן אַ גאַנצע ריי פּריווילעגיעס, איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די רעדוקציעס פלעגן אַרויסרופן אַ בהלה צווישן די אָנגעשטעלטע. די יעניקע, וועלכע פלעגן זיין באַדראָט צו ווערן באַזייטיקט פון זייערע פּאָסטנס, פלעגן אויף כלערליי אופנים זוכן אָנצווענדן פּראָטעקציע ביי די ייד. דעה־זאָגער פון געטאָ, כדי צו בלייבן אַרבעטן אין געטאָ־אַפּאַראַט. די רעדוצירטע מיטאַרבעטער פלעגן אַריבערגעפירט ווערן אויף אַרבעט אין די שטאָטישע אַרבעטס־פּלעצער אָדער אין די געטאָ־וואַרשטאַטן.

קיין באַלוינונג פאַר זייער אַרבעט פלעגן די אָנגעשטעלטע ניט באַקומען. ווי אַלע אַרבעטנדיקע געטאָ־יידן, פלעגן זיי, אחוץ דער נאָרמאַלער געטאָ־פאַרפּלעגונג, באַקומען אַ הוספה־צוטיילונג פון אַ פּאָר קג. ברויט אַ וואָך א. א. וו. די העכערע באַאַמטע פלעגן אָבער באַקומען גרעסערע צוטיילונגען פון שפּייז־פּראָדוקטן און אַנדערע זאַכן פון די רעסורסן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון די געטאָ־אַמטן.

מחמת דעם, וואָס די מיטאַרבעטער פון די מוסדות האָבן דאָך געהאַט אַ ניט אין ערך לייכטערע מערכה, ווי ס'רוב געטאָ־יידן, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זיי האָבן אויסגעמיטן דעם שווערן עול פון צוואַנגס־אַרבעט, האָבן די שווער־אַרבעטנדיקע יידן געקוקט אויף די אַדמיניסטראַציע־אָנגעשטעלטע ווי אויף אַ פּאַראַזיטישן עלעמענט. דער דאָזיקער אַנטאַגאָניזם, וואָס פלעגט אָפטמאָל אָננעמען גאַנץ שאַרפע אויסדרוקס־פאָרמען, איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, ווען ס'האָט סוף 1943 זיך אָנגעהויבן די ירידה פון עלטעסטן־ראַט און זיינע אינסטיטוציעס.

* * *

כדי צו באַקומען אַ מער־ווייניקער אָביעקטיוו־קריטישן בילד וועגן דער טעטיקייט פון עלטעסטן־ראַט און זיינע מוסדות, וועט אפשר זיין ניט איבעריק גלייכצייטיק צו ברענגען די אַרגומענטן פּ אַ ר און ק ע ג ן דער עקזיסטענץ פון דער ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע בכלל.

ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן אינעם אַריינפיר צו דער מאָנאָגראַפיע, פּרעטענדירט ניט די דאָזיקע אַרבעט צו געבן אָן אויסשעפּנדיקע תשובה אויף דער קאָמפּליצירטער פּראָבלעמאַטיק, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער יידישער „געטאָ־אויטאָנאָמיע". דאָס אַרויסהויבן ביידע מינים אַרגומענטאַציעס איז נאָר אויסן כאָטש וויפיל־ניט־איז אַלזייטיקער צו באַרירן די דאָזיקע אחריות'פולע טעמע.

=XXX=

די טענות פון די אָנהענגער פון אַ ייִד. געטאָ-אַדמיניסטראַציע לאָזן זיך רעזומירן, לפי-ערך, אַזוי:

די שווידערלעכע רציחות מצד דער ליטווישער באַפעלקערונג לגבי די שוצ-לאָזע ייִדן אין די ערשטע בהלה-טעג, איידער נאָך די נאַציס האָבן באַוויזן אָנצו-וואַרעמען זייערע פיס אין דער אָקופּירטער ליטע, האָבן אומצווייִדייטיק עדות-געזאָגט אויף דעם, אַז די ייִדן האָבן לחלוטין ניט צו האָפן אויף הילף מצד דער אַרומיקער קריסטלעכער וועלט. ייִדן זיינען דאַן געווען געגליכן צו אַ חיה׳לע, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע, פונוואַנען ס׳איז ניטאָ קיין אויסוועג זיך אַרויס-צורייסן. אין אַזאַ פאַל האָבן די ייִדישע אינטערעסן דיקטירט ניט אָפּצוואַרפן די אויפפאָדערונג פון דער אָקופּאַציע-מאַכט צו שאַפן אַ ייִדישע רעפּרעזענטאַנץ, מיט וועמען זי זאָל קענען קומען אין קאָנטאַקט בנוגע ייִדישע ענינים.

אגב, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז צו יענער צייט איז נאָך קיינעם ניט איינ-געפאַלן אויפן זינען דער געדאַנק, אַז די היטלערישע רוצחים האָבן פאַרטראַכט אַ טייוולאָנישן פּלאַן טאָטאַל צו פאַרניכטן די ייִדישע באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געביטן. לאָגיש-דענקענדיק איז דאַן אויסגעקומען, אַז ס׳איז דווקא געווונטשן ניט צו ווערן אויסגעשלאָסן פון דער מעגלעכקייט אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די נאַצישע מושלים, אין וועמענס הענט ס׳זיינען געלעגן די גורלות פון די געפאַנ-גענע ייִדן.

האָבנדיק אַ ייִדישע פאָרשטייערשאַפט, האָט מען געהאָפט צו זיין רעכט-צייטיק אינפאָרמירט וועגן די באַפאָרשטייענדיקע גזירות. מ׳האָט געגלויבט, אַז אַדאַנק ייִדישער שתדלנות וועט געלינגען, אויב ניט לחלוטין בטול-צו-מאַכן די אָדער יענע גזירה, איז לכל-הפּחות זי צו מילדערן אין אַ געוויסער מאָס.

וועט מען אָפּוואַרפן אין פּרינציפּ די צוזאַמענאַרבעט מיט די נאַציס, וועלן זיי זיין געצוווּנגען אַליין צו אָרדנען ס׳ייִדישע לעבן. אַזאַ מצב, האָט מען דאַן געטראַכט, וועט זיכער נאָך מער פאַרגרעסערן די רציחות און ווילקיר לגבי דער ייִדישער באַפעלקערונג, ווייל ס׳וועט דאַן אפילו ניט זיין קיין מעגלעכקייט צו אינטערווענירן.

אַרויסגייענדיק פון אָט די גרונט-הנחות, איז בשעתו ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג ווי אויסצונוצן דעם איינציקן און לעצטן שאַנס: ראַטעווען וויפיל און וואָס ס׳וועט זיך לאָזן. די איינציקע יעמאָלטיקע האָפענונג איז געווען פאַרבונדן מיט דער שטרעבונג צו געווינען וואָס-מער צייט און דאָס האָט סטימולירט צו זוכן וועגן, ווי אַזוי זיך צוצופּאַסן צום טראַגישן גורל.

נעמענדיק אין אַכט, אַז ס׳האָט געשיינט צו זיין צוועקמעסיק ניט צו געבן די רשעים קיין פּתחון-פּה פאָרצוּוואַרפן די ייִדן, אַז זיי זיינען פּאַראַזיטן און

אומגוציקע מענטשן — אַן ארגומענט, וואָס איז, ווי מ'האָט דאַן אָפּגעשאַצט, על־פּי צו ברענגען פּאַטאַלע תוצאות פאַרן גאַנצן יידישן קיבוץ —, איז ניט גע־ווען קיין אַנדער ברירה, ווי אויפצופאָדערן די יידן צו גיין אַרבעטן עבודת־פּרך אויף פאַרשיידענע צוואַנגס־אַרבעטן; ווי טייער ס'זאָל ניט זיין אַ יידן זיין פאַר־האַרוועטע פראַצע, האָט מען אים דאָך געמוזט עצה'נען, ער זאָל אויספירן דעם באַפעל מצד דער מאַכט אָפּצוליפערן זיין האָב־און גוטס; מ'האָט געדאַרפט פאַר די מענטשן קלאָר מאַכן, אַז די אַלע נגישות און באַליידיקונגען לגבי אונדז אַלס יידן און מענטשן מאָרן קיינעם ניט אַרויספירן פון געדולד, ווייל, רעאַגירנדיק קעגן די אויסוווּרפן אַזוי ווי זיי פאַרדינען באמת, וועט עס פאַר זיי נאָר דינען אַלס פּראָוואָקאַציע פאַר נייע רוצחישע מעשים־תעתועים.

כדי צו קענען כאָטש וויפיל־ניט־איז מיטווירקן ביי די אַלע ענינים, וואָס האָבן פאַרן געטאָ־ישוב אַן אינטערעס פון לעבן און טויט, איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג ווי מסכים־זיין צו בילדן אַ יידישן אַפּאַראַט, וואָס זאָל, פון איין זייט, זיין אַ פאַרמיטלונגס־אינסטאַנץ צווישן דער מאַכט און דער יידישער באַפעלקערונג און, פון דער צווייטער זייט, זאָל ער העלפן אָרדנען די עפנטלעכע הצטרכותן פון די געטאָ־יידן.

ביי די אַלע פאַרמיידלעכע און אומפאַרמיידלעכע דעפעקטן פון דער יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, איז זי דאָך — אָביעקטיוו גערעדט — פאַרן יידישן כלל געווען ניט אין ערגער נוציקער, ווי דאָס וואָלט געווען די „בעסטע" נאַצישע געטאָ־ליידונג. ווי־ניט־ווי פלעגט די יידישע געטאָ־אַדמיניסטראַציע תמיד גע־דענקען, אַז זי פאַרטרעט דעם יידישן ציבור, און זי מוז האַנדלען אין זיינע אינ־טערעסן. אַ באַשטעטיקונג אויף דעם קען מען געפינען אין פאָלגנדיקע פאַקטן:

ערשטנס, די יידישע געטאָ־פאַרשטייערשאַפט האָט זיך געמיט אויף פאַר־שיידענע אופנים, ווי דורך פעטע שוחד־מתנות א. א. וו., פערזענלעך צו פאַראינ־טערעסירן די נאַצישע געטאָ־מושלים אין דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון געטאָ־ישוב. דאָס האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דעם, אַז די יעניקע, פון וועמען ס'איז גע־ווען אָפּהענגיק די עקזיסטענץ פון געטאָ, האָבן אפשר קענען זייערע נאַצישע „פּרינ־ציפּן" פאַרטיידיקט אונדזערע שטרעבונגען ניט צו ליקווידירן דעם געטאָ־קיבוץ.

צווייטנס, די כוונה ביים גרינדן די געטאָ־אינסטיטוציעס איז געווען אַ גע־זעלשאַפטלעך־פּאָזיטיווע: ווי ווייט יושרדיק צו פאַרטיילן די שווערע לאַסטן פון דער געטאָ־שקלאַפעריי און אַריינצוטראָגן אַ שטיקל סדר אויף די געביטן פון צוואַנגס־אַרבעט, באַשפּייזונג, ווירטשאַפט, געזונטהייטס־וועזן, וווינונגס־פראַגע, סאָציאַלער הילף א. א. וו.

דריטנס, ווען אין געטאָ איז רייף געוואָרן די צייט פאַר גרופּעס יונגטלעכע אוועקצוגיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער און מוט געוועך אין די הענט קעמפן

קעגן נאַצישן שונא, אָדער ווען אין געטאָ האָט מען אָנגעהויבן צו בויען מאַלינעס, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן אין אַן עת־צרה — ,האָט די ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע, בפרט די ייד. געטאָ־פּאָליציי, אומאָפיציעל מיטגעהאָלפן די דאָזיקע לעבנס־וויכטיקע געטאָ־באַוועגונגען.

פערטנס, דאָס אַרויסטראָגן פון געטאָ הונדערטער יידישע קינדער, כדי זיי אָפּצוגעבן אין קריסטלעכע משפחות, איז מעגלעך געווען אַדאַנק דער מיטהילף פונעם ייד. געטאָ־אַפּאַראַט, בעיקר פון די ייד. געטאָ־טויערן.

פינפטנס, די יידישע אַדמיניסטראַציע האָט, לויט מעגלעכקייטן, זיך געמיט צו שוינען די אינטעליגענץ, וואָס האָט פיל שווערער ווי די עמך־מענטשן געקענט זיך אַקלימאַטיזירן אין די אוממענטשלעכע געטאָ־באַדינגונגען.

זעקסטנס, ס'איז אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז די געפירטע פּאָליטיק מצד דער יידישער געטאָ־רעפּרעזענטאַנץ האָט ניט קיין קלענעם חלק אין דעם, וואָס אין קאָוונער געטאָ־ישוב — איינעם פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון די גע־טאָס אין „אָסטלאַנד" — ,וואָס האָט עקזיסטירט דריי יאָר צייט און האָט דער־צויגן ביז צו דער באַפרייאונג פון ליטע, זיינען צום טאָג פון דער געטאָ־ליקווי־דאַציע געבליבן ביים לעבן העכער 10 טויזנט יידישע נפשות. ווען די סאָוועטישע גרויס־אָפענסיווע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22־טן יוני 1944 ביי וויטעבסק, וואָלט אָנגעהאַלטן איר לכתחילה'דיקן טעמפּאָ אַזש ביז צו קאָוונע, וואָלט אָן ספק דער גרעסטער טייל פונעם געטאָ־קיבוץ און די אַרומיקע אַרבעטס־לאַגערן דער־לעבט די באַפרייאונג. די נאַציס וואָלטן בשום אופן ניט באַוויזן די יידן צו דע־פּאָרטירן קיין דייטשלאַנד, ווי ס'איז יאָ געווען דער פאַל, ווען זיי האָבן אויף דעם צוועק געהאַט אין זייער רשות אַ פּאָר וואָכן צייט.

ועל־כולם מוז מען פעסטשטעלן, אַז איינעם פאַקט, וואָס נאָך דאַכאַו, וווהין די מענער זיינען פאַרשלעפּט־געוואָרן, און נאָך שטוטהאָף, וווהין די פרויען זיינען מגולגל־געוואָרן, זיינען דאָך געבליבן ביים לעבן עטלעכע טויזנט קאָוונער יידישע מענער און פרויען, האָט אַ געוויסן פאַרדינסט די אין לעצטן סך־הכל ריכטיק־גע־פירטע פּאָליטיק מצד דער ייד. געטאָ־אָנפירונג.

═XXX═

קעגן די דאָזיקע טענות מצד די חסידים פון אַ יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַ־ציע, שטעלן אַרויס די ק ע ג נ ע ר פון אַ יידישן געטאָ־אַפּאַראַט פאָלגנדיקע מאָטיוון:

ערשטנס, יידן האָבן פאַר קיין פאַל ניט געטאָרט מיטאַרבעטן מיט די פאַר־ביסנסטע רוצחים פון יידישן פאָלק, ווייל איטלעכע מיטאַרבעט מיט די נאַציס (ווע לכע גוטע און ערלעכע כוונות ס'זאָל דערביי ניט האָבן געווען מצד די יידן) איז אין תוך געווען קעגן די יידישע לעבנס־אינטערעסן. שוין פון זייערע ערשטע

בעסטיאַלישע מעשים לגבי דער ייד. באַפּעלקערונג פֿאַר דער גרינדונג פֿון געטאָ ווי אויך אין די ערשטע חדשים פֿון געטאָ־קיום איז געווען דייטלעך צו זען, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן די רשעים אונדז אַלעמען פאַרניכטן, און יעדע אילוזיע אין דעם פּרט איז אומבאַגרינדעט. אט פאַרוואָס קיין געטאָ־ייד האָט ניט געטאָרט אַרויפנעמען אויף זיך אַזאַ פאַרבּרעכערישן שאַנד־פלעק, ווי אויף דעם אדער יענעם אופן צוצולייגן זיין האַנט ביים באַשטימען דעם גורל פֿון אַ צווייטן געטאָ־ייד. יעדער ייד, וואָס האָט געטראָגן די זעלבע געלע לאַטע, ווי דער אַנדער ייד, האָט תמיד געדאַרפט געדענקען, אַז ווי מיזערנע ס׳זאָל ניט זיין זיין דירעקטע אָדער אומדירעקטע מיטבאַטייליקונג אין די היטלערישע רציחות לגבי די יידן, איז זיין שולד ניט אין ערך אַ גרעסערע, ווי די נאַציישע, ווייל זיי, די רשעים, „מעגן" עס טאָן, און יידן — בשום אופן ניט.

צווייטנס, דאס מסכים־זיין מצד יידן צו שאַפן אַ יידישן געטאָ־אַפּאַראַט, אונטערן „שוץ" פֿון די נאַציס, האָט די מאַסן־מערדער אין אַ געוויסן זין מיט־געהאָלפן צו דערגרייכן אַ מצב, אַז יידן אַליין זאָלן פאַר זיי אָפּטאָן אַ טייל פֿון זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט, ווי אַ שטייגער, טרייבן די מענטשן אויף צוואַנגס־אַרבעט, איבערזידלען יידן פֿון געטאָ אין די אַרבעטס־לאַגערן, וווּ דער רעזשים און די לעבנס־באַדינגונגען זיינען געווען פיל שווערערע, ווי אין געטאָ גופא. גיט מען נאָך צו, אַז חוצדעם האָט די ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע אַקטיוו זיך מתעסק־געווען ביי די איבערזידלונגס־אַקציעס מחוץ די גרענעצן פֿון ליטע, ווי, למשל, קיין ריגע און בפרט קיין עסטלאַנד, וווּ די איבערגעזידלטע מענטשן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין באַדינגונגען פֿון אומקום און פאַרניכטונג —, ווערט קלאָר דער „צושטייער" פֿון די ייד. געטאָ־מושלים צו דעם אַלעמען, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די שוידערלעכע היטלער־יאָרן.

דריטנס, איטלעכער ערלעכער און אָביעקטיוו־דענקענדיקער געטאָ־מענטש וועט מוזן אנערקענען, אַז די גאַנצע „כלל־טועריי" מצד די יידישע געטאָ־מאַכט־האבער איז באמת פאַר זיי געווען ניט מער ווי אַ מיטל צו פאַרהיטן די אייגענע פעל און שאַפן פאַר זיך פריווילעגירטע און לייכטערע לעבנס־פאַרהעלטענישן אויפן חשבון פֿון די אַנדערע אחים־לצרה. דער כלומרשטער ארגומענט פֿון געווי־נען צייט פאַרן כלל, האָט פאַר די דאָזיקע עלעמענטן באַדייט קודם־כל שיצן זיך אַליין און די מקורבים. ביי איטלעכער גרעסערער און קלענערער געטאָ־גזירה האָבן די יידישע געטאָ־מנהיגים פריער פאַר אַלץ זיך געמיט אַרויסצודרייען פֿון די אַלגעמיינע צרות.

פערטנס, די פאַראַנטוואָרטלעכע פערזאָנען פֿון דער יידישער געטאָ־אַדמי־ניסטראַציע האָבן פאַר די דריי יאָר געטאָ־קיום קיינמאָל ניט אונטערגענומען קיין ערנסטע שריט, אויב ניט בכלל צו ליקווידירן איז לכל־הפחות אויף אַ קענטיקן

אופן צו צוימען דעם ווילקיר, פּראָטעקציאָניזם, קאָרופּציע א. א. אַנטי־סאָציאַלע און אַמאָראַלישע מעשים מצד געוויסע באַאַמטע פון די געטאָ־מוסדות. דער עלטעסטן־ראַט, אַלס די העכסטע רעפּרעזענטאַנץ פונעם געטאָ־ישוב, האָט גע־לאָזן אומגעשטערט ווילדעווען די כלערליי אַרנשטאַם׳ס (געטאָ־פּאָליציי), לוריע׳ס, מאַרגאָלים׳עס (אַרבעטס־אַמט) א. א. געטאָ־טיראַנען, וואָס זיינען געווען די גע־שפּענסטן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. דאָס האָט געשאַפן אַ לאַגע, אַז דער פּשוטער, אומבאַהאָלפענער געטאָ־ייד האָט געהאַט אויסצושטיין אַ דאָפּלטן דרוק: סיי מצד די נאַציישע רוצחים, סיי מצד דער יידישער „געטאָ־מלכות“.

פינפטנס, אַלע בעסערע און לייכטערע אַרבעטס־פּלעצער אין שטאָט און אין געטאָ זיינען געווען באַהערשט פון די פּראָטעזשירטע עלעמענטן. מחמת דעם איז דער עמך־ייד בפועל־ממש פּערמוטשעט געוואָרן אויפן אַעראָדראָם און אין די שווערע שטאַטישע בריגאַדעס, ווו אויסער עבודת־פּרך פלעגט מען נאָך די יידן שלאָגן מכות־רצח און, חוץ אַלעמען, פלעגן זיי ניט האָבן קיין מעגלעכקייט ביי דער אַרבעט זיך איינצושאַפן אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן.

זעקסטנס, די קאָנצענטרירונגס־קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט אויף אַ יושרדיקן אופן אָרדנען די קאָנצענטרירונג פון געטאָ־ישוב, האָט אין די אַרבעטס־לאַגערן געשיקט אויסשליסלעך די יעניקע מענטשן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין צוטריט צו עמיצן פון די יידישע געטאָ־מושלים, וואָס זאָלן זיך אָננעמען זייער קריוודע.

זיבעטנס, דער עלטעסטן־ראַט האָט דערלאָזן די רעדל־פירער פון די גע־זעל־שאַפטלעכע גרופּירונגען אומעטום צו שיצן זייער „אַקטיוו“ אויפן חשבון פון געטאָ־קהל. ס׳איז דעריבער אין געטאָ־לעבן געווען אַ גאַנץ „נאָרמאַלע“ דערשיינונג, אַז אַ יונגער און געזונטער מענטש פון אַ וועלכער ס׳איז „פּאַרטיי“ זאָל האָבן אַ לייכטערע אַרבעטס־שטעלע, און אַן עלטערער און שוואַכער סתם־ייד זאָל אויס־געריסן ווערן ביי דער קאַטאָרזשנער אַרבעט.

אַכטנס, הגם דעם עלטעסטן־ראַט און זיינע אינסטיטוציעס קען, בכלל גענומען, ניט צוגעשריבן ווערן קיין מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט אין די פאַרניכטונגס־אַקציעס, ליגט דאָך אויפן געוויסן פון די אַנפירנדיקע פּערזאָנען פון דער יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע די שולד פאַר פאָלגנדיקע פאַקטן:

א) האַרט ערב דער „פּראַבע־אַקציע“, וואָס איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1941, האָט דער עלטעסטן־ראַט מסכים־געווען צו פאַרטיילן צווישן דער געטאָ־באַפעלקערונג 5 טויזנט „יאַרדאַן־שיינען“, כאָטש אין געטאָ זיינען דאַן געווען קרוב 30 טויזנט יידישע נפשות און ס׳איז ניט באַשטאַנען קיין ספק אין דעם, אַז די באַזיצער פון „יאַרדאַן־שיינען“ וועלן אויף דעם אָדער יענעם אופן זיין פּריוויל־לעגירט לגבי די יעניקע, וועלכע וועלן אַט די שיינען ניט האָבן. און באמת איז

טאקע אַזוי געווען: הן בעת דער „פּראָבע־אַקציע“, הן בעת דער אַקציע פון קליין־געטאָ אין אָקטאָבער 1941 זיינען די יארדאַן־שיינען געווען „לעבנס־שיינען“ אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. דער עלטעסטן־ראַט האָט געדאַרפט מיט מער ערנסט און אחריות באַהאַנדלען די פראַגע פון יאָ אָדער ניט געמען די „יאַרדאַן־שיינען“.

ב) פונעם געשפּרעך מיטן געשטאַפּאָ־ממונה פאַר יידישע ענינים, דעם רוצח ראַוקאַ, ערב דער גרויסער אַקציע, איז דער עלטעסטן־ראַט אָן ספק געווען אין בילד וועגן דעם, אַז דאס געטאָ שטייט ערב אן אַקציע. דאך האָט ער דער געטאָ־באַפעל־קערונג אויף אַ וועלכן ס'איז אופן ניט געגעבן צו פאַרשטיין וועגן דער באַפאַר־שטייענדיקער געפאַר. אומגעקערט, זיין מעלדונג צו דער געטאָ־באַפעלקערונג וועגן באַפעל מצד דער מאַכט צו דערשיינען אויפן דעמאָקראַטו־פּלאַץ, ניט אַנווייזנדיק דעם צוועק פון צונויפקום, האָט מיטגעווירקט צו דעם, ס'זאָלן אויפן סעלעקציע־פּלאַץ דערשיינען אַלע געטאָ־יידן אין אַ צאָל פון 26 טויזנט נפשות, פון וועלכע איבער 10 טויזנט מענער, פרויען און קינדער זיינען אַוועק אויף פאַרניכטונג. דער חטא פון עלטעסטן־ראַט ווערט אויף אַ האָר ניט פאַרמינערט דורך דעם, וואָס ער זאָל האָבן באַקומען אַ הכשר מצד הרב שאפּירא צו פּובליקירן די מעלדונג אין אַזאַ נוסח, ווי זי איז פאַקטיש געווען פאַרעפנטלעכט.

ג) בעת דער איבערזידלונגס־אַקציע קיין עסטלאַנד אין אָקטאָבער 1943, ווען מיטאַנצייט איז אין געטאָ קלאָר געוואָרן, אַז די צונויפנעמענע מענטשן ווערן געפירט ניט אין אַרבעטס־לאַגער עזשערעטשאַי, ביי קאָוונע, ווי ס'איז לכתחילה געווען די „הבטחה“ מצד געקען, נאָר ערגעץ־ווו אַנדערש, און פיל געטאָ־יידן האָבן דעריבער זיך געגומען אויסבאַהאַלטן, האָט די קאַזערנירונגס־קאָמיסיע ביים עלטעסטן־ראַט דאָך געהאַלטן אין צושטעלן אַלץ נייע און נייע רשימות פון יידן פאַר דער איבערזידלונג. דאָס איז געטאָן געוואָרן ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ס'איז געווען אַן ערנסטער גרונט חושד צו זיין, אַז די מענטשן, קען זיין, ווערן גע־פירט ערגעץ־ווו אויף אומקום.

דאָס, לערך, זיינען די גרונט־רעיונות פון די יעניקע, וועלכע האַלטן, אַז די עקזיסטענץ פון אַ יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע האָט אין לעצטן סך־הכל מער געדינט די אינטערעסן פון די נאַצי־רוצחים, ווי פון דער אַלגעמיינער געטאָ־באַפעל־קערונג.

* *
*

אַלס פאָרזיצער פונעם עלטעסטן־ראַט איז די גאַנצע צייט פון געטאָ־קיום געווען דר. אלחנן עלקעס.

ביז צו דער נאַצישער אקופּאַציע אין ליטע, איז דר. עלקעס געווען איינער פון די באַוווּסטע קאָוונער אינטערניסטן און לייטער פון אַן אינערן=אפּטיילונג אין קאָוונער יידישן שפּיטאָל „בקור=חולים“. ער איז אויך געווען דער הויז=דאקטאר פון ליטווישן פּרעמיער=מיניסטער טוביאַלים און פון אייניקע אויסלענדישע געזאנדטע (בתוכם אויך פונעם דייטשן) אין דער ליטווישער רעזידענץ.

אידעאָלאָגיש איז דר. עלקעס געשטאַנען נאָענט צום אַלגעמיינעם ציוניזם, אָבער ער האָט אַקטיוו זיך ניט געמישט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט געשם'ט אַלס אנשטענדיקער מענטש און האָט געניאָסן אַ היפשע פּאָפּולאַריטעט אַלס ערנסטער מעדיצינער.

היות ס'איז געווען צו דערוואַרטן, אַז צוליב זיין אַפּאָליטישן עבר וועלן אים די נאַצים גאָרניט קענען פאָרוואַרפן, און חוצדעם האָט ער פאַרמאָגט פאַרבינדונגען מיט פאַראנטוואָרטלעכע פּערזאָנען פון דער געוו. דייטשער פאַרשטייערשאַפט אין קאָוונע, איז ער פון דער יידישער זייט פארגעשלאָגן געוואָרן צו שטיין בראש פון דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ — פונעם עלטעסטן=ראַט. די אָקופּאַציע=מאַכט האָט טאַקע זיין קאַנדידאַטור אַלס פאָרזיצער פון עלטעסטן=ראַט אַקצעפּטירט אָן מניעות.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צוצוגעבן, אַז די נאַצישע געטאָ=מושלים האָבן צו אים זיך באַצויגן מיט אַ געוויסן רעספּעקט (אויף וויפיל ס'איז בכלל שייך צו ריידן מכוח רעספּעקט מצד נאַצים צו אַ יידן...). בפרט האָט ער געהאַט אַ גוטע מערכה ביים ס.ס.=אָבערשטורמבאנפירער געקע, וואָס איז נאכן פאַרוואַנדלען דאס געטאָ אין אַ קאַצעט געווען לאַגער=קאָמענדאַנט. דער דאָזיקער הויכער ס.ס.=פונקציאָנער פלעגט אים זייער אָפט אויפנעמען אויף אוידיענצן בנוגע פאַרשיידענע געטאָ=ענינים און פלעגט מיט אים זיך אונטערהאַלטן ווי, להבדיל, מיט זיינס אַ גלייכן...

צוליב די דאָזיקע באַציאונגען צווישן דר. עלקעסן און געקען, האָט דר. עלקעס האַרט פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ, ווען די רויטע אַרמיי איז שוין געשטאַנען ביי ווילנע, געוואגט אים צו מאַכן פאָלגנדיקן פאָרשלאַג: אויב ער, געקע, וועט מיטווירקן, דאס געטאָ זאל אַריינפאַלן בשלום אין די הענט פון די סאָוועטן, וועט ער בזכות זה מצד די יידן קריגן אַ גאר גרויסע געלט=מתנה, און חוצדעם וועט אַזאַ האַנדלונג זיינע אים מיטהעלפן זיך צו רעהאַביליטירן אין די אויגן פון דער סאָוועטישער מאַכט. אמת, געקע האָט אט דעם פארשלאַג נאך אַ געוויסן ישוב=הדעת אָפּגעוואָרפן און האָט, ווי באַקאַנט, אין אַ קורצער צייט אַרום דעם געטאָ=ישוב ליקווידירט אויף אן אויסערסט=גרויזאַמען אופן, אָבער דער עצם פאַקט פון דר. עלקעס מאַכן אים אַזאַ געוואגטן פארשלאַג זאגט עדות אויף דעם, ווי ווייט ס'האָט געגרייכט זייער קאנטאַקט.

מיט דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון די געטאָ־מוסדות, וואָס זיינען געשטאַנען אין רשות פון עלטעסטן־ראַט, האָט דר. עלקעס ווייניק זיך אינטערעסירט. דאָס איז געשען ניט נאָר מחמת זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס ער האָט געגעבן פרייע הענט די לייטערס פון די באַזונדערע געטאָ־אַמטן. דע־ריבער פלעגט זייער אָפט פּאַסירן, אַז הויכע „מאַכערס" פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי אָדער פון אַרבעטס־אַמט פלעגן ווייניק זיך רעכענען מיט זיינע ווונטשן, און זיי פלעגן טאָן דאָס, וואָס זיי פלעגן ווילן. אַזאַ באַציאונג מצד דר. עלקעסן צו די אַלטע־לעבע געטאָ־ענינים האָט אומדירעקט מיטגעהאָלפן צום וווּקס פון ווילקיר א. א. נעגאַטיווע דערשיינונגען אין עפנטלעכן לעבן פון געטאָ. אַקטיוו פלעגט ער בעיקר ווערן דאַן, ווען מ'פלעגט דאַרפן זיך משתדל־זיין ביי דער מאַכט וועגן אָפּשרייען אָדער מילדערן א גזירה פאַרן געטאָ.

אַדאַנק זיין צוריקגעהאַלטענעם און ערלעכן פריוואַט־לעבן, האָט דר. עלקעס זיך דערוואָרבן אכטונג ביי דער געטאָ־באַפעלקערונג. די געטאָ־יידן האָבן געהאַט די איבערצייגונג, אַז דר. עלקעס האָט אויף יעדן פאַל גוטע כוונות בנוגע דעם גע־טאָ און וואָס ס'לאָזט זיך טאָן לטובת דעם געטאָ־קיבוץ, טוט ער געווים.

ביים ליקווידירן דאָס געטאָ, איז ער צוזאַמען מיט אַלע מענער פאַרשלעפּט געוואָרן אין די דאַכאַוער אַרבעטס־לאַגערן ביי לאַנדסבערג. דאָרטן איז ער געווען טעטיק אַלס דאָקטאָר פון קראַנקן־רעוויר אין קאַצעט. ווי אַ קראַנקער און שוואַ־כער מענטש, האָט דר. עלקעס ניט געקענט אַדורכמאַכן די קאַצעט־ענויים און איז אין לאַגער געשטאָרבן דעם 17 אָקטאָבער 1944 *).

* *
*

די גאַנצע צייט, וואָס דר. עלקעס איז געווען פאָרזיצער פונעם עלטעסטן־ראַט, איז אדוו. לייב גאַרפונקעל געווען זיין ממלא־מקום, ד. ה. וויצע־פאָרזיצער.

אינעם פאַרמלחמה'דיקן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ליטע האָט אַדוו. גאַרפונקעל פאַרנומען אַ חשובן אָרט. זיין כלל־טוערײ אין ליטע האָט ער אָנגע־הויבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ס'זיינען אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע אַוועקגעלייגט געוואָרן די יסודות פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָ־נאָמיע, וואָס איז שפּעטער־צו מצד די ליטווישע שונאי־ישראל חרוב ומוחרב געוואָרן. אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען יידישער דעפּוטאַט אין ליטווישן סיים. ער האָט געהערט צו די לידערס פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ליטע.

---

*) כ"ט תשרי, תש"ד.

ווען די רויטע אַרמיי האָט דעם 15־טן יוני 1940 אַריינגעמאַרשירט קיין ליטע, איז ער אין עטלעכע וואָכן אַרום צוזאַמען מיט אייניקע אַקטיווע טוער פון די ליק־ווידירטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אַרעסטירט געוואָרן און איז געזעסן אין קאָוו־נער תפיסה. אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָכן אויסבּרוך פון דייטש־סאָוועטישן קריג איז ער פון תפיסה באַפרייט געוואָרן, ווייל די סאָוועטן האָבן ניט באַוויזן צו עוואַקואירן די תפיסה, און די אַרעסטירטע האָבן זיך אַליין באַפרייט. דאָס, וואָס ער איז מצד די סאָוועטן געוואָרן פאַרפאָלגט, האָט אָן ספק מיטגעווירקט צו דעם, די נאַצי־מאַכט זאָל אים באַשטעטיקן אַלס וויצע־פּאָרזיצער פון דער העכסטער ייד. געטאָ־אינסטאַנץ.

אַדוו. גאַרפונקעל האָט אין עלטעסטן־ראַט בעיקר זיך אָפּגעגעבן מיט דער טעטיקייט פון דער געטאָ־פּאָליציי א. א. געטאָ־אינסטיטוציעס. מיט די נאַצישע געטאָ־שררות איז ער ווייניק געקומען אין קאָנטאַקט, ווייל דערמיט האָבן זיך באַ־שעפטיקט דר. עלקעס און טיילוייז אויך אַנדערע מיטגלידער פון עלטעסטן־ראַט.

ווען אין געטאָ האָבן די ציוניסטישע גרופּירונגען גענומען אויפלעבן זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, האָט אַדוו. גאַרפונקעל אַרויסגעוויזן פיל אינטערעס צו אָט דעם ענין, בפרט צו דער אַרבעט פון דער צ. ס.־גרופּע. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַר דער באַוועגונג פון דער געטאָ־יוגנט אַוועקצו־גיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. בעתן אַרעסט פונעם עלטעסטן־ראַט נאָך דער ליקווידאַציע פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי, איז ער, ווי שוין דערמאָנט, מצד גע־שטאַפּאָ געהאַלטן געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט לענגער, ווי אַנדערע מיטגלידער פון עלטעסטן־ראַט, און ער איז דאָרטן שטאַרק געפּייניקט געוואָרן.

אַזוי ווי דר. עלקעס, האָט אויך אַדוו. גאַרפונקעל אין געטאָ געפירט אַ באַ־שיידענעם און צוריקגעהאַלטענעם פּריוואַט־לעבן, און ער האָט צוגלייך מיט דר. עלקעסן גענאָסן אַכטונג און צוטרוי מצד דער געטאָ־באַפעלקערונג. אויב אין זיין פּערזענלעכן לעבן איז אים געווען ווייניק־וואָס פאַרצוואַרפן, האָט אויך ער זייער ווייניק געטאָן, כדי צו צוימען די אַנטי־געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען פונעם יידישן געטאָ־אַפּאַראַט.

בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ איז ער פאַרשלעפּט געוואָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן ביי לאַנדסבערג, ווו ער האָט סוף־אַפּריל 1945 דערלעבט די באַפרייאונג. נאָך דער באַפרייאונג איז ער געווען טעטיק צווישן דער שארית־הפליטה אין אי־טאַליע, ווו ער איז געווען פאָרזיצער פון צ. ק. פון די ייד. פּליטים.

* *
*

במשך דעם קיום פונעם עלטעסטן־ראַט איז אַלס איינער פון זיינע אָנגע־זעענסטע מיטגלידער געווען אַדוו. יעקב גאָלדבערג.

ווי א געוו. אפיצער פון דער ליטווישער אַרמיי, איז ער געשטאַנען בראש פונעם יידישן פראנט־קעמפער־פאַרבאַנד אין ליטע. מחמת דעם איז ער בעת דער סאָוועטישער הערשאַפט אין ליטע געווען אַרעסטירט און איז מיטן אריינמאַרש פון די דייטשן קיין קאָוונע באַפרייט געוואָרן פון תפיסה. אויך ער, ווי אַדוו. גאַר־פונקעל, איז צוליב די רדיפות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון סאָוועטישן רעזשים, טאָלערירט געוואָרן מצד דער אקופאציע־מאַכט אלס אנפירנדיקע פערזאָן פונעם געטאָ־ישוב.

אחוץ זיין אמט אַלס מיטגליד פון עלטעסטן־ראַט, איז אדוו. גאָלדבערג פון הארבסט 1941 ביז זומער 1943 געווען טעטיק אַלס לייטער פון יידישן אַרבעטס־אַמט אין געטאָ.

בעתן אַרעסט פון עלטעסטן־ראט האָט, ווי געזאגט, אויך אדוו. גאָלדבערג געהאַט אויפן 9־טן פאָרט פיל אויסצושטיין מצד געשטאַפּאָ.

באַפרייט געוואָרן איז ער אין די דאַכאוער אַרבעטס־לאַגערן, וווּ ער איז פאַר־שלעפּט געוואָרן צוזאַמען מיט די מענער פון קאָוונער געטאָ. נאָך דער באַפריי־אונג האָט ער אין געזעלשאַפטלעכן לעבן זיך ניט געמישט.

* *
*

פון די אנדערע פערזאָנען, וואָס זיינען לכתחילה געווען מיטגלידער פון על־טעסטן־ראַט, דאַרף מען דערמאַנען:

הירש לעווין — געווען איינער פון די ווירטיקסטע וואָרט־זאָגער אין עלטעסטן־ראַט, בפרט אין דער ערשטער תקופה פון געטאָ־קיום *).

הרב סניעג — געוו. ארמיי־ראַבינער אין ליטע. באַפרייט געוואָרן אין דאַכאוער קאַצעט. שפּעטער־צו געוואָרן דער אויבער־ראַבינער פון דער שארית־הפליטה אין בייערן.

הרב שמוקלער — געוו. שאַנצער רב. געשטאָרבן אין געטאָ.

דר. גריגאָרי וואָלף — באַקאַנטער ייד. געזעלשאַפטלעכער טוער אין קאָוונע. געשטאָרבן אין געטאָ.

דר. חיים־נחמן שאפּירא — בעיקר זיך אָפּגעגעבן מיט קולטור־ענינים און ציוניסטישער טעטיקייט אין געטאָ **).

אַלס סעקרעטאַרן פון עלטעסטן־ראַט זיינען געווען טעטיק:

אדוו. ישראל בערנשטיין — פאַרנומען דאָס דאָזיקע אַמט ביזן

---

*) ז. „פערזאָנען, וואָס האָבן זיך מתעסק־געווען מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג".

**) וועגן טראַגישן גורל פון אים און זיין משפחה — ז. „שול־אַמט".

פרילינג 1942, ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן בשייכות מיטן דורכפאַל פון דער אומלעגאַלער בריוו־פאַרבינדונג צווישן קאָוונער א. א. געטאָס *). נאָך דער באַפרייאונג פון אַרעסט, געאַרבעט אין אַנדערע געטאָ אינסטיטוציעס. איז אומגעקומען אין אַ מאַלינע בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

אדוו. אַ ב ר ה ם ג אָ ל ו ב — לכתחילה געווען געהילף פון אדוו. בערנשטיין. שפּעטער־צו, נאָך בערנשטיינס אַרעסט, געוואָרן סעקרעטאַר פונעם עלטעסטן־ראַט. האָט אויסגעאיבט א גאָר־גרויסע השפעה אויף דער טעטיקייט פון דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע און איז דאָרטן געווען, ווי מ'האָט גערעדט, דער אומגעקרוינטער דיקטאַטאָר. ווי אַ מענטש מיט אַ שטאַרק־אַנטוויקלטער מאַכט־אַמביציע, האָט ער שטענדיק זיך געמיט אַדורכצוזעצן זיינע מיינונגען אין אַלע וויכטיקסטע באַשטימונגען פונעם עלטעסטן־ראַט.

אחוץ אינעם געטאָ אַפּאַראַט, איז אדוו. גאלוב אויך געווען איינער פון די ראשי־המדברים אינעם ציוניסטישן לעבן אין געטאָ, בפרט אין דער גרופּירונג פון די רעכטע אַלגעמיינע ציונים.

נאָך דער איבערזידלונגס־אַקציע קיין עסטלאַנד אין האַרבסט 1943, איז ער אַוועק פון געטאָ און האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ קריסט אין דער פּראָווינץ.

שפּעטער־צו, נאָך דער באַפרייאונג, איז ער מגולגל־געוואָרן קיין איטאַליע, וווּ ס'איז פאָרגעקומען אַ געזו. משפט איבער זיין טעטיקייט אין די געטאָ־צייטן.

אדוו. י. ש י נ ב ע ר ג — געאַרבעט אַ לענגערע צייט אין סעקרעטאַריאַט פון עלטעסטן־ראַט. דערנאָך אַריבער אַרבעטן אין דער פּראָדוקטן־באַזע פון פאַר־פלעגונגס־אַמט. אין די טעג פון ליקווידירן דאָס געטאָ איז ער אַרוים אין שטאָט און האָט זיך געראַטעוועט. פּסח 1945 געשטאָרבן אין קאָוונע נאָך אַן אָפּעראַציע.

אין ביורא פון עלטעסטן־ראַט האָבן נאָך חוצדעם אויך מיטגעאַרבעט:

ר אָ ס ט אָ וו ס ק י — פאַכמאַן פון דייטשער קאָרעספּאָנדענץ. אַן עלטערער ייד פון מעמעל. איז אַוועק בעת דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע סוף־מערץ 1944.

פרל. ע ל ש ט יי ן — שרייב־מאַשיניסטין. בעתן אַרעסט פון עלטעסטן־ראַט אין אַפּריל 1944 איז אויך זי געווען אַוועקגעפירט אויפן 9־טן פאָרט. געווען פאַרשלעפּט קיין שטוטהאָף. נאָך דער באַפרייאונג מגולגל־געוואָרן קיין שוועדן.

ש מ ו ק ל ע ר — (זון פון הרב שמוקלער) קוריער פון עלטעסטן־ראַט. אַלס שומר־הסף האָט ער געהאַט די געלעגנהייט זיך צוצוזען און צוצוהערן צו דעם

*) ז. „סטאַטיסטישער אמט".

[redacted]

אַלעמען, וואָס ס'געשעט אין „קדשי־קדשים“ פון געטאָ... ער האָט טאַקע דע־ריבער געהערט צו די בעסט־אינפאָרמירטע מענטשן אין געטאָ. פיל יידן פלעגן זייער אָפט מקנא־זיין דעם דאָזיקן בחור, וואָס איז תמיד אין קורס פון די וויכטיקסטע געטאָ־געשעענישן. איז אומגעקומען ערגעץ אין אַ מאַלינע בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

# יידישע געטאָ־פּאָליציי

---

**גרינדונג פון ייד. געטאָ־פּאָליציי און אירע גרונט־אויפגאַבעס. — ראָלע פון פּאָליציי אין געטאָ־לעבן. — געטאָ־פּאָליציי און „אָרדנונג־דינסט“. — סעפּאַראַטע פּאָליציי־אײנהייטן. — פּאָליציי־אָרקעסטער.**

גלייך נאָכן אָפּשליסן דאָס געטאָ אינמיטן אויגוסט 1941, ווען דער ייד. קאָמיטעט האָט גענומען ביסלעכווייז רעגולירן דאָס עפנטלעכע געטאָ=לעבן, איז מצד דער מאַכט פאַראָרדנט געוואָרן צו בילדן אַ ייד. געטאָ=פּאָליציי. געהייסן האָט עס, אַז די ייד. פּאָליציי וועט דאַרפן אויפפּאַסן אויף דער עפנטלעכער רו און אָרדנונג אין געטאָ און, חוצדעם, שטיין אין דינסט פון די ייד. מוסדות.

כדי צו רעקרוטירן יונגעלייט פאַר דער געטאָ=פּאָליציי, האָט דער ייד. קאָמיטעט זיך געווענדעט מיט אַן אויפפאָדערונג צו די פּערזאָנען, וועלכע האָבן געדינט אין מיליטער, זיי זאָלן אנקומען אין פּאָליציי=דינסט. מ'מוז אָבער זאָגן, אַז הגם ס'האָט זיך דאַן געהאַנדלט בסך=הכל וועגן אַ 50 מענטשן, האָבן אַלס פרייוויליקע בעלנים געהאַט זיך אָפּגערופן ניט מער ווי אַ פּאָר צענדליק יונגעלייט. די איבעריקע האָט מען .געמוזט רעקרוטירן אויפן וועג פון מאָביליזאַציע.

אינעם לכתחילה'דיקן באַשטאַנד פון דער ייד. געטאָ=פּאָליציי זיינען געווען פּאַרטראַטן, אחוץ געדינטע מיליטער=לייט, אויך געוו. ספּאָרטלער פון „מכבי“ און אַ געוויסע צאָל פּערזאָנען פון דער אינטעליגענץ. עמך=מענטשן האָבן זיך געהאַלטן רעזערווירט צום ענין פּאָליציי. די גרינדער פון דער פּאָליציי האָבן דעריבער באַשלאָסן צו מאָביליזירן אַ ביסל יונגעלייט אויך פון די פּשוטערע פאָלקסשיכטן, כדי צו שאַפן צוטרוי צו דער טעטיקייט פון דער פּאָליציי מצד אַלע שיכטן פון דער געטאָ=באַפעלקערונג.

די ניי=געשאַפענע געטאָ=פּאָליציי האָט, קודם=כל, געהאַט אַ סך אַרבעט ביים רעגולירן די וווינונגס=ענינים. הגם דאָס געטאָ איז שוין געווען אָפּגעשלאָסן, האָבן נאָך הונדערטער יידן ניט געהאַט קיין אָפּדאַך איבערן קאָפּ. זייער פיל מענטשן האָבן בפועל=ממש ניט געהאַט קיין שטיקל ווינקל, וווּ זיך אהינצוטאָן. טאָג=טעג=

לער פלעגט דאָס ווינונגס־אַמט באַלאַנגערט ווערן פון הונדערטער אינטערעסאַנטן, און די געטאָ־פּאָליציי האָט געדאַרפט באַהילפיק זיין דעם ווינונגס־אַמט אויס־צופירן זיינע פונקציעס.

שפּעטער־צו, ווען אויך די איבעריקע געטאָ־מוסדות האָבן גענומען אַנטוויק־לען אַן אינטענסיווערע טעטיקייט, איז ווידעראַמאָל נויטיק געווען די מיטהילף פון דער געטאָ־פּאָליציי. אַזוי, אַ שטייגער, איז די געטאָ־פּאָליציי אויסגענוצט געוואָרן מצד דעם אַרבעטס־אַמט ביים רעקרוטירן די נויטיקע צאָל יידן אויף פאַר־שיידענע צוואַנגס־אַרבעטן; געטאָ־פּאָליציסטן האָבן געדאַרפט האַלטן אָרדנונג ביי די שפּייז־פאַרטיילונגס־געשעפטן, ווו ס'פלעגן זיין גרויסע רייען ביים אָפּנע־מען די געטאָ־פאַרפלעגונג; מ'האָט אויך געדאַרפט היטן די קהל'שע געטאָ־גערט־נער, וואָס פלעגן געשטורעמט ווערן מצד הונגעריקע געטאָ־יידן.

ווען די פליכטן פון דער געטאָ־פּאָליציי זיינען געוואָרן פאַרגרעסערט, איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט צו פאַרפולקאָמען איר אַפּאַראַט און צו קאָאָר־דינירן די פונקציעס פון די באַזונדערע פּאָליציי־אינסטאַנצן.

בראָש פון דער געטאָ־פּאָליציי איז געווען אַ צענטראַלע ליטונג, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַלע פּאָליציי־ענינים. דער פּאָליציי־צענטער איז באַשטאַנען פון אַ פּאָליציי־שעף און זיין געהילף, אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר, לייטערס פון די באַ־זונדערע פּאָליציי־רעסאָרטן, אַ ביוראָ־לייטער מיט אַ גאַנצן שטאַב מיטאַרבעטער א. א. וו.

די פּאָליציי־צענטראַלע האָט זיך מתעסק־געווען מיט פאָלגנדיקע ענינים: אין הסכם מיטן עלטעסטן־ראַט פעסטשטעלן די ריכטליניעס פאַר דער פּאָליציי־אישער טעטיקייט אין געטאָ, באַהילפיק זיין די געטאָ־מוסדות אויסצופירן זייערע פליכטן, אינסטרואירן די באַזונדערע פּאָליציי־רעווירן, פאַרוואַלטן מיט די געטאָ־תפיסות אד"גל.

כדי צו קענען ווי געהעריק אָנפירן מיט די פּאָליציי־ענינים, איז דאָס געטאָ איינגעטיילט געוואָרן אין עטלעכע פּאָליציי־ראַיאָנען, און אין איטלעכן פּאָליציי־ראַיאָן איז געווען איינגעאָרדנט אַ פּאָליציי־רעוויר. בעת דער גרינדונג פון געטאָ זיינען בסך־הכל געווען 4 פּאָליציי־רעווירן. נאָכן ליקווידירן דאָס קליין־געטאָ אין אָקטאָ־בער 1941, זיינען אין געטאָ געבליבן 3 פּאָליציי־רעווירן. ווען אין דעצעמבער 1943 איז גערוימט־געוואָרן דער ראַיאָן פון אַלט־געטאָ, איז אויך ליקווידירט גע־וואָרן דער דאָרטיקער פּאָליציי־רעוויר. פון יעמאָלט אָן זיינען אין געטאָ ביז צו דער ליקווידאַציע פאַרבליבן נאָר 2 פּאָליציי־רעווירן.

יעדער פּאָליציי־רעוויר האָט געהאַט אַ רעוויר־שעף, ביוראָ־באַאַמטע און אַ געוויסע צאָל פּאָליציסטן, אָפּהענגיק פון גרויס פון פּאָליציי־ראַיאָן. אַחוץ די פּאָליציי־

אישע פֿונקציעס, האָט, ווי געזאָגט, די געטאָ=פּאָליציי זייער אַקטיוו מיטגעהאָלפֿן דעם אַרבעטס=אַמט אין די ענינים פֿון אַרבעטס=פֿליכט. דעריבער איז אין אײַלעכן פּאָליציי=רעוויר אויך געווען מעסיק אַן אַרבעטס=אינספּעקטאָר, וואָס איז געווען דער פֿאַרמיטלער צווישן אַרבעטס=אַמט און דער געטאָ=פּאָליציי.

לכתחילה איז ביים פּאָליציי=צענטער געווען מעסיק אַ פּאָליציי=רעזערוו, וואָס האָט צוו. אנד. אויך געאָרדנט דעם אנטייל פֿון דער ייד. פּאָליציי ביי דער באַוואַכונג פֿון די געטאָ=טויערן. שפּעטער=צו איז דער פּאָליציי=רעזערוו געוואָרן ליקווידירט, און די ייד. פּאָליציסטן ביי דער טויער=וואַך האָבן געבילדעט אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פֿון דער געטאָ=פּאָליציי.

סוף 1941 איז געוואָרן געבילדעט אַ קרימינאַל=פּאָליציי, אין וועמענס קאָמפּעטענץ ס'איז אריין די פֿאַרפֿאָלגונג פֿון קרימינעלע פֿאַרברעכער. די צאָל קרימינעלע פֿאַרברעכנס איז באַזונדערס געשטיגן נאָך דער גרויסער אקציע, ווען ס'זיינען פֿון געטאָ ארויסגעפֿירט געוואָרן איבער 10 טויזנט יידן, און פֿאַרשיידענע עלעמענטן האָבן פֿאַרכאַפּט אייגנטום פֿון די ארויסגעפֿירטע יידן.

די קרימינאַל=פּאָליציי האָט אויך געהאַט צו טאָן מיטן אויפֿדעקן די שולדיקע אין גנבות ביי פּריוואַטע פּערזאָנען און אויך אין די געטאָ=מוסדות. ס'האָבן אין געטאָ, ברוך=השם, נים געפֿעלט קיין פּריוואַטע און געזעלשאַפֿטלעכע אַפֿערעס, און די קרימינאַל=פּאָליציי האָט די אַלע ענינים געדאַרפֿט אויפֿקלערן. כדי אָנצוגיין מיט איר אַרבעט, האָט די קרימינאַל=פּאָליציי געהאַט אין איר רשות ספּעציעלע אַגענטן, וועלכע פֿלעגן איר צושטעלן פֿאַרטרוילעכע ידיעות, וואָס זיינען איר געווען וויכטיק ביים אַנטדעקן פֿאַרשיידענע פֿאַרברעכנס.

ס'האָט אין געטאָ אויך עקזיסטירט אַ פּאָליציי=געריכט, וואָס איז געווען אַ יורש פֿונעם ליקווידירטן אַלגעמיינעם געטאָ=געריכט *). דאָס פּאָליציי=געריכט פֿלעגט, אַזוי ווי דאָס געטאָ=געריכט, באַהאַנדלען פֿאַרשיידענע ציווילע און קרימינעלע ענינים פֿון דער געטאָ=באַפֿעלקערונג. די געריכטס=אורטיילן פֿלעגן שטרענג אויסגעפֿירט ווערן.

אין רשות פֿון דער געטאָ=פּאָליציי זיינען אויך געווען אַ פּאָר געטאָ=תּפֿיסות, ווו די פֿאַרמשפּטע אויף תּפֿיסה פֿלעגן אָפּקומען זייער שטראָף. חוצדעם פֿלעגן די געטאָ=תּפֿיסות דינען אַלס זאַמל=פּונקטן בעתן רעקרוטירן מענטשן פֿאַר די אַרבעטס=לאַגערן. דאָרט פֿלעגן אויך געהאַלטן ווערן די א. ג. אַרבעטס=דעזערטירן, ביז מ'פֿלעגט זיי אָפּשיקן אַרבעטן אויף אַזעלכע אַרבעטס=שטעלעס, ווו ס'פֿלעגן שטענדיק פֿעלן מענטשן.

---

*) ז. „געטאָ=געריכט".

בײַ דער געטאָ־פּאָליציי איז אויך געווען טעטיק אַ סאַניטאַרע אָפּטײלונג, וואָס פלעגט אויפּאַסן אויפן סאַניטאַר־היגיענישן מצב. דער מאַנגל אין סאַני־טאַרע אײַנריכטונגען האָט געפאָדערט ענערגישע מאָסמיטלען בײַם אויפהאַלטן דעם סאַניטאַרן צושטאַנד אין געטאָ כאָטש אויף אַ מינימאַלער הויך. די פּאָליציי פלעגט דעריבער סיסטעמאַטיש גײן קאָנטראָלירן די זויבערקייט אין און אויך אַרום די הײַזער. אין דעם פּרט איז געווען אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן דער סאַניטאַרער אָפּטײלונג פון פּאָליציי און געזונטהייטס־אַמט.

צו דער געטאָ־פּאָליציי האָט אויך געהערט די טעלעפאָן־צענטראַלע, וואָס האָט געהאַט צו אָרדנען דעם, מ׳שטײגס געזאָגט, פאַראַנענעם אין געטאָ טעלעפאָן־נעץ, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צענדליק טעלעפאָן־אַפּאַראַטן. מיט דער אויסע־רער וועלט איז די טעלעפאָן־צענטראַלע געווען פאַרבונדן מיט דער געטאָ־וואַך, ווען דאָס געטאָ האָט געהערט צום שטאָט־קאָמיסאַריאַט, און מיט דער לאַגער־קאָמענדאַנטור, אין געקעס צײַטן.

אין דער אַנדערער העלפט 1942, ווען די לאַגע אין געטאָ איז געוואָרן מער־ווייניקער סטאַביליזירט, און די מאַכט־אָרגאַנען האָבן דאַן געפילט אַ מאַנגל איז דײַטשע פאַסטנס צו באַגלייטן די ייִד. אַרבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט, איז די ייִד. געטאָ־פּאָליציי אַ געוויסע צײַט געווען צוגעצויגן צו דער באַוואַכונג פון די ייִדן אין די שטאָטישע אַרבעטס־פּלעצער. אגב, איז כדאי צוצוגעבן, אַז צו יענער צײַט האָט דער שטאָט־קאָמיסאַריאַט אײניקע מאָל געהאַט מאָביליזירט געטאָ־פּאָליציסטן בײַם אָנווענדן פּאָליצייאישע מאָסמיטלען לגבי דער ניט־ייִדישער באַפעלקערונג אין שטאָט.

דאָס, לפי־ערך, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די טעטיקייט פון דער געטאָ־פּאָליציי אין „נאָרמאַלע“ צײַטן. פלעגט פאַרן געטאָ אָבער אָנקומען אַן אומגע־ריכטע גזירה, ווי למשל, אייליקע רעקרוטירונג פון אַ געוויסער צאָל מענטשן פאַר אַן אַרבעטס־לאַגער מחוץ דעם געטאָ, אָדער דאָס געטאָ פלעגט דאַרפן צו־שטעלן מענטשן ערגעץ־ווו אין דער פרעמד (איבערזידלונגס־אַקציעס קיין ריגע און עסטלאַנד), פלעגט דערבײַ די געטאָ־פּאָליציי שפּילן אַ זייער־וויכטיקע ראָלע.

* *
*

הגם די ייִד. געטאָ־פּאָליציי איז, אין תוך גענומען, געווען ניט מער ווי אַן אויספירערין פון די באַשטימונגען פון עלטעסטן־ראַט און זײַנע מוסדות, האָט זי דאָך, מוז מען מודה־זײַן, ניט גענאָסן קיין צו גרויסע פּאָפּולאַריטעט בײַ די געטאָ־ייִדן.




געראַטעוועטע יידישע קינדערלעך פון קאָוונע גלייך נאָך דער באַפרייאונג

# יידישער געטאָ־אָרקעסטער





פון לינקס נאָך רעכטס:
מ. באָרשטיין, ב. קאַ־
ריסקי, אַבראַמסאָן,
מ. גלאַדשטיין
דיריגענט מ. האָפמעקלער
און וויאָלין־קינסטלער
אַ. סטופעל

די אומבאַליבטקייט פון דער ייד. פּאָליציי ביים ברייטן געטאָ־עולם האָט געצויגן איר יניקה פון אייניקע מקורים:

ערשטנס, האָט זי געמוזט אויספירן פארשיידענע אומדאנקבאַרע ארבעטן, ווי אַ שטייגער, טרייבן די ארבעטס־פליכטיקע מענטשן אויף צוואנגס־ארבעט; מיט גוואַלד צונויפנעמען די באשטימטע מענטשן פאר די ארבעטס־לאגערן; צוויני־גען אַ יידן אָפּצוקומען זיין שטראָף אין געטאָ־תפיסה א. א. וו.

צווייטנס, זיינען אין דער פּאָליציי געווען ניט ווייניק יונגעלייט, וועלכע האָבן מיט זייער שטרענגער און אָפּטמאָל אויך ברוטאַלער באַנעמונג מיט מענטשן נאָך מער פארגרעסערט דעם תהום צווישן דער פּאָליציי און דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון דער געטאָ־באַפעלקערונג.

חוצדעם, דארף מען ניט פארגעסן, פלעגט דער פשוטער געטאָ־ייד ניט קענען גלייכגילטיק פארבייגיין דעם פאַקט, וואָס דער יידישער פּאָליציסט און זיין משפחה געהערן צו די געשיצטסטע עלעמענטן אין געטאָ. אמת, אויך מענטשן פון אנדערע געטאָ־מוסדות האָבן גענאָסן אַ היפש ביסל פּריווילעגיעס, אָבער די דאָזיקע פּראָטעזשירונגען זיינען בעיקר געווען פון אַן אינערלעך־יידישן כאַראַק־טער.

די יידישע פּאָליציי איז געווען די איינציקע געטאָ־אינסטיטוציע, וואָס איז געווען פּראָטעזשירט ניט נור מצד דעם יידישן אַפּאַראַט, נאר אויך מצד די מאכט־אָרגאַנען, אין וועמענס רשות דאס געטאָ האָט זיך געפונען. אַזוי, למשל, האָבן די נאַציישע געטאָ־באַלעבאַטים, אָנהויבנדיק פון דער גרויסער אַקציע אין אָקטאָבער 1941, ביז צו דער ליקווידאַציע פון דער ייד. פּאָליציי אין מערץ 1944, ביי פארשיידענע קריטישע סיטואַציעס פארן געטאָ אוועקגעשטעלט די פּאָליציי אין אַ געשיצטן מצב.

במשך פון די דריטהאַלבן יאָר האָט טאקע זיין אַ געטאָ־פּאָליציסט געהייסן האָבן מער־ווייניקער די זיכערקייט, אַז די צרות־הכלל טרעפן אמווייניקסטן אים און זיין משפחה. אין דער דאָזיקער תקופה איז די אָנגעהעריקייט צום פּאָליציי־אַפּאַראַט באמת געווען אַ רעאַלער שוץ פון כלערליי גזירות אין געטאָ־לעבן. מחמת דעם אלעמען איז געווען אַ פארשטענדלעכער, און אויך אַ באַרעכטיקטער, אנטאַ־גאָניזם צווישן דער געטאָ־פּאָליציי און דער געטאָ־באַפעלקערונג.

למען האמת מוז מען אָבער זאָגן, אַז די ייד. פּאָליציי האָט במשך איר קיום געהאט צו פארצייכענען אויך אייניקע אַקטיוון:

א) בעת דער סעלעקציע פון דער גרויסער אקציע, ווען די געטאָ־פּאָליציי האָט געהאט די מעגלעכקייט פריי זיך צו באַוועגן אויפן זאַמל־פּלאַץ, האָבן פּאָליציסטן מיטגעהאָלפן פיל יידן בכלל אויסצומיידן די סעלעקציע, אָדער זיך ארי־

בערצוכאַפּן פון דער שלעכטער אויף דער גוטער זייט. אדאנק דעם זיינען דאָן ניט ווייניק געטאָ־יידן ביצול־געוואָרן פון פארניכטונג;

ב) ווען אין געטאָ איז ביי דער יוגנט אנטשטאנען די באַוועגונג אוועקצוגיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער, האָט די פּאָליציי מיטגעהאָלפן ביים ארײַנשמוגלען געווער אין געטאָ, ביי דער געהיימער מיליטערישער אויסבילדונג פון די קאַנדידאַטן פאַר די פּאַרטיזאַנער, ביים ארויסגיין פון געטאָ אין וואַלד א. א. וו.

אינעם געהיימען געז. קאָמיטעט אָנצופירן מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג האָט דער פּאָליציי־שעף און זיין געהילף גענומען אן אקטיוון אנטייל. פאַר אָט דער טעטיקייט האָבן זיי, בעתן ארעסט פון דער געטאָ־פּאָליציי, צוזאַמען מיט נאָך קרוב 40 געטאָ־פּאָליציסטן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס;

אָט די אויסגערעכנטע פאקטן ריידן לטובת דער ייד. געטאָ־פּאָליציי, און זיי זיינען מסוגל אין אַ געוויסער מאָס כאָטש טיילווייז זי צו רעהאַבילימירן פאַר די באַגאַנגענע עוולות לגבי גרויסע טיילן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג.

* *
*

נעלעגנהייטלעך *) איז שוין אַ ביסל געשילדערט געוואָרן, אויף וואָס פאַראַ גרוויזאַמען אופן ס'איז ליקווידירט געוואָרן די ייד. פּאָליציי און ווי אַזוי ס'איז אויף איר אָרט געבילדעט געוואָרן די „אָרדנונג־דינסט".

אדורכפירנדיק אַ שטיקל פּאַראַלעל צווישן דער געטאָ־פּאָליציי און „אָרדנונג־דינסט" איז דאָרטן צוו. אנד. פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ביי אַלע איִרע חסרונות איז די ייד. פּאָליציי דאָך געווען אן אינסטיטוציע, וואָס האָט איר טעטיקייט געפירט אין הסכם מיטן עלטעסטן־ראַט. די „אָרדנונג־דינסט", דאקעגן, איז אָרגאַניזירט געוואָרן מצד די נאַציס, און זי האָט זיך געמיט תּנאיל׳אַן נאָכצוקומען די פּאָדערונגען פון די מאַכט־אָרגאַנען ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אָט די פּאָדערונגען האָבן באַדראָט די בלוטיקסטע לעבנס־אינטערעסן פון געטאָ ישוב. ס'זיינען אויך מער־ווייניקער געשילדערט געוואָרן די צרות, וואָס די „אָרדנונג־דינסט" האָט אָנגעטאָן דעם געטאָ־קיבוץ הארט פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

מחמת דעם האָט די ייד. פּאָליציי דאָך געלאָזן הינטער זיך אַ, לפי־ערך, גוטן נאָמען, און די „אָרדנונג־דינסט" איז געבליבן אינעם זכרון פון געטאָ־ייד ווי אַן אנטי־יידישע אינסטאַנץ, וואָס האָט פאַרן געטאָ גורם־געווען כולו שלעכטס. די דאָזיקע שטרענג־נעגאַטיווע מיינונג איז נאָכמער פארשטאַרקט געוואָרן צוליבן

*) ז. „אומגעריכטער אוועקפירן די ייד. פּאָליציי אויפן 9־טן פאָרט" און „ליקווידאַציע פון דער געטאָ־פּאָליציי און גרינדונג פון „אָרדנונג־דינסט".

פּיינלעכן פאַקט, וואָס אין די רייען פון „אָרדנונג־דינסט" האָבן זיך איינגעפונען מוסרים און מגולים, וועלכע האָבן גאַנץ אָפן פאַרראַטן דאָס געטאָ, און יידן האָבן פאַר זיי געציטערט אימת־מות, ניט ווייניקער ווי פאַר געשטאַפּאָ אַליין...

אָבער אויך דאָ מוז למען האמת געזאָגט ווערן, אַז ניט אַלע מיטגלידער פון „אָרדנונג־דינסט" זיינען געווען אַזוי פאַרדאָרבן, ווי דאָס הייפל אויסוואָרפן. מער־אַנשטענדיקערע מענטשן פון דער ליקווידירטער געטאָ־פּאָליציי, וועלכע האָבן ניט געוואָלט גיין אין „אָרדנונג־דינסט", זיינען דערצו געצוווּנגען געוואָרן מצד ליפּצערן; דעם כל־יכול פון „אָרדנונג־דינסט". די דאָזיקע ערלעכערע מענטשן האָבן אָבער ניט געקענט משפּיע־זיין אויף דער טעטיקייט פון „אָרדנונג־דינסט", און זיי זיינען דאָרטן, ווי מ'זאָגט, געוואָרן בטול בשישים. דעם פּרצוף־פּנים פון „אָרדנונג־דינסט" האָבן געשאַפן די אַמאָראַלישע און אַסאָציאַלע עלעמענטן.

* *
*

אחוץ דער אַלגעמיינער יִד. פּאָליציי זיינען אין געטאָ אויך געווען טעטיק אויטאָנאָמע פּאָליציי־אינסטיטוציעס אין די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן און אין די ס. ד.־וואַרשטאַטן. די דאָזיקע סעפּאַראַטע פּאָליציי־איינהייטן זיינען געשטאַנען אין דינסט נאָר פון די באַטרעפנדיקע מוסדות, און זיי האָבן מיט דער אַלגעמיינער געטאָ־פּאָליציי ווייניק געהאַט צו טאָן.

די פּאָליציי אין די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן איז געבילדעט געוואָרן אין יאָר 1942 און איר הויפּט־אויפגאַבע איז געווען, קודם־כל, צו באַוואַכן די וואַרשטאַטן, ווו ס'האָבן, ווי באַקאַנט, געאַרבעט עטלעכע טויזנט יידן ביי פאַרשיידענע באַשטעלונגען מצד דער דייטשער ווערמאַכט. אין אָט די וואַרשטאַטן האָבן זיך שטענדיק געפונען גרויסע סכומים פאַרשיידענע מאַטעריאַלן און אויך פאַרטיקע אויסאַרבעטונגען, וואָס האָבן באַטראָפן הונדערטער טויזנטער מאַרקן. היות די יִד. לייטונג פון די וואַרשטאַטן איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצקייט פון דעם אַלעמען, וואָס דאָרטן האָט זיך געפונען, איז נויטיק געווען אַ ספּעציעלע פּאָליציי־באַוואַכונג.

חוצדעם איז געווען איינגעשטעלט, אַז ביים אַרויסגיין פון די וואַרשטאַטן אויף מיטאָג אָדער נאָכן ענדיקן די אַרבעט פלעגט די פּאָליציי ביים אַרויסגאַנג־טויער רעווידירן די יִד. אַרבעטנדיקע, צי עמיצער פון זיי טראָגט ניט אַרויס פון די וואַרשטאַטן קיין געגנבעטע זאַכן אָדער מאַטעריאַלן. פלעגט מען עמיצן כאַפּן, אַז ער איז עובר אויפן „לא תגנוב", פלעגט ער ווערן שטרענג באַשטראָפט. אין ערנסטערע פאַלן פלעגן די שולדיקע ניט נאָר באַשטראָפט ווערן, נאָר זיי פלעגן ווערן באַזייטיקט פון די וואַרשטאַטן און מ'פלעגט זיי אַריבערהויבן צו אַרבעטן

אין אַ שווערער אַרבעטס־שטעלע מחוץ דעם געטאָ. ניט געקוקט אויף די אַלע קאָנטראָלן, פלעגן דאָך צענדליקער יידן טאָג־איין, טאָג־אויס אַרויסטראָגן עפּעס פון די וואַרשטאַטן און אויף אַזאַ אופן ווי־ניט־איז זיך אַדורכשלאָגן מיט דער חיונה.

אין דער פּאָליציי פון די געטאָ־וואַרשטאַטן זיינען געווען טעטיק אַ דריי־פיר צענדליק מאַן. בראש פון אָט דער פּאָליציי איז געווען אַ שעף, וואָס האָט געפירט זיין אַרבעט אין הסכם מיט דער ייד. לייטונג פון די וואַרשטאַטן.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען, אַז בעתן אַרעסט פון דער ייד. פּאָליציי סוף־מערץ 1944 האָט געשטאַפּאָ באַפרייט פון 9־טן פּאַרט אַלע פּאָליציסטן פון די געטאָ־וואַרשטאַטן. די דאָזיקע באַפרייאונג איז געשען מחמת דעם, וואָס געשטאַפּאָ האָט אָט דער פּאָליציי ניט פאָרגעוואָרפן קיין מיטאַרבעט מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין געטאָ.

אַלס שעף פון פּאָליציי אין די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן איז געווען מ ע־ ל אַ מ ד אָ וו י ט ש (אומגעקומען אין אַ מאַלינע בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע). פון די איבעריקע העכערע פּאָליציי־באַאַמטע איז נויטיק צו דערמאָנען: וו י י נ ע ר (דערשאָסן געוואָרן בעתן דאַכאַוער עוואַקואַציע־מאַרש); ק אַ ל וו אַ ר י ס ק י (אומגעקומען מצד געשטאַפּאָ צוליב אַ מסירה פון אַ קריסט, אַז ער האָט ביי אים געזוכט צו קויפן געווער פאַרן געטאָ); ט ק אַ ט ש (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); א. א.

אויך אין די ס. ד.־וואַרשטאַטן, וווּ קרוב הונדערט ייד. בעלי־מלאכות האָבן געאַרבעט ביי באַשטעלונגען מצד געשטאַפּאָ־לייט, האָט עקזיסטירט אַן אייגענע פּאָליציי פון אַ געניטעם צענדליק מענטשן. זייערע פליכטן זיינען געווען ענלעך צו די פליכטן פון דער פּאָליציי אין די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן: היטן דאָס אייגנ־טום פון די וואַרשטאַטן א. א. וו. בעתן אַרעסט פון דער ייד. פּאָליציי האָט אויך פון אָט דער פּאָליציי קיינער ניט געליטן.

* *

*

זינט זומער 1942 האָט, ווי באַקאַנט, אין געטאָ עקזיסטירט אַ פּאָליציי־אָר־קעסטער, וואָס פלעגט פון צייט־צו־צייט געבן קאָנצערטן פאַר דער געטאָ־באַפעל־קערונג. אחוץ זייער שפּילן אין אָרקעסטער, האָבן די אָרקעסטער־פּאָליציסטן גע־האַט אויך אויסצופירן פאַרשיידענע פליכטן אין דער אַלגעמיינער פּאָליציי אָדער אין דער פּאָליציי פון די וואַרשטאַטן, צו וועלכע זיי האָבן געהערט.

אין די צייטן פון געקעט פלעגן קיין קאָנצערטן פאַר דער געטאָ־באַפעלקע־רונג ניט פאָרקומען, נאָר זייער אָפט פלעגט דער אָרקעסטער געבן קאָנצערטן פאַר דער לאַגער־קאָמענדאַנטור און פאַר געלאַדענע נאַצי־גדולים פון שטאָט.

ביי דער געלעגנהייט וועט זיין אינטערעסאַנט איבערצוגעבן פאָלגנדיקן כאַ־ראַקטעריסטישן עפּיזאָד:

צווישן קאָוונער שטאָט־קאָמיסאַר קראַמער, וואָס האָט געהערט צו ס. אַ., און געקען, וואָס האָט געהערט צו ס. ס., איז, ווי שוין דערמאָנט, אָנגעגאַנגען אַ העפטיקער קאַמף צוליב דער אָנפירערשאַפט מיטן געטאָ. היות דער דאָזיקער געראַנגל האָט זיך ענדלעך פאַרענדיקט מיט אַ נצחון פון געקען, האָט קראַמער געזוכט אַ געלעגנהייט געקען צו קאָמפּראָמיטירן.

נאָך איינעם אַ קאָנצערט, אויף וועלכן געקע האָט אויך געהאַט געלאַדן געסט פון שטאָט, האָט דער שטאָט־קאָמיסאַר קראַמער אַוועקגעשיקט קיין בערלין אַ ראַפּאָרט, אין וועלכן ער האָט איבערגעגעבן וועגן גרויסן „חטא" פון געקען, וואָס הערט אַליין און לאַדט איין נאָך אַנדערע דייטשן צו הערן מוזיק, אויסגעפירט פון אַ יידישן אָרקעסטער.

גלייך נאָכדעם איז טאַקע געקומען פון בערלין אַ שטרענגע אָנפראַגע צו געקען, ער זאָל וועגן דעם ענין תיכף צושיקן דערקלערונגען. הגם מיט גרויסע שוועריקייטן איז אים יעמאָלט געלונגען צו פאַררייבן דעם ענין, האָט ער דאָך מחמת דעם אין די בערלינער הויכע נאַצי־ספערן געצויגן אויף זיך אַן אומחן. ס'קען זיין, אַז דער דאָזיקער צופאַל האָט מיטגעווירקט צו דעם, ער זאָל נאָכן ליקווידירן דאָס געטאָ אַוועקגעשיקט ווערן אויפן איטאַליענישן פראָנט, וווּ ער איז אומגעקומען.

אַז דער פּאָליציי־אָרקעסטער האָט ביי געקען שטאַרק נושא־חן געווען באַווייזט אויך דער פאַקט, וואָס בעתן ארעסט פון דער פּאָליציי איז קיינער פון די אָרקעסטער־פּאָליציסטן ניט ארעסטירט געוואָרן.

אויך אין די דאַכאַוער ארבעטס־לאַגערן, וווּהין די שפּילער פון אָרקעסטער זיינען צוזאַמען מיט נאָך קאָוונער יידן מגולגל־געוואָרן, פלעגט דער אָרקעסטער פון צייט־צו־צייט געבן קאָנצערטן פאַר דער ס. ס.־אָנפירערשאַפט פון די לאַגערן און ווען־ניט־ווען — אויך פאַר די קאַצעטלער.

נאָך דער באַפרייאונג איז דער דאָזיקער „קאַצעט־אָרקעסטער" געווען טעטיק אין דער אַמעריק. זאָנע אין דייטשלאַנד, וווּ ער פלעגט געבן קאָנצערטן פאַר די יידן פון דער שארית־הפליטה.

אַלס דיריגענט פון אָרקעסטער איז געווען מישאַ האָפמעקלער. פון די אָר־קעסטער־אָנטיילנעמער דאַרף מען דערמאָנען: אַבראַשאַ סטופּעל, די ברידער באָרשטיין, פּאָמעראַנץ, פערסי האַיד, וואָלפּבערג, פר. דוקשטולסקי, לעוויטאַן, פרל. גלאַדשטיין, ראַזמאַרין (אַלע דערלעבט די באַפרייאונג); יעלין, פּינקעל, קאַריסקי, פר. שאָר, לינט (אַלע אומגעקומען) א. א.

די געזאַנג-נומערן אויף די קאָנצערטן אין געטאָ פלעגן אויספירן: יעקב זאַקס, פרוי ראַטשקאָ, פר. דר. שמוקלער, פרל. נעכמאָד (אַלע אומגעקומען); פר. באַר-קופריץ (פריי געוואָרן אין אַ קאַצעט). רעציטירן פלעגט מערסטנטייל דער ארטיסט קופריץ (אומגעקומען אין דאַכאַו).

* *
*

די גרויס פונעם באַשטאַנד פון דער ייד. פאָליציי איז אין די פאַרשיידענע תקופות פון געטאָ-לעבן געווען פאַרשיידן. לכתחילה האָט די פאָליציי געציילט אַ 50 מענטשן, שפּעטער-צו — אַ פּאָר הונדערט פּערזאָן. בעת די פאַרשיידענע רעדוצירונגען פון די מיטאַרבעטער אין ייד. אַפּאַראַט, איז אויך אַנטשפּרעכנדיק רעדוצירט געוואָרן דער באַשטאַנד פון דער פאָליציי.

ניט נאָר דער געטאָ-ישוב האָט פאַרמאָגט אַ ייד. פאָליציי, נאָר אויך אין די אַרבעטס-לאַגערן איז געווען אַ ייד. פאָליציי, וואָס פלעגט מיטהעלפן אַדמיניסטרירן דעם אַרבעטס-לאַגער און איז געווען אונטערוואָרפן דעם ייד. לאַגער-עלטעסטן.

אין יאָר 1942 האָט די ייד. פאָליציי אַרויסגעגעבן דער גאַנצער געטאָ-באַפעלקערונג ספּעציעלע געטאָ-פּעסער. פון דאַן אָן האָט איטלעכער געטאָ-ייד געמוזט שטענדיק האָבן ביי זיך זיין געטאָ-פּאַס. יעדער פּאַס האָט געמוזט זיין געמאָלדן אין באַטרעפנדיקן פאָליציי-רעוויר.

אַז די ייד. געטאָ-פאָליציי איז ניט געווען באַוואָפנט מיט הייסן אָדער קאַלטן געווער, איז געוויס איבעריק צו זאָגן. זי האָט אפילו ניט פאַרמאָגט קיין גומי-שטעקלעך אָדער אַנדערע „ווירקזאַמע" פאָליציי-אַטריבוטן... אַלס איינציקע סימבאָלן פון „פאָליצייאישער מאַכט" האָבן געדינט — דאָס טונקל-בלויע אוניפאָרמירטע היטל מיט דער מעטאַלענער פאָליציי-עמבלעמע, און די ווייס-בלויע פאָליציי-בינדע (אויפן לינקן אָרעם) מיטן אויפשריפט אין דייטש: „יידישע געטאָ-פאָליציי, וויליאַמפּאָלע".

פאַרן נידערגעשלאָגענעם געטאָ-ייד, וואָס האָט זיך געפונען אונטער אַ דאָפּלטן דרוק — ניט-יידישן און יידישן — זיינען אָבער אָט די אומשולדיקע סימבאָלן געווען גענוג (איבער גענוג!), כדי געהאָרכזאַם אויסצופירן די פאַראָרדנונגען פון דער פאָליציי. דער געפּלאָגטער און פאַרחושכטער געטאָ-ייד האָט, ווענדיק ניט ווענדיק, געמוזט שלום-מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ס'איז פאַראַן אין געטאָ אַ ייד. „מאַכט" און מ'מוז זיך איר אונטערוואַרפן...

* *
*

אין דער לייטונג פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי זיינען געווען טעטיק:

קאָפּעלמאַן (פּאָליציי־שעף זינט אויגוסט 1941 ביזן הארבסט 1943. נאָך דער באַפרייאונג, דורך די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען אין קאָוונע פאַרמשפּט געוואָרן אויף תּפיסה); משה לעווין (פּאָליציי־שעף פון סוף 1943 ביז דער ליקווידאציע פון דער געטאָ־פּאָליציי, דערשאָסן געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט); מ. בראַמסאָן (אומגעקומען אין דאַכאַו); אדוו. יעקב אַבראַמאָוויטש (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַוער קאַצעט); יודל זשופּאָוויטש (דערשאָסן געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט) א. א.

פון די אַנדערע העכערע פּאָליציי־פונקציאָנערן דאַרף מען דערמאָנען: גרינבערג, פּאַנעמונסקי, אַראָנאָווסקי, זעלצער, בוקאַנץ, רובינסאָן, אַדוו. זילבערקוויט, אַדוו. זאַק, כוואָלעס, קאָרעטשינסקי (אַלע דערשאָסן געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט); פּאַדיסאָן (באַפרייט געוואָרן אַלס פּאַרטיזאַן); בירגער (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו) א.א.

מיט דער „אָרדנונג־דינסט“ האָבן אָנגעפירט: ב. ליפּצער*), אַרנשטאַם**), גראָסמאַן (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו) א.א.

---

*) ז. „באַמערקונגען וועגן ליפּצערס ראָלע אין לעבן פון געטאָ־ישוב“.
**) ז. „גרינדונג פון „אָרדנונג־דינסט“.

# אַרבעטס־אַמט

באַדייט פון אַרבעט אין לעבן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. — לכתחילה׳דיקע פאָרמען פון צוואַנגס־אַרבעט פאַר די געטאָ־יידן. — בהדרגה׳דיקע פאָרמירונג פון סטאַבילע ייִד. אַרבעטס־פלעצער אין שטאָט. — ערשטע קאָנקרעטע שריט צו רעגולירן דאָס פּראָבלעם פון צוואַנגס־אַרבעט. — אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור און גרונט־טעטיקייט פון די באַזונדערע אַרבעטס־אַמט־אָפּטיילונגען. — וויכ־טיקסטע עטאַפּן אין דער געשיכטע פונעם ייִד. אַרבעטס־אַמט.

אין עפנטלעכן געטאָ=לעבן האָט דאָס יידישע אַרבעטס=אַמט פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאָן צווישן די ייִד. געטאָ=אינסטיטוציעס. די באַזונדערע חשיבות פון דאָזיקן געטאָ=אַמט איז געקומען ווי א פועל=יוצא פונעם פאַקט, וואָס דאָס פּראָב=לעם פון אַרבעט — ריכטיקער געזאָגט: צוואַנגס=אַרבעט — איז צוליב כמה וכמה טעמים געווען איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען במשך דעם דריי=יאָריקן קיום פון געטאָ.

בעת דער שילדערונג פון די אַלגעמיינע געטאָ=געשעענישן האָבן מיר שוין געלעגנהייטלעך געזען, אַז פאַרן געטאָ=ייד האָט אַ ר ב ע ט זייער אָפט באַדייט: אָדער יאָ — אָדער ניט ניצול ווערן בעת אַ סעלעקציע בשייכות מיט אַ פאַרניכ=טונגס=אַקציע?; פאַרבלייבן אין געטאָ, ווו ס׳זיינען געווען לפי=ערך גינסטיקערע לעבנס=באַדינגונגען — אָדער ווערן „איבערגעזידלט“ ערגעץ=ווו אין אַן אַרבעטס=לאַגער, ווו ס׳הערשט אַ קאַצעט=רעזשים?; האָבן אַ מקור פון קענען ווי=ניט=איז אַדורכלעבן — אָדער זיין אָנגעוויזן אויף דער אָפיציעלער הונגער=פאַרפלעגונג מצד דער מאַכט?; אַרבעטן אויפן פרייען פעלד ביי שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט — אָדער אַרבעטן לייכטערע אַרבעט אין אַ פאַבריק אָדער אין געטאָ גופא?; גיין אַרבעטן בשכנות פון געטאָ — אָדער דאַרפן טעגלעך אַדורכמאַכן אַ מהלך פון 10—12 קמ. ביים גיין צו דער אַרבעט און צוריק א.א.וו.

אָט פאַרוואָס די טעטיקייט פון אַרבעטס־אַמט האָט געהאַט אַזאַ דעצידירנ־דיקע השפעה אויפן גורל פון געטאָ־ייד, און פאַרוואָס פון זיינע יושרדיקע אָדער אומיושרדיקע האַנדלונגען זיינען געווען אָפּהענגיק פיל קיומדיקע פראַגעס פון דער געטאָ־באַפעלקערונג.

איידער מ'טרעט צו נעענטער זיך צו באַקענען מיטן אַפּאַראַט פון ייד. אַר־בעטס־אַמט און מיט זיין טעטיקייט, איז נויטיק כאָטש בקיצור זיך אָפּצושטעלן אויף די גרונט־מאָמענטן אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון צוואַנגס־אַרבעט אין געטאָ.

שוין אין די ערשטע וואָכן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין קאָוונע, ווען די גרויסע כוואַליע פון מאַסן־עקסצעסן קעגן דער ייד. באַפעלקערונג איז געווען פאַרביי, האָט מען גענומען כאַפּן יידן אויף פאַרשיידענע אַרבעטן ביי די דייטשע מיליטער־טיילן אָדער ביי די ליטווישע „פּאַרטיזאַנער". די אַרבעט פלעגט דאַן זיין אַ צופעליקע, און'זי פלעגט ס'רוב באַשטיין אין לאָדן סחורה אויף דער אייזנבאַן, אין אויפרוימען מיליטערישע קאַזאַרמעס אד"גל.

די באַציאונג צו די יידן ביי דער אַרבעט מצד די דייטשן — און נאָך מער מצד די ליטווישע פּאַרטיזאַנער — איז דאַן געווען זייער אַ ברוטאַלע: מ'פלעגט די יידן שלאָגן מכות־רצח, באַפוילן זיי צו טאָן די שווערסטע אַרבעט, ניט לאָזנ־דיק אָפּכאַפּן דעם אָטעם און, ועל־כולם, פלעגן ניט פעלן קיין גראָבע זידלערייען און באַליידיקונגען אויפן אַדרעס פון יידן און קאָמוניסטן, וואָס זיינען פאַר די דאָזיקע רוצחים געווען הינו־הך. ביי דער אַרבעט פלעגן די יידן זיין באַוואַכט פון מילי־טערישע פּאָסטנס און נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, פלעגט מען די יידן אָפּלאָזן אַהיים.

היות די יידן האָבן זייער לאַנג ניט געקענט באַפרייען זיך פונעם געשפּענסט צו ווערן פאַרכאַפּט בעת די מאַסן־אַרעסטן און פּאָגראָם־אויסברוכן, וואָס זיינען געקומען צום אויסדרוק צוגלייך מיט דער נאַצישער אָקופּאַציע, פלעגן ס'רוב ייד. מענער נאָך אַלץ ליגן פאַרשטעקט אין די וווינונגען. אויף אַרבעט פלעגן דעריבער אַריינפאַלן נאָר די יעניקע יידן, וועלכע פלעגן אַרויסגיין אין גאַס, כדי צו דערליידיקן פאַרשיידענע דרינגענדיקע ענינים. אַזאַ צושטאַנד פון כאַפּן אויף אַרבעט צופעליקע יידן האָט אָנגעהאַלטן ביז צו דער גרינדונג פון געטאָ.

סוף־יולי און אָנהויב־אויגוסט 1941, ווען יידן אַליין האָבן געדאַרפט אַרומ־צוימען דעם גאַנצן געטאָ־תחום מיט אַ צוים פון שטעכיקן דראָט, אויפבויען דעם הענג־בריקל איבער פּאַנעריו־גאַס, גראָבן דעם טונעל אויף יורבורקער גאַס א.א.וו., פלעגט דער ייד. קאָמיטעט — דורך זיינע אָנגעשטעלטע — יעדן טאָג מאָביליזירן די נויטיקע צאָל יידן אויף די דאָזיקע אַרבעטן.

דעם 15־טן אויגוסט 1941 איז דאָס געטאָ, ווי באַקאַנט, געוואָרן אָפּגע־שלאָסן. דייטשע מיליטערישע דינסט־שטעלעס, וועלכע פלעגן זיך דאַן נויטיקן אין ייד. אַרבעטער, פלעגן קומען צום געטאָ־טויער פאָדערן בײַם געטאָ די נויטיקע צאָל יידן אויף אַרבעט.

לכתחילה פלעגט די ניי־געבילדעטע ייד. געטאָ־פּאָליציי פון פאַל־צו־פאַל צו־נויפכאַפּן צווישן דער געטאָ־ באַפעלקערונג די געפאָדערטע צאָל אַרבעטער. שפּע־טער־צו, ווען בײַם יידישן קאָמיטעט האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן דער אַפּאַראַט פון ייד. אַרבעטס־אַמט, פלעגט יעדער אַרבעטס־פעאיקער מאַן אויפגעפאָדערט ווערן דורך דער געטאָ־פּאָליציי צו קומען אין באַשטימטע טעג פון וואָך צום געטאָ־טויער, כדי צו זיין גרייט צו גיין אַרבעטן, וווּהין ס'וועט נויטיק זיין. אין פאַל, ווען די צאָל דערשיינענע יידן בײַם געטאָ־טויער פלעגט זיין צו קליין אויף צו באַ־פרידיקן די פאָדערונג אויף יידישער אַרבעט, פלעגט די ייד. פּאָליציי זיך אַוועקלאָזן איבער די געטאָ־הייזער צונויפכאַפּן די פעלנדיקע צאָל יידן.

פון טאָג־צו־טאָג איז אָבער די פאָדערונג אויף ייד. צוואַנגס־אַרבעט אַלץ מער געשטיגן. און אַלץ נייע הונדערטער געטאָ־יידן זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין פּראָצעס פון שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט.

דאָס צופעליקע, אומאָרגאַניזירטע כאַפּן מענטשן אויף אַרבעט האָט שוין ווייטער מער ניט געקענט אָנהאַלטן. ס'איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט וואָס גיכער צו רעגולירן די דאָזיקע פראַגע. דאַן זיינען עס געמאַכט געוואָרן מצד דעם זיף־פּאַרמירנדיקן ייד. אַרבעטס־אַמט די ערשטע פּרוּוו אַריינצוטראָגן אַ שטיקל סדר אויפן געביט פון צוואַנגס־אַרבעט.

* *
*

צו יענער צייט האָבן פיל דייטשע מיליטערישע אַרבעטס־שטעלעס, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין שטענדיקער ייד. אַרבעט, גענומען פאַרלאַנגען, אַז די זעלבע יידן זאָלן צו זיי קומען אַרבעטן יעדן טאָג. פלעגט די אַרבעטס־שטעלע זיין אַ מער־ ווייניקער גינסטיקערע, ד.ה. די באַציאונג צו די יידן איז ניט געווען אַזאַ גרוויזאַמע, מ'פלעגט זיי ניט שלאָגן, זידלען א.א.וו., פלעגן די יידן אַליין שוין ניט צולאָזן קיין אַנדערע יידן צו דער דאָזיקער אַרבעט. ווער רעדט נאָך, אַז בײַ דער אַרבעט פלעגט מען די יידן צוּוואַרפן אַ שטיקל ברויט, אָדער געבן אַ ביסל זופּ, דאַן פלעגן שוין די שטענדיקע אַרבעטער דאַרפן פירן אַ קאַמף מיט זייטיקע מענטשן, וועלכע פלעגן אויך וועלן מיטגיין צו דער אַרבעט אין דער דאָ־זיקער אַרבעטס־שטעלע.

צוליבן הונגער און כמו־הונגער אין פיל הונדערטער געטאָ־הייזער פלעגט אַזאַ אַרבעטס־פּלאַץ אַרויסרופן ניט ווייניק קנאה ביי טויזנטער האַלב־הונגעריקע יידן, וועלכע האָבן ניט געקענט זיך צושלאָגן צו אַזאַ „גליק"...

שלעכט פלעגט זיין מיטן רעקרוטירן די נויטיקע צאָל יידן פאַר די יעניקע אַרבעטס־שטעלעס, וווּ אויסער שווערער פיזישער אַרבעט און פאַרשיידענע דער־נידעריקונגען און באַליידיקונגען, פלעגן די יידן גאָרניט האָבן. אין אַזעלכע אַרבעטס־שטעלעס פלעגט מען דאַרפן יעדן טאָג כאַפּן מענטשן מיט צוואַנג, און יעדערער פלעגט זיך מיען ניט אַריינצופאַלן אין אַזאַ אומגינסטיקן אַרבעטס־פּלאַץ.

ביי דער דער געלעגנהייט איז נויטיק צוצוגעבן, אַז די פאַרשיידענע ייד. בעלי־מלאכות, ווי סטאָלער, שלאָסער, עלעקטראָ־טעכניקער א.א. האָבן אויף די אַרבעטס־שטעלעס געהאַט אַ פיל לייכטערע מערכה, ווי די ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער. צו די האַנטווערקער פלעגן די דייטשן, בכלל גענומען, זיך באַציען מיט מער דרך־ארץ, ווי צו די ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אַגב, פלעגן ניט ווייניק דייטשן זיין איבערראַשט פונעם פאַקט, אַז ס'זיינען טאַקע באמת פאַראַן עכטע ייד. האַנטווערקער, און זיי פלעגן מיט נייגיר זיך צוקוקן צו דער אַרבעט פון אַ ייד. בעל־מלאכה. די מער אָנשטענדיקערע דייטשן פלעגן דערביי אָפן זיך אַרויסזאָגן, אַז איצט זעען זיי, ווי ניט־ריכטיק ס'איז די אַלגעמיין־אָנגענומענע מיינונג, אַז ס'זיינען גאָר ניטאָ קיין יידן, וואָס קענען אַרבעטן...

פיל יידן, וואָס האָבן דאַן געהאַט דעם זכות צו אַרבעטן אויף אַרבעטס־שטעלעס, ווו מ'האָט זיך צו זיי באַצויגן ניט אַזוי שטרענג, האָבן גענומען מיט דער הילף פון שוחד אויספועלן ביי פאָסטנס פון דער באַוואַכונג, מ'זאָל זיי דערלויבן איינצוקויפן ביי די אַרומיקע קריסטן אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן. צוריק־קערנדיק אַהיים, פלעגן די יידן די שפּייז־פּראָדוקטן שוין זען ווי־ניט־איז אַריינ־צושמוגלען אין געטאָ. ביי דער יעמאָלטיקער קאַטאַסטראָפאַלער דערנערונגס־לאַגע אין געטאָ, איז עס געווען אַן עניין פון אַן אויסערסט־וויכטיקן באַדייט.

ווען די פאָסטנס פון אַזאַ אַרבעטס־שטעלע פלעגן קומען צום געטאָ־טויער אָפּצונעמען די ייד. אַרבעטער, פלעגט אויפן זאַמל־פּלאַץ ביים טויער ווערן אַ שרעקלעכער געדראַנג, ווייל אַלע פלעגן וועלן זיך אַריינרייסן אין דער „גוטער" אַרבעטס־בריגאַדע.

כדי צוריקצושטעלן די אָרדנונג, פלעגט די וואַך ביים געטאָ־טויער נעמען שלאָגן די יידן מכות־רצח. איבער יידישע קעפּ פלעגן נעמען פליען קלעפּ פון גאַ־גייקעס, פון ביקסן־פּריקלאַדן א.א.וו. ניט זעלטן פלעגט אויך קומען צו שרעק־שאָסן א.א. ענערגישע מאָסמיטלען צו „באַרואיקן" די יידן.

דער הונגער פּלעגט אָבער קיינעם ניט אָפּשרעקן, און יעדער איינער פּלעגט דאָך ניט אָפּטרעטן פון געטאָ־טויער און זיך באַמיען מיטצוגיין צו דער אַרבעט. דאָס זיינען געווען פּיינפולע סצענעס, וואָס האָבן אילוסטרירט די שפּלדיקע און הפקרדיקע ייד. לאַגע. די „קולטורעלע" דייטשן פון דער געטאָ־וואַך פלעגן ביי דער געלעגנהייט ניט אויפהערן צו מאַכן די יידן פאַרוואָרפן צוליב זייער „אומ־דערצויגנקייט"...

אויף ווי ווייט ס'איז דאָ אין געטאָ געווען אַנגעווייטיקט די פראַגע פון קריגן אַזאַ אַרבעטס־פּלאַץ, פונוואַנען מ'זאָל קענען ברענגען אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן, באַווייזט דער פאַקט, וואָס זייער פיל העכערע באַאַמטע פון דער ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע האָבן צו יענער צייט געהאַט פּריווילעגיק אויפגעגעבן זייערע פּרי־ווילעגירטע פּאָסטנס אין די געטאָ־מוסדות און זיינען אַוועק אַרבעטן אין שטאָט, איבערהויפּט אין דער בשעתו גוטער בריגאַדע פון אינזש. מיל*)

* *

*

אינמיטן סעפּטעמבער 1941 האָט, ווי שוין דערמאָנט**) די בוי־לייטונג פון קאָוונער אַעראָדראָם, ווו די דייטשן זיינען צוגעטראָטן אַדורכפירן אַ גרויסע איבערבויאונגס־אַרבעט, גענומען פאַרלאַנגען פון געטאָ ייד. אַרבעטס־קרעפטן. אין די ערשטע טעג האָט זיך עס געהאַנדלט נאָר וועגן אַ הונדערט, צוויי הונדערט יידן אַ טאָג. שפּעטער־צו איז די פאָדערונג אויף יידישע אַרבעטער געשטיגן ביז צו עט־לעכע טויזנט מאַן טעגלעך.

די אַרבעט אויפן אַעראָדראָם איז, ווי געזאָגט, אָנגעגאַנגען דורך טאָג און דורך נאַכט, און די אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען דאָרטן געווען אויסערסט־שווערע. די באַציאונג פון די דייטשע מייסטערס צו די יידן איז געווען אַ גרויזאַמע. נאָך ווייניק, וואָס די עצם אַעראָדראָם־אַרבעט פלעגט שרעקלעך אויסמאַטערן, פלעגט מען די יידן דאָרטן אָן שום גרונט מורא'דיק שלאָגן. חוצדעם פלעגט מען פון אַעראָדראָם לחלוטין ניט קענען ברענגען קיין ביסל שפּייז־פּראָדוקטן. אָט פאַרוואָס דאָס שאַפן טעגלעך אַזאַ, פאַרהעלטנישמעסיק, גרויסע צאָל יידן פאַר דער אַרבעט אויפן אַעראָדראָם, איז פאַרן געטאָ געוואָרן אַ זייער־שווערע און פּיינפולע פּראָב־לעם.

דעם ערשטן טאָג ראש־השנה 1941 האָט דער עלטעסטן־ראַט צונויפגערופן אויף אַן אָפענעם פּלאַץ די גאַנצע אַרבעטס־פעאיקע געטאָ־באַפעלקערונג, מיטן

*) ביים בויען אַ גאַראַזש אויף קעסטוטשיא גאַס.

**) ז. „פּראָבלעם פון פאַרווענדן די ייד. אַרבעטס־קרעפטן".

ציל אויפצוקלערן די פאַרזאַמלטע וועגן דער ערשטראַנגיקער וויכטיקייט צו שאַפן די נויטיקע צאָל יידן פאַר די אַעראָדראָם-אַרבעטן. איטלעכער אַרבעטס-פעאיקער ייד איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַרשטיין די אחריות פונעם דאָזיקן ענין פאַרן קיום פון געטאָ און זען זיך ניט אַרויסצודרייען פון דער אַרבעטס-פליכט אויפן אַעראָדראָם.

לכתחילה האָט די דאָזיקע אַפּעלירונג מצד דעם עלטעסטן-ראַט געהאַט אַ שטיקל פעולה. פון טאָג-צו-טאָג איז אָבער דאָס שאַפן די נויטיקע צאָל אַעראָדראָם-אַרבעטער געוואָרן פאַרבונדן מיט אַלץ מער שוועריקייטן. ס'האָבן אויך ווייניק וואָס געהאָלפן די באַמיאונגען פון יידישן אַרבעטס-אַמט איינצושטעלן אַ שטיקל אָרדנונג און אַ געוויסע ריי ביים גיין אַרבעטן אויפן אַעראָדראָם.

דאָס אַרויסגעבן פאַר די אַעראָדראָם-אַרבעטנדיקע ספּעציעלע אַרבעטס-באַשייניקונגען, באַשטעטיקטע פון דער דייטשער פראָנט-בוי-לייטונג, ווי אויך אַרבעטס-בינדעס א.א.וו., האָט אויך ווייניק-וואָס משפּיע-געווען ביים רעקרוטירן די נויטיקע צאָל מענטשן פאַר די אַעראָדראָם-אַרבעטן.

די אַרבעט אויפן אַעראָדראָם איז פאַרן געטאָ-ייד געוואָרן אַן אמתע פּלאָג, פון וועלכער מ'האָט ניט געקענט פּטור ווערן. פון דער אַנדערער זייט, האָבן די מאַכט-אָרגאַנען וואָס-ווייטער רק-מער גענומען צוגעבן אַ גרעסערע חשיבות דער דאָזיקער וויכטיקער פראָנט-בוי-אַרבעט. ס'האָט דעריבער אין דעם פּרט זיך געשאַפן אין געטאָ אַן אויסערסט-שווערע לאַגע.

היות דאָס פּראָבלעם פון ארבעט איז פאַרן געטאָ-ייד געווען ניט נאָר אַ פראַגע פון דערלייידיקן די פליכט פון צוואַנגס-אַרבעט, נאָר גלייכצייטיק איז עס אויך געווען אַ פראַגע פון יאָ אָדער ניט האָבן אַ מעגלעכקייט אַריינצוטראָגן אין שטוב אַ ביסל לעבנסמיטל, האָט די ייד. געטאָ-אָנפירערשאַפט, בפרט דאָס ייד. אַרבעטס-אַמט, געמוזט אייליק זיך נעמען אַריינצוטראָגן אַ שטיקל סדר און אַ ביסל יושר אינעם דאָזיקן אַזוי אַקטועלן און וויכטיקן ענין.

דאָס יידישע אַרבעטס-אַמט איז קודם-כל צוגעטראָטן אַדורכצופירן אַ גענויע רעגיסטראַציע פון דער גאַנצער אַרבעטס-פעאיקער געטאָ-באַפעלקערונג. חוצדעם זיינען אויך געמאַכט געוואָרן אַנדערע צוגרייטונגען, וואָס זיינען געווען נויטיק פאַר דער טעטיקייט פונעם אַרבעטס-אַמט. אָבער די מאַסן-פאַרניכטונגס-אַקציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין געטאָ במשך דעם האַרבסט 1941, האָבן צונישט-געמאַכט די אַלע פרוון און צוגרייטונגען.

די גרויסע אַקציע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דעם געטאָ אַזאַ גרויסע צאָל קרבנות, האָט פיזיש און גייסטיק אויפגעטרייסלט ביזן גרונט דאָס רעשטל לעבן-געבליבענע געטאָ-יידן. צוליב דער דעפּרעסיע און אַפּאַטיע, וואָס האָט אַלעמען אין געטאָ באַ-

הערשט גלייך נאָך דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע, איז קיינעם ניט געלעגן אין זינען צו „אָרדנען" דאָס לעבן פון די במילא צום טויט=פאַראורטיילטע...

בשייכות מיטן פאַקט, וואָס בעת דער גרויסער אַקציע זיינען, ווי שוין דערמאָנט, אומגעבראַכט געוואָרן טויזנטער אַרבעטס=פעאיקע ייד. מענער און פרויען, צווישן זיי הונדערטער בעלי=מלאכות, זיינען לחלוטין צערונען ביי די געטאָ=יידן די אילוזיעס, אַז אַרבעט איז אַ שטיקל סגולה צו לאָזן די יידן ביים לעבן. קיינער אין געטאָ האָט דאַן מער ניט געקענט און ניט געוואָלט גלויבן, אַז די פראַגע פון יאָ אָדער ניט אַרבעטן האָט אַן אַנטשיידנדיקע השפעה אויפן גורל פון די יידן. ביי אַזאַ אַלגעמיינער יאוש=שטימונג צווישן דער געטאָ=באַפעלקערונג האָט אויך דאָס ייד. אַרבעטס=אַמט לכתחילה געלאָזן אַלץ גיין, אַזוי צו זאָגן, מיטן שטראָם.

*　*
*

ס'איז אַריבער אַ וואָך נאָך אַ וואָך. די לעבן=געבליבענע געטאָ=יידן האָבן, וועלנדיק ניט וועלנדיק, געמוזט ווייטער שלעפן דעם שווערן יאָך פון עבודת=פרך, און דאָס ייד. אַרבעטס=אַמט האָט ווידעראַמאָל זיך גענומען צום אָרדנען די ענינים פון צוואַנגס=אַרבעט.

אין דער אַנדער העלפט נאָוועמבער 1941 איז דאָס ייד. אַרבעטס=אַמט צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַלע אַרבעטס=פעאיקע מענער און פרויען ספּעציעלע אַרבעטס=פּעסער, ד. ה. אַרבעטס=פליכט=קאַרטעס. דער עלטער=צענז פון אַרבעטס=פעאיקייט פאַר מענער איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון 14 ביז 60 י. פאַר פרויען — לכתחילה פון 16 ביז 45 יאָר, שפּעטער=צו — פון 15 ביז 55 יאָר. פרויען, וועלכע האָבן געהאַט קליינע קינדער ביז 8 יאָר (שפּעטער=צו נאָר ביז 4 יאָר), זיינען אינגאַנצן באַפרייט געווען פון דער אַרבעטס=פליכט*).

פאַר געזונטע מענער איז געווען פעסטגעשטעלט אַ פולע אַרבעטס=וואָך פון 6 און אפילו 7 טעג אין וואָך, אויב די אַרבעטס=שטעלע פלעגט פאָדערן די ייד. אַרבעטער אויך זונטיק. פאַר פרויען איז לכתחילה געווען באַשטימט די אַרבעטס=פליכט נאָר 3 טעג אין וואָך. שפּעטער=צו, ווען די פאָדערונג אויף ייד. אַרבעט איז שטאַרק געשטיגן, האָבן יינגערע פרויען געדאַרפט אַרבעטן 5 מאָל אַ וואָך, און די עלטערע פרויען — 3 אָדער 4 טעג אַ וואָך. די צאָל אַרבעטס=פליכטיקע טעג אין וואָך פאַר מענטשן מיט אַ שוואַכן געזונט=צושטאַנד, פלעגט פעסטגעשטעלט ווערן דורך דער ייד. דאָקטוירים=קאָמיסיע ביים אַרבעטס=אַמט**).

*) נאָך דער אקציע אויף קינדער, אלטע און קראנקע איז יעדע פערזאָן אין געטאָ געווען ארבעטספליכטיק און האָט געמוזט האָבן אן ארבעטס=פלאַץ.

**) ז. אינעם זעלבן קאַפּיטל: „מעדיצינישע אָפּט.".

דורכן פאַרטיילן דער אַרבעטס=פעאיקער געטאָ=באַפעלקערונג אַרבעטס=פליכט=קאַרטעס, איז דעם אַרבעטס=אַמט געלונגען פעסטצושטעלן דעם פאַראַנענעם קאָנטינגענט אַרבעטס=פליכטיקע מענער און פרויען און חוצדעם מיטדערצייט אויך איינשטעלן אַ געוויסע קאָנטראָל איבער דעם, ווי אַזוי איטלעכער אַרבעטס=פליכטיקער ייד דערפילט זיין חוב לגבי דער צוואַנגס=אַרבעט.

אויב ביזן אַרויסגעבן די אַרבעטס=פליכט=קאַרטעס האָט געקענט פּאַסירן, אַז אַן אַרבעטס=פעאיקע פערזאָן פלעגט קענען אויף פאַרשיידענע אופנים זיך אַרויס=דרייען פון גיין אַרבעטן, איז איצט צו דעם געקומען אַ סוף. איטלעכער אַרבעטס=פעאיקער מאַן אָדער פרוי האָט געמוזט פּינקטלעך דערפילן זיין אַרבעטס=פליכט אין דער אַרבעטס=שטעלע, צו וועלכער ער איז געווען צוגעבונדן. אין קעגנפאַל האָבן אים געדראָט גאַנץ שווערע סאַנקציעס מצד דער ייד. געטאָ=אַדמיניסטראַציע.

האָט דער אַרבעטס=פליכטיקער ניט פאַרמאָגט קיין שטענדיקן אַרבעטס=פּלאַץ אין אַ שטאָטישער אַרבעטס=בריגאַדע אָדער אין געטאָ גופא, פלעגט ער מוזן גיין אָרבעטן אויפן אַעראָדראָם, ווּהין כל=ישראל פלעגט צו יענער צייט גיין אַרבעטן. די בוי=לייטונג פון אַעראָדראָם פלעגט פאָדערן פון געטאָ אַזאַ גרויסע צאָל ייד. אַרבעטס=קרעפטן, אַז טאָג=טעגלעך פלעגט מען מוזן אָפּרייסן מענטשן פון אַנדערע אַרבעטס=שטעלעס, כדי צו שאַפן די געפאָדערטע צאָל ייד. אַרבעטער פאַר די אַעראָדראָם= אַרבעטן.

סוף 1941 און אָנפאַנג 1942, ווען דער אַלגעמיינער מצב אין געטאָ האָט גע=נומען ווערן מער=ווייניקער סטאַביל און ווי אַ פועל=יוצא דערפון האָבן די ייד. געטאָ=אינסטיטוציעס גענומען נאָרמאַליזירן זייער טעטיקייט, האָט אויך דאָס אַרבעטס=אַמט באַוויזן אויפצושטעלן אַ גאַנצן אַפּאַראַט אויף צו רעגולירן די ענינים פון צוואַנגס=אַרבעט.

דאָס אַרבעטס=אַמט איז באַשטאַנען פון אַ געוויסע צענדליק אָפּטיילונגען, און איטלעכע אָפּטיילונג האָט געהאַט אויסצופירן אַ גאַנצע ריי פונקציעס. מיט יעדער אָפּטיילונג האָט אָנגעפירט אַן אָפּטיילונגס=לייטער, אין וועמענס רשות ס'איז געווען אַ ספּעציעלער פּערסאָנאַל אויסצופירן די נויטיקע אַרבעט.

בראש פונעם אַרבעטס=אַמט איז געווען אַ לייטער, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער טעטיקייט פון אַלע אַרבעטס=אַמט=אָפּטיילונגען. דער לייטער פון אַרבעטס=אַמט פלעגט שטיין אין קאָנטאַקט מיטן עלטעסטן=ראַט, ווּ ס'פלעגן צוו. אַנד. באַשטימט ווערן די אַלגעמיינע ריכטליניעס פאַר די באַזונדערע געטאָ=אינסטיטוציעס.

פאַר דער צייט פון קיום פון ייד. אַרבעטס=אַמט, ד. ה. פון אויגוסט 1941 ביז אַפּריל=מאַי 1944, זיינען אַלס לייטערס פונעם דאָזיקן אַמט געווען פאָלגנדיקע פערזאָנען: אינזש. פ ר ע נ ק ע ל — די ערשטע עטלעכע וואָכן זינט דער גרינדונג

פון געטאָ (אומגעקומען אין דאַכאַו); אדוו. יעקב גאָלדבערג — פון האַרבסט 1941 ביז זומער 1943 (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); הערמאַן פרענקעל — פון זומער 1943 ביז דער ליקווידאַציע פון ייד. אַרבעטס־אַמט אין פרילינג 1944 (געשטאָרבן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך דער באַפרייאונג פון דאַכאַו); גענעראַל־סעקרעטאַר און שפּעטער־צו וויצע־לייטער פון אַרבעטס־אַמט איז געווען דר. שמואל גרינהויז (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); אַ קורצע צייט איז אויך געווען וויצע־לייטער פון אַרבעטס־אַמט אינזש. באַרגמאַן (אומגעקומען אין אַ דאַכאַוער אַרבעטס־לאַגער).

אַלס שרייב־מאַשיניסטינס אין סעקרעטאַריאַט פון אַרבעטס־אַמט זיינען געווען טעטיק: פרל. קראַקינאָווסקי (אומגעקומען אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין דייטשלאַנד) און פרל. סוקעניק (פאַרשלעפּט געוואָרן קיין עסטלאַנד און איז דאָרטן אומגעקומען).

* * *

כדי זיך צו שאַפן אַ פאַרשטעלונג וועגן דער טעטיקייט פון ייד. אַרבעטס־אַמט, איז נויטיק כאָטש סכעמאַטיש זיך צו באַקענען מיט דער סטרוקטור און וויכטיקסטע פונקציעס פון יעדער אַרבעטס־אַמט־אָפּטיילונג באַזונדער.

## א) קאַדאַסטער־אָפּטיילונג

די קאַדאַסטער־אָפּט. האָט געהאַט צוויי הויפּט־פונקציעס:

1) שטענדיק האָבן אַ פּרעציזע אויפשטעלונג מיט אַלע נויטיקע ידיעות פון דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג בכלל און פון די אַרבעטס־פליכטיקע מענער און פרויען בפרט און 2) האָבן אַלע נויטיקע ידיעות וועגן דעם ווער און וווּ ס'אַרבעט, און ווי אַזוי די אַרבעטס־פליכטיקע פּערזאָן דערפילט איר אַרבעטס־פליכט. אַחוץ די דאָזיקע גרונט־פונקציעס, האָט די קאַדאַסטער־אָפּטיילונג, ווי מיר וועלן זען, זיך אויך באַשעפטיקט מיט אַנדערע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע און אומדירעקטע שייכות צום קאָמפּלעקס אַרבעטס־פּראָבלעמען.

ווי ס'איז שוין אַ ביסל פריער דערמאָנט געוואָרן, האָט יעדער אַרבעטס־פליכטיקער מאַן אָדער פרוי געהאַט באַקומען פון אַרבעטס־אַמט אַן אַרבעטס־פליכט־קאַרטע. דער נומער פון אַרבעטס־פליכט־קאַרטע איז געווען אַ שטענדיקער און די אַרבעטס־פליכטיקע פּערזאָן פלעגט דעם דאָזיקן נומער דאַרפן געדענקען, ניט ווייניקער ווי דעם אייגענעם נאָמען און פאַמיליע... דאס איז געווען דער וויכטיקסטער קען־צייכן אין די פּערסאָנעלע ידיעות פונעם אַרבעטס־פליכטיקן.

כדי די קאַדאַסטער־אָפּט. זאָל האָבן אַ קאָנטראָל איבער דעם, ווי אַזוי די אַרבעטס־פּליכטיקע פּערזאָנען דערפילן זייער אַרבעטס־פּליכט, איז אויף יעדער אַרבעטס־שטעלע געווען באַשטימט אַ יידישער בריגאַדיר אָדער קאָלאָנען־לייטער*). אַחוץ זייערע דירעקטע פליכטן אָנצופירן מיט דער אַרבעטס־גרופּע און פאַרמיט־לען צווישן די ייִד. אַרבעטנדיקע און דער אַרבעטס־שטעלע, פלעגט יעדער בריגאַדיר און קאָלאָנען־לייטער טאָג־טעגלעך מוזן צושטעלן אין קאַדאַסטער אַ באַריכט **) פון די באַטרעפנדיקע מענער און פרויען, וועלכע האָבן דעם טאָג געאַרבעט אויף זיין אַרבעטס־שטעלע.

נאָכן אָפּצייכענען די באַקומענע באַריכטן אין די אַרבעטס־קאָנטראָל־ביכער, פלעגט מען אין קאַדאַסטער תיכף פעסטשטעלן, ווער ס'האָט דעם באַטרעפנדיקן טאָג יאָ אָדער ניט דערפילט זיין אַרבעטס־פּליכט.

ווען אַן אַרבעטס־פּליכטיקער פלעגט ווערן ניט געזונט און פלעגט ניט קענען גיין אַרבעטן, פלעגט ער מוזן זיך ווענדן צו דער מעדיצינישער אָפּטיילונג, וואָס פלעגט אים געבן אַן אורלויב אויף דער צייט פון זיין קראַנקייט.

אויב אַן אַרבעטס־פּליכטיקער פלעגט צוליב געוויסע סיבות דאַרפן בלייבן אין שטוב אַ טאָג צייט, פלעגט ער דאַרפן אויף דעם באַקומען אַן אורלויב מצד דעם אַרבעטס־אינספּעקטאָר ***) פון זיין ראַיאָן.

די רשימות פון די באַאורלויבטע פּערזאָנען צוליב קראַנקייט אָדער אַנדערע טעמים פלעגן תיכף איבערגעשיקט ווערן אין קאַדאַסטער, כדי אָפּצוצייכענען וועגן דעם אין די אַרבעטס־קאָנטראָל־ביכער. אַזוי אַרום פלעגט דער קאַדאַסטער טעגלעך קענען גאַנץ גענוי פעסטשטעלן, ווער ס'האָט אָן אַ באַרעכטיקונג דעם באַטרעפנדיקן טאָג ניט געאַרבעט. די יעניקע פּערזאָנען, וועלכע פלעגן אָן אַ באַרעכטיקטן יסוד אויסמיידן די אַרבעטס־פּליכט, פלעגן איבערגעגעבן ווערן דער מאָביליזאַציע־און שטראָף־אָפּטיילונג צו ווערן באַשטראָפט.

כדי דער קאַדאַסטער זאָל זיין אין בילד, צו וועלכער אַרבעטס־שטעלע דער אַרבעטס־פּליכטיקער איז צוגעטיילט, פלעגן פון די אַנדערע אָפּטיילונגען פון אַרבעטס־אַמט אַהין איבערגעשיקט ווערן די רשימות פון אַלע אַרבעטנדיקע סיי אויפן אַעראָדראָם און אין די שטאָט־בריגאַדעס, סיי אין די געטאָ־וואַרשטאַטן און אין די געטאָ־אינסטיטוציעס. יעדע אַרבעטס־שטעלע האָט געהאַט איר ספּע־

*) אויפן אַעראָדראָם זיינען די ייִד. אַרבעטער געווען פאַרטיילט אין קאָלאָנעס, און די ייִד. אָנפירער האָבן געהייסן קאָלאָנען־לייטער אָדער קאָלאָנען־פירער. בראש פון די ייִד. אַרבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט זיינען געווען בריגאַדירן.

**) די באַריכטן פלעגן אַנטהאַלטן אויפשטעלונגען פון די נומערן פון די אַרבעטס־פּליכט־קאַרטעס פון די מענטשן, וועלכע האָבן דעם טאָג געאַרבעט.

***) ז. אינעם זעלבן קאַפּיטל: „מאָביליזאַציע־און שטראָף־אָפּט."

ציעלן שיפער, און יעדע ארבעטס־קארטע פון אן ארבעטס־פּלאַץ אין שטאָט אָדער אין געטאָ האָט געמוזט האָבן א סיגנע פון קאדאסטער. אָן אזאַ סיגנע איז אן אר־בעטס־קארטע געווען אומגילטיק.

אלע שטענדיקע אָדער אפילו צייטווייליקע ענדערונגען אין פּרט פון די אר־בעטס־פּלעצער פון די ארבעטנדיקע פלעגן מצד די באַזונדערע אָפּטיילונגען פון ארבעטס־אמט תיכף מוזן מיטגעטיילט ווערן אין קאדאסטער, כדי מ׳זאָל דאָרט זיין אינפאָרמירט, ווו דער ארבעטס־פליכטיקער איז מחויב צו ארבעטן.

אזוי ווי ס׳פלעגן זיין בעסערע און ערגערע ארבעטס־שטעלעס, און מענטשן פון די ערגערע ארבעטס־פּלעצער פלעגן זיך מיען אייגנוויליק אריבערצוכאַפּן אין די בעסערע ארבעטס־שטעלעס, פלעגט דער קאדאסטער פון די צוגעשטעלטע באַריכטן מצד די ברינגאַדירן און קאָלאָנען־לייטער יעדן טאָג אויך קענען וויסן די געגוויע אויפשטעלונג פון די דאָזיקע אריבערלויפער, וועלכע פלעגן פאר אזאַ ,,חטא" צוגעצויגן ווערן צו פאראנטוואָרטלעכקייט.

פאר די פרויען אין עלטער פון ארבעטס־פליכט, וועלכע האָבן געהאט קינדער ביז 8 יאָר (שפּעטער נאָר ביז 4 יאָר), פלעגט דער קאדאסטער ארויסגעבן ספּע־ציעלע באַפרייאונגען פון דער ארבעטס־פליכט, כדי אינדערצייט פון אן ארבעטס־קאָנטראָל מצד דער ייד. געטאָ־פּאָליציי זאָל די באטרעפנדיקע פרוי ניט ווערן ארעסטירט אלס ארבעטס־דעזערטיר און אריבערגעשיקט אין פּאָליציי־באַצירק אָדער אין געטאָ־תפיסה.

אויך איז לכתחילה געווען איינגעשטעלט, אַז אן ארבעטס־פליכטיקע פרוי, וואָס באַדינט און פירט די באַלעבאַטישקייט פאר לכל־הפחות 3 ארבעטס־פליכ־טיקע פערזאָנען, וואָס ארבעטן ניט ווייניקער ווי צו 6 טעג אַ וואָך (אויב אין שטוב זיינען ניטאָ קיין אנדערע ניט־ארבעטנדיקע פערזאָנען, ווי עלטערע פרויען אד׳גל., וועלכע קענען פירן די באַלעבאַטישקייט), פלעגט ווערן באַפרייט פון דער ארבעטס־פליכט. שפּעטער־צו איז די דאָזיקע באשטימונג געוואָרן אָפּגעשאפט.

ווען די ארבעטס־פליכטיקע פרויען האָבן געארבעט נאָר 3 מאָל אַ וואָך, פלעגט איין העלפט פרויען ארבעטן מ אָ נ ט י ק, מ י ט וו אָ ך און פ ר י י ט י ק און די אנדער העלפט — ד י נ ס ט י ק, ד אָ נ ע ר ש ט י ק און ש ב ת. אזאַ פארטיילונג פון דער ארבעטס־פליכט פאר פרויען האָט דערמעגלעכט די פרויען ניט צו ווערן אַזוי שטארק אויסגעשעפּט פון דער ארבעט און, חוצדעם, קענען אין די פרייע טעג צוגרייטן עסן און אָרדנען די ווירטשאפט אויף די טעג, ווען זיי פלעגן דארפן גיין ארבעטן.

אויף דער ארבעטס־קארטע פון דער פרוי פלעגט זיין מיט גרויסע בוכשטאַבן אָפּגעצייכנט, צו וועלכן ארבעטס־טורנוס זי געהערט, ד. ה. וועלכע טעג אין וואָך זי איז ארבעטס־פליכטיק. ניט אין אירע ארבעטס־טעג פלעגט אַ פרוי קענען רואיק

ארומגיין אין געטאָ און ניט דארפן מורא האָבן פאַר דער ארבעטס־קאָנטראָל, וואָס די ייד. פּאָליציי פלעגט סיסטעמאַטיש אדורכפירן אין די גאַסן און אין די הייזער, מיטן ציל צו כאַפּן און באַשטראָפן די ארבעטס־דעזערטירן.

כדי די קאַרטאָטעקן און די אנדערע מאַטעריאַלן פון קאַדאַסטער זאָלן שטענ־דיק זיין אין אָרדנונג, פלעגן אין קאַדאַסטער סיסטעמאַטיש אריינפליסן די אַלע ידיעות וועגן דער באַוועגונג אינעם באַשטאַנד פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, ווי אַ שטייגער, מיטטיילונגען וועגן געשטאָרבענע, ניי־געבוירענע, איבערגעזידלטע פון געטאָ אין אנדערע ארבעטס־לאַגערן א. א. וו.

נאָך אַן אַקציע, ווען דער קאַדאַסטער האָט ניט געהאַט קיין ידיעות, וועלכע פּערזאָנען זיינען ארויסגעריסן געוואָרן פון געטאָ, פלעגט אדורכגעפירט ווערן אַ נייע רעגיסטראַציע פון דער געטאָ־באַפעלקערונג.

אַזוי ארום פלעגט מען אין קאַדאַסטער ביים ארבעטס־אַמט קענען באַקומען אַ פולשטענדיקע אינפאָרמאַציע — בעיקר פון אַן ארבעטס־פליכטיקן — וועגן זיין פריערדיקן און איצטיקן ארבעטס־פּלאַץ, ווי אַזוי די פּערזאָן דערפילט די ארבעטס־פליכט, ווען און ווי לאַנג דער ארבעטס־פליכטיקער איז געווען באַאורלויבט צוליב קראַנקייט אָדער אנדערע סיבות א. א. וו.

אלס לייטער פון קאַדאַסטער־אָפּט. איז געווען זונדעלעוויטש (זיך גע־ראַטעוועט בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ); אלס מיטארבעטער: א. דייטש (דערשאָסן געוואָרן אין געטאָ בעת דער דעפּאָרטאַציע); ר. לעווין (ארויסגע־שפּרונגען פון צוג ביים פירן קיין דייטשלאַנד און איז דערנאָך באַפרייט געוואָרן); ווינניק (אומגעקומען אין אַן ארבעטס־לאַגער אין עסטלאַנד); גריליכעס (פאַרברענט געוואָרן אין אַ מאַלינע אין געטאָ); אַגוז (אַוועק בעת דער אקציע אויף קינדער, אלטע און קראַנקע); בערעגאָווסקי (אומגעקומען אין געטאָ בעת דער דעפּאָרטאַציע); פר. דאַווידאָוויטש (באַפרייט געוואָרן אין ליו־ביטשער ארבעטס־לאַגער, וו זי איז געווען אַ לאַגער־עלטעסטע) א. א.

## ב) מאָביליזאַציע־און שטראָף־אָפּטיילונג

די אויפגאַבע פון דער מאָביליזאַציע־און שטראָף־אָפּט. איז קודם־כל געווען צו מאָביליזירן די נויטיקע צאָל ארבעטנדיקע אין די פאַרשיידענע ארבעטס־פּלע־צער, בעיקר אין די שווערע און שלעכטע ארבעטס־שטעלעס, וווּהין קיין פרייוויליקע בעלנים פלעגן קיינמאָל ניט וועלן גיין און מ'פלעגט די מענטשן מוזן אהין שיקן מיט צוואַנג. חוצדעם איז אין דער קאָמפּעטענץ פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג גע־ווען צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די יעניקע ארבעטס־פליכטיקע פּערזאָנען, וועל־כע פלעגן עובר־זיין אויף די באַשטימונגען פון ארבעטס־פליכט.

כדי די מאָבּיליזאַציע=און שטראָף=אָפּטס. זאָל קענען ווי געהעריק אויספירן אירע פונקציעס, איז זי געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער ייד. פּאָליציי. צו דעם צוועק איז אין יעדן פּאָליציי=רעוויר געווען טעטיק אַן אַרבעטס=אינספּעקטאָר, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען אויפצופּאַסן, ווי אַזוי די אַרבעטס=פליכטיקע פונעם באַטרעפנדיקן פּאָליציי=ראַיאָן דערפילן זייער אַרבעטס=פליכט. אַזעלכע אַרבעטס=אינספּעקטאָרן זיינען געווען 3—4, לויט דער צאָל פּאָליציי=רעווירן אין געטאָ. די טעטיקייט פון די באַזונדערע אַרבעטס=אינספּעקטאָרן פלעגט ווערן קאָאָרדינירט פון איין העכערן אַרבעטס=אינספּעקטאָר.

באַקומענדיק פון קאַדראַסטער אַן אויפשטעלונג פון די יעניקע פּערזאָנען, וועלכע זיינען דעם באַטרעפנדיקן טאָג עובר=געווען אויף די באַשטימונגען פון אַרבעטס=פליכט, פלעגן די דאָזיקע מענטשן דורך דער ייד. פּאָליציי געבראַכט ווערן צו די אַרבעטס=אינספּעקטאָרן, וועלכע פלעגן, נאָכן פעסטשטעלן די „שולד“, אַרויסטראָגן זייער פּסק=דין קעגן די אַרבעטס=דעזערטירן *).

אין ס'רוב פאַלן פלעגן די „פאַרברעכער“ תיכף איבערגעשיקט ווערן אין געטאָ=תפיסה, וווּ זיי פלעגן געהאַלטן ווערן איבער נאַכט, און אויף מאָרגן אינדערפרי פלעגן זיי — אַלס שטראָף — געשיקט ווערן צו אַרבעטן אויפן אַעראָדראָם אָדער אין אַן אַנדער שווערן אַרבעטס=פּלאַץ, וווהין מ'פלעגט תמיד דאַרפן שיקן מענטשן דורך צוואַנג. פלעגט עס זיך האַנדלען וועגן אַ מענטשן, וואָס פלעגט אָפּט ניט דערפילן זיין אַרבעטס=פליכט, פלעגט ער באַקומען אַן ענלעכע שטראָף ניט נאָר אויף איין טאָג צייט, נאָר אויף אַ פיל לענגערן טערמין.

זייער אָפּט פלעגט אויך אין געטאָ פּאַסירן, אַז שוין נאָכדעם, ווי די אַרבעטס=פליכטיקע פּערזאָנען פלעגן זיין אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט, פלעגט פּלוצלונג אָנקומען אין אַרבעטס=אַמט אַ פאָדערונג, דאָס געטאָ זאָל תיכף געבן אַ באַשטימטע צאָל אַרבעטער אויף אַ דרינגענדיקער אַרבעט. אין אַזאַ פאַל פלעגט די מאָבּיליזאַציע=און שטראָף=אָפּט., מיט דער הילף פון דער ייד. פּאָליציי, זיך אַ לאָז טאָן איבערן געטאָ צונויפכאַפּן די נויטיקע צאָל מענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָן פלעגט מען ווייניק זיך רעכענען מיט דעם, צי יענער האָט יאָ אַ געזעצלעכן אורלויב אָדער ניט א. א. וו. דער עיקר פלעגט זיין: וואָס גיכער אויספירן די פאָדערונג פון דער מאַכט.

*) איטלעכער אַרבעטס=פליכטיקער פלעגט אַחוץ זיין אַרבעטס=פּאַס אויך האָבן זיין אַרבעטס=קאַרטע, וווּ דער בּריגאַדיר אָדער קאָלאָנען=פירער פלעגט טעגלעך זיך מוזן אונטערשרייבן. די דאָזיקע אונטערשריפטן פלעגן גילטן ווי אַ באַשטעטיקונג אויף דעם, אַז דער אייגנטימער פון דער אַרבעטס=קאַרטע האָט דעם טאָג געאַרבעט. פלעגט, למשל, עמיצער אַ טאָג ניט אַרבעטן, פלעגט אין זיין אַרבעטס=קאַרטע זיין אַ בלויז, און אַ קאָנטראָל מצד דער ייד. פּאָליציי אָדער אַרבעטס=אינספּעקטאָר פלעגט אַזאַ אַרבעטס=חטא תיכף פעסטשטעלן.

ביז צו דער שאַפונג פון קאָזערנירונגס־קאָמיסיע סוף־זומער 1943 איז אויך געווען די אַרבעט פון מאָביליזאַציע־און שטראָף־אָפּט. צו רעקרוטירן די מענטשן פאַר די אַרבעטס־לאַגערן *).

דער לייטער פון דער מאָביל.־ און שטראָף־אָפּט. ווי אויך די אַרבעטס־אינספּעקטאָרן פלעגן האָבן דאָס רעכט צו געבן פאַר די אַרבעטס־פליכטיקע מענטשן אורלויבן אויף אַ טאָג־צוויי, בשייכות מיט וויכטיקע פאַמיליען־סיבות. צוליב פּראָטעקציאָניזם פלעגן אָבער פונעם דאָזיקן רעכט בעיקר גענינסן נאָר די מער־פּריווילעגירטע שיכטן פון געטאָ. דער פּשוטער אומבאַהאָלפענער פאָלקס־מענטש פלעגט זעלטן־ווען זיך קענען דערשלאָגן צו אַזאַ אורלויב. אַ באַשטעטיקונג אויף דעם קען מען געפינען אין דער געטאָ־פאָלקס־שאַפונג **), וווּ דאָס דאָזיקע אומרעכט ווערט זייער טרעפלעך געשילדערט.

אחוץ די אויבנדערמאַנטע פונקציעס פלעגן די אַרבעטס־אינספּעקטאָרן בראש מיטן לייטער פון מאָביל. אָפּט. זיך מתעסק־זיין ביים געטאָ־טויער, ווען מ׳פלעגט דאָרטן ארויסלאָזן די מענטשן צו דער אַרבעט ***).

די מאָביליזאַציע־און שטראָף־אָפּט., וואָס האָט געדאַרפט אויספירן די פאָדערונגען פון דער מאַכט אין פּרט פון צוואַנגס־אַרבעט, האָט, פאַרשטייט זיך, ביים געטאָ־ייד ניט געקענט אַקוויסרופן קיין אַנדערע געפילן ווי האַס און פאַראַכטונג. און אַזוי איז טאַקע געווען. צוליב אירע ניט־דאַנקבאַרע פליכטן איז די דאָזיקע אָפּטיילונג פון אַרבעטס־אַמט געווען דאָס געשפּענסט פון דער אַרבעטנדיקער געטאָ־באַפעלקערונג.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף מען צוגעבן, אַז דער לייטער פון דער מאָביליזאַציע־און שטראָף־אָפּט. פּ. מ אַ ר גאָ ל י ס, וואָס האָט זיך געהאַט אויסגעצייכנט מיט זיין האַרבער און ברוטאַלער באַנעמונג מיט די אַרבעטס־מענטשן, איז נאָכן באַפרייען קאָוונע מצד די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען פאַרמשפּט געוואָרן אויף שווערער תפיסה.

די אַרבעטס־אינספּעקטאָרן, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט אַנדערע געטאָ־יידן דעפּאָרטירט געוואָרן אין די דאַכאוער אַרבעטס־לאַגערן, זיינען דאָרטן מצד די קאָוונער יידן אַזוי שטאַרק גערודפט־געוואָרן, אַז קיינער פון זיי האָט ניט דערלעבט די באַפרייאונג. אַזוי גרויס איז געווען די פאַרביטערונג פון די געטאָ־יידן לגבי די אנפירנדיקע פערזאָנען פון דער דאָזיקער אינסטאַנץ ביים אַרבעטס־אַמט.

---

*) ז. „ווי אַזוי ס׳פלעגן פריער רעקרוטירט ווערן די ערשטע קליינע אַרבעטס־לאַגערן אין פּראָווינץ״.

**) ז. „מוסטערן פונעם געטאָ־פאָלקלאָר״.

***) ז אינעם זעלבן קאַפּיטל: „געטאָ־טויערן״.

פון די וויכטיקערע מיטאַרבעטער אַחוץ מאַרגאָליסן, דעם לייטער פון דער
אָפּטיילונג, דאַרף מען דערמאָנען: זאַקס, מענדעלסאָן, קאַפּטשעווסקי,
פּריסמאַן (אַלע זיינען זיי געווען אַרבעטס-אינספּעקטאָרן און זיינען אומגע-
קומען אין דאַכאַו); מעלאַמדאָוויטש, סעקרעטאַר פון אָפּט. (פאַרברענט
געוואָרן אין אַ מאַלינע); מאַרקאָווסקי, טעכנישער מיטאַרבעטער (זיך
געראַטעוועט צוליבן אַוועקגיין פון געטאָ) א. א.

## ג) אַעראָדראָם-אָפּטיילונג

די אַעראָדראָם-אָפּט. האָט געדאַרפט שאַפן די נויטיקע צאָל ייִד. אַרבעטס-
קרעפטן פאַרן אַעראָדראָם. דאָס איז געווען איינע פון די שווערסטע און, אגב, די
סאַמע גרעסטע אַרבעטס-שטעלע פון געטאָ-ישוב. פון האַרבסט 1941 ביז פרי-
לינג 1942, ווען אויפן אַעראָדראָם האָבן טעגלעך געאַרבעט דריי-פיר טויזנט ייִד.
אַרבעטער, איז די דאָזיקע אָפּטיילונג געווען די וויכטיקסטע אָפּט. פון אַרבעטס-
אַמט.

די אַעראָדראָם-אַרבעטער האָבן זיך ס'רוב געהאַט רעקרוטירט פון די סאָציאַל-
אומבאַמיטלטע שיכטן פון דער געטאָ-באַפעלקערונג. אויף די פּלייצעס פון די דאָ-
זיקע פּשוטע געטאָ-ייִדן איז אַדורכגעטראָגן געוואָרן דער שווערער יאָך פון עכט-
קאַטאָרזשנער צוואַנגס-אַרבעט.

אַחוץ דער עבודת-פּרך אונטערן פרייען הימל במשך אַ לאַנגן אַרבעטס-טאָג,
די נגישות און באַליידיקונגען מצד די רוצחישע מייסטערס בעת דער אַרבעט, דעם
אויסמאַטערנדיקן גיין טאָג-איין, טאָג-אויס אַ מהלך רב צו דער אַרבעט און צוריק
א. א. וו., פלעגט דער אַעראָדראָם-אַרבעטער, ווי באַוווּסט, ניט האָבן קיין מעג-
לעכקייט זיך איינצושאַפן אויף דער אַרבעטס-שטעלע אַ ביסל לעבנסמיטל, ווי דאָס
האָבן יאָ געהאַט די אַרבעטנדיקע אין די שטאָט-בריגאַדעס.

אמת, אויפן אַעראָדראָם איז אויך געווען אַ קליינע צאָל נשקשה'דיקע אַר-
בעטס-פּלעצער. די איבערוועגנדיקע מערהייט אַעראָדראָם-אַרבעטער האָט אָבער גע-
אַרבעט ביי אוממענטשלעכע אַרבעטס-באַדינגונגען. איטלעכער אַעראָדראָם-אַרבע-
טער האָט דעריבער געהאַט איין ווּנטש: וואָס גיכער פּטור ווערן פון דער דאָזיקער
שקלאַפן-אַרבעט און באַקומען אַרבעט אין אַ שטאָט-בריגאַדע, וווּ סיי די עצם
אַרבעט, סיי די באַנעמונג מיט די ייִד. אַרבעטער און — ועל-כולם — די שאַנסן זיך
איינצושאַפן אַ ביסל שפּייז-פּראָדוקטן זיינען געווען ניט אין ערך בעסערע, ווי אויפן
אַעראָדראָם.

ס'איז שוין אויך געערדט געוואָרן וועגן די כלערליי פּרעמירונגען, וואָס די אַעראָ-
דראָם-אָפּט. האָט געהאַט אָרגאַניזירט פאַר די פּינקטלעכע אַעראָדראָם-אַרבעטער,

מיטן ציל צו פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלן מצב. די שווערע מאַטעריעלע לאַגע פונעם „אַעראָדראָמשטשיק" איז אבער דורך דעם כמעט ווי ניט פאַרבעסערט געוואָרן, און די פרעמיעס האָבן ניט געהאַט קיין ערנסטן באַדייט אין פרט פון גע=ווינען דעם געטאָ=ייד פאר דער אַעראָדראָם=ארבעט.

בשייכות מיטן פאַרגרעסערן די צאל ייד. אַרבעטער אין די שטאטישע אַר=בעטס=פלעצער, איז אין פרילינג 1942 אַ גרויסע צאל אעראָדראָמשטשיקעס אַריבער אַרבעטן אין שטאט און דאָס האָט פאַר זיי באַדייט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג לטובה אין עקאָנאָמישן זין.

היות די פאָדערונג אויף אעראָדראָם=אַרבעטער איז אַלעמאל געווען אַ פיל גרעסערע, ווי ס'פלעגט זיך לאָזן שאַפן אפילו מיט אנשטרענגונגען, איז געווען איינגעשטעלט, אַז מענטשן, וועלכע אַרבעטן אין שטאט=בריגאַדעס, פלעגן אויך מוזן אַ פאָר מאָל אין וואָך גיין אַרבעטן אויפן אעראָדראָם. דער דאָזיקער פרינציפ איז געווען חל ניט נאר אויף מענער, נאָר אויך אויף פרויען פון די שטאט=ברי=גאַדעס. אַזוי, אַ שטייגער, איז געווען פעסטגעשטעלט, אַז פרויען, וועלכע אַרבעטן דריי מאל אַ וואָך אין א שטאט=בריגאַדע, מוזן חוצדעם נאך איינעם אָדער צוויי טעג אין וואָך אויך אַרבעטן אויפן אעראָדראָם.

מ'מוז אבער זאגן, אַז מחמת דעם, וואָס אין די בעסערע שטאט=בריגאַדעס האָבן ס'רוב געאַרבעט די מער=פריווילעגירטע מענער און פרויען פון געטאָ, פלעגט אַ גרויסער טייל פון זיי שוין געפינען אַ געזעצלעכן „גרונט" זיך צו באַפרייען פון דער דאָזיקער אַרבעט אויפן אַעראָדראָם. צוליב אט די אַלע סיבות האָט אין געטאָ געהערשט אַ שטאַרקער אַנטאַגאָניזם צווישן די „אעראָדראָמשטשיקעס" און די אַרבעטער פון די בעסערע אַרבעטס=בריגאַדעס. אויפן דאָזיקן באָדן פלעגן אין געטאָ זיך אָפשפילן אייגנאַרטיקע סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן.

די ארבעטנדיקע אויפן אַעראָדראָם זיינען געווען איינגעטיילט אין עטלעכע צענדליק ארבעטס=קאָלאָנעס. בראש פון יעדער ארבעטס=קאָלאָנע איז געשטאַנען אַ ייד. קאָלאָנען=לייטער, באַשטימט פון אַעראָדראָם=אפט. די פאַרשיידענע בוי=פירמעס פון אעראָדראָם פלעגן טעגלעך דורך דער בוי=לייטונג פאָדערן פון ייד. אַרבעטס=אַמט די נויטיקע צאל ייד. האנטווערקער און שוואַרצאַרבעטער, און די אעראָדראָם=אפט. פלעגט זיך מיען נאכצוקומען די פאָדערונג פון בוי=לייטונג.

כדי צו פאַרמיטלען צווישן דער בוי=לייטונג און דער אעראָדראָם=אפטיילונג, זיינען געווען באַשטימט ספעציעלע ייד. פונקציאָנערן, וועלכע האָבן געהייסן „שיכט=לייטער". איטלעכער אַרבעטס=שיכט אויפן אעראָדראָם האָט זיך געהאַט זיין שיכט=לייטער. די קאלאנען=לייטער פלעגן דאַרפן, ווי געזאגט, פאַרמיטלען

צווישן דער אַרבעטס-שטעלע און דער אַרבעטס-קאָלאָנע, צושטעלן די באַריכטן אין אַרבעטס-אַמט א. א. וו.

אחוץ די אַרבעטס-פּלעצער אויפֿן אעראָדראָם גופא, האָט די אעראָדראָם אָפּט. געהאַט אנגעפירט מיט אייניקע אויסנשטאָטישע אַרבעטס-שטעלעס, וואָס האָבן אָבער געהאַט אַ שייכות צו דער אעראָדראָם-אַרבעט, ווי למשל, אין גייזשון, קיידאַן א. א. וו. די אַרבעט אין די גייזשונער זומפּיקע וועלדער איז געווען אַ זייער שווערע, און די מענטשן פּלעגן במשך אַ קורצער צייט קראַנק ווערן אויף רעוומאַטיזם א. א. קראַנקייטן.

ווען אויפֿן אעראָדראָם האָט געהאַט געאַרבעט אַ גרויסע צאָל ייד. אַרבעטער, האָבן יידן געהאַלטן, אַז די אעראָדראָם-אַרבעט האָט אַ גרויסע באַדייטונג פֿאַרן קיום פֿון געטאָ. די פֿאַרניכטונגס-אַקציעס, בפֿרט די גרויסע אַקציע, האָבן אָבער די דאָזיקע השערה פֿולשטענדיק צעשמעטערט.

היות די געטאָ-באַפֿעלקערונג האָט שטענדיק געמוזט האָבן אַ וועלכן ס׳איז אָנהאַלטס-פּונקט, וואָס זאָל איר געבן די אילוזיע, אַז דאָס געטאָ האָט דאָך אַ שטיקל זכות-הקיום, איז די פֿריערדיקע חשיבות פֿאַרן געטאָ צוליב דער אעראָדראָם-אַרבעט צוגעשריבן געוואָרן צו די גרויסע געטאָ-וואַרשטאַטן...

מחמת דעם, וואָס די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט געדאַרפֿט אויספֿירן אַזאַ אומדאַנקבאַרע אויפֿגאַבע, איז אויך זי געווען זייער ניט באַליבט ביי דער געטאָ-באַפֿעלקערונג. די דאָזיקע נעגאַטיווע באַציאונג פֿונעם געטאָ-עולם האָט געצויגן איר יניקה ניט נאָר פֿון די זייער-שווערע אַרבעטס-פֿאַרהעלטענישן אויפֿן אעראָדראָם, נאָר טיילווייז אויך צוליבן פֿאַקט, וואָס בראש פֿון אט דער אָפּטיילונג איז זינט ווינטער 1942 *) געשטאַנען אַ געוויסער ייד. יונגערמאַן אַדוו. וואָלף לוריע (א געוו. געריכטס-אויספֿאָרשער אין די סמעטאָנאַ-צייטן), אַ זייער-ענערגישער אָבער ביז-גאָר שטרענגער-מענטש, פֿאַר וועמען די געטאָ-יידן פּלעגן ציטערן ווי פֿאַר אן אמתן דעספּאָט. קיין געטאָ-ייד בכלל און קיין אעראָדראָם-אַרבעטער בפֿרט פּלעגט ניט וואַגן צו קומען מיט אים אין אַ קאָנפֿליקט, ווייל זיין באַנעמונג מיט מענטשן איז געווען אַזאַ, ווי די באַנעמונג פֿון אַ געריכטס-אויספֿאָרשער מיט קרימינעלע פֿאַרברעכער... וועגן זיין דאָזיקער אויפֿפֿירונג איז אין געטאָ געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלע פֿאָלקס-ליד.

בעת דער ליקווידאַציע פֿון געטאָ האָט ער באַשלאָסן ניט מיטצומאַכן די דעפּאָרטאַציע און האָט פֿאַרסמט זיין קינד און אויך זיך מיט זיין פֿרוי. דאָס גיפֿט האָט אָבער געווירקט נאָר אויפֿן קינד, און ער מיט דער פֿרוי זיינען געבליבן לעבן. דאָן זאָל ער האָבן געבעטן א ס. ס.-פּאָסטן, ער זאָל קומען צו אים אין וווינונג

*) ביז דאַן איז לייטער פֿון אעראָדראָם-אָפּט. געווען דר. וואַלסאָנאָק.

זיי ביידן דערשיסן. ווי מ'האָט בשעתו גערעדט, האָט דער ס.ס.=מאַן זיך ניט געלאָזן בעטן און האָט זיי ביידן דערשאָסן.

אין דער אעראָדראָם=אָפּטיילונג זיינען אויך געווען טעטיק: פליער (אומגעקומען בעת דער געטאָ=ליקווידאציע); אינזש. גאָלדמאַן (אַ וואַרשעווער ייד. באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); פריץ בערנשטיין (אַ דייטשער ייד. צוליב זיין שלעכטער אויפפירונג איז אַלעקסאָטער ארבעטס=לאַגער און אין דאַכאַוער קאַצעט, ווו ער איז געווען אַ קאַפּאָ, איז ער נאָך דער באַפרייאונג באַשטראָפט געוואָרן מצד די אַליאירטע מאכט=אָרגאַנען); דאַווידאָוויטש (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו) א. א.

## ד) שטאָט=בריגאַדעס=אָפּטיילונג

די אויפגאַבע פון דער שטאָט=בריגאַדעס=אָפּט. איז באַשטאַנען אין רעקרוטירן די אַרבעטנדיקע מענער און פרויען פאר די שטאָטישע ארבעטס=פלעצער, זיי ארויסגעבן ארבעטס=קארטעס, באַשטימען בריגאַדירן א. א. וו.

אויב לכתחילה האָבן אין די 10—15 שטאָטישע ארבעטס=שטעלעס געהאַט געאַרבעט בסך=הכל עטלעכע הונדערט יידן, זיינען מיטהערצייט *) געשאַפן געוואָרן אַן ערך אַנדערהאַלבן הונדערט גרעסערע און קלענערע שטאָטישע ארבעטס=בריגאַדעס מיט העכער פינף טויזנט ארבעטנדיקע מענער און פרויען. דער וווּקס פון דער צאָל שטאָט=בריגאַדעס איז אָנגעגאַנגען פון פרילינג 1942 ביז האַרבסט 1943, ווען געקעַ האָט מיט אַ רעשיקן טעמפּאָ גענומען ליקווידירן דעם גרעסטן טייל שטאָט=בריגאַדעס, כדי צוצוגרייטן די פאָרבאַדינגונגען ביים פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ קאַצעט**).

דאָס ארבעטן אין אַ בעסערער שטאָט=בריגאַדע איז, ווי געזאָגט, געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסער פּריווילעגיע, וואָס נאָר אַ קליינער טייל פון דער געטאָ=באַפעלקערונג איז צו דעם זוכה=געווען. אמת, ניט אַלע שטאָטישע בריגאַדעס זיינען אין דעם פּרט געווען פון זעלבן ווערט. ס'זיינען געווען גוטע בריגאַדעס, וווּ מ'פלעגט קענען „מאַכן אַ גוטן פּעקל“, ד. ה. זיך איינשאַפן לעבנסמיטל אויף גינסטיקע פרייזן. ס'זיינען אָבער אויך געווען זייער פיל בריגאַדעס, וועלכע זיינען געווען ווייט פון געטאָ און, חוצדעם, זיינען דאָרטן געווען זייער שווערע ארבעטס=באַדינגונגען אָדער קליינע מעגלעכקייטן זיך איינצושאַפן שפּייז=פּראָדוקטן.

*) ז. „פּראָבלעם פון פאַרווענדן די ייד. ארבעטס=קרעפטן“.

**) ז. „הכנות צו פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ קאַצעט פון סעפּאַראַטע ארבעטס=לאַגערן“.

אין די בעסערע אַרבעטס-בריגאַדעס פלעגן גיין אַרבעטן בעיקר די יעניקע פּריווילעגירטע געטאָ-יידן, וועלכע האָבן געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט די אָנפירנדיקע פערזאָנען פון געטאָ-אַפּאַראַט, אָדער זיי פלעגן פאַר זיי ברענגען פּראָדוקטן צו שטאָטישע פּרייזן. פאַרן פּשוטן געטאָ-ייד פלעגט זיין כמעט אוממעגלעך צוצוקומען צו אַ גוטער בריגאַדע. די מערהייט געטאָ-יידן פלעגט דעריבער אַרבעטן אין די געוויינלעכע שטאָט-בריגאַדעס, צווישן וועלכע ביט ווייניק האָבן כמעט מיט גאָרניט זיך אונטערשיידט פון די אַרבעטס-פּלעצער אויפן אַעראָדראָם.

אַז אין די געטאָ-מוסדות האָט געהערשט קאָרופּציע, פּראָטעקציאָניזם א. א. וו., איז שוין מערערע מאָל געזאָגט געוואָרן. אויך דאָס אַרבעטס-אַמט האָט אין דעם פּרט זייער שטאַרק געזינדיקט... ס'איז פאַר קיינעם ניט געווען קיין סוד, אַז מיט דער הילף פון שוחד אין דער אָדער יענער פאָרם פלעגט מען ביי די אָנפירנדיקע פונקציאָנערן פון אַרבעטס-אַמט קענען פיל דערגרייכן. אָט פאַרוואָס דער אומבאַמיטלטער געטאָ-ייד פלעגט זיך ניט קענען דערשלאָגן צו אַן אַרבעטס-פּלאַץ אין אַ גוטער בריגאַדע.

מחנות מענער און פרויען, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געאַרבעט אויף שלעכטע אַרבעטס-שטעלעס, פלעגן אין די נאָכמיטאָג-שעהן באַלאַגערן דאָס אַרבעטס-אַמט, זוכנדיק צו באַקומען אַ בעסערן אַרבעטס-פּלאַץ. פלעגט אָבער דער ייד ניט פאַרמאָגן קיין „וויטאַמין פּע"*), פלעגט ער זעלטן-ווען קענען דערגרייכן זיין פאַרלאַנג.

וועלנדיק דערמעגלעכן די יעניקע מענטשן, וועלכע אַרבעטן אין ניט קיין גוטע אַרבעטס-בריגאַדעס כאָטש איין מאָל מיטצוקומען אין אַ בעסערער בריגאַדע, כדי דאָרטן איינצוקויפן אַ ביסל שפּייז-פּראָדוקטן, פלעגט די שטאָט-בריגאַדעס-אָפּטיילונג אַרויסגעבן איינמאָליקע פּאַסיר-שיינען מיטצוגיין אין דער אָדער יענער בעסערער בריגאַדע. צו באַקומען אַזאַ פּאַסיר-שיין איז אויך ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. אגב, פלעגן אַזעלכע פּאַסיר-שיינען פון צייט-צו-צייט אויך באַקומען די יעניקע מענטשן, וועלכע פלעגן אַרבעטן אין די געטאָ-וואַרשטאַטן אָדער אין געטאָ-אַפּאַראַט, און פאַר זיי איז דאָס געווען דער איינציקער וועג זיך איינצושאַפן לעבנסמיטל צו ביליקערע פּרייזן.

כדי צו קאָמפּענסירן די יעניקע געטאָ-יידן, וועלכע האָבן אַ לענגערע צייט געהאַט געאַרבעט אויפן אַעראָדראָם, מיט אַן אַרבעטס-פּלאַץ אין אַ בעסערער בריגאַדע, האָט אַ געוויסע צייט אין אַרבעטס-אַמט עקזיסטירט אַן אומשיכטונגסקאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט אַלס אויפגאַבע אַריבערצופירן די אַרבעטער פון

*) אַזוי האָט מען אין געטאָ אָנגערופן דעם פּראָטעקציאָניזם. ז. געטאָ-פאָלקלאָר.

אעראָדראָם אין די שטאָטישע בריגאַדעס און פאַרקערט. אַזוי ווי אָבער ס׳רוב מענטשן פון די בעסערע שטאָט־בריגאַדעס פלעגן זיין פּראָטעזשירט מצד דעם אָדער יענעם „יעלה״ *), האָט די דאָזיקע אומשיכטונג קיין פּראַקטישן באַדייט ניט געהאַט, ווייל די בעסערע ארבעטס־בריגאַדעס זיינען געווען מאָנאָפּאָליזירט מצד די פּראָטעזשירטע עלעמענטן.

אין די יעניקע משפחות, וווּ ס׳זיינען געווען מערערע ארבעטס־פליכטיקע פערזאָנען, פלעגט דאס ארבעטס־אמט זיך מיען איינצוּשטעלן, אַז אַ טייל פון זיי זאָל ארבעטן אין בעסערע ארבעטס־פּלעצער, און די איבעריקע — אין ערגערע. אָבער אויך דער דאָזיקער יושר׳דיקער פּרינציפּ פלעגט זייער אָפט פאַרלעצט ווערן מצד די פּריווילעגירטע שיכטן.

פאַרשיידן זיינען געווען די שטאָט־בריגאַדעס ניט נאָר אין פּרט פון בעסערע אָדער ערגערע מעגלעכקייטן זיך איינצושאַפן שפּייז־פּראָדוקטן, פון לייכטערע אָדער שווערערע ארבעטס־פאַרהעלטענישן, פון גאָענטקייט אָדער ווייטקייט פון געטאָ א. א. וו., נאָר ס׳איז אויך געווען זייער וויכטיק, ביי וואָס פאַר אַן ארבעט די יידן פלעגן זיין באַשעפטיקט. איז עס געווען אַן ארבעט, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט שפּייז אָדער מיט פאַבריק־אויסארבעטונגען, פלעגן יידן שוין זען עס „צו באַארבעטן״, וויפיל און וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזן... אגב, וועט זיין אינ־טערעסאַנט צו באַמערקן, אַז בכלל גענומען, פלעגן די פרויען אין די בריגאַדעס זיין גרעסערע בריה׳עס, ווי די מענער, און אין זייער פיל געטאָ־משפחות זיינען די פרויען געווען די איינציקע חיונה־מאַכער.

די שטאָט־בריגאַדעס־אָפּט. פלעגט, ווי געזאָגט, אויך ארויסגעבן ארבעטס־קאַרטעס פאַר די ארבעטנדיקע אין די בריגאַדעס און אויך באַשטימען די ברי־גאַדירן.

די ארבעטס־קאַרטעס פלעגן ארויסגעגעבן ווערן אויף אַ טערמין פון איניקע חדשים. איטלעכע ארבעטס־שטעלע פלעגט באַצייכנט ווערן מיט אַ לויפנדיקן נומער, וואָס פלעגט מיט גרויסע ציפער אָפּגעשטעמפּלט ווערן אויף דער ארבעטס־קאַרטע, מ׳זאָל ביים געטאָ־טויער לייכט קענען דערקענען, ווו דער אייגנטימער פון דער ארבעטס־קאַרטע ארבעט. די גאַנצע פּראָצעדור פון אויספּאַרטיקן די ארבעטס־קאַרטעס**), זיי סיגנירן אין קאַדאסטער, אריינפירן אין די געהעריקע קאַרטאָטעקן א. א. וו. פלעגט פאַרלאַנגען אַ סך טעכנישע ארבעט.

וואָס איז שייך די בריגאַדירן מוז געזאָגט ווערן, אַז זיין אַ בריגאַדיר, בפרט אין אַ בעסערער ארבעטס־בריגאַדע, האָט געהייסן באַזיצן אַ מעגלעכקייט צו

*) געמיינט די העכערע פונקציאָנערן פון דער ייד. געטאָ־אדמיניסטראַציע.

**) אלץ פלעגט דאַרפן געמאַכט ווערן אויף אַ פּרימיטיוון אופן מיט דער האַנט.

זײַן מאַטעריעל גוט סיטואירט. די בריגאַדירן, ס'רוב ענערגישע יונגעלײַט, פלעגן די בריגאַדעס באַטראַכטן ווי אַ מקור צו ציען וואָס־מער פּערזענלעכן נוצן און ווי אַ מיטל צו מאַכן אַ גוטן לעבן. די בריגאַדירן פלעגן שטאַרק עקספּלאָאַטירן די בריגאַדע־מיטגלידער, בײַ וועמען זײ פלעגן קריגן אַ חלק פון זײערע געשעפטן אין בריגאַדע, אָדער זײ פלעגן זיך לאָזן גוט באַצאָלן מצד די יעניקע, וועלכע פלעגן וועלן האָבן פּריווילעגיעס בײַ דער אַרבעט א. א. וו.

פלעגט דער בריגאַדיר זײַן אַ שטילערער און ערלעכערער מענטש, פלעגט בײַ אים די בריגאַדע ניט קלאַפּן, און ער פלעגט פריער אָדער שפּעטער מוזן פאַרלאָזן זײַן פּאָסטן. זיך קלאָגן אין אַרבעטס־אַמט קעגן פאַרשײדענע ווילקירהאַנדלונגען מצד אַ בריגאַדיר, פלעגט אַ בריגאַדע־אַרבעטער זעלטן־ווען וואַגן, ווײַל די בריגאַדירן פלעגן פאַר אַזאַ „חוצפה“ אַזעלכע מענטשן אויף פאַרשײדענע אופנים זען בכלל צו באַזײַטיקן פון דער בריגאַדע. ס'זײַנען אָבער אויך געווען ניט ווייניק בריגאַדירן און קאָלאָנען־לײַטערס, וועלכע פלעגן זיך מיען באַהילפיק צו זײַן די מענטשן פון זײערע אַרבעטס־קאָמאַנדעס מיט וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען.

פון די בריגאַדירן און קאָלאָנען־לײַטערס, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט גרעסערע אַרבעטס־קאָמאַנדעס, דאַרפן דערמאָנט ווערן: אידלסאָן, בערקמאַן, בראַן, בלאַט, אינזש. בלומענטאַל, אינזש. גאָלדבערג, גליקמאַן, דר. גרינבערג, גאָרדאָן, וויניק, יאַסוואָין, אינזש. יעלין, כאַראַשטשענישאָק, לובעצקי, לוריע, ליפשיץ, לײַבזאָן, מזרח, אינזש. מיל, נחומזאָן, ניסנבוים, אינזש. סלאָנימסקי, פּיקערט, בריד. פרידמאַן, ציצעס, ציפּקין, ציפּין, קאָניוכאָווסקי, קאַרפּוס, אינזש. רײנעס, שאַבאַשעוויטש, אינזש. שאַכנאָווסקי; אינזש. שאָכאַט (אַלע דערלעבט די באַפרײַאונג); אַלטמאַן, אײלבערג, אָקס, בלומענטאַל, הירש, יעשורין, לינט, גאַפּטאַל, סראָלאָוויטש, פרענקעל, פרידמאַן, קאַגאַן, קלאָמפּוס, שטײן, שאַפּראַנסקי (אַלע אומגעקומען) א. א.

בראש פון דער שטאָט־בריגאַדעס־אָפּטײלונג איז לכתחילה געווען אַדוו. מ אַ ק אָ ו ו ס ק י (אומגעקומען בעת דער געטאָ־דעפּאָרטאַציע), דערנאָך אַדוו. ז אַ ק *) און שפּעטער־צו — אַדוו. ג. ג י ר ש אָ ו ו י ט ש (באַפרײַט געוואָרן אין דאַכאַוער קאַצעט). אַלס מיטאַרבעטער: ב. אָ ר ע ט ש ק י ן (באַקאַנטער רוסיש־יידישער זשורנאַליסט. איז אומגעבראַכט געוואָרן בעת דער „סטאַלינגראַדער אַקציע“); י. ג אַ ר (מחבר פונעם ספר. אַרויסגעשפּרונגען פון צוג בעת דער דעפּאָרטאַציע קיין דײַטשלאַנד און איז שפּעטער־צו באַפרײַט געוואָרן); דר. וו אָ ל ף (אַ דײַטשער ייד. אומגעקומען אין דאַכאַו); א. ס ט אַ ר אַ ו ו אָ ל ס ק י, ד. ט אַ מ ש ע,

*) ז. „געטאָ־געריכט“.

ש. בלאָך (אַלע אומגעקומען אין דאַכאַוער קאַצעט); פּרל. ריין (ווי אַ טובער־קוליאָז־קראַנקע פאַרכאַפּט געוואָרן בעת דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע); פּרל. ליפשיץ (באַפרייט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער) א. א.

אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג האָט אויך אַמטירט יאַצקאַן (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַוער קאַצעט), וואָס איז מצד ליפּצערן באַאויפטראַגט געוואָרן אויפצופּאַסן אויף דער טעטיקייט פון אַרבעטס־אַמט, בפרט פון דער שטאָט־בריגאַדעס־אָפּט.

## ה) פאַר־אָפּטיילונג

די פאַר־אָפּט. האָט געהאַט צו אָרדענען די רעקרוטירונג פון די בעלי־מלאכות אין די פאַרשיידענע אַרבעטס־שטעלעס אין שטאָט און אין געטאָ.

קיין זעלבסטשטענדיקע אָפּטיילונג, וואָס האָט געהאַט רעכט אַליין אַרויסצוגעבן אַרבעטס־קאַרטעס, איז די פאַר־אָפּט. ניט געווען. איר אויפגאַבע איז באַשטאַנען נאָר אין אָפּקלייבן די נויטיקע בעלי־מלאכות פאַר די כלערליי אַרבעטס־שטעלעס, און די באַטרעפנדיקע פאַכלייט־רשימות איבערגעבן אין די אַנדערע אָפּטיילונגען פון אַרבעטס־אַמט, ווי למשל, אין שטאָט־בריגאַדעס־אָפּט. (ווען די פאַכלייט זיינען געווען נויטיק אין אַ שטאָט־בריגאַדע), אין אַעראָדראָם־אָפּט. (ווען מ'האָט די פאַכלייט געדאַרפט אויפן אַעראָדראָם), אין די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן, אין די קליינע געטאָ־וואַרשטאַטן א. א. וו.

די דאָזיקע אָפּטיילונגען פלעגן שוין די פאַכלייט אַרויסגעבן זייערע קאַרטעס.

די פאַר־אָפּט. האָט פאַרמאָגט גענויע אויפשטעלונגען פון די פאַרשיידענע בעלי־מלאכות, און אירע פאַרנעשלאָגענע פאַכלייט פלעגן פאַר די איבעריקע אַרבעטס־אַמט־אָפּט. ווי אויך פאַר די וואַרשטאַטן זיין מאַסגיביק. אויך דאָ פלעגט אָנגיין פּראָטעקציאָניזם א. א. אומדערלאָזבאַרע האַנדלונגען, ווייל דאָס דאָזיקע „סיסטעם" איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר כמעט אַלע געטאָ־מוסדות.

אַחוץ די עכטע בעלי־מלאכות פון די פאַרמלחמה'דיקע צייטן, איז אין געטאָ אַנטשטאַנען אַ שיכט פון „געטאָ־בעלי־מלאכות", ד. ה. פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אומגעשיכטעט אַלס פאַכלייט. די דאָזיקע אומשיכטונג פלעגט ס'רוב פאָרקומען אויף אַזאַ אופן: נאָך אַ קורצער צייט אַרבעטן מיט אַן עכטן בעל־מלאכה, פלעגן די געוועזענע קרעמער, סוחרים, מענטשן פון פרייע בערופן א. א. וו. זיך אויסלערנען וויפיל־ניט־איז זעלבסטשטענדיק צו אַרבעטן, און זיי פלעגן דערנאָך שוין פיגורירן אַלס „אמתע" פאַכלייט. די דאָזיקע געטאָ־יידן האָבן ניט שלעכט זיך געהאַט אַריינגעפּאַסט ביי זייערע נייע בערופן, און זיי האָבן אויף די אַרבעטס־שטעלעס זייער אָפט אויסגענומען צוגלייך מיט די עכטע בעלי־מלאכות.

די פאַך־אָפּט. האָט חוצדעם זיך אויך מתעסק־געווען מיט דער פאַך־שול, ווו קינדער האָבן זיך געלערנט אַ מלאכה. ווען די אַלגעמיינע שולן זיינען סוף־זומער 1942 געוואָרן ליקווידירט, פלעגן אין דער פאַך־שול די תלמידים אומאָפּיציעל אויך באַקומען אַ ביסל אַלגעמיינע בילדונג. אַ וויכטיקע ראָלע האָט די פאַך־שול געשפּילט אין געטאָ־לעבן נאָך דער קינדער־אַקציע, ווען די אויסבאַהאַלטענע קינדער אין עלטער פון אַ יאר 8 ביז 12 האָבן אין דער פאַך־שול געהאט געפונען אַ מקום־מקלט און אַזוי ארום געקענט לעגאַליזירן זייער עקזיסטענץ*).

מיט דער פאַך־אָפּט. האָט אָנגעפירט אגר. י. אָ ל ײ ס ק י (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); אלס מיטארבעטער: אינזש. ש. ר אַ ט נ ע ר**), ש. פ ר ע נ ק ע ל, ג ר י נ ב ע ר ג (ביידע אומגעקומען אין דאַכאַוער קאַצעט) א. א.

אין דער פאַך־שול זיינען געווען טעטיק: אינזש. ס אַ ד אָ ו ו ס ק י (באַפרייט אין דאַכאַו); פ ע ל מ אַ ן (אומגעקומען בעת דער געטאָ־ליקווידאציע) א. א.

## ו) אָ פּ ט. פ א ר ג ע ט אָ ־ א ר ב ע ט

די יעניקע ארבעטס־פליכטיקע מענער און פרויען, וועלכע זיינען מחמת געזונט־צושטאַנד ניט געווען פעאיק צו ארבעטן ניט אין די שטאָטישע ארבעטס־פּלעצער, ניט אין די גרויסע אָדער קליינע געטאָ־ווארשטאטן, פלעגן מצד דער מעדיצינישער קאָמיסיע באַשטימט ווערן צו ארבעטן לייכטערע ארבעט אין געטאָ גופא, ווי אַ שטייגער, באַדינען די געז. מוסדות, אויפהאַלטן די זויבערקייט אין די עפנטלעכע פלעצער א. א. וו. די דאָזיקע קאַטעגאָריע ארבעטער האָט געהייסן „געטאָ־ארבעטער“.

די געטאָ־ארבעטער פלעגן ארבעטן 4—5 שעה א טאָג, און די שווערערע קראַנקע פלעגן ארבעטן ניט מער, ווי עטלעכע טעג אַ וואָך. ביי דער ארבעט פלעגן זיי ניט האָבן אויף זיך קיין צו שטרענגן רעזשים, און די ארבעט פלעגט זיי צו פיל ניט אָנשטרענגען. חוצדעם פלעגן זיי זייער לייכט קענען באַקומען אין דער מעדיצינישער קאָמיסיע אורלויבן. אָט פארוואָס זיי האָבן אין פרט פון צוואַנגס־ארבעט ניט געהאט, אויף וואָס זיך צו קלאָגן.

אין געקעס צייטן האָבן די געטאָ־ארבעטער נעדארפט, אחוץ די ייד. מוסדות, טיילווייז אויך באַדינען די לאַגער־קאָמענדאַנטור, וואָס האָט געהאט איר קוואַרטיר הארט לעבן געטאָ.

מ'מוז מודה־זיין, אַז דורכן דערמעגלעכן די שווערע חולאים צו זיין באַשעפטיקט ביי לייכטערע ארבעטן אין געטאָ גופא, האָט דאס ייד. ארבעטס־אמט געהאט

---

*) וועגן דער פאַך־שול — ז. „שול־אמט“.

**) ז. „פערזאָנען, וואָס האָבן זיך מתעסק־געווען מיט דער פּאַרטיזאנער־באַוועגונג“.

געטאָ אַ גוטע זאַך: ערשטנס, האָבן די דאָזיקע אומגליקלעכע געקענט לייכטער אַדורכטראָגן דעם יאָך פון צוואַנגס־אַרבעט און, צווייטנס, פלעגט פאַר אַזעלכע מענטשן די אַרבעטס־קאַרטע זיין אַ שטיקל דערמוטיקונג, אַז אויך זיי, די חולאים, זיינען ניט קיין „אומנוציקע“ יידן — די ערשטע קרבנות ביי פאַרשיידענע גזירות און פורעניות.

אָנגעפירט מיט די געטאָ־אַרבעטער האָט ב. ראַבינאָוויטש (אומגעקומען אין געטאָ בעת דער ליקווידאַציע). פון די מיטאַרבעטער דאַרף מען דערמאָנען: דאַווידאָוויטש (אַן אינוואַליד. אומגעקומען בעת דער געטאָ־דעפּאָרטאַציע); ציגדלער (בעת דער קינדער־אַקציע אין פאַלעמאָנער אַרבעטס־לאַגער איז ער מיט דער פרוי פרייוויליק אַוועק צוזאַמען מיט זייערע קינדער) א. א.

## ז) מעדיציניש אָפּטיילונג

די מעדיציניש אָפּט. ביים אַרבעטס־אַמט איז, אייגנטלעך, געווען אַ מעדיציניש קאָמיסיע, אין וועמענס קאָמפּעטענץ ס׳זיינען אַריינגעגאַנגען פאָלגנדיקע פונקציעס: ערשטנס, געבן די אַרבעטס־פליכטיקע פערזאָנען מעדיצינישע הילף און אורלויבן אינדערצייט פון זייער קראַנקייט; צווייטנס, פעסטשטעלן, ווער פון די אַרבעטס־פליכטיקע קען צוליבן אָפּגעשוואַכטן געזונט־צושטאַנד ניט אַרבעטן קיין פולע אַרבעטס־וואָך, טאָר ניט אַרבעטן קיין צו שווערע פיזישע אַרבעט אין אַ שטאָטישער אַרבעטס־שטעלע און מוז דעריבער אַרבעטן נאָר לייכטערע אַרבעט אין געטאָ גופא; דריטנס, די שווער־קראַנקע, וועלכע ליידן פון ערנסטע כראָנישע קראַנקייטן, בכלל באַפרייען פון דער אַרבעטס־פליכט א. א. וו.

צוליב די אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען און שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט איז די צאָל דערקראַנקונגען געווען אויסערגעוויינלעך גרויס, און די מעדיצינישע קאָמיסיע האָט געהאַט ניט ווייניק צו טאָן. בפרט איז זי געווען באַלאַ־גערט מיט אַרבעט ווינטער 1941—42, ווען צוליבן הונגער, קעלט און עבודת־פרך אויפן אַעראָדראָם איז דער געזונט־צושטאַנד פון דער געטאָ־באַפעלקערונג געווען שטאַרק פאַרערגערט.

די מעדיצינישע קאָמיסיע האָט, בכלל גענומען, געהאַט פאַר זיך אַ שווערע און אומדאַנקבאַרע אויפגאַבע: פון איין זייט, האָט זי געדאַרפט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַרבעטס־אַמט, צו וועמען זי האָט אָנגעהערט, און דעריבער זיין קאַרג מיט אורלויבן פאַר די קראַנקע, צופיל חולאים ניט באַפרייען פון דער אַרבעטס־פליכט א. א. וו. פון דער צווייטער זייט, זיינען אָבער אין געטאָ געווען אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן געפּטרט זייערע כוחות ביי די אוממענטשלעכע צוואַנגס־אַרבעטן, און די דאָזיקע קאָמיסיע האָט פון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט

געדראפט נעמען אין שוץ די קרבנות פון קאַטאַרזשנער ארבעט און ווי ווייט מעגלעך פארלייכטערן זייער גורל.

היות אָבער די מעדיצינישע קאָמיסיע פלעגט זיך מיען מער צו פארטרעטן די אינטערעסן פון ארבעטס־אמט, ווי פון די ארבעטנדיקע, איז זי ניט געווען צו שטארק באַליבט ביי דער ארבעטנדיקער געטאָ־באפעלקערונג. די מערהייט אר־בעטס־פליכטיקע געטאָ־יידן פלעגט צו דער מעדיצינישער קאָמיסיע זיך באַציען מיט דער זעלבער קריטישער איינשטעלונג, ווי אַ שטייגער, צו דער מאָביליזאציע־און שטראָף־אָפּט., ווייל ניט אלעמאָל פלעגט דאָרט דער קראנקער און פיזיש־אָפּגעשוואַכטער געטאָ־ייד געפינען די נויטיקע פארשטענדעניש פאר זיין געזונט־צושטאנד.

ווען אַן ארבעטס־פליכטיקער פלעגט צוליב זיין אָפּגעשוואַכטן געזונט־צו־שטאנד ניט זיין ביכולת צו אַרבעטן קיין פולע ארבעטס־וואָך, פלעגט די מעדי־צינישע קאָמיסיע באַשטימען, וויפיל טעג אין וואָך דער קראנקער איז יאָ ארבעטס־פליכטיק. אויף דער ארבעטס־קארטע פון אַזאַ מענטשן פלעגט זיין אָנגעוויזן, וועלכע טעג אין וואָך ער איז ארבעטס־פליכטיק. אין די איבעריקע טעג פון וואָך פלעגט ער בלייבן אינדערהיים.

אַזוי ווי די ארבעט אויפן אעראָדראָם איז אין אלגעמיין געווען די סאַמע שווערסטע פון אלע ארבעטן, ביי וועלכע געטאָ־יידן האָבן געארבעט, און אין די שטאָט־בריגאדעס זיינען געווען, לפי־ערך, לייכטערע ארבעטס־באַדינגונגען, פלעגט די מעדיצינישע קאָמיסיע באשטימען, צי דער ארבעטס־פליכטיקער, וועלכער ליידט פון אַ כראָנישער קראנקייט, קען ווייטער ארבעטן אויפן אעראָדראָם, אָדער ער מוז אריבערגעפירט ווערן אויף ארבעט אין אַ לייכטערער שטאָט־בריגאדע.

די שווערע חולאים פלעגן דורך דער מעדיצינישער קאָמיסיע באשטימט ווערן צו ארבעטן אין געטאָ גופא אלס געטאָ־ארבעטער.

אין פרט פון ארבעט איז עס געווען, ווי געזען, אַ גאַר גרויסע פארלייכטערונג.

די אומהיילבארע קראנקע פלעגן דורך דער מעדיצינישער קאָמיסיע בכלל באַפרייט ווערן פון דער ארבעטס־פליכט. ווער פון די דאָזיקע שווער־קראנקע ס'האָט נאָר געקענט, פלעגט אָבער אליין מותר־זיין אויף דער פולשטענדיקער באפרייאונג פון דער ארבעטס־פליכט, כדי ניט צו פיגורירן צווישן די אינוואַלידן פון געטאָ און מחמת דעם זיין אָנגעוויזן אויף דער סכנה אַלס „באַלאַסט" פאַרן געטאָ פאַר־כאַפּט צו ווערן בעת אַ פארניכטונגס־אַקציע. ס'רוב פון די דאָזיקע חולאים פלעגט בעסער איינשטימען צו גיין אַרבעטן אין געטאָ גופא, אבי צו האָבן ביי זיך אַן אר־בעטס־קאַרטע, זאָל זיין כאָטש פון אַ געטאָ־אַרבעטער.



געבײַדע פון עלטעסטן־ראַט א.א. וויכטיקע יידישע געטאָ־מוסדות אויף וואַרניו גאַס 49. אויפן צוים
אַרום הויז — באַפעלן און באַקאַנטמאַכונגען צו דער געטאָ־באַפעלקערונג




אַ געטאָ־פּאַס, אַרויסגעגעבן דורך דער ייד. געטאָ־פּאָליציי
אויף דער אַנדער זייט: פּאָליציייִשע איינמעלדונגען א.א. אָפּצייכענונגען

אַלע באַשטימונגען מצד דער מעדיצינישער קאָמיסיע, ווי אַ שטייגער, אור־לויבן, ענדערונגען אין דער וועכנטלעכער צאָל אַרבעטס־טעג פונעם אַרבעטס־פליכטיקן א. א. וו. פלעגן, ווי געזאָגט, אַריבערגעשיקט ווערן אין קאַדאַסטער־אָפּט., כדי די דאָזיקע באַשטימונגען זאָל ווערן אָפּגעמערקט אין די קאַדאַסטער־ביכער.

ניט געקוקט אויף אַלע נעגאַטיווע מאָמענטן אין דער טעטיקייט פון דער מעדיצינישער קאָמיסיע, האָט זי דאָך אויסגעפירט אַ מער־ווייניקער פּאָזיטיווע ראָלע אויפן געביט פון שיצן דאָס געזונט פון דער אַרבעטנדיקער געטאָ־באַפעלקערונג, וואָס האָט ביי דער צוואַנגס־אַרבעט אָוועקגעפּטרט די פיזישע כוחות.

אין דער מעדיצינישער קאָמיסיע זיינען געווען טעטיק פאָלגנדיקע דאָקטוירים: דר. נ אָ כ ו מ אָ וו ס ק י, דר. וו י נ ד ס ב ע ר ג (ביידע באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); דר. ג י ל ד ע, דר. פ ר י ד מ אַ ן, דר. ל ע וו י ט אַ ן (אַלע אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ) א. א.

אַחוץ דער אויבנדערמאָנטער מעדיצינישער קאָמיסיע איז ביים אַרבעטס־אַמט אויך געווען טעטיק אַ סאַניטעט־דינסט, וואָס פלעגט זיך באַשעפטיקן מיט אָרגאַניזירן מעדיצינישע פּונקטן אויף די אַרבעטס־שטעלעס, ווי למשל, אויפן עראָדראָם און אין די גרעסערע אַרבעטס־בריגאַדעס אין שטאָט. אין אַזאַ גרעסערער אַרבעטס־שטעלע פלעגט צוזאַמען מיט די אַרבעטנדיקע שטענדיק מיטגיין אַ דאָקטאָר, כדי צו געבן מעדיצינישע הילף בעת אַן אומגליקספאַל א. א. וו. בראש פון סאַניטעט־דינסט זיינען געשטאַנען: דר. ג אָ ל ד ב ע ר ג (באַפרייט געוואָרן דורכן אַוועקגיין פון געטאָ); דר. ח. פ י נ ק ע ל ש ט י י ן (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו) א. א.

## ח) אָפּט. פאַר סאָציאַלער הילף

הגם אין געטאָ איז געווען אַ סאָציאַלער אַמט, וואָס האָט געהאַט צו אָרדנען די פראַגע פון סאָציאַלער הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע עלעמענטן, איז אויך ביים אַרבעטס־אַמט געווען אַ ספּעציעלע אָפּט. פאַר סאָציאַלער הילף. אינדערצייט, ווען דאָס סאָציאַל־אַמט האָט געהאַט צו העלפן אַלע אומבאַמיטלטע געטאָ־יידן, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי זיי אַרבעטן יאָ אָדער ניט, האָט די סאָציאַלע אָפּטיילונג ביים אַרבעטס־אַמט געזאָרגט נאָר וועגן די אומבאַמיטלטע אַרבעטס־פליכטיקע, בפרט וועגן די נויטבאַדערפטיקע עראָדראָם־אַרבעטער.

ס'איז שוין מערערע מאָל באַטאָנט געוואָרן, אַז אויפן עראָדראָם האָבן בעיקר געאַרבעט די אומבאַמיטלטע געטאָ־יידן. חוצדעם, וואָס זיי זיינען געווען באַשעפטיקט ביי זייער שווערע אַרבעטן, איז זייער מאַטעריעלע לאַגע געווען אַ קלאָגעדיקע. פאַר די דאָזיקע מענטשן פלעגט די סאָציאַלע אָפּטיילונג ביים

אַרבעטס־אַמט זען צו פֿאַרשאַפֿן אַ שטיקל בגד, אַ פּאָר האָלץ־שיך, אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן, אַ בינטל האָלץ א. א. וו.

קיין גרעסערע ממשות'דיקע אויפֿטוען האָט די סאָציאַלע אָפּטיילונג ניט געלייסטעט, ווייל אירע רעסורסן זיינען געווען באַגרענעצטע. די דאָזיקע אָפּט. פֿלעגט זיך אויך פֿאַרנעמען מיטן אויספֿועלן שטיצע פֿאַר די נויטבאַדערפֿטיקע אַרבעטס־מענטשן מצד דעם אַלגעמיינעם סאָציאַלן אַמט, וועמענס מעגלעכקייטן אויפֿן געביט פֿון סאָציאַלער הילף זיינען געווען פֿיל גרעסערע, ווי אירע אייגענע.

ווען די עקאָנאָמישע לאַגע אין געטאָ האָט, בשייכות מיטן וווּקס פֿון דער צאָל ייד. אַרבעטער אין די שטאָט־בריגאַדעס אויפֿן חשבון פֿון דער ייד. אַרבעט אויפֿן אַעראָדראָם, גענומען ווערן אַליץ מער סטאַבילער, איז דער באַדייט פֿון סאָציאַלער הילף אין געטאָ־לעבן שטאַרק געפֿאַלן. די מעגלעכקייטן זיך אַדורכצושלאָגן מיט דער חיונה זיינען דאַן געוואָרן שטאַרק פֿאַרגרעסערט, און דאָס האָט גורם־געווען אַ פֿאַרקלענערונג פֿון דער צאָל מענטשן, אָנגעוויזענע אויף תמיכה. ווען מ'האָט אָנגעהויבן אַריבערצופֿירן יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן, איז ווידער־אַמאָל אַקטואַליזירט געוואָרן די פֿראַגע פֿון סאָציאַלער אונטערשטיצונג פֿאַר די נויטבאַדערפֿטיקע לאַגער־יידן.

אַלע באַשטעלונגען מצד דער סאָציאַלער אָפּט. ביים אַרבעטס־אַמט־פֿלעגן אויסגעפֿאַרטיקט ווערן אין די קליינע געטאָ־וואַרשטאַטן, וואָס האָבן אויסשליסלעך געאַרבעט פֿאַר דער באַפֿעלקערונג אין געטאָ און אין די לאַגערן.

אָנגעפֿירט מיט דער אָפּט. פֿאַר סאָציאַלער הילף האָבן: איגנש. באַרנמאַן (געוו. וויצע־לייטער פֿון אַרבעטס־אַמט) און נ. מאַרקאָווסקי (פֿריער געווען אין אַנדערע אַרבעטס־אַמט־אָפּט., שפּעטער־צו אַריבערגעפֿירט געוואָרן אין די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן).

## ט) געטאָ־טויערן

דער פֿאַרקער צווישן געטאָ און דער אויסערלעכער וועלט פֿלעגט פֿאַרקומען דורך ספּעציעל־אויפֿגעבויטע געטאָ־טויערן. לכתחילה זיינען געווען צוויי געטאָ־טויערן: איינער אין ראַיאָן פֿון אַלטן טייל סלאָבאָדקע (ווינקל קריקשטשוקאַיטשיאָ און איירעגאָלער גאַסן), און דער צווייטער אינעם נייעם ראַיאָן פֿון סלאָבאָדקער פֿאָרשטאָט (ווינקל וואַרניו און פּאַנעריו גאַסן). דער הויפּט־פֿאַרקער פֿלעגט אָבער פֿאַרקומען דורכן ערשטן געטאָ־טויער. זינט דעצעמבער 1943, ווען יידן האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דעם ראַיאָן פֿון אַלט־סלאָבאָדקע, איז דער פֿאַרקער צווישן געטאָ און שטאָט פֿאָרגעקומען נאָר דורכן טויער אויף וואַרניו גאַס.

אחוץ די גרויסע געטאָ=טויערן, האָט דאס געטאָ אין די ערשטע יארן אויך פאַרמאגט אַ פּאָר קלענערע אַרויסגענג צו דער „פרייער“ וועלט. מיט די דאָזיקע „טויערלעך“ פלעגן זיך באַנוצן די פּאָסטנס מצד דער געטאָ=באַוואַכונג און אויך איינצלנע ייד. אַרבעטס=בריגאַדעס, וואָס האָבן געאַרבעט בשכנות פון די קליינע אַרויסגענג. אינעם אַלגעמיינעם פאַרקער צווישן געטאָ און שטאט האָבן אָט די קליינע טויערלעך קיין קענטיקן ארט ניט פאַרנומען.

ביי די געטאָ=טויערן פלעגן שטענדיק שטיין וואַך=פּאָסטנס מצד דער געטאָ=באַוואַכונג. במשך דעם 3=יאָריקן געטאָ=קיום האָבן אַרום געטאָ=צוים און אויך ביי די געטאָ=טויערן געהאַט געהאַלטן וואַך: דייטשע פּאָליציסטן, נ.ס.ק.ק.=לייט, ליטווישע פאַרטיזאַנער און פּאָליציסטן, אונגאַרישע ס.ס.=לייט. און גאר צום סוף, בעת דער געטאָ=ליקווידאַציע, לעטישע ס.ס.=מענער צוזאַמען מיט געשטאַפּאָ=לייט. איטלעכע געטאָ=באַוואַכונג האָט זיך געהאַט אירע „אַרבעטס=מעטאָדן“, וואָס האָבן אין טאג=טעגלעכן לעבן פונעם געטאָ=ייד געהאַט א ביז=גאר גרויסע באַדייטונג.

צוזאַמען מיט די פּאָסטנס פון דער געטאָ=באַוואַכונג *) פלעגן ביי די געטאָ=טויערן אויך זיין פארטראטן פונקציאָנערן פון דער ייד. געטאָ=פּאָליציי און פון אַרבעטס=אַמט. אָפיציעל איז די פליכט פון די ייד. פּאָליציסטן און פון די אַרבעטס=אַמט=אָנגעשטעלטע געווען באַהילפיק=צו=זיין ביים אַרויסלאָזן אינדערפרי די ייד. אַרבעטער אין שטאט צו דער אַרבעט און פאַרנאַכט — ביי זייער צוריקקער פון שטאט אין געטאָ. פּאַקטיש האָבן זיי אָבער, ווי מיר וועלן זען, חוצדעם אויך אויסגעפירט גאַנץ אַנדערע פונקציעס.

אויפן אעראָדראָם און אין די פאַרשיידענע שטאט=בריגאַדעס האָבן געהאַט געאַרבעט אַ זעקס=זיבן טויזנט ייד. מענער און פרויען. שוין אַזייגער 5 פארטאג פלעגן די אַרבעטנדיקע אין שטאט זיך נעמען קלייבן אויפן זאַמל=פּלאַץ ביים געטאָ=טויער, זיך גרופּירנדיק לויט די באַזונדערע בריגאַדעס אין שטאט און לויט די קאָלאָנעס אויפן אעראָדראָם. אין די דאָזיקע שעה׳ן פלעגן נעמען אָנקומען צום געטאָ=טויער פארשטייער פון די אַרבעטס=שטעלעס צוזאַמען מיט מיליטער=פּאָסטנס, כדי אָפּצופירן די יידן צו דער אַרבעט.

דער אָפּמאַרש פון די אַרבעטנדיקע, וועלכע האָבן געהאַט געאַרבעט אין צענדליקער פאַרשיידענע אַרבעטס=פלעצער, פלעגט מוזן פאָרקומען לערך אין אַ שעה צייט. דאָס האָט געפאָדערט מצד די ייד. פונקציאָנערן ביים געטאָ=טויער אַ סך אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט: אויסשטעלן די מענטשן אין רייען, גרופּירט לויט זייערע אַרבעטס=שטעלעס, ציילן די מענטשן פאַרן דורכגיין דעם געטאָ=טויער, כדי צו קענען צושטעלן די מאַכט=אָרגאַנען דעם טעגלעכן באַריכט פון דער צאל אר=

*) אַחוץ דער תקופה פון דעפּאָרטאַציע און ליקווידאַציע פון געטאָ.

בעטנדיקע געטאָ־יידן און על־כּולם — זען אויף אַן אָרט צו רעקרוטירן די כמעט טאָג־איין, טאָג־אויס פעלנדיקע צאָל מענטשן פאַרן אַראָדראָם א. א. שווערע אַרבעטס־שטעלעס. דאָס אַלץ האָבן געהאַט צו אָרדנען די ייד. באַאַמטע פון געטאָ־טויער.

ווי עכטע שקלאַפן פלעגן די יידן מיט אָנטבלויזטע קעפּ מוזן אין גרויס איי־לעניש אַדורכגיין דאָס געטאָ־טויער. דערבײַ פלעגן די נאַציס לאָזן פאַלן אויפן אַדרעס פון די יידן ניט נאָר זידל־ווערטער און באַליידיקנדיקע אויסדרוקן פונעם היטלערישן לעקסיקאָן, נאָר ניט זעלטן פלעגן זיי אויך ייד: גופים לאָזן אין גאַנג זייערע נאַגייקעס, זייערע ביקסן־פריקלאַדן א. א. וו.

אָבער ניט נאָר די נאַציס אַליין האָבן בײַם געטאָ־טויער געהאַט געוויזן זייער אכזריות'דיקע באַנעמונג מיט די יידן. צו אונדזער גרויסער חרפּה מוז מען קאָנ־סטאַטירן, אַז אויך איניקע העברעע ייד. געטאָ־באַאַמטע, ווי אַ שטייגער, דער שעף פון די ייד. פּאָליציסטן בײַם געטאָ־טויער ט. אַ ר נ ש ט אַ ם, דער לייטער פון מאָביליזאַציע־און שטראָף־אָפּט. פּ. מ אַ ר ג אָ ל י ס, דער לייטער פון אַראָדראָם־אָפּט. וו. ל ו ר י ע א. א. פלעגן זייער אָפט ווייזן די דייטשן, אַז אויך זיי קענען זיין שטרענג לגבי די יידן...

די דאָזיקע מנוול'דיקע האַנדלונג מצד די ייד. „געטאָ־מאַכטהאָבער“ האָט די יידן פיל־מער וויי־געטאָן, ווי די ברוטאַלע באַנעמונג צו זיי מצד די נאַציס. די שענדלעכע סצענעס, ווי אַזוי איין ייד מיט געלע לאַטעס שלאָגט אָדער זידלט אַ צווייטן ייד, אויך מיט געלע לאַטעס, פלעגן מאַכן אַ דערשיטערנדיקן און פיינ־לעכן איינדרוק, און זיי פלעגן אַן איבעריקן מאָל אילוסטרירן, די אויסערסט־שפלדיקע לאַגע פונעם פשוטן געטאָ־ייד.

פאַרנאַכט, ווען ס'פלעגן נעמען צוריקקערן אין געטאָ די ייד. אַרבעטנדיקע אין שטאָט, פלעגט בײַם געטאָ־טויער ווידער ווערן דער אמתער יריד. ערשטנס, פלעגט מען דאַרפן ציילן די צוריקגעקערטע יידן פון דער אַרבעט, צי עמיצער פון זיי איז ניט געבליבן אין שטאָט; צווייטנס, פלעגט דאָן פאָרקומען אַ קאָנטראָל, צי יידן טראָגן ניט אַריין אין געטאָ קיין ראַציאָנירטע שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן אויף אַן אומלעגאַלן אופן־זיך איינגעשאַפט בײַ דער אַרבעט. די קאָנטראָליארן פלעגן ס'רוב זיין דייטשע פּאָסטנס פון דער געטאָ־באַוואַכונג *), און די קאָנפיס־קירטע פּראָדוקטן פלעגן אַריבערגיין אין זייער רשות.

די ייד. פונקציאָנערן בײַ די געטאָ־טויערן זיינען געווען זייער ענערגישע יונגעלייט, און זיי פלעגן אפילו מיט די שטרענגסטע קאָנטראָליארן איינשטעלן

*) אַ לענגערע צייט זיינען דערבײַ אויך געווען באַשעפטיקט ליטווישע פּאָליציסטן אָדער פּאַרטיזאַנער.

אַזעלכע קאָמערציעלע באַציאונגען, אַז פאַרן פּרייז פון אויסקויף־געלט זאָלן ייִדן קענען בשלום אַריינטראָגן זייערע איינגעקויפטע פּראָדוקטן. אַן ענלעכע לאַגע פלעגט אויך זיין אינדערפרי, ווען גייענדיק צו דער אַרבעט פלעגן ייִדן אַרויס־טראָגן פון געטאָ פאַרשיידענע קענגשטאַנדן צו רעאַליזירן אין שטאָט ביי קריסטן. אויך דאָן פלעגט נויטיק זיין, אַז די פּאָסטנס ביים געטאָ־טויער זאָלן ניט רעווידירן די ייִדן, וועלכע זיינען „טריף״...

די דאָזיקע ייִד. באַאַמטע, וועלכע פלעגן פאַרמיטלען מיט די פּאָסטנס פון געטאָ־טויער, פלעגן פון אָט די איינגאַרטיקע „טראַנזאַקציעס״ מאַכן גלענצנ־דיקע געשעפטן. אייניקע פון זיי זיינען טאַקע דערפון נתעשר־געוואָרן און האָבן געהאַט געלעבט אין אַזאַ מאַטעריעלן וווילשטאַנד, וואָס זיי האָבן געווים קיינמאָל אַפילו אין חלום ניט געהאַט געזען... פאַרן געטאָ איז אָבער זייער פאַרמיטלע־רישע טעטיקייט מיט די פּאָסטנס פון געטאָ־טויער געווען אַ זייער נוציקע, ווייל אַדאַנק דעם האָבן טויזנטער ייִדן טאָג־טעגלעך געקענט אַריינטראָגן אין געטאָ שפּייז־פּראָדוקטן. דאָס געטאָ איז דעריבער ניט געווען אַנגעוויזן אויף דער הונגער־ראַציאָן פון דער אָפיציעלער פאַרפלעגונג פאַר דער ייִד. באַפעלקערונג.

אמת, אַ היפּשער סכום שפּייז־פּראָדוקטן פלעגט דאָך טאָג־איין, טאָג־אויס קאָנפיסקירט ווערן ביים געטאָ־טויער, אָבער לגבי דעם סכום אַריינגעטראָגענע פּראָדוקטן איז עס, פאַרהעלטנישמעסיק, געווען ניט צו גרויס. שלעכט פלעגט זיין אין דעם פאַל, ווען צום געטאָ־טויער פלעגט בעת דער קאָנטראָל פּלוצלונג אָנקומען אַ פאַרשטייער פון שטאָט־קאָמיסאַריאַט אָדער פון געשטאַפּאָ, און די קאָנטראָ־ליאָרן פלעגן מוזן אַרויסווייזן זייער שטרענגקייט. דאַן פלעגט מען ניט נאָר קאָנ־פיסקירן די פּראָדוקטן, נאָר די שולדיקע פלעגן ווערן באַשטראָפט מיט שמיץ, מיט תפיסה א. א. וו. דאָס האָט אָבער קיינעם ניט אָפּגעשראָקן אויף מאָרגן ווידער אַריינצוטראָגן אין געטאָ איינגעקויפטע לעבנסמיטל.

ווען אין געטאָ איז אַנטשטאַנען די באַוועגונג ביי דער יוגנט אַוועקצוגיין צו די פּאַרטיזאַנער, האָבן די ייִד. פונקציאָנערן ביים געטאָ־טויער זייער פיל מיטגע־האָלפן ביים אַרויסשיקן די מענטשן פון געטאָ, ביים אַריינטראָגן אין געטאָ געווער א. א. וו. דורך פאַרשיידענע איינפאַלן פלעגן זיי די פּאָסטנס פאַרדרייען די קעפּ, און ס'איז אין דעם פּרט קיינמאָל ניט געקומען צו קיין דורכפאַל. אויך דאָס אַרויס־טראָגן די קינדער פון געטאָ און זיי אָפּגעבן צו קריסטלעכע משפחות אין שטאָט אָדער אין דאָרף וואָלט כמעט ניט מעגלעך געווען אָן דער פאַרמיטלונג פון די ייִדן, וואָס האָבן געאַרבעט ביים געטאָ־טויער.

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דאָס געטאָ=טויער האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין לעבן פונעם געטאָ=ייד, און פאַרוואָס עס האָט פאַרנומען אַזאַ קענטיקן ארט אין דער פאָלקלאָר=שאַפונג פון געטאָ. טאַקע דערפאַר זיינען די פאָלקס=לידער און פאָלקס=ווערטלעך וועגן געטאָ=טויער געווען זייער פּאָפּולער ביי דער געטאָ=באַפעלקערונג.

מצד דעם אַרבעטס=אַמט האָט מיט דער אַרבעט ביי די געטאָ=טויערן אנגע=פירט: נ אַ ט ק י ן (אַ דייטשער ייד. באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו) און י א נ ק ל ו ע ר ב אָ ו ו ס ק י (ער איז געווען דער „רוח=החיים“ פון די ייד. פונקציאָנערן ביים געטאָ=טויער און האָט דאָרט געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע ביי די אַלע אויבנדערמאָנטע ענינים. האָט זיך געראַטעוועט אין אַ מאַלינע אין די טעג פון דער דעפּאָרטאַציע); אחוץ זיי זיינען געווען טעטיק: י. ט אַ ר ק אָ (א פּוילישער ייד. פריי געוואָרן אין דאַכאַו); ש. ש ו ו אַ ר ץ (אומגעקומען בעת דער געטאָ=ליקווידאַציע); ז. ש אַ ל י ט א ן (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); י. ל ו ר י ע (אומגעקומען אין געטאָ בעת דער ליקווידאַציע) א. א.

אַלס שעף פון די ייד. פּאָליציסטן ביי די געטאָ=טויערן איז געווען א ר נ=ש ט אַ ם.*) אַלע אַנדערע העכערע פּאָליציי=פונקציאָנערן ביי די געטאָ=טויערן ווי אַ ר אַ נ אָ ו ו ס ק י, כ ו ו אָ ל ע ס, ז ש ו פּ אָ ו ו י ט ש א. א. זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן 9=טן פארט בעתן אַרעסט פון דער געטאָ=פּאָליציי. אַ לענגערע צייט זיינען ביי די געטאָ=טויערן געווען טעטיק אַלס פּאָליציסטן: אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אָ=ו י ט ש (פריי געוואָרן אין דאַכאַו); פּ ע ר ק ו ל (באַפרייט געוואָרן דורכן אַוועקגיין פון געטאָ); א י ס ע ר ל י ס (אומגעקומען ביי אַ קריסט אין פּראָווינץ); ל ע=ו ע נ ש ט י י ן (פריי געוואָרן אין דאַכאַו. אַלס קאַפּאָ זייער שלעכט זיך באַגאַנגען מיט די קאַצעטלער); ס ל אָ נ י מ ס ק י (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו) און פיל אַנדערע.

* *
*

נאָכן אַדורכפירן א קווערשניט פון דער סטרוקטור און גרונט=טעטיקייט פון די באַזונדערע אַרבעטס=אַמט=אָפּט. איז נויטיק צוצוגעבן, אַז אין דער אַנטוויק=לונגס=געשיכטע פונעם ייד. אַרבעטס=אַמט **) דאַרפן מען אונטערשיידן פאָלגנ=דיקע עטאַפּן:

א) זינט דער גרינדונג פון געטאָ אין אויגוסט 1941 ביזן ערב=פרילינג 1942 פלעגט דאס ייד. אַרבעטס=אַמט די אויפטראַגן צושטעלן ייד. אַרבעטס=קרעפטן

*) ז. „גרינדונג פון „אָרדנונג=דינסט“.
**) אָפיציעל געהייסן:
Jüdische Arbeitseinsatzstelle Gheto-Gemeinde Vilijampole

באַקומען מצד דעם דײַטשן אַרבעטס=אַמט אין קאָוונע דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון רעפֿערענטור פֿאַר געטאָ=ענינים בײַם שטאָט=קאָמיסאַריאַט.

ב) נאָכדעם, ווי אין פֿרילינג 1942 איז אין געטאָ געגרינדעט געוואָרן אַ פֿיליאַלע פֿון דײַטשן אַרבעטס=אַמט אין קאָוונע, פֿלעגט דאָס ייִד. אַרבעטס=אַמט די באַשטעלונגען אויף ייִד. אַרבעטס=כּוחות באַקומען דירעקט פֿונעם דײַטשן אַרבעטס=אַמט אין געטאָ.

דאָס דײַטשע אַרבעטס=אַמט אין געטאָ פֿלעגט דעם ייִד. אַרבעטס=אַמט געבן נאָר די אַלגעמיינע אויפֿטראָגן צוצושטעלן אַרבעטס=קרעפֿטן. די נאָמינעלע באַ=שטימונגען און דאָס אַרויסגעבן אַרבעטס=קאַרטעס האָבן געהערט צו דער קאָמפּעטענץ פֿונעם ייִד. אַרבעטס=אַמט. אַזאַ מצב האָט אָנגעהאַלטן ביזן האַרבסט 1943, ווען דאָס געטאָ איז אַרויס פֿון דער אַפּוטרופּסות פֿון שטאָט=קאָמיסאַריאַט און איז אַריבער אין רשות פֿון געקען.

במשך די אַנדערהאַלבן יאָר פֿון פֿרילינג 1942 ביזן האַרבסט 1943 איז בראָש פֿון דײַטשן אַרבעטס=אַמט געשטאַנען ס. א.= שטורמפֿירער הערמאַן, וואָס האָט, ווי געזען*), דעם געטאָ קיין צו גרויסע צרות ניט אָנגעטאָן. אומגעקערט, פֿאַרן פּרײַז פֿון אַפּטע און שײנע מתנות פֿלעגט ער זען ווי ווײַט מעגלעך אַנטקעגן צו קומען די ייִד. ווונטשן. זײַן קאַדענץ איז פֿאַרבונדן סײַ מיט דער רואיקערער הפֿ=סקה אין געטאָ=לעבן אין פּרט פֿון אַקציעס א. א. גזירות, סײַ מיט דער „געטאָ=פּראָספּעריטי“, ווען דער עקאָנאָמישער מצב איז צוליב כּמה טעמים געווען דער=טרעגלעך.

ג) ווען דאָס געטאָ איז אין נאָוועמבער 1943 פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַצעט, האָט געקע באַשטימט דעם ס. ס.=שאַרפֿירער אַ ו ע ר **) אַלס לייטער פֿון דײַטשן אַרבעטס=אַמט. די פֿונקציעס פֿון ייִד. אַרבעטס=אַמט זײַנען דאַן געוואָרן נאָך מער אײַנגעשרומפּטער, ווי אין די צײַטן פֿון הערמאַן.

ד) נאָך דער ליקווידאַציע פֿון עלטעסטן=ראַט און פֿון דער ייִד. „געטאָ=אויטאָ=נאָמיע“ זײַנען געשלאָסן געוואָרן כּמעט אַלע ייִד. געטאָ=מוסדות און בתוכם אויך דאָס ייִד. אַרבעטס=אַמט. די אָנפֿירנדיקע פֿונקציאָנערן פֿון ייִד. אַרבעטס=אַמט מיט אײניקע מיטאַרבעטער זײַנען דאַן אַריבערגעפֿירט געוואָרן אַלס טעכנישע אַרבעטער אין דײַטשן אַרבעטס=אַמט אין געטאָ. אַזאַ מצב האָט אָנגעהאַלטן ביז צו דער געטאָ=ליקווידאַציע.

---

*) ז. „פּראָבלעם פֿון פֿאַרווענדן די ייִד. אַרבעטס=קרעפֿטן“.

**) נאָך דער באַפֿרײַאונג פֿאַרמשפּט=געוואָרן דורכן אַמעריקאַנער מיליטער=געריכט אין דאַכאַו צום טויט פֿאַר זײַנע מעשׂים אין אַרבעטס=לאַגער מילדאָרף, וואָס האָט געהערט צום קאַצעט דאַכאַו, און צוליב זײַן מיטבאַטייליקונג אין דער דורכפֿירונג פֿון דער קינדער=אַקציע אין קאָוונער געטאָ.

אַלס ייד. ראַטגעבער אין דייטשן אַרבעטס=אַמט איז, ווי שוין דערמאַנט, מצד דעם עלטעסטן=ראַט געווען באַשטימט דר. יצחק ראַבינאָוויטש, וואָס האָט בימי הערמאַן פיל בייגעטראָגן לטובת דעם געטאָ. אין דער געקע=תקופה האָט ער אָבער אַרויסגעוויזן אַ פולקאָמע געהאָרכזאַמקייט לגבי געקעס פּלענער, וואָס זיינען, ווי א כלל, געשטאַנען אין אַ בולטער סתירה צו די ייד. אינטערעסן און איז אין דעם פּרט באַגאַנגען ניט ווייניק חטאים.

אחוץ דר. ראַבינאָוויטשן (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו) זיינען אין דייטשן אַרבעטס=אמט אַלס טעכנישע מיטאַרבעטער געווען טעטיק: יוטקאָווסקי (בעת דער קינדער=אַקציע אַוועק צוזאַמען מיט זיין קינד); מעלאַמדאָוויטש (אומגעקומען אין אַ מאַלינע בעת דער געטאָ=ליקווידאַציע); מערים, דר. שלאַפּאָבערסקי (ביידע באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); פּרל טשערנאָ (אומגעקומען אין געטאָ בעת דער דעפּאָרטאַציע); פר. ש. ראַבינאָוויטש (באַפרייט געוואָרן אין אַן אַרבעטס=לאַגער אין דייטשלאַנד) א. א.

# ווירטשאַפטס־אַמט

**גרינדונג פונעם ווירטשאַפטס־אַמט. — אַנשטאַלטן און אונטער־נעמונגען פון ווירטשאַפטס־אַמט און זייערע פונקציעס ביים אָרדנען דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן.**

איטלעך געטאָ־אַמט האָט ניט נאָר זיין געשיכטע, נאָר עס פאַרמאָגט אויך זיין „פאָרגעשיכטע", וועגן וועלכער ס'איז כדאי צו זאָגן כאָטש אַ פּאָר ווערטער.

שוין אין יולי 1941, ווען דער ניי־געשאַפענער ייד. קאָמיטעט האָט גענומען אָרגאַניזירן די איבערזידלונג אין געטאָ, זיינען, ווי באַקאַנט, ביים קאָמיטעט געשאַפן געוואָרן פאַרשיידענע קאָמיסיעס, וואָס האָבן געהאַט צו זאָרגן וועגן וווינונגען, טראַנספּאָרט־מיטלען, יורידישער און סאָציאַלער הילף א. א. וו. מיטן אָפּשליסן דאָס געטאָ זיינען, אחוץ אַלע אַנדערע פּראָבלעמען, אויך אַקטועל געוואָרן אַ גאַנצע ריי ענינים פון ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער.

היות אין געטאָ האָבן יידן געדאַרפט אַליין בויען און אָרגאַניזירן פון אנהויב אָן, זיינען במשך אַ קורצער צייט אַדאַנק יידישער איניציאַטיוו געשאַפן געוואָרן פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן פאַרן עפנטלעכן לעבן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג געהאַט אַ וויכטיקן באַדייט. גאַר גיך איז נויטיק געוואָרן צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון די ניי־געשאַפענע ווירטשאַפטלעכע מוסדות. צו דעם צוועק איז ביים עלטעסטן־ראַט געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער אַמט, וואָס האָט געהאַט אַלס אויפגאַבע צו אָרדנען די ווירטשאַפטלעכע ענינים.

ווי יעדער אַנדער געטאָ־אַמט, האָט אויך דאָס ווירטשאַפטס־אַמט געהאַט אַדורכגעמאַכט אַ היפשן אַנטוויקלונגס־וועג, ביז עס איז אויסגעוואַקסן צו אַ זעלבסטשטענדיקער, ברייט־פאַרצווייגטער געטאָ־אינסטיטוציע. כדי צו קענען אויספירן זיינע ווירטשאַפטלעכע פונקציעס, האָט דאָס ווירטשאַפטס־אַמט פאַרמאָגט פאָלגנדיקע אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען:

א) קליינע געטאָ=וואַרשטאַטן, ב) טראַנספּאָרט=אָפּט., ג) עלעקטרישע אָפּט., ד) געטאָ=באָד, ה) אַפּטייק און לאַבאָראַטאָריע, ו) געטאָ=וועשעריי, ז) געטאָ=גערטנעריי און ח) בית=עולם און חברה=קדישא.

אַלס לייטער פון ווירטשאַפטס=אַמט איז די ערשטע פּאָר חדשים געווען גערמעליצקי*), שפּעטער=צו — פון ענדע 1941 ביז זומער 1943 — פּאָט=רוך (געשטאָרבן אין געטאָ) און צולעצט — אדוו. בערנשטיין**). אַלס וויצע=לייטער איז אַ געוויסע צייט געווען הירש לעווין***). דער פּאַקטישער אָנפירער פון ווירטשאַפטס=אַמט איז געווען י. יאַכעלסאָן (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו).

## א) קליינע געטאָ=וואַרשטאַטן

די קליינע געטאָ=וואַרשטאַטן געהערן צו די עלטסטע געטאָ=מוסדות. יי=גרינדעט געוואָרן זיינען זיי פריער. ווי די גרויסע געטאָ=וואַרשטאַטן.

נאָך אין דער תקופה פון דער איבערזידלונג אין געטאָ, ווען צוליבן מאַנגל אין וווינונגען האָט מען די אומבאַמיטלטע געטאָ=באַפעלקערונג געהאַט איינגעאָרדנט אין די רעזערוואַטן, ד. ה. גרעסערע קהל'שע געביידעס, איז אנטשטאַנען די נויט=ווענדיקייט צו גרינדן אַן אינסטאַנץ דורכצופירן אין די רעזערוואַטן קלענע=רע רעמאָנטן.

מיטדערצייט איז דאָס טעטיקייטס=פעלד פון די דאָזיקע קליינע רעמאָנט=וואַר=שטאַטן שטאַרק אויסגעוואַקסן, ווייל אויך אין פיל פּריוואַטע דירות האָט מען געדאַרפט אַדורכפירן רעמאָנטן. די ערשטע וויכטיקסטע אַרבעט פון די רעמאָנט=וואַרשטאַטן איז געווען צו ברענגען אין אָרדנונג די רוימען פאַר די גרויסע געטאָ=וואַרשטאַטן.

ווען נאָך דער גרויסער אַקציע איז אַ גרויסער טייל זאַכן פון די אַרויסגע=פירטע יידן אַריבער אין רשות פון סאָציאַל=אַמט, כדי זיי צו פאַרטיילן פאַר די אומבאַמיטלטע אַרבעטער, זיינען דאָן צו די רעמאָנט=וואַרשטאַטן צוגעקומען אויך וואַרשטאַטן פאַר שניידעריי, שוסטעריי, קירזשנעריי א. א. וו. בהדרגה'דיק איז דערפון אנטשטאַנען אַ קאָמבינאַט פון קלענערע וואַרשטאַטלעך, אין וועלכע מ'האָט געאַרבעט פאַר די הצטרכותן פון דער געטאָ=באַפעלקערונג.

כדי צו באַזאָרגן די קליינע געטאָ=וואַרשטאַטן מיט די נויטיקע מאַטעריאַלן, ווי לעדער, שטאָף א. א. וו., פלעגט דער שטאָט=קאָמיסאַריאַט פון צייט=צו=צייט עפּעס צווואַרפן די יידן פון די סחורות=קאָנטינגענטן, וועלכע זיינען געווען באַ=

*) ז. „גרויסע געטאָ=וואַרשטאַטן".
**) ז. „אָנפירנדיקע פּערזאָנען פון עלטעסטן=ראַט".
***) ז. „פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך מתעסק=געווען מיט דער פּאַרטיזאַנער=באַוועגונג".

שטיכט פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג אין שטאָט. די צרה איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס דעם גרעסטן סכום בעסערע מאַטעריאַלן פלעגן די כלערליי העכערע ייד. געטאָ־באַאַמטע קודם־כל פאַרווענדן פאַר אייגענע צוועקן, און פאַר כל ישראל פלעגן שוין בלייבן נאָר די ברעקלעך... גרויסע שיכטן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג האָבן צו דער דאָזיקער „פירונג“ געהאַט גרויסע און באַרעכטיקטע טענות.

ווען דאָס געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קאַצעט, זיינען די קליינע געטאָ־וואַרשטאַטן אַריבער אין רשות פון לאַגער־קאָמענדאַנטור. אָבער אויך דאַן האָט מען דאַרטן בעיקר געאַרבעט פאַר די הצטרכותן פון געטאָ און די אַרומיקע אַרבעטס־לאַגערן, און טיילווייז אויך פאַר באַשטעלונגען מצד דער קאָמענדאַנטור גופא.

בראש פון די קליינע געטאָ־וואַרשטאַטן איז געווען ל ו ר י ע (אומגעקומען אין דאַכאַו); אַלס מיטאַרבעטער: ד. ט ר ע ג ע ר (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); וו אַ ר אַ נ ץ (אומגעקומען אין דאַכאַו); ס ר ע ב נ י צ ק י (אומגעקומען ביים אַרויסגיין אין שטאָט) א. א.

מיט די רעמאָנט־וואַרשטאַטן האָבן אָנגעפירט: ב ו נ י ם, אינזש. פ. ג אָ ל ד־ ש מ י ד ט (ביידע זיך געראַטעוועט אין אַ געטאָ־מאַלינע); ס ע ג אַ ל אָ וו ס ק י (אומגעקומען אין דאַכאַו) א. א.

## ב) ט ר אַ נ ס פּ אָ ר ט ־ אָ פּ ט ײ ל ו נ ג

די טראַנספּאָרט־אָפּט. האָט פאַרמאָגט אין איר רשות א 10־15 פערד און האָט באַדינט די טראַנספּאָרט־נויטן פון די כלערליי אנשטאַלטן, אונטערנעמונגען און וואַרשטאַטן.

פאַרחושכט און פאַרצרהט האָבן אין געטאָ אויסגעזען די מענטשן, און ניט קיין בעסערן איינדרוק האָבן געמאַכט די פערד מיטן גאַנצן, מ'שטיינס געזאָגט, טראַנספּאָרט־וועזן... זיך צוקוקנדיק צו דעם, ווי אַזוי אָן אויסגעדאַרטע שקאַפּעס שלעפּט מיט די לעצטע כוחות דעם פול־אָנגעלאָדענעם וואָגן איבער די ניט־ברוקירטע, זאַמדיקע געסלעך, האָט מען אינעם דאָזיקן געטאָ־בילדל געזען אן אָפּשפּיגלונג פון דעם שפּלן און מורא'דיק־דערנידעריקטן לעבנס־ניוואָ פונעם געטאָ־ייד.

די טראַנספּאָרט־אָפּט. פלעגט אויך אַדורכפירן די אַסעניזאַציע־אַרבעטן. אַזוי ווי ביינאַכט איז די באַוועגונג אין געטאָ געווען פאַרבאָטן, פלעגט מען די דאָזיקע אַרבעט אַדורכפירן בייטאָג. דאָס פלעגט נאָך מער פאַרדאַרבן די לופט אין די שוין אַזוי אויך ענגע און געדיכט־באַפעלקערטע געטאָ־געסלעך.

די פורן פון טראַנספּאָרט=אָפּט. האָבן געשפּילט אַ געוויסע ראָלע ביים העלפן אַריינשמוגלען אין געטאָ שפּייז=פּראָדוקטן. ווען ס'איז אנטשטאַנען די באַוועגונג אָפּצוגעבן די קינדער ביי קריסטן, האָט מען אַ היפּשע צאָל קינדער אַרויסגעפירט פון געטאָ מיט דער הילף פון די ייד. פורן.

אין טראַנספּאָרט=אָפּט. זיינען געווען טעטיק: ג ייווידל (באַפרייט אין דאַכאַו); ראַבינאָוויטש (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); מ. בראַמסאָן (אומגעקומען אין דאַכאַו) א. א.

## ג) עלעקטרישע אָפּטיילונג

די עלעקטרישע אָפּט. האָט געאָרדנט דעם באַנוץ פון עלעקטרישן שטראָם. עלעקטריש ליכט האָט די געטאָ=באַפעלקערונג געקענט באַנוצן נאָר אין באַשטימטע שעהן פון טאָג: אינאָוונט און פאַרטאָג.

היות אין געטאָ האָט אַלעמאָל זיך געפילט אַ מאַנגל אין האָלץ און, חוצדעם, פלעגן אין איין צימער וווינען מערערע משפחות, האָבן ניט אַלע געקענט גלייכצייטיק זיך באַנוצן מיטן איין=און איינציקן בלעכענעם אויוועלע אָדער פּליטע אויפצוקאָכן אַ ביסל עסן. מענטשן זיינען דעריבער געווען געצוווּנגען צו באַנוצן דעם עלעקטרישן שטראָם אויך צום קאָכן.

אַלע עלעקט. מכשירים זיינען אָבער, ווי באַוווּסט, קאָנפיסקירט געוואָרן בעת דער באַרויבונג פון ייד. האָב=און גוטס. געטאָ=יידן פלעגן אויך אין דעם פאַל זיך געבן אַן עצה: אין ליימענע טעפּ פלעגט מען אינסטאַלירן פּשוטע אייזערנע טשוועקעס אָדער בלעכענע לעפל, גאָפל, צו וועלכע מ'פלעגט צוציען עלעקט. שטראָם און ס'פלעגן זיך באַקומען גאַנצע עלעקט. „אַפּאַראַטן". אמת, פון אַזעלכע „געטאָ=קאָכערס" פלעגט דאָס טיי אָדער עסן זיין פול מיט אייזן=ראָסט א. א. גיפטן פון די מעטאַלענע חפצים, וואָס פלעגן ביסלעכווייז שמעלצן פון עלעקט. שטראָם. די געטאָ=באַפעלקערונג האָט אָבער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט.

צוליבן באַנוצן אַזעלכע פּרימיטיוו=געמאַכטע עלעקט. איינריכטונגען, פלעגט דער אַזוי שוין אויך שטאַרק=באַלאַסטעטער שטראָם נאָך מער באַלאַסטעט ווערן. דאָס עלעקט. ליכט פלעגט דעריבער ברענען אַזוי טונקל, אַז זייער אָפט פלעגט מען אפילו דאָס לעמפל גופא קוים זען... חוצדעם פלעגן מחמת דעם איבערגעפירט ווערן די טראַנספאָרמאַטאָרן און גאַנצע קוואַרטאַלן פלעגן אַ לענגערע צייט בלייבן אין חושך, ביז מ'פלעגט ברענגען אין אָרדנונג די עלעקטרישע נעץ.

אין קאַמף קעגן דער צו=שטאַרקער באַלאַסטונג פון עלעקטרישן שטראָם, פלעגן קאָנטראָליִרן פון עלעקטרישער אָפּט. גיין איבער די וווינונגען קאָנפיסקירן די עלעקט. קאָך=מכשירים. אויך אין דעם פּרט האָט אין געטאָ=לעבן ניט

געהערשט קיין יושר: אינדערצייט, ווען די פריווילעגירטע שיכטן פלעגן פריי באַנוצן דעם עלעקטר. שטראָם, פלעגט מען ביי פשוטע געטאָ־יידן קאָנפיסקירן זייערע „קאָכערס" און דורכדעם אָפּנעמען ביי זיי די מעגלעכקייט צו געניסן פון אָט דער קאָך־באַקוועמלעכקייט.

אָנגעפירט מיט דער עלעקטר. אָפּטיילונג האָט דר. ר א ז י ן (אומגעקומען אין דאכאַו); אלס מיטארבעטער זיינען געווען: ר. ס ע ג א ל (זיך באַפרייט אין דאכאַו); ב אַ ל ק י ן (אומגעקומען אין געטאָ בעת דער ליקווידאציע); א י נ ד ו ר ס ק י (פריי געוואָרן אין דאַכאַו); מ י ל ש ט י י ן (געווען פארשלעפּט קיין עסטלאנד און פון דאָרטן קיין דאכאַו, וו געוואָרן באַפרייט) א. א.

## ד) ג ע ט אָ ־ ב אָ ד

ווען די קרוב 30 טויזנט קאָוונער יידן זיינען אין יולי־אויגוסט 1941 אריבער וווינען אין געטאָ, איז לכתחילה דאָרטן ניט געווען ניט קיין באָד, ניט קיין אנדערע עפנטלעכע סאניטארע איינריכטונגען, ווי וואסער־לייטונג, קאנאליזאציע א. א. וו. די אומגעהויערע ענגשאפט אין די דירות און חוצדעם דער פאקט, וואָס יידן זיינען געווען געצוווּנגען צו ארבעטן ניט נאָר די שווערסטע, נאָר אויך די סאמע שמוציקסטע ארבעט, האָט זייער שטארק אקטואליזירט די פראגע פון אויפבויען אין געטאָ אן עפנטלעכע באָד און אן אנטלויזונגס־אנשטאלט*).

מיט גרוים מי איז ערב־פרילינג 1942 דורך יידן אליין אויפגעבויט געוואָרן אַ באָד, מיט וועלכער די געטאָ־באַפעלקערונג פלעגט קענען זיך באַנוצן אייניקע טעג אין וואָך. ביים אויפהאלטן דעם סאניטאר־היגיענישן מצב איז געטאָ כאָטש אויף אַ מינימאלן ניוואָ האָט די באָד פיל ביי־געטראָגן.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי איבערצוגעבן, אַז ווען אלע געטאָ־הייזער זיינען בעת דער ליקווידאציע געוואָרן אויפגעריסן און פארברענט, איז צוליב אומפאר־שטענדלעכע סיבות די געביידע פון געטאָ־באָד געבליבן ניט צעשטערט, און אין אַ באַהעלטעניש, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט אין באָד, זיינען ניצול־געוואָרן אייניקע יידן.

מיט דער באָד האָט פארוואלטעט ע פ ש ט י י ן (זיך געראטעוועט בעת דער געטאָ־דעפּאָרטאציע) א. א.

## ה) א פּ ט י י ק א ו ן ל אַ ב אָ ר אַ ט אָ ר י ע

אַראַנק ייד. אָנשטרענגונגען איז אין געטאָ געשאפן געוואָרן אן אפּטייק, ווו מ'האָט פאר געלט געקענט באַקומען פארשיידענע מעדיקאמענטן.

*) ז. „געזונטהייטס־אמט".

אַ טײל פּשוטערע מעדיקאַמענטן פּלעגט די אַפּטײק פֿון צײט־צו־צײט באַקומען אין שטאָט צו אָפּיציעלע פּרײזן. די טײערע פּלעגט זי מוזן זיך אײנשאַפֿן צו ספּעקולאַטיווע פּרײזן אויף אַן אומלעגאַלן װעג.

די אָרעמע געטאָ־ײדן פּלעגן דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון סאָציאַל־אַמט באַקומען רפֿואות אומזיסט.

אויך אין פּרט פֿון באַקומען מעדיקאַמענטן איז אָנגעגאַנגען דער „פּרינציפּ" פֿון פּראָטעקציאָניזם: די בעסערע מעדיקאַמענטן פּלעגן זײן צוטריטלעך בעיקר פֿאַר די געטאָ־יחסנים, און פֿאַר אַ געװײנלעכן בשר־ודם איז געװען גאָר ניט פֿון די לײכטע זאַכן צוצוקומען צו אַן אויסלענדישן מעדיצינישן פּרעפּאַראַט.

אַחוץ דער אַפּטײק האָט אויך עקזיסטירט אַ לאַבאָראַטאָריע צו מאַכן פֿאַרשײדענע מעדיצינישע אַנאַליזן. מיט דער דאָזיקער לאַבאָראַטאָריע פּלעגט זיך באַנוצן סײ דער שפּיטאָל, סײ די אַלגעמײנע געטאָ־באַפֿעלקערונג.

מיט דער אַפּטײק האָט אָנגעפֿירט ס ר ע ב נ י צ ק י (אומגעבראַכט דורך געשטאַפּאָ בײם אויסבאַהאַלטן זיך אין שטאָט); מיט דער לאַבאָראַטאָריע — דר. ש מ י ד ט (באַפֿרײט געװאָרן אין דאַכאַו). אין אַפּטײק האָבן געאַרבעט: ל ע װ י ן (אומגעקומען בעת דער געטאָ־דעפּאָרטאַציע); ס ע ג אַ ל ס אָ ן (פֿרײ געװאָרן אין דאַכאַו), פֿר. ק א ד ו ש י ן (זיך געראַטעװעט אין פּראָװינץ) א. א.

ו) ג ע ט אָ ־ װ ע ש ע ר ײ

די געטאָ־װעשערײ איז געגרינדעט געװאָרן מיטן ציל צו באַדינען די באַפֿעלקערונג מיטן װאַשן װעש. אין דער דאָזיקער װעשערײ זײנען געװען באַשעפֿטיקט עטלעכע צענדליק ײד. פֿרויען.

פֿאָרמעל האָט עס געהײסן, אַז די געטאָ־באַפֿעלקערונג קען זיך פֿרײ באַנוצן מיט דער דאָזיקער װעשערײ. פֿאַקטיש האָבן אָבער מיטן דאָזיקן געטאָ־אַנשטאַלט זיך אויסגענוצט בעיקר די העכערע באַאַמטע פֿון ײד. געטאָ־אַפּאַראַט.

4־5 װאָכן פּלעגט געדויערן, ביז אַ געװײנלעכער געטאָ־ײד פּלעגט קענען אָפּנעמען זײן ביסל װעש, װאָס ער פּלעגט אָפּגעבן צום װאַשן. שױן צוליב דעם פֿאַקט אַלײן, װאָס אַזעלכע ײדן האָבן ס'רוב ניט געהאַט אַזױ פֿיל װעש, זײ זאָלן קענען זיך דערלויבן אַזאַ לאַנגע צײט צו װאַרטן, האָט די װעשערײ פֿאַר די מערהײט געטאָ־ײדן ניט געהאַט קײן פּראַקטישן װערט.

שפּעטער־צו, װען אַ גרעסערער סכום ײדן איז אַריבערגעפֿירט געװאָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן, װו דאָס װאַשן װעש איז געװען פֿאַרבונדן מיט גרויסע שװעריקײטן, האָבן לאַגער־ײדן גענומען מער אויסנוצן די געטאָ־װעשערײ.

אָנגעפֿירט מיט דער װעשערײ האָט ס ע ל ע צ ק י (אומגעקומען בעת דער געטאָ־ליקװידאַציע) א. א.

## ז) געטאָ-גערטנעריי

כדי צו באַזאָרגן די געטאָ-באַפעלקערונג מיט אַ ביסל גרינס, האָט דאָס ווירטשאַפטס-אַמט פאַרמאָגט אין זיין רשות אַ גערטנעריי פון לערך 25 העקטאַר. די גערטנעריי האָט זיך געפונען אין תחום פון געטאָ, און זי פלעגט ווערן באַאַרבעט מיט דער הילף פון ארבעטס-פּליכטיקע פרויען.

די געטאָ-גערטנעריי פלעגט זייער זאָרגפעלטיק באַאַרבעט ווערן. דער שטאָט-קאָמיסאַריאַט, אין וועמענס רשות דאָס געטאָ האָט זיך געהאַט געפונען ביזן האַרבסט 1943, האָט אפילו געפונען פאַר נויטיק אויפצובויען אין דער געטאָ-גערטנעריי מאָדערנע אינספּעקטן, כדי די העכערע באַאַמטע פון שטאָט-קאָמיסאַריאַט זאָלן במשך א רונדן יאָר האָבן גרינסן פון דער געטאָ-אַראַנזשעריי.

ביים פאַרטיילן גרינסן פון דער גערטנעריי פלעגן ווידעראַמאָל פּריווילעגירט ווערן די העכערע באַאַמטע פון געטאָ-אַפּאַראַט. די פּשוטע יידן האָבן פון דער גערטנעריי געהאַט קליינע נוצן.

אחוץ דער קהל'שער גערטנעריי, פלעגט איטלעכער געטאָ-ייד באַזונדער זיך מיען אויסצונוצן דאָס פרייע שטיקל ערד ארום זיין שטוב, כדי דאָרטן צו פאַר-פלאַנצן אַ ביסל גרינסן. אַ גוט-אויפגעפּאַסטער גאָרטן פלעגט אין פרט פון פאַר-פלעגונג האָבן אַ גרויסן באַדייט. אגב, איז נויטיק צו דערמאָנען, אַז די ערשטע צייט איז דאָס פאַרפלאַנצן די פּריוואַטע גערטנער געווען אָבליגאַטאָריש מצד דער ייד. געטאָ-אַדמיניסטראַציע, כדי דורכדעם צו לינדערן דאָס פּראָבלעם פון באַ-שפּייזונג.

מ'זאָל ניט גנבענען קיין גרינסן פון דער גערטנעריי, פלעגט זומער-צייט אַ ספּעציעלע ייד. שמירה היטן די גערטנעריי במשך אַ רונדן מעת-לעת. שפּעטער-צו איז אין געטאָ אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יוגנט-אָרגאַניזאַציע צו היטן די גערטנער א. נ. „אשל“*).

מיט דער געטאָ-גערטנעריי האָבן אָנגעפירט: אגר. קעלזאָן**), אגר. גירשאָוויטש (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); קראָם (זיך געראַטעוועט ביי באַקאַנטע קריסטן אין פּראָווינץ); מודריק (פריי געוואָרן אין דאַכאַו); ווי-לענסקי (אומגעקומען אין אַ קאַצעט אין עסטלאַנד) א. א.

## ח) בית-עולם און חברה-קדישא

סוף-יולי און אָנהויב-אויגוסט 1941, ווען אין געטאָ איז שוין געווען אריבער-געהויבן דער גרעסטער טייל קאָוונער יידן, איז אַקטועל געוואָרן די פראַגע פון

*) ז. „ציוניסטישע טעטיקייט אין געטאָ“.
**) ז. „גרויסע געטאָ-ווארשטאַטן“.

אויסטיילן אין תחום פון געטאָ אַ פּלאַץ פאַר אַ בית־עולם און גלייכצייטיק גרינדן אַ חברה־קדישא.

אויסער די נאָרמאַלע טויט־פאַלן פלעגן צו יענער צייט פאַלן פיל ייד. קרבנות מצד די נאַצי־רוצחים אָדער די ליטווישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע פלעגן אָן שום סיבה טאָג־איין, טאָג־אויס דערשיסן מענטשן. בפרט איז געווען גרויס די צאָל ייד. הרוגים אינדערצייט פון באַרויבונג פונעם ייד. אייגנטום. די חברה־קדישא האָט דאַן גע־האַט גענוג ארבעט.

סוף־יאר 1941, ווען ס'איז געווען פאַרביי די גרויסע כוואַליע פון פאַר־ניכטונגס־אקציעס, בעת וועלכע ס'איז אומגעבראַכט געוואָרן מער ווי אַ העלפט פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, בעיקר עלטערע און פיזיש־אָפּגעשוואַכטע מענטשן, איז אין געטאָ געבליבן הויפּטזעכלעך אַ יינגערער און געזינטערער עלעמענט. חוצדעם איז שפּעטער־צו, ווי באַוווּסט, דאָס מאַטעריעלע לעבן געוואָרן ניט אין ערגעץ לייכטער, ווי אין די ערשטע צייטן. צוליב דעם אַלעמען איז מיטדערצייט די צאָל טויט־פאַלן געווען, לפי־ערך, ניט צו גרויס.

אגב, איז נויטיק צוצוגעבן, אַז אַ ראַנק ייד. באַמיאונגען איז אין געטאָ ניט געקומען צו קיין עפּידעמישע קראַנקייטן אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב. יידן האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די אויסשפּרייטונג פון אַן עפּידעמישער קראַנקייט איז עלול צו שטעלן אין סכנה דעם קיום פון געטאָ, ווייל די נאַצים וואָלטן אין אַזאַ פאַל געווען פעאיק צו פאַרניכטן סיי די קראַנקע, סיי די געזונטע מענטשן.

אויפן בית־עולם האָבן במשך דעם דריי־יאָריקן געטאָ־קיום געפונען זייער אייביקע רו אַ זיבן־אַכט הונדערט יידן. נאָכן באַפרייען קאָוונע דורך דער רויטער ארמיי האָבן, לויט אַ פאַראָרדנונג פון דער מאַכט, דייטשע קריגס־געפאַנגענע אויסגעגראָבן אויפן געוו. געטאָ־בית־עולם עטלעכע גרעסערע מאַסן־קברים, ווו מ'האָט מקבר־געווען דאָס געביין פון די קדושים, וועלכע זיינען אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ. דער גרעסטער טייל אומגעקומענע מענטשן איז אָבער געבליבן ליגן אונטער די חורבות פון די אויפגעריסענע און פאַרברענטע געטאָ־הייזער.

די חברה־קדישא האָט ניט געהאַט אין איר רשות קיין עגלה צו פירן די מתים צו דער קבורה. מ'פלעגט דעריבער מוזן דעם ארון מיטן מת טראָגן אויף זיך פון זיין וווינונג ביזן בית־עולם. עלנט און נידערשלאָגן האָט אויסגעזען דאָס יידישע „לעבן" אין געטאָ, און נאָך קלאָגעדיקער האָט אויסגעזען אַ יידישע לויה אין געטאָ...

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צוצוגעבן, אַז ערב־פרילינג 1946 איז אין קאָוונע געווען אַן אויסערגעוויינלעך־גרויסע פאַרפלייצונג, בעת וועלכער ס'זיינען

אומגעקומען פיל מענטשן. די ווילָיע, וואָס האָט פארפלייצט גרויסע שטחים פון סלאָבאָדקע, האָט אויך פולשטענדיק צעשטערט דעם געוו. געטאָ־בית־עולם. די פארפלייצונג האָט צו יענער צייט אויך פארטרונקען אין סלאָבאָדקע אַ קינדער־היים און ס׳זיינען דערביי אומגעקומען פיל קריסטלעכע קינדער. היות דאס איז געשען דעם 28־טן מערץ, ווען ס׳פאלט אוים דער יאָרצייט נאָך דער קינדער־אקציע אין קאָוונער געטאָ, האָבן קאטוילישע גייסטלעכע געהאט דערקלערט אין קלויסטער, אַז די פארפלייצונג איז אַ שטראָף פון גאָט פאר די אומגעבראכטע יידישע קינדער...

אין דער חברה־קדישא זיינען געווען טעטיק: דוואָרעצקי (אומגעקומען אין אַ געטאָ־מאַלינע); קאַנטאָראָוויטש (אומגעקומען אין דאַכאַו); קאַפּ־לאַן (פריי געוואָרן אין דאַכאַו) א. א.

# פֿאַרפּלעגונגס־אַמט

## אָפֿיציעלע פֿאַרפּלעגונג פֿאַר דער געטאָ־באַפֿעלקערונג. — מוסדות פֿון פֿאַרפּלעגונגס־אַמט.

דאָס פֿאַרפּלעגונגס־אַמט האָט געהאַט אַלס אויפֿגאַבע צו אָרדנען די פֿאַרטיילונג פֿון דער אָפֿיציעלער פֿאַרפּלעגונג, וואָס די אָקופּאַציע־מאַכט פֿלעגט באַשטימען פֿאַר דער געטאָ־באַפֿעלקערונג.

כדי צו געבן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן דער הונגער־באַשפּייזונג, וואָס דער נאַציִ־רעזשים האָט געהאַט פֿעסטגעשטעלט פֿאַר די געטאָ־יידן, ברענגען מיר פֿאָלגנדיקע ציפֿער וועגן געטאָ־ראַציאָן, באַשטימט פֿון קאָוונער שטאָט־קאָמיסאַריאַט זומער 1942.

ס כ ו ם ש פּ י י ז ־ פּ ר אָ ד ו ק ט ן פּ ר אָ ק אָ פּ א ו ן ו ו אָ ך:

1. ברויט . . . . . . 700 גראַם
2. פֿלייש . . . . . . 125 „
3. מעל . . . . . 122,5 „
4. קאַווע אָדער טיי סוראָגאַטן . . 75 „
5. זאַלץ . . . . . . 50 „

פֿאַר דער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג איז נאָך געווען פֿאַרויסגעזען אַ הוספה־באַשפּייזונג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿאָלגנדיקן סכום פּראָדוקטן (אויך פּראָ קאָפּ און וואָך):

1. ברויט . . . . . . 700 גראַם
2. פֿלייש . . . . . . 125 „
3. פֿעטס . . . . . . 20 „

הוצדעם פֿלעגט מען ווען־ניט־ווען פֿאַרטיילן פֿאַר יעדן געטאָ־איינוווינער צו עטלעכע קג. קאַרטאָפֿל, ס׳רוב צעפֿוילטע און ווינטער־צייט — פֿאַרפֿרוירענע.

די אויבנגעבראַכטע ציפער ריידן אַ גענוג־דייטלעכע שפּראַך וועגן דער „גרויסמוטיקייט“ פונעם היטלעריזם אין פּרט פון ייִד. פאַרפּלעגונג און נויטיקן זיך ניט אין קיינע קאָמענטאַרן . . .

אָבער אפילו דעם דאָזיקן נישטיקן סכום שפּייז פלעגט מען דער ייִד. באַפעלקערונג ניט אָפּגעבן אין דער פולער מאָס. דער שטאָט־קאָמיסאַריאַט פלעגט אַזוי קאָמבינירן, אַז שטענדיק פלעגט ער עפּעס פון די שפּייז־פּראָדוקטן ניט דערגעבן און בלייבן, כלומרשט, אַ בעל־חוב. די דאָזיקע „חובות“ פלעגן מצד דער מאַכט קיינמאָל ניט געדעקט ווערן, און פאַר די באַאַמטע פון שטאָט־קאָמיסאַריאַט איז עס געווען אַ מקור פון נתעשר־ווערן אויפן חשבון פון געטאָ.

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער געטאָ־ייִד האָט געמוזט געפינען אַנדערע וועגן צו פאַרשאַפן זיך שפּייז, כדי אויפצוהאַלטן דאָס ביסל חיות. אין דעם פּרט איז געבליבן נאָר איין וועג: אַריינצושמוגלען אין געטאָ שפּייז־פּראָדוקטן אויף אַן אומלעגאַלן אופן.

ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן*) זיינען שוין מער־ווייניקער אויספירלעכער געשילדערט געוואָרן די אייגנאַרטיקע וועגן און אופנים, צו וועלכע אַ געטאָ־ייִד פלעגט זיין געצוווּנגען אָנצוקומען ביים פאַרשאַפן פאַר זיך און פאַר דער משפּחה אַ שטיקל ברויט. דער דאָזיקער קאַמף קעגן הונגער שטעלט פאָר מיט זיך איינעם פון די העראָאישע מאָמענטן אינעם טאָג־טעגלעכן לעבנס־געראַנגל פונעם געטאָ־ייִד אַריבערצולעבן דעם אכזריות'דיקן נאַצי־רעזשים.

ווי משונה'דיק דאָס זאָל ניט קלינגען מוז מען צוגעבן, אַז אַ טיילווייזע ענדערונג לטובה אין פּרט פון אָפיציעלער פאַרפּלעגונג איז געשען גראָד נאָכדעם, ווי דאָס געטאָ איז אין האַרבסט 1943 אַרויס פון רשות פונעם שטאָט־קאָמיסאַריאַט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַצעט, אונטער דער אויפזיכט פון ס. ס.

ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט געקע, וועלנדיק שאַפן צו זיך אַ געוויסן צוטרוי מצד די געטאָ־ייִדן און גלייכצייטיק צו פאַרטושן זיינע בייזוויליקע פּלענער בנוגע דעם געטאָ, געהאַט באַשטימט אַ פאַרגרעסערטע און טיילווייז אויך פאַרבעסערטע פאַרפּלעגונג פאַר די געטאָ־איינוווינער.

לויט זיין פאַראָרדנונג, האָט מען די ייִדן גענומען אָפּגעבן ניט נאָר די פולע שפּייז־ראַציאָן, וואָס זיי קומט אפיציעל, נאָר פון צייט־צו־צייט האָט ער אפילו געהאַט באַשטימט פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג געוויסע סכומים פוטער, מאַרמעלאַד, צוקער א. א. וו. ייִדן האָבן אָבער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז די פאַרבעסערטע פאַרפּלעגונג איז ניט מער ווי אַ מאַנעווער צו שאַפן ביי זיי דעם איינ־

*) ז. „פּראָבלעם פון דערנערונג אין געטאָ“, „שמוגל פון שפּייז־פּראָדוקטן“.

דרוק, אַז די נייע געטאָ־באַלעבאַטים זיינען גאָרניט אַזוי שלעכט איינגעשטעלט בנוגע דעם געטאָ.

באַזונדערס פלעגט געקע זיך נוהג־זיין צו פאַרבעסערן די פאַרפלעגונג ערב אַ באַפאָרשטייענדיקער גזירה פאַרן געטאָ. דאָס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נאָכן פאַרטיילן די יידן פוטער אָדער צוקער, פלעגט מען זיך נעמען אַרומקוקן, וואָס פאַראַ נייע שלעק און פורעניות ס'קומען אָן פאַר די געטאָ־יידן... יידן זיינען דעריבער מוחל־געווען געקען זיין „ברייטהאַרציקייט" אין פּרט פון באַשפּייזונג.

כדי ווי געהעריק אויסצופירן זיין אַרבעט, האָט דאָס פאַרפלעגונגס־אַמט פאַרמאָגט אין זיין רשות: א) אַ באַזע פאַר שפּייז־פּראָדוקטן, ב) פאַרטיילונגס־געשעפטן און ג) פלייש־יאַטקעס.

בראש פון פאַרפלעגונגס־אַמט איז כמעט די גאַנצע צייט געווען ר אַ פּ אָ פּ אָ ר ט (אומגעקומען אין דאַכאַו); אַלס מיטאַרבעטער: ב ע ר נ ש ט יי ן (אומגעקומען אין עסטלאַנד); אָ ו ל מ אַ ן, ל אַ פּ י ד ו ס (ביידע אומגעקומען בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע) א. א.

* *

*

## א) באַזע פאַר שפּייז־פּראָדוקטן

אין דער באַזע פאַר שפּייז־פּראָדוקטן פלעגט אָפּגעלייגט ווערן גאָר די שפּייז, וואָס פלעגט באַקומען ווערן מצד דער מאַכט צו פאַרטיילן פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג. פון דער באַזע פלעגן די פּראָדוקטן איבערגעשיקט ווערן אין די באַזונדערע פאַרטיילונגס־געשעפטן.

מיט דער הילף פון די פורן פון טראַנספּאָרט־אָפּט. פלעגט די באַזע אָפּנעמען די פּראָדוקטן פון די שפּייז־פאַרטיילונגס־שטעלעס אין שטאָט. פאַרמאַגנדיק ווייניק טראַנספּאָרט־מיטלען, איז עס געווען גאָרניט פון די לייכטע זאַכן צו ברענגען די פּראָדוקטן אין געטאָ.

אַחוץ דער אַלגעמיינער באַזע איז אויך געווען אַ קאַרטאָפל־באַזע, וואָס פלעגט זיין אָפן נאָר דאַן, ווען ס'פלעגט אָנקומען פאַרן געטאָ קאַרטאָפל. ווי געזאָגט, פלעגט מען פאַרן געטאָ געבן קאַרטאָפל נאָר ווען־ניט־ווען. דערצו נאָך פלעגט דער שטאָט־קאָמיסאַריאַט אויסטיילן פאַר די יידן די סאַמע ערגסטע קאַרטאָפל, פּשוט דאָס אָפּפאַל. ניט זעלטן פלעגט דער עיפּוש פון די פאַרפוילטע קאַרטאָפל זיך לאָזן הערן איבערן גאַנצן געטאָ.

סוף־1941 און אנהויב־1942, ווען די פראַגע פון דערנערונג איז געווען בפועל־ממש קאַטאַסטראָפאַל, פלעגן די געטאָ־יידן זיך פרייען מיט די פאַרפרוירענע

קאַרטאָפּל, ווי מיט אן אבן=טוב. שעהן=לאַנג פלעגן יידן שטיין אין דער ריי, כדי צו באַקומען דאָס ביסל קאַרטאָפּל, וווּ ס׳איז געווען מער מיסט, ווי קאַרטאָפּל...

ערשט מיט דער אַלגעמיינער פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע אין די מערהייט געטאָ=יידן שוין ניט געווען מער אנגעוויזן אויפן חסד פון די אָפּי=ציעלע שפּייז=צוטיילונגען, בפרט אויף קאַרטאָפל.

אין דער אַלגעמיינער באַזע האָבן געאַרבעט: קאָוואַרסקי (געשטאָרבן אין געטאָ); בייקאָוויטש (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); פּין (זיך געראַ=טעוועט צוליבן אַוועקגיין אין שטאט); אַדוו. שינבערג*) א. א.

אין דער קאַרטאָפּל=באַזע: ל. גורוויטש (אומגעקומען אין דאכאו); שטיינבערג (אומגעקומען בעת דער געטאָ=ליקווידאַציע) א. א.

## ב) פאַרטיילונגס=געשעפטן

כדי צו פאַרטיילן דער באַפעלקערונג די אָפיציעלע שפּייז=ראַציאָנען, זיינען אין די פאַרשיידענע געטאָ=ראַיאָנען געווען פאַרטיילונגס=געשעפטן. *)

היות אין געטאָ זיינען געווען ווייניק פאַרטיילונגס=געשעפטן, פלעגט מען דאַרפן שטיין שעהן=לאַנג אין דער ריי, כדי אפצונעמען דאס ביסל שפּייז. אין די רייען פלעגט מען זען בעיקר קינדער און ניט קיין אַרבעטס=פליכטיקע מענטשן. אויף איינצוהאַלטן די אָרדנונג אין די רייען, פלעגן ביי די געשעפטן דעזשורירן ייד. געטאָ=פּאָליציסטן. ניט אַזוי לייכט פלעגט דעם געטאָ=ייד אנקומען אָפּצונעמען אפילו זיין הונגער=ראַציאָן.

לכתחילה פלעגט מען פאַר די שפּייז=פּראָדוקטן דאַרפן צאָלן אַ געוויסן געלט=אָפּצאָל. ווען אין געטאָ איז סוף=זומער 1942 איינגעפירט געוואָרן די „געלטלאָזע ווירטשאַפט“, פלעגט מען די אָפיציעלע שפּייז=ראַציאָנען באַקומען אומזיסט.

מיט די פאַרטיילונגס=געשעפטן האָבן אָנגעפירט: יאָעלס (אומגעקומען נאכן אַרויסשפּרינגען פון צוג בעת דער דעפּאָרטאַציע); ראָכלזאָן (אומגע=קומען אין דאכאו); עדלשטיין (אומגעקומען אין עסטלאַנד); פענצטער (אומגעקומען בעת דער געטאָ=ליקווידאַציע) א. א.

## ג) פלייש=יאַטקעס

פאַר דער געטאָ=באַפעלקערונג איז, ווי א כלל, געווען באַשטימט נאר פערדן=פלייש. זעלטן=ווען פלעגט אָבער דאָס פלייש נאך-זיין אין אַזאַ צושטאַנד, מ׳זאָל עס

*) ז. „עלטעסטן=ראט“.

**) די געטאָ=באַפעלקערונג פלעגט די פארטיילונגס=געשעפטן אָנרופן „פאַראַמאַ“, מיטן זעלבן נאָמען ווי די פארטיילונגס=געשעפטן אין שטאָט.

קענען עסן. זייער אָפט פֿלעגט עס פּאַסירן, אַז דאָס פערדן־פֿלייש, וואָס מ'פֿלעגט ברענגען פֿאַרן געטאָ, פֿלעגט מען מוזן תיכּף באַגראָבן, ס'זאָל ניט אויסברעכן קיין עפּידעמיע...

אין די יאַטקעס זיינען געווען באַשעפטיקט אַלס קצבים די ברידער ט ע ל ז אַ ק, ר ע ז נ י ק (אַלע אומגעקומען אין דאַכאַו); ב ל י אַ כ ע ר (פריי געוואָרן אין דאַכאַו); ל י פּ מ אַ ן (זיך געראַטעוועט אין אַ געטאָ־מאַלינע) א. א.

אַלס אנגעשטעלטע: ל. י ע ל י ן **), ש אַ ל י ט (אומגעקומען אין דאַכאַו) א. א.

* *
*

אויך אין די מוסדות פון פאַרפּלעגונגס־אַמט, ווי אין אַלע אַנדערע געטאָ־אנשטאַלטן, האָבן ניט געפעלט קיין מיסברויכן א. א. אומדערלאָזבאַרע מעשים.

סיי אין די באַזעס, סיי אין די פאַרטיילונגס־געשעפטן זיינען געווען געוויסע פאַרברעכערישע עלעמענטן, וועלכע פלעגן מאַכן פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס אויפן חשבון פון קהל. ס'איז אין געטאָ אויך ניט געווען קיין סוד, אַז אין די דאָזיקע „אָפּעראַציעס" האָבן געהאַט אַ האַנט פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציאָנערן פון פאַרפּלעגונגס־אַמט.

*) ז. „ליקווידאַציע און דעפּאָרטאַציע פון געטאָ".

# וווינונגס־אַמט

**אַנגעווייטיקטע פראגע פון וווין־שטח אין געטאָ. — פאַרניכטונגס־אַקציעס „לינדערן" דירות־נויט. — גרעסערע רוימונגען פון געטאָ־ראַיאָנען. — טעטיקייט פון וווינונגס־אַמט.**

שוין דאן, ווען ס'איז אין יולי 1941 פובליקירט געוואָרן דער באַפעל מצד דער אָקופּאַציע=מאַכט צו דער קאָוונער ייד. באַפעלקערונג אַריבערצוגיין לעבן אין ניי=געשאַפענעם געטאָ אין סלאָבאָדקע, איז פאַר אַלעמען קלאָר געווען, אַז דאָס באַזעצן אַן ערך 30 טויזנט ייד. נפשות אינעם פאָרגעמערקטן געטאָ=תחום וועט זיין אַן אויסערסט=שווערע פּראָבלעם. אַלע ייד. באַמיאונגען כאָטש וויפיל=ניט=איז צו פאַרגרעסערן דעם תחום פון געטאָ האָבן אָבער ניט דערגרייכט קיין ממשות'דיקע רעזולטאַטן צוליב דער אנטי=יידישער איינשטעלונג פון קאָוונער ליטווישן מאַגיסטראַט.

הגם דער ייד. קאָמיטעט האָט, ווי באַקאַנט, בעיקר זיך פארנומען מיטן אָרדנען די ענינים פון איבערזידלונג אין געטאָ, האָבן דאך גרויסע טיילן פון דער ייד. באַפעלקערונג, הויפטזעכלעך די מאַטעריעל=פאַרמעגלעכע, גענומען זוכן דירות אין געטאָ=ראַיאָן, ניט וואַרטנדיק אויפן קאָמיטעט. הונדערטער משפחות האָבן אויף אַזאַ אופן זיך אַליין באַזאָרגט מיט אַ דירה אין געטאָ, אָבער די מערהייט יידן האָט געמוזט וואַרטן אויף דער צוטיילונג פון אַ וווינונג מצד דעם ייד. קאָמיטעט.

שוין צו יענער צייט האָט דאָס וווינונגס=אַמט *) געפרווט אַריינטראָגן אַ שטיקל סדר אין דער אַזוי אנגעווייטיקטער פראַגע פון דירות אין געטאָ. קודם=כל האָט מען געדאַרפט אויפנעמען דעם גאַנצן וווין=שטח אין די געטאָ=הייזער, כדי מער=ווייניקער ראַציאָנעל צו פאַרטיילן די פאַראַנענע וווין=מעגלעכקייטן.

אַחוץ די פריוואַטע הייזער, זיינען אין געטאָ=ראַיאָן געווען עטלעכע גרויסע בלאָקן און אַ פאָר צענדליק קלענערע בלאָקלעך, וואָס זיינען די לעצטע יאָרן גע=

*) אייגנטלעך איז לכתחילה עס געווען ניט קיין אמט, נאָר אַן אָפּטיילונג פון קאָמיטעט.

וואָרן אויסגעבויט פאַר דער קאָוונער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. אַט די גרויסע און קליינע בלאָקן, וואָס זיינען געווען אין אַ פיל בעסערן צושטאַנד, ווי ס'רוב פריוואַטע הייזלעך, זיינען גלייך פון אנהויב אָן פאַרכאַפּט געוואָרן מצד די „העכערע" שיכטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ צוטריט צום קאָמיטעט בכלל און צום וווינונגס-אַמט בפרט.

אויך די וויינקער-פאַרמעגלעכערע יידן האָבן געפּרוּווט ווי-ניט-איז זיך איינצואָרדנען מיט אַ דירה. די יעניקע משפּחות, וועלכע זיינען ניט געווען ביכולת פאַר זיך אַליין זיך איינצושאַפן אַ צימער, האָבן עס געטאָן צוזאַמען מיט נאָך אַ פאַמיליע. די אָרעמע יידן זיינען איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין די רעזערוואַטן. נאָך אַלעמען זיינען דאָך הונדערטער ייד. משפּחות געבליבן אָן אַ שטיקל אפּדאַך.

צו יענער צייט איז דעריבער דאָס וווינונגס-אַמט געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט ביים געפינען אַ מקום-מנוחה פאַר די אָפּדאַכלאָזע יידן. אין יענע פאַלן, ווען עמיצער האָט פאַרמאָגט מער ווױן-שטח, ווי ס'איז געווען פעסטגעשטעלט מצד דער ייד.-געטאָ-אַדמיניסטראַציע, פלעגט מען אים פאַראָרדנען אַרייננצונעמען צו זיך נאָך מענטשן. פלעגט ער, אָבער, מיטן גוטן ווילן ניט וועלן אויספירן די אָנווייזונג פון וווינונגס-אַמט, פלעגט די געטאָ-פּאָליציי עס אַדורכפירן אויף אַ צוואַנגס-אופן.

מיט גרויסע שוועריקייטן איז געלונגען אַלע געטאָ-יידן צו באַזאָרגן מיט אַ שטיקל ווױן-אָרט. די ענגשאַפט אין ס'רוב הייזער איז געווען זייער גרויס. בייטאָג איז אין דעם פּרט נאָך געווען ווי-ניט-איז. די צרות פלעגט זיך אנהויבן אינאָוונט, ווען מ'פלעגט דאַרפן פאַר אַלעמען שאַפן אַ געלעגער צו שלאָפן.

ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען אין די רעזערוואַטן, וווּ הונדערטער מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט אויף די דילן אין ענגשאַפט און שמוץ, איז געווים איבעריק צו זאָגן. אין אַזאַ הקדש פלעגט ס'געוויין פון קינדער זיך אַדורכמישן מיטן קרעכצן פון קראַנקע און זקנים, און די קריגערייען און אַרומרייסעניש פלעגן אין אַזאַ מענטשן-בינשטאָק אנהאַלטן גאַנצע 24 שעה אין מעת-לעת.

אָבער גאַר גיך האָט דער געטאָ-ייד געהאַט צו טאָן מיט פיל ערנסטערע פּראָבלעמען, ווי מיט דירות. די פאַרניכטונגס-אַקציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער ערשטער תקופה פון געטאָ-קיום, האָבן אַלע אַלטעגלעכע זאָרגן און פּלאַנענישן אַוועקגעשטעלט אין שאָטן. הגם מ'האָט דאַן ווי געהעריק נאָך ניט תופס-געווען די פּלאַנמעסיקייט און סיסטעמאַטישקייט פון דער היטלערישער פאַרניכטונגס-אַרבעט, איז דאָך שוין קיינעם ניט געלעגן אין קאָפּ אַזעלכע ענינים, ווי ענגשאַפט און אומבאַקוועמלעכקייט אין דער וווינונג. די אַרויסגעפירטע יידן אויף פאַרניכטונג האָבן גורם-געווען דערצו, ס'זאָל ווערן געררוים אין ייד. הייזער...

דעם הויכפונקט פון שיטער־מאַכן די געטאָ־באַפעלקערונג האָט אָבער געהאַט דערגרייכט די גרויסע־אַקציע, נאָך וועלכער אין געטאָ איז געבליבן עפּעס מער ווי אַ העלפט פון דער ייד. באַפעלקערונג, וואָס איז לכתחילה געווען אַריין אין געטאָ. במשך דריטהאַלבן־מאָנאַטן זיינען פון 30 טויזנט יידן געבליבן אין געטאָ לערך 16 טויזנט נפשות. דאָס פּראָבלעם פון וווין־שטח איז אַזוי אַרום אומדירעקט געוואָרן געלייזט מיט דער הילף פון... געשטאַפּאָ, וואָס האָט פאַר דער קורצער צייט באַוויזן אומצוברענגען 13־14 טויזנט יידן, ניט רעכענענדיק די קרבנות ביזן אַריינגיין אין געטאָ.

* *
*

נאָך דער גרויסער אַקציע האָט דאָס וווינונגס־אַמט, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע געטאָ־מוסדות, בהדרגה׳דיק גענומען סטאַביליזירן זיין טעטיקייט. קיין צו גרויסע אַרבעט האָט דאָס דאָזיקע אַמט שוין דאַן ניט געהאַט, ווייל, ווי געזאָגט, האָבן די פאַרניכטונגס־אַקציעס רעדוצירט די צאָל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג כמעט אויף אַ העלפט, און איטלעכער געטאָ־ייד איז שוין געווען באַזאָרגט מיט אַן אָפּדאַך איבערן קאָפּ.

פון צייט־צו־צייט פלעגט אָבער דאָס וווינונגס־אַמט ווידעראַמאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אין צענטער פונעם געטאָ־לעבן. געשען פלעגט עס דאַן, ווען גאַנץ אומגעריכט פאַרן געטאָ פלעגן מצד די מאַכט־אָרגאַנען אַרויסגעגעבן ווערן באַפעלן צו רוימען גאַנצע געטאָ־קוואַרטאַלן.

אינעם פּראָגראַם פון דער נאַציִשער יידן־פאַרניכטונג האָט צוו. אַנד. א קענטיקן אָרט פאַרנומען דאָס כסדר׳דיקע אַרומוואַרפן אַהין־און אַהער גרעסערע גרופּעס יידן, כדי אויף אַזאַ אופן אונטערצוגראָבן זייער ווידערשטאַנדס־פעאיקייט קעגן טעראָר־רעזשים. אויך די אָפטע איבערזידלונגען פון איין געטאָ־ראַיאָן אין צווייטן פלעגן פאַר די באַטרעפנדיקע מענטשן גורם־זיין, זיי זאָלן פאַרלירן פיל פון זייערע, מ׳שטיינס געזאָגט, דערוואָרבענע באַקוועמלעכקייטן, ווי אַ געלעגער, אַ שטיקל ווירטשאַפט א. א. וו.

נאָך אַזאַ איבערזידלונג, וואָס פלעגט ס׳רוב פאָרקומען אין גרויס איילעניש, פלעגט דער איבערגעזידלטער ייד אין זיין נייעם מקום־מנוחה פונדאַסניי מוזן איינשרומפּן זיין „לעבן־סטאַנדאַרט“ און מותר־זיין אויף פיל פון דעם, וואָס ער האָט אין זיין פריערדיקן אָרט יאָ געהאַט. ניט מען נאָך צו, אַז נאָך יעדער רוימונג פון אַ געטאָ־קוואַרטאַל פלעגט דער שוין אַזוי אויך גענוג בצמצום־דיקער וווין־שטח נאָך מער פאַרקלענערט ווערן, ווערט קלאָר, פאַרוואָס אַזאַ געשעעניש פלעגט פאַרן געטאָ באַדייטן אַן אמתע גזירה.

במשך דעם דריי־יאָריקן געטאָ־קיום זיינען פאָרגעקומען פאָלגנדיקע גרעסערע רוימונגען פון געטאָ־ראַיאָנען *):

א) ליקווידאַציע פון קליין־געטאָ. בעת אַט דער אַקציע אין אָקטאָבער 1941 זיינען, ווי באַקאַנט, אַן אַנדערהאַלבן טויזנט ניצול־געוואָרענע יידן פון סעלעקציע־פּלאַץ אַריבערגעטריבן געוואָרן אין איבעריקן טייל געטאָ, אַזוי ווי זיי שטייען און גייען. דאָס איז, אַגב, געווען די איינציקע רוימונג פון אַ געטאָ־ראַיאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ רוצחישן אופן. אַ קלענער טייל פון די געוו. קליין־געטאָ־יידן האָט זיך איינגעאָרדנט ביי באַקאַנטע. אַלע איבעריקע האָבן אָבער געמוזט דורכן וווינונגס־אַמט אין זעלבן טאָג באַזאָרגט ווערן מיט אַ שטיקל ווינקל ערגעץ־וווּ, אַניט איז מען געבליבן ליגן אויף דער גאַס.

ב) רוימונג פון ווינאַזשינסקיאָ־ראַיאָן. די דאָזיקע רוימונג **), וואָס איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר 1942, האָט געמוזט אַדורכגעפירט ווערן במשך אַ פּאָר שעה צייט און האָט דעם געטאָ פאַרשאַפט אַ היפּש ביסל צרות. אויך דאָס וווינונגס־אַמט האָט דאַן געהאַט ניט ווייניק זאָרג ביים פאַרשאַפן די מענטשן אַ שטיקל ווין־אָרט. שפּעטער־צו איז דער דאָזיקער ראַיאָן ווידער אַריבער צום געטאָ און דערנאָך ווידער געראַמט געוואָרן, ביז ער איז ענדגילטיק אַריבער אין רשות פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

ג) רוימונג פון אַ טייל פּאַנעריו א. א. גאַסן. די איינציקע „מעלה" פון אַט דער רוימונג, וואָס איז געשען אין מאַי 1942, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ס'איז געגעבן געוואָרן אַ ביסל מער צייט זי אַדורכצופירן און ס'איז מעגלעך געווען דעם ענין איינצואָרדנען ניט אין איילעניש.

ד) רוימונג פון די גרויסע בלאָקן. די דאָזיקע רוימונג אין אָקטאָבער 1943 האָט געדאַרפט אַדורכגעפירט ווערן במשך אַ קורצן טערמין, און די נוגע בדבר האָט עס פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש. אַגב, האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער נייער געטאָ־באַלעבאָס געקע איז, אַחוץ אַלע אַנדערע כוונות, מיט אָט דער גזירה אויסן־געווען טיילווייז אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די צערודערטע געטאָ־יידן צוליב דער פאָרגעקומענער איבערזידלונגס־אַקציע קיין עסטלאַנד.

ה) רוימונג פון ערשטן סעקטאָר אין דעצעמבער 1943. דאָס איז געווען די גרעסטע רוימונג פון אַ געטאָ־ראַיאָן און האָט באַרירט טויזנטער נפשות. די ענג־שאַפט אין איבערגעבליבענעם געטאָ־תחום האָט דאַן געהאַט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט, און דאָס האָט נאָכמער פאַרביטערט דעם אַזוי אויך גענוג פינצטערן געטאָ־לעבן.

*) ניט רעכענענדיק די רוימונגען פון אַ ריי גאַסן, ווי יורבורקער, ראַודאָנדוואַרער, דעגטוקו א. א. ביים אָפּשליסן דאָס געטאָ אין אויגוסט 1941.

**) ז. „רוימונגען פון געטאָ־קוואַרטאַלן".

אחוץ די אויבנדערמאָנטע גרעסערע רוימונגען זיינען במשך דעם געטאָ־קיום פאָרגעקומען אויך קלענערע רוימונגען פון געטאָ־קווארטאלן. איטלעכע רוימונג האָט פארן געטאָ באַדייט אַ שווערע גזירה, צו וועלכער מ'האָט געמוזט וועלנדיק ניט וועלנדיק זיך צופּאַסן.

* *
*

דאָס וווינונגס־אמט האָט, ווי געזען, געהאַט אַ היפּש ביסל ארבעט אין דער ערשטער תקופה פון געטאָ־קיום און בעת די רוימונגען פון גאנצע געטאָ־ראיאָנען.

הגם מ'קען ניט לייקענען, אַז דער דאָזיקער געטאָ־מוסד האָט געהאַט פאר זיך גאָר ניט קיין לייכטע אויפגאַבע מיטן באַפרידיקן אַלעמענס תביעות אין פּרט פון וווינונגען, האָט דאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט, אַז אַ פּשוטער געטאָ־ייד זאָל אויף אַ נאָרמאלן וועג זיך דערשלאָגן צו אַ בעסערער וווינונג. אַלע טענות און מענות פון אַזאַ געוויינלעכן ייד זיינען געווען צוועקלאָז, ווייל דאס וווינונגס־אמט האָט געפירט זיין טעטיקייט אין אַזאַ ריכטונג, ס'זאָלן קודם־כל באַפרידיקט ווערן די פאָדערונגען מצד די „יעלות“, ד. ה. חשובע לייט פון געטאָ. חוצדעם האָט אויך דאָרטן ניט געפעלט קיין קאָרופּציע א. א. וו.

אין דער זעלבער צייט, ווען אין געטאָ האָט געהערשט אַ שרעקלעכע ענגשאַפט און מענטשן האָבן בפּועל־ממש ניט געהאַט, ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן, זיינען געווען ניט ווייניק משפּחות, וואָס האָבן געלעבט, לפי־ערך, גאַנץ גערוים. פאר זיי, ד. ה. פאר די פארשיידענע העכערע באַאַמטע פון געטאָ־אַפּאַראַט און זייערע מקורבים, זיינען קיינמאָל ניט געווען חל די אַלע שטרענגע באַגרענצונגען פון וווין־שטח. אין אַט דעם פּרט, ווי אין פיל אנדערע פּרטים פון דער געטאָ־ווירקלעכקייט, האָט זיך געהאַט אָפּגעשפּיגלט די אייגנאַרטיקע געז. דיפערענצירונג, וואָס האָט געהערשט אויף אַלע געביטן פון געטאָ־לעבן. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פארוואָס דאס וווינונגס־אמט האָט ניט גענאָסן קיין צו פיל סימפּאַטיע מצד דער מערהייט געטאָ־יידן.

פרילינג 1944, ווען ס'זיינען ליקווידירט געוואָרן די ייד. געטאָ־מוסדות און זייערע פונקציעס זיינען אריבער אין רשות פון דער דייטשער לאגער־פארוואלטונג, איז דאָך דאס וווינונגס־אמט געבליבן עקזיסטירן ביז צו דער ליקווידאציע פון געטאָ. קיין וויכטיקע ארבעט האָט אָבער דאס דאָזיקע אמט ניט געפירט, ווייל אין געטאָ־לעבן זיינען צו יענער צייט געווען אַקטועל גאָר אנדערע זאָרגן און פּראָבלעמען, ווי דירות. איטלעכער ייד האָט בשעתו געטרוימט וועגן ארויסרייסן זיך פון געטאָ, ווו דער באָדן אונטער די פיס איז פון שעה־צו־שעה געוואָרן אַלץ הייסער...

אלס לייטער פון וווינונגס־אמט איז אין די ערשטע געטאָ־חדשים געווען אדוו. גירשאָוויטש*). דערנאָך איז אלס לייטער באשטימט געוואָרן מעשקויץ (אומגעקומען בעת דער געטאָ־ליקווידאציע), וואָס איז אויסגעווען אויף זיין אמט ביזן סוף פון געטאָ. אלס אָנפירנדיקע מיטארבעטער זיינען געווען: קאַץ (אומגעקומען אין דאַכאַו); וויינטרויב (באַפרייט געוואָרן צוליבן אוועקגיין פון געטאָ); סווירסקי (אומגעקומען בעת דער געטאָ־דעפּאָרטאציע) א. א.

---

*) ז. „ארבעטס־אמט".

# געזונטהייטס־אַמט

פּראָבלעם פון געזונטהייטס־וועזן אין די ערשטע חדשים פון געטאָ־קיום. — מעד. אינסטיטוציעס פון געזונטהייטס־אַמט און זייער באַדייט אין געטאָ־לעבן.

שוין אין די ערשטע טעג פון מלחמה=אויסברוך איז אין קאָוונע אַקטועל געוואָרן דאס פּראָבלעם פון ייד. געזונטהייטס=וועזן. בעת זייערע ערשטע טעראָר=מעשים לגבי דער שוצלאָזער ייד. באפעלקערונג, האָבן די ליטווישע היטלעריסטן צוו. אנד. אויך ארויסגעוואָרפן פון די שפּיטעלער די ייד. חולאים. די יעניקע פון אָט די קראנקע, וועלכע זיינען מצד די רוצחים ניט אומגעבראכט געוואָרן אויף אן אָרט, זיינען געצוווּנגען געוואָרן צו ליגן אין דערהיים אָן קליניִשער באהאנדלונג. צוליב דער טויט=סכנה פאר אַ יידן אין די ערשטע אָקופּאַציע=וואָכן זיך צו באַווייזן אויף דער גאַס, האָבן די חולאים אפילו ניט געהאט קיין מעגלעכקייט זיך צו באנוצן מיט פּריוואטער מעד. היילונג.

מיט דער איבערזידלונג אין געטאָ זיינען דעריבער אַקטועל געוואָרן אַ גאַנצע ריי מעד. ענינים. פריער פאר אלץ האָט מען גערארפט אָרגאַניזירן שפּיטעלער פאר די שווער=קראנקע. זיינען טאקע אין קליין=געטאָ אין אויגוסט 1941 איינגעאָרדנט געוואָרן צוויי שפּיטעלער: איינער פאר אינפעקציע=קראנקייטן און אַ צווייטער — פאר כירורגישע און אינערלעכע קראנקייטן. וועגן טראגישן גורל פון אָט די שפּיטאל=חולאים, בפרט פון די אינפעקציע=קראנקע, וועלכע זיינען לעבעדיקערהייט פארברענט געוואָרן צוזאמען מיטן מעד. פּערסאָנאל, זיינען שוין געלעגנהייטלעך *) איבערגעגעבן געוואָרן שוידערלעכע פּרטים.

נאָכן דאָזיקן אומדערהערטן נאצי=בארבאריזם האָט מען אין געטאָ מורא געהאט צו שאפן נייע שפּיטעלער, ווייל ס'איז געווען אַ באַרעכטיקטער גרונט חושד צו זיין, אז די נאצים זיינען מסוגל נאָכאמאָל איבערצוחזרן ענלעכע רציחות אויף ייד. חולאים. דאָס געטאָ איז דעריבער אַ געוויסע צייט געווען אָן אַ שפּיטאָל.

---

*) ז. „אקציע און ליקווידאציע פון קליין=געטאָ".

נאָך דער גרויסער אקציע, ווען די שפּאַנונג אין געטאָ האָט בהדרגה'דיק נאָכגעלאָזן און די ייִד. געטאָ-מוסדות האָבן אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַן אינטענסיווערע טעטיקייט, ווי ביז דאַן, האָט אויך דאָס געשאַפענע געזונטהייטס-אַמט גענומען זיך באַשעפטיקן מיט די מעד. פּראָבלעמען פון דער געטאָ-באַפעלקערונג.

ווי אַלע אַנדערע געטאָ-אַמטן, האָט אויך דאָס געזונטהייטס-אַמט פאַרמאָגט אַ ריי אַנשטאַלטן, כדי צו קענען אָנגיין מיט זיין אַרבעט. צום געזונטהייטס-אַמט האָבן געהערט פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס: א) שפּיטאָל, ב) אַמבולאַטאָריע, ג) מעד. פּונקטן אין אַנדערע געטאָ-מוסדות, ד) אַנטלויזונגס-אַנשטאַלט און ה) משוגעים-הויז.

## א) שפּיטאָל

אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1941 איז דאָס געזונטהייטס-אַמט קודם-כּל צוגעטראָטן שאַפן אַ שפּיטאָל. די צאָל חולאים איז וואָס-ווייטער געוואָרן אַלץ גרעסער, און די גרינדונג פון אַ שפּיטאָל איז געוואָרן אַן אויסערסט-דרינגענדיקער ענין. לענגער וואַרטן איז געווען אוממעגלעך. די סאַמע וויכטיקסטע מעד. אינסטרומענטן און איינריכטונגען פאַרן שפּיטאָל זיינען אויפגעקליבן געוואָרן ביי ייִד. דאָקטוירים, וואָס האָבן אַ טייל מעד. מכשירים אויסבאַהאַלטן אין דער צייט פון באַרויבונג פון יידישן האָב-און גוטס אין אויגוסט-סעפּטעמבער 1941.

דאָס געטאָ-שפּיטאָל האָט פאַרמאָגט אָפּטיילונגען פאַר אינערלעכע, כירורגישע א. א. קראַנקייטן. ביז אויגוסט 1942 האָט דאָס שפּיטאָל אויך פאַרמאָגט אַ געבורטס-אָפּטיילונג. נאָכדעם, ווי ס'איז דאַן פּובליקירט געוואָרן דער באַפעל מצד דער מאַכט וועגן פאַרבאָט פון שוואַנגערשאַפט אין געטאָ*), איז די דאָזיקע אָפּט. געוואָרן ליקווידירט.

קיין אָפּט. פאַר אינפעקציע-קראַנקייטן האָט ביים שפּיטאָל ניט עקזיסטירט. ווייל, ווי געזאָגט, איז געווען אַ יסוד מורא צו האָבן, אַז די נאַצי-מושלים קענען אַזעלכע חולאים אומברענגען. ס'האָט דעריבער פאַר די מאַכט-אָרגאַנען געהייסן, אַז אין געטאָ זיינען ניט בנמצא קיין אינפעקציע-קראַנקע. די אַנשטעקנדיקע חולאים פלעגט מען מוזן האַלטן אין שטוב, אָדער זיי פלעגן אין שפּיטאָל פאָרמעל אריינגעטראָגן ווערן אונטער אַנדערע דיאַגנאָזן.

כדי ביי אַזעלכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען ניט צו דערלאָזן צו קיין עפּידעמיעס, האָבן די ייִד. דאָקטוירים געהאַט אַ שווערע שטיקל אַרבעט, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט מיט דערפאָלג. צו קיין עפּידעמיעס איז במשך דעם געטאָ-קיום ניט געקומען. אין דעם פּרט האָט פיל אויפגעטאָן די סאַניטאַרע קאָמיסיע

*) ז. „נייע גזירות און גזירה'לעך".

ביים געזונטהייטס־אַמט, וואָס האָט איר אַרבעט קאָאָרדינירט מיט דער טעטי־קייט פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג ביי דער ייִד. געטאָ־פּאָליציי.

דאָס שפּיטאָל האָט אויך פאַרמאָגט (מיט געוויסע הפסקות) אַן אייגענעם רענטגען־קאַבינעט, וואָס האָט פיל ביי־געטראָגן צו אַ דערפאָלגרייכער מעדיצינישער טעטיקייט.

אויך די אַפּטייק און לאַבאָראַטאָריע, וואָס האָבן פאָרמעל געהערט צום ווירטשאַפטס־אַמט, זיינען געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון שפּיטאָל א. א. מעד. אינסטיטוציעס פון געזונטהייטס־אַמט.

נאָכדעם, ווי אַ גרויסער טייל ייִדן איז פון געטאָ אַריבערגעפירט געוואָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן בשכנות פון קאָוונע און אין דער פּראָווינץ, זיינען אין די לאַגערן איינגעאָרדנט געוואָרן קראַנקן־צימערן פאַר די לייכטערע חולאים. די שווער־קראַנקע פלעגן געבראַכט ווערן אויף באַהאַנדלונג אין געטאָ־שפּיטאָל.

דאָס שפּיטאָל, וואָס האָט בסך־הכל פאַרמאָגט ניט מער ווי עטלעכע צענדליק בעטן און האָט געדאַרפט באַדינען אַ 15 טויזנט נפשות, איז געווען איינער פון די נוציקסטע געטאָ־מוסדות. אין פּרט פון דערמעגלעכן דעם שווערן ייִד. חולא צו באַקומען אַ קלינישע באַהאַנדלונג, האָט דאָס שפּיטאָל דערפילט אַ זייער וויכטיקע פונקציע.

## ב) אַ מ ב ו ל אַ ט אָ ר י ע

אַחוץ דעם שפּיטאָל האָט דאָס געזונטהייטס־אַמט אויך פאַרמאָגט אַ גוט־אָוועקגעשטעלטע אַמבולאַטאָריע, וווּ ס'האָבן עקזיסטירט אָפּטיילונגען פאַר פאַר־שיידענע קראַנקייטן (אינערלעכע, כירורגישע, אויגן, נאָז־און האַלדז, פרויען, קינדער א. א. וו.). ס'איז אויך געווען טעטיק אַ קאַבינעט צו קורירן ציין. אָט די אַלע אַמבולאַטאָריע־אָפּטיילונגען פלעגן טאָג־טעגלעך באַזוכט ווערן מצד צענדלי־קער פּאַציענטן, וואָס פלעגן דאָרטן באַקומען די נויטיקע מעדיצינישע הילף.

אין יאָר 1942, ווען דער תחום פון געטאָ איז געווען לפי־ערך גרויס, זיינען אין עטלעכע טיילן פון געטאָ איינגעאָרדנט געוואָרן מעד. פּונקטן, וואָס זיינען געווען פיליאַלעס פון דער צענטראַלער אַמבולאַטאָריע. די דאָזיקע מעד. פּונקטן האָבן פאַרלייכטערט דער געטאָ־באַפעלקערונג צוצוקומען צו מעדיציני־שער באַהאַנדלונג. בימי געקע זיינען די דאָזיקע מעד. אינסטיטוציעס געוואָרן ליקווידירט, ווייל דער תחום פון געטאָ איז דאַן געוואָרן אַרומגעשניטן.

## ג) מ ע ד. פּ ו נ ק ט ן  א י ן  אַ נ ד ע ר ע  ג ע ט אָ ־ מ ו ס ד ו ת

אויסער די אויבנדערמאָנטע מעד. אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהערט צום געזונטהייטס־אַמט, זיינען אין געטאָ אויך געווען טעטיק אייניקע אַנדערע מעד.

אנשטאַלטן, וואָס זיינען געשטאַנען אין רשות פון אַנדערע געטאָ־מוסדות און האָבן אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן געזונטהייטס־אַמט.

ווי געזען, האָט ביים אַרבעטס־אַמט עקזיסטירט אַ מעדיצינישע אָפּטיילונג, וואָס האָט געהאַט צו אָרדנען די מעד. ענינים פון דער אַרבעטס־פליכטיקער באַפעלקערונג.

אַחוץ דער מעדיצינישער אָפּט. ביים אַרבעטס־אַמט איז, ווי שוין דערמאָנט, אין איטלעכער גרעסערער אַרבעטס־שטעלע אויפן אַעראָדראָם און אין שטאָט געווען טעטיק אַ סאַניטאַרער פּונקט, כדי צו געבן מעד. הילף די ייִד. אַרבעטנדי־קע אין פאַל פון אַן אומגליק בעת דער אַרבעט.

אויך די גרויסע געטאָ־ווארשטאַטן האָבן פאַרמאָגט אַ סעפּאַראַטן מעד. פּונקט, וואָס האָט באַדינט די פּאָר טויזנט מענער און פרויען, וועלכע האָבן גע־אַרבעט אין די ווארשטאַטן. דער דאָזיקער פּונקט איז געווען אונטערגעוואָרפן דער ייִד. ליטונג פון די געטאָ־ווארשטאַטן.

סיי די מעד. אָפּטיילונג ביים אַרבעטס־אַמט, סיי דער מעד. פּונקט אין די געטאָ־ווארשטאַטן האָבן צוזאַמען באַדינט כמעט צוויי דריטל פון דער אַלגע־מיינער צאָל געטאָ־ייִדן. מחמת דעם האָבן זיי אין געזונטהייטס־וועזן געשפּילט אַ חשובע ראָלע.

## ד) אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט

ביים געזונטהייטס־אַמט האָט אויך עקזיסטירט אַן אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט, וואָס האָט פיל מיטגעהאָלפן אויפצוהאַלטן די זויבערקייט פון דער געטאָ־באַ־פעלקערונג. אינעם דאָזיקן געטאָ־מוסד, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אַדאַנק ייִד. איניציאַטיוו, פלעגט דער ייִד קענען זיך גוט אויסבאָדן און פאַראייִנס אויס־רייניקן זיינע בגדים פון לייז א. א. פּאַראַזיטן. די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פלעגט מצד דער ייִד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע אויף דעם צוועק פון צייט־צו־צייט באַקומען אורלויבן פון דער אַרבעטס־פליכט.

## ה) משוגעים־הויז

אין רשות פונעם געזונטהייטס־אַמט האָט זיך אויך געפונען דאָס משוגעים־הויז, וווּ ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע צענדליק גייסטיק־קראַנקע מענער און פרויען. אינדערצייט פון דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע זיינען אָט די אַלע חולאים אַרויסגעפירט געוואָרן אויף פאַרניכטונג. צווישן די קרבנות איז דאָן אויך געווען פראָפ. שמעון בעלאַצקין *).

*) ז. „געטאָ־געריכט“.

=XXX=

כדי צוצוגרייטן אַ קאַדר געשולטע קראַנקן=שוועסטער, האָט דאס געזונט=
הייטס=אמט געהאט אָרגאַניזירט קורסן פאר מעד. שוועסטער. אין די דאָזיקע
קורסן האָבן געהאט זיך געלערנט עטלעכע צענדליק צוהערערינס, וואָס זיינען
דערנאָך געווען טעטיק ביי זייער באַרוף אין שפּיטאָל א. א. מעד. אנשטאַלטן.

* * *

הגם אויך דאס געזונטהייטס=אמט איז ניט געווען פריי פון פּראָטעקציאָניס=
טישע פארקריפּלונגען, האָט עס דאָך געהאט צו פארצייכענען קענטיקע אויפטוען
לטובת דער געטאָ=באַפעלקערונג. אין די ראמען פון די זייער=באַשרענקטע געטאָ=
מעגלעכקייטן האָבן די אינסטיטוציעס פון געזונטהייטס=אמט געטאָן אַ דורכאויס
נוציקע ארבעט. דאָס, וואָס דער געטאָ=ייד האָט געקענט, לפי=ערך, לייכט צוקו=
מען צו מעדיצינישער הילף, איז געווען פון גאָר=גרויסער באַדייטונג.

בראש פון געזונטהייטס=אמט איז געווען דר. זאַכאַרין. וועגן זיין שענד=
לעכער ראָלע אלס לייטער פון קראַנקן=רעוויר אין די ארבעטס=לאגערן פון דאַ=
כאַוער קאצעט זיינען מערערע פּרטים שוין איבערגעגעבן פריער *). ער איז
אויך געווען לייטער פון געטאָ=שפּיטאָל.

נאָכן ליקווידירן די „אויטאָנאָמע“ ייד. געטאָ=מוסדות, איז אויך די טעטיקייט
פון געזונטהייטס=אמט געוואָרן זייער איינגעשרומפּט. דער באַשטימטער ס. ס.=
קאָמיסאר פארן שפּיטאָל איז גלייכצייטיק געווען דער ממונה צו „אָרדנען“ דאס
געזונטהייטס=וועזן פון דער באַפעלקערונג אין געטאָ און אין די ארבעטס=לאגערן.

אין שפּיטאָל, אין די אמבולאטאָריעס א. א. מעד. אינסטיטוציעס זיינען גע=
ווען טעטיק (אַחוץ די געלעגנהייטלעך=דערמאָנטע) פאָלגנדיקע דאָקטוירים:

צאָן=דר. אַקאַבאַס, דר. בערמאַן, דר. בראַונז, פּר. דר. באַר=ווישטאַנעצקי,
דר. גאָלדשטיין, צאָן=דר. גריליכעס, פּרל. דר. יאָכעלסאָן, צאָן=דר. לוריע, דר.
גרינבערג, דר. סעגאַל, דר. ג. עלקעס, פּר. דר. גורוויטש=עליאַשקעוויטש, דר. פּער=
ציקאָוויטש, דר. קאופמאַן, דר. קאַץ, פּר. דר. קאַפּלאַן, דר. קליבאַנסקי, דר. קלע=
באנאָוו, דר. קאַגאַן, צאָן=ד׳רין קאַגאַן, פּר. דר. ראָזענבלום (אַלע באַפרייט געוואָרן
אין די קאַצעטן אין דייטשלאנד); דר. גערשטיין, צאָן=דר. גליקמאַן, פּראָפ. לאַ=
זערסאָן (אַלע אומגעקומען אין דאכאו); דר. בלומבערג (אומגעקומען אין עסט=
לאנד); פּרל. דר. קאַמבער (געווען פארשלעפּט קיין עסטלאנד און באַגאַנגען זעלבסט=
מאָרד אין אַ לאַגער); דר. אָרליאנסקי, פּר. דר. גאָלאַך, דר. גורוויטש, פּר. דר.
טאַנקעל, דר. זאַלצבערג, דר. מאַטיס**), דר. יאַקאַן, דר. פעלדשטיין, דר. צייטל

*) ז. „גורל פון די דעפּאָרטירטע יידן“.

**) זיין פאָטער, דר. משה מאַטיס, געשטאָרבן אין געטאָ זומער 1941.

צאָן־ד׳רין שטיין (אַלע אומגעקומען בעת דער דעפּאָרטאַציע); דר. אייזנשטאַט (געשטאָרבן ביי אַ קריסט אין אַ מאַלינע); דר. אַבראַמאָוויטש, דר. איפּ, צאָן־ד׳רין אָליצקי, דר. בלאַסבערג, צאָן־ד׳רין ליבאָוויטש־גאָלדשמידט, דר. ווידומשינסקי, צאָן־ד׳רין מאַרגאָליס, צאָן־ד׳רין נעמענטשיק, דר. ריכמאַן (אַלע זיך געראַטעוועט פאַר און בעת דער געטאָ־ליקווידאציע) א. א.

פון די קראַנקן־שוועסטערס אין די מעד. אינסטיטוציעס איז נויטיק צו דער־מאָנען: פּר. לעווין (אומגעבראַכט געוואָרן אין שטוטהאָף); ד. איגדאַלסקי (גע־שטאָרבן נאָך דער באַפרייאונג); ר. גלאַגאָווסקי, ר. ליפשיץ, ב. ליפשיץ־וויינער, פּר. גאָץ, ר. סלאָווע, אינגעל, ר. שאַפּיראָ, פּר. סודאַק־קאַץ (אַלע פריי געוואָרן אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד); ר. עפשטיין, א. סטרעליץ, ז. טינט (אַלע געווען ביי די פּאַרטיזאַנער און דערלעבט די באַפרייאונג); ח. לייבאָוויטש, שעוויץ, פלינק־יאַסעלעוויטש, קראָק (אַלע זיך געראַטעוועט בעת דער געטאָ־דעפּאָרטאַציע) א. א.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי איבערצוגעבן, אַז צוויי קאָוונער דאָקטוירים, דר. נ אַ ב ר י ס ק י און דר. וו אָ ש ט ש י ן, זיינען גלייך נאָך דער גרויסער אַקציע סוף 1941 געווען אוועק אין שטאָט, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ קריסט אין אַ גרוב. בעת אַ געשטאַפּאָ־קאָנטראָל אין יענעם ראַיאָן זיינען זיי זומער 1943 אַנטדעקט געוואָרן און מ׳האָט זיי געהאַלטן ביים אומברענגען. אַדאַנק די באַמי־אונגען מצד דר. עלקעס, ליפּצער א. א. פערזאָנען איז ענדלעך געלונגען זיי צו ראַטעווען פון טויט און צוריקברענגען אין געטאָ. אלס „מאָטיוו" פאַר געשטאַפּאָ, פאַרוואָס מ׳דאַרף דוקא די דאָזיקע דאָקטוירים האָבן אין געטאָ איז צוו. אנד. געווען אָנגעגעבן אויך דאָס, וואָס זיי זיינעןביידע גינעקאָלאָגן, און זיי זיינען זייער נויטיק פאַרן געטאָ בשייכות מיטן באַפעל פון דער מאַכט, אַז אַלע שוואַנגערע ייד. פרויען זיינען מחויב צו מאַכן אַבאָרטן. דר. נאַבריסקי איז באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו, און דר. וואָשטשין האָט זיך געראַטעוועט דורכן אוועקגיין פון געטאָ אַ קורצע צייט פאַר דער דעפּאָרטאַציע.

# סאָציאַל־אַמט

מאַטעריעלע נויט ביי גרויסע טיילן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. — גריגדונג פון סאָציאַל־אַמט און זיין טעטיקייט.

נאָכדעם, ווי די ערשטע כוואַליע מאסן=עקסצעסן קעגן דער אומבאַהאָלפע= ער ייד. באַפעלקערונג איז געווען פארביי, איז פאר די יידן, וואָס האָבן געהאט אם אומגליק ארונטערצופאלן אונטער דער נאַצישער הערשאַפט, קלאָר געוואָרן, ז ס׳שטייען זיי פאָר חוץ אלעמען אויך גרויסע מאטעריעלע נסיונות. די כלערליי יטווישע מעסער=העלדן, וואָס האָבן אפילו אין חלום זיך ניט געקענט פאָרשטעלן זאַ „גליקלעכע" צייט, מ׳זאָל קענען פראנק=און פריי מאָרדן יידן און בארויבן ייער אייגנטום, האָבן אין די ערשטע בהלה=טעג זיך געמיט וואָס=מער אויסצונוצן י שעת=הכושר.

יידישע פראַצע, וואָס איז פארהאָרעוועט געוואָרן במשך לאנגע יאָרן, איז הרף=עין אריינגעפאלן אין די הענט פון די ליטווישע יידן=רוצחים. אין אָט יענע רויזאמע טעג, ווען ס׳האָט פאר יעדן יידן בפועל=ממש זיך געהאנדלט וועגן לעבן און טויט, איז, פארשטייט זיך, ניט געלעגן אין זינען די פראגע פון יאָ אָדער ניט ארלירן דאס אייגנטום. די איין=און איינציקע זאָרג איז בשעתו געווען: ווי לעבט ען אדורך דעם פארניכטונגס=שטורעם?..

נאָך דער גרינטלעכער באַרויבונג פון ייד. האָב=און גוטס אין אויגוסט=סעפ= טעמבער 1941 זיינען צו די הונדערטער אומבאַמיטלטע עלעמענטן, וואָס זיינען וועז איינגעקווארטירט אין די קהל׳שע רעזערוואטן, צוגעקומען טויזנטער פול= טענדיק=פאראָרעמטע יידן, וואָס האָבן ביזן מלחמה=אויסברוך געמאכט אַ גאַנץ יינעם לעבן. אינדערצייט, ווען די פראָפעסיאָנעלע קבצנים האָבן זיך ניט זשע= ירט און געמאָנט ביים ייד. קאָמיטעט סאָציאלע תמיכה, האָבן די פאראָרעמטע אַלעבאַטישע משפחות געליטן און געשוויגן.

די אומאויפהערלעכע מאסן=אקציעס נאָך דער בארויבונג פונעם ייד. אייגנ= ום האָבן ווידעראמאָל אוועקגעשטעלט אין פאָדערגרונט פיל=ערנסטערע פראָב=

לעמען, ווי דאגות־חיונה. צי איז דען מעגלעך געווען צו טראכטן וועגן דעם, וואָס שוין חדשים־לאַנג פאַרדינט מען ניט קיין גראָשן, אינדערצייט ווען וואָד־איין, וואָד־אויס זיינען פון געטאָ ארויסגעריסן געוואָרן אויף אומקום טויזנטער יידן?!

די גרויסע אקציע, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך דעם הויך־פונקט פון די מאַסן־שחיטות אין געטאָ, האָט די ניצול־געוואָרענע יידן אזוי שטארק דעפּרימירט, אַז אַ געוויסע צייט נאָך אָט דער ריזיקער בלוט־באָד איז קיינעם אין קאָפּ ניט גע־לעגן די זאָרג, ווי אַזוי צו קענען מאטעריעל עקזיסטירן. איטלעכער געטאָ־ייד האָט זיך דאן באטראכט ווי אַ קאַנדידאט אויף אַ נייער אקציע, וואָס דארף היינט־מאָרגן קומען...

אָבער מיט דער גרויסער אקציע איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן די ערשטע סעריע מאסן־פארניכטונגען און ס'איז אָנגעקומען אַ, לפי־ערך, רואיקע תקופה. די אויסשעפּנדיקע צוואנגס־ארבעט אויפן ארעאָדראָם, ווו ס'האָבן דורך טאָג און נאכט געארבעט טויזנטער יידן; דער הונגער און כמו־הונגער אין פיל געטאָ־הייזער; דער מאנגל אין בגדים און שוכווארג א. א. מאטעריעלע פּלאָגענישן פאר אַ היפּשער צאָל געטאָ־יידן — האָט אקטועל געמאכט די גרינדונג פון אַ ספּעציעלן מוסד, וואָס זאָל כאָטש וויפיל־ניט־איז לינדערן די מאטעריעלע נויט פון די אומ־באמיטלטע שיכטן. דאס בשעתו־געשאפענע סאָציאַל־אמט האָט עס געזאָלט אויס־פילן דעם אויבנדערמאָנטן בלויז אינעם געטאָ־לעבן.

* * *

דאָס סאָציאַל־אמט איז געגרינדעט געוואָרן נאָך דער גרויסער אקציע. צו דער גרינדונג פון אָט דעם מוסד האָט מיטגעווירקט פאָלגנדיקע סיבה:

ווי געזאָגט, האָבן פיל געטאָ־יידן געפּרוווט פארכאַפּן די זאכן פון לחלוטין־פרעמדע מענטשן, וואָס זיינען אוועקגעריסן געוואָרן בעת דער אקציע. מיט דער הסכמה פון יאָרדאַנען, דעם רעפערענט פאר געטאָ־ענינים אין שטאָט־קאָמיסאַר־יאַט, האָט דער עלטעסטן־ראט באשלאָסן די זאכן פון די ארויסגעפירטע יידן, וועלכע האָבן ניט איבערגעלאָזן אין געטאָ קיין נאָענטע קרובים, איבערצונעמען אין רשות פון דער געטאָ־אדמיניסטראציע, כדי, זיי צו פארטיילן פאר די אומ־באַמיטלטע עלעמענטן. אין דער ערשטער ריי האָבן אין דעם זיך גענויטיקט ניט ווייניק ארעאָדראָם־ארבעטער, וואָס האָבן געהאט אודרכצוטראָגן דעם שווערן יאָך פון עבודת־פּרך. דאס אָרדנען די ענינים פון סאָציאַלער־אונטערשטיצונג איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם געשאפענעם סאָציאַל־אמט.

מיט דער הילף פון דער ייד. געטאָ־פּאָליצײ איז אין די מאגאזינען פון סאָ־ציאַל־אמט צונויפגעזאמלט געוואָרן אַ היפּשער סכום בעטגעוואנט, וועש, בגדים, שוכווארג און שטוביקע חפצים, וואָס האָבן געהערט צו די ארויסגעפירטע יידן.

נאָכדעם, ווי די בעסערע זאכן און חפצים זיינען אָפּגעקליבן געוואָרן אויף „מתנות” פאר די נאציישע געטאָ־באַלעבאַטים א. א. הצטרכותן פונעם עלטעסטן־ראט, איז דאס איבעריקע ביסלעכווייז פארטיילט געוואָרן פאר די נויטבאדערפטיקע יידן אויפן סמך פון אינדיווידועלע בקשות.

אחוץ דער אונטערשטיצונג אין זאכן, פלעגט דאס סאָציאַל־אמט פון צייט־צו־צייט ארויסגעבן פאר די אומבאמיטלטע יידן צו ביסל שפייז־פּראָדוקטן, וואָס פלעגן אויף דעם צוועק באַקומען ווערן מצד דעם פארפלעגונגס־אמט א. א. ווירט־שאפטלעכע געטאָ־אינסטיטוציעס. ווען־ניט־ווען פלעגט דאס סאָציאַל־אמט באקומען עפּעס צוגעוואָרפן פון די פּראָדוקטן, וואָס פלעגן קאָנפיסקירט ווערן ביי די יידן בעת דער קאָנטראָל ביי די געטאָ־טויערן. אַ געוויסע צייט פלעגן די ארבעטער פון די בעסערע שטאָטישע ארבעטס־בריגאדעס סיסטעמאטיש זיך באשטייערן מיט געלט־נדבות אָדער שפייז־פּראָדוקטן לטובת דעם סאָציאַל־אמט.

זומער 1942 האָט דאס סאָציאַל־אמט געגרינדעט אַ קיך, ווו די אומבאַ־מיטלטע פלעגן עסן מיטאָג. דאס עסן איז בעיקר באשטאנען פון אַ געמיזע־זופּ אָן פעטס אָדער פלייש. צייטנווייז פלעגט אין געקעכטס אויך זיין אַ ביסל ביינער פון פערדן־פלייש. ברויט צו מיטאָג פלעגט יעדער איינער דארפן מיטברענגען פון דער אייגענער ברויט־ראציאָן. וועגן דער נארהאפטיקייט און אַפּעטיטלעכקייט פון אַזאַ „מיטאָג”, איז געוויס איבעריק צו ריידן...

אַ געוויסע צייט האָט דאס סאָציאַל־אמט געהאט אן אייגענע בעקעריי. דער פארדינסט פונעם געבאַקענעם ברויט פלעגט פארווענדעט ווערן אויף אונטערשטיצונגען. דאס סאָציאַל־אמט פלעגט אויך ארויסגעבן „צעטעלעך” צו דער אפטייק, אמבו־לאַטאָריע, קליינע געטאָ־ווארשטאטן א. א. געטאָ־אינסטיטוציעס, וואָס פלעגן אומאָפיציעל נעמען געלט־אָפּצאָלן, מען זאָל פאר די נויטבאדערפטיקע יידן זייערע ענינים דערלייידיקן אומזיסט. זומער־צייט פלעגן די אומבאמיטלטע באקומען צו ביסל גרינס פון דער געטאָ־גערטנעריי, און ווינטער — ווען־ניט־ווען צו בינטל האָלץ.

* * *

רעזומירנדיק וועגן דער ראָלע פון סאָציאַל־אמט אין געטאָ־לעבן מוז מען קומען צום אויספיר, אַז, בכלל גענומען, זיינען זיינע אויפטועס געווען זייער באַ־שיידענע. די דאָזיקע אינסטיטוציע, וואָס האָט געדארפט לינדערן די סאָציאַלע נויט אין געטאָ, האָט איר אויפגאבע דערפילט אין אַ זייער־באשרענקטער מאָס. דאס לאָזט זיך דערקלערן ניט נאָר מיטן מאנגל פון ברייטערע רעסורסן, נאָר אויך מיט דעם, וואָס די בעסערע קאָנפיסקירטע זאכן און חפצים — דער מאטעריעלער יסוד פון סאָציאַל־אמט — זיינען באשטימט געוואָרן אויף גאנץ אנדערע צוועקן.

און דער אָרעמער געטאָ=ייד פלעגט באַקומען כמעט ווי שמאַטעס. גיט מען נאָך אַלעמען צו, אַז אויך דאָרט האָט, ווי אין אַלע אַנדערע געטאָ=אינסטיטוציעס, געהערשט ביוראָקראַטיזם און, ווי מ'האָט גערעדט, אפילו געוויסע מיסברויכן — ווערט קלאָר, ווי מינימאַל ס'איז דער אַקטיוו פון סאָציאַל=אַמט. האָט טאַקע דערפאַר אָט דער געטאָ=מוסד ביים נויטבאַדערפטיקן עולם ניט געהאַט קיין צו גוטן נאָמען...

ווען דער מאַטעריעלער מצב פון דער געטאָ=באַפעלקערונג איז זינט זומער 1942 געוואָרן פאַרבעסערט, איז דער באַדייט פון סאָציאַל=אַמט שטאַרק פאַרמינערט געוואָרן. פיל אַרעאָדראָם=אַרבעטער, וואָס פלעגן אָנקומען צו סאָציאַלער הילף, זיינען דאַן אַריבערגעפירט געוואָרן צו אַרבעטן אין שטאָט=בריגאַדעס, און די פראַגע פון „מאַכן אַ לעבן" איז פאַר זיי געוואָרן טיילווייז געלייזט. די הויפּט=קליענטן פון סאָציאַל=אַמט זיינען דאַן געווען נאָר די עלטערע און ניט=אַרבעטנדיקע עלעמענטן פון דער געטאָ=אָרעמקייט.

בשייכות מיטן אַריבערפירן גרויסע סכומים יידן אין די אַרבעטס=לאַגערן, וווּ דאָס לעבן איז געווען ניט אין ערך שווערער, ווי אין געטאָ גופא, איז ווידעראַמאָל אַקטועל געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַלער הילף. צו יענער צייט זיינען מצד דעם סאָציאַל=אַמט (ביי דער מיטהילף פון אַרבעטס=אַמט) אַדורכגעפירט געוואָרן אייניקע זאַמלונגען פון בגדים, וועש, שוכוואַרג א. א. וו. לטובת די נויטבאַדערפטיקע אין די אַרבעטס=לאַגערן.

בעת דער ליקווידאַציע פון די געטאָ=מוסדות אין די לעצטע חדשים פון דער געקע=תקופה איז דאָס סאָציאַל=אַמט געבליבן אויך ווייטער עקזיסטירן. פּראַקטיש האָט דאַן זיין טעטיקייט ניט געהאַט קיין באַדייט. אויך דעם אומבאַמיטלטן געטאָ=ייד האָבן דאַן, ערב דעם אָנקומענדיקן געטאָ=קריזיס, אינטערעסירט לחלוטין אַנדערע פּראָבלעמען, ווי סאָציאַלע הילף...

בראש פונעם סאָציאַל=אַמט איז לכתחילה געווען דר. ס ע ג אַ ל *), שפּעטער=צו ש אַ ו כ ע ט (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס האָבן דאָרטן פאַרנומען: י ע ג ל י ן (פריי געוואָרן אין דאַכאַו), ש. ג אָ ל ד ש ט י י ן (זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ קריסט אין פּראָווינץ) א. א.

אין דער ערשטער תקופה פון סאָציאַל=אַמט האָבן דאָרטן אויך געאַרבעט: אַדוו. ג י ר ש אָ ו י ט ש **), אַדוו. ק אָ ז י אָ ל (אומגעקומען אין עסטלאַנד), ד. ט ר ע ג ע ר ***), ש. ג ל אַ ט (פריי געוואָרן אין דאַכאַו), ש מ ע ר ק אָ ו י ט ש (אומגעקומען בעת דער געטאָ=ליקווידאַציע) א. א.

---

*) ז. „געזונטהייטס=אַמט".

**) ז. „אַרבעטס=אַמט".

***) ז. „קליינע געטאָ=וואַרשטאַטן".

# סטאַטיסטישער אַמט

אַנטשטייאונג פון סטאַטיסטישן אַמט און אַדרעסן־ביוראָ. — גרינדונג פון „שטאַנדעס־אַמט". — פרווו פון אומלעגאַלער בריוו־פאַרבינדונג צווישן קאָוונער א. א. געטאָס. — פאַרווענדונג פון די מאַטעריאַלן פון סטאַטיסטישן אַמט.

I

אין דער אייגנאַרטיקער סטרוקטור פון דער ייד. געטאָ=אדמיניסטראציע האָט אַ קענטיקן אָרט פאַרנומען אויך דאס סטאַטיסטישע אמט. ווי ס'רוב געטאָ=מוסדות, איז אויך דאס דאָזיקע אמט אנטשטאַנען אין דער ערשטער תקופה פון דער געטאָ=עקזיסטענץ — סוף=זומער 1941.

אין דער ערשטער העלפט סעפטעמבער 1941 איז מצד דעם יעמאלטיקן ראַטגעבער פאר ייד. ענינים ביים שטאָט=קאָמיסאריאט, דעם טרויעריק=באַרימטן ליטווינער קאַמינסקאַס, פאַראָרדנט געוואָרן אדורכצופירן אַן אַלגעמיינע רעגיסטראַציע פון דער געטאָ=באַפעלקערונג. די אדורכגעפירטע רעגיסטראַציע האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין געטאָ זיינען פאראַן קרוב 30 טויזנט נפשות. די אָנפירנדיקע פערזאָנען פון אָט דער פאָלקס=ציילונג האָבן געבילדעט דעם קערן פארן שפעטער=געגרינדעטן סטאַטיסטישן אַמט.

ווען די ייד. פאָליציי האָט גענומען אָרגאַניזירן איר אַפּאַראַט, כדי איינצואָרדנען די פאָליצייאישע ענינים, איז איר קודם=כל נויטיק געווען צו האָבן אַ גענויע קאַרטאָטעק פון אלע געטאָ=איינוווינער. אין אָקטאָבער 1941 איז די אויפגאַבע פון צוזאמענשטעלן די קאַרטאָטעק איבערגעגעבן געוואָרן דעם סטאַטיסטישן אמט.

צו יענער צייט, ד. ה. אין הארבסט 1941, איז פונעם סטאטיסטישן אמט אויסגעטיילט געוואָרן אַ ספעציעלע אדרעסן=ביוראָ א. נ. „איינוווינער=נאַכווייזע=אַמט", וואָס איז געווען אונטערגעוואָרפן דער לייטונג פון דער געטאָ=פאָליציי. הגם דאס אדרעסן=ביוראָ איז געווען אַ כמו=זעלבסטשטענדיקע געטאָ=אינסטיטוציע, איז עס דאָך געווען ענג געבונדן מיטן סטאַטיסטישן אמט.

די פאַרניכטונגס־אַקציעס, וואָס האָבן אומאויפהערלעך געבושעוועט במשך די ערשטע חדשים פונעם געטאָ־קיום, האָבן צוו. אנד. אויך צוגישט־געמאַכט די מיט אַזוי פיל מי פונאַנדערגעאַרבעטע מאַטעריאַלן פונעם סטאַטיסטישן אַמט און אַדרעסן־ביוראָ. בפרט האָבן אָט די אַלע סטאַטיסטישע ידיעות און ציפער אָנגעוואָרן זייער ווערט בשייכות מיט דער גרויסער אַקציע, ווען ס'זיינען במשך איין טאָג אַרויסגעפירט געוואָרן אויף פאַרניכטונג איבער 10 טויזנט יידן.

איינע פון די דרינגענדיקסטע אַרבעטן פון סטאַטיסטישן אַמט און אַדרעסן־ביוראָ נאָך דער גרויסער אַקציע איז דעריבער געווען אַדורכצופירן אַ נייע רעגיסטראַציע פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. די דאָזיקע רעגיסטראַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1941, האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין געטאָ זיינען בסך־הכל פאַרבליבן העכער 16 טויזנט נפשות. אויפן סמך פון אָט דער רעגיסטראַציע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נייע קאַרטאָטעק פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

כדי דאָס אַדרעסן־ביוראָ זאָל שטענדיק זיין אין בילד וועגן די ענדערונגען פון די אַדרעסן פון די געטאָ־איינוווינער, איז מצד דער געטאָ־פּאָליציי פּובליקירט געוואָרן אַ פליכט־פאַראָרדנונג וועגן זיך איינמעלדן און אויסמעלדן אין די פּאָליציי־רעוווירן, אין פאַל פון ענדערן די דירה. שפּעטער־צו, ווען די באַפעלקערונג האָט באַקומען געטאָ־פּעסער, פלעגט די פּאָליצייאישע איינמעלדונג אָפּגעשטעמפּלט ווערן אויף דער אַנדער זייט פון געטאָ־פּאַס *).

* *
*

אין 1942 איז ביים אַדרעסן־ביוראָ געגרינדעט געוואָרן אַ „שטאַנדעס־אַמט" צו רעגיסטרירן די דעמאָגראַפישע באַוועגונג פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, ווי געבורטן, טויט־פאַלן, חתונות א. א. וו.

צו יענער צייט פלעגן אין געטאָ פאָרקומען, לפי־ערך, פיל חתונות. בפרט זיינען געווען נוטה חתונה צו האָבן יינגערע פרויען, וועמענס מענער ס'זיינען אַוועק מיט די אַקציעס ביז דער גרינדונג פון געטאָ אָדער שפּעטער. די דאָזיקע פרויען האָבן מורא־געהאַט צו זיין אָן מענער, ווייל בעת די אַקציעס פלעגן פיל אַזעלכע אַליינשטייענדיקע פרויען אַוועקגיין אויף פאַרניכטונג. אַגב, פלעגן אויך פאַר דער ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע יונגע און משפחה'לאָזע מענער און פרויען זיין די ערשטע קאַנדידאַטן פאַר די כלערליי איבערזידלונגען אין די אַרבעטס־לאַגערן מחוץ דעם געטאָ. אַלץ צוזאַמען האָט באַוועגט פיל יונגע מענטשן חתונה צו האָבן. אַלס „נדן" פלעגט ביי אַזעלכע „געטאָ־חתונות" זיך רעכענען: אַז אַר־

*) ז. רעפּראָדוקציע פון אַ געטאָ־פּאַס.

בעמס־פלאץ ערגעץ־ווו אין אַ סטאַבילער און גוטער בריגאַדע, אַ פּאָסטן אין געטאָ־אַפּאַראַט א. א. ענלעכע „גאַראַנטיעס“ פאַרן שוץ און זיכערקייט פונעם בידנעם געטאָ־מענטשן...

אין דער ערשטער תקופה פון געטאָ־קיום איז אויך געווען צו מערקן אַ היפּשע צאָל געבורטן. די דאָזיקע דערשיינונג לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס פיל פרויען האָבן געהאַט פאַרשוואַנגערט פאַרן מלחמה־אויסברוך און געבוירן האָבן זיי שוין זייענדיק אין געטאָ. וואָס־ווייטער איז אָבער די צאָל געבורטן אַלץ מער געזונקען, ביז דער פאַרבאָט פון שוואַנגערשאַפט (זומער 1942) האָט גורם געווען דערצו, קיין געבורטן אין געטאָ זאָלן בכלל ניט פאַרקומען.

וועגן דער שטערבלעכקייט אין געטאָ איז שוין באַטאָנט געוואָרן, אַז מחמת דעם, וואָס בעת די פאַרניכטונגס־אַקציעס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פיל עלטערע און שוואַכערע מענטשן, איז אין געטאָ געבליבן ס'רוב אַ ייִנגערער און געזינטערער עלעמענט. אחוץ די נאַטירלעכע טויט־פאַלן איז דעריבער די שטערבלעכקייט צווישן די געטאָ־ייִדן געווען, פאַרהעלטנישמעסיק, ניט קיין צו גרויסע.

* *
*

צו דער געשיכטע פונעם סטאַטיסטישן אַמט געהערט אויך פאָלגנדיקער עפּיזאָד:

אַ געוויסע צייט נאָך דער גרויסער אַקציע איז דעם געטאָ געלונגען איינצושטעלן אַן אומלעגאַלע בריוו־פאַרבינדונג צווישן קאָוונער געטאָ און די געטאָס אין ווילנע, שאַוול און שפּעטער־צו אויך אין ריגע, וווּהין ס'זיינען אָנהויב־פעברואַר 1942 פאַרשלעפּט געוואָרן אַ 5 הונדערט קאָוונער ייִדן. דער בריוו־אויסטויש איז מעגלעך געווען אַדאַנק דער מיטהילף פון אייניקע צופאַרלעסיקע קריסטן, וואָס פלעגן דערפאַר באַקומען אַ מאַטעריעלע באַלוינונג. מיט דער אומלעגאַלער „געטאָ־פּאָסט“ האָבן זיך מתעסק געווען אייניקע מענטשן פון סטאַטיסטישן אַמט און דער סעקרעטאַר פון עלטעסטן־ראַט. פאַר די געטאָ־ייִדן, וועמענס משפחה־מיטגלידער ס'האָבן זיך געפונען אין די אָנגעוויזענע געטאָ־ישובים, האָט, פאַרשטייט זיך, די מעגלעכקייט פון קאָרעספּאָנדירן געהאַט אַ גרויסן באַדייט.

פרילינג 1942 איז אַ פּעקל בריוו צופעליק אַריינגעפאַלן אין די הענט פון קאָוונער־געשטאַפּאָ, וואָס האָט אַלס פועל־יוצא פון דער אויספאָרשונג אַרעסטירט דעם סעקרעטאַר פון עלטעסטן־ראַט, אַדוו. בערנשטיין, דעם מיטאַרבעטער פון סטאַטיסטישן אַמט אַדוו. כייקין און א. זילבערמאַן, אַן אַרבעטער פון דער ייִד. בריגאַדע ביי דער באַן. נאָכן אָפּזיצן אייניקע וואָכן אין געשטאַפּאָ, איז געלונגען די מענטשן צו באַפרייען און דעם גאַנצן ענין צו פאַררייבן. מיטגע־

האָלפן דערביי האָבן די אייניקע יידן, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו געשטאַפּאָ, ווי אויך די פּעטע יידישע שוחד־מתנות.

נאָך אָט דעם דורכפאַל איז די אומלעגאַלע „פּאָסט" אין געטאָ געוואָרן ליקווי־דירט. פון יעמאָלט אָן איז שווער־געווען איבערצושיקן א בריוול אין די אנדערע געטאָ־ישובים.

* *
*

די באַארבעטע מאַטעריאַלן פונעם סטאַטיסטישן אמט פלעגן פאַרן עלטעסטן־ראַט און זיינע מוסדות אין א געוויסער מאס דינען אַלס אנהאַלטס־פונקט ביים פעסטשטעלן די ריכטליניעס פון זייער טעטיקייט. בפרט זיינען אזעלכע מאַטע־ריאַלן געווען וויכטיק פאַרן ייד. ארבעטס־אמט ביים רעגולירן דאָס אָנגעוויי־טיקטע פּראָבלעם פון צוואַנגס־ארבעט. האָבנדיק פאַר זיך גוט־באַארבעטע סטאַטיסטישע ידיעות, פלעגט דאָס אַרבעטס־אַמט קענען זיך אָריענטירן, ווי צו מאַניפולירן מיט דער אַרבעטס־פעאיקער פון דער כאַפּעטיקער פּאַרקען, וואָס האָבן געבילדעט ביי 60% פון דער אַלגעמיינער געטאָ־באַפעלקערונג. די אָנגאַבעס פון סטאַטיסטישן אמט פלעגן אויך פאַרוועגדעט ווערן מצד דעם עלטעסטן־ראַט פאַר זיינע חודשלעכע טעטי־קייטס־בערייכטן צום קאָוונער שטאָט־קאָמיסאַר, אין וועמענס רשות דאָס געטאָ האָט זיך געפונען זינט דער גרינדונג ביז די צייטן פון געקען.

דאָס אדרעסן־ביוראָ האָט אויך געהאַט פיל צו טאָן ביים ארויסגעבן דער באַפעלקערונג די געטאָ־פּעסער. אמת, פאָרמעל האָט די פּאַספּאָרטיזאַציע געהערט צו דער געטאָ־פּאָליציי, אָבער דאָס אדרעסן־ביוראָ האָט דערביי אדורכגעפירט די וויכטיקסטע צוגרייטונגס־ארבעטן.

* *
*

הגם דאָס סטאַטיסטישע אמט האָט געהערט צו די ניט־גרויסע געטאָ־אינ־סטיטוציעס, האָט עס דאָך, ווי געזען, אויסגעפירט א געוויסע פּאָזיטיווע ראָלע אינעם עפנטלעכן געטאָ־לעבן. דער דאָזיקער געטאָ־מוסד איז בעיקר געווען א הילפס־אינסטיטוציע פאַר אנדערע אנשטאַלטן פון דער געטאָ־אדמיניסטראַציע.

דאָס סטאַטיסטישע אמט איז ווייניק געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די געטאָ־יידן. אויך אין „שטאַנדעס־אמט" פלעגט מען, חלילה, ניט דאַרפן שטיין שעהן־לאַנג אין דער ריי, ווי ס'איז געווען דער פאַל אין ס'רוב געטאָ־מוסדות. מחמת דעם איז מצד דער געטאָ־באַפעלקערונג צו אָט די אינסטיטוציעס געווען צו מערקן אַ נייטראַלע באַציאונג, ד. ה. ניט גוט, ניט שלעכט...

נאָכן אויפלייזן די וויכטיקסטע ייד. געטאָ־מוסדות איז דאָס סטאַטיסטישע אמט, ווי אויך דאָס אדרעסן־ביוראָ, געבליבן אויך ווייטער עקזיסטירן. ווען דער

עלטעסטן־ראט איז געוואָרן ליקווידירט און דר. עלקעס איז באשטימט געוואָרן אלס „אָבער־יודע", זיינען אָט די מוסדות, פון וועלכע ס'זיינען געבליבן ניט מער ווי די אמאָליקע שילדן, אריבער אין רשות פון דר. עלקעס.

* * *

אלס לייטער פונעם סטאטיסטישן אמט איז לכתחילה געווען ה. קאַגאַן *). שפעטער־צו איז געוואָרן לייטער י. לייבענזאָן (זיך געראטעוועט ביי אַ קריסט אין פּראָווינץ). אַ געוויסע צייט האָט אָנגעפירט מיטן אמט דר. וואלסאָנאָק**).

אלס מיטארבעטער אינעם דאָזיקן אמט זיינען געווען:

פויליש־יידישער שריפטשטעלער מיכאל בורשטין. לכתחילה געארבעט אין ייד. ארבעטס־אמט. דערנאָך אריבער אין סטאטיסטישן אמט, ווו ער פלעגט צוזאמען מיט דר. וואָלסאָנאָקן באַארבעטן די מאטעריאלן פארן עלטעסטן־ראט און זיינע אינסטיטוציעס. צו יענער צייט האָט ער אויך זיך פארנומען מיטן זאמלען געטאָ־פאָלקלאָר. סיי זיינע בעלעטריסטישע געטאָ־כתבים (נאָוועלן און אַ גרעסערער ראָמאן א. נ. „די גועלע לאטע"), סיי זיינע געזאמלטע פאלקלאָר־מאטעריאלן, וואָס ער האָט געהאט פארבאַהאלטן ערגעץ־ווו אין געטאָ, זיינען פארלוירן געגאנגען. די לעצטע צייט האָט ער געארבעט אין די געטאָ־ווארשטאטן. צוזאמען מיט אלע מענער איז ער בעת דער געטאָ־ליקווידאציע פארשלעפט געוואָרן אין די ארבעטס־לאגערן פון דאַכאַוער קאצעט (לאַגער 1 ביי לאנדסבערג), ווו ער איז דעם 27־טן מערץ 1945, בסך־הכל איין חודש פאר דער באפרייאונג, געשטאָרבן פון אַ לונגען־אנטצינדונג.

פּ. בערניקער (באפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); אדוו. כייקין (אומגעקומען אין דאַכאַו); וואָלפע (אומגעקומען בעת דער געטאָ־דעפאָרטאציע) א. א.

---

*) ז. „גרויסע געטאָ־ווארשטאטן".

**) ז. „פערזאָנען, וואָס האָבן זיך מתעסק־געווען מיט דער פארטיזאנער־באַוועגונג".

# שול־אַמט

פּעדאַגאָגישע ענינים אין די ערשטע געטאָ־חדשים. — גרינדונג פון קינדער־שולן און זייער מהות. — ליקווידאַציע פון די שולן און פונעם שול־אַמט. — טעטיקייט פון דער פאַך־שול. — באַמיאונגען צו לינדערן די קולטור־הצטרכותן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג.

צו די טראַגישע פאָלגן, וואָס די נאַציס האָבן גורם־געווען אין ייד. לעבן שוין אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע, געהערט אויך דאָס, וואָס ייד. קינדער האָבן פּלוצלונג איבערגעריסן זייערע לימודים. אין יענע גרויליקע טעג, ווען ס׳האָבן געבושעוועט בעסטיאַלישע מאַסן־עקסצעסן קעגן דער הילפלאָזער ייד. באַפעלקערונג, האָבן יידן, פאַרשטייט זיך, ניט געטראַכט וועגן דעם, וואָס זייערע קינדער לערנען ניט. דער קאָפּ פונעם יידן איז געווען באַשעפטיקט מיט פיל וויכטיקערע לעבנס־פּראָבלעמען, ווי דערציאונג. אגב, האָט דער מלחמה־אויסברוך, וואָס איז געשען סוף־יוני 1941, ס׳רוב שול־קינדער געטראָפן אין אָנהויב פון זייערע זומער־פעריען.

אין דער בלוטיקער תקופה פון די פאַרניכטונגס־אַקציעס במשך די ערשטע דריטהאַלבן חדשים פון געטאָ־קיום האָט דער געטאָ־ייד געוויס ניט געקענט טראַכטן וועגן בילדונג פאַר זיינע קינדער. ניט ווייניק עלטערן האָבן אָבער אפילו אין יענע שווידערלעכע טעג געזען עפּעס צו טאָן, זייערע קינדער זאָלן האָבן אַ שטיקל מעגלעכקייט צום לערנען. דער איינציקער וועג אין דעם פּרט איז געווען פּריוואַטער אונטערריכט. די דאָזיקע עלטערן פלעגן זיך צונויפריידן מיט לערער, זיי זאָלן צו ביסל פּריוואַט לערנען מיט זייערע קינדער. די געוו. לערערס פון די גימנאַזיעס, פאָלקס־שולן א. א. יידיש־העברעאישע לערן־אַנשטאַלטן פלעגן צונויפנעמען זייערע תלמידים אין קלענערע גרופּעס און לערנען מיט זיי.

ערשט אין אַ געוויסער צייט אַרום נאָך דער גרויסער אַקציע, ווען די געטאָ־יידן האָבן גענומען ביסלעכווייז זיך אָפּכאַפּן פון די מאַסן־הריגות, איז בשייכות מיט דער אַנטשטייאונג פון די פאַרשיידענע עפנטלעכע ייד. געטאָ־מוסדות אויך

געקומען די צייט צו גרינדן אן אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט די פּעדאַגאָגישע ענינים. צו דעם צוועק איז טאַקע סוף־יאָר 1941 געשאַפן געוואָרן ביים עלטעסטן־ראַט דאָס שול־אַמט.

די ערשטע אַרבעט פון ניי־געגרינדעטן שול־אַמט איז געווען אַדורכצופירן אַ רעגיסטראַציע פון אַלע פאַראַנענע קינדער אין פּאָלקס־שול־עלטער, ד. ה. פון אַ יאָר 7—8 ביז 12—13 יאָר *). אויף די קרוב 16 טויזנט נפשות, וועלכע זיינען דאַן געווען אין געטאָ, זיינען אַזעלכע שול־קינדער געווען לפי־ערך ניט קיין סך, ווייל בעת די פאָרגעקומענע מאַסן־שחיטות, בפרט בעת דער גרויסער אַקציע, זיינען אַוועק אויף פאַרניכטונג זייער פיל משפחות מיט קלענערע קינדער.

ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז לכתחילה זיינען באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעטס־פליכט די יעניקע מוטערס, וועלכע האָבן געהאַט קינדער ביז 8 יאָר אַלט, און שפּעטער־צו — נאָר ביז 4 יאָר. ס'זיינען דעריבער געווען פיל משפחות, וווּ אַלע דערוואַקסענע פלעגן דאַרפן גיין אַרבעטן, און די גרעסערע קינדער פלעגן דאַרפן בלייבן אין שטוב אויפפּאַסן אויף דער באַלעבאַטישקייט, אָדער אויף די יינגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך. כדי צו באַוועגן וואָס־מער עלטערן צו רעגיסטרירן זייערע קינדער צום לערנען, האָט דער עלטעסטן־ראַט געהאַט פּובליקירט אַ פאַראָרדנונג וועגן צוואַנגס־בילדונג.

נאָכדעם, ווי דאָס שול־אַמט האָט פאַרענדיקט אַלע נויטיקע הכנות, זיינען געגרינדעט געוואָרן צוויי שולן: איינע אין אַלט־געטאָ־ראַיאָן, אין איינער פון די געוו. ישיבה־געביידעס אויף ישיבה־גאַס 16, און די צווייטע — אויף ראַמיגאָלער גאַס 4**). אין יעדער שול האָבן געלערנט צו פּאָר הונדערט תלמידים.

די געטאָ־שול האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געמיש פון תלמידים, וואָס האָבן פריער געהאַט געלערנט אין שולן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, ווי, ציונים־טיש־העברעאישע, יידיש־וועלטלעכע, רעליגיעזע א. א. וו. אמת, במשך דער סאָוועטישער תקופה אין ליטע זיינען אַלע פריערדיקע שול־ריכטונגען געוואָרן ליקווידירט און ס'איז פאַר ייד. קינדער געעפנט געוואָרן איין טיפּ סאָוועטישע שולן אין יידישער אונטעררי‌כטס־שפּראַך. דער איין יאָר סאָוועטיש שול־וועזן האָט אָבער ניט באַוויזן צו באַזייטיקן די לאַנג־יאָריקע השפעות פון די פאַרשיידנ־אַרטיקע טיפּן שולן אויף די תלמידים. די לערער פון די געטאָ־שולן האָבן דעריבער געהאַט פאַר זיך אַן אויפגאַבע פון צונויפשמעלצן אין איין שול־קאָלעקטיוו די תלמידים פון די באַזונדערע שול־ריכטונגען.

*) די אַרבעטס־פליכט פאַר יינגלעך האָט זיך אָנגעהויבן אין עלטער פון 15 יאָר און שפּעטער — פון 14 יאָר, פאַר מיידלעך — פון 16 און דערנאָך פון 15 יאָר.

**) שפּעטער איז די דאָזיקע שול אריבערגעפירט געוואָרן אויף דעמאַקראַטו גאַס 28.

היות די געטאָ־שול האָט געדאַרפט באַפרידיקן אויך די יעניקע קינדער, וואָס האָבן שוין געהאַט געענדיקט אַ 4־יאָריקע פאָלקס־שול, איז דאָס שול־פּראָ־גראַם געוואָרן אויסגעברייטערט און מ'האָט דאָרטן געלערנט לימודים, אַנהויבנדיק פון אַ פאָלקס־שול און ענדיקנדיק מיט די ערשטע 4 קלאַסן פון אַ מיטל־שול. די אונטערריכט־שפּראַך איז בעיקר געווען העברעאיש. מיט די עלטערע קינדער האָט מען אויך געלערנט יידישע ליטעראַטור. אין שול־פּראָגראַם איז אויך געווען איינ־געשלאָסן דער לימוד פון רעליגיע. דער אידעאָלאָגישער גייסט פון דער שול איז געווען אַ ציוניסטיש־העברעאישער.

ניט לייכט איז אויך געווען צו באַזאָרגן די שולן מיט די סאַמע נויטיקסטע ביכער, העפטן און לערן־מכשירים. וואָס די תלמידים האָבן געהאַט, האָבן זיי אַליין צונויפגעטראָגן. דאָס איבעריקע איז מיט צרות צונויפגעזאַמלט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים. צוליב דעם, וואָס די פּאָר שולן האָבן ניט געקענט אַריינגעמען מיטאַמאָל גאָר די תלמידים, פלעגן די לימודים פאָרקומען אין צוויי שיכטן: פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג.

הגם אין די שווערע געטאָ־באַדינגונגען זיינען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, די שול־אויפטוען געווען באַגרענעצטע, איז דאָך דער באַדייט פון די שולן געווען אַ גאַנץ קענטיקער, ווייל די לערער האָבן זיך געמיט אויפצוהאַלטן די שולן אויף אַ צופרידנשטעלנדיקן פּעדאַגאָגישן ניוואָ. די פּאָר שול־יום־טובים, וואָס זיינען פאָרגעקומען פאַר דער קורצער צייט פון קיום פון די שולן, האָבן איבערגעלאָזן אַ רירנדיקן איינדרוק.

ווען אין פרילינג 1942 איז געגרינדעט געוואָרן די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „אשל" *), האָבן ס'רוב עלטערע שול־תלמידים דאָרט געפונען אַ גוזעלשאַפטלעכע אויסלעבונג אין ציוניסטישן גייסט.

אַחוץ די פאָלקס־שולן זיינען צו יענער צייט אויך געגרינדעט געוואָרן אַ פּאָר קינדער־גערטנער, וווּ קינדער ביזן שול־עלטער פלעגן פאַרברענגען עטלעכע שעה אַ טאָג. אויך די קינדער־גערטנער, וואָס האָבן אַרומגענומען אַ היפּשע צאָל קינדערלעך, האָבן אויסגעפירט אַ וויכטיקע פונקציע אין דערציאונגס־וועזן.

אין געטאָ האָט אויך אין די שול־צייטן עקזיסטירט אַ פּריוואַטער אונטער־ריכט. די מער־פאַרמעגלעכערע און יחוס'דיקערע געטאָ־יידן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט, זייערע קינדער זאָלן לערנען אין די לערן־אַנשטאַלטן פון כל־ישראל, פלעגן זייערע קינדער אָפּגעבן לערנען ביי פּריוואַטע לערער. בפרט פלעגט עס געשען מיט קינדער פון פאָרשול־עלטער.

---

*) ז. „ציוניסטישע טעטיקייט אין געטאָ".

* *
*

ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן *), אַז דעם 26־טן אויגוסט 1942 איז פּובּליקירט געוואָרן אַ באַפעל פון דער מאכט צו שליסן די קינדער־שולן. דורך אָט דער פאַראָרדנונג זיינען אויף אַן אומגעריכטן אופן ליקווידירט געוואָרן די שולן, וואָס האָבּן עקזיסטירט אַ 7—8 חדשים און האָבּן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אויפן געביט פון דערציאונג.

גלייכצייטיק מיטן שליסן די קינדער־שולן איז אויך פאָרגעקומען די ליקווידירונג פון שול־אמט. הגם דער דאָזיקער געטאָ־מוסד האָט, ווי מיר וועלן זען, זיך אויך באַשעפטיקט מיט אנדערע קולטור־ענינים, איז דאָך זיין הויפּט־טעטיקייט געווען געווידמעט די שולן.

כדי די ייִנגערע שול־קינדער זאָלן האָבּן אַ מעגלעכקייט כאָטש וויפיל־ניט־איז פאָרצוזעצן זייערע לימודים, זיינען דאָן אָרגאַניזירט געוואָרן קלענערע גרופּעס תלמידים, מיט וועמען די לערער פון די געשלאָסענע שולן פלעגן לערנען צו פּאָר שעה א טאָג. דער דאָזיקער אומלעגאַלער אונטערריכט פלעגט פאָרקומען אין פּריוואטע דירות און מ'האָט תמיד געדאַרפט זיין אויפגעפּאַסט, דער ענין זאָל ניט דערגיין צו די מאכט־אָרגאַנען.

דער גרעסטער טייל עלטערע שול־קינדער איז דאַן אריבּער לערנען אין פאַך־שול, וואָס איז אין געטאָ געגרינדעט געוואָרן אין יוני 1942. מיט די ייִנגלעך האָט מען אין דער פאַך־שול געלערנט: מולעריי, שלאָסעריי, בּלעכעריי, סטאָלעריי א. א. וו. מיט די מיידלעך — דאמען־שניידעריי א. א. פעכער.

ווען דער שטאָט־קאָמיסאריאט האָט זינט פרילינג 1942 אָנגעהויבּן ארייננוציען ייד. בּעלי־מלאכות אין די שטאָטישע פאבּריקן און אין די מיליטערישע דינסט־שטעלעס **), איז אַקטועל געוואָרן די פראגע פון אויסבּילדן נייע האַנטווערקער־כוחות צווישן דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט. טאקע דאַן איז עס געגרינדעט געוואָרן די פאַך־שול, כדי אויסצולערנען יוגנטלעכע פארשיידענע האַנטווערקער־פעכער, אויף וועלכע ס'איז געווען אַ גרויסע נאָכפראגע אין די כלערליי שטאָטישע ארבּעטס־פּלעצער פאר יידן.

די פאַך־שילער פלעגן במשך אַ קורצער צייט זיך דערווערבּן די סאמע עלעמענטארע קענטעניש אין זייערע פעכער, און זיי פלעגן דערנאָך אריינגעצויגן ווערן אלס געהילפס־האנטווערקער אין די שטאָטישע־ארבּעטס־שטעלעס, וווּ ס'האָבּן געארבּעט ייד. בּעלי־מלאכות. א טייל יוגנטלעכע האנטווערקער פלעגט אוועקגיין ארבּעטן אין די געטאָ־ווארשטאטן.

* ז. „נייע גזירות און גזירה'לעך".

** ז. „פּראָבּלעם פון פארווענדן די ייד. ארבּעטס־קרעפטן".

נאָכן שליסן די קינדער־שולן האָט מען אין דער פֿאַך־שול, אַחוץ די פּראַקטישע און טעאָרעטישע פֿאַך־קענטענישן, אומאָפֿיציעל אויך געלערנט יידישע לימודים, ווי ייד. געשיכטע, העברעאיש, ארץ־ישראל־ידיעות א. א. וו. אין דעם פּרט האָט די פֿאַך־שול זיך געמיט אויסצופֿילן דעם פּעדאַגאָגישן בלויז, וואָס האָט זיך געשאַפֿן בשייכות מיטן ליקווידירן די שולן. די געהיימע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך געהאַט אָרגאַניזירט צווישן די פֿאַך־שילער קרייזלעך, ווו מ׳פֿלעגט די יוגנטלעכע באַקענען מיט ציוניסטישע פּראָבלעמען.

באַזונדערס איז אויסגעוואַקסן די חשיבות פֿון דער פֿאַך־שול ערב און נאָך דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע. דאַן איז פֿאַר צענדליקער געטאָ־קינדער די אַרבעטס־קאַרטע פֿון פֿאַך־שול בפּועל־ממש געווען אַ פֿראַגע פֿון לעבן און טויט. צו יענער צייט איז אויך די פֿאַך־שול אריבער אין די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן, ווו זי האָט פֿאָרמעל פֿיגורירט ניט אַלס שול, נאָר ס׳האָט געהייסן, אַז דאָס זיינען פֿאַך־אויסבילדונגס־וואַרשטאַטן פֿאַר יוגנטלעכע.

צום ענין שולן איז נאָך נויטיק צוצוגעבן, אַז דער געוו. לערער פֿון קאָוונער ייד. קאַמערץ־גימנאַזיע ש. ראָזענטאַל און זיין פֿרוי, אַ פּרעבעליסטין, האָבן אַ געוויסע צייט אויפֿגעהאַלטן אַ פּריוואַטע שול, ווו ס׳האָבן אומלעגאַל געלערנט עטלעכע צענדליק קינדער פֿון די לינק־געשטימטע עלעמענטן. אין דער דאָזיקער שול איז די אונטערריכטס־שפּראַך געווען יידיש און דער גייסט פֿון די לימודים — אַ פּראָלעטאַריש־ראַדיקאַלער. אגב, פֿלעגן דאָרטן פֿון צייט־צו־צייט אויך פֿאָרקומען געהיימע פֿאָרטראַגן אויף פֿאַרשיידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע טעמעס פֿאַר די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהערט צו דער פּעריפֿעריע פֿון די לינקע.

* *
*

אַחוץ די פּעדאַגאָגישע ענינים האָט דאָס שול־אַמט, ווי געזאָגט, אומאָפֿיציעל זיך אויך פֿאַרנומען מיט אַנדערע קולטור־טעטיקייטן. אַזוי, למשל, האָט צו דער דאָזיקער געטאָ־אינסטיטוציע געהערט די עפֿנטלעכע ביבליאָטעק, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן סוף־יאָר 1941*). אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק, וואָס האָט פֿאַרמאָגט עטלעכע טויזנט ביכער אין יידיש, העברעאיש א. אַ. שפּראַכן, פֿלעגן געטאָ־יידן קענען באַקומען אַ בוך צום לייענען און דורכדעם אַביסל פֿאַרטרייבן די שווערע מחשבות. געפֿונען האָט זיך די ביבליאָטעק אין איינעם פֿון די קליינע בלאָקן אויף וואַרניו גאַס. אַלס ביבליאָטעקאַרן זיינען געווען הרב אָשרי און גערשטיין.

פֿון צייט־צו־צייט פֿלעגן אויך אָרגאַניזירט ווערן לעקציעס, פֿאָרטראַגן, פֿייערונגען א.א. וו. הגם די דאָזיקע אומלעגאַלע קולטור־פֿאַראַנשטאַלטונגען פֿלעגן אַראַנזשירט ווערן בעיקר פֿאַר די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו די

*) די ביבליאָטעק איז געוואָרן ליקווידירט בעת דער ביכער־„אַקציע“ אין פֿעברואַר 1942.

געז. גרופּירונגען, האָבּן זיי דאָך אינעם פאַרוואָרלאָזטן קולטור־לעבּן פון געטאָ געהאַט אַן אַלגעמיין־דערציערישן באַדייט. בפרט דאַרף דערמאָנט ווערן די כ׳תמוז־אַקאַדעמיע פון יאָר 1943, וואָס האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם און האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן רושם. איינדרוקספול איז אויך געווען די פייערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין יוני 1943, בשייכות מיטן איין־יאָריקן יובל פון דער פאַך־שול. אחוץ דעם שול־יום־טוב איז דאַן געווען אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג פון די אַרבעטן פון די פאַך־שול־תלמידים.

אַ קינסטלערישע אויסלעבונג פלעגט דער געטאָ־ייד געפינען אין די מוזיקאַליש־וואָקאַלישע קאָנצערטן, וואָס דער אָרקעסטער ביי דער ייד. געטאָ־פּאָליציי האָט אַ געוויסע צייט אַ פּאָר מאָל אין וואָך געגעבן פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג. די דאָזיקע קאָנצערטן האָבן ביים עולם געהאַט גרויס דערפאָלג.

* *
*

אַלס לייטער פון שול־אַמט איז געווען דר. ח י י ם ־ נ ח מ ן  ש אַ פּ י ר א, אַ זון פון קאָוונער רב הרב א ב ר ה ם ־ ד ו ב ע ר כּ ה נ א  ש אַ פּ י ר א, וואָס איז געשטאָרבן אין געטאָ אין מערץ 1943. דר. שאַפּירא איז, ווי באַוווּסט, געווען פּריוואַט־דאָצענט פאַר סעמיטאָלאָגיע אין קאָוונער אוניווערסיטעט און דער מחבר פון קאַפּיטאַלן ווערק „תולדות הספרות העברית החדשה“.

שוין אין די ערשטע חדשים פון געטאָ־קיום האָט דער עלטעסטן־ראַט געהאַט באַאויפטראַגט דר. שאַפּיראָן צו זאַמלען און טיילווייז אויך צו באַאַרבעטן די דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון קאָוונער געטאָ. צו דעם צוועק איז געוואָרן איינגעאָרדנט אַ געהיימער אַרכיוו פון עלטעסטן־ראַט. שפּעטער־צו האָט מיט די אַרכיוו־ענינים זיך פאַרנומען דער סעקרעטאַר פון עלטעסטן־ראַט אַדוו. גאָלוב. וועגן גורל פון אַרכיוו איז נאָך דער באַפרייאונג געווען אַ רייד, אַז אַדוו. גאָלוב זאָל האָבן דעם גאַנצן אַרכיוו אָדער נאָר אַ טייל פון אים איבערגעגעבן אין רשות פון די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען.

אויך די געטאָ־פּאָליציי האָט געהיים געפירט אַ פאַרצייכענונג פון די געטאָ־געשעענישן. אַ טייל פון אָט די פאַרשרייבונגען איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ געוויסן געטאָ־ייד ליפּמאַן און וואָס מיט דעם איז געוואָרן, איז אומבאַוווּסט. ווערטפולע פאַרצייכענונגען פון געטאָ־לעבן האָט אויך געפירט דער באַקאַנטער קאָוונער געז. עסקן א ב א  ב אַ ל אָ ש ע ר *). אַ געוויסע צייט האָט אויך געשריבן וועגן די געטאָ־געשעענישן דער געוו. גענעראַל־סעקרעטאַר פון אגודת־הרבנים אין ליטע ד ו ד  א י צ י ק אָ ו ו י ט ש (ביידע אומגעקומען אין דאַכאַו).

*) זיינע כתבים האָט ער געהאַט באַהאַלטן ערגעץ־וווּ אין שטאָט ביי באַקאַנטע קריסטן.

ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן דאס שול־אַמט, האָט דר. שאַפּיראַ איבער־גענומען די אנפירונג פונעם אמט, און ער האָט זייער פיל זיך אָפּגעגעבן מיט די פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען. נאכן ליקווידירן די שולן איז ער געוואָרן דער לייטער פון רעסאָרט פאַר פאַך־אויסבילדונג ביים יוד. אַרבעטס־אַמט *).

אַן אָנגעזעענעם אָרט האָט דר. שאַפּיראָ אויך פאַרנומען אין ציוניסטישן לעבן אין געטאָ. גרויס איז אויך געווען זיין מיטווירקונג ביי דער אָרגאַניזירונג פון קולטור־פאַראנשטאַלטונגען, וווּ ער פלעגט תמיד זיין איינער פון די ראשי־המדברים.

אנהויב־דעצעמבער 1943 איז דר. שאַפּיראָ צוזאַמען מיט זיין משפחה גאַנץ אומגעריכט אַרעסטירט געוואָרן מצד געשטאַפּאָ. דער אַרעסט זאָל האָבן געשען בשייכות מיט דעם, וואָס אין בערלין זאָל מען האָבן אנגעפרעגט דורכן אינטער־נאַציאָנאַלן רויטן קרייץ וועגן גורל פון הרב שאַפּיראָס משפחה. די אָנפראַגע זאָל האָבן געווען אין נאַמען פון קרובים אָדער פון אַ ייד. אָרגאַניזאַציע אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. דר. שאַפּיראַ, זיין פרוי און קינד ווי אויך זיין מוטער — די קאָוונער רביצין — זיינען דאַן אַלע דערשאָסן געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט. גלייך נאך דער עקזעקוציע האָט מען זיי אַלעמען פאַרברענט אויף די זעלבע שייטער־הויפנס, אויף וועלכע מ'האָט צו יענער צייט געהאַלטן אין פאַרברענען די אויס־געגראָבענע הרוגים, כדי צו פאַרווישן די שפורן פון די נאַצישע גרוילטאַטן.

אַלס וויצע־לייטער פון שול־אַמט איז אַ געוויסע צייט געווען דער אויבנדער־מאַנטער איציקאָוויטש. אַלס סעקרעטאַרין — פר. סניעג (אומגעקומען אין אן אַרבעטס־לאַגער אין דייטשלאַנד).

אין די קינדער־שולן האָבן געאַרבעט אַלס לערער: קאַפּיט, קיזעל, זשופּאָוויטש, סמאָקאָל, גורוויטש, וואָלפּאָוויטש (אַלע אומגעקומען בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע אָדער אין די דאַכאוער אַרבעטס־לאַגערן); פר. צרפת (געשטאָרבן אין געטאָ זומער 1943); ראָזענבלאַט (פאַרשלעפּט געוואָרן קיין עסטלאַנד) א. א.

אַלס קינדער־גאַרטן־לערערינס זיינען געווען טעטיק: פר. דר. סעגאַל, פר. סאָבאָלעוויטש, פר. לעווין (אַלע באַפרייט געוואָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן אין דייטשלאַנד) א. א.

אַלגעמיינע לימודים אין פאַך־שול האָבן, אחוץ די לערער פון די געשלאָסענע קינדער־שולן, אויך געלערנט: א. מלמד (באַפרייט געוואָרן אין דאַכאו); י. שאַפּיראַ (אומגעקומען בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע) א. א.

*) די פאַך־שול האָט זיך געפונען אין רשות פון דער פאַך־אָפּט. ביים יוד. אַרבעטס־אַמט.

# געטאָ־געריכט

---

**אנטשטייאונג פון אַ ייד. געריכט־וועזן אין געטאָ. — טעטיקייט פון געטאָ־געריכט און זיין ליקווידאַציע. — פּאָליציי־געריכט.**

I

שוין אין די ערשטע טעג פון איר גרינדונג אין אויגוסט 1941 האָט די געטאָ־פּאָליציי גענומען אנווענדן כלפּי דער באַפעלקערונג פאַרשיידענע אַדמיניסטראַטיווע שטראָפן. אַזוי, למשל, האָט די פּאָליציי גענומען באַשטראָפן פאַרן עובר־זיין אויף די באַשטימונגען פון אַרבעטס־פליכט, פאַרן ניט אויספירן די פאַראָרדנונגען פון די זיך־פאָרמירנדיקע געטאָ־אינסטיטוציעס, פאַרן ניט אָפּהיטן די כללים פון עפנטלעכער אָרדנונג א. א. וו.

אינעם שטורמישן אָנהויב פון געטאָ־קיום, ווען די מורא פאַרן מה יולד יום איז ביי דער געטאָ־באַפעלקערונג געווען באַזונדערס גרויס, פלעגט זעלטן־ווען קומען צו ערנסטע סכסוכים בין אדם לחברו. פלעגט יא ווען־ניט־איז אויסברעכן אַ קאָנפליקט צווישן איין געטאָ־ייד און צווייטן, פלעגן די נוגע בדבר זיך מיען דעם סכסוך צו דערליידיקן צווישן זיך גופא, אָן דער אינטערווענץ מצד דער נאָר־וואָס־געשאַפענער ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע. נאָר אין די פאַלן, ווען די צדדים פלעגן ניט קענען געפינען צווישן זיך אַ וועלכע ס'איז פשרה, פלעגן זייערע תביעות אנקומען צום עלטעסטן־ראַט, וואָס פלעגט זיך ווענדן צו זיין יורידישער קאָמיסיע אויפצוקלערן דעם ענין.

די יורידישע קאָמיסיע, וואָס איז ביים עלטעסטן־ראַט געווען טעטיק זינט די ערשטע טעג פון געטאָ־קיום, פלעגט זיך אויך באַשעפטיקן מיט אַזעלכע ענינים, ווי פעסטשטעלן די קאָמפּעטענץ פון די ניי־געשאַפענע געטאָ־אינסטיטוציעס, באַהאַנדלען אָנקלאַגעס פון דער באַפעלקערונג קעגן אומגעזעצלעכע האַנדלונגען מצד די געטאַ־מוסדות א. א. וו. פון דער דאָזיקער יורידישער קאָמיסיע איז טאַקע שפּעטער צו א.טשטאַנען דאָס געטאָ־געריכט.

ווען די אָקופּאַציע־מאַכט האָט וואָס אַ טאָג ווייטער אַלץ מער גענומען פאַר־לאַנגען פון געטאָ ייד. אַרבעטס־קרעפטן, בפרט פאַר די אעראָדראָם־אַרבעטן, האָט

מען גענומען שטרענגער פאַרפאָלגן די אַרבעטס־דעזערטירן. די מענטשן, וועלכע פלעגן סיסטעמאַטיש זיך אַרויסדרייען פון אַרבעטס־פליכט, פלעגן געשטעלט ווערן פאַר אַ ספּעציעלן שנעל־געריכט, וואָס פלעגט, נאָכן אַדורכפירן אַ געהעריקע געריכטס־פּראָצעדור, אַרויסטראָגן אַן אורטייל קעגן די אָנגעקלאָגטע.

אַלס ריכטער פון די שנעל־געריכטן פלעגן ס׳רוב זיין העכערע באַאַמטע פון אַרבעטס־אַמט און פון דער געטאָ־פּאָליציי — די צוויי וויכטיקסטע געטאָ־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געדאַרפט זאָרגן וועגן נאָכקומען די פאָדערונגען מצד די מאַכט־אָרגאַנען אין פּרט פון צוואַנגס־אַרבעט. די פאַראורטיילטע פלעגן — אַלס שטראָף — דאַרפן גיין אַ לענגערע צייט אַרבעטן אין אַ שווערער אַרבעטס־שטעלע, אויף וועלכער ס׳פלעגן ניט זיין קיין פּריווילעגיע בעלנים.

כדי די באַשטראָפונגען זאָלן מאַכן אַ גרעסערן עפעקט אויף דער אַרבעטס־פליכטיקער באַפעלקערונג, פלעגן די אורטיילן קעגן די אַרבעטס־דעזערטירן פּובליקירט ווערן אין פאָרם פון עפנטלעכע מעלדונגען אין די גאַסן. שפּעטער־צו זיינען, ווי באַקאַנט, אַזעלכע מיני באַשטראָפונגען אַריבער צו דער קאָמפּעטענץ פון דער מאָביליזאַציע־און שטראָף־אָפּט. ביים ייד. אַרבעטס־אַמט.

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך דער גרויסער אַקציע, ווען ס׳איז בהדרגה׳דיק אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ברייט־פאַרצווייגטע נעץ פון ייד. געטאָ־מוסדות, איז אויך רייף געוואָרן די אידעע צו שאַפן אַ סטאַבילן ייד. געטאָ־געריכט. אַזאַ גע־ריכט איז טאַקע געשאַפן געוואָרן סוף־יאָר 1941.

די יוריסדיקציע פון געטאָ־געריכט איז געווען לפי־ערך די זעלבע, וואָס האָט געגאָלטן אין דער ליטווישער רעפּובליק ביז צום אַריינמאַרש פון די סאָוועטן קיין ליטע אין יאָר 1940. צו דער קאָמפּעטענץ פון געטאָ־געריכט האָבן געהערט ציווילע און קרימינעלע ענינים. אַ קאַסאַציע קעגן אורטייל פון געטאָ־געריכט פלעגט מען קענען אָנגעבן דירעקט צום עלטעסטן־ראַט. די געריכטס־אורטיילן פלעגן אַרויסגעטראָגן ווערן אין נאָמען פון עלטעסטן־ראַט — די העכסטע „מלוכה׳־שאַפטלעכע" אינסטאַנץ פון געטאָ־ישוב.

ס׳רוב געריכט־ענינים פלעגן זיין צוליב פאַרשיידענע געלט־סכסוכים, גניבות, שווינדלעריייען, שלעגערייען א. א. וו. ווי ס׳איז שוין מערערע מאָל דערמאָנט געוואָרן, האָט דאָס אייגנטום פון די יעניקע יידן, וועלכע זיינען אוועק בעת דער גרויסער אַקציע ניט איבערלאָזנדיק אין געטאָ קיין נאָענטע קרובים, געדאַרפט אַריבערגיין אין רשות פון סאָציאַל־אַמט צו פאַרטיילן פאַר די אומבאַמיטלטע עלעמענטן. זיינען אָבער יאָ געווען קרובים פון די אַרויסגעפירטע, פלעגן זייער אָפט אַנטשטיין צווישן זיי סכסוכים צוליבן ירשענען די זאַכן און די באַלעבאַ־

טישקייט פון די דערמאָרדעטע. די דאָזיקע „ירושה“־פּראָצעסן האָבן לכתחילה געבילדעט דעם חוט־השדרה פון געריכטלעכער טעטיקייט אין געטאָ.

דעם געטאָ־געריכט פלעגט אָבער אויסקומען צו באהאנדלען אויך אנדערע ענינים. אַזוי, למשל, פלעגט אָפט פּאַסירן, אַז איין ייד פלעגט געבן אַ צווייטן ייד צו פארקויפן אין שטאָט ביי דער ארבעט אַ חפץ אָדער אַ בגד, און דערנאָך פלעגט אנטשטיין אַ סכסוך צוליב דעם דאָזיקן מסחר. מאטעריעלע תביעות פלעגן אנטשטיין אויך דאן, ווען בעת דער קאָנטראָל ביי די געטאָ־טויערן אָדער אין שטאָט גופא פלעגט מען ביי אַ יידן קאָנפיסקירן אַ קעגנשטאנד, וואָס ער האָט גענומען ביי עמיצן צו פארקויפן. געווען אויך בעלנים צו סימולירן אַ קאָנ־פיסקאציע און אויף אַזאַ אופן וועלן מאכן עטלעכע רובל אויף יענעמס חשבון. ניט ווייניק סכסוכים פלעגן אויך אנטשטיין פון פארשיידענע בשותפותדיקע „האנדלס־אָפּעראציעס“ אין געטאָ אָדער אויפן ארבעטס־פּלאץ אין שטאָט.

דאס געטאָ־געריכט האָט אייניקע מאָל געהאט צו משפטן אויך קהל'שע פארברעכער, ד. ה. אומערלעכע מיטארבעטער פון געטאָ־אַפּאַראַט. די דאָזיקע אומגעוויסנהאפטע נפשות פלעגן באַגיין פארשיידענע אומגעזעצלעכקייטן ביים דערפילן זייערע פליכטן. אַזוי, אַ שטייגער, האָט זיך געטומלט מיטן פּראָצעס קעגן ייד. קצבים, וואָס זיינען געווען באשעפטיקט ביים פארטיילן פלייש פאר דער געטאָ־באַפעלקערונג און זיינען דערביי באַגאַנגען גרויסע שווינדלערייען. געווען אויך משפטים צוליב גניבות אין די קליידער־מאַגאַזינען פון סאָציאל־אמט, צוליב פארשווענדונגען אין די שפּייז־פארטיילונגס־געשעפטן א. א. וו.

כדי דאס געטאָ־געריכט זאָל קענען ווי געהעריק אויספירן זיינע פונקציעס, פלעגט עס שטיין אין אַן ענגן קאָנטאקט מיט דער ייד. געטאָ־פּאָליציי, בפרט מיט דער קרימינאל־פּאָליציי, וואָס פלעגט זיך בעיקר פארנעמען מיטן אויפדעקן פארברעכנס. צו די פליכטן פון דער געטאָ־פּאָליציי האָט דעריבער אויך געהערט דאָס אויספירן די אורטיילן פון געטאָ־געריכט. פלעגט אַ באשולדיקטער פאר־משפט ווערן אויף תפיסה, פלעגט ער זיין שטראָף אָפּקומען אין איינער פון די צוויי געטאָ־תפיסות, וואָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון דער פּאָליציי.

אין אויגוסט 1942, ווען ס'איז געשען די ליקווידירונג פון שול־אמט און ס'זיי־נען ארויסגעגעבן געוואָרן אנדערע געטאָ־גזירות, איז אויך אויפגעלייזט געוואָרן דאס געטאָ־געריכט. די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט אין געטאָ עקזיסטירט האלב־אָפיציעל, ד. ה. די מאכט־אָרגאַנען האָבן ווייניק געוווסט וועגן דער טעטיקייט פון געטאָ־געריכט.

צו יענער צייט האָט דער עלטעסטן־ראט געהאט באַקומען אַ פאראָרדנונג צו רעדוצירן די צאָל פון זיינע מוסדות און חוצדעם אויך שטארק צו פארקלענערן די צאָל מיטארבעטער אין געטאָ־אַפּאַראַט. דער דאָזיקער באַפעל איז געקומען בשייכות מיט דער שטרעבונג פון שטאָט־קאָמיסאריאט צו פארגרעסערן די צאָל

ייד. אַרבעטנדיקע אין די שטאָטישע אַרבעטס־פּלעצער. אין די געטאָ־אַמטן האָבן פּאָרמעל געדאַרפט בלייבן אַרבעטן די מער־עלטערע און פיזיש־שוואַכערע מענטשן. דאָס געטאָ־געריכט איז דאַן אויפגעליזט געוואָרן ווי אַן „איבעריקער" געטאָ־מוסד.

די פונקציעס פונעם ליקווידירטן געטאָ־געריכט זיינען דאַן אַריבער אין רשות פון געריכט ביי דער ייד. געטאָ־פּאָליציי. דאָס דאָזיקע פּאָליציי־געריכט האָט איבערגענומען אין זיין קאָמפּעטענץ כמעט אַלץ, וואָס האָט לכתחילה גע־הערט צום געטאָ־געריכט.

* * *

פּאָרזיצער פון געטאָ־געריכט איז געווען פּראָפ. ש. בעלאַצקין, וואָס איז אין דער פאַרמלחמה'דיקער ליטע געווען אַ באַוווסטער אַדוואָקאַט און איז חוצדעם געווען פּראָפעסאָר פון יורידישן פאַקולטעט ביים ליטווישן אוניווער־סיטעט. נאָכדעם, ווי זיינער אַ זון איז אומגעקומען בעת דער אַקציע אויף דער אינטעליגענץ גלייך נאָכן אָפּשליסן דאָס געטאָ, איז ער פאַרבליבן אַליין, אָרעם און אָן משפחה. צוליב די שווערע געטאָ־באַדינגונגען איז ער אַראָפּ פון זינען און איז דערנאָך מגולגל־געוואָרן אין משוגעים־הויז. בעת דער אַקציע אויף קינדער, אַלטע און קראַנקע איז ער צוזאַמען מיט אַלע חולאים פון משוגעים־הויז אַרויס־געפירט געוואָרן אויף פאַרניכטונג.

וויצע־פּאָרזיצער פון געטאָ־געריכט איז געווען אַדוו. י. אַבראַמאָוויטש*). שפּעטער־צו איז ער געוואָרן וויצע־שעף פון דער ייד. געטאָ־פּאָליציי און האָט חוצדעם געהאַט אין זיין רעסאָרט דאָס פּאָליציי־געריכט. צולעצט אַרויס פון דער פּאָליציי און איז אַריבער אין די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן.

פּראָקוראָר פון געטאָ־געריכט איז געווען אַדוו. בוך. נאָכדעם אַריבער אין פּאָליציי־געריכט. ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן דער ייד. אַרבעטס־לאַגער אין שאַנץ, איז ער דאָרט אַ געוויסע צייט געווען לאַגער־עלטעסטער. בעת דער קינדער־אַקציע האָט ער זיך געריסן מיטצוגיין מיט זיין קינד און איז אין אַ שרעקלעך־צעמישטן צושטאַנד אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין לאַסט־אויטאָ צוזאַמען מיט די פאַרכאַפּטע קינדער.

אין געריכט זיינען אויך געווען טעטיק: אַדוו. רוטענבערג — פּאַרטייאיקער (אומגעקומען אין דאַכאַו); אַדוו. זאַק**) — ריכטער; פּר. אַדוו. לונץ — געריכטס־סעקרעטאַרין (זיך געראַטעוועט אין אַ געטאָ־בונקער); אַדוו. שינ־בערג***) א. א.

*) ז. „ייד. געטאָ־פּאָליציי".
**) ז. „ייד. געטאָ־פּאָליציי".
***) ז. „עלטעסטן־ראַט".

# געטאָ־פייערלעשער

## פייערלעשער־קאָמאַנדע און אירע זייטיקע פליכטן.

אין דער אנטשטייאונגס־תקופה פון ס'רוב געטאָ־אינסטיטוציעס, ד. ה. אָנהויב־הארבסט 1941, איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ פייערלעשער־קאָמאַנדע, וואָס האָט געדאַרפט פארהיטן דאס געטאָ פון שריפות.

ווען דער תחום פון געטאָ איז געווען לפי־ערך גרויס, זיינען געווען איינגעאָרדנט דריי פייערלעשער־פונקטן: 1) אין ראיאָן פון אַלט־געטאָ, אויף לינקעווער גאַס, 2) בשכנות פון די בלאָקן — אויף וויטעניאַ גאַס און 3) אין די גרויסע געטאָ־ווארשטאטן. נאָכן רוימען דעם ראיאָן פון אַלט־געטאָ זיינען געבליבן טעטיק נאָר די צוויי לעצטע פייערלעשער־פונקטן. דער „אינווענטאר" פון די פייערלעשער איז באַשטאַנען פון עטלעכע פורלעך צו פירן די פעסלעך וואַסער, אַ פּאָר האַנטשלויכן א. א. פייערלעשער־מטלטלים.

די געטאָ־פייערלעשער האָבן במשך דעם דריי־יאָריקן געטאָ־קיום קיין סך ארבעט ניט געהאַט, ווייל קיין גרעסערע שריפות זיינען אין געטאָ ניט געווען. כדי איינצולעשן די פּאָר שריפות, וואָס זיינען פאר דער צייט יאָ אויסגעבראָכן, איז נויטיק געווען ארויסצורופן די... שטאָטישע פייערלעשער, ווייל אַניט וואָלט דאָס פייער פארכאַפּט אַ גרעסערע צאָל געטאָ־הייזער.

ביי דער געלעגנהייט איז נויטיק צוצוגעבן, אַז די געטאָ־באַפעלקערונג האָט זיך אליין געהיט, ס'זאָל ניט קומען צו קיין שריפות. בפרט האָט מען געדאַרפט שטארק אויפּפּאַסן אויף די „געטאָ־פּליטקעס" ד. ה. אויף די בלעכענע אויוועלעך, וואָס פלעגן פראָדוצירט ווערן אין געטאָ און זיי פלעגן גלייכצייטיק אי וואַרעמען, אי קאָכן עטלעכע טעפּ מיטאָמאָל. צוליבן מאנגל אין האָלץ און מחמת דעם, וואָס מערערע משפחות האָבן געלעבט אין איין דירה, זיינען די דאָזיקע אויוועלעך־פּליטקעס געווען זייער פארשפרייט.

לכתחילה האָבן די געטאָ־פייערלעשער געציילט קרוב 50 פּערזאָן. בשייכות מיט די אָפטע רעדוצירונגען פון געטאָ־אַפּאַראַט, זיינען צולעצט געבליבן בסך־הכל אַ 15—20 פייערלעשער. ענלעך צו דער געטאָ־פּאָליציי א. א. העכערע

פונקציאָנערן פון די געטאָ=מוסדות, האָבן אויך די פּייערלעשער געטראָגן אוניפאָרמירטע היטלען און אָרעם=בינדעס — די סימבאָלן פון „מלכות“ אין געטאָ...

אַחוץ זייערע דירעקטע פליכטן האָבן די פּייערלעשער אויסגעפירט אויך פאָלגנדיקע זייטיקע פונקציעס:

ערשטנס, פלעגן זיי אין דער ערשטער געטאָ=תּקופה מיטהעלפן דער געטאָ=פּאָליציי און דעם ארבעטס=אמט מאָביליזירן מענטשן צו דער ארבעט. ווי נאָר ס'פלעגט נויטיק זיין צונויפצוכאַפּן אַ געוויסע צאָל יידן אויף צוואנגס=ארבעט, בעיקר פארן אעראָדראָם, פלעגן די פּייערלעשער זיך מיטבאַטייליקן אין דער דאָזיקער ארבעט. זיי פלעגן אויך מיטהעלפן דער געטאָ=פּאָליציי אין אירע אנדערע ארבעטן. אין דעם פּרט זיינען זיי געווען אַ מין הילפס=פּאָליציי.

צווייטנס, איז געווען זייער פליכט אויפצופּאַסן, דער געטאָ=צוים זאָל זיין אין אָרדנונג. ווען אין געטאָ איז אָנגעגאַנגען אַ שמוגל פון שפּייז=פּראָדוקטן דורכן געטאָ=צוים, פלעגט כמעט יעדן טאָג נויטיק זיין צו פארריכטן די צעשטערטע שטאכל=דראָטן פון צוים ארום געטאָ. אגב, איז דאס פאר די פּייערלעשער גופא געווען אַ גוטער שאנס אליין צו מסחרן ביים געטאָ=צוים אין דער צייט פון די „רעמאָנט=ארבעטן“.

אַ געוויסע צייט האָבן די פּייערלעשער אויך געהאט אַ בעקעריי, וואָס איז אין די הונגער=חדשים פון געטאָ, ד. ה. פון הארבסט 1941 ביז פרילינג 1942, געווען זייער פּאָפּולער ביי די געטאָ=יידן. הגם זייער ברויט איז כמעט שטענדיק געווען אַ ניט=אויסגעבאַקענער, קוואַטשיקער טייג, האָט די הונגעריקע געטאָ=באַפעלקערונג ניט בראַקירט אפילו מיט אַזאַ ברויט, וואָס האָט אנטהאלטן מער וואַסער, ווי מעל...

בעת דער ליקווידאציע פון די ייד. געטאָ=מוסדות אין געקעם צייטן האָט די דייטשע לאגער=פארוואלטונג די פּייערלעשער=קאָמאנדע ניט אויפגעלייזט, און זי איז געבליבן עקזיסטירן ביז צו דער דעפּאָרטאציע פון געטאָ.

אָנגעפירט מיט די געטאָ=פּייערלעשער האָבן: אַבראַמאָוויטש (באַפרייט געוואָרן צוליבן אוועקגיין פון געטאָ); אינזש. אָזשינסקי, פינקעלשטיין, ליפשיץ (אַלע פריי געוואָרן אין דאכאַו) א. א.

# צייכן־ און מאַלעריי־וואַרשטאַט

## אויספאַרטיקונג פון פאַרשיידענע גראַפישע אַרבעטן.

כדי צו דערגאַנצן דאס סכעמאַטישע בילד פון די געטאָ־מוסדות, איז נויטיק אויך צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן צייכן־און מאַלעריי־וואַרשטאַט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן סוף־יאַר 1941 און האָט עקזיסטירט ביז צו דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

די טעטיקייט פון צייכן־און מאַלעריי־וואַרשטאַט איז באַשטאַנען אין פאַרטיק מאַכן פּלאַקאַטן פון די עפנטלעכע ,באַפעלן, באַקאַנטמאַכונגען און מעלדונגען, וואָס דער עלטעסטן־ראַט אָדער אַנדערע ייד. אינסטיטוציעס פלעגן דאַרפן פּובּליקירן פאַר דער באַפעלקערונג. דאָרטן פלעגט מען אויך צוגרייטן די כלערליי שילדן פאַר די געטאָ־אַנשטאַלטן, ווי אויך די אויפשריפטן אויף די אָרעם־בינדעס פאַר דער ייד. פּאָליציי, פייערלעשער, בריגאַדירן און קאָלאָנען־לייטערס, העכערע באַאַמטע א. א. וו.

אינעם מאַלעריי־וואַרשטאַט פלעגט מען אויך צייכענען פאַרשיידענע דיאַגראַמעס וועגן דער טעטיקייט פון די געטאָ־מוסדות, בפרט פונעם עלטעסטן־ראַט און פון ייד. אַרבעטס־אַמט. אַ טייל גראַפישע אַרבעטן פלעגט צוזאַמען מיט באַריכטן איבערגעשיקט ווערן צו די אָפיציעלע מאַכט־אינסטאַנצן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיטן געטאָ. מ'פלעגט דאָרטן אויך אויספאַרטיקן מוסטערן פאַר אַרבעטס־קאַרטעס א. א. דרוק־זאַכן, וואָס מ'פלעגט דערנאָך אויף אַ פּרימיטיוון אופן מולטיפּליצירן אין דער נויטיקער צאָל עקזעמפּלאַרן.

גאָר גיך איז אָבער אויך די דייטשן שטאַרק געפעלן געוואָרן די פאַכמענישע צייכן־אַרבעטן פונעם מאַלעריי־וואַרשטאַט, און זיי האָבן אָנגעהויבן דאָרטן צו מאַכן באַשטעלונגען פאַר זייערע אַנשטאַלטן. דאָס אָנזען פון צייכן־און מאַלעריי־וואַרשטאַט איז ביי די נאַצישע געטאָ־מושלים געווען גרויס ניט נאָר אין די צייטן, ווען דאָס געטאָ האָט זיך געפונען אין רשות פון שטאָט־קאָמיסאַריאַט, נאָר אויך אין דער געקע־תקופה. אַזוי, למשל, פלעגט זייער אָפט געקע אַליין דאָרטן אָפּזיצן גאַנצע שעהן און פירן מיטן לייטער פון וואַרשטאַט שמועסן וועגן מאַלעריי אד"גל.

אין די גרויסע געטאָ=ווארשטאטן האָט, ווי באַקאַנט, עקזיסטירט אן אָפּטיילונג אויסצוארבעטן פּאָפּקעס א. א. קינדער=שפּילצייג. די דאָזיקע אויסארבעטונגען פלעגן געשיקט ווערן פאר די נאצישע קינדער אין דייטשלאנד. די מאָדעלן פאר אָט די שפּילצייג=אויסארבעטונגען פלעגן אויסגעפּארטיקט ווערן אונטער דער קינסטלערישער אויפזיכט פונעם לייטער פון מאַלעריי=ווארשטאט.

אָנגעפירט מיטן צייכן=און מאַלעריי=ווארשטאט האָט דער באגאבטער גראַפיקער גאַדיעל (באפרייט געוואָרן אין דאַכאַו); אלס מיטארבעטער זיינען געווען: אינזש. מישעלסקי, פרל. קאַגאַן, פרל. גורוויטש (אלע דערלעבט די באַפרייאונג); שמידט, ראָזנבוים, ראָזין (אַלע אומגעקומען) א. א.

# הוספה = נאָטיצן

1. ציוניסטישע טעטיקייט אין געטאָ.

2. מוסטערן פון געטאָ - פאָלקלאָר.

# ציוניסטישע טעטיקייט אין געטאָ

צווישן די באַזונדערע געז. גרופּירונגען, וואָס האָבן אין געטאָ אנטוויקלט אַ מער=ווייניקער אקטיווע טעטיקייט, האָבן די ציוניסטישע שטרעמונגען פאַרנומען אַ זייער=אָנגעזעענעם אָרט.

נאָכן אריינמארש פון די סאָוועטן קיין ליטע אין יוני 1940 זיינען, ווי באַקאַנט, ליקווידירט געוואָרן אלע ציוניסטישע אָרגאַניזאציעס, און ס'רוב ציוניסטישע פּאַרטיי=פירער זיינען הארט פארן מלחמה=אויסברוך צווישן דייטשלאַנד און סאָוועטן=פארבאנד דעפּאָרטירט געוואָרן אין די אַזיאַטישע געביטן פון רוסלאַנד. די ציוניסטישע טעטיקייט, וואָס איז אין די סאָוועטישע צייטן געפירט געוואָרן אין אומלעגאַלע באַדינגונגען, האָט אין די ד' אמות פון געטאָ פונדאָסניי באַקומען „פרייע" אנטוויקלונגס=מעגלעכקייטן.

אין נאָוועמבער 1941 האָט אין געטאָ זיך געגומען פאָרמירן די ערשטע און באַדייטנדיקסטע ציוניסטישע יוגנט=אָרגאַניזאציע „אַ. ב. צ." (ארגון ברית=ציון). אידעאָלאָגיש איז זי געשטאַנען צווישן די אלגעמיינע ציונים און צ. ס. אָנגעפירט מיט „אַ. ב. צ." האָבן: יצחק שאַפּיראָ, אריה כהן, אברהם מלמד, שלמה פרענקעל, ראָזנבערג א. א.

אין דער זעלבער צייט זיינען אויך געמאכט געוואָרן פּרוּוון צו באַנייען די העברעאישע צייטשריפט „נ צ ו ץ", וואָס האָט אָנגעהויבן אומלעגאַל צו דערשיינען אין קאָוונע נאָך אין דער סאָוועטישער תקופה. אחוץ די פּאָר נומערן „נצוץ" זיינען אין געטאָ אויך דערשינען עטלעכע נומערן פונעם בלעטל „ש ל ה ב ת" — אַן אויסגאַבע, געווידמעט ווידערשטאַנד=פּראָבלעמען. צו קיין גרעסערן לייענער=קרייז זיינען די דאָזיקע אויסגאַבעס ניט דערגאַנגען.

אין אַפּריל 1942 איז געגרינדעט געוואָרן דער „מ צ ו ק" (מרכז ציוני ווילימפּלה, קובנה), אין וועלכן ס'זיינען געווען אריין, אַחוץ דעם פּאָרזיצער און וויצע=פּאָרזיצער פון עלטעסטן=ראט דר. עלקעס און אדוו. גאַרפונקעל, אויך פּאָרשטייער פון אלג. ציונים א' (דר. ח. נ. שאַפּירא), אלג. ציונים ב' (א. גאָלוב),

רעוויזיאָניסטן (הירש לעווין) און צ. ס. (סרעבניצקי). פאָרזיצער פון „מצוק" איז געווען דר. שאַפּיראָ.

שוין ביז דער גרינדונג פון „מצוק" האָבן די ציוניסטישע עסקנים, וואָס האָבן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין געטאָ־אַפּאַראַט, זיך געמיט צו שיצן זייערע געוו. פּאַרטיי־חברים. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף פאַרשיידענע אופנים, ווי למשל, ביים באַקומען „יאָרדאַן־שיינען", בעסערע אַר־בעטס־פּלעצער א. א. וו.

ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט דער „מצוק" זיך פאַרמאָסטן אויסצואיבן זיין השפּעה אויך אויף דער טעטיקייט פון עלטעסטן־ראַט און זיינע מוסדות. אזוי, אַ שטייגער, פלעגן אַלע וויכטיקסטע באַשלוסן פון עלטעסטן־ראַט ביים אויספירן די פאַראָרדנונגען פון דער מאַכט און ביים באַשטימען און אָפּזאָגן די באַאַמטע פון געטאָ־אַפּאַראַט אַדורכגיין דעם פילטער פון „מצוק".

אין מאַי 1942 איז געגרינדעט געוואָרן „א ש ל" (ארגון שמירה לאילנות). דער ציל פון „אשל" איז געווען אַ דאָפּלטער: היטן די געטאָ־גערטנער און אָר־גאַניזירן די ציוניסטישע יוגנט. בראש פון אָט דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע זיינען געשטאַנען דר. שאַפּיראָ (פון דער ציוניסטישער זייט) און דר. יעפים ראַבינאָ־וויטש. (פון ווירטשאַפטס־אַמט). מצד די אָנפירנדיקע יוגנטלעכע דאַרף מען דערמאָנען: יצחק שאַפּיראָ („אַ. ב. צ.") און לייב איפּ (רעוויזיאָניסטן). די השפּעה האָט געהאַט „א. ב. צ.". „אשל" האָט געציילט אַ דריי־פיר הונדערט יוגנטלעכע אין עלטער פון 8 ביז 14 יאָר.

אַחוץ „א. ב. צ.", וואָס איז געווען די אָנגעזעענסטע ציוניסטישע יוגנט־גרופּירונג, זיינען אויך געווען טעטיק אַנדערע ציוניסטישע יוגנט־שטרעמונגען, ווי „השומר־הצעיר" (אָנפירנדיקע חברים: ראַזוק, וואַסקאָבאָיניק); „ביתר" (איפּ, ניישטאָט, באַרישניק); „החלוץ־הצעיר" — „דרור" (קאַפּטשעווסקי א. א.).

די צאָל מיטגלידער פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס איז געווען, לפי־ערך, ניט קיין צו גרויסע. אַזוי, למשל, האָט די גרעסטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „א. ב. צ." זומער 1943 געציילט אַ 150 אַקטיווע חברים און אַ פּאָר הונדערט אין פעריפעריע. „ביתר" האָט געהאַט בעיקר אַקטיווע חברים. איר פעריפעריע איז געווען קליין.

„א. ב. צ." האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף קולטור־דערציערישער טעטיקייט צווישן אירע מיטגלידער. צו דעם צוועק פלעגן אָרגאַניזירט ווערן סעמינאַרן פאַר יוגנטלעכע (אָנגעפירט פון ראָזנבערג) און פאַר דערוואַקסענע (דר. שאַפּירא). „ביתר", דאַקעגן, פלעגט זיך מער אָפּגעבן מיטן שאַפן סאָציאַלע הילף פאַר די חברים, פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין געטאָ־אַפּאַראַט, בפרט אין דער פּאָליציי. „השומר־הצעיר" און החלוץ־הצעיר" האָבן געהאַט געגרינדעט דעם איינציקן קיבוץ אין געטאָ.

די עלטערע ציונים האָבן זיך גרופּירט ארום פאָלגנדיקע ציוניסטישע שאַ־טירונגען: א) צ. ס. (מעשקוין, סרעבניצקי, אינזש. סאַדאָווסקי, ב. כהן, ש. גאָלד־שטיין, א. כהן); ב) רעוויזיאָניסטן (ה. לעווין, מ. לעווין, בוקאנץ, גאָטשטיין); ג) יידנשטאַטלער (חייטין, שמערקאָוויטש, אינזש. גאָלדבערג); ד) „מזרחי“ (מלמד, שוב); אלג. ציונים א' (דר. שאַפּיראָ, ח. קאַגאַן, דר. לעוויטאַן, אַלעקסאנדראָוויטש); ו) אלג. ציונים ב' (גאָלוב, דר. קאַץ, ב. טקאַטש, קלאָץ). די לעצטע פיר ציוניסטישע שטרעמונגען האָבן געהאט געבילדעט אַ מין איינהייטס־פראָנט א. נ. „קאָאָרדינאַציע“.

די אָנפירנדיקע פערזאָנען פון דער „קאָאָרדינאַציע“ זיינען געווען ח. קאַגאַן, און א. גאָלוב. אונטער דער השפעה פון אלג. ציונים א' און „הפועל־המזרחי“ איז אין זומער 1943 געשאַפן געוואָרן די אָרגאַניזאַציע „ב. צ.“ (ברית־ציון). פאָר־זיצער פון „ב. צ.“ איז געווען דר. שאַפּיראָ. נאָך זיין אומקום האָט דאָס דאָזיקע אַמט פאַרנומען ח. קאַגאַן.

„ב. צ.“ האָט פּרעטענדירט צו ווערן די „פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע“ אויך נאָך דער באַפרייאונג. ביי דער געלעגנהייט איז אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז שוין דאַן האָט אָט די אָרגאַניזאַציע פאָרויסגעזען אין איר פּראָגראַם די פּראָקלאַמירונג פון אַ ייד. מדינה אין ארץ־ישראל (פאַרשטייט זיך, לחלוטין ניט וויסנדיק וועגן אַן ענלעכן באַשלוס אויף דער בילטמאָרער קאָנפערענץ).

הגם „א.ב.צ.“ איז אידעאָלאָגיש געשטאַנען נאָענט צו „ב.צ.“, איז דאָך „א.ב.צ.“ געווען פיל פּראָגרעסיווער. איר פּראָגראַם איז ניט געווען שטרענג סאָציאַליסטיש, אָבער מיט אַ בולטער סאָציאַלער באַפאַרבונג. וועגן אידעאָלאָגישן מהות פון „א. ב. צ.“ האָט א. כהן ארויסגעלאָזן אַ בראָשור. נאָכדעם, ווי אין פעברואר 1943 איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די פּלאַטפאָרם פון „א. ב. צ.“, איז דעם 10־טן און 11־טן אַפּריל 1943 צונויפגערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע מועצה, וואָס האָט אָט די פּלאַטפאָרם באַשטעטיקט.

אין יולי 1943 האָבן „א. ב. צ.“ און „השומר־הצעיר“ געשאַפן דעם „איגוד ארגוני הנוער הציוניים“. „ביתר“ איז צו דעם „איגוד“ ניט צוגעשטאַנען.

נאָך דער שליסונג פון די קינדער־שולן איז געלונגען צו שאַפן ציוניסטישע יוגנט־קרייזלעך ביי דער פאַך־שול, וווּ אויסער פאַרשיידענע מלאכות האָט מען אומאָפיציעל אויך געלערנט אַלגעמיינע לימודים. די יוגנט־גרופּירונגען פלעגן פון ציים־צו־צייט אויך אָרגאַניזירן קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען, צו וועלכע ס'פלעגט קומען אַ היפּשער עולם.

סוף 1942 זיינען געוואָרן געז. אַקטיוו אויך פיל מיטגלידער פון די געוו. סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס, בפרט פון די בירגערלעכע גרופּירונגען.

אַחוץ דער קולטור=געז. טעטיקייט פלעגן די יוגנט=גרופּירונגען זיך אינטערעסירן צו פאַרשאַפן זייערע מיטגלידער בעסערע אַרבעטס=פלעצער אין די שטאָטישע בריגאַדעס, אין די געטאָ=וואַרשטאַטן און אין געטאָ=אַפּאַראַט. אינדערצייט פון רעקרוטירן די אַרבעטס=לאַגערן, פלעגן זיי זיך מיען צו שיצן די אינטערעסן פון די אייגענע חברים.

וואָס ס׳איז שייך דער קאָנספּיראַציע פון דער ציוניסטישער טעטיקייט מוז מען זאָגן, אַז לכתחילה איז מען אין דעם פּרט געווען זייער שטאַרק אָפּגעהיט. ערשט אָנהויבנדיק פון זומער 1942, ווען די לאַגע אין געטאָ איז געוואָרן מער=ווייניקער סטאַביליזירט, האָט די קאָנספּיראַציע אָנגעוואָרן איר פריערדיקן שטרענגן כאַראַקטער.

ווען אין געטאָ=לעבן פלעגט אָנקומען אַן אויפטרייסלונג, ווי אַ שטייגער, אַן אַקציע אָדער אַן אַנדער גזירה, פלעגט די געז. אַרבעט צייטווייליק פּאַראַליזירט ווערן.

אויך אין דער באַוועגונג אוועקצוגיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער האָבן די ציוניסטישע יוגנט=גרופּירונגען, ווי באַוווּסט, פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט.

אַ ציוניסטישע אַרבעט איז געפירט געוואָרן ניט נאָר אין געטאָ=ישוב, נאָר אויך אין די אַרבעטס=לאַגערן. צוליב אָביעקטיווע טעמים פלעגט דאָרטן די אַרבעט געפירט ווערן אין אַ פיל=באַגרענעצטערן מאַסשטאַב, ווי אין געטאָ גופא.

נאָך דער קינדער=אַקציע איז דער „מצוק" פון זיך אַליין געוואָרן אויפגעלייזט, אָבער די יוגנט=גרופּירונגען האָבן זייער אַרבעט ניט אָפּגעשטעלט. ווען נאָך דער ליקווידאַציע פון עלטעסטן=ראַט איז דר. עלקעס באַשטימט געוואָרן אַלס „אָבער=יודע", איז ווידער איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנטאַקט צווישן אים און די ציוניסטישע גרופּירונגען. די דאָזיקע פאַרבינדונג האָט אָנגעהאַלטן ביז צו דער געטאָ=דעפּאָרטאַציע.

היות די ייד. געטאָ=פּאָליציי איז געווען ליקווידירט און די פּערזאָנען, וואָס האָבן געפירט די פאַרשרייבונגען פון די געטאָ=פּאַסירונגען זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויפן 9=טן פאַרט, האָט א. כהן, אין אויפטראַג פון די ציוניסטישע גרופּירונגען, איבערגענומען די דאָזיקע אַרבעט, און ער האָט עס געטאָן במשך די לעצטע חדשים פון געטאָ=קיום.

כמעט אַלע אָנפירנדיקע פּערזאָנען פון די ציוניסטישע יוגנט=גרופּירונגען האָבן בעת דער דעפּאָרטאַציע געהאַט זיך אויסבאַהאַלטן אין די געז. מאַלינעס, און דער גרעסטער טייל פון זיי איז אומגעקומען אין די פלאַמען פון די אויפגעריסענע און פאַרברענטע הייזער בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ *).

*) ס׳רוב אינפאָרמאַציעס פאַר דער דאָזיקער נאָטיץ באַקומען פון ח׳ ש. פרענקעל.

# מוסטערן פון געטאָ־פאָלקלאָר

ווי אין יעדן אַנדער געטאָ־ישוב איז אויך אין קאָוונער געטאָ במשך דעם דריי־יאָריקן קיום אַנטשטאַנען אַ פ אָ ל ק ל אָ ר ־ שאַפונג, ווי פאָלקס־לידער, גלייכווערטלעך, וויצן אד"ג, אין וועלכע ס'איז אָפּגעשפּיגלט די באַציאונג פונעם עמך־ייִד צו די פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער טראַגישער געטאָ־ווירקלעכקייט.

דעם אויבנאָן אינעם דאָזיקן פאָלקלאָר פאַרנעמען די ג ע ט אָ ־ ל י ד ע ר, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון פאָלקס־דיכטער מיט דער כוונה צו „פאַרטרייבן" די ווייטיקסטע דערשיינונגען אין געטאָ־לעבן. פיל פון די דאָזיקע לידער זיינען טאַקע גאַר גיך געוואָרן אַ קנין פונעם גאַנצן געטאָ־קיבוץ.

מיט פּשוטע אָבער האַרציק־רירנדיקע ווערטער האָבן די געטאָ־דיכטער באַקלאָגט די רוצחישע מאָסמיטלען מצד דער אָקופּאַציע־מאַכט לגבי דער הילפלאָזער יידישער באַפעלקערונג, ווי מאַסן־שחיטות, איבערזידלונגען, צוואַנגס־אַרבעט, פיזישע און מאָראַלישע באַליידיקונגען א. א. וו.

שטאַרק פּאָפּולער זיינען געווען אויך די יעניקע געטאָ־שאַפונגען, אין וועלכע ס'זיינען אויף אַ סאַרקאַסטישן אָדער הומאָריסטישן אופן קריטיקירט געוואָרן די „פּאַראַנדקעס" אינעם עפנטלעכן געטאָ־לעבן, ווי ווילקיר, פּראָטעקציאָניזם א. א. שרייאיקע עוולות און אומיושרדיקייטן מצד דער ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע כלפּי דער מערהייט געטאָ־יידן, די אייגנאַרטיקע גען. דיפערענצירונג אין געטאָ־לעבן אדג"ל. מחמת דעם קען מען זייער אָפט פון אַ וועלכן ס'איז פאָלקס־ליד אָדער גלייכווערטל פיל מער אַרויסהאָבן די ליידן און „פריידן" פונעם געטאָ־מענטש, ווי פון באַריכות'דיקע אָפּהאַנדלונגען.

דער ציל פון דער דאָזיקער נאָטיץ איז ניט צו געבן קיין מער־ווייניקער אויספירלעכע אָפּשאַצונג וועגן פאָלקלאָר אין קאָוונער געטאָ, נאָר צו ברענגען אייניקע כאַראַקטעריסטישע מוסטערן פון פאָלקלאָר־שאַפונג, אויף ווי ווייט זיי זיינען מסוגל אין אַ געוויסער מאָס צו דערגאַנצן דאָס מאַטעריאַל, וואָס ווערט געבראַכט אינעם בוך.

# א. פאָלקס־לידער

## ס'איז שוין באַלד א יאָר אַוועק ...



א.

ס'איז שוין באַלד אַ יאָר אַוועק,
אין טעג פון פּיין, אין טעג פון שרעק;
ס'קומט שוין באַלד דער צווייטער אָן
און זאָגט אונדז אויך קיין בעסערס אָן.
מיט שטאַכל־דראָט אַרומגעדרייט,
די לאַטעס פעסט אונדז אָנגענייט;
מ'זאָל דערקענען גלייך אָן דיר:
דו ביסט אַ ייד! דו ביסט אַ ייד!...

געקומען זיינען זיי פון ווייט,
מיט שווערדן שאַרפע ביי דער זייט;
מיט הערצער דורשטיקע נאָך בלוט,
מיט אַ רציחה, מיט אַ ווּט.
געקאָסעט האָבן זיי אונדז באַלד,
געשניטן יונג, געשניטן אַלט;
פון פרוי ביז קינד קיין אונטערשייד:
דו ביסט אַ ייד! דו ווערסט געטויט!...

מחבר — אומבאַקאַנט. געשאַפן אין יאָר 1942 ס'איז איינס פון די פאָלצאָליקע פרימיטי־ווע חורבן־לידער, ווו ס'ווערט באַוויינט דער בלוטיקער גורל־ וועג פונעם געטאָ־ייד אונ־טער דער נאַצישער

ג.

די חיה איז געוואָרן זאַט,
די שווערדן אָנגעשאַרפט און גלאַט;
דער חורבן גרויס, פון וועלט אַ תל —
דער רעשט איז נישטיק, גאָר אַ גרויל.

פון שטאָט, פון מענטש אונדז אָפּגעטיילט,
געפיל פון מענטש אונדז אָפּגעטויט;
פאַרקנעכט, פאַרשקלאַפט, פון אַלץ פאַריאָגט,
דאָס לעבן פאַראומערט און פאַרפּלאָגט!...

ד.

אַ קורצע צייט איז נאָר אַוועק,
מען נעמט שוין מענטשן אָן אַן עק;
מ׳שלעפט ביינאַכט אויף דאָ־און דאָרט,
ס׳איז ניט ווייט דער נייגטער פאָרט.

מען פליקט, מען רייסט אונדז גליד נאָך גליד,
די חיה ווערט נאָך אַלץ ניט מיד;
ווען וועט שוין נעמען דאָ אַן עק?
פון קלערן כאַפּט אונדז אָן אַ שרעק!...

ה.

קיין כוח איז שוין מער ניטאָ,
ס׳איז אונדז שווער אַיעדע שעה;
ס׳וואָלט שוין לאַנג געוועזן צייט,
פון געטאָ ווערן גאָר באַפרייט.

נאָר מוטיק, ברידער, ניט געטראַכט,
ס׳וועט פאַרשווינדן פאַר אונדז די נאַכט;
און שיינען וועט פאַר אונדז די זון
און רופן וועט אונדז: „קום־שוין, קום!“...

טויט־ממשלה. דער אַנאָ־נימער אויטאָר פאַר־ענדיקט זיין איכה־געזאַנג מיט נחמו־נחמו־ווערטער, וואָס רופן צו אויסדויער און האָפענונג אויף בע־סערע צייטן.

# יידישע בריגאַדעס

אַ נייע צייט פאַר אונדז געקומען —
אַ צייט פון יאָמער, נויט און פּיין;
אַוועק פון אונדז די זון און בלומען —
געבליבן נאָר אַן אַרבעטס־שיין.

יידישע בריגאַדעס, אויסגעפּוצט אין לאַטעס,
מאַרשירט טאָג־איין, טאָג־אויס
און האַלט די צרות מוטיק אויס!

איר האָט פאַר אונדז געטאָס געשאַפן —
און אויסגעפירט אַקציאָנען פיל;
געמאַכט פון אונדז קנעכט און שקלאַפן —
און אונדז פאַרניכטן איז אייער ציל.

יידישע בריגאַדעס, אויסגעפּוצט אין לאַטעס...

מיר אַרבעטן פאַר אייך און בויען —
און צאָלן צאָלט איר אונדז מיט קלעפּ;
שטרענג באַוואַכט פון פיינדס קאָנוואָיען —
צו פּראָטעסטירן האָבן מיר קיין רעכט.

יידישע בריגאַדעס, אויסגעפּוצט אין לאַטעס...

מיר בעטן ניט ביי אייך רחמנות —
ניט אייער מיטלייד, איר האַלט קיין וואָרט;
מיר קענען גוט אייערע כונות —
די „שיינע מעשים" פון נייגטן פאָרט.

יידישע בריגאַדעס, אויסגעפּוצט אין לאַטעס...

מיר קלאָגן ניט פאַר אייך און וויינען —
אַפילו, ווען איר שלאָגט און שמייסט;
דערפאַר זאָלט איר אָבער ניט מיינען —
מיט דעם צעברעכן אונדזער גייסט.

יידישע בריגאַדעס, אויסגעפּוצט אין לאַטעס...

מיר וועלן נאָך דערלעבן, ברידער,
אונדזער פרילינג, אונדזער זיג;
דאַן אויסגלייכן וועלן מיר די גלידער —
און זינגען אַ נייעם פרייהייטס־ליד.

יידישע בריגאַדעס, אויסגעפּוצט אין לאַטעס,
מאַרשירט, ס'איז נאָענט די צייט —
דער פרילינג קומט, ער איז ניט ווייט!...

מעלאָדיע פון פּיל־סודסקי־מאַרש: „מיר די ערשטע ברי־גאַדע". טעקסט — אַברהם אַקסעל־ראָד. געשאַפן סוף־יאָר 1941. אויך אין דער דאָזיקער פאָלקלאָר־שאַפונג ווערט געבראַכט צום אויסדרוק דאָס ענוים'פולע ייד. „לעבן" אין געטאָ און ס'ווערט אַרויסגעזאָגט די איבערצייגונג, אַז דער רוצחישער היטלע־ריזם מוז פאַרשווינדן און טאַקע גאָר בקרוב.

# דער אַעראָדראָמשטשיק



איך וויל אייך, חברים, דאָ זינגען אַ ליד,
אַ ליד, וועלכער ווייגט פון מיין האַרצן;
דערציילן אייך אַלעס, ווי אין מיר עס זידט,
דערציילן, דערציילן אינגאַנצן...

עס גרויט דער פרימאָרגן, ס'איז טונקל אין גאַס,
עס ברעכן נאָך די ביינער פון נעכטן;
די קליידער צעריסן, זיי הענגען נאָך נאַס,
צעווייקט פון דעם וועטער דעם שלעכטן.

ווייכינקע הענטעלעך קנעטן דעם ליים,
ריינע נשמות עס ליידן;
גענוג דער גיהנום, מיר ווילן אַהיים,
די צרות, ווי מעסערס זיי שניידן...

קליינינקע יינגעלעך טראָגן דעם זשוויר,
עס גייען שוין אויס אָט די כוחות,
דער מייסטער ער גיט מיטן רוט נאָך אַ שמיר,
דערצו נאָך אַ קללה מיט רוחות.

טעקסט — אַ ב ר ה ם צ י פ ק י ן. געשאַפן אין 1942. וועגן די אַעראָדראָם־אַרבעטער, די „פאַריער" פון קאָוונער געטאָ־ישוב, איז אינעם בוך געלעגנהייטלעך ניט ווייניק גערעדט געוואָרן. אויך ציפקינס

און עסן? — וואָס עסן, ווען עסן מען ניט,
וואַסער מיט קרויט נאָר צום זופּן;
און זוכנדיק שטאַרק ליגט אַ גרויפּ אינדערמיט,
אַרויסגיין פון טאָפּ דאַרף מען רופן...

די הענט שוין צעדאַרט און דער קערפּער שוין מיד,
דאָס לעבן שוין מיאוס געוואָרן;
מען וויל ניט, מען קען שוין מער זינגען קיין ליד—
עס דוכט זיך, אַז אַלץ שוין פאַרלאָרן.

נאָר האַלט זיך, נאָר שטאַרק זיך, דו אייביקער ייד,
פאַרליר ניט דיין האָפענונג און גלויבן;
ניט אייביק איז שלעכט און ניט אייביק איז קנעכט,
ניט אייביק זיינען אויך דיינע ליידן!...

„דער אַעראָדראָמשטשיק“ אילוסטרירט די אומ־מענטשלעכע באַדינגונגען פון דער דאָזיקער עבודת־פּ־ך, ביי וועלכער ס׳האָבן יורך טאָג און דורך נאַכט געאַרבעט טויזנטער יידן.

## ביים געטאָ־טויערל

ביים געטאָ־טויערל
ברענט אַ פייערל
און די שרעק איז גרויס;
ס׳גייען יידעלעך
פון די בריגאַדעלעך
און ס׳גיסט זיך פון זיי שווייס.

צי זאָל איך ווייטער גיין?
צי זאָל איך בלייבן שטיין?
כ׳ווייס ניט, ווען און ווו;
דער קאָמענדאַנטעלע
אין גרינעם מאַנטעלע
נעמט דאָך אַלעם צו.

האַלץ אַ שייטעלע,
געלט פון בייטעלע,
אוי, געוואַלד, ער נעמט:
מילך פון פענדעלע,
שמעק פון קענדעלע,
יידעלעך, מען ברענט!..

חבר מיטן שטרייף*),
כ׳בין אינגאַנצן „טריף“
העלפט מיר די קאָנטראָל;
כ׳גיב אייך צו דעם צוועק

טעקסט — א. אַקסעלראָד. מעלאָדיע — „אויפן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פייערל“. ס׳דאָזיקע לידל שילדערט די קאָנטראָל ביים געטאָ־טויער, ווען יידן קערן

היינט אַ קילאָ שפּעק
און מאָרגן — נאַכאַמאַל.

„שטעלט זיך אוים צו פיר,
דו שטיי לעבן מיר,
לויפט ניט אָן אַ זיים!
גיי צום רעכטן גוי —
„שיטאַס יאַו טוואַרקאַי“ —**)
פאַרדינט אַ לאַבן ברויט...

צוריק פון דער אַר־בעט אין שטאָט.

*) געמיינט אַ יידישן פונקציאָנער ב ײ ם געטאָ־טויער.
**) אין ליטוויש: „דער איז שוין אין אָרדנונג“.

# דער קאָמיטעטשיק



עפּעס מאָדנע ווי איר רעדט —
צו וואָס בין איך אין קאָמיטעט?
ווען איך אין קאָמיטעט ניט בין —
איז ניט אַהער און ניט אַהין...

אָט, למשל, איז אַ ריי;
ביי „פּאַראַמאַ“ שעהן שטיי.
דאָס איז אָבער ניט פאַר מיר;
מיך פירט מען דורך דער הינטער־טיר...

בולבעס גיט מען אָך־און־וויי —
נאָס, צעפוילט און פול מיט שטרוי;
איך בין אָבער קיין דוראַק —
מיר גיט מען פון אַן אַנדער זאַק...

אָדער האָלץ טיילט מען ביים טייך;
נאַס און ווייניק — דאָס פאַר אייך!
פאַר מיר איז גאָר אַן אַנדער זאַך —
פאַר מיר איז טרוקן און אַ סך...

אויפן פלוג פלאַץ מוז מען גיין —
דאָס פאַרשטייט איר דאָך אַליין;

טעקסט — נאָטאַן מארקאָווסקי. געשאַפן אין 1942. די מיט־אַרבעטער פון ייד. אַפּאַראַט האָבן נעגאָסן א ריי פּריווילעגיעס, וואָס האָבן נורם נעווען אַ געזעלשאַפטלעכן אַנטאַגאָניזם צווישן די „קאָמיטעט־טשיקעס“ און דער מערהייט געטאָ־יידן. אַ שטיקל השגה וועגן דעם קען דער לייענער

ווען איז דאָס אָבער גערעדט —
ווען איר זייט ניט אין קאָמיטעט...

אַ בריגאַדע שוין מיט גליק —
איז פאַר זיי די „גרינע בריק"*);
דאָס איז אָבער נאָר פאַר „זיי" —
פאַר מיר איז „אָרדנונגס־פּאָליציי"**)...

זעקס פערזאָנען אין אַ קיך —
כאָטש אין פלימע שלאָפן קריך;
ביי מיר גייט דאָס אָבער ניט אָן —
פאַר מיר איז צימער פראָ פערזאָן...

איצטער וועט איר שוין פאַרשטיין,
וואָס געוועזן איז מיין מיין:
„אַז איך אין קאָמיטעט ניט בין,
איז ניט אַהער און ניט אַהין"...

נאָר דעם אמת זאָג איך אייך:
אין קאָמיטעט איז אויך ניט גלייך;
איינער — וואָס ער וויל דאָס האָט;
דער צווייטער — בלייבט אַ דאָן קיכאָט...

אויך באַקומען פון אָט דעם ליד.

*) אַ זייער־שווערע אַרבעטס־שטעלע ביים רעמאָנטירן די קאָוונער אייזנבאַן־בריק, וווּ ס'האָבן געאַרבעט עמד־יידן.

**) איינע פון די בעסטע שטאָט־בריגאַדעס דאָרטן האָבן געאַרבעט די „אַריסטאָקראַטישע" מענער און פרויען פון געטאָ.

## יעלה'ס...



זאָג מיר, זאָג מיר דו געטאָ־יידל,
ווער שפּילט אין געטאָ דאָס ערשטע פידל?
ווער פון די יעלה'ס מער אָדער ווייניק
וויל דאָ רעגירן פונקט ווי אַ קעניג?...

צימבאַלע, צימבאַלע, שפּיל געטאָ־יידל,
שפּיל מיר פון יידישע יעלה'ס אַ לידל —
פון אַלע „שעפן" און „אינספּעקטאָרן",

טעקסט — א. אַקסעלראָד. געשאַפן אין 1942. אויך אין דאַזיקן פאָלקס־ליד איז אַלס אָביעקט פון דער סאַ־

וואָס זיינען אין געטאָ מענטשן געוואָרן...
ווער פון די יעלה'ס קען אַ קאַרטע געבן
און אַ שיין צום בלייבן לעבן?
און וויפל דאַרף מען דערפאַר באַצאָלן,
כדי אַ בריגאַדע אַ גוטע צו האָבן?...
צימבאַלע, צימבאַלע, שפּיל געטאָ־יידל...
פאַרוואָס עסן יעלה'ס ווייסע געבעקס,
וואַרעמע בייגעלעך, בולקעס און קעקס?
און פאַרברענגען געמיטלעך ביי מוזיק און ביי קאָרטן,
און פייערן „יום־טובים“ ביי די אמתע טאָרטן?...
צימבאַלע, צימבאַלע, שפּיל געטאָ־יידל...
צי האָבן ווען יעלה'ס געאַרבעט אויפן אַעראָדראָם
מיט אַ האַק, מיט אַ לאָפּעטע אָדער מיט אַ לאָם?
אפשר וואָלטן זיי פאַרשטאַנען אונדזערע יעלה'ס,
פאַרוואָס די אָרעמע מאַסע שטעלט אַזעלכע שאלות?...
צימבאַלע, צימבאַלע, שפּיל געטאָ־יידל...
ווער דאַרף די קאָנצערטן, ווען דער טרויער איז גרויס
און ס'פּישטשעט דער הונגער אין דעם אָרעמען הויז?
פאַרזאָרגט זיי בעסער מיט „יושניק“ אַ טעלער
און הערט אויף צו פּראַווען די יעלה'שע בעלער...
צימבאַלע, צימבאַלע, שפּיל געטאָ־יידל...

ציאַל־געזעל. קריטיק דער סאַמע פּריווילעגירטער עלעמענט אין געטאָ — די יעלה'ס.

## ניט אייער מזל...



...דבורה'לע גייט צום דאָקטאָר אריין —
דאָס נעזל פאַרבונדן מיט אַ טיכעלע פיין:

„ליבער הער דאָקטאָר, גיט אורלויב אַ טאָג,
דאָס ווייסינקע היטעלע*) — כאַפּט אים דער קלאָג...
כ'האָב זיך אַ ביסל פאַררוט אויפן גראָז,
קומט ער צולויפן און צעביילט מיר די נאָז..."

„ניט אייער מזל פריי צו זיין,
ווייל שטעפּן, חברה, דאַרף מען גיין;
ניטאָ קיין אורלויב, רעדט זיך ניט איין —
דער פולער איינזאַץ**) מוז מאָרגן זיין".

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

צום זעלבן מישל גייט צו אַ מאַדאַם —
זי וויים נאָך געווים ניט פון פלוגפלאַץ דעם טעם;
די אויגן זיי בלישטשען, די ליפּן — ווי בלוט,
זי רעדט צום אינספּעקטאָר אויף רוסיש מיט מוט:

„ק וואַם יאַ יאַווילאַס סעוואָדניאַ אַפּיאַט,
דייטע מניע אָטפּוּסק נאַ דניעי דוואַדצאַט
פּיאַפּ" ***)

„איר האָט מזל, איר זייט פריי,
איר קריגט אַן אורלויב פונדאַסניי;
מיט אַזעלכע אויגן, ליפּן און ציין
קענט איר אוראי צום פלוגפלאַץ ניט גיין..."

טעקסט און מוזיק — שאול שענקער. פראַגמענט פון אַ ליד וועגן „יושר" פון ייד. באַאַמטן ביים געבן אַן אורלויב פאַר דער אַרבעטנדיקער פרוי און פאַר דער א.ג. געטאָ-מאַדאַם...

*) אַ דייטשער אַעראָ-דראָם-אויפזעער, וואָס פלעגט שלאָגן די יידן.

**) „אַרבעטס-איינ-זאַץ" — געמיינט די געפאָדערטע צאָל יידישע אַרבעטער פאַר די צוואַנגס-אַרבעטן.

***) „צו אייך האָב איך היינט ווידער זיך געמאָלדן, גיט מיר אַן אורלויב אויף 25 טעג".

# הויכער מאַן!



איז אין געטאָ דאָ פאַראַן
איינער גאָר אַ גרויסער מאַן,
וואָס געוואָרן איז ער דאָ אַ טיראַן.

יעדן מאָרגן אינדערפרי
טרייבט ער מענטשן, ווי די פי;
און ער מיינט, אַז אייביק וועט ער בלייבן הי.

שטענדיק ווילד,
שרייט און שילט;
אויף די מענטשן, ווי אַ ווילדע חיה ברילט.

הויכער מאַן, גרויסער מאַן, גיב אַ שמייכל;
מאַך זיך ניט אין געטאָ פאַר קיין העלד.
הויכער מאַן, גרויסער מאַן, האָב דאָך שכל;
וויס, אַז ס'וועט נאָך זיין אמאָל אַ אנדער וועלט.

טעקסט — נ. מאַרקאָווסקי. געשאַפן אין 1942. אין פּרט פון ברוטאַלער באַנעמונג לגבי דעם געטאָ־עולם האָט, ווי באַוווּסט באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט וו. לוריע, דער לייטער פון אַעראָדראָם־אָפּטיי־

איך פאַרשטיי ניט, וואָס ער טראַכט,
וואָס האָט אים דערצו געבראַכט —
וואָס גענומען האָט אליין ער זיך די מאַכט.
שרייט, אַז ערלעך איז נאָר ער;
אויסער אים — ניט קיינער מער.
נאָר מיר ווייסן דאָך, אַז ערלעך זיין איז שווער...

איינער זאָלט,
איינער שמאָלט,
אָבער ברענגען פאַר אים ברענגט מען דאָך פון אַלט...

הויכער מאַן, גרויסער מאַן, גיב אַ שמייכל;
דאָ איז פאַר דיקטאַטאָרן ניט קיין אָרט.
הויכער מאַן, גרויסער מאַן, האָב דאָך שכל;
וויס, אַז ס'איז נאָך ניט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט...

לונג ביים ייד. אַר=
בעטס=אַמט. אין זיין
פאָלקס=ליד (דאָ ווערט
געבראַכט נאָר אַ פראַג=
מענט פון ליד) שיל=
דערט דער מחבר די
„דיקטאַטאָרישע" מאַ=
ניערן פונעם דאָזיקן
בייזן יידישן געטאָ=
מושל.

## יידיש טאַנגאָ



שפּיל=זשע מיר אַ טאַנגאָ אויס אין יידיש,
זאָל עס זיין מתנגדיש אָדער חסידיש —
אַז די באָבעלע אליין

זאָל קענען עס פארשטיין
און טאַקע אַ טענצעלע גיין!

שפיל, שפיל, קלעזמערל, שפיל,
ווי אַ יידיש האַרץ האָט געפיל;
שפיל, איך בעט דיר, מיט נשמה, מיט געפיל.
שפיל מיר אַ טענצעלע, אוי שפיל,

שפיל=זשע מיר אַ טאַנגאָ וועגן פּליטים,
פון דעם פאָלק צעזייטן און צעשפּרייטן,
אַז קינדער גרוים און קליין
זאָלן קענען עס פארשטיין
און טאַקע אַ טענצעלע גיין!

שפיל, שפיל, קלעזמערל, שפיל...

שפיל=זשע מיר א טאַנגאָ, נאָר ניט אַרויש;
זאָל עס זיין ניט אַריש, ניט באַרבאַריש,
אַז די שונאים זאָלן זען,
אַז איך נאָך טאַנצן קען —
און טאַקע אַ טענצעלע מיט ברען!

שפיל, שפיל, קלעזמערל, שפיל...

שפיל=זשע מיר אַ טאַנגאָ וועגן שלום,
זאָל עס זיין אַ שלום ניט קיין חלום,
אַז היטלער מיט זיין רייך
אוי, די כפרה גלייך...
אוי, וועט עס זיין אַ טענצעלע פאר אייך!

שפיל, שפיל, קלעזמערל, שפיל...

טעקסט פון ראובן צרפת. אין דער פאַר=מלחמה׳דיקער יידישער ליטע איז דער אויטאָר געווען אַ באַקאַנטער פען=מענטש, וואָס האָט זיך קונה=שם געווען מיט זיינע געלונגענע פערזן = פעליעטאָנען. „יידיש טאַנגאָ“, וואָס איז פיל מער ווי אַ געוויינלעכע פאָלקלאָר=שאַפונג, איז מחמת דעם טאַקע געווען פאָפולער ווייט איבער די גרענעצן פון קאָוונער געטאָ=ישוב. דער מחבר איז אומגעקומען אין דאַכאַוער אַרבעטס=לאַגערן.

## ב. פֿאָלקס־ווערטלעך, וויצן א״גל.

### <u>י ע ל ה (יאַלע)</u>

די „געשיכטע“ פֿונעם דאָזיקן געטאָ־ווערטל איז אַזאַ: אין האַרבסט 1941 זיינען בײַ די צוואַנגס־אַרבעטן אויפֿן קאָוונער אַעראָדראָם געווען באַשעפֿטיקט טויזנטער ייִדן. די באַציאונג צו די ייִד. אַרבעטנדיקע מצד די מײַסטערס און פּאָסטנס איז געווען אַ ביז־גאָר האַרבע. ווען אַ שומר אָדער מײַסטער פֿלעגט אויף אַ ווײַל אוועקגיין פֿון אַרבעטס־פּלאַץ, פֿלעגן ייִדן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און ניט אַרבעטן. אין אַזאַ פֿאַל פֿלעגט מען אָבער דאַרפֿן שטאַרק זיך היטן, ס׳זאָל אומגעריכט ניט אָנקומען אַן אויפֿזעער, וואָס פֿלעגט פֿאַר אַזאַ „פֿאַרברעכן“ ממיתן מכות־רצח. אין איינעם אַ טאָג איז צווישן די אַרבעטנדיקע אויך געווען קאַרמעליטער רב הרב ב ר ו י ד אָ*). דערזעענדיק בעת אַ מאָמענט פֿון אָפּרו אַן אָנקומענדיקן דײַטשן פּאָסטן, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען: „י ע ל ה  ו י ב ו א“. געמיינט האָט ער דערמיט צו וואָרענען די ייִדן, אַז ס׳קומט אָן אַ דײַטש. פֿון יעמאָלט אָן איז בײַ דער אַרבעט דאָס וואָרט „י ע ל ה“ געוואָרן אַ פּאַראָל, אַז ס׳קומט אָן וועמער־ניט־איז פֿון די אויפֿזעערס. שפּעטער־צו איז „יעלה“ געוואָרן אַ סינאָנים ניט נאָר פֿון אַ ניט־ייִדישן שררה, נאָר אויך פֿון אַ ייִדישן געטאָ־„משינאָוויק“. מיטן ווערטל „יעלות“ פֿלעגן באַצייכנט ווערן די העכערע פֿונקציאָנערן פֿון דער ייִד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

### <u>ו י ט אַ מ י ן „פּ ע“</u>

בײַם שילדערן די טעטיקייט פֿון די ייִד. געטאָ־מוסדות איז צוו. אַנד. געווען אויך באַרירט די מגפֿה פֿון פּראָטעקציאָניזם, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַלע געביטן פֿון עפֿנטלעכן געטאָ־לעבן. כמעט שטענדיק פֿלעגן בלײַבן אָן דערפֿאָלג די באַמיאונגען פֿונעם פּשוטן ייִד, וואָס האָט ניט געהאַט קיין באַקאַנטשאַפֿט אָדער אַ צוטריט צו עמיצן פֿון די אָנפֿירנדיקע ייִד. געטאָ־באַאַמטע און האָט געוואָלט עפּעס דערגרייכן אין אַ געטאָ־אינסטיטוציע. אין געטאָ־לעבן האָט אין דעם פּרט געהערשט דער „פּרינציפּ“: שמור לי ואשמור לך, ד. ה. דו טו מיר אַ טובֿה, וועל איך דיר מיט עפּעס אָפּדינגען. בפֿרט האָט דער פּראָטעקציאָניזם געוועלטיקט אינעם ייִדישן אַרבעטס־אַמט, וואָס פֿלעגט, ווי אַ כּלל, די בעסערע אַרבעטס־פּלעצער פֿאַרטיילן בעיקר פֿאַר די פּערזאָנען, וואָס זיינען צוליב די אָדער יענע סיבות געווען פּראָטעזשירט מצד אַ „יעלה“. אין אַזאַ פֿאַל האָט עס געהייסן, אַז דער

---

*) פֿאַרשלעפּט געוואָרן קיין ריגע בעת דער ערשטער איבערזידלונגס־אַקציע אין פֿעברואַר 1942 און איז אומגעקומען אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

ייִד פארמאָגט אַ וו י ט א מ י ן „פּ ע" (אַ וויטאמין פון פראַטעקציאָניזם). פאַר־קירצט פלעגט מען עס רופן „וויטאַמין". למשל, „ער האָט אַ וויטאַמין פון דעם אָדער יענעם"; „ער איז אַ וויטאמינשטשיק"; „דאַרט איז נאָר אַן אָרט פאַר די, וואָס האָבן אַ וויטאַמין" אד"גל.

## נ י ט א י י ע ר מ ז ל

פלעגט אַן עמך־ייִד דאַרף וועלן זיך דערשלאָגן צו עפּעס אַ בעסערן אַרבעטס־פּלאַץ אָדער צוקומען צו עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען צוטריטלעך נאָר פאַר די „העכערע" שיכטן אין געטאָ, און זיינע באַמיאונגען פלעגן ניט ברענגען קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, פלעגט עס הייסן: „ניט אייער מזל איז עס צו דערגרייכן"; „ס'איז ניט דיין מזל'ע צו דעם צוצוקומען" א. א. וו.

## מ אַ כ ן אַ פּ ע ק ל

איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען אין געטאָ־לעבן איז (אַחוץ פאַר־ניכטונגס־אַקציעס, פארשלעפּונגען א. א. גזירות) געווען די פראגע פון מה נאכל. כדי צו באַזאָרגן פאַר דער משפּחה אַ שטיקל ברויט און עפּעס צום ברויט, פלעגט דער ייִד מוזן ריזיקירן מיט זיין לעבן און אָפטמאָל אויך מיט די לעבנס פון זיינע משפּחה־מיטגלידער, ווייל געשטאַפּאָ פלעגט פאַרן אומלעגאַלן זיך איינשאַפן שפּייז־פּראָדוקטן זייער האַרב באַשטראָפן, אָפטמאָל אויך מיטן טויט. דער דראַנג צום שטילן דעם הונגער פלעגט אָבער קיינעם ניט אָפּהאַלטן זיך צו באַזאָרגן ביי דער אַרבעט מיט אַ ביסל לעבנסמיטל. „מ אַ כ ן אַ פּ ע ק ל" האָט געהייסן איינקויפן ביי קריסטן שפּייז־פּראָדוקטן צו צוטריטלעכע פרייזן און דערנאָך עס אַריינשמוגלען אין געטאָ.

## ק אָ מ פּ ר ע ס

כדי דורכצושמוגלען די אומלעגאַל־איינגעקויפטע שפּייז־פּראָדוקטן בעת דער קאָנטראָל ביים געטאָ־טויער, פלעגט מען מוזן אויף פארשיידענע אופנים מאַס־קירן די לעבנסמיטל. איינער פון די פּילצאָליקע מינים מאַסקירונגען איז געווען דאָס „מ אַ כ ן אַ ק אָ מ פּ ר ע ס", ד. ה. אַרומבינדן דאָס ביסל מעל, דאָס שטיקל פלייש, פּוטער א. א. וו. אויפן לייב אַרום זיך, ווי אַ קאָמפּרעס. בעיקר פלעגן עס טאָן פרויען. ניט אַלעמאָל פלעגן די קאָנטראָליאָרן באַווייזן אַזוי גרינגלעך אַדורכצונישטערן יעדן ייִד. אויף אַזאַ אופן פלעגט מיט אַ קאָמפּרעס ס'רוב גע־לינגען אָפּצונאַרן די טויער־באַאַמטע.

## אָפּבּרענען

פלעגן אָבער די טויער־קאָנטראָליאָרן יאָ דערטאַפּן בײַם ייִדן זײַן ביסל שפּײַז, פלעגן זיי עס קאָנפיסקירן און אָפטמאָל חוצדעם נאָך באַשטראָפן מיט קלעפּ אָדער שמיץ. אין פאַל פון אַ קאָנפיסקאַציע האָט עס געהייסן, אַז מ'האָט בײַם טויער אָפּגעבּרענט. בעת אַ זייער־שטרענגער קאָנטראָל פלעגן די ייִדן בײַם טויער אײנע די אַנדערע זיך וואָרענען מיטן פאַראָל: „מען בּרענט!"

## אָרגאַניזירן

האָט געהייסן פּשוט צו לקחנען עפּעס־וואָס פון דעם, בײַ וואָס מ'אַרבעט, ווי למשל, תּבֿואה, גרינס, פאַבּריק־אויסאַרבעטונגען אד"גל. ניט ווייניק געטאָ־ייִדן האָבן פאַר אַן אומגעלונגענעם פּרוּוו עפּעס צו „אָ ר ג אַ נ י ז י ר ן" באַצאָלט מיט זייערע לעבנס, ווען זיי זײַנען פאַר אַזעלכע חטאים איבערגעגעבן געוואָרן געשטאַפּאָ. בּכלל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינ־גונגען אין געטאָ און בפרט אין קאַצעט האָבן בײַם מענטשן לויז־געמאַכט אַלע מאָראַלישע העמונגען און מ'פלעגט מיט אַ לײַכטן האַרצן זיך דערלויבן צו מאַכן פאַרשיידענע „היתּר'ס"...

## מאַלינע

דאָס דאָזיקע ווערטל האָט געהאַט מערערע באַדײַטונגען: א) אַ בּונקער אָדער אַזוי אַ באַהעלטעניש, אַוווּ זיך אויסצובאַהאַלטן עד יעבור זעם בעת אַן אַקציע אָדער אַנדערע געטאָ־פּורעניות; ב) אַ גוטע אַרבעטס־שטעלע, וווּ די אַרבעטס־באַדינגונגען זײַנען געווען גינסטיקע און ג) אַן אָרט, וווּ מ'קען זיך אײַנשאַפן לעבנסמיטל צו ניט־טײַערע פּרײַזן. אין אַזאַ פאַל פלעגט מען טאַקע זאָגן: „כ'האָב געכאַפּט די אמת'ע מאַלינע"; „דאָס איז שוין אײַנמאָל אַ מאַלינע" אד"גל.

## יושניק

אַ געקעכטס אָן פלייש אָדער פעטס. אַ זופּ, וואָס איז באַשטאַנען פון וואַסער מיט אַ ביסל קרויט־בלעטער און עטלעכע קאַרטאָפל. אַזאַ „זופּ" פלעגן ייִדן באַ־קומען צו מיטאָג אויפן אַרעאָדראָם א. א. אַרבעטס־פּלעצער ווי אויך אין קיך פון סאָציאַל־אַמט. דאָס עצם־וואָרט „יושניק" באַדײַט אַן אכילה, וואָס מ'ניט פאַר חזירים.

## מלאך

אַ מאַטעריעל־פארמעגלעכער ייד אָדער איינער אַזאַ, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן ארבעטס־פּלאַץ און ער פלעגט מוזן גיין אַ טאָג־צוויי ארבעטן אויפן ערעאָדראָם אָדער אין אַן אנדער שווערער ארבעטס־שטעלע, פלעגט דינגען אַ ניט־אַר־בעטספליכטיקן יונגטלעכן אָדער עלטערן מענטשן, ער זאָל פאר אים אָפּקומען זיין ארבעטס־פליכט. אַזאַ פאַרבייטער האָט געהייסן „מלאך".

## שטעפּן, טירחה'נען

האָט געהייסן ארבעטן, טראָגן דעם שווערן עול פון צוואַנגס־ארבעט, פון עבודת־פרך אויפן ערעאָדראָם אָדער אין אַ שווערער שטאָטישער בריגאַדע.

## וואָס פאַרא פאַרפלעגונג, אַזאַ באַוועגונג

די נאַציס האָבן, ווי באַקאַנט, פאר די יידן געהאַט באַשטימט אַ הונגער־פאַרפלעגונג און גלייכצייטיק פארלאַנגט פון די יידן, זיי זאָלן טאָן די שווערסטע צוואַנגס־ארבעטן. ווען אַ דייטשער מייסטער אָדער פאָסטן פלעגט נעמען אנטרייבן די יידן, זיי זאָלן טיכטיקער ארבעטן און פלעגט דערביי נאָך שרייען: „בעוועגונג!", פלעגן די יידן מורמלען מער צו זיך, ווי צום דייטשן: „וואָס פאַרא פאַר־פלעגונג, אַזאַ באַוועגונג"...

## יעדער יעלה האָט זיין כלה

ס'איז שוין געלעגנהייטלעך באַטאָנט געוואָרן, אַז געוויסע העכערע פונק־ציאָנערן פון ייד. געטאָ־אַפּאַראַט פלעגן פון צייט־צו־צייט זיך דערלויבן צו מאַכן „בעלער" א. א. פאַרוויילונגען פאר „אייגענע מענטשן". אויסערדעם פלעגן די דאָזיקע עלעמענטן שטארק עובר־זיין אויפן לא תחמד און אויך אויף אנדערע לאו'ן... פיל פון זיי האָבן געהאַט „געליבטע", וועלכע פלעגן אויסאיבן אַ שטאַרקע השפעה אויף זייערע „פאַרערער". די דאָזיקע „בעלער אינדערצייט פון אַ מגפה" א. א. הפקרות־אויסברוכן זיינען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער געטאָ־עולם האָט אויף דעם רעאַגירט אויף זיין שטייגער מיט אַ גלייכוואָרטל אָדער מיט אַ פאָלקס־לידל:

יעדער יעלה  
האָט זיין כלה,  
און פאָליציי — — —  
האָט צו צוויי...

## דאָס ברוינע הויז

די געביידע פון וואַרניו 49, ווו ס'האָט זיך געפונען דער עלטעסטן־ראַט, דאָס יידישע ארבעטס־אַמט א. א. וויכטיקע געטאָ־אינסטיטוציעס, איז צופעליק געווען אָפּגעפאַרבן אויף ברוין. סאַרקאַסטיש חוזק'נדיק פון דער ייד. געטאָ־„מלכות", פלעגן יידן די קוואַרטיר פון עלטעסטן־ראַט אָנרופן „דאָס ברוינע הויז" — אַ רמז אויף היטלערס ברוינעם הויז...

## יידן זיינען פאַרט מענטשן

אין געטאָ פלעגן זייער אָפט קומען פאַרשיידענע דייטשע קאָמיסיעס און אינספּעקציעס, וואָס פלעגן אָפּהאַלטן באַראַטונגען וועגן גורל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יידן פלעגן דאַן ממש שלינגען יעדן מינדסטן קלאַנג וועגן די באַשלוסן פון דער קאָמיסיע. פרילינג 1944, ווען דאָס געטאָ איז שוין געווען ערב דער ליקווידאַציע, איז אין געטאָ געווען געקומען אַ קאָמיסיע פון הויכע נאַציס. אויף דער פראַגע, וואָס האָט די קאָמיסיע באַשלאָסן וועגן געטאָ, איז געווען אין אומגאַנג צווישן יידן פאָלגנדיקע תשובה: די קאָמיסיע האָט איינגעפונען, אַז די יידן זיינען פ אַ ר ט־מענטשן, ד. ה. מענטשן, וועלכע דאַרפן אומגעבראַכט ווערן אויפן פאָרט... (אין קעגנזאַץ צו דער מעגלעכער אויסטייטשונג אין דעם זין, אַז אויך די יידן זיינען פאָרט [דאָך] מענטשן).

## דער טייטש פון דבר־אחר

איין געטאָ־ייד פרעגט ביים צווייטן: „זאָג מיר, וואָס איז דער טייטש פון וואָרט „דבר־אחר"? ענטפערט אים דער צווייטער ייד: „דאָס וואָרט „דבר־אחר" האָט, אייגנטלעך, מערערע טייטשן, נאָר דער בעסטער ט יי ט ש איז אַ ח ז י ר...

## די גאולה אויף דער נאָז, דער חלף אויפן האַלדז

אין יולי 1944, ווען צוליב דער דערנענטערונג פון דער פראָנט־ליניע איז געוואָרן אקטועל די דעפּאָרטאַציע און ליקווידאַציע פון געטאָ, האָבן יידן די יעמאָלטיקע סיטואַציע כאַראַקטעריזירט מיטן שאַרפזיניקן גלייכווערטל: „די גאולה ליגט אויף דער נאָז, און דער חלף ליגט אויפן האַלדז" ד. ה. פון איין זייט, איז גאָר־נאָענט די באַפרייאונג און, פון דער אנדער זייט, באַשטייט די סכנה, אַז די נאַציס וועלן אומברענגען דעם רעשט לעבנגעבליבענע יידן.

# זוכצעטל פון פערזאָנען


**א.**

אַבראַמאָוויטש, אַדוו. יעקב, 311, 390
אַבראַמאָוויטש, דר., 370
אַבראַמאָוויטש, 392
אָגוז, 323
אולמאַן, 356
אַוער, ס. ס.=שאַרפירער, 346
אָזשינסקי, אינזש., 392
איגדאַלסקי, ד., 370
אידעלסאָן, 332
אינגעל, 370
אינדורסקי, 349
איסערלים, 251
איסערלים, 342
אייזנשטאַט, דר., 370
איילבערג, 332
איפּ, דר., 370
איפּ, לייב, 398
איציקאָוויטש, דוד, 385
אירענאַ, 146
אַלאָיז, מאָנאַך, 170
אַלטמאַן, 332
אָלייסקי, אַגר. יעקב, 334
אָליצקי, צאָן=ד׳רין, 370
אַלעקסאַנדראָוויטש, 342, 399
אָסאָווסקי, הרב, 38
אַקאַבאַס, צאָן=דר., 369
אַקסעלראָד אברהם, 404, 406, 408
אַראַנאָווסקי, 252
אַראַנאָווסקי, 311, 342
אַרבעטער, דאָרע, 259
אָרליאנסקי, דר., 369
אַרליוק, 281
אַרנשטאַם, ט., 218, 293, 311, 340, 342
אָרעטשקין, באָרים, 136, 332
אָשרי, הרב, 384

**ב.**

באָביאַלים, פּאָלקאָווניק, 34, 41
באַלאָשער, אַבא, 385
באַלקין, 349
באַרגמאַן, אינזש., 320, 338
באַר=ווישטאַנעצקי, דר., 369
באַר=קופּריץ, 310
באָרוכאָוויטש, אַלטע, 193
באַרישניק, 398
באָרשטיין, ברידער, 309
בוך, אַדוו., 390
בונים, 347
בוקאַנץ, 311
בוקאַנץ, 399
בורשטין, מיכאל, 247, 252, 379
בורשטין, דניאל, 247
בורשטיין, 251
בלאַט, 332
בייקאָוויטש, 357
בירגער, 311
בליאַכער, 358
בלאָך, ש., 352
בליאַסבערג, דר., 369
בלומבערג, דר., 369
בלומענטאל, אינזש. ט., 252, 332
בלומענטאל, 332
בעל=מחשבות, 21
בעלאַצקין, פּראָפ. שמעון, 368, 390
בענצקאָ, לאַגער=פירער, 178, 224, 240
בערמאַן, ר., 143, 191
בערמאַן, דר., 281, 369
בערניקער, פּ., 379
בערנשטיין, אַדוו. ישראל, 298,346, 377
בערנשטיין, פּריץ, 329
בערנשטיין, 356
בערעגאָווסקי, 323
בערקמאַן, 332
בראַונז, דר., 369
בראַז, 332
בראַמסאָן, מ., 193, 252, 311, 348
בראָקאַיטיטע, אָנאַ, מאָנאַכין, 170
ברוידאָ, הרב 414
בריק, ה., 110

**ג.**

גאַדיעל, 394
גאָטשטיין, 399

גאָלאָך, פּר. דר., 369
גאָלדבערג, אַדוו. יעקב, 47, 219, 279, 284, 297, 298, 320
גאָלדבערג, אינזש., 332, 399
גאָלדבערג, דר., 337
גאָלדמאַן, אינזש., 329
גאָלדשטיין, דר., 252, 369
גאָלדשטיין, ש., 374, 399
גאָלדשמידט, אינזש. פּ., 266, 347
גאָלוב, אַדוו. אברהם, 284, 299, 385, 397, 399
גאָץ, פּר., 370
גאַר י., 266, 332
גאַרבער, סאָניע, 266
גאָרדאָן, 332
גאַרפּונקעל, אַדוו. לייב, 47, 219, 252, 279, 284, 296, 297, 397
גוטמאַן, 100
גורוויטש, ל, 357
גורוויטש-עליאַשקעוויטש, דר., 369
גורוויטש, דר., 369
גורוויטש, פּר. דר., 266
גורוויטש, 386
גורוויטש, פּרל., 394
גירשאָוויטש, אַדוו. נ., 332, 364, 374
גירשאָוויטש, אגר., 351
גלאַגאָווסקי, ר., 370
גלאַדשטיין, 309
גלאַזמאַן, יוסף, 114
גלאַט, ש., 374
גליקמאַן, 332
גליקמאַן, צאָן-דר., 369
געמעליצקי, 110, 281, 346
געמפּל, 90
געקע, ס. ס.-אָבערשטורמבאַנפירער, 110, 116, 150, 151, 152, 153, 155, 157, 158, 161, 166, 173, 180, 181, 185, 186, 187, 189, 200, 201, 203, 204, 205, 212, 213, 218, 219, 221, 222, 223, 224, 225, 228, 232, 233, 234, 237, 238, 241, 244, 286, 294, 295, 309, 344, 355, 356
גערבער, דר., 90
גערשטיין, דר., 369
גערשטיין, 384
גראָסמאַן, 311
גריליכעס, 323
גריליכעס, צאָן-דר., 369
גרינבערג, דר., 332, 369
גרינבערג, 334
גרינבערג, יצחק, 99, 192, 206, 311
גרינהויז, דר. שמואל, 252, 320
גרינפעלד, 251

ד.

דאַווידאָוויטש, פּר., 323
דאַווידאָוויטש, 329
דאַווידאָוויטש, 335
דוואָרעצקי, 353
דוקשטולסקי, פּר., 309
דייטש, א., 323
דינער, אַדוו., 266

ה.

האַוער, געאָרג, 111
האַיד, פּערסי, 309
האַלפּערן, דימע, 190
האַפּמעקלער, מישאַ, 309
הירש, 332
הערמאַן, ס. אַ.-הויפּטשטורמפירער, 105, 106, 141, 343, 344

ו.

וואָלסאָנאָק, דר. רודאָלף, 191, 328, 379
וואָלפע, 379
וואָלפערט, 251
וואָלפאָוויטש, 386
וואָלפבערג, 309
וואָלף, דר. גריגאָרי, 47, 281, 298
וואָלף, דר., 332
וואָסקאָבויניק, 398
וואַראַנץ, 347
וואָשטשין, דר., 370
ווידוטשינסקי, דר., 370
ווידעמאַן, געטאָ-רעפערענט, 285
וויינטרויב, 364
וויינער, 308
ווילענסקי, 351
ווינדסבערג, דר., 337
וויניק, 323
וויניק, 332
ווערבאָווסקי, יאַנקל, 171, 342

ז.

זאַכאַרין, דר., 249, 369
זאַלצבערג, דר., 369
זאַק, אַדוו., 311, 332, 390
זאַקס, יעקב, 310
זאַקס, 326
זונדעלעוויטש, 323
זילבערמאַן, 377

זילבערקוויט, אַדוו., 205, 311
זימאַן, ה., 226
זעלצער, 311
זשופּאָוויטש, יודל, 206, 311
זשופּאָוויטש, 342
זשופּאָוויטש, 386

ח.

חייטין, 399

ט.

טאַמשע, ד., 332
טאַנקעל, פּר. דר., 369
טאַרנבוים, פּאָליציי-הויפּטמאַן, 57, 76
טאַרקאָ, י., 342
טוביאַליס, ליטוו. פּרעמיער-מיניסטער, 295
טינט, ז., 370
טעליאַק, ברידער, 358
טעפּער, דוד, 266
טקאַטש, ב., 308, 399
טרעגער, ד., 347, 374

י.

יאַטקונסקי, מרדכי, 37
יאַטקונסקי, צאָן-ד'רין, 38
יאַבעלסאָן, י., 346
יאַבעלסאָן, פּרל. דר., 369
יאַסוואָן, 332
יאַעל ס. 357
יאַצקאַן, 333
יאָרדאַן, געטאָ-רעפּערענט, 46, 56, 59, 61, 62; 76, 78, 84, 94, 95, 96, 107, 121, 285
יוטקאָווסקי, 344
יעגלין, 374
יעגער, ס. אַ.-שטאַנדאַרטנפירער, 279
יעלין, חיים, 145, 190, 225, 226, 227, 228
יעלין, ל., 234, 358
יעלין, אינזש., 266, 332
יעלין, 309
יעלין, פּר., 266
יעשורין, 332
יצחק-אלחנן, הרב הגאון ר', 21, 106

כ.

כאַצקעלס, העלענע, 266
כאַראַשטשעניאַק, 332
כוואָלעס, 311, 342
כהן, אריה, 397, 399, 400
כהן, בערל, 266, 399
כייקין, אַדוו., 377, 379
כספּי-סערעבראָוויטש, 113, 114, 286

ל.

לאַזערסאָן, פּראָפּ., 369
לאַפּידוס, 356
לובעצקי, 332
לונץ, פּר. אַדוו., 390
לוריע, אַדוו. וואָלף, 293, 328, 340
לוריע, 332
לוריע, י., 342
לוריע, 347
לוריע, צאָן-דר., 369
לייבאָוויטש-גאָלדשמידט, צאָן-ד'רין, 370
לייבאָוויטש, ח., 370
לייבזאָן, 332
לייבענזאָן, י., 379
לינט, 309
לינט, 332
ליפּמאַן, 385
ליפּצער, בענאָ, 89, 114, 115, 116, 117, 143, 211, 216, 286, 311, 370
ליפּשיץ, 332
ליפּשיץ, 334
ליפּשיץ, ר., 370
ליפּשיץ-וויינער, 370
ליפּשיץ, 392
לעווין, הירש, 192, 266, 298, 346, 398, 399
לעווין, מאַניע, 196
לעווין, 205
לעווין, משה, 156, 192, 206, 311, 399
לעווין, רפאל, 266, 323
לעווין, פּראָוויזאָר, 350
לעווין, 370
לעווין-אַבראַמאָוויטש, 266
לעווין, 386
לעווין, פּר. דר., 244
לעוויטאַן, 309
לעוויטאַן, דר., 337, 399
לעוונער, 205
לעווענשטיין, 342
לעמכען, 100

מ.

מאַטיס, דר. משה, 369
מאַטיס, דר. (זון) 369

מאַטעמאַטיק, חיים, 117
מאַפּו, אברהם, 21
מאַץ, דר. שמואל, 36
מאַקאָווסקי, אדוו., 332
מאַרגאָלים, פּ., 156, 293, 325, 340
מאַרגאָלים, צאָן־ר׳רין, 370
מאַרקאָווסקי, נ., 156, 338, 407, 411
מאַרקאָווסקי, 326
מודריק, 351
מיאַ, לאַגער־פירער, 176, 177
מזרח, 332
מייזעל, אֶליאַ, 193
מיכלעס, ברידער, 110
מיל, אינזש., 316, 332
מילער, געטאָ־רעפערענט, 133, 285
מילשטיין, 349
מישעלסקי, אינזש., 394
מלמד, אברהם, 386, 397, 399
מעלאַמדאָוויטש, 308
מעלאַמדאָוויטש, 326
מעלאַמדאָוויטש, 344
מענדעלסאָן, 326
מעק, 130, 132, 133
מערים, 344
מעשקויץ, 364, 399

נ.

נאַבריסקי, דר., 370
נאַטקין, 342
נייווידל, 348
נאַבומאָווסקי, דר., 337
נאַפטאַל, 332
נאַקאַן, דר., 369
נחומזאָן, 332
ניסנבוים, 332
נײשטאַט, 398
נעכמאַד, 310
נעמענטשיק, צאַן־ד׳רין, 370

ס.

סאַבאַלעוויטש, פר., 386
סאַדאָווסקי, אינזש., 334, 399
סאַלאָמין, 266
סאַפּאָזשניקאָוו, מנשה, 191
סודאַק־קאַץ, 370
סוקעניק, 320
סווירסקי, 364
סטאָקאָל, 386
סטאַראָוואָלסקי, א., 332
סטופעל, אבראשא, 309
סטראַשון, פרידע, 266
סטרעליץ, א., 370
סלאָווע, ר., 370
סלאָנימסקי, אינזש., 332
סלאָנימסקי, 342
סמעטאָנאַ, אַנטאַנאַס, 19, 24, 46
סניעג, הרב, 47, 279, 298
סניעג, פר., 386
סעגאַל, דר., 369, 374
סעגאַל, פר. דר., 386
סעגאַל, ר., 349
סעגאַלאָווסקי, 347
סעגאַלסאָן, מ., 110
סעגאַלסאָן, פראָוו., 350
סעלעצקי, 350
סעניאָר, לאה, 193
סראַלאָוויטש, 332
סרעבניצקי, פראָוו., 350, 398, 399
סרעבניצקי, 347

ע.

עדלשטיין, 357
עלקעס, דר. אלחנן, 47, 53, 73, 80, 106, 131, 158, 166, 202, 218, 219, 233, 283, 284, 286, 294, 295, 296, 97 , 370, 397, 400
עלקעס, דר. ג., 369
עלשטיין, 299
עפּשטיין, 349
עפּשטיין, ר., 370

פּ.

פּאַדיסאָן, 311
פּאַוקשטיס, גלח, 170
פּאַטרוך, 346
פּאַל, גענעראַל, 279
פּאַלעצקיס, יוסטאַס, 25
פּאַמעראַנץ, 309
פּאַנעמונסקי, 311
פּאַרטנוי, דר., 182
פּילאָווניק, אײדל, 193
פּילאָווניק, טוביה, 193
פּילגראַם, ס. ס.־שאַרפירער, 198, 234, 244
פּיקערט, 332
פּערציקאָוויטש, דר., 369
פּערקול, 342
פּריסמאַן, 326

פֿ.

פֿין, 357
פֿינקעל, 309

פינקעלשטיין, דר. ח., 337
פינקעלשטיין, 392
פליישמאן, שעף פון געטא־וואך, 130, 132
פלינק־יאסעלעוויטש, 370
פליער, 329
פעלדשטיין, דר., 369
פעלמאן, 334
פענצטער, 357
פרידמאן, ב., 110
פרידמאן בנימין, 266
פרידמאן, ברידער, 332
פרידמאן, דר., 337
פרידמאן, 332
פרענקעל, אינזש., 319
פרענקעל, הערמאן, 320
פרענקעל, שלמה, 397,400
פרענקעל, וו., 332
פרענקעל, ש., 334

צ.

צייטעל, דר. 369
צינדלער, 335
ציפין, 332
ציצעס, 332
ציפקין, אברהם, 332, 405
צרפת, פר., 386
צרפת, ראובן, 413

ק.

קאגאן, ח., 110, 281, 379, 399
קאגאן,דר.,369
קאגאן, צאן־דר־ין, 369
קאגאן, אלחנן, 193
קאגאן, 394
קאגאן, 332
קאדושין, פר. 350
קאופמאן, דר., 369
קאווארסקי, 357
קאזיאל, אדוו., 374
קאזלאווסקי, שעף פון געטא־וואך, 64, 131
קאלווארסקי, 308
קאמבער, פר. דר., 369
קאמינסקאס געטא־רעפערענט, 45, 54, 61, 285, 375
קאנטאראוויטש, 353
קאניוכאווסקי, 332
קאפטשעווסקי, 326
קאפטשעווסקי, 398
קאפיט, 386
קאפלאן, פר דר., 369
קאפלאן, 353
קאפעלמאן, 281, 311
קאץ, דר. 369, 399
קאץ, 364
קאריסקי, 309
קארעטשינסקי, 311
קארפוס, 332
קוביליוגאס, גענעראל, 34
קופריץ, 310
קיזעל, 100, 386
קיטעל, יידן־רעפערענט אין געשטאפא, 117, 161, 192, 196, 205, 211, 216, 218, 222, 22, 227, 228
קירקילא, ליטוו. אפיצער, 42
קלאמפוס, 332
קלאץ, 399
קליבאנסקי, דר., 369
קלעבאנאוו, דר., 369
קעליזאן, אגראנאם, 110, 351
פאן־קעפען, געטא־רעפערענט, 124, 285
קראמער, האנס, קאוונער שטאט־קאמיסאר, 45, 68, 70, 94, 149, 309
קראם, 351
קראק, 370
קראקינאווסקי, פינע, 182
קראקינאווסקי, 320
קרעווע־מיצקעוויטשיוס, פראפ., 24

ר.

ראבינאוויטש, דר יעפים, 47, 279, 398
ראבינאוויטש, דר. יצחק, 106, 344
ראבינאוויטש, פר., 344
ראבינאוויטש, ב., 335
ראבינאוויטש, 348
ראגינסקי, אינזש. 281
ראוקא, געשטאפא־באאמטער, 55, 72, 73, 76, 77, 78, 84, 163, 294
ראוזוק, 398
ראזין, דר., 349
ראזין, 394
ראזמארין, 309
ראזענבערג, אלפרעד, רייכס־ליטער, 100
ראזענבערג, 397, 398
ראזענטאל, ש., 384
ראזענבלאט, 386
ראזענבוים, 394
ראזענבלום, פר. דר., 369
ראטניקאס, ליטוו. פאליציי־באאמטער, 135
ראטנער, אינזש. ש., 156, 190, 334

ראַטנער, דוד, 156, 191
ראָכלזאָן, 357
ראָסטאָווסקי, 299
ראַפּאָפּאָרט, 356
רובינסאָן, 311
רוטנבערג, אַדוו., 390
ריכמאַן, דר., 370
רינג, ס.ס.־הויפּט־שטורמפירער, 110
ריין, 333
רײנעס, אינזש., 332
רעבעלסקי, פּראָפ., 266
רעזניק, 358

ש.

שאַבאַשעוויטש, 332
שאָובעט, 374
שאַכאַט, אינזש., 332
שאַכנאָווסקי, אינזש 332
שאַליט, 358
שאַליטאַן, ז. 342
שאַפּירא, הרב, 73, 279, 294, 385
שאַפּירא, דר. חיים־נחמן, 298, 385, 386, 397, 398, 399
שאַפּירא, ר., 370
שאַפּירא, יצחק, 386, 397, 398
שאַפּראַנסקי, 332
שאָר, 309
שוב, 399
שוואַרץ, י., 110
שוואַרץ, ש., 342
שטיץ, יידן־רעפערענט אין געשטאַפּאָ 115, 117, 128, 136
שטיין, 332
שטיין, צאָן־ד'ריין, 370
שטיינבערג, 357
שטרייכמאַן, 281
שיינבערג, אַדוו., 299, 357, 390
שלאַפּאָבערסקי, דר., 344
שמוקלער, הרב, 47, 279, 2?8
שמוקלער, פּר. דר., 310
שמוקלער, 299
שמידט, דר., 350
שמידט, 394
שמערקאָוויטש, 374, 399
שעוויץ, 370
**שענקער, שאול**, 410
שערמאַן, משה, 191, 266
שפּעגעל, 251
שקירפּאַ, פּאָלקאָווניק, 34

# תיקון־טעות

## פון די וויכטיקערע דרוק־פעלערן

| זייט | שורה | געדרוקט: | דאַרף זיין: |
|---|---|---|---|
| 26 | 1 (פון אונטן) | ידוסות | יסודות |
| 38 | 4 (פון אויבן) | גמרָה | גמרא |
| 74 | 16 „ „ | נאָג־יקער | נאָגנדיקער |
| 79 | 18 „ „ | אורדנונגס | אָרדנונגס |
| 86 | 1 (פון אונטן) | מלבשים | מלבושים |
| 122 | 11 (פון אויבן) | אויף | פון |
| 197 | 9 „ „ | אוף | אויף |
| 214 | 23 „ „ | און | אין |
| 230 | 3 „ „ | האָבן | האָט |
| 247 | 5 „ „ | צו דער | ביז צו דער |
| 291 | 5 „ „ | הונדערטעד | צענדליקער |
| 366 | 18 „ „ | אויגוסט | מאַי |

| זייט | שורה | נעדרוקט: | דאַרף זיין: |
|---|---|---|---|
| 5 | 11 (פון אונטן) | אינדווידועלער | אינדיווידועלער |
| 6 | 8 „ „ | מזרח־פרייסישע | פרייסישע |
| 9 | 2 (פון אויבן) | ארץ־שראל | ארץ־ישראל |
| 10 | 3 „ „ | ליטווישע | ליטווישער |
| 413 | שורות 5 און 6 (פון אויבן) זיינען פאַרביטן אונטערן בילד פון די יידיש, פאַרטיזאַנער | ראַבי בן־אליעזר | ראַכי בן־אליעזר |